This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-52 5

סאָוועטיש

1

1977

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"

מאָסקווע

יאנואר

1

1977

אינהאַלט

באַגריסונג צום נײַ־יאָר 3

60 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. אלעקסאַנדער פאַדייעוו. צעקלאַפּט (פראַגמענטן פונעם ראָמאַן). צייכענונגען פון קינסטלער אָ. וועריייסקי 4

אַווראָם גאָנטאַר. אירפּען, יון־יול (לידער) 15

כאַיִם מעלאַמוד. די טעג מיט די נעכט (ראָמאַן). צייכענונגען פון ה. אינגער 20

מענדל ליפשיץ. איך מוז פאַרענדיקן נאָך די פּאָעמע (לידער) 72

פון דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעלדיקער ליטעראַטור. דאַן בען־אַמאָץ. צו אלדי רוכעס 76

אויף די שפּורן פון געשעענעס. א. ליבערמאַן. פונעם ווינטער־פּאַלאַץ ביז בערלין. ש. ווערכאָווסקי. די וויזע מעווע. מ. פעלדמאַן. צווישן אייגענע מענטשן. ס. גײַסינסקי. אין 34 יאָר אַרום 108

כאַיִם גורעוויטש. איבער וועגן לאַנג געגאַרטע (לידער) 115

זיכרוינעס. עליע כאַליף. נאָטיצן פון א ייִדישן אַרטיסט 119

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. ז. ווענדראָף (צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג). יוסעף אָפּאַטאָשו (צום 90־טן געבורטסטאָג) 126

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. דער היסטאָרישער גורל פון מענדעלע־מויכער־ספאָרים 136

אַרן ראַסקין. אייניקע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג פון ייִסראָעל 146

מוישע איטקאָוויטש. נאָכאַמאָל וועגן אָפּשײַ פאַרן לאָשן 154

אונדזערע מיטײלונגען. לייב ווילסקער. א הימן דער כאָכמע 158

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. אָלעג פּירער. דער וועג צו דער טעמע 164

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד”. די לייענער שרײַבן אונדז 165

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. אויף די ראַנדן פון דער ציִעניסטישער קאָנפערענץ אַרום ייִדיש 169

אַרן ווערגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער 172

כראָניק 135, 178, 182, 189

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. זיי זײַנען אַרויס מיט מײַנע־רייד . 179

אונדזער פּאָטאָ־אינפאָרמאַציע 180

פריילעכע שורעס 183

פאַרשיידנס 184

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 186

לאָמיר זינגען נײַע לידער. שענק מיר! ווערטער — כ. ביידער, מוזיק — מ. פּאָליאַנסקי 188

ע. פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . . 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי, נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

1977
1917
№ 208.
Пятница,
27 октября 1917 г.
ИЗВѢСТІЯ
ЦѢНА:
въ Петроградѣ 15 коп.
Центральнаго Исполнительнаго Комитета
и Петроградскаго Совѣта
Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.
Декретъ о мирѣ,
принятый единогласно на засѣданіи Всероссійскаго Съѣзда Совѣтовъ Рабочихъ, Солдатскихъ и Крестьянскихъ Депутатовъ
26 октября 1917 г.
МИР
Peace
PAIX
שאָלעם
FRIEDEN
POKOJ
PAZ
평화
לאָמיר ארבטערהאלטן
דעם רוף
פרנעם אלרועלטלעכן
שאָלעם=ראט!
קעדיי די אנטשפאנונג
זאָל זײַן א שטאנדהאפטיקע, —
אָפשטעלן דעם געיעג
פרן באוראָפעברנגען!
צרזאמען קעמפן
פאר אן אלגעמײנער
ארן פרלער אנטרראָפעברנג!
צרזאמען קעמפן
פאר שנעלער צרנריפרפן
די אלרועלטלעכע
אנטרראָפעברנגס=
קאָנפערענץ!
פרנעם ב״עם
שטאָקהאָלמער ארפרוף
א הארציקן
נײַ־יאָר־ווונטש
די לייענער פון
„סאָוועטיש היימלאנד"

אַלעקסאַנדער פּאַדייעוו

צעקלאַפּט

...אָין אַ פֿײַכטער מיט נאַכט פֿון אָנהייב אויגוסט איז אָנגעקומען אין אָפּטייל אַרײַן אַ רײַטער־שטאַפּעט. געשיקט האָט דעם שטאַפּעט דער אַלטער סוכאָווײַ־קאָווטון — דער שטאַב־שעף פֿון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן. דער אַלטער סוכאָווײַ־קאָווטון האָט געשריבן וועגן אָנפֿאַל פֿון די יאַפּאַנצעס אויף אַנוטשינאַ, ווו ס׳זײַנען קאָנצענטרירט געווען די פּאַרטיזאַנישע הויפּט־קויכעס, וועגן אַ גרויזאַמער שלאַכט אונטער איזוועסטקע, וועגן הונדערטער פֿאַרפּײַניקטע מענטשן, וועגן דעם, אַז ער אַליין באַהאַלט זיך אין אַ יעגערשן ווינטערלאַגער, פֿאַרווונדעט דורך נײַן קוילן, און אַז, זעט אויס, ס׳איז אים שוין ווייניק געבליבן צו לעבן...

דער קלאַנג וועגן דער מאַפּאָלע האָט זיך געטראָגן איבערן טאָל מיט ביי־זווונדערשער שנעלקײַט, און דאָך האָט דער שטאַפּעט דעם קלאַנג איבערגעיאָגט. יעדער אָרדינאַרעץ האָט געפֿילט, אַז דאָס איז דער סאַמע שרעקלעכסטער שטאַפּעט פֿון אַלע, וואָס ס׳איז אויסגעקומען פֿירן זינט די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן. דער אומרו פֿון די מענטשן האָט זיך איבערגעגעבן די פֿערד. די האַריקע פּאַרטיזאַנישע פֿערד האָבן מיט צעשטשירעטע ציין אין קאַריער געריסן זיך פֿון דאָרף צו דאָרף אויף כמורנע, צעווייקטע דאָרפֿישע שטעגלעך, פֿאַנאַנדערשפּריצנדיק שטיקער בלאָטע.

לעווינסאָן האָט באַקומען דעם שטאַפּעט האַלב איינס באַנאַכט, און אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז דער רײַטער־ווזוואָד פֿונעם פֿאַסטעך מעטעליצע, פֿאַרבײַ קרילאָווקע, צעפֿלויגן זיך איבער די געהיימע סיכאָטע־אַלינער שטעגן, פֿאַנאַנדערטראָגנדיק די בעהאָלע־נײַס אין די אָפּטיילן פֿון סוויאַגינער קאַמפּס־צירקל.

פֿיר טעג האָט לעווינסאָן געזאַמלט די צעשפּליטערטע יעדיִעס פֿון די אָפּטיילן, זײַן געדאַנק האָט געאַרבעט אָנגעשטרענגט און נישטערנדיק, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס אײַנגעהערט, דער געדאַנק. ער האָט אָבער, לעווינסאָן, ווי פֿריִער רויִק געשמועסט מיט די מענטשן, שפּאָטיש געזשמורעט די בלאָווע, ניט־היגע אויגן, געדרייצט זיך מיט באַקלאַנאָוון פֿאַר זײַן קוצעניר־מוצעניו „מיט דער פֿאַרדריפּעטער מאַרוסקע”, און אַז טשיזש, וואָס איז דרייסט געוואָרן מאַכמעס שרעק, האָט איינמאָל אַ פֿרעג געגעבן, פֿאַרוואָס טוט ער גאָרניט ניט אויף, האָט אים לעווינסאָן העפֿלעך אַ פּיק געטאָן אין שטערן אַרײַן און געענטפֿערט, אַז „דאָס איז ניט פֿאַר קיין פֿויגל־מויעך קיין אייסעק”. מיט זײַן גאַנץ אויסזען האָט לעווינסאָן ווי געוויזן דעם אוילעם, אַז ער פֿאַרשטייט זייער וויל, פֿונוואַנען נעמט זיך אַלץ און צו וואָס פֿירט עס, אַז ס׳איז דערין ניטאָ קיין שום אומגעוויינלעכס אָדער שרעקלעכס, און אַז ער, לעווינסאָן,

---

פֿראַגמענטן פֿונעם ראָמאַן.

די פראַגמענטן פונעם ראָמאַן „צעקלאַפּט" אין דער איבערזעצונג אַף יידיש דרוקן מיר, ווען די ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט מערקט אָפּ אַלעקסאַנדער פאַדייעווס 70־טן געבורטסטאָג.

האָט שוין לאַנג אַ פּינקטלעכן, פעסטן, זיכערן רעטונג־פּלאַן. אינדערעמעסן האָט ער ניט נאָר ניט געהאַט קיין שום פּלאַן, נאָר ער האָט זיך ביכלאַל געפילט פאַרלוירן, ווי אַ שילער, וועלכן מ'האָט געצוווּנגען לייזן מיטאַמאָל אַ סאַך אויפגאַבן מיט אַ סאַך איקסן. ער האָט געוואַרט אַף נאָך יעדיִעס פון שטאָט, וווּהין ס'איז אַ וואָך פאַרן בעהאָלע־שטאַפעט אוועקגעפאָרן דער פּאַרטיזאַנער קאַנוניקאָוו.

יענער האָט זיך אומגעקערט אַפן פינפטן טאָג נאָכן שטאַפעט, באַוואַקסן מיט שטעכיקע האָר, אַ מידער און אַ הונגעריקער, נאָר פּונקט אַזאַ דריידל און אַזאַ בלאָנדער, ווי ביז דער נעסיִע — אין דער הינזיכט האָט אים קיינמאָל גאָרניט ניט געקאָנט ענדערן.

— אין שטאָט — אַ דורכפאַל, און קרײַזלמאַן זיצט אין טורמע... — האָט אַ זאָג געגעבן קאַנוניקאָוו, אַרויסקריגנדיק דעם בריוו פון אַ ווײַט־פאַרהוילענער קעשענע מיט דער פלינקייַט פון אַ קאָרטן־שוליער און האָט אַ שמייכל געטאָן בלויז מיט די ליפּן: ס'איז אים גאָר ניט פריילעך געווען, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט רעדן אָן אַ שמייכל. — אין וולאַדימיר־אַלעקסאַנדראָווסק און אַף אָלגע — אַ יאַפּאַנישער דעסאַנט... גאַנץ סוטשאַן איז צעקלאַפּט. טאַבאַק — דער איניען!.. פאַרויכער... — און ער האָט אויסגעשטרעקט לעווינסאָנען אַ באַגילדעט סיגאַרעטל, אַזוי אַז מע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין — באַציט זיך דאָס וואָרט „פאַרויכער" צום סיגאַרעטל, צי צו די איניאָנים, וואָס זײַנען אַזוי שלעכט „ווי טאַבאַק".

לעווינסאָן האָט אַפדערגיך אַ קוק געגעבן אַף די אַדרעסן — איין בריוו האָט ער באַהאַלטן אין קעשענע, דעם צווייטן געעפנט: דער בריוו האָט באַשטעטיקט קאַנוניקאָווס ווערטער. צווישן די אָפיציִעלע שורעס, וואָס זײַנען פול געווען מיט געמאַכטער מונטערקייַט, האָט צו בוילעט אַרויסגעטראָטן די ביטערניש פון מאַפּאָלע און אָנמאַכט.

— שלעכט, אַ?.. — האָט מיטפילנדיק אַ פרעג געגעבן קאַנוניקאָוו.

— גאָרניט... ווער האָט דעם בריוו געשריבן — סעדיך?

קאַנוניקאָוו האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ".

— מ'קאָן גלײַך דערקענען: באַ אים איז שטענדיק אײַנגעטיילט לויט פּאַראַגראַפן... — לעווינסאָן האָט אונטערגעשטראָכן מיטן נאָגל דעם „פּאַראַגראַף IV: אָרדנטלעכע אויפגאַבן", האָט אַ שמעק געגעבן דאָס סיגאַרעטל. — מ'עסער טאַבאַק, עמעס? גיב צורויכערן... דו בעבע באָר דאָרט ניט צווישן דער כעוורע... וועגן דעסאַנט און דעסגלײַכן... אַ ציבעק געקויפט מיר?.. — און ניט הערנדיק קאַנוניקאָווס דערקלערונגען, פאַרוואָס ער האָט ניט געקויפט קיין ציבעק, האָט ער זיך ווידער פאַרטיפט אינעם פּאַפּיר.

דער פּאַראַגראַף „אָרדנטלעכע פראַגן" איז באַשטאַנען פון פינף פּונקטן; פון זיי האָבן פיר אויסגעזען באַ לעווינסאָנען נישטיק און אומעגלעך צו אויספילן. („עך, שלעכט איז אָן מאַיסייען", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ערשט איצטער ביז ווייטעק דערפילנדיק קרײַזלמאַנס אַרעסט). אין פינפטן פּונקט איז אַזוי געשטאַנען:

„דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס פאָדערט זיך איצט פון דער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדירונג, — וואָס מע דאַרף זיך עס דערשלאָגן אָן שום טערוצים — איז אײַנהיטן כאָטש קליינע, נאָר שטאַרקע און דיסציפּלינירטע קאַמפּס־איינסן, אַרום וועלכע ס'זאָל דערנאָך"...

— גיב א רוף באקלאנאָוון און דעם „נאַטשכאָז“,— האָט גיך א זאָג געטאָן לעווינסאָן.

ער האָט אַרײַנגערוקט דעם בריוו אין פעלד־זעקל, ניט איבערלייענענדיק, וואָס ווײַט זײַן ווײַטער ארום די קאמפּס־איינסן. ערגעץ פון דער שפּעט אופגעבן האָט זיך אויסגעטיילט איינע —„די סאמע וויכטיקסטע“. לעווינסאָן האָט ארויסגעוואָרפן דאָס פארלאָשענע סיגארעטל און האָט געגומען פויקן איבערן טיש... „אײַנהיטן די קאמפּס־איינסן“... דער דאָזיקער געדאנק האָט זיך בעשום־אויפן ניט געלאָזט אײַנזאַפּן, איז געשטאנען אין מויעך אין געשטאלט פון פיר ווערטער, אָנגעשריבענע מיט א כימישן בלײַפעדער אף ליגירט פּאפּיר — ער האָט מעכאַניש אָנגעטאפּט דעם צווייטן בריוו, האָט א קוק געגעבן אפן קאָנווערט און דערמאָנט זיך, אז ס'איז פונעם ווײַב. „דאָס דערנאָך,— האָט ער א טראכט געטאָן און האָט ווידער באהאלטן דעם בריוו,— אײַנהיטן די קאמפּס־איינסן“...

אז ס'זײַנען געקומען צו גיין דער „נאַטשכאָז“ און באקלאנאָוו, האָט שוין לעווינסאָן געוווּסט, וואָס מע האָט צו טאָן — ער און די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין זײַן רעשוס: זיי וועלן טאָן אלץ, קעדיי אײַנהיטן דעם אָפּטייל אלס א קאמפּס־איינס.

— ס'וועט אונדז אויסקומען אינגיכן פונדאנען אוועקגיין,— האָט געזאָגט לעווינסאָן,— איז בא אונדז אלץ אין אָרדענונג?.. דאָס וואָרט האָט דער „נאַטשכאָז“...

— יאָ, דער „נאַטשכאָז“,— האָט ווי א ווידערקאָל איבערגעכאַזערט באקלאנאָוו און האָט אונטערגעצויגן דעם רימען מיט אזא שטרענגן און אנטשלאָסענעם אויסזען, ווי ער וואָלט פארפריִער געוווּסט, צו וואָס סע גייט דער איניען.

— מיר מאכט ניט אויס, אין מיר וועט קיין מעניִע ניט זײַן, איך בין שטענדיק גרייט... אָבער אָט, ווי וועלן מיר מיט האָבער אויסקומען, ווײַל...— און דער „נאַטשכאָז“ האָט גענומען זייער לאנג דערציילן וועגן פארנעצטן האָבער, וועגן צעריסענע זעק, וועגן קראנקע פערד, וועגן דעם, וואָס „דעם גאנצן האָבער וועלן זיי בעשום־אויפן ניט קאָנען אופהייבן“, האקיצער, וועגן אזעלכע זאכן, וואָס האָבן באוויזן, אז ער איז נאָך צו גאָרניט ניט גרייט און ביכלאל האלט ער דאָס רוקן זיך פונדאנען פאר א שעדלעכן אופטו. ער האָט זיך געסטארעט ניט קוקן אפן קאָמאנדיר, האָט זיך קרענקלעך געקנייטשט, געפּינטלט און געקריאַקעט, ווײַל ער איז פארפריִער זיכער געווען, אז ער וועט דורכפאלן.

לעווינסאָן האָט אים אָנגענומען בא א קנעפּל און געזאָגט:

— מאכסט זיך טיפּשעוואַטע...

— ניין, עמעס, אָסיפּ אבראמאָוויטש, בעסער, אז מיר זאָלן זיך דאָ פארפעסטיקן...

— פארפעסטיקן?.. דאָ?!— לעווינסאָן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערט דעם „נאַטשכאָזס“ טיפּשעס.— און ער האָט דאָך שוין גראָע האָר... מיט וואָס טראכסטו עס?

— איך...

— קיין שום געשפּרעכן!— לעווינסאָן האָט אים א ציִ געגעבן באם קנעפּל,— אין יעדער רעגע זײַן גרייט. קלאָר?.. באקלאנאָוו, דו וועסט אכטונג געבן דערויף...— ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס קנעפּל.— א ביזאַיען!.. נארישקײַטן די זעק דײַנע דאָרטן, נארישקײַטן!— זײַנע אויגן זײַנען קאלט געוואָרן, און אונטער זייער הארטן בליק האָט זיך דער „נאַטשכאָז“ ענדגילטיק איבערצײַגט, אז די זעק — דאָס איז טאַקע אינדערעמעסן נארישקײַטן.

— יאָ, פארשטייט זיך... נו, וואָס זשע, קלאָר... ניט דאָס איז דער איקער...— האָט ער גענומען מורמלען, גרייט איצטער שוין אײַנצוגיין פירן דעם האָבער אפילע אף זײַן אייגענער פּלייצע, אויב דער קאָמאנדיר וועט עס געפינען פאר נייטיק.— וואָס קאָן אונדז שטערן? דארף מען דען לאנג קלײַבן זיך? פּו־ו... כאָטש הײַנט — איינס און צוויי און פארטיק...

— אָט־אָט...— האָט זיך צעלאכט לעווינסאָן.— נו, מיילע, געמאכט, גיי!..— און ער האָט אים לײַכט א שטופּ געטאָן אין פּלייצע.— ס'זאָל אין יעדער רעגע...

„א דורכגעטריבענע סטערווע“— האָט מיט רויגעז און אנציקונג געטראכט דער „נאַטשכאָז“, ארויסגייענדיק פון צימער.

צו פארנאכט־צו האָט לעווינסאָן צונויפגעזאמלט דעם אָפּטייל־ראַט און די וזוואָד־קאָמאנדירן.

צו דעם קאָמאנדירס נײַס האָט מען זיך באצויגן פארשיידן. דובאָוו איז דעם גאנצן אָוונט אָפּגעזעסן שטום־שווײַגנדיק, צופּנדיק די געדיכטע, שווער־אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס. מ'האָט קלאָר געזען, אז ער איז נאָך פארפריִער מאסקים מיט לעווינסאָנען. באזונדערס האָט געטײַנעט קעגן אוועקגאנג דער קאָמאנדיר פון 2־טן וזוואָד קובראַק. דאָס איז געווען דער סאמע אַלטער, סאמע פארדינסטפולער און סאמע ניט־קלוגער קאָמאנדיר אין גאנצן קרײַז. ס'האָט אים קיינער ניט אונטערגעהאלטן. קובראַק האָט געשטאמט פון קרילאָווקע, און יעדערער האָט פארשטאנען, אז דאָס רעדן אין אים די קרילאָווקער פעלדער, ניט די אינטערעסן פון דער זאך.

— אָן עק! סטאָפּ!.. — האָט אים איבערגעשלאָגן דער פאַסטעך מעטעליצע, — צײַט צו פאַרגעסן אין ווײַבס פאַדעלעק, פּעטער קובראַק! — ער האָט ווי שטענדיק אופגעפלאַקערט פון די אייגענע רייד, האָט א זעץ געגעבן מיטן פויסט אין טיש, און זײַן ראַב פּאָנעם איז מיטאַמאָל פאַרשוויצט געוואָרן. — דאָ וועט מען אונדז אַזוי ווי די הינדעלעך — סטאָפּ, און פאַרטיק!.. — און ער האָט גענומען לויפן איבערן צימער, איבערקערנדיק מיט דער בײַטש די טאַבורעטן.

— זײַ נאָר שטילער א ביסל, אַניט וועסטו גיך מיד ווערן, — האָט אים אַן אייצע געגעבן לעווינסאָן, אָבער אין זיך האָט ער אָנגעקוקט פון זײַן בייגעוודיקן און שטײַפן קערפּערס היציקע באַוועגונגען. אָט דער מענטש האָט קיין רעגע ניט געקאָנט רויִק אײַנזיצן, ער איז געווען הוילע פלאַם און באַוועגונג, זײַנע ווילד־כײַישע אויגן האָבן שטענדיק געברענט מיט הייסער גלוסטעניש נאָך עמעצן יאָגן און מיט עמעצן שלאָגן זיך.

מעטעליצע האָט פאָרגעלייגט זײַן אייגענעם פּלאַן פון אָפּטרעטן, — פונעם פּלאַן האָט מען געקאָנט זען, אַז זײַן היציקער קאָפּ האָט קיין מוירע ניט פאַר קיין גרויסע שטרעקעס און ס׳פעלט אים ניט אויס קיין קריגס־סייכל.

— ריכטיק!.. דאָס קעסעלע קאָכט בא אים! — האָט אויסגעשריגן באַקלאַנאָוו, אַנציקט און א ביסל באַליידיקט דורכן צו דרייסטן פּלי פון מעטעליצעס זעלבשטענדיקן געדאַנק. — ווי לאַנג אַז ער האָט פערד געפּאַסעט, און אָט אין א יאָר צוויי אַרום, וועט איר זען, וועט ער מיט אונדז אַלעמען קאָמאַנדעווען...

— מעטעליצע?.. אַר־אַו... דאָס איז דאָך אַן אויצער! — האָט באַשטעטיקט לעווינסאָן. — דו זע נאָר, נעם זיך נאָר ניט איבער.

דאָך, באַנוצנדיק זיך מיט די היציקע דעבאַטן, אין וועלכע יעדער איינער האָט זיך געהאַלטן פאַר קליגער פון די איבעריקע און האָט קיינעם ניט געהערט, האָט לעווינסאָן אונטערגעביטן מעטעליצעס פּלאַן אויף זײַנעם — א פּאַשעטערן און פאָרזיכטיקערן. געטאָן האָט ער עס אָבער אַזוי קונציק און אומבאַמערקט, אַז דעם נײַעם פאָרשלאָג האָט מען געשטימט אַלס מעטעליצעס און אַלע האָבן אים אָנגענומען.

אין דעם ענטפער־בריוו אין שטאָט אַרײַן און סטאַשינסקין האָט לעווינסאָן מודיִע געווען, אַז די טעג פירט ער איבער דעם אָפּטייל אין דאָרף שיבישי, בא דעם אויבערפלוס פון איראָכעדזע, און דעם שפּיטאָל האָט ער געהייסן בלײַבן אויפן אָרט ביז א באַזונדער באַפעל. סטאַשינסקין האָט לעווינסאָן געקאָנט נאָך פון שטאָט, און דאָס איז געווען דער צווייטער אומרויִקער בריוו, וואָס ער האָט אים געשריבן.

ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט טיף באַנאַכט, אין לאָמפּ איז אויסגעגאַן דער קעראָסין. געהערט האָט זיך, ווי סע שורשען הינטערן אויוון די טאַראַקאַנעס און ווי ריאַבעץ כראָפּעט אין דער שכייניש ער שטוב. לעווינסאָן האָט זיך דערמאָנט אין ווײַבס בריוו, האָט דערגאָסן קעראָסין אין לאָמפּ און איבערגעלייענט דעם בריוו. קיין שום נײַס און דערפרייענדיקס. מע נעמט זי ווי פריִער ניט צו אויף קיין שום שטעלע, אויסגעפאַרקויפט איז אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך געווען, ס׳קומט אויס צו לעבן אויפן כעזשבן פונעם „אַרבעטערישן רויטן קרייץ“, בא די קינדער — צינגע און בלוט־אָרעמקײַט. און דורך אַלץ — איין אומענדלעכע זאָרגעניש וועגן אים. לעווינסאָן האָט פאַרטראַכטערהייט א צופּ געטאָן די באָרד און גענומען שרײַבן אַן ענטפער. טכילעס האָט זיך אים ניט געוואָלט צעלאָזן דעם קרײַז געדאַנקען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אָט דער זײַט לעבן זײַנס; נאָר צו ביסלעכווײַז האָט עס אים אַרײַנגעצויגן, ער האָט

אָנגעשריבן צווי בלעטעלעך מיט דריבנעם קסאוו, געווען איז דאָרט א סאך אזעלכע ווער־טער, וואָס קיינער האָט גאָרניט גיט געטראַכט, זיי זאָלן זײַן באקאנט לעווינסאָנען.

דערנאָך האָט ער אויסגעגלײַכט די פארשטאַרטע אייוורים און איז ארויסגעגאַנגען אין הויף אַרײַן. אין שטאַל האָבן זיך פון פוס אָף פוס געדרייט די פערד, שורשענדיק מיטן גראָז. דער שטאַל־היטער איז, פעסט ארומנעמענדיק די ביקס, געשלאָפן. לעווינסאָן האָט א טראַכט געטאָן: „און אויב די וואַך־לײַט שלאָפן אויך אזוי?..״ ער איז געשטאַנען א ביסל און, מיט מי בײַקומענדיק דעם כיישעק אליין אנשלאָפן צו ווערן, האָט ער ארויסגעפירט פון שטאַל א לאָשעק, אָנגעזאָטלט אים. דער שטאַל־היטער האָט זיך ניט אופגעכאַפט. „אָט א הינטישער זון״, — האָט א טראַכט געטאָן לעווינסאָן. ער האָט פאַרזיכטיק אראָפּגענומען בא אים דאָס היטל, באַהאַלטן עס אונטערן היי, ארײַנגעשפרונגען אין זאָטל און אוועקגעפאָרן רעווידירן די וואַך.

האַלטנדיק זיך בא די קוסטן, איז ער צו צום סאָף דאָרף.

— ווער איז דאָרט? — האָט שטרענג א געשריי געטאָן דער וואַך־ארמייער, א קלאַפּ געבנ־דיק מיטן „זאַטוואָר״.

— היימישע...

— לעווינסאָן? וואָס טראָגט עס דיך ארום באנאַכט?

— די רײַטער־וואַך געווען?

— א מינוט פופצן צוריק, איינער איז אוועקגעפאָרן.

— קיין שום נײַס ניטאָ?

— דערווײַל איז רויק... פאַרייכערן האָסטו?..

לעווינסאָן האָט אים אָפּגעשאָטן א ביסל „מאַנדזשורקע״ און איז אריבערגעפאָרן דעם טײַך, ארויס אין פעלד ארײַן.

ס'האָט א קוק געטאָן די בלינדלעכע לעוואָנע, פון פינצטערניש האָבן א שפּאָן געטאָן בלייכע קוסטן, פארזונקענע אין טוי. דער טײַך האָט געקלונגען באַם שנעלשטראָם דײַטלעך, יעדער טראָפּן אין שטיין. פונפאָרנט אָף א בערגל האָבן ניט קלאָר צעטאַנצט זיך פיר פערד־פיגורן. לעווינסאָן האָט פאַרקערעוועט אין די קוסטן ארײַן און האָט זיך פאַרטײַעט. די קוילעס האָבן זיך געלאָזט הערן גאָר נאָענט. לעווינסאָן האָט צווי דערקאָנט: די רײַטער־וואַך.

— אנו, וואַרט נאָר צו, — האָט ער א זאָג געגעבן, ארויספאָרנדיק אָפן וועג. די פערד האָבן א פאַרסקע געגעבן און זיך א שלײַדער געטאָן אין א זײַט ארײַן. איין פערד האָט דער־קאָנט דעם לאָשעק, וואָס אונטער לעווינסאָנען, און האָט זיך שטיל צעהירזשעט.

— אזוי קאָן מען איבערשרעקן, — האָט געזאָגט דער פאָדערשטער, מיט אן אופגערוי־דערט־מונטערן קאָל, — טרר, סטערוווע!..

— ווער איז עס מיט אײַך? — האָט געפרעגט לעווינסאָן, צופאָרנדיק גאָר נאָענט.

— די אָסאָקינער אויסשפּירונג... די יאַפּאַנצעס זײַנען אין מאַריאַנאָווקע...

— אין מאַריאַנאָווקע? — איז אופגערודערט געוואָרן לעווינסאָן, — און ווו איז אָסאָקין מיטן אָפּטייל?

— אין קרילאָווקע, — האָט געזאָגט איינער פון די אויסשפּירער, — מיר זײַנען אָפּגע־טראָטן: א שלאַכט געווען א שרעקלעכע, מיר האָבן ניט געקאָנט אײַנהאַלטן... מע האָט אונדז געשיקט צו אײַך, פארבינדן זיך. מאָרגן גייען מיר צו די קאָרייער כוטאָרן אוועק... — ער האָט זיך שווער אָנגעבויגן אָפן זאָטל, ווי די אכזאָריעסדיקע לאַסט פון זײַנע אייגענע ווער־טער וואָלט אים צוגעקוועטשט. — אַלץ איז צונישט געוואָרן. פערציק מאַן פארלוירן. פאַרן גאַנצן זומער אזא שאָדן ניט געווען.

— איר רירט פרי פון קרילאָווקע? — האָט געפרעגט לעווינסאָן. — פאַרקערעוועט צו־ריק — איך וועל מיט אײַך פאָרן . . . .

. . . .

אין אָפּטייל האָט ער זיך אומגעקערט קימאַט באַטאָג, אַן אויסגעדאַרטער, מיט רויטע אויגן און מיט א שווערן קאָפּ פון שלאָפלאָזיקײַט.

דער שמועס מיט אָסאָקינען האָט ענדגילטיק באשטעטיקט די ריכטיקײַט פון לעווינסאָנס באשלוס — אוועקגיין באַצײַטנס, פאַרווישנדיק די שפּורן. מער פון אַלץ האָט עס ארויסגע־דרונגען פונעם אויסזען פון אָסאָקינס אָפּטייל: ער איז, דער אָפּטייל, פאַנאַנדערגעפאַלן זיך, ווי אַן אַלטע פאַס מיט דורכגעפוילטע קלעפּקעס און זשאַווערדיקע רייפן, אין וועלכער מ'האָט א שטאַרקן זעץ געגעבן. די מענטשן האָבן אופגעהערט פאָלגן דעם קאָמאַנדיר, האָבן זיך פוסט־און־פאַס ארומגעדרייט אין די הויפן, א סאך זײַנען געווען שיקער. באַזונדערס האָט זיך לע־

ווינסאָנען פאַרגעדענקט איינער, א קודלאטער און א מאָגערער, — ער איז געזעסן אפן פלאַץ לעם וועג, אויסגעסטאַרטשעט די אויגן צו דר׳ערד, און אין בלייכן יִ׳עש געשיקט פּאַטראָן נאָך פאטראָן אין בולמעדיקער פרימאָרגן־פינצטערניש.

אומגעקערט זיך אהיים, האָט לעווינסאָן טייקעף אוועקגעשיקט זײַנע בריוו, ניט אויסזאָגנדיק פונדעסטוועגן קיינעם ניט, אז דער אוועקגאנג פון דאָרף איז באשטימט אף דער נאָענטסטער נאכט.

...לעווינסאָן האָט באשלאָסן איבערנעכטיקן אין דער טײַגע, ווײַל ער איז ניט זיכער געווען, אז דער נידער פון כאוניכעדזע איז פרײַ פון סוינע. דאָך האָט ער געהאָפט, אז אויב אפילע ס׳איז אזוי, וועט זיך אים אײַנגעבן אָנטאפּן דעם וועג דורך אן אויסשפּירונג און דורכרײַסן זיך אין טאָל טודאָ־וואקי, וואָס איז רײַך מיט פערד און ברויט.

דעם גאנצן וועג האָט אים געפּײַניקט אומדערטרעגלעכער ווייטעק אין זײַט, וואָס האָט זיך געשטאַרקט מיט יעדער טאָג, — ער האָט שוין געוווסט, אז אָט דעם ווייטעק, וואָס איז א רעזולטאט פון מידקײַט און בלוטאָרעמקײַט, קאָן מען אויסהיילן נאָר דורך וואָכן רו און זאט לעבן. אָבער אזיוווי ער האָט נאָך בעסער דערפון געוווסט, אז ער וועט לאנג־לאנג ניט האָבן קיין רוּיק און זאט לעבן, האָט ער דעם גאנצן וועג צוגעפּאסט זיך צו זײַן נײַעם צושטאנד, פארזיכערנדיק, אז „אָט די נישטיקע קרענק״ איז בא אים אלעמאָל געווען און קאָן אים דעריבער ניט שטערן אויסצופילן דעם איניען, וועלכן ער איז מעכוייעוו אויסצופילן.

— און לויט מײַן מיינונג, דאַרף מען גיין... — האָט, ניט הערנדיק לעווינסאָנען, קוקנדיק אף זײַנע איטשיגעס, דאָס פערטע מאָל איבערגעכאזערט קובראק מיט טעמפּער אקשאָנעס פון א מענטשן, וואָס קאָן גאָרניט ניט וויסן, כוץ איין זאך: אז ס׳ווילט זיך אים עסן.

— נו, אויב דו ביסט אזוי אומגעדולדיק, איז גיי אליין... גיי אליין... לאָז איבער א שטעלפאַרטרעטער און גיי. אומברענגען דעם גאנצן אָפּטייל האָט פאר אונדז קיין רעזאָן ניט... לעווינסאָן האָט גערעדט אזוי, ווי בא קובראקן וואָלט טאקע נאָר אזא רעזאָן געווען.

— גיי, גוטערברודער, שטעל בעסער אוועק די וואך, — האָט ער צוגעגעבן, פארבײַלאָזנדיק פאַרבײַ די אויערן דעם ווזוואָד־קאָמאנדירס נײַע באמערקונג. דערזען, אז יענער קלײַבט זיך אלץ נאָך דערווידערן, האָט ער זיך פלוצלינג אָנגעכמורעט און שטרענג געפרעגט: — וואָס?

קובראק האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען פינטלען מיט די אויגן.

— פונפאָרנט אפן וועג וועסטו לאָזן א רײַטער־וואך, — האָט לעווינסאָן ווײַטער גערעדט מיט פריַ׳ערדיקן קוים־קוים באמערקלעכן כויזעקל אין קאָל, — און פון הינטן, א האלבע ווערסט די ווײַט, וועסטו אוועקשטעלן א פוסגייער־וואך: בעסער פון אלץ לעם קוואל, וואָס מיר זײַנען פארבײַגעפאָרן. פארשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי, — האָט מאַרעשכוירעדיק געזאָגט קובראַק, כידעשנדיק זיך, פאַרוואָס זאָגט ער דאָס, און ניט יענץ, וואָס סע גלוסט זיך אים. „א כאַליערע״ — האָט ער געטראַכט וועגן לעווינסאָנען מיט ניט באַזינטער סינע צו אים און מיט ראַכמאָנעס אף זיך.

באַנאַכט האָט לעווינסאָן פלוצלינג אופגעכאַפּט זיך, ווי ער פלעג זיך אָפּט אופכאַפּן די לעצטע צײַט, ער האָט דערמאָנט זיך אין שמועס מיט קובראַקן, האָט פאַרייכערט און איז אוועק רעווידירן די וואַך.

ער האָט געסטאַרעט זיך ניט טרעטן אף די שינעלן פון די שלאָפנדיקע און איז דורך צווישן די טליִענדיקע שײַטערס. דער עקסטער שײַטער, רעכטס, האָט געברענט העלער פון די איבעריקע, לעם אים איז אף די קני געזעסן א היטער און געוואַרעמט די הענט, אויס־שטרעקנדיק זיי מיט די דלאָניעס צום פײַער. ער האָט, דער היטער, זעט אויס, פארגעסן דער־רין, — דאָס פינצטערע היטל איז אים פאַרקראָכן אפן נאַקן, די אויגן זײַנען געווען פאַרטראַכט, ברייט צעעפנט, און ער האָט געשמייכלט מיט גוטן, קינדערשן שמייכל. „אָט אן אנטיק״, — האָט א טראַכט געטאָן לעווינסאָן, גראַד מיט דעם וואָרט אויסדריקנדיק יענץ ניט־קלאָר געפיל פון שטילער, עטוואָס שוידערלעכער אנציקונג, וואָס האָט אים מיטאמאָל ארומגעכאַפּט, ווען ער האָט דערזען אָט די בלויע, טליִענדיקע שײַטערס, דעם שמייכלענדיקן היטער, ווען ער האָט דערפילט אלץ, וואָס ווארט אף אים נעפלדיק אין דער נאַכט.

און ער האָט זיך געלאָזט גיין נאָך שטילער און אקוראַטער — ניט קעדיי פאַרבלײַבן אומבאמערקט, נאָר קעדיי ניט פאַרטרײַבן דעם היטערס שמייכל. אָבער יענער האָט זיך טאַקע ניט אופגעכאַפּט און האָט אלץ געשמייכלט צום פײַער. דאָס דאָזיקע פײַער און דער טרוקענער כרוסטנדיקער קלאַנג פון גראָז, וואָס ווערט ארויסגעציפּט ערגעץ אין דער טײַגע, האָבן, גע־וויס, דערמאָנט דעם היטער דאָס „נאַכט־פּאַסען״ פון זײַן קינדהײַט: א טויִקע לאָנקע און לע־וואָנע־שײַן, ווײַטן געשריי פון הענער אין דאָרף, שטיל־געבליבענעם פערד־טאַבון, וואָס קלינגט מיט די פּענטעס, פריילעך שײַטער־פלאַם פאַר קינדערשע, פאַרצויבערטע אויגן... יענער שײַטער האָט שוין אָפּגעברענט, און דעריבער האָט ער אויסגעזען דעם היטער העלער און ווארעמער פונעם הײַנטיקן.

ווי נאָר לעווינסאָן איז אוועק פונעם לאַגער, האָט אים ארומגענומען די שמעקנדיקע פינצ־טערניש, די פיס זײַנען געזונקען אין עפּעס שטײַפּס, ס׳האָט געשמעקט מיט שוואָמען און מיט פוילנדיקן בוים. „סאַרא שוידער!״ — האָט ער א טראַכט געטאָן און האָט זיך אומגעקוקט. הינטער אים איז ניט געווען קיין איין באַגילדעטער דורכלויכט, — דער לאַגער איז ווי אײַנ־געזונקען געוואָרן צוזאַמען מיטן שמייכלענדיקן היטער. לעווינסאָן האָט א טיפן זיפץ געטאָן און האָט זיך מיט אומיסטן־פריילעכן שפּאַן געלאָזט גיין מיטן שטעגל אין דער טיף ארײַן.

אינגיכן האָט ער דערהערט שטיל קוואַל־זשומעניש, איז א ביסל געשטאַנען, אײַנהערנדיק זיך צו דער פינצטערניש, האָט א שמייכל געטאָן צו זיך אליין און גענומען שפּאַנען נאָך שנעלער, סטאַרענדיק זיך שטאַרקער שורשען, קעדיי מ׳זאָל דערהערן.

— ווער איז?.. ווער איז דאָרט?.. — האָט זיך הערן געלאָזט פון דער פינצטער א דער־שראָקן קאָל.

לעווינסאָן האָט דערקאָנט מעטשיקן און האָט זיך געלאָזט גיין גלײַך, ניט אָנרופנדיק זיך. אין דער שווערער שטילקײַט האָט א קלונג געטאָן דער „זאַטוואָר״ און, פאַרטשעפּענדיק זיך אין עפּעס, קלאָגעוודיק זיך צעסקריפּעט. ס׳האָט זיך געהערט, ווי ס׳ציטערן נערוועז די הענט, סטאַרענדיק זיך ארויסקריגן א פּאַטראָן.

— מ׳דאַרף אָפּטער באַשמירן, — האָט מיט כויזעק א זאָג געטאָן לעווינסאָן.

— אַך, ס׳איז איר?.. — האָט זיך ארויסגעריסן בא מעטשיקן, ס׳איז אים לײַכטער גע־וואָרן. — ניין, איך באַשמיר... איך ווייס ניט, וואָס האָט דאָרט געטראָפן... — ער האָט פאַרשעמט א קוק געגעבן אפן קאָמאַנדיר און, פאַרגעסנדיק אין אָפענעם „זאַטוואָר״, אראָפּגעלאָזט די ביקס.

מעטשיק איז ארײַן אין דער וואַך אין דער דריטער מישמוירע, צו מיט נאַכט. ס׳איז דורך ניט מער ווי א האַלבע שאָ נאָך דעם, ווי ס׳האָבן אָפּגעשורשעט די טריט פונעם פּאַנאַנדער־טיילער, נאָר מעטשיקן האָט זיך געדאַכט, אז ער שטייט שוין זייער לאַנג. ער איז געווען איין־אליין מיט זײַנע געדאַנקען אין א גרויסער פײַנטלעכער וועלט, וווּ אלץ האָט זיך באַוועגט, אלץ האָט פאַמעלעך געלעבט מיט פרעמדן, וואַכן, ווילדכײַישן לעבן.

אין טאָג ארײַן, איז ער די גאַנצע צײַט געווען פאַרנומען בלויז מיט איין געדאַנק, וואָס איז אומבאַוווּסט פונוואַנען געקומען צו אים — ער האָט זיך שטענדיק אָן אופהער צו דעם געדאַנק אומגעקערט. ער האָט געוווּסט, אז ער וועט קיינעם ניט זאָגן וועגן דעם, ער האָט געוווּסט, אז דער דאָזיקער געדאַנק איז זייער א מיִעסער, ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אז

אצינד וועט ער זיך שוין ניט צעשיידן מיט אים, — ער וועט זיך מיט אלע קריכעס מיִען פאַר־ווירקלעכן אים, ווײַל דאָס איז געווען דאָס לעצטע און דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן.

דער געדאַנק איז געווען אַזאַ: ער דאַרף, אַזוי צי אַנדערש, נאָר וואָס גיכער אוועקגיין פון אַפּטייל.

דאָס פּריִערדיקע לעבן אין שטאָט, וואָס האָט בא אים פריִער אויסגעזען אומעטיק און לאַנגווײַליק, האָט איצט, ווען ער האָט געטראַכט, אַז ער קען זיך אַפּסנײַ אומקערן צו דעם לעבן, אויסגעזען אַזוי גליקלעך און זאָרגלאָז, — אויסגעזען אַלס איין־און־איינציק מעגלעך לעבן.

דערזען לעווינסאָנען, האָט מעטשיק זיך פאַרשעמט ניט אַזוי דערפאַר, וואָס די ביקס איז בא אים געווען ניט אין אָרדענונג, ווי דערפאַר, וואָס מ׳האָט אים געפּאַקט פּלוצלינג בא אַזעל־כע געדאַנקען.

— נו, אַ מיליטער־מאַן! — האָט לעווינסאָן גוטמוטיק אַ זאָג געגעבן. נאָך דעם שמייכ־לענדיקן היטער האָט זיך אים ניט געוואָלט אין קאָס זײַן. — ס׳איז שווידערלעך צו שטיין, איאָ?

— ניין... נישקאָשע, — איז צעמישט געוואָרן מעטשיק, — כ׳בין שוין געוווינט געוואָרן...

— און אָט איך קאָן בעשום־אופן ניט צוגעוווינען זיך, — האָט אַ שמייכל געטאָן לעווינ־סאָן. — וויפל איך גיי און פּאַר עס שוין אַרום — סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט — און ס׳איז אַלץ שווידערלעך... נו, ווי איז דאָ, רויִק?

— רויִק, — האָט געזאָגט מעטשיק, קוקנדיק אָף אים פאַרכידעשט און אַ ביסל פאַרשעמט.

— נו, נישקאָשע, איינגיכן וועט אונדז גרינגער ווערן, — האָט זיך אָנגערופן לעווינסאָן, ווי ענטפערנדיק ניט אָף מעטשיקס ווערטער, נאָר דערויף, וואָס האָט זיך אונטער זיי פאַר־טײַעט. — אָט לאָמיר נאָר קיין טודאָ־וואַקי אַרויסגיין, דאָרטן וועט גרינגער זײַן... רייכערסט? ניין?

— ניין, כ׳רייכער ניט... סײַדן אַמאָל... גלאַט אַזוי... — האָט גיך צוגעגעבן מעטשיק, דער־מאָנענדיק זיך אין וואַריעס קיסעט: ס׳האָט זיך אים עפּעס געדאַכט, אַז לעווינסאָן מוז אומ־באַדינגט וויסן וועגן דעם קיסעט.

— און ס׳איז דיר ניט לאַנגווײַליק אָן רייכערן?.. „ס׳איז געפּאַנפּעט”, ווי ס׳וואָלט געזאָגט קאַנוניקאָוו, — געווען בא אונדז אַזאַ ווילער פּאַרטיזאַן. כ׳ווייס ניט, צי איז ער דורך אין שטאָט אַרײַן.

— און צוליב וואָס איז ער אוועקגעגאַנגען? אהין? — האָט געפרעגט מעטשיק. מאַכמעס עפּעס אַ ניט־דײַטלעכן געדאַנק האָט בא אים דאָס האַרץ געגומען שטאַרקער קלאַפּן.

— כ׳האָב אים געשיקט מיט אַ ראַפּאָרט, און די צײַט איז דאָך זייער אָן אומרויִקע, ער האָט מיט זיך אוועקגעפירט אונדזערע אַלע נײַס...

— איז קאָן מען דאָך נאָך שיקן, — האָט געזאָגט מעטשיק מיט אומנאַטירלעכן קאָל, סטאַ־רענדיק זיך מאַכן דעם אַנשטעל, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין באַזונדערס ניט געווען אין זײַנע ווער־טער. — איר רעכנט ניט נאָך עמעצן שיקן?

— וואָס איז דען? — איז אויפמערקזאַם געוואָרן לעווינסאָן.

— אַזוי זיך... אויב איר רעכנט — קאָן איך אוועקפירן... מיר איז דאָך אַלץ באַקאַנט...

מעטשיקן האָט זיך איצט געדאַכט, אַז ער האָט זיך צוגעזײַלט און לעווינסאָנען איז איצט אַלץ קלאָר.

— ניין, איך רעכן ניט... — האָט פאַרטראַכטערהייט געזאָגט לעווינסאָן. — ווּעמען האָט איר דאָרט? אייגענע?

— ניין, כ׳האָב דאָרט ביכלאַל געאַרבעט... ס׳הייסט, כ׳האָב דאָרט אייגענע, נאָר ניט דערפאַר האָב איך... ניין, איר מעגט זיך אָף מיר פאַרלאָזן: אַז כ׳האָב געאַרבעט אין שטאָט, איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען איבערפירן סעקרעט־פּאַקעטן.

— מיט וועמען האָט איר געאַרבעט?

— געאַרבעט האָב איך מיט די מאַקסימאַליסטן, נאָר דערמלט האָב איך געטראַכט, אַז ס׳איז אַלצייגס...

— וואָס הייסט עס „אַלציינס”?

— מיט וועמען צו אַרבעטן...

— און איצטער?

— און איצטער האָט מען מיך אינגאַנצן פאַרפּלאָנטערט, — האָט שטיל געזאָגט מעטשיק, ניט ווּיסנדיק, וואָס זשע סאַפּקאָלסאָף פאָדערט זיך פון אים.

— אַזוי... — האָט געזאָגט לעווינסאָן, ווי טאַקע אָט דאָס וואָלט זיך געפאָדערט, — ניין, ניין, איך רעכן ניט... איך רעכן ניט שיקן... — האָט ער איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל.

— ניין, איר ווייסט, פאַרוואָס נאָך האָב איך געגומען שמועסן וועגן דעם? — האָט אָנגעג־

הויבן מעטשיק מיט פּלוצלינגדיקער נערוועזער אַנטשלאָסנקייט, און זײַן קאָל האָט ציטערן גענומען, — איר טראַכט נאָר, ניט קיין שלעכטס וועגן מיר און טראַכט ניט ביכלאַל, אַז איך באַהאַלט עפּעס אויס. איך וועל זײַן אינגאַנצן אָפנהערציק מיט אײַך...

„כ'וועל אים טייקעף אַלץ זאָגן", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, פֿילנדיק, אַז ער וועט ווירקלעך טייקעף אַלץ זאָגן, און ניט־וויסנדיק, צי איז עס גוט צי שלעכט.

— כ'האָב גענומען שמועסן וועגן דעם אויך דערפֿאַר, וואָס עס דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין אַ נישטיקער און ניט־נייטיקער פּאַרטיזאַן, און ס'וועט זײַן בעסער, אַז איר וועט מיך אוועק־שיקן... ניין, איר מיינט ניט, אַז כ'האָב מוירע אָדער כ'באַהאַלט עפּעס אויס פֿון אײַך, — איך קאָן דאָך טאַקע אינדערעמעסן גאָרנישט ניט טאָן און פֿאַרשטיי גאָרנישט ניט... איך קאָן דאָך דאָ מיט קיינעם, מיט קיינעם ניט צונויפֿגיין זיך, קיינער שטיצט מיך ניט, בין איך שולדיק דערין? כ'בין צו יעדערן צוגעגאַן מיט אַן אָפֿענער נעשאָמע, נאָר שטענדיק געטראָפֿן גראָב־קייט, כויזעק, כאָטש כ'בין אין די שלאַכטן געווען צוזאַמען מיט אַלעמען און בין שווער פֿאַרווונדעט געווען — איר ווייסט עס דאָך... איך גלייב איצט קיינעם ניט. איך ווייס, ווען איך זאָל שטאַרקער זײַן, וואָלט מען מיך געפֿאָלגט, וואָלט מען פֿאַר מיר מוירע געהאַט, ווײַל יעדערער דאָ רעכנט זיך נאָר דערמיט, יעדער גיט אַכטונג נאָר דערויף, ווי־אַזוי אַרום אָנצו־פֿערן דעם בויך זײַנעם, מע מעג אַפֿילע צוליב דעם באַגאַנווענען דעם כאַווער, — קיינעם גייט אַלדאָס איבעריקס ניט אָן... מיר דאַכט זיך אַפֿילע אַמאָל, אַז ווען זיי זאָלן מאָרגן אַרײַנ־פֿאַקן זיך צו קאָלטשאַקן, וואָלטן זיי פּונקט אַזוי געדינט קאָלטשאַקן און וואָלטן פּונקט אַזוי אַכזאָריעסדיק צערעכנט זיך מיט אַלעמען, — איך קאָן עס ניט טאָן...

מעטשיק האָט געפֿילט, ווי מיט יעדער וואָרט ווערט אין אים צעריסן עפּעס אַ מוטנער פֿאַרהאַנג, די ווערטער פֿליִען מיט אומגעוויינלעכער שנעלקייט אַרויס פֿון דער וואַקסנדיקער לאַך, און דערפֿון ווערט אים אַליין גרינגער. ס'האָט זיך געגלוסט נאָך און נאָך רעדן, און ס'איז אים שוין קיין שום כילעק ניט געווען, ווי וועט זיך דערצו באַציִען לעווינסאָן.

„אָט האָסטו דיר... אַ קאַשע!..." — האָט געטראַכט לעווינסאָן, אַלץ מיט מער נײַגער אײַנ־הערנדיק זיך אין דעם, וואָס האָט געפּלאַטערט אונטער מעטשיקס ווערטער.

— שטיי! — האָט ער ענדלעך אַ זאָג געגעבן, אָנרירנדיק מעטשיקן באַם אָרבל. מעטשיק האָט מיט באַזונדערער קלאָרקייט דערפֿילט אױף זיך זײַנע גרויסע און פֿינצטערע אויגן. — גוּט־טערברודער, האָסט עס אַ היפּש ביסל אָנגערעדט! לאָמיר זיך דערווײַל אָפּשטעלן דערויף. לאָ־מיר נעמען דאָס סאַמע וויכטיקסטע... דו זאָגסט, אַז דאָ גיט יעדערער אַכטונג נאָר אױף איינס: ווי אָנצופֿערן זײַן בויך...

— ניין! — האָט אויסגעשריגן מעטשיק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין זײַנע ווערטער איז געווען ניט דאָס, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש: דאָס, וואָס אים לעבט זיך דאָ שלעכט, דאָס, וואָס אַלע באַליידיקן אים דאָ, דאָס, וואָס ער האַנדלט אַזוי פֿײַן, רעדנדיק וועגן דעם אָפֿנהערציק. — כ'האָב געוואָלט זאָגן...

— ניין, וואָרט שוין צו, אַצינד וועל איך זאָגן, — האָט אים ווייך איבערגעשלאָגן לעווינ־סאָן: — דו האָסט געזאָגט, אַז יעדערער האָט דאָ אין זינען נאָר אָנפֿערן זײַן בויך, און אויב מיר וואָלטן אַרײַן צו קאָלטשאַקן...

— ניין, כ'האָב ניט גערעדט וועגן אײַך פּערזענלעך!.. איך...

— דאָס איז אַלצייניס... ווען זיי וואָלטן אַרײַן צו קאָלטשאַקן, וואָלטן זיי פּונקט אַזוי אַכ־זאָריעסדיק און זינלאָז אויסגעפּילט דעם איניען, וואָס איז נייטיק קאָלטשאַקן? אָבער דאָס איז דאָך לאַכלוטן ניט ריכטיק!.. — און לעווינסאָן האָט גענומען מיט געוויינלעכע ווערטער דער־קלערן, פֿאַרוואָס זעט עס אים אויס ניט ריכטיק.

אָבער וואָס ווײַטער ער האָט גערעדט, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז ער פּאַטערט רייד אומזיסט און אומנישט. לויט די באַמערקונגען, מיט וועלכע מעטשיק האָט אים איבער־געשלאָגן, האָט ער געפֿילט, אַז מ'וואָלט באַדאַרפֿט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, מער גרינט־לעכס און פֿונדאַמענטאַלס, וועגן דעם, צו וואָס ער אַליין איז אַמאָל מיט גרויס מאַטערניש דערגאַנגען און איצט איז עס אַ טייל פֿון זײַן בלוט און פֿלייש געוואָרן. אָבער וועגן דעם איז איצט ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו רעדן, ווײַל יעדע רעגע האָט געפֿאָדערט באַ די מענטשן שוין באַזינטן און אַנטשלאָסענעם טאַט.

— נו, וואָס טוט מען מיט דיר, — האָט ער ענדלעך געזאָגט מיט שטרענגן און גוטן ראַכ־מאָנעס: — אויב אַזוי, האָב צו זיך אַליין טײַנעס. גיין האָסטו ניט וווהין. ס'איז נאַריש. מ'וועט דיך האַרגענען און פֿאַרטיק... גיב בעסער אַ טראַכט, ווי ס'דאַרף צו זײַן, באַזונדערס וועגן דעם, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. סע שאַדט ניט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם...

— בלויז וועגן דעם טאַקע טראַכט איך, — האָט שטיל געזאָגט מעטשיק, און די פֿריִער־

דיקע נערוועזע קראַפט, וואָס האָט אים געצוווּנגען רעדן אַזוי פיל און אַזוי דרייסט, האָט אים מיטאַמאָל פאַרלאָזט.

— דעריקער, האַלט ניט, אַז דײַנע כאַווײרים זײַנען ערגער פון דיר. זיי זײַנען ניט ערגער, ניין... — לעווינסאָן האָט אַרויסגענומען זײַן קיסעט און האָט פּאַמעלעך גענומען צונויפדרייען אַ פּאַפּיראָס.

מעטשיק האָט מיט פּלוצלעכן אומעט נאָכגעשפּירט נאָך אים.

— דעם „זאַטוואָר" פאַרשליס פונדעסטוועגן, — האָט פּלוצלינג אַ זאָג געגעבן לעווינסאָן, און ס'איז קלאָר געווען, אַז די גאַנצע צײַט פונעם שמועס האָט ער געדענקט וועגן צעעפנטן „זאַטוואָר". — שוין צײַט געווינט צו ווערן צו אַזעלכע זאַכן: ס'איז ניט אין דער היים. — ער האָט אַ רײַב געטאָן אַ שוועבעלע, און אויף אַן אויגנבליק זײַנען אַרויסגעטראָטן פון דער פינצטערניש זײַנע לאַנגע וויִעס, דינע נאָזלעכער, בלאָנדע באָרד. — יאָ, וואָס מאַכט דײַן פערדל? פאַרסט נאָך אַלץ דערויף?

— דערויף...

לעווינסאָן האָט אַ טראַכט געטאָן.

— אָט וואָס: מאָרגן וועל איך דיר ניוּוקען געבן, ווייסט? פּיקע איז אויף איר געפאָרן... און זיוטשיכען ווערסטו דעם „נאַטשכאָז" אָפּגעבן. געמאַכט?

— געמאַכט... — האָט טרויעריק געזאָגט מעטשיק.

„אָט אַ פאַרפּלאָנטערטע בריִע", — האָט געטראַכט דערנאָך לעווינסאָן, ווייך און פאַרזיכטיק טרעפנדיק אין פינצטערן גראָז און פוכקענדיק מיטן פּאַפּיראָס. דער דאָזיקער געשפּרעך האָט אים אַ ביסל צערודערט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי שוואַך ס'איז מעטשיק, ווי פויל ער איז און ווילנלאָז, און ווי אומעטיק איז אינדערעמעסן יענץ לאַנד, וואָס האָט אָן אַ שיר אַזעלכע נישטיקע און אָרעמע מענטשן. „באַ אונדז דאָך, אויף אונדזער ערד, — האָט געטראַכט לעווינסאָן, פאַרשאַרפנדיק דעם טראָט און אַלץ אָפטער פוכקענדיק מיטן פּאַפּיראָס, — ווו מיליאָנען מענטשן לעבן פון פאַרצײַטנס לויט אַ פּאַמעלעכער, פוילער זון, לעבן אין שמוץ און אין אָרעמקייט, אַקערן מיט אַ קאַדמוינישער סאָכע, גלייבן אין בייזן און נאַרישן גאָט, אויף אַזאַ ערד טאַקע, בלויז באַ אַזאַ געדאַנק-אָרעמקייט קאָנען אויסוואַקסן אַזעלכע פוילע און ווילנלאָזע מענטשן, אַזאַ נישטיקע פוסטע קוויִיט"...

און לעווינסאָן איז אופגערודערט געווען, ווײַל אַלץ, וועגן וואָס ער האָט איצט געטראַכט, איז געווען דאָס טיפע און וויכטיקע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט טראַכטן, ווײַל איבער באַזיגן אָט די געדאַנק-אָרעמקייט און אָט דעם דאָלעס איז באַשטאַנען דער הויפּט-זין פון זײַן אייגן לעבן, ווײַל ס'וואָלט ניט געווען קיין שום לעווינסאָן, ס'וואָלט געווען עמעץ אַנדערש, ווען ס'זאָל ניט לעבן אין אים קיין ריזיקער אומגעהייערער באַגער, דאָרשט נאָך נײַעם, שיינעם, שטאַרקן און גוטן מענטשן. אָבער וואָס פאַר אַ רייד קאָן זײַן וועגן נײַעם, שיינעם מענטשן, קאָלזמאַן ריזיקע מיליאָנען זײַנען געצוווּנגען צו לעבן מיט אַזאַ פאַרצײַטיקע, ראַכמאָנעסדיק, זינלאָז אָרעם לעבן.

„געשיקט זיך, אַז אויך איך בין אַמאָל געווען אַזעלכער, אָדער אַן ענלעכער?" — האָט געטראַכט לעווינסאָן, אומקערנדיק זיך מיט די געדאַנקען צוריק צו מעטשיקן. און ער האָט זיך געפּרוּווט פאַרשטעלן, ווי האָט ער, לעווינסאָן, אויסגעזען אין פריִער יוגנט. דאָס אָבער האָט זיך ניט געלאָזט גרינג פּאַקן: צו פעסט און טיף האָבן זיך איינגעלייגט אין אים און צו וויכטיק זײַנען פאַר אים געווען די שיכטן פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען יענער לעווינסאָן, וועלכן אַלע האָבן געקאָנט אַלס אַ מענטשן, וואָס גייט שטענדיק אין דער שפּיץ.

ער האָט נאָר איינס געקאָנט דערמאָנען זיך: די אַלטע-אַלטע פאַמיליען-פאָטאָגראַפיע, ווו אַ דאַר ייִדיש ייִנגעלע — אין אַ שוואַרץ רעקעלע, מיט גרויסע נאַיווע אויגן — האָט געקוקט מיט פאַרכידעשטער, ניט-קינדערשער אײַנגעשפּאַרטקייט אַהין, פונוואַנען ס'האָט באַדאַרפט, ווי מ'האָט אים דאָן געזאָגט, אַרויספליִען אַ שיין פייגעלע. ס'איז טאַקע ניט אַרויסגעפלויגן, און ס'געדענקט זיך: ער האָט שיר ניט צעוויינט זיך מאַכמעס אַנטוישונג. אָבער וויפל איז נאָך נייטיק געווען אַזעלכע אַנטוישונגען, אַז ער זאָל זיך ענדגילטיק איבערצײַגן, אַז „אַזוינס איז ניטאָ אויף דער וועלט"!

און אַז ער האָטווירקלעך איבערצײַגט זיך דעריִן, האָט ער פאַרשטאַנען, סאַראַ שאָדן טע ברענגען דעם מענטשן די פאַלשע באַבעמײַסעס וועגן שיינע פייגעלעך, — וועגן פייגעלעך, וואָס דאַרפן פון ערגעץ אַרויספליִען און אויף וועלכע מ'דאַרף אומזיסט וואַרטן דאָס גאַנצע לעבן... ניין, ער האָט זיך שוין מער ניט געניטיקט אין זיי! ער האָט אַנראַכמאָנעסדיק דערשטיקט אין זיך די פּאַסיווע, זיסע בענקעניש נאָך זיי, — אַלץ, וואָס איז בעיִערושע באַקומען

געוואָרן פון די פאַרקלעמטע דוירעס, די דערצויגענע אָף פאַלשע באַבעמײַסעס וועגן שײנע פײגעלעך!.. „זען אַלץ אַזוי ווי ס'איז, קעדײ ענדערן דאָס, וואָס איז דאָ, און אָנפירן דערמיט, וואָס ס'איז דאָ" — אָט צו וועלכער סאַמע פּראָסטער און סאַמע ניט־גרינגער קלוגשאַפט לעווינסאָן איז דערגאַן.

...„נײן, איך בין פאָרט געווען א פעסטער באָכער, איך בין געווען א סאַך קרעפטיקער פון אים, — האָט ער געטראַכט איצט מיט אומדערקלערלעך־פרײדפולן טריומף, וועלכן קײנער וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וועלכן קײנער וואָלט אַפילע ניט כוישעד געווען אין אים, לעווינסאָנען, — איך האָב ניט נאָר א סאַך געוואָלט, נאָר איך האָב אויך א סאַך געקאָנט, אָט ווו דער גאַנצער איקער שטעקט"... ער האָט געשפּאַנט שוין אויסער שטעג, און קאַלטע טויִקע צווײַגן האָבן דערפרישט זײַן פּאָנעם. ער האָט געפילט אַן אָנפלוס פון עפּעס אומגעווײנלעכע קרעפטן, וואָס האָבן אים ווי געהויבן איבער זײַן אײגענעם גוף (עפשער צום נײַעם מענטשן, וועלכן ער האָט באַגערט מיט אַלע קרעפטן פון זײַן נעשאָמע?) — און פון אָט דער ברײטער, ערדישער, מענטשישער הײך האָט ער געוועלטיקט איבער זײַנע שלאַפקײַטן, איבער זײַן שוואַכן קערפּער...

...אַז לעווינסאָן איז ארויס צום לאַגער, זײַנען שוין די שײַטערס פאַרוועלקט געווען, דער היטער האָט שוין מער ניט געשמײכלט, — מ'האָט געהערט, ווי ער פּאָרעט זיך ערגעץ מיטן פערד און זידלט זיך. לעווינסאָן איז דורך צו זײַן שײַטער, — דער שײַטער האָט קוים געטליִעט; לעם אים איז מיט שטאַרקן און רויִקן שלאָף, פאַרוויקלט אין שינעל, געשלאָפן באַקלאַנאָוו. לעווינסאָן האָט אונטערגעוואָרפן טרוקן גראָז און האָט צעבלאָזן דאָס פײַער. מאַכמעס שטאַרקער אָנשטרענגונג האָט זיך בא אים פאַרדרײט דער קאָפּ. באַקלאַנאָוו האָט דערפילט וואַרעמקײַט, האָט גענומען בורטשען און טשמאָקען אין שלאָף, — זײַן פּאָנעם איז אָפן געווען, די ליפּן קינדעריש ארויסגעבלאָזן, דאָס היטל, וואָס דער שלײף האָט עס צוגעקוועטשט, האָט געסטאַרטשעט שטײענדיק, און אינגאַנצן איז ער ענלעך געווען אָף א גרויס, זאַט און גוט הינטל. „זע נאָר", — האָט, אָנקוועלנדיק, א טראַכט געטאָן לעווינסאָן און האָט א שמײכל געטאָן; נאָכן געשפּרעך מיט מעטשיקן איז באַזונדערס אָנגענעם געווען צו קוקן אָף באַקלאַנאָוון.

דערנאָך האָט ער, קרעכצנדיק, אוועקגעלײגט זיך לעם אים און ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די אויגן — האָט עס אים פאַרדרײט, ער האָט זיך צעוויגט, איז ערגעץ־וווהין אוועקגעשווומען, ניט פילנדיק דעם קערפּער, ביז ער איז מיטאַמאָל ניט אײַנגעזונקען אין א שוואַרצן גרוב, וואָס אָן א דנאָ.

ײדיש — עזרע פינינבערג

אירפּען, יוני—יולי

באַם גרויסן טעאַטער

אין טאָג פון ניצחון, באַם גרויסן טעאַטער,
אין שאָטן פוןביימער, אין פלאַטער פון צוויט,
א פרוי איז געזעסן, א ביסל פאַרמאַטערט,
פון ווײַטע דערמאָנונגען גליקלעך און מיד.

פאַרגאַפט און דערשראָקן מײַן בליק איז געפאַלן
אף פאַלדן פון קלייד פון אן איידלען געוואַנט.
מיט שפּילקעלעך — אָרדענס, מיט בראָשקעס — מעדאַלן,
נאָר בלויז מיט איין אַרבל אף איינציקער האַנט.

אף וואָס פאַרא פראָנטן, אף וואָס פאַרא וועגן,
ווען האָט עס געטראָפן, ווען האָט עס פּאַסירט,
איך וועל ניט דערוועגן זיך איצטער צו פרעגן,
ס'האָט אַלץ מיר דערציילט שוין איר שטאַלט, איר געזיכט.

באַם גרויסן טעאַטער, אין מײַ־טאָג אין בונטן,
אין שאָטן פון ביימער עס קומען צו גיין
אָט יענע, וואָס האָבן מיט אייגענע וווּנדן
פאַרצוניקן די זון, ניט געלאָזט זי פאַרגיין.

באַם דענקמאָל פון באַבי־יאַר

אין אײַלעניש, אין מענטשלעכן געווימל,
אין טומל, אין געדראַנג און אין גערויש,
עס טרעפט, ס'פאַרהאַלט דאָס אויג זיך אף א בלימל
באַ דער פאַרקויפערן אין קויש.

און אַלץ פאַרשווינדט, ווי אין א קישעף,
און דו דערזעסט זיך פּלוצעם אינעם פעלד.
א סטעזשקע צווישן קאָרן פירט צום יישעוו,
וואָס איז געווען אמאָל דײַן גאַנצע וועלט.

די געסעלעך די שמאָלע מיט די שטיבער,
וואָס שטייען ענג־געאַרעמט און געהאַלדזט.
א שכײנע הענגט פון פענצטער זיך אַריבער
און בעט אַנטלײַען איר א ביסל זאַלץ.

און דאָרטן אינעם שאָטנדיקן גאָרטן —
פון פענצטערל — א רינגעלע די גרויס, —
איך וועל ניט זאָגן אײַך, וואָס טוט זיך דאָרטן —
פון הינטער פאָרהענגל איך קוק געהיים אַרויס.

אָט גייט זי, ניין, זי שוועבט א גרינגע,
איר קוישעלע איז פול מיט גרינס.
און אין די האָר מיט דורכזיכטיקע פינגער
זי שטעקט אַרײַן א בלימעלע א דינס.

ווו ביסטו איצט, מײַן טרוים מײַן שיינער,
איך ווייס, איך ווייס — אין באַבי־יאַר.
עס שרײַען גוואלד דאָרט דײַנע ביינער,
און איך ווער בלינד און טויב דערפאַר.

איך שטיי באַם דענקמאָל, ווי אַ שטומער,
דער טאָג איז לויכטנדיק און קלאָר.
די גאַנצע וועלט עס איז געקומען
מיט בלימעלעך פאַר דײַנע האָר.

ווײַסע שיפן

געקרויזטע שעפעלעך אין פעלצן ווײַסע
אין טיפן הימל בלאָנדזשען שטום.
איך ליג אין גראָז, און ס'פּלאָנטערט זיך אַ מײַסע —
אַ ווײַסע שיף פון ערגעץ קערט זיך אום.

ס'איז אומרויִק אַזוי צו כאָלעמען און טראַכטן:
זי פירט אוואדע מיר דאָס אויסגעבענקטע גליק,
דאָס גליק, וואָס קיינער קאָן זיך ניט דערוואַרטן, —
די קינדהײַט וועט זי ברענגען מיר צוריק.

פאַר גאָט אַליין וואָלט איך געקאָנט זיך שווערן:
ס'איז די פאַרגאַנגענהײַט געווען בא מיר אין געסט.
מיט אויסגעבענקטע אויגן, פול מיט טרערן,
די מאַמע איז געשטאַנען און געפּרעסט.

אָט זע איך זי אין כמאַרעדיקע הייכן,
זי עפנט אויף פאַר מיר פון שטוב די טיר
און רופט מיך פון דער ווײַט, אין קאָל דעם ווייכן
דעם טאַם פון קינדהײַט איך דערשפּיר.

איך ליג אין גראָז און קוק אין הימל טיפן
און טראַכט — ס'איז ניט קיין כאָלעם, ניין.
מע דאַרף נאָר טרוימען וועגן ווײַסע שיפן,
און קומען וועלן זיי אַליין צו גיין.

געווען — צי ניט געווען

באַם ברעג פון טײַך אירפען,
וואָס דרעמלט טיף אין האַבער, —
ס'איז לאַנג, שוין לאַנג געווען,
נאָר איך געדענק עס אַבער.

צום הויכן אָטשערעט
עס פלעגן קומען בושלען,
זיך אָנשלינגען צו זעט
מיט גרינע פרעש און מושלען.

אין ווײַט, אין טונקלען טאָל,
וואָס איז אין גרינס געשלאָפן,
עס פלעגט אַ מיידלש קאָל
באַנאַכט מיך רופן, רופן.

און איך, איך בין געגאַן,
ווי עפּעס אין אַ קישעף,
אָט נאָך אַ לעצטן שפּאַן,
און קומען כ'וועל אין יישעוו.

ווו ס'זינגט באַנאַכט ביז שפּעט
מײַן טרוים, מײַן פרייד, מײַן זיווג,
צי עפּשער שפּאַסט אַ שעד,
אַ גילגל פון אַ דיבעק.

ווען ס'פלעגט דאָס האַרץ אַמאָל
אַ קלעמעניש פאַרפּרעסן,
דערהערן כ'פלעג דאָס קאָל —
עס איז אין מיר געזעסן.

איצט שטיי איך באַם אירפען
און האַלט מיט זיך אַ יישעוו:
געווען — צי ניט געווען
דער ליבער ווײַטער קישעף?

איצט ווייס איך שוין

עס האָט א שטראַל מיך אופגעוועקט קאַיאָר:
— גענוג געשלאָפן!
א גאָלדן העזעלע, — כ'האָב עס געזעען קלאָר, —
איז פון מײַן אויג אנטלאָפן

און זיך אוועקגעזעצט אין ווינקל אפן דיל,
דערנאָך א שפּרונג געגעבן אפן באַלקן,
פון דאָרטן ערשט פארפירט מיט מיר א שפּיל —
א שפּריץ געטאָן מיט זון און זיך באַהאַלטן.

איך בין אראָפּ פון בעט, צעפראַלט די טיר
און שטיין געבליבן א געשמידטער.
פון טראָפּנס קוועקזילבער א בלענדיקער געפריר
אױף יעדער גרעזל האָט געציטערט.

ניין, ניין, איך וועל קיין שפּאַן ניט טאָן אהין —
די גראָזן קוקן דאָרט דעם הימל אין די אויגן.
איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס דאָס גראָז איז גרין:
ווײַל דעם געמיש פון הימל און פון זון זיי זויגן.

מיטגעפיל

ס'האָט הײַנט פארטאָג
די יונגע ליפּע
א בעכערל מיט טוי
געבראַכט צו טראָגן
אױף א בלאַט
דעם סאָלאָוויי,
וואָס האָט א גאַנצע נאַכט
געשוואוירן זיך אין ליבע
און האָט קיין טראָפּן
נאָך ביז איצט
אין מויל געהאַט.

באַם טעלעפאָן

א זקײנע ז'געשטאַנען אין בודקע געבויגן,
דאָס טרײַבל געדריקט אין די קנאָכיקע הענט,
מיט טרערן אין ביידע פארלאָשענע אויגן
געשריגן פארצווייפלט: — האָסט מיך ניט דערקענט?!

און איך האָב די ווערטער געהערט א פארקלעמטער,
איר קוקן אין פּאָנעם איך האָב זיך געשעמט,
דער אלטער, דער שוואַכער, דער זקײנע דער פרעמדער,
וואָס מאַכטלאָז געפרעגט האָט: — האָסט מיך ניט דערקענט?!

פארוקט אפן שטערן דאָס טיכל דאָס ווײַסע,
פונקט ווי די ערד וואָלט די טריט איר געברענט,
אוועק אין די מאַמע, א שוואַכע, א גרײַזע —
עס האָט זי דער אייגענער זון ניט דערקענט.

א ניגן

פון ערגעץ א ניגן אהער איז דערגאַנגען,
און ס'האָט זיך געדאַכט — כ'וועל די קינדהײַט דערלאַנגען,
די קינדהײַט, וואָס הינטער די בערג איז געבליבן,
פאַריגלט, פאַרשלאָסן מיט שלעסער מיט זיבן.
דו זעסט, ווי דער הימל ווערט העכער און גרעסער?
דו זעסט, ווי אין כמאַרעס צעפאַלן זיך שלעסער,
געזאַלבעטע פון גאָלד און פון טרוים און פון צויבער? —
דאָס האָט זיי צעשלײַדערט דער אייביקער רויבער,
וואָס גאַנוועט זיך אונטער, דו זאָלסט גאָר ניט הערן,
באַרויבט פון דײַן הימל די זון מיט די שטערן.
פאַרוואַנדלט דײַן פעסטונג, וואָס לעבן דעם פּאַרקן,
צוריק אין א שטיין אין א גרויען, א האַרטן.
א ריטשקע ער מאַכט פון דײַן יאַם, פון דײַן האַפן,
וואָס פלעגט דיך אין לענדער אין פרעמדע פאַרוואָרפן.
אהין, ווו דער דימיען קאָן בלויז איצט פאַרפירן,
געגאַנגען בין איך קינדווײַז זיך פּאַשעט שפּאַצירן.
אין סאָד, ווו עס שפּרינגען די וועווערקעס זשוואַוועע,
ווו ס'זיצט אַף א צווײַגל די גאָלדענע פּאַווע,
פון דאָרט איז דערגאַנגען צו מיר הײַנט דער ניגן
און מיך א פאַרבענקטן גענומען פאַרוויגן.

* * *

איך קאָן זיך אין ליבע דערקלערן
דער זון, דער לעוואָנע, די שטערן,
דעם הימל, דער ערד און די ביימער,
נאָר שווערן זיך וועל איך דיר איינער.
דו זע, זאָלסט ניט האָבן פאַריבל,
וואָס פלוצעם איך קאָן זיך פאַרליבן
אין יעטווידער מענטשן באַזונדער —
ווײַל יעדער פון זיי איז א וואונדער.
דאָס אייפּל, וואָס קאָן נאָך ניט ריידן,
נאָר מאָנט שוין זײַן כיילעק אַנטשיידן,
דער אַלטער פאַרצײַטיקער זאָקן,
וואָס וויל נאָך קיין ווידע ניט זאָגן
און גלייבט, אַז נאָך פיל ניט דערגעבן
עס האָט אים דאָס גרויזאַמע לעבן.
די פרוי מיט די אויגן, ווי שטערן,
וואָס גרייט איז קעסיידער צו הערן,
ווי שיין ס'איז איר קערפּער און מעכטיק,
אַז אַלץ, וואָס זי גלוסט, איז באַרעכטיקט.
איז בעט איך דיך — האָב קיין פאַריבל,
וואָס גרייט כ'בין אין אַלץ זיך פאַרליבן.

* * *

וויטען

איך ווייס, אַז דו ביסט שוין דערוואַקסן
און ס'איז מײַן האַזשגאָכע א לאַסט.
אַנטבלויזט האָסט די רונדקײַט פון אַקסל —
מיט אומרו דו וואַרטסט אַף א גאַסט.
די הילכיקע קנאַפּעלעך צאַקען —
דײַן אומגעדולד איז מיר באַקאַנט.
צוויי שטעמפּעלעך — קינדערשע פּאַקן
זיך ריטלען אַף נאַקעטער האַנט.
אַף שוואַרצע פּרוזשיניקע לאָקן,
וואָס פאַלן אַף ווײַסקײַט פון האַלדז,
איך קוק א דערשטוינטער דערשראָקן:
ווי קומט צו דיר אַלץ?
איך דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן,
און כ'זע, ווי דו שפּילסט זיך אין זאַמד...
און דו וואָלסט אַצינדער געפלויגן
צום פרײַנט, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמט.
קיין שלאָף וועט מיך הײַנט שוין ניט נעמען,
ס'וועט שטיין פאַר מײַן וואַכזאַמען בליק
דער פלאַם אונטער פליגל פון ברעמען,
וואָס קאָן זיך אַנטווישן אין גליק.

דאָס זשוקל

ר. ב.

אין יובלדיקער שאָ, אין זוניקן באַגינען,
ווען ס׳קומט קיין שלעכטס אפילע אפן זינען,

דערזעסטו אפן טאַנען־שטאַם א זשוקל,
מיט זשעדנע אייגעלעך און מיט א שנוקל,

וואָס דרייט זיך פינקטלעך, ווי אף שרויפן.
ס׳איז גראָב און קורץ און אָנגעזויפן.

עס שמעקט און לעקט פון שטאַלטנעם שטאַם די קאָרע
און זוכט א שפּעלטיקל, א גריבעלע, א נאָרע:

פארטייַעט זיך און הערט, ווי ס׳רינען זאַפטן קלאָרע,
און פליט אוועק פארפולט מיט לאַשנהאָרע:

— איך האָב אליין געהערט, געזען מיט מייַנע אויגן,
עס האָט דער טאָן די זאַפטן אויסגעזויגן,

וואָס האָט פארגרייט די איידעלע בעריאָזע.
געהערט א פּאַטעפּאַלנאָסט? געזען א האָזע?!

דעם גאנצן טאָג, פארשמייַעט, ווי אין כאָלעם,
צעטראָגן האָט דאָס זשוקל די בילבולים.

ביז ס׳איז דערפליגן צו א פלאַמיקן לאַמטערן,
געצווונגען אים דעם בילבל אויסצוהערן.

נאָר א לאַמטערן זעט אף דורך און דורך דעם ליגן,
האָט ער פאר קאַס דעם זשוק פארברענט די פליגל.

און גויסענדיק, דאָס זשוקל האָט פארשטאַנען —
אומעטיק איז א בילבל קעגן טאַנען.

* * *

מיט קארשן פארשמעקט האָט שוין ווידער,
מיט סאָסנעס, מיט זאַפט פון בעריאָזעס,
וואָס שטייען, ווי שוועסטער און ברידער,
אין קונציק־פארגליווערטע פּאָזעס.

ווי ס׳וואָלט זיי א קישעף באַפאַלן,
זיי טוען קיין ריר זיך אפילע.

קיין קלאַנג זאָל ניט ווערן פארפאַלן
פון זייערע דאנקבארע טפילעס.

און מעגלעך, אין שווייַגניש שטילן,
עס שפּירן די וואָרצלען מיט ציטער,
שוין איצט אין דער טיפקייַט זיי פּילן,
אז זייַן וועט א גרויסער געוויטער.



כ׳אים מעלאמוד

די מיט מיט די נעכט

ראמאן

ערשטער טייל

1

די נאכט האָט זיך דורכגעלויכטן מיט עפּעס ניט קיין באנאכטיקער, געלבלעך־גרוילעכער שײַן, וואָס איז געקומען ווער ווייסט פונוואנען. אפן ריינעם, ווו־ניט־ווו א ביסל צוגענעפּלטן הימל האָט מען ניט געזען קיין איין שטערן. די לעוואָנע, וואָס האָט נאָך פארנאכטלעך זיך באוויזן מיט א דין און בלייך רייפטעלע, האָט אויך אינגיכן ניט געסטײַעט. אלץ ארום האָט אויסגעזען האלב בײַנהאשמאָשעסדיק און האלב ערעוובאגינענדיק, כאָטש לויט דעם, ווי די אלטע העגער האָבן ניט לאנג, ווי פונעם שלאָף, זיך צעקרייעט מיט הייזעריקע שטימען, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז די נאכט האָט אָקאָרשט זיך איבערגעשניטן אף האלב.

איבער דעם גאנצן סטעפּ, אף דעם ברייטן, פרילינגדיק־ווייכלעכן הולײַפּאָליער שליאך, אף דעם אײַנגעפּאָרענעם בארג־אראָפּ, וואָס פירט קיין סוויאטאָדובאָווקע, אף די טורקענאָווקער מאָהילקעס, אין דער גערדיכט באטויעטער יאנטשורער באלקע, אף די צעקוסטעטע ווינטער־ברויטן, אף די שיטערע שפּראָצונגען פונעם ניט לאנג צוריק פארזייטן גערשטן, אפן גרינעם און שווארצן, מיט וועלכן ס׳איז געווען איבערגעפּאסעוועט דער פרילינגדיקער סטעפּ, איז געלעגן יענע געלבלעכע גרויקײַט, וואָס האָט זיך געצויגן אף מײַלנווײַט ביזן נידעריק־אראָפּ־געהאנגענעם הימל, וואָס האָט מיט זײַנע ראנדן שלעפעריק זיך געטוליעט צו דער ווארעמער, פרילינגדיק־וואכנדיקער ערד.

די נאַכט האָט זיך דורכגעלויכטן פון זיך אַליין, פון איר פרילינגדיקער צערודערטקייט, פון איר לאַנג געוואַרטער אויפגעוואַכטקייט, פון איר אייגענער וואַרעמקייט, פון די קורצווײַליקע אויפבליצן, וואָס גיבן אַ בלענד פון ערגעץ זייער ווײַט, קליינע בליצעלעך, וואָס ווערן געבוירן אויך ווי פון זיך אַליין, ווײַל זיי קומען ניט פון קיין וואָלקנס, מע הערט ניט קיין סימען פון עפּעס אַ דונער, פּאַשעט אַ בליץ געטאָן און געשענקט דער נאַכט נאָך אַ ביסעלע שײַן.

די רעגנס האָבן נאָך ניט באַוויזן צו פאַרהאַרטעווען, צונויפפּרעסן די ערד, די זון האָט זי נאָך ניט איבערגעטריקנט, איז זי אומעטום געווען ווייך און פוכקע. ניט נאָר די אָקאַרשט אויפגעאַקערטע, פאַרבאַראָנעוועטע און פאַרזייטע פעלדער, ניט נאָר די שמאָלע, פאַרגראָזטע שטעגעלעך. דער ברייטער הולײַפּאָליער שליאַך איז אויך דראָטיק, בייגט זיך אונטער די רעדער, וויגט זיך אונטער די פיס, און עס דוכט זיך, אַז די גאַנצע ערד הוידעט זיך פון איר פרילינגדיקער גרינגקייט, הוידעט זיך, טאַנצט אונטער, פאַרכלינעט זיך, ווי פאַרשיקערט פון איר אייגענער דופּטיקײַט, וואָס נעמט דורך דעם גאַנצן אַרום, ווי אָט די געל־גרוילעכע שײַן, ווי אָט די רעגנדיקע און וועקנדיקע וואַרעמקייט.

ווי זשע קאָן מען עס אײַנשלאָפן, ווען דורך די קליינינקע פענצטערלעך קוקט אין שטוב אַרײַן אַזאַ מאָדנע, ניט באַנאַכטיקע שײַן, ווען דורך יעדער שפּאַרונקעלע רײַסן זיך דורך די רייכעס פון דער באַטויעטער באַלקע, פון די יונגע שפּראָצונגען און ווען וואַרעמקייט האָט אין אַלקערל זיך אָנגעקליבן אַזוי פיל, אַז סע באַשלאָגט אַזש אַ שווייס. כאָטש שוין באַלד צוויי וואָכן, אַז מע הייצט ניט די הרובע. און עפּעס נאָגט אין האַרצן, און עפּעס בריִען אין מויעך אַזעלכע מאָדנע, אַזעלכע פריקרע געדאַנקען, אַז כאָטש נעם זיי אָן פאַרן גאָרגל און טרײַב זיי אַרויס. נאָר פאַרטרײַבן די געדאַנקען איז אווראָם־איצל ניט בעקויעך. און פאַרן גאָרגל מוז ער נעמען זיך אַליין, ווײַל עס וואָרגט אים מוירעדיק אין האַלדז. מוז ער אַ פּאָר מאָל אַ רײַב טאָן מיט דער האַנט, עס זאָל אים ווערן אַ ביסל גרינגער, וועט ער כאָטש קאָנען אַראָפּשלינגען אָדער אַרויסשפּײַען דאָס ביסל קלעפּיקע שפּײַעכץ, וואָס האָט באַלייגט די צונג מיט אַ פריקרער ביטערקייט.

שולדיק איז אָבער געווען ניט די געלבלעכע שײַן, ניט די דושנעקייט אינעם אַלקערל און ניט די רייכעס פונעם באַנאַכטיקן דרויסן. כאָטש געוויס האָבן זיי אויך געהאַט אַ געוויסן כיילעק אין דעם, וואָס עס איז געשען, ווײַל אַף מאָרגן, שוין נאָך אַלעמען, האָט אווראָם־איצל זיך געפּרוווט פאַרענטפערן דערמיט, וואָס די נאַכט איז געווען ניט קיין געוויינלעכע און ניט געלאָזט צומאַכן די אויגן. נאָר אינדערעמעסן האָט דעם שלאָף אוועקגערויבט זײַן גניאַדע שקאַפּע מיט ווײַסע פּינטעלעך אַפן שטערן. מיט אַ כוידעש צוריק האָט ער זי אוועקגעפירט אין קאָלווירט, זי איז שוין געווען אין די לעצטע וואָכן און האָט, לויט זײַן כעזשבן, געדאַרפט הײַנט־מאָרגן האָבן אַ לאָשעקל. פאַראַיאָרן איז געשען אַן אומגליק, זי האָט אָפּגעוואָרפן עטלעכע טעג צי אַ פּאָר וואָכן פאַר דער צײַט, און ער ווייסט ביז הײַנט ניט, ווי האָט אַזוינס געקאָנט טרעפן. ער האָט זי דאָך אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. נאָר גיי ווייס... דאָס לאָשעקל איז אַרויס אַ טויטס, און די שקאַפּע אַליין האָט ער קוים אָפּגעראַטעוועט. ווער זשע וועט איצט נאָכקוקן, אַז אַלץ זאָל זײַן אין אָרדענונג? שלאָפט ער שוין ניט עטלעכע נעכט, כאָטש אַ גאַנצן טאָג שפּאַנט ער אַרום איבערן סטעפּ, באַראָנעוועט די פריש־אויפגעאַקערטע ערד, שלינגט זיך אָן מיט שטויב אַף דערוואָרגן צו ווערן און קומט אַהיים אַ טויט־מידער. ווי נאָר אָבער ער פאַלט צו צום געלעגער, דערזעט ער פאַר זיך די שקאַפּע, ווי זי ליגט מיט די אײַנגעפאַלענע זײַטן, אײַנגעגאַנצן אַן אויסגעליידיקטע, מיטאַמאָל מאָגער געוואָרן, הויט און ביין, סאָפּעט הויך און שווער און קוקט אַף אים מיט אירע פערדישע אויגן פול מיט פאָרוואָרף, ווי איינער רעדט: אַף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט?

דורכן קליינעם פענצטערל האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט די געל־גרויע שײַן, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די ווענט פונעם שמאָלן אַלקערל, זיך פאַרקליבן אַף דער סטעליע, געבליבן הענגען איבערן הילצערנעם בעטל און געבלענדט די אויגן מיט אַזאַ שנײַדעניש, ווי באַטאָג די זון. אווראָם־איצל האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַזוי לאַנג ציִען זיך קאָן דאָס ניט, נאָך אַ פּאָר אַזעלכע שלאָפלאָזע נעכט, וועט ער אײַנגאַנצן פאַלן פון די פיס, ער וועט אַפילע ניט קאָנען אויפשטיין פון בעט. און די שקאַפּע... ווער ווייסט, וואָס עס קאָן זיך מיט איר טרעפן פאַר די פּאָר נעכט.

דער געדאַנק, אַז אָט באַלד, טאַקע עפּשער הײַנטיקע נאַכט, קאָן זיך עפּעס טרעפן, האָט אים ווי אָפּגעבריט, און ער איז אַפּגיך אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער. אָנצינדן דאָס לעמפּל האָט מען ניט געדאַרפט, ס'איז געווען גענוג שײַן אַף אָפּצוזוכן די שטיוול מיט די קורצע, אונטערגעשניטענע כאָליעוועס און אַרײַנרוקן אין זיי די פיס, אַרופציִען אַפן פאַרגעלטן העמדל

דאָס אַלטע פּעלצל, אויך אַ קורצס, אַן אײַנגעשרומפּנס, אַ היפּש אויסגעקראַכנס, און אָט אַזוי, אַ צעוואָרעמטער, מיט נאָך ניט קיין אויסגעוועבטן שטוביקן שווייס אַפּן לײַב, שטיל געעפנט די טיר און אַרויס אין דרויסן.

די נאַכט האָט אים אַ בלענד געטאָן מיט איר אומגעווינלעכער שײַן, און ער האָט געמוזט אַ קוק טאָן — פונוואַנען האָט זיך דאָס גענומען. גאָרנישט ניט געפונען אַפּן הימל, האָט ער גענומען זוכן וועלכע־ניט־איז סימאָנים אַף דער ערד. נאָר אַף דער ערד איז אויך קיין שום סימאָנים ניט געווען. דאָס דאָרף איז געשלאָפן מיט אַ מידן שלאָף, געשלאָפן אין אײַלעניש, וואָס קומט שטענדיק אין די קורצע פרילינגדיקע נעכט, און אין ערגעץ האָט זיך ניט געלויכטן. איז ער שוין געווען צופרידן דערמיט אַליין. צו דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבן איצט אָפּ־טאָן, האָט ער קיין איבעריקע שײַן ניט געדאַרפט, קיין איבעריקע איידעס אַוודאי ניט.

האָט ער געשפּאַנט איבער דער באַנאַכטיקער גאַס און געהאַלטן אין איין טראַכטן, וואָס וועט ער זאָגן דעם נאַכט־וועכטער לייבל מאַלץ, ווען יענער וועט אים פרעגן, וואָס איז ער געקומען אַהער אינמיטן דער נאַכט און ווער האָט אים דערלויבט אוועקפירן זײַן שקאַפּע, צי האָט ער אַ צעטעלע פון דער פאַרוואַלטונג. אַ מאָשל, זאָל ער אינמיטן דער נאַכט גיין וועקן דעם פאַרזיצער! לייב, דוכט זיך אים, זאָגט, אַז אויב אַזוי, וועט מען מוזן צוּוואַרטן מיטן איניען ביז פאַרטאָג. ענטפערט ער אים אָפּ אַ דערצאָרנטער: וואָס הייסט וואַרטן ביז פאַרטאָג? פאַרטאָג האָט ער קיין צײַט ניט, פאַרטאָג מוז ער אײַנשפּאַנען אַ פּאָר פרעמדע פערד אין די באָרענעס און אוועק מיט זיי אין סטעפּ. און די שקאַפּע... זי טאָר דאָ מערער קיין מינוט ניט בלײַבן.

אויסטײַנען זיך אָבער מיט לייבלען איז ניט אויסגעקומען. יענער איז געשמאַק געשלאָפן אַף דער קופּע שטרוי לעבן דער טיר, אײַנגעדעקט איבערן קאָפּ מיט זײַן קוצעווייטיקל, ווי לייבל אַליין האָט אַ נאָמען געגעבן זײַן ברעזענטענעם מאַנטל, וואָס איז געווען האַרט, ווי אַ בלעך. אין שטאַל איז געהאַנגען אַ זויערע פּאַרע, וואָס איז געגאַנגען פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף און קוים זיך דורכגעריסן דורך די פּיצינקע פענצטערלעך און פּלאַטשיקע קויט־מענדלעך. טאַקע איבער איר, אַפּאָנעם, איבער אָט דער זויערער פּאַרע, זײַנען די צווייִ לאָמ־טערנדלעך, וואָס זײַנען געהאַנגען אין ביידע זײַטן פון דער לאַנגער שטאַל, שוין לאַנג פאַר־לאָשן געוואָרן און אין איר איז געווען שטאַרק פינצטער.

די שקאַפּע האָט מיט איר פערדישן כוש גלײַך דערפילט איר אַלטן באַלעבאָס און גע־קליבן זיך אויסהירזשען אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין איר פאַר אָט דעם לאַנגן און שווערן כּוידעש: איר בענקעניש, איר ווייטעק און פאַרדראָס אַף אים, וואָס ער האָט אין סאַמע לעצטן כוידעש זי אוועקגעפירט אַהער, אוועקגעשטעלט אין אַזאַ ענגשאַפט. נאָר אַווראָם־איצל האָט זי ניט געלאָזט צעהירזשען זיך. ער איז גלײַך צוגעגאַנגען צו איר, צוגעלייגט די האַנט צו איר מויל און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— שאַ, איך ווייס אַלץ, קום אַהיים.

אַפּגיך אָפּגעטשעפּעט דאָס קייטעלע פון דער קאָרעטע, דאָס קייטעלע איז אויך געווען זײַנס און אָפּטשעפּען אָדער צוטשעפּען דאָס האָט ער אויך געקאָנט אין דער פינצטער, און בישטיקע אַרויסגעפירט די שקאַפּע פון דער שטאַל.

— נו, גייען מיר, — האָט ער זיך אָנגערופן צו דער שקאַפּע און ווידער איבערגעכאַזערט זײַן וואָרענונג, — נאָר שאַ...

די שקאַפּע, אַ דערפרייטע, האָט האַכנאָעדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי געבנדיק אָנצוהערן, אַז זי פאַרשטייט אַלץ, זי איז אַפילע גרייט נעמען די אווירע אַף זיך, און ווען זי קאָן רעדן, וואָלט זי דערוויזן אַלעמען, אַז ער, דער עמעסער באַלעבאָס איר ער, איז דאָ ניט שולדיק, אַז שולדיק איז זי אַליין, אַז דאָס האָט איר אייגענע בענקעניש אים געבראַכט אַהער אינמיטן דער נאַכט און אַז דאָס האָט אייגנטלעך זי אַליין זיך אַרויסגעגאַנוועט. נאָר רעדן האָט די שקאַפּע ניט געקאָנט, האָט זי בלויז אַ זיפץ געטאָן מיט ניט קיין פערדישן זיפץ, מיט וועלכן זי האָט געפּרוּווט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס זי קאָן מיט קיין ווערטער ניט אויסדריקן. פון אָט דעם זיפץ האָט זיי ביידן געדאַרפט ווערן גרינגער אַפּן האַרצן.

די נאַכט האָט זיך דורכגעלויכטן מיט איר ניט באַנאַכטיקער געלבלעך־גרויער שײַן, און דעם סטעפּ האָט מען, ווי באַטאָג, געקאָנט זען אַף מײַלן. איז שוין אַווראָם־איצל ביין געוואָרן אַף איר, וואָס זי האָט זיך פּלוצלינג צעשײַנט מיט אַזאַ אומגעווינלעכער שײַן און טשאַטשע־וועט נאָך יעדן טריט זײַנעם. אומקערן זיך אַהיים מיט דעם זעלבן וועג, מיטן בריקל, דער־נאָך איבער דער לאַנגער דאָרפישער גאַס, וואָלט געווען אַן אומזין. האָט ער זיך אוועקגעלאָזט ווײַטער אין סטעפּ, באַרג־אַראָפּ, צו דער באַלקע, ווו די שקאַפּע האָט שוין געקאָנט אַ צופּ

טאָן דאָס באַטויעטע גראָז. אַזוי האָט ער געשפּאַנט לענגויס דער באַלקע, ביז זיי האָבן, לויט זײַן כּעזשבן, שוין געדאַרפֿט זײַן ערגעץ הינטער זײַן גאָרטן.

זיי האָבן געשפּאַנט שווײַגנדיק, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, פֿילנדיק און פֿאַרשטייענדיק איינער דעם אַנדערן מיט אַ באַזונדערן כוש, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט די געוויינלעכע כּושים בא מענטשן און באַלעבאָטים. ס'איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן. זיי האָבן געשפּאַנט באַנאַנד, און אוורהם־איצל האָט די גאַנצע צײַט מיט כּשאַד באַקוקט זייערע שאָטנס, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אינײנעם, אויסגעצויגן ביז גאָר קורץ און פֿאַרקריפּלט און זיך ניט געוואָלט האַלטן אויף איין אָרט, אַרומגעטאַנצט אַהין און אַהער. אָט אָקאָרשט זײַנען זיי געווען פֿון אונטן אָדער אַ ביסל אין אַ זײַט, און אָט זײַנען זיי גאָר אַרויסגעשפּרונגען פֿאָרויס. האָט אוורהם־איצלען זיך געדוכט, אַז אין אָט דעם קליינינקן שאָטנדל, וואָס איז האַלב מענטש און האַלב פֿערד, איז פֿאַראַן עפּעס טײַוואָלאָניש, עפּעס אַ קליין שעדעלע, וואָס האַלט אין איין אָפּלעצווען פֿון אים און פֿון זײַן אָפּטער.

דערפֿילט די נאָענטקײַט פֿון דער אַלטער היים, פֿון דער אייגענער שטאַל, האָט די שקאַפּע ווידער געפּרוווט צעהירזשען זיך, נאָר אוורהם־איצל איז שוין געווען אינגאַנצן איבערגעמאַטערט, האָט ער אויסגעלאָזט אַלץ צו דער שקאַפּע:

— נו, נו, וואָס איז די געדולע אויף דיר?

נאָך אַלעמען איז ער בייז געוואָרן אויף דער שקאַפּע אַליין, וואָס זי איז אים יעדע נאַכט געשטאַנען פֿאַר די אויגן מיט אירע אײַנגעפֿאַלענע זײַטן און האָט אים הײַנטיקע נאַכט אַראָפּגעריסן פֿונעם געלעגער און געצוווּנגען טאָן אַזוינס, וואָס ער וואָלט אין לעבן קיינמאָל ניט געטאָן. ווען עמעצער זאָל אים געווען זאָגן, אַז ער וועט זיך אַמאָל גאַנווענען באַנאַכט איבערן סטעפּ, גלײַך ער וואָלט אָפּגעטאָן עפּעס אומווירדיקס, וואָלט ער יענעם אָנגעשפּיגן אין פּנים. איצט פֿילט ער זיך אַזוי, גלײַך ער וואָלט טאַקע בעעמעס באַגאַנגען אַ גנייווע, און ער וועט איצט קיינעם ניט קאָנען פֿאַרווערן אַזוי צו טראַכטן. ער וועט קיינעם ניט קאָנען פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל, ווען יענער וועט אים אָנרופֿן גאַנעוו.

ווען ער האָט אַרײַנגעפֿירט די שקאַפּע אין זײַן ריינער, טרוקענער שטאַל, אין וועלכער ס'האָט שוין אַריבער אַ כּוידעש אַפֿילע ניט געשמעקט מיט עפּעס פֿערדיש, האָט ער איר שוין ניט געקאָנט פֿאַרווערן אויסצודריקן אירע געפֿילן. זי האָט זיך צעהירזשעט אויפֿן פֿולן קאָל, געוומען הריזען די איבערגעטריקנטע קאָרעטע, גלײַך זי וואָלט זיך געקושט מיט איר, געלעקט מיט דער צונג דעם צעטראַסקעטן דנאָ, אין וועלכן ס'איז אַפֿילע קיין סימען פֿון פֿאַלאַווע ניט געווען. נאָר זי האָט גאַרנישט ניט געדאַרפֿט, די שקאַפּע. אַ שטיקל זיכּאָרן פֿאַרמאָגט זי דאָך, איז פֿאַר איר מיטאַמאָל אויפֿגעקומען אַלץ, מיט וואָס ס'האָט זיך איר פֿאַרגעדענקט איר אַלטע היים: דער רייעך פֿון פֿריש גראָז און איבערגעטריקנט היי, די מעסטעלעך דערט, איבערגעמישט מיט גוט איבערגעריבענער פֿאַלאַווע, געוויס דערמאָנט זי זיך אויך אין דעם, ווי זי איז דאָ דרײַ מאָל געגאַנגען צו קימפּעט, צוויי מאָל געבראַכט אויף דער וועלט אַזעלכע געראָטענע גניאַדע לאָשעקלעך, אויך מיט ווײַסע פֿינטעלעך אויפֿן שטערן, און דאָס דריטע מאָל אָפּגעוואָרפֿן. יאָ, מיסטאָמע האָט זי זיך דערמאָנט אויך אין דעם, ווײַל זי האָט גענומען באַקוקן אירע אויפֿגעלאָפֿענע זײַטן מיט עפּעס אַן אומרויִקן, זאָרגפֿולן בליק און אויף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, זיך צוגעהערט, ווי דאָס לאָשעקל האָט דאָרטן, אינווייניק, זיך אַ רודוווע געטאָן, און ווידער זיך צעהירזשעט אויפֿן פֿולן קאָל, אויסגעצויגן דעם האַלדז צום באַנאַכטיקן דרויסן, ווי געבעטן בא עמעצן ראַכמים, עס זאָל זיך מער אַזוינס מיט איר ניט טרעפֿן.

אין דער פֿינצטער איז אוורהם־איצל אַרוף אויפֿן בוידעם, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דאָרטן אַ ביסל היי, און ווען ער האָט מיט זײַן געוויינלעכער פּאַרזיכטיקײַט זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק איבער די זיך שאָקלענדיקע טרעפּלעך פֿונעם שמאָלן לייטערל, האָט ער דערזען זײַן כּענען. זי איז אַרײַן אין שטאַל אַ באָרוועסע, אַ האַלב נאַקעטע, אין איין העמדע, ווײַל פֿון שלאָף האָט זי אויפֿגעוועקט און שטאַרק איבערגעשראָקן דאָס צעיושעטע הירזשען. זי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿונוואַנען דאָס קומט, און צוערשט געמיינט, אַז דאָס כּאַלעמט זיך איר. נאָר כּאָטש דער שלאָף האָט זי פֿעסט געהאַלטן אין זײַנע קלעמען, האָט זי אײַנגיכן פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט קיין כּאַלעם.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אַרויסגעהיכצט, ווען אוורהם־איצל איז אַראָפּגעקראָכן פֿונעם לייטער.

נאָך גאָר אַמאָל, ווען אוורהם־איצל האָט זיך אַרומגעפֿירט מיט כּענען גאַנצע נעכט איבער דער יאַנטשורער באַלקע, איז זי אים געפֿעלן געוואָרן גראָד דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַ קליינינקע, מיט אַ קאָפּ נידעריקער פֿון אים, אַ מאָגערינקע, גרינג, ווי אַ פֿעדער. ער האָט זי

געקאַנט טראָגן אַף די הענט, ווי א קינד, און דאָס האָט בא אים שטענדיק ארויסגערופן א באזונדערע צאַרטקייט. געווען איז בא אים אויך א זײַטיקער, ריין באַלעבאַטישער מיין דערבײַ. מאָגערע זײַנען פּליײַסיקע. ער האָט דערנאָך ניט איין מאָל א גליקלעכער געטראַכט וועגן דעם, אז ער האָט זיך ניט טויע געווען. ניט אין איר פּליײַסיקייט, ניט אין איר צאַרטקייט. זיי האָבןביידע ליב געהאַט האָרעווען סײַ אין סטעפּ, סײַ בא זיך אַפן הויף, אזוי געהאָרעוועט, אז אוור־ראַם־איצלען האָט זיך אָפּטמאָל געדוכט, אז זי האָרעוועט שוין צו פיל. באזונדערס האָט אים דאָס באומרויִקט, ווען זי איז געווען אין די שווערע כאַדאָשים. נאָר אלץ איז דורך בעשאָלעם. איז ער שוין אוואדע געווען צופרידן דערפון, וואָס איינס נאָכן אנדערן זײַנען געבוירן גע־וואָרן צוויי יינגלעך, און ס'איז שוין געווען צו דערלײַדן, וואָס דאָס דריטע איז געווען א מיידעלע. די כעוורע זײַנען געוואַקסן עכטע גיבוירים, מיט דער הייך אין אים געראָטן, מיט די פּלייצעס — ווייסט ער אליין ניט אין וועמען, ניט ער, ניט זײַן כענע האָבן אזעלכע ברייטע פּלייצעס ניט פאַרמאָגט. נאָך אלעמען איז כענע פאַרבליבן אזא, ווי געווען, א קליינטשקע, א מאָגערינקע, מיט יענע סימאָנים אַפן פּאָנעם, וואָס האָבן געמוזט קומען פון דרײַ קימפּעטן און פון טויזנטער אויסגעהאָרעוועטע טעג און נעכט...

איצט האָט אווראָם־איצל ניט דערקענט זײַן כענען. ער האָט צום ערשטן מאָל זי געזען אזא־אָ, א באלויכטענע פון דער געלבלעך־גרויער שײַן, וואָס האָט זיך ארײַנגעכאַפּט אין שטאַל דורך דער צעעפנטער טיר. זי האָט אים זיך אויסגעוויזן א סאך העכער, עפּשער העכער פון אים אליין. דאָס ווײַסע העמד און די לאַנגע, פאַנאַנדערגעקעמטע האָר, וואָס זײַנען אראָפּגע־האַנגען אריבער די בריסטן, האָבן זי איינגאַנצן איבערגעאַנדערשט, געמאַכט פרעמדלעך־שטרענג, און די פרעמדקייט איז געווען נאָך שטאַרקער דערפון, וואָס זי אליין האָט אויך ווי דורכגעלויכטן זיך מיט אָט דער געלבלעך־גרויער שײַן. אין אזעלכע פאַרבן האָט ער קיינמאָל זײַן כענען ניט געזען. דאָס האָט אים געפעלט עפּשער מער ווי אלץ.

— וואָס זאָל דאָס הייסן, פרעג איך בא דיר? — האָט זי געזאָגט מיט אזא בייזקייט, צו וועלכער ער איז ביכלאַל ניט געווען געוווינט.

— זי... די שקאַפּע... — האָט ער קוים ארויסגעשטאַמלט.

— ווי קומט זי אהער?

— איך... איך האָב זי געבראַכט.

— וואָס הייסט געבראַכט? וויאַזוי?

— וויאַזוי, וויאַזוי, — האָט אווראָם־איצל איבערגעכאַזערט פאַר זיך אליין. גראַד דער „וויאַזוי" איז געווען פאַר אים די ערגסטע קאַשע. — פּאַשעט... אזוי...

— ארויסגעגאַנוועט? איגמיטן דער נאַכט?..

נו, שוין... ס'איז געשען דאָס, פאַר וואָס ער האָט מער פון אלץ זיך געהריזעט, מער פון אלץ זיך געשראָקן די גאַנצע צײַט, ווען ער האָט געפירט די שקאַפּע מיטן סטעפּ.

— כענע, — האָט ער אויסגעשריגן, — דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? איך זאָל מער ניט הערן אָט דאָס מיִעסע וואָרט!

— ארויסגעגאַנוועט, ארויסגעגאַנוועט... — כענע האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט פאַר זיך אליין מיט א שטילער, קלאָגעדיקער שטים, ווי מע באוויינט עפּעס. — דאָס גאַנצע דאַרף וועט אַף דיר טײַטלען מיט די פינגער: אווראָם־איצל דער פערד־גאַנעוו, ווי איז מיר און וויינד איז מיר...

זיי זײַנען געשטאַנען איינער קעגן דעם אנדערן און שטיל אונטערגעציטערט, כענע — דערפון, וואָס זי האָט אָנגעהויבן דורכנעמען די דרויסנדיקע פרישקייט, און אווראָם־איצל — גראַד פאַרקערט, ווײַל אלץ אין אים האָט געפיבערט. די געלבלעך־גרויע שײַן האָט געמאַכט ענלעך זײַן כענען אַף א פרעמדן און שטרענגן ריכטער, און ער האָט געוונטשן זיך מיסוואָדע זײַן פאַר איר אזוי, ווי ער וואָלט עס אין לעבן ניט געטאָן: ווי די שקאַפּע האָט אים רוען ניט געלאָזט, ווי ער האָט בעפּיירעש זיך געקליבן דערקלערן דעם נאַכט־שוימער אלץ ווי געהעריק, נאָר לייבל האָט געכראַפּעט, ליגנדיק אַף דער קופּע שטרוי. וואָס זשע האָט ער געקאָנט טאָן? טאָמער פאַרשלאָפּט לייבל די רעכטע שאָ און די שקאַפּע וואַרפט ווידער אָפּ?

— וואָס גייט עס דיר אָן? — האָט כענע ארויסגעשריגן.

— וואָס הייסט וואָס? די שקאַפּע!.. דאָס לאַשעקל...

— ס'איז שוין ניט דײַן שקאַפּע, און דאָס לאַשעקל וועט אויך ניט זײַן דײַנס!

— וואָס הייסט ניט מײַנס? און אז אין קאָלווירט, איז דאָס שוין ניט מײַנס? טו אומיסטן א קוק, ס'איז דאָך אזא ראַכמאָנעס אַף איר.

נאָר פאַר כענען איז דאָס ניט געווען קיין טערעץ:

— דו טו בעסער א קוק אױף מיר!.. — און צוגעגעבן נאָך בײזער. — אױף מיר טו א קוק! אױף מיר איז ניט קײן ראַכמאָנעס?

וואָס האָט זי געוואָלט דערמיט זאָגן? אין אָט דער מינוט איז אוראַם־איצלען שווער געװען צו באַשטימען. געוויס איז דאָס געװען אַן אָפּשליקעכץ פון די פריערדיקע שפּאַרענישן און רויגעזן אַרום דעם קאַלווירט, װען ער האָט געצויגן אין איין זײַט און זי אין א צווייטער. איבערגעצויגן האָט ער, זיי זײַנען געבליבן אַן דער שקאַפע און אַן דער קו, און זי האָט געמוזט יעדן באַגינען, פאַר דער אַרבעט, אָדער אין אָוונט נאָך דער אַרבעט לױפן אױף דער קאַלווירטישער פֿערמע נאָך די עטלעכע גלעזער מילך און קײנמאָל ניט געוווּסט, וווּהין פריער זיי אַהינטאָן. זי איז ניט געווױנט געווען מעסטן די מילך אױף דער גלאָז. פאַרן כוידעש, פאַר דעם סאַמע שווערסטן כוידעש אין זײער לעבן, זײער ערשטן כוידעש אין קאַלווירט, איז זי געוואָרן א סאַך מאָגערער, ווי געוויינלעך. עפּשער ניט אַזוי פון דער אַרבעט, ווי פון די שטילע הריזעניש און שטומען רויגעזן, פון דעם אומגעוויינלעכן און אומבאַשטימטן, פון וואָס דער קאָפּ האָט זיך געשפּאָלטן...

— יאָ, יאָ, — האָט זי נאָכאַמאָל אויסגעשריגן. — טו בעסער א קוק אױף מיר, וואָס איז פון מיר געוואָרן!..

נאָר אין אָט דעם נײַעם אויסגעשריי איז שוין קײן בײזקײַט ניט געווען, זי האָט אַליין ניט געוווּסט, וויאַזוי און וווּהין די בײזקײַט האָט מיטאַמאָל ניט געסטײַעט, האָט זי זיך פּאַשעט צעכליפּעט און שוין ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן. מיסטאַמע האָט זיך דאָס וויינענדיקס אָנגעקליבן אין איר א לענגערע צײַט און נאָר געוואַרט אױף אַזא מינוט.

די שקאַפע איז געשטאַנען לעבן דער קאַרעטע, געשמאַק געכרומטשעט דאָס טרוקענע, שמעקנדיקע היי און שטיל צוגעהירזשעט פון פאַרגעניגן, און לעבן דער טיר איז געשטאַנען כענע און געוויינט. זי איז, ווי פריער, געווען פון קאָפּ ביז די פיס באַלויכטן מיט דער געלבלעכגרויער שײַן, נאָר דער געוויין האָט זי ווידער געענדערט. זי האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, און די האָר, וואָס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען איבער אירע בריסטן, האָבן זיך געוויגט. זי איז ווידער געוואָרן אַזא קלײנינקע, אַזא דארינקע, ווי אַמאָל, ווען ער האָט זיך אַרומגעפּירט מיט איר גאַנצענע נעכט איבער דער יאַנטשורער באַלקע, און טאַקע... א סאַך מאָגערער, ווי פריער. האָט אים מיטאַמאָל א וואָרג געטאָן אין האַלדז עפּעס גאָר א פאַרגעסענער, א פאַרטעמפּטער און פאַרהלושעטער געפיל, א געפיל פון הײסער, בריענדיקער צאַרטקײַט. ער האָט אַליין ניט געוווּסט, פונוואַנען האָט ער זיך פלוצלינג גענומען, אָט דער געפיל, און וואָס זאָל ער טאָן מיט אים. איז אים שוין גאָר געוואָרן קלאָאמוטנע אױפן האַרצן, נאָך מער דערפון, וואָס די געדאַנקען האָבן זיך ווי צעקאָליִצעט, און ער האָט שוין ניט געוווּסט, באַ וואָס ער האַלט און וויאַזוי אָפּענטפערן כענען אױף אירע טײַנעס, און מיט וואָס שטילן איר געוויין. אים אַליין איז נאָך ווײַט ניט געווען קלאָר, וואָס עס ווערט מיט דעם אַלעמען, וואָס מע גיט אָפּ אין קאַלווירט: צי האָסטו נאָך א כײלעק אין דעם, צי ניט, און ווי זעט ער אויס, דער כײלעק, ווו הייבט זיך אָן די שוטפעס, ווו ענדיקט זי זיך און וואָס בלײַבט דיר אַליין. דעם עמעס געזאָגט, האָט ער ביז איצט וועגן דעם ניט געטראַכט, ס'איז אים גאָר אַזוינס אױפן געדאַנק ניט געקומען. דערפאַר האָט דאָס אים זיך אויסגעוויזן צו נײַ און צו געפערלעך. מע טאָר גאָר וועגן אַזעלכע זאַכן ניט טראַכטן. אָבער די שקאַפע!..

— פאַרשטייסט, — האָט ער גערעדט האַלב צו כענען און האַלב צו זיך אַליין, — ס'איז דאָך א צאַרבאַלעכאַיִם!..

כענע האָט באַוויזן זיך אויסוויינען, שוין קימאַט זיך באַרויִקט און איז געוואָרן נאָכגיביקער:

— נאַרישער מענטש וואָס דו ביסט, ווייסט דאָך די גאַס ניט קאָנען דורכגיין, מע וועט טײַטלען אױף דיר מיט די פינגער.

— נו, נו! — האָט ער ווי געדראָעט יענע, וואָס וועלן פּרוּוון אים באַשולדיקן. — איך וועל זיי ווײַזן!..

ערשט איצט האָט ער צוגעטראַכט, וואָס צו טאָן מיט יענעם פון לאַנג פאַרהלושעטן געפיל, וואָס האָט זיך פלוצלינג אַזוי אין אים צעשפּילט. אָנגענומען כענען פאַר דער נאַקעטער האַנט און דערפילט, ווי די הויט אױף איר איז אײנגאַנצן אָפּגעקילט, געוואָרן האַרטלעך און פול מיט פּיפּטשעקלעך, האָט ער זיך אָנגערופן:

— כענע, קום שוין אַרײַן אין שטוב, ווייסט זיך נאָך צוקילן...

ווען דער ערעוובאגינענדיקער האַנעקריי, וואָס האָט זיך צעפּילדערט איבערן גאַנצן דאָרף פון אַלע זײַטן, האָט אופגעוועקט לייבלען פון זײַן געשמאַקן שלאָף און ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, האָט ער, נאָך אַ פאַרשלאָפענער, אַ כאַפּ געטאָן דעם זאַק מיט סיטשקע און אַפּגיך זי געגומען פאַנאַנדערשיטן אין די קאַרעטעס. דער־נאָך וועט ער, לויטן סיידער, באַגיסן די סיטשקע מיט וואַסער פונעם גרויסן פאַס, וואָס שטייט בא דער טיר, און זי איבערמישן מיטן ביסל דערט. ווען ער איז געקומען צום אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען די שקאַפּע, איז אים געוואָרן אַ ביסל קאַשע: פונוואַנען האָט זיך דאָ גענומען אָט די גערעמקײַט? ער האָט גענומען רײַבן די אויגן, געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז נאָך פאַרשלאָפן, און ערשט דאַן באַמערקט, אַז עס פעלט עפּעס. ס'האָט געמוזט דורכגיין נאָך אַ מינוט, ער זאָל פעסטשטעלן, אַז דאָס פעלט אוורעם־איצלס שקאַפּע. פונעם ציטער, וואָס האָט אים דורכגענומען, איז ער גלײַך וואַכנדיק געוואָרן און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, געמיינט — אַ געווייַנלעכע זאַך, אַ פערד בינדט זיך אָפּ, גייט אַרויס פון דער שטאַל און הייבט אָן אַרומבלאָנדזשען איבערן הויף. ער איז צוויי מאָל אַרומגעלאָפן די פערד־שטאַל, צוגעלאָפן צו דער קו־שטאַל, הינטער וועלכער ס'זײַנען געשטאַנען צוויי ניט קיין גרויסע סקירדעס שטרוי, וואָס צו איר האָט אַלעמאָל געצויגן די פערד, נאָר די שקאַפּע איז אין ערגעץ ניט געווען. אָן איבערגעשראָקענער, איז ער אַרײַנגעלאָפן צוריק אין שטאַל, אָנגעצונדן איינעם פון די לאַמטערנס, צוגעגאַנגען מיט אים צום אָרט, ווו די שקאַפּע איז געשטאַנען, און זיך אָנגעבויגן צו דער ערד. אָפן דיל, וואָס איז געווען געדיכט אויסגעבעט מיט פרישן און פאַר־לעגערטן הנאָי, איז גרינג געווען צו באַמערקן, אַז באַנאַכט איז עמעצער דאָ געווען. לעבן דער שקאַפּע האָבן די שפּורן פון אָט דעם עמעצן זיך געענדיקט און פאַרקערעוועט צוריק. הייסט עס, אַז די שקאַפּע האָט מען אַרויסגעגאַנוועט.

פאַרגעסן, אַז דער פרישטיק פאַר די פערד איז נאָך ניט פאַרטיק, אַז זיי קאָנען הײַנט אוועק אָף דער אַרבעט ניט קיין אָנגעהאָדעוועטע און ניט קיין אָנגעפּויעטע, איז ער ווידער אַרויסגעלאָפן פון דער שטאַל און אַזוי, מיטן לאַמטערן אין דער האַנט, אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד, זיך געלאָזט לויט די שפּורן פונעם גאַנעוו.

די רעגנס האָבן נאָך ניט באַוויזן אײַנפּרעסן און פאַרהאַרטעוועןן די ערד, די זון האָט זי נאָך ניט איבערגעטריקנט, אפילע אָף די וועגן איז זי נאָך געווען גאַנץ ווייך און אָפּגעשטעמפּלט אָף זיך יעדן טראָט. לייבלען איז ניט שווער געווען אונטערצושיידן די נעכטיקע טריט, וואָס האָבן שוין אָנגעוווירן זייער קלאָרקײַט, מיט די פרישע, וואָס מע האָט געמאַכט מיט אַ פּאָר שאָ צוריק. איז ער געגאַנגען לויט די פרישע שפּורן פון די פערדישע טלאָען און פון די פּאָר גרויסע שטיוואַלעס, וואָס האָבן געפירט באַרג־אַרויף, דערנאָך באַרג־אַראָפּ. געמיינט האָט לייבל, אַז די שפּורן וועלן פירן צום שכיינעסדיקן דאָרף קראַסנאָסיאָלקע, נאָר זיי האָבן פאַר־קערעוועט אָף רעכטס, זיך געצויגן לענגויס דער באַלקע און דערנאָך אוועק מיטן סטעפּ. דאָ האָט מען שוין ניט געדאַרפט גיין אָנגעבויגן, דער לאַמטערן איז שוין אויך געווען איבעריק, די שפּורן זײַנען געוואָרן אַ סאַך בוילעטער...

די באַנאַכטיקע געלבלעכע שײַן האָט ניט געסטײַעט, און די ערעוובאַגינענדיקע גרויקײַט, אָן אונטערגעמישטע מיט אַ שיטערן נעפּל, האָט אַ ביסל פאַרשטעלט דעם אַרום, געמאַכט אים ווי צעשוווּמען, מיט אומקלאָרע, מעטושטעשע ברעגן. נאָר לייבלען האָט דאָס ניט געשטערט. ער האָט געדאַרפט נאָר די שפּורן פון פערדישע טלאָען און פון אַ פּאָר גרויסע, צערעפּעטע שטיוואַלעס.

דעם מאַסיוו, וואָס הינטער די גערטנער, האָט מען נאָך ניט באַוויזן אופאַקערן, און ער איז נאָך געלעגן אין זײַן פרי־ערדיקער, ביזקאָלווירטישער פאַרצײַטיקײַט, אַ פאַרפלעקטער מיט אָן אַ שיר שמאָלע פּאַסיקלעך און מעזשעס, יעדער פּאַסיקל מיט זײַן קאָליר, יעדער פּאַ־סיקל מיט די רעשטלעך פון זײַן לעצטן ביזקאָלווירטישן יאָר: ווו געדיכט אָנגעשטעקט מיט באַדיליעס פון זונרויזן און קוקורוזע, ווו פאַרהיט אָף זיך די פּאַרטויעטע סטערניע און ווו ניט איבעריק טיף אופגעאַקערט אין פּאַריקן האַרבסט. די שפּורן האָבן ווי אַרויסגעשריגן פון יעדן פּאַסיקל, און לייבל האָט געשטעלט די טריט וואָס אַמאָל גיכער, אפילע געלאָזט זיך לויפן, אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, ווײַל ער איז אַלעמאָל פאַרזונקען געוואָרן אינעם נאָך פײַכטן פריר־אַקער און קוים אַרויסגעשלעפּט די פיס. באַמערקט, אַז די שפּורן פאַרקערעווען צום גאָרטן, וואָס הינטער אוורעם־איצלס שטוב, האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ. אַ געפּלעטער, אַ דערשיטערטער פון דעם, וואָס ער האָט אין אָט דער מינוט אופגע־דעקט, האָט ער אויסגעשריגן אַזוי, אַז ס'האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן סטעפּ:

— גוואַלד וועל איך שרײַען! אוורעם־איצל דער מעשוגענער!..

אָבער געלאָזט האָט ער זיך לויפן ניט צו אוורעם־איצלען, נאָר איבערן דאָרף, וואָס האָט

ערשט אַנגעהויבן אופוואכן פונעם קורצן פרילינגדיקן שלאָף. געלאָפן און געשאָקלט מיטן פּאַרלאָשענעם לאַמטערן, ווי מיט א גלאָק, און געשריגן אזוי, אז דאָס זאָל אופוועקן אַלעמען:

— אווראָם־איצל דער מעשוגענער, אווראָם־איצל דער מעשוגענער! די אייגענע שקאַפּע אַרויסגעגאַנוועט!

באַטאָג וואָלט דאָס עפּשער ניט אזוי געריכט, באַטאָג האָט זיך יעדערער זײַנע אייגענע איניאָנים. נאָר באַגינען איז דאָס געווען גענוג, אז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל זיך צונויפלויפן צו אווראָם־איצלס הויף, ווי אף א סרייפע. אווראָם־איצל האָט שוין באַוויזן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט אַלע שטוב־איניאָנים, און איצט איז ער געשטאַנען מיטן טאַרבעלע עסנוואַרג אין איין האַנט, מיט דער בײַטש אין דער צווייטער, אָנגערוקט דאָס היפּש־אָפּגעריבענע ווינטערדיקע היטל איבער די אויגן, און זיך געקליבן גיין אפן קאַלווירטישן הויף אײַנשפּאַנען די פערד אין די באַרענעס. אַן אַרומגערינגלטער מיטן אופגערודערטן און נײַגעריקן אוילעם מענער און ווײַבער, האָט ער א פּאַרוואונדערטער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, ניט פאַרשטייענדיק, צוליב וואָס האָט מען עס אופגעהויבן אזא טאַראַראַם. זײַנע ניט אויסגעשלאָפענע אײַנגעשרומפּענע און היפּש רויטלעכע אויגן האָבן איבעראַשט אונטערגעפינטלט, און אף זײַן ניט גע־גאָלטן פּאָנעם, פול מיט רויטלעכע האָרעלעך, איז געלעגן א קליין האַלב שולדיק און האַלב אומשולדיק שמייכעלע, פול מיט יענער קינדערישער נאַיִוקײַט, וואָס קומט שטענדיק דערפון, ווען א מענטש ווייסט אַליין ניט, וואָס מע וויל פון אים. גלײַך דער גאַנצער איניַען איז באַשטאַנען אין דעם, צי איז זי דאָ, די שקאַפּע, צי מע האָט זי טאַקע אָוועקגעגאַנוועט, האָט ער מיט זײַן קינדעריש שמייכעלע באַרויִקט דעם אוילעם:

— שאַט, שאַט, זי איז גאַנץ, די שקאַפּע, זי איז בא מיר...

דאָס האָט געדאַרפט זײַן גענוג אף צו באַרויִקן די אופגערודערטקײַט און באַפרידיקן די נײַגעריקײַט, נאָר פאַר לייבלען, וואָס האָט פאַר דער שאָ איבערגעלעבט אַזויפיל שרעק, איז דאָס געווען ווייניק אף צו שטילן זײַן צאָרן. ער איז צוגעלאָפן צו אווראָם־איצלען און אים א נעם געטאָן פאַר די לאַצקענעס פון זײַן קורץ פּעלצעלע מיט אזא מינע, גלײַך ער קלײַבט זיך אים נעמען פאַרן גאָרגל.

— דו!.. פערד־גאַנעוו, — האָט ער זיך צעקוויטשעט. — מישפּעטן דאַרף מען אים! אין מיליציע!

געווען איז לייבל מיט א קאָפּ נידעריקער פון אווראָם־איצלען, און די גוורע זײַנע איז אויך געווען פון דעם מין. קיין כילעש איז ער ניט געווען, נאָר דער גאַנצער אויסזען זײַנער, דאָס אײַנגעשרומפּענע פּאָנעם, דאָס שיטערע בערדל און די לאַנגע, דאַרלעכע האַנט האָבן גע־מאַכט אַן אײַנדרוק פון א באַשעפעניש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין א טריקעניש.

— נו, דו... — אווראָם־איצל האָט דאָס אַרויסגערעדט גאַנץ רויִק און אַראָפּגעטרייסלט פון זיך לייבלס דאַרלעכע הענט. ער האָט אַלץ געקוקט אפן אוילעם א ביסעלע טאַמעוואַטע, און אין זײַן שמייכעלע, וואָס איז געווען א האַלב שולדיקס און א האַלב אומשולדיקס, איז געווען טיף פאַרוקט עפּעס מעכילעדיקס: זאָל מען אים, הייסט עס, מויכל זײַן פאַר אָט דעם טאַראַראַם.

— וואָס זשע שטייען מיר, — האָט ער זיך אָנגערופן א ביסל באַרויִגעזלעך און א טרייסל געטאָן מיטן ציצענעם טאַרבעלע. — שוין צײַט אַרויספאָרן אין סטעפּ.

— מיט וואָס וועט איר פאָרן? — האָט לייבל ווידער זיך צעקוויטשעט. — איבער דיר זײַנען די פערד געבליבן ניט קיין געהאָדעוועטע און ניט קיין געפּויִעטע.

— ניט געווען געדאַרפט שלאָפן, — האָט אווראָם־איצל אים אָפּגעענטפערט שוין אויך צעבייזערט.

מיט דעם האָט ער געוואָלט זאָגן א סאַך מערער: ווען לייבל זאָל ניט געווען אזוי געשמאַק שלאָפן א גאַנצע נאַכט, וואָלט ער אים באַצײַטנס געווען דערקלערט, פאַרוואָס מוז ער אוועק־פירן די שקאַפּע אהיים, און עס וואָלט ניט געווען געקומען צו אָט דעם אַליאַרעם. נאָר לייבל, נאָך מער צעהיצט איבער דעם, וואָס אווראָם־איצל האָט אים אויסגעוואָרפן, אז ער איז גע־שלאָפן אף זײַן פּאָסטן, איז שוין טאַקע גרייט געווען א נעם טאָן אווראָם־איצלען פאַרן גאָרגל:

— גאַנעוו איינער! דעם פּאַרזיי אַראָפּגעריסן! אין מיליציע!..

— ער איז ניט קיין גאַנעוו!..

ערשט איצט האָבן אַלע באַמערקט כענען. זי האָט שוין באַוויזן עפּעס אַרופוואַרפן אף זיך, נאָר געשטאַנען א באַרוועסע, און די אָפּגעקילטע ערד האָט מוירעדיק געשניטן די פיס און אַרויסגערופן א גרויל איבערן גאַנצן לײַב.

— ער איז ניט קיין גאַנעוו, — האָט זי אויסגעשריגן מיט א ציטעריקער שטים. — איר ווייסט דאָך אַליין, אז די שקאַפּע האָט פאַראיאָרן אָפּגעוואָרפן. איז טאָמער, כאַלילע, ווידער?

זיך פֿאַרלאָזן אַף לײבלען? ער קאָן אַלץ פֿאַרשלאָפֿן! און די שקאַפֿע... ס'איז דאָך אַ צאַרבאַ־לעכאִים!..

כּענע האָט אַלײן ניט באַמערקט, אַז זי כּאַזוערט איבער אוּראָם־איצלס װערטער, מיט װעלכע ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר איר און מיט װעלכע זי פּרוּװט איצט פֿאַרענטפֿערן אים פֿאַרן גאַנצן דאָרף. האָט שױן אוּראָם־איצל אַלײן ניט געהאַט מער װאָס צו זאָגן. ער איז געשטאַנען און מיט אַלץ װאַקסנדיקן אומגעדולד געקוקט אױפֿן מיזרעך־ראַנד, װאָס װערט װאָס אַמאָל העלער, הײבט אָן זיך רױטלען, און אַלעמאָל אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בײַטש, װי געבנדיק אָנצוהערן, אַז ס'איז שױן צײַט, שױן לאַנג צײַט אַרױספֿאָרן אין סטעפּ. דערנאָך, דערפֿילט, װי פֿונעם סטאַװאָק, װאָס הינטערן דאָרף, האָט אַ צי געטאָן מיט שנײַדנדיקער פֿײַכטקײַט און אַ קיצל געטאָן אין דער נאָז אַף אַ ניס צו טאָן, האָט ער פֿאַריכט אױפֿן קאָפּ דאָס היטל, עס זאָל אַזױ ניט קריכן איבערן שטערן, און אױסגערופֿן:

— נו, האָדי! — און געמאַכט אַ פּאָר טריט אַף אַרױסרײַסן זיך פֿון דער אַרומרינגלונג. — און זאָל עמעצער נאָר פּרוּװן זיך צורירן צו דער שקאַפֿע... די קישקעס װעל איך אים אַרױס־לאָזן!

2

אַריבערגעשפּרונגען דעם בײַנהאַשמאָשעס, האָט די נאַכט זיך אונטערגעגאַנװעט מיט אַ דריבנע רעגנדל, אַזאַ, װאָס קאָן זײפֿן אַ גאַנצע נאַכט און קוים אַ ביסל באַנעצן, צופֿלעטשן דעם עסעריקן שטױב. נאָר װען ס'זאָל אַפֿילע געװען גיסן, װי פֿון אַן עמער, ס'זאָל אַפֿילע געװען דונערן און בליצן, װאָלט שױן מױשע־יאָסיע ניט געװען אָפּגעלײגט דאָס אַרױספֿאָרן אַף גאַנצפֿרי צי אַף אַן אַנדער טאָג. װיפֿל איז דאָס אַ מענטש בעקױעך הריזען זיך באַטאָג און באַנאַכט, װיפֿל קאָן מען עס שפּאָרן זיך מיט זיך אַלײן און האַלטן אין אײן אײַנרעדן זיך, אַז דער גאַנצער אַרום, דער היגער סטעפּ, דאָס אײגענע דאָרף, אַלע דײַנע שכײנים זײַנען דיר נימעס, װי דער טױט, און אַז אַפֿילע די שטוב דײַנע, די שטוב, אין װעלכער דו ביסט געבױרן געװאָרן און אױסגעװאַקסן...

יאָ, טאַקע די שטוב... ביסט אין איר געבױרן געװאָרן און אױסגעװאַקסן, כאַסענע געהאַט און קינדער אַף דער װעלט געבראַכט... ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זי איבערגעדעקט מיט נײַער טשערעפּיצע, ערשט פֿאַראַיאָרן אַ נײַ שטאַלעכל צוגעבױט... און דער גאָרטן!.. דער גאָרטן, װעלכן דו האָסט הונדערטער מאָל מיט די אײגענע הענט דורכגעפּאָליעט און דו װײסט אַף אױסװײניק יעדער בערגעלע זײַנס, יעדער קנײטשעלע, יעדער ריװטשעקל, װי דײַנע אײגענע מאָזאָליעס, װי דאָס גולקעלע אױפֿן רוקן, װאָס דערמאָנט אָפּטמאָל װעגן זיך מיט אַ טעמפּן װײטעק... אַלץ, אַלץ איז אַזױ שװער אָפּטײלן פֿון זיך, װײַל אין דעם אַלעמען ביסטו אַלײן מיט דײַן גאַנצן ניט גרינגן לעבן, מיט דײַן שװערער מי און מיט דײַן האָב און גוטס, מיט דײַנע גאַנץ באַשײדענע פֿױערישע טרױמען... אַלץ, אַלץ איז אַזױ שװער אָפּרײַסן פֿון זיך, װי דאָס האַרץ אַלײן, די שאָ זאָל ניט זײַן, דאָס האַרץ, װאָס איז שױן װי אָנגעשװאָלן פֿון די אַלע הריזעַנישן. און נאָך אַלעמען איז דאָס דיר אַלץ אַזױ דערעסן, אַז דו קאָנסט שױן ניט דערװאַרטן די מינוט, זאָלסט פּאָטער װערן פֿון דעם אַלעמען, זאָלסט זיך ענדלעך דערפֿילן פֿרײַ פֿון די אַלע הריזעַנישן, פֿון די דאָזיקע שװערע פּענטעס, פֿרײַ, װי אַ פֿױגל, װאָס הײַנט איז ער דאָ, מאָרגן ערגעץ אַנדערש און איבערמאָרגן — װוּ נאָר דאָס האַרץ װעט פֿאַרגלוסטן.

יאָ, סײַװי איז שױן ניט געװען אַף װען אָפּלײגן דאָס אַרױספֿאָרן. װיפֿל קאָן מען עס זיצן אין דער אײגענער שטוב, װאָס איז שױן ניט דײַנע, קוקן אױפֿן גאָרטן און װיסן, אַז דו װעסט שױן ניט פֿאַרזעצן אַף אים דײַנע קאַרטאָפֿל, דײַן פּאַפּשױ און דײַנע זונרױזן, קוקן אַף אַלץ, װאָס איז דאָס גאַנצע לעבן געװען דײַן אײגנס — דער נאָך צעקװאָסעטער סטעפּ, דער פֿרילינגדיקער הימל און די לאַנגע דאָרפֿישע גאַס, איבער װעלכער דו האָסט געשפּאַנט אַלע דײַנע יאָרן, זומער און װינטער, אין רעגנס און אין בלאָטעס, אין פֿרעסט און אין זאַװײען, און פֿילן, אַז דאָס איז שױן ניט דײַנס, אַז דאָס איז דיר שױן פֿרעמד און דערעסן און אַז דו אַלײן ביסט זײ אַלעמען, דעם היגן הימל און דעם היגן סטעפּ, שױן אױך אַ פֿרעמדער.

צוערשט האָט זײַן זלאַטע אַפֿילע הערן ניט געװאָלט װעגן דעם. זי האָט פּאָשעט ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן זיך, װי לעבן עס מענטשן אָן אַ שטיקל גאָרטן, אָן עטלעכע אױפּעס אױפֿן הױף און אָן אַ קו. װי קאָן מען עס לעבן, אַז מע דאַרף יעדן טאָג קױפֿן דאָס שטיקל ברױט, די גלאָז מילך, אָן אוגערקע און אַפֿילע דאָס שטיקעלע פּעטרעשקע. װי נעמט מען דערצו אַזױפֿיל געלט און װי קאָן מען עס יעדן טאָג אָװעקטראָגן אין קלײט אַרײַן צי אױפֿן מאַרק

א פאַרהאָרעוועטע קאָפּעקע. איצט האָט זי אַליין אָנגעהויבן אונטעריאָגן דעם מאַן, זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויספאָרן, וואָס גיכער ערגעץ אײַנאָרדענען זיך און אָנהייבן עפּעס טאָן. פון דעם, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר זייער שטוב, האָבן זיי שוין באַלד אויפגעגעסן א וואַנט. קאָנען זיי דאָך אינגיכן אופעסן אַזוי דעם דאַך. דאָס האָט טאַקע זי, זלאַטע, געצוווּנגען מוישע־יאָסיען זיך דורכפאָרן צו א באַקאַנטן קיין מאַקייעווקע און אָפּדינגען דאָרטן א שטוב. די שטוב איז מוישע־יאָסיען ניט שטאַרק געפעלן געוואָרן, נאָר די שטאַל איז געווען א נישקאָשעדיקע. ס׳וועט זײַן וווּ אוועקשטעלן די פערד און די קו. זלאַטען האָט ער געלויבט די שטוב אין טאָג אַרײַן, זי שטייט אַף א גוט אָרט, אַפן סאַמע ברעג פון שטאָט, שוין קימאַט אין סטעפּ. עס וועט זײַן וווּ די קו צו פּאַשען. קוינים אַף מילך וועלן אויך זײַן, און וועגן אַרבעט איז שוין אָפּגערעדט — שאַכטעס אַרום און אַרום. וועט זײַן אַרבעט פאַר אים און פאַר די פערד. אַבי געזונט. האָט שוין זלאַטע וואָס גיכער געוואָלט זײַן דאָרט. עפּשער וועלן זיי נאָך קריגן א שטיקל גאָרטן און באַווײַזן עפּעס פאַרזעצן.

די געדיכטע כמאַרעס האָבן אָפּגיך זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן בײַנהאַשמאָשעס און גלײַך געמאַכט נאַכט. מוישע־יאָסיע איז גראָד געווען צופרידן דערפון. וועט ער האָבן ווייניקער אונטערקוקער, מיטזיפּצער און אָפּשפּעטער.

— נו, זלאַטע, וועלן מיר אָנהייבן אַרויסטראָגן די זאַכן...

פון אַלע בעבעכעס, פונעם גאַנצן ביסל מעבל, וואָס איז געווען ווי אײַנגעמויערט, אײַנגעוואַקסן אינעם שטיבעלע, גלײַך ס׳איז געבוירן געוואָרן אינאיינעם מיט די גראָבע לאַמפּאַטשענע ווענט און מיט דער הילצערנער, שוין היפּש פאַרויכערטער סטעליע, איז אַרויסטראָגן געבליבן זייער ווייניק. די אַלטע שאַפע מיט די געשניצטע קאַרניזלעך און מיט די צעטריקנטע טירלעך האָט זיך צעשאָטן אַף שטיקלעך, ווי נאָר מע האָט געפּרווּוט זי א ריר טאָן פון אָרט, דאָס הילצערנע בעט מיטן הויכן ווענטל און סקריפּענדיקע צאַרגעס איז שוין לאַנג קיין בעט ניט געווען, געוואַלגערט זיך אַפן בוידעם צווישן דער קופּע ברעטלעך און דריקלעך. דעם אַלטן שפּיגל, וואָס איז געווען פול מיט פלעקן, גלײַך ער האָט געקרענקט מיט פּאָקן, און אין וועלכן ס׳איז שווער געווען צו זען כאָטש א שטיקל פּאָנעם, איז ביכלאַל א ביזאָיען געווען פירן מיט זיך. איז געבליבן דאָס שמאָלע אײַזערנע בעטל מיט א ביסל אויסגעקרימטע פיסלעך, דאָס קיך־שאַפקעלע, וואָס קאָן פאַר א נויט דינען אויך פאַר א טיש, די פּאָר טאַבורעטלעך און דאָס באַנקבעטל מיט די געשניצטע קאַרניזן. זיי האָבן פריִער גראָד געקלערט פאַרקויפן דאָס באַנקבעטל, נאָר מער ווי א דרײַערל האָט קיינער ניט געגעבן, האָבן זיי עס נאָך פריִער אַריבערגעטראָגן צו מוישע־יאָסיעס ברודער, צו אַבע־שמועלן. דאָס האָט ער, אַבע־שמועל, דאָך געייצעט לאָזן בא אים זייער זעליקן, ער זאָל ענדיקן דאָס לערניאָר, ער איז דאָך שוין אין זיבעטן קלאַס. וועט ער האָבן אַף וואָס צו שלאָפן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס מוישע־יאָסיע האָט אים געפּאָלגט, דעם עלטערן ברודער.

דאָס שאַפקעלע איז געווען שטאַרק אָנגעבראַקנעט, אָנגענומען זיך מיט קיך־פײַכטקײַט פון וועלער ווייסט וויפל יאָרן, געווען שווער מיט רוכעס און קוים זיך אײַנגעמאָסטעט אַפן וואָגן. נאָך דעם האָט דאָס אײַזערנע בעטל און דער קאַסטן, אין וועלכן זיי האָבן אָנגעשטאָפּט דאָס בעטגעוואַנט און דאָס ביסל מאַלבושים, שוין אויסגעזען פיל גרינגער. א ביסל שווערער איז געווען די פאַס, כאָטש קיין זײַעכץ איז שוין אין איר ניט געווען. דאָס ביסל זויערע אוגערקעס האָט זלאַטע נאָך גאַנצפרי אַרויסגענומען און אַריבערגעלייגט אין א פּאָר עמער.

דעם עמעס געזאָגט, האָט מוישע־יאָסיע די גאַנצע צײַט געוואַרט, אַז אַבע־שמועל זאָל אין אָוונט צוקומען זיי העלפן זיך אײַנפּאַקעווען אָדער פּאַשעט זיך געזעגענען. נאָך אַלעמען, נאָך אַלע רויגעזן, שפּאַרעניִשן און קריגערײַען זײַנען זיי דאָך לײַבלעכע ברידער. נאָר אַלץ איז שוין געווען אײַנגעפּאַקעוועט, מע האָט שוין געקאָנט אַרײַן אין שטאַל, אַרויספירן און אײַנשפּאַנען די פערד, אַרויספירן די קו און זי צובינדן צום וואָגן, נאָר ס׳איז ניט געווען צו זען, אַז עמעצער זאָל צוקומען צו זייער הויף. האָט ער שוין ניט געוווּסט, ווי אויסטײַטשן דאָס אַלץ און מיט וואָס דאָס דערקלערן. צי איז דאָס געשען דערפאַר, וואָס אַבע־שמועל האָט געקאָנט ניט וויסן, אַז זיי פאָרן אַרויס הײַנטיקע נאַכט, ווײַל די לעצטע טעג איז זייער רויגעז דערגאַנגען צו אַזאַ גראַד, אַז זיי האָבן ניט גערעדט צווישן זיך. צי ער האָט, מעגלעך, יאָ געוווּסט און אומיסטן ניט געקומען. האָט שוין מוישע־יאָסיען געלוינט בעסער דאָס צווייטע. דערמיט האָט מען געקאָנט מער צערייצן זיך, צעבלאָזן דעם טליִענדיקן צאָרן, די עסעריקע פאַרביטערטקײַט און פאַרטרײַבן וואָס טיפער דעם נאָגנדיקן אומעט, וואָס טוט אַלע מאָל דאָ א שטאָך, דאָ א בראָך און כאַפּט זיך אָפּטמאָל אַרײַן מיט אַזאַ פּרעסעניש אונטערן האַרצן, אַז ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

צווי לײַבלעכע ברידער, און ווי פּײַער מיט וואַסער. דאָס האָט ער, אַבע־שמועל, דער געלערנטער ברודער, צוגעטראַכט די שפּיל מיט די ראָשעטייוועס פון זייערע נעמען. פון זײַן אייגענעם נאָמען, פון אַבע־שמועלן, האָט ער גענומען די ערשטע אויסיעס און געמאַכט פון זיי דאָס וואָרט אייש — פּײַער. צו מוישע־יאָסיעס נאָמען צוגעגעבן דעם ערשטן אָס פון זייער פאַמיליע — מעדוועד, און ס׳איז געוואָרן מאַים — וואַסער. כאָטש, אינדערעמעסן, איז דאָס געווען פּונקט פאַרקערט. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, אַזוי צי אַזוי, זײַנען דאָס געווען ביז גאָר פאַרשיידענע מענטשן. מיט איין וואָרט — פּײַער מיט וואַסער.

קיין געלערנטער איז אַבע־שמועל ניט געווען. דאָס ביסל טוירע איז בא ביידן געווען פון איין קוואַל און פון איין מאָס. נאָר אַבע־שמועל האָט דאָס ליב געהאַט, און בא מוישע־יאָסיען איז דאָס געווען אַ פּוסטער איניען. אַבע־שמועל האָט ליב געהאַט די ניגנדלעך פון די שאַבעסדיקע און יאָמטעוודיקע תּפילעס, געקוויקט זיך מיט אַ קאַפּיטל טילים, מיט עפּעס אַ שטעל פון שיר־השירים, מיט אַ ווערטל פון פּיירעק, וואָס ער האָט זייער גוט געקאָנט ניט נאָר פאַרטײַטשן, נאָר אויך אויסטײַטשן. און באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט דעם שאַבעס, ניט אַזוי פאַר די שאַבעסדיקע מײַכאָלים און פאַר דעם אָפּרו, ווי פאַרן געפיל פון יאָמטעוודי־קײַט, וואָס נעמט אים דורך און מאַכט אים גאָר אַן אַנדערן, גאָר ניט ענלעך אָף יענעם וואָ־כעדיקן. אַ געפיל פון דערהויבנקײַט, פון ייִכעסדיקײַט, פון עמעסן נאַכעס־רועך, פול מיט ניט ערדישן טײַנעג, מיט יענעם רוכניִעסדיקן, וואָס דערהייבט דעם מענטשן אין זײַנע אייגענע אויגן.

טאַקע דערפאַר האָט אַבע־שמועל שטענדיק אַרײַנגענומען דעם שאַבעס אַ סאַך פריִער פון אַנדערע, און אַפילע אין סאַמע ברען פון שניט איז ער פאַרטיק נאָך אַ האַלבן טאָג שוין געווען אין דער היים. זײַן פייגע האָט געראַמט אין שטוב, געשמירט די ערד, און ער האָט אויסגעקערט דעם הויף, צוגעפּוצט אים אַזוי, אַז קיין שטויבעלע, קיין פּעדערל זאָל אָף אים זיך ניט וואַלגערן. מיט איין וואָרט, ער האָט זיך געגרייט אָפּנעמען די מאַלקע, אַזוי ווי איר קומט, אַזוי ווי עס זאָגט זיך טאַקע ערעוו שאַבעס — לייכאָ דוידי, ליקראַס קאַלאָ, — קום, מײַן פרײַנט, באַגעגענען די קאַלע. ער איז שטענדיק געגאַנגען דעם שאַבעס אַנטקעגן און אַרײַנגע־נומען אים מיט גרויס קאָוועד.

פאַר מוישע־יאָסיען איז דער שאַבעס געווען ווי אַן אָפּקומעניש. ער האָט ניט געוווּסט, וווּהין אַהינטאָן זיך, וואָס טאָן מיט זיך אַליין, סײַ גאַנצפרי אין שול, סײַ דערנאָך אַ גאַנצן טאָג אין דער היים. און געווען בייז אָף זיך און אָף דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס אָף די, וואָס האָבן צוגעטראַכט אַ שאַבעס, און דו מוזסט פּוסטעפּאַסעווען, ווען די קאַרטאָפל וואַרטן, מע זאָל זיי דורכפּאַליען, דער פּאַר וואַרט, מע זאָל אים פאַרבאַראָנעווען, און ס׳קאָן, כאָלילע, איבערשטיין דער צײַטיקוווערנדיקער גערשטן. פונעם גאַנצן פּיירעק האָט מוישע־יאָסיע אויסגע־קליבן פאַר זיך איין מידע, וואָס איז געוואָרן פאַר אים אַ געזעץ — עמויר מייאַט, וואַאסיי אַרבאָ — רעד ווייניקער און טו מערער. אַרבעטן האָט ער געקאָנט גאַנצע מעסלעסן און שטענ־דיק אָפּגעזוכט פאַר זיך, וואָס צו טאָן, אויב ניט אין סטעפּ, איז אָפן גאָרטן, אויב ניט אָפן גאָרטן, איז אין שטאַל, און געקאָנט אָפּקומען אַ טאָג מיט עטלעכע געציילטע ווערטער. זײַן געדיכטע שוואַרצע און פּלאַטשיקע באָרד האָט געמאַכט זײַן פּאָנעם ברייטער ווי לענגער און בייזער, ווי ער איז געווען אינדערעמעסן. שאַבעס אין די באָרד געווען נאָך בייזער. אַבע־שמועלס שיטערע באָרד, פאַרקערט, האָט שאַבעס געגלאַנצט פון טײַנעג, פּונקט ווי די אויגן זײַנע, און ער איז גרייט געווען קושן זיך מיט דער גאַנצער וועלט.

יאָ, קיין געלערנטער איז אַבע־שמועל ניט געווען, קיין פּויליאַק אָבער אויך ניט. נאָר ער איז ניט געווען אַזוי פאַרקויפּט צו דער אַרבעט. און דאָס, וואָס מוישע־יאָסיע האָט אָפּט גע־זאָגט אָף אים אונטער די אויגן „מײַן געלערנטער ברודער”, און דאָס, וואָס אַ צערודעוועטער האָט ער אים אַמאָל אין די אויגן אָנגערופן פּויליאַק, האָט יענער אופגענומען מיט אַ גרינג מעכילע־שמייכעלע. ניטאָ, הייסט עס, פּאַרוואָס און מיט וועמען פראַווען אַ רויגעז.

מיט זייער רײַכשאַפט האָבן זיי אויך געקאָנט אויסגלײַכן זיך. זיי זײַנען ביידע געווען פון יענעם מין מיטלפּויערים, וועמען עס פעלט זייער אַ סאַך צו פאַרמעגלעכקײַט. און דאָך — פּײַער און וואַסער.

זייער רויגעז האָט אָנגעהויבן פאַרטיפערן זיך, ווען אין דאָרף האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן קאָלווירט. אַבע־שמועל האָט געזאָגט, אַז דאָס דאָרף זײַן אַ קלוגע זאַך, מוישע־יאָסיע האָט אָנגעהויבן שפּײַען, ווי נאָר מע האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן דעם. דאָס האָט אים גע־דאַרפט פאַרבײַטן פיל זאַכן, פאַר וועלכע ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין ווערטער. בלויז איין מאָל, ווען אַבע־שמועל האָט אים געפּרוווט דערווײַזן, אַז אויב דאָס גאַנצע דאָרף וועט אַרײַן אין קאָלווירט, וועט ער דאָך ניט קאָנען בלײַבן איינער אַליין, ווײַל ס׳איז נאָכאַמאָל,

אין פײַרעק, געזאָגט געוואָרן — אַל טיפּרויש מין האַציבור — זאָלסט זיך ניט אָפּטײלן, אָפּשײדן פון דײַן געמײנדע, האָט מוישע־יאָסיע אױך דערמאָנט זיך אַ לאַנג פאַרגעסענעם שטעל פונעם פײַרעק און אױסגעשפּיגן:

— אים איין אני לי, מי לי?..

נו, יאָ, אַן אַלט ווערטל: אויב ער אַלײן וועט זיך ניט דײַגענען פאַר זיך, ווער זשע וועט פאַר אים דײַגענען?

געוויס האָט אַבע־שמועל אים געקאָנט דערוויַזן, אַז גלײַך נאָך אָט דעם פּאַסעק קומט גאָר אַן אַנדערער, וואָס זאָגט פּונקט דעם הײפּעך, אַז ביכלאַל איז דאָס ווערטל שטאַרק פאַרעלטערט, נאָר ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז פירן מיטן ברודער אַ וויקוער אַפן סמאַך פון פײַרעק איז אַ פּוסטער איניען, דערצו האָט אינגיכן די קריגערײַ אַנגענומען אַזאַ פאַרנעם און איז געוואָרן אַזוי הײס, אַז מע האָט זיך געקאָנט באַגײן אָן פּסוקים. אַזוי לאַנג, ביז זײ האָבן אינגאַנצן אױפֿגעהערט צו רעדן. די שטוב־איניאָנים, בײס וועלכע מע מוז אָנקומען אײנער צום אַנדערן, האָבן געפירט צווישן זיך די ווײַבער, זלאַטע און פײַגע. זײ האָבן שוין געקאָנט אָנרעדן זיך און אָנווײַנען זיך, וויפל זײ האָבן געוואָלט.

דאָס דריבנע רעגנדל האָט געלאָזט הערן וועגן זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, און זלאַטע האָט שוין אַפילע אַ זאָג געטאָן, אַז עפּשער לוינט צוּוואַרטן אַ פּאָר שאָ, ביז דער רעגן וועט דורך, מוישע־יאָסיע וואָלט שוין געוווּן געגעבן די האַסקאָמע, נאָר אין דער שכײנעסדיקער שטוב האָט עמעצער אַ רײַב געטאָן אַ שוועבעלע און דאָס פײַערל האָט אַ ווײַלע אַ בליץ געטאָן אין פענצטער. שלאָפט ער, הײסט עס, ניט און האַלט אין אײן אונטערקוקן, דער בײזער שאָכן זײַנער.

אַלע זײַנע יאָרן, ווען געאַקערט און געזײט, געשניטן און געדראָשן, פאַרקאַטשעט די הויזן און מיט באָרוועסע פיס אַרײַן אין זאַמעס פון לײם און קיזיקעס, ווען געפּאָליעט דעם גאָרטן און געריינקט די שטאַל, ווען געזעצט זיך צום טיש און געלײגט זיך שלאָפן, האָט ער געזען פאַר זיך דעם בײזן ניט פאַרגינערישן בליק פונעם שאָכן. אָפּטמאָל אים געזען אַפילע אין כאָלעם. זײ האָבן זיך קײנמאָל ניט געקריגט, ביכלאַל ווײניק גערעדט אײנער מיטן אַנדערן, און די פּאָר שטעכווערטלעך, וואָס דער שאָכן האָט פון מאָל צו מאָל געזאָגט וועגן אים אונטער די אויגן, איז דאָך ניט מער, ווי אַ פּײַג אין קעשענע. נאָר דער בליק זײַנער, דער שטעכיקער בליק אָף זײַן לאַנגן אָפּגעצויגענעם פּאָנעם האָט אוועקגערויבט בא מוישע־יאָסיען האַלב האַנאָע פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט פונעם אַקערן און זײען, פונעם שנײַדן און דרעשן, פונעם אַרומטאַנצן מיט די באָרוועסע פיס אינעם זאַמעס און פון דעם פעטן ראָספּלײש מיט די געזײַערטע פעפער, וואָס האָבן געבראָטן אין מויל, ווי אַ גוט ביסל מאַשקע.

וואָלט געווען צו דערלײַדן, ווען דער שאָכן זײַנער, בײנעש, וואָלט געווען אַ קאַפּצן און ער, מוישע־יאָסיע, אַן עמעסער גוויר. מיט זײער גווירעשאַפט וואָלטן זײ זיך געקאָנט אויסגלײַכן, נאָר בײנעש האָט געשלעפּט אָף זיך דעם דאַלעס און מיט אַלע קוּיכעס זיך געסטאַרעט אויסזען נאָך נישטיקער, ווי ער איז. ער איז שטענדיק געגאַנגען אָנגעטאָן קרוע־בלוע, אַ לאַטע אָף אַ לאַטע, און אָף זײַן פאַרקויטיקט, זעלטן־ווען געוואַשן פּאָנעם איז געלעגן ווי פאַרגליווערט אַן אויסדרוק פון באַאוולטקײַט און קינע צו דער גאַנצער וועלט, צו אַלץ, וואָס איז רײַנער פון אים, געראָטענער פון אים און, ווי אים האָט זיך געדוכט, שענער פון אים. און עפּשער נאָך מער — לײַטישער פון אים. אָף צולאָכעס דער וועלט האָט ער זיך געסטאַרעט נאָך מער פאַרנאַכלעסיקן אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט — דעם אײגענעם הויף, די שטוב, דאָס ביסל אינווענטאַר, ס'זאָל זיך יעדערן וואַרפן אין אויג, ער זאָל האָבן נאָך מער, פאַר וואָס מעקאַנע צו זײַן.

איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מוישע־יאָסיע האָט מער פון אַלעמען געליטן פון בײנעשעס בײזער קינע. אַ שטוב לעבן אַ שטוב, אַ הויף לעבן אַ הויף, אַ גאָרטן לעבן אַ גאָרטן. און אַלץ — ווי טאָג מיט נאַכט. אַפילע פאַר דער זון האָט בײנעש מעקאַנע געווען מוישע־יאָסיען. באַגינען, ווען די זון גײט אוף, פאַרגיסט זי מיט שטראַלן מוישע־יאָסיעס פענצטער, און פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגײט, לאָזט זי איבער עטלעכע וואַרעמע שטראַלעכלעך אין זײַנע, בײנעשעס. פאַר־וואָס זשע קומט מוישע־יאָסיען אַזאַ שעפע באַגינענדיקע שטראַלן און אים אַזאַ קלײן זשמענ־קעלע?

דאָס שוועבעלע, וואָס האָט אַ פלאַם געטאָן אין בײנעשעס פענצטער, האָט ווי אַ ברי געטאָן מוישע־יאָסיען, און דאָס האָט אים אַ יאָג געטאָן אין שטאַל וואָס גיכער אַרויספירן און אײַנ־שפּאַנען די פערד. זאָל ער שוין וואָס גיכער אַרויספאָרן, און פאָטער.

— זלאַטע, ווו ביסטו דאָרט? — האָט ער אַ רוף געטאָן דאָס ווײַב.

זלאַטע האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער פינצטער איבער די פוסטע צימערן, אַלע מאָל

זיך א קלאַפּ געטאָן מיטן קאָפּ אין אן אנדער ווענטל אָדער אליין צוגעפאלן צו א טירל, ווי צו עפּעס א לעבעדיקס, געגלעט די איבערגעטריקנטע ברעטלעך, די פארזשאווערטע קליאַמקעס, די אָנגעבראקנעטע, היפּש פארשמאָלצעוועטע הענטלעך און שטיל געכליפּעט. זי האָט ארומגעבלאָנדזשעט מיט האלב־צוגעמאכטע אויגן, אלץ געצויגן מיט די נאָזלעכער, ווי געוואָלט אײַנזאַפּן און מיטנעמען מיט זיך דעם גאנצן געמיש פון רייכעס, וואָס האָט אין מעשעך פון יאָרן זיך אָנגעזאמלט אין זייער שטוב, געוואקסן און געעלטערט זיך איינעם מיט זיי און געוואָרן א טייל פון זיי אליין — די רייכעס פון אופגעגאנגענע ראָשטשינעס, פון ברוינע און פעטע ראָסלפליישן, פון פארשיידענע זײַעכצן און געפילטע פעפערלעך, די רייכעס פון פריש־אָנגעשמירטער ערד, פון אויסגעוואשענע העמדער און איבערגעווייקטע ווינדעלעך. טאקע די רייכעס פון די ווינדעלעך האָבן זי איבעריקס פארהאלטן אינעם שמאָלן אלקערל מיטן פּיצעלע פענצטערל. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי איז דאָ געגאנגען צו קינד מיט איר זעליקן. געטראָפן האָט דאָס אינמיטן פרײַטיק, ווען זי אליין איז געווען פארפּאָרעט איבערן קאָפּ, און מוישע־יאָסיע... פרײַטיק איז אָף מוישע־יאָסיען שטענדיק אָנגעפאלן א יאָגעניש. פרײַטיק איז ער פארבליבן אין סטעפּ ביז שפּעט אין אָוונט, געארבעט מיט אזא זשעדנעקײַט, מיט אזא פארביסנקײַט, גלײַך ווי געסטארעט זיך אָפּטאָן אויך דאָס, וואָס ער וואָלט געקאָנט אָפּטאָן פארן מאָרגנדיקן שאבעס. פרײַטיק איז ער אפילע ניט געקומען אָף מיטיק, און זי האָט געמוזט ארויסטראָגן דעם שוין אָפּגעקילטן ראָסלפלייש אין סטעפּ.

יענער פרילינג איז געווען א רעגנדיקער, דער סטעפּ איז געלעגן א צעקוואסעטער, אָן אופגעבלאָזענער, ווי אן איבערגעשטאנענע ראָשטשינע, און מוישע־יאָסיע האָט שאָענווײַז באקוקט דעם אָנגעוואָלקנטן הימל, געזוכט אין אים עפּעס א ליכטיק שפּארונקעלע און שטילערהייט, אין זיך, געשאָלטן דעם באלעבאָס פונעם הימל מיט די סאמע ערגסטע קלאָלעס. ער האָט ניט געקאָנט דערווארטן זיך, די ערד זאָל ווי געהעריק צוטריקענען. לויט זײַן כעזשבן איז אויסגעקומען, אז מיטן גערשטן האָט מען שוין א ביסל פארשפּעטיקט, און פאריאָגט די פערד און זיך אליין, טרײַבנדיק זיי איבער דעם נאָך ביז גאָר פײַכטן סטעפּ.

ניט דערווארט זיך יענעם פרײַטיק אפן מיטיק, איז ער צוערשט געוואָרן בייז אָף זײַן זלאטען: זיך פארהאוועט מיט אירע שטוב־זאכן און פארגעסן אין אים. און ער האָט זיך שוין היפּש אויסגעהונגערט, אין אײַלעניש האָט ער דאָך הײַנט קימאט ניט געפרישטיקט. שפּעטער איז די בייזקײַט אריבער, און ער איז געוואָרן אומרויִק. זלאטע איז דאָך אָף דער צײַט, און ווער וויסט... האָט ער שוין געמוזט אוועק אהיים א סאך פריִער, ווי אין אלע זײַנע פרײַטיקס. און סײַווי שוין פארשפּעטיקט. מע האָט אים שוין אונטערגעטראָגן דעם מאָזלטאָוו, נאָך איידער ער איז ארײַנגעפאָרן אין הויף.

— וואָס איז געווען די אײַלעניש? — האָט ער זיך אָנגעברויגעזט אָף דער קימפּעטאָרן. — ניט געקאָנט צוווארטן אָף מאָרגן?

ס'הייסט, שאבעס איז דאָך סײַווי ניטאָ, וואָס צו טאָן. איז סאמע די צײַט...

אזוי קלאָר, אזוי מאמאָשעסדיק איז פאר איר אופגעקומען יענער ווײַטער קימפּעט, אז זי האָט אים דערפילט מיט אלע זײַנע ווייטעקן, מיט יענעם קאָפּדרייעניש, מיט יענער מוירעדיקער שנײַדעניש אין בויך און מיט יענעם כאלאָשעס, וואָס האָט געדויערט ווער וויסט וויפל, א מינוט צי א גאנצע שאָ... זי האָט געמוזט א נעם טאָן זיך פאר דער טיר, זי זאָל ניט אומפאלן.

— נו, זלאטע, ווו ביסטו דאָרט? — האָט ער זי ווידער א רוף געטאָן און איז שוין גרייט געווען זי א זידל טאָן דערפאר, וואָס זי פאָרקעט זיך אזוי לאנג, וואָס זי איז ביכלאל א קריכערקע, א לעמעשקע, א טויגעניכטס.

ער האָט קוים אײַנגעהאלטן אין זיך די זידלווערטער, ווײַל ער האָט געוווסט, אז דאָס איז ניט אזוי, זײַן זלאטע איז געווען א ווײַבל א בעריע, אן עמעסע איישעס־כאַיִל, ווי דער ברודער אבע־שמועל האָט זי גערופן. און צו וואָס זי זאָל זיך ניט געווען נעמען, האָט בא איר אלץ געברענט אונטער די הענט. פאר אלע יאָרן געדענקט ער ניט, מוישע־יאָסיע, אז דאָס ברויט זאָל בא איר ניט געראָטן, דער ראָסלפלייש זאָל אמאָל זײַן ניט דערזאלצן אָדער איבערגעזאלצן, די זײַעכצן זאָלן זײַן ניט דראָטיק און דער הויף זאָל זײַן ניט צוגעראמט. שוין אָפּגערעדט וועגן דעם גאָרטן, ווו זלאטע איז געווען די גלאוונע באלעבאָסטע. דער גאָרטן האָט געהאט א שעם איבערן גאנצן דאָרף מיט זײַן ריינקײַט, מיט זײַן אויסגעכאָליעטקײַט. אזעלכע קארטאָפל, אזעלכע זונרויזן און אזעלכע אוגערקעס זײַנען ניט געווען בא קיינעם. באזונדער איז מוישע־יאָסיען געפעלן געווען, ווי זי דערלאנגט די קאָפּיצעס אָף דער ארבע. זי טוט זיך א בייג אָן, טוט א שטעק ארײַן די ווילע טיף אין דער שווערער קאָפּיצע, טוט א הייב אוף און א שלײַדער ארוף אָף דער ארבע, גלײַך זי וואָלט געווען גרינג, ווי א פעדער.

עפעס האָט פונדעסטוועגן יאָ געהריזעט מוישע־יאָסיען, געהריזעט שטיל, מע קאָן זאָגן, אפילע געהיים, ווײַל ער אַליין וואָלט אין דעם זיך קיינמאָל ניט מודיע געווען. זלאַטע איז געווען א סאך העכער פון אים, שטאַלטנער און, געוויינלעך, שענער. קעגן איר האָט ער זיך געפילט א ביסעלע פעמפיקעוואַטע, און ער האָט אַליין ניט געוווסט, וועמען ער זאָל שילטן פאר זײַן גערדיכטער באָרד, וואָס האָט זיך צעוואַקסן איבערן גאנצן פּאָנעם, זיך צעלייגט איבער די באַקן ביז דער סאַמע נאָז. א בייזע, שווארצע באָרד, וואָס האָט געמאַכט דאָס פּאָנעם ברייטער ווי לענגער.

מעגלעך דערפאר, איבער אָט דעם ניט קלאָרן אייפער־געפיל, האָט ער זעלטן־ווען געזאָגט זײַן זלאַטען א גוט וואָרט, און דאָס ביסעלע לאַסקע האָט ער אויך ארויסגעטיילט, ווי אַן עכטער קאַמצן. כאָטש דאָס גוטע וואָרט איז אים שטענדיק געלעגן אַף דער צונג.

— וואָס האָסטו דאָרט זיך געוואָזגעט אזוי לאַנג? — איז ער שוין געווען אַף אַן עמעסן בייז, ווען זי איז ענדלעך ארויס אַפן הויף מיט עפּעס א שטיקל קיילע אין דער האַנט.

זי האָט אים בעפּיירעש געוואָלט דערציילן, ווי שווער איז איר געזעגענען זיך מיט די אייגענע ווענט, מיט יעדער קליאַמקעלע, מיט די אייגענע רייכעס... געוואָלט דערציילן, ווי זי האָט זיך דערמאָנט יענעם ווײַטן פרײַטיק, ווען זי איז געגאַנגען צו קינד... נאָר, ערשטנס, איז קיין צײַט ניט געווען פאר אזעלכע לאַנגע דיבורים, און, צווייטנס, האָט זי זיך פּאַשעט געשעמט. ער וועט זי נאָך אויסלאַכן, מוישע־יאָסיע. האָט זי אים בלויז דערלאַנגט דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

— טו אומיסטן א קוק... אונדזער קווערטל. דאָס קופּערנע קווערטל. איך האָב געמיינט, אַז ס'איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ. און גראָד אין דער פינצטער זיך פאַרטשעפּעט פאר עפּעס, געמיינט, עפּעס א שטיקל בלעך. איך הייב עס אויף — דאָס קווערטל!

פונוואַנען זאָל זי געווען וויסן, אַז גראָד אָט דאָס קווערטל, דאָס קופּערנע קווערטל, וואָס איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק און וואָס ער האָט אזוי די גאַנצע צײַט אַקשאָנעסדיק געזוכט און ניט געקאָנט געפינען, וועט אים אזוי צערודערן. דאָס קופּערנע יערושע־קווערטל, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון טאַטעס צו קינדער ווער ווייסט וויפל דוירעס. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קווערטל שרײַט ארויס צו אים:

ווּוהין שלעפּט איר מיך, ווּוהין ווילט איר מיך פאַרפירן?

דערפאר טאַקע האָט ער זיך דערלויבט א ביסעלע זיך א זידל טאָן אַף א קאָל:

— א מעציִע א גרויסע. קעדײַ געווען צוליב דעם פאַטערן א שאָ צײַט...

— וואָס רעדסטו? מע דאַרף דאָס נאָר גוט אויסרײַבן!..

דאָס רעגנדל, וואָס האָט אזוי שטיל זיך אונטערגעגאַנוועט, איז געוואָרן וואָס אַמאָל כוצפּעדיקער. ווי דערפילט, אַז אַלע אין דאָרף שלאָפן שוין, האָט עס א גיס געטאָן, ווי אינמיטן זומער, מיט ראַש זיך צעבולבעט אין די קליינע און גרויסע קאַליוזשעס, זיך צעפילדערט, זיך צעזונגען מיט יענעם פריילעכן ניגנדל, וואָס קומט פון אייגענער פרייד, פון אייגענער יִכעסדיקײַט, פון דעם, וואָס דו פילסט, אַז דו ביסט שטאַרק באַליבט בא אַלעמען, אַז אַלע האָבן לאַנג ארויסגעקוקט אַף דיר, אַף דעם ערשטן ווארעמען און ראַשיקן רעגן.

מוישע־יאָסיע אַליין האָט אויך אַלע יאָרן ארויסגעקוקט אַף אים. פאַר אים איז דער גרעסטער יאָמטעוו געווען דער ערשטער ווארעמער רעגן, דער ערשטער דונער און דער ערשטער בליץ. נאָר הײַנט האָט דאָס אים ניט געפרייט. הײַנט האָט זיך אים געוואָלט ערגעץ אויסבאַהאַלטן זיך פון אים, ערגעץ אַנטלויפן.

— נו, פיר שוין גיכער ארויס די קו!

— עפּשער וועלן מיר איבערוואַרטן דעם רעגן? — האָט זלאַטע זיך געבעטן.

— מע קאָן אזוי וואַרטן ביז גאַנצפרי...

און קעדײַ ער זאָל ניט איבערטראַכטן, איז ער אַליין ארײַן אין שטאַל, ארויסגעפירט די קו און זי צוגעבונדן צום וואָגן.

— נישקאָשע, אויב ס'וועט זײַן שווערלעך, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אין פּעטריקאָווקע. מירן פאַרפאָרן צו זאכאַרן.

זיי האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אַפן פול־אָנגעלאָדענעם וואָגן, איבערגעדעקט די קעפּ מיט א לאַנגן און גראָבן זאַק, מוישע־יאָסיע האָט א נעם געטאָן די לייצעס אין די הענט און א זאָג געטאָן:

— פאָרן מיר.

דאָס איז געווען געזאָגט סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר די פערדלעך, וואָס האָבן אָן איבעריקן כיישעק פאַרלאָזט דעם אייגענעם הויף און געשטעלט די ערשטע טריט אין דער פאַרעגנטער נאַכט. זלאַטען האָט ער א זאָג געטאָן א ביסל צאַרטער:

— דו טוליע זיך צו צו מיר א ביסל האַרטער, וועט זײַן וואַרעמער און ניט אַזוי דורכ־נעצן...

זלאַטע געדענקט שוין ניט, ווען מוישע־יאָסיע זאָל רעדן צו איר מיט אַזאַ צאַרטקײַט. זי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. אַ ציטער געטאָן און אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין, דערמאָנט זיך אין עפּעס אַזוינס, זייער לאַנגאָניקס, וואָס זעט איצט אויס ניט מער ווי אַ כאָלעם. דאָך האָט זי אים געפאָלגט, זיך צוגערוקט און פעסט אײַנגענורעט זיך מיט איר רעכטער זײַט אין זײַן אויבערמאַנטל.

— ווייסטו וואָס, מוישע־יאָסיע, — איז זי אויך געוואָרן צוגעלאָזטער, — עפשער וועל איך אַרויסשלעפּן די מולטער, וועלן מיר זיך איבערדעקן מיט איר, וועט זײַן אַ שטיקל דעכל איבערן קאָפּ...

מוישע־יאָסיע, וואָס האָט אַליין ניט געוווּסט, מיט וואָס צו דערקלערן זײַן פּלוצלינגדיקע צאַרטקײַט, איז געוואָרן זייער צופרידן, וואָס ער קאָן ענטפערן זלאַטען מיט אַ ביסל אָפּשפּע־טעניש:

— קיין גרעסערע נאַרישקײַט האָסטו שוין ניט געקאָנט צוטראַכטן? די מולטער גאָר... אַ מאָשל...

דער רעגן האָט אַפּאַנעמעסן זיך צעהוליעט. דער ערשטער וואַרעמער פרילינגדיקער רעגן מיט דונערן און בליצן. צוערשט האָט יעדער דונער אָפּגעקנאַקט זײַנס און אַנשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט איין דונער מיטן אַנדערן זיך צונויפגעגאָסן אין איין לאַנגן, דורכוויסיקן, פאַר־טויבנדיקן געקנאַל. און די בליצן זײַנען שוין אויך געווען ניט קיין געוויינלעכע, שוין אינ־גאַנצן קיין בליצן ניט, בלויז בלענדנדיקע פּינטעלעך, וואָס ווינקען זיך איבער איינער מיטן צווייטן, שלײַדערן איינס אינעם צווייטן קליינע דונערלעך, וואָס קײַקלען זיך אַהין און אַהער. אָפּט האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן זיך שוין אַוועקגעקײַקלט גאָר ווײַט, נאָר אָט האָבן זיי ווידער אַ הילך געטאָן מיט אַ פאַרטויבנדיקן קנאַל.

אַזעלכע טעג און נעכט, ווען דער הימל און די ערד זײַנען איין דורכוויסיקער רעגן, האָט מוישע־יאָסיע שטענדיק באַגעגנט מיט אַ פריילעכן קאַבאַלעס־פּאָנעם, צעעפנט אַלע טירן און פענצטער, אַליין אַרויס אויפן הויף אין איין העמד, לאַנג געשטאַנען אַ באָרוועסער, אָן אַ היטל

און האָט, ווי דער סטעפּ אַליין, אַרײַנגענומען, אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם וואַרעמען רעגן. אים האָט זיך דאַן געדוכט, אַז אַלע זײַנע גלידער צעוואַקסן זיך, גיסן זיך אָן מיט גיבערדיקער קראַפט. אונטער אַזאַ רעגן האָט ער געקאָנט שאַנעווײַז שטיין פּאַריסן דעם קאָפּ צום דונערנדיקן הימל, ברייט צעעפּנט דאָס מויל און שלינגען, שלינגען ביז פאַרכלינעט צו ווערן אײַן טראָפּן נאָכן צווייטן, די באָרד, די געדיכטע שוואַרצע באָרד האָט, ווי אַ שוואָם, אַרײַנגענומען אין זיך אַ שטיק רעגן, געוואָרן ווי אָנגעשוואָלן, און ער, דערפילט, אַז די באָרד קאָן שוין מער אין זיך ניט אַרײַנעמען, טוט זי אַ קוועטש מיט ביידע הענט און דערפילט, ווי עס קומט אים מאַמעש צו אַ שטיק געזונט, צוקוקנדיק, ווי עס רינט פון דער באָרד, ווי פון אַ פולן עמער.

דער איצטיקער רעגן האָט אים קיין נאַכעס ניט געבראַכט. ניט קיין נאַכעס, ניט קיין פריידי און ניט קיין געזונט. ער האָט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז סײַ די דונערס, סײַ די בליצן, סײַ די געדיכטע רעגן־טראָפּנס, וואָס רינען איבערן פּנים, ווייקן דורך די באָרד, זײַנען שוין אויך ניט זײַנע. צו אים האָט שוין דאָס קיין שײַכעס ניט.

דער גאַנצער צאָרן, וואָס ער האָט געקליבן אין זיך, אַלעמאָל אונטערגעוואָרעמט אים מיט עפּעס אַנדערש, ער זאָל, כאַלילע, ניט אָפּקילן זיך, ניט פאַרוויאַנעט ווערן, האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אויסרינען, און ס׳האָט אים ווי אַ בליץ געטאָן אין מויעך אַ געדאַנק, אַז די אַלע געשיכטעס האָט ער אַליין פאַר זיך אויסגעטראַכט אָדער פּאַשעט אַלץ איבערגעטריבן. קיינער האָט אים, אייגנטלעך, ניט באַליידיקט, קיינער האָט אים ניט געצווונגען, קיינער האָט אים ניט געדראָעט, און קיינער האָט אים ניט געטריבן פון זײַן ערד, פון זײַן הויף, פון זײַן גאָרטן, פון זײַן שטוב... דער בייזער שאָכן זײַנער, ביינעש? נו איז וואָס? ער איז אַלע יאָרן ווי־ניט־איז דורכגעקומען מיט אַזאַ שכיינעס און וואָלט ווײַטער דורכגעקומען. ער האָט זיך דערווײַל מיט אים ניט מעשאַדעך געווען און מוז ניט זיצן מיט אים בא איין טיש אָף אַלע סימכעס. דער געלערנטער ברודער זײַנער מיט זײַנע מעשאָלים און מיט זײַן רויגעז? אין די ברייִרע דאָך בא אים, בא מוישע־יאָסיען. ער קאָן זיי יאָ הערן און קאָן זיי ניט הערן. ער קאָן אָפּקומען מיט אַ גוטמאָרגן איין מאָל אין דער וואָך, און שוין, און אפילע דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט אַליין, אָט דער היציקער באָכער מיט די ציגײַנערישע אויגן און פלאַמפּײַערדיקע רעדעס... ס׳איז אויך אָן סאַקאָנע. מאַלע וואָס אַזאַ דריפּקע קאָן זאָגן. עמעס, ער איז טאַקע פון ביז גאָר אַ גרויסן יִכעס, אַ קאַפּצן שעבעקאַפּצן, פון די, אָף וועמען עס האַלט זיך איצט די גאַנצע וועלט, נו איז וואָס? הײַנט איז ער, מאָרגן אַן אַנדערער. און דאָס, וואָס ער האָט געדראָעט, אַז אויב ער, מוישע־יאָסיע, וועט ניט אַרײַנטרעטן אין קאָלווירט, וועט מען אים אָנטבאַלע־גופענען, קאָן ער נאָר רעדן. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז אַלץ, וואָס מוישע־יאָסיע פאַרמאָגט, איז פאַרהאָרעוועט מיט זײַן אייגענעם שווייס, זײַנעם און זלאַטעס.

ניין. ווײַטער אַזוי טראַכטן טאָר ער ניט. ווײַל אויב נאָך אַ ביסעלע, קאָן ער נאָך פאַר־קערעווען דעם וואָגן צוריק. נאָר פאַרקערעווען איז ניטאָ וווהין און צו וועמען. קאָן ער נאָר אויסלאָזן צו דער וועלט דאָס ביטערע האַרץ דערפאַר, וואָס ער מוז זיך ווייקן אַ גאַנצע נאַכט אונטער אַ פרעמדן רעגן, דערפאַר, וואָס ער האָט געמוזט אין אַזאַ נאַכט זיך אַרויסגאַנווענען פון דאָרף און שלעפּן זיך איבערן צעקוואַטשטן סטעפּ, ווי אַ נאַווענאַדניק, גלײַך ער האָט קיינמאָל קיין אייגן ווינקל ניט געהאַט. און דער אייגענער ברודער... אפילע ניט געקומען זיך געזעגענען. נאָך אַלעמען האָט ער אויסגעלאָזט דאָס האַרץ צו די פערד. אַ שמיץ געטאָן זיי און אויסגעזידלט זיך גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן:

— נישקאָשע, ס׳וועט נאָך אַ רועך אין זייער טאַטנס טאַטן אַרײַן!..

אויסגעזידלט זיך, איז אים געוואָרן אַ ביסל גרינגער אָפן האַרצן. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל זיכערער דערפון, וואָס דער צאָרן האָט ווידער זיך צעפלאַקערט. דער נײַער שמיץ איז געווען אַ פרײַנטלעכער, אַ גוטברודערישער, פּאַשעט, ווי מע גיט אַ גלעט איבער דער פּלייצע. און די ווערטער זײַנען אויך געווען אַזעלכע — באַרויקנדיקע, טרייסטנדיקע. האַלב פאַר די פערד און האַלב פאַר זלאַטען:

— נישקאָשע, אַבי מיר האָבן זיך שוין אַרויסגעריסן. אין פּעטריקאָווקע וועלן מיר פאַר־פאָרן צו זאַכאַרן, זיך אָפּרוען, אָנוואַרעמען...

די דונערן האָבן ענדלעך זיך אויסגעדונערט, די בליצן האָבן זיך אויסגעבליצט, און דער גאַנצער אַרום איז ווי פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שטילער כאַשכעס. דער רעגן איז אויך גע־וואָרן אַ שטילער, געגאָסן מידלעך, ווי נאָך אַ שיקערער הוליאַנקע, און אינמיטן דער נאַכט האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט עפּעס גראָזיקס. מיט יענעם גראָזיקן, וואָס קומט פונעם געמיש פון די צעקוסטעטע ווינטער־ברויטן, נאַרוואָס אופגעגאַנגענעם גערשטן און פון דעם יונגן פּיריי, וואָס האָט זיך צעוואַקסן אין באַלקע און אָף דער דערבײַיִקער טאָלאָקע. אין דער אופגעקומענער שטילקײַט האָט מוישע־יאָסיע דערהערט, ווי זלאַטע כליפּעט. זי זיצט אײַנגע־

נורעט מיטן פּאָנעם אין זײַן היפּש דורכגעווייקטן מאַנטל, שלינגט די אייגענע טרערן איינײַעם מיט די רעגנטראָפּנס און טוט אַלעמאָל אַ היכץ, אַ שלוקעכץ, גלײַך עס האָט איר עפּעס זיך געשטעלט אין האַלדז.

— וואָס כליפּעסטו, נאַרעלע?

— איך האָב זיך דערמאָנט... געדענקסט, יענעם פרײַטיק?..

און אויסדערציילט אים אַלץ, וואָס זי האָט פריִער זיך געשעמט דערציילן. וויאַזוי זי האָט, בלאָנקענדיק איבער דער שטוב, זיך דערמאָנט אין איר קימפּעט, זיך דערמאָנט אַזוי מאַמאַ־שעסדיק, אַז איר האָט זיך געדוכט, אַז ס'האָט איר אָנגעהויבן שנײַדן אין בויך.

— נו, איז וואָס?

— ווי זשע נעמט מען און מע לאָזט איבער אַן אייגן קינד...

געוויס האָט זי געמיינט ניט נאָר זייער זעליקן אַליין. געמיינט האָט זי אַלץ אינײַנעם. ווי נעמט מען, הייסט עס, און מע לאָזט איבער אַלץ, אין וואָס זיי האָבן ארײַנגעלייגט אַזויפיל האָרעוואַניע, אַזויפיל מי און שווייס, אַלץ, וואָס איז אַזוי ליב און טײַער, ווי אַן אייגן קינד, ווי נעמט מען און מע רײַסט דאָס אַלץ אָפּ פון זיך...

— וואָס הייסט, מיר לאָזן איבער? זאָל זעליק ענדיקן די שול. ער איז דאָך גערעכט, אַבע־שמועל...

— אוואַדע, אַבע־שמועל... ער איז עפּשער אין אַ סאַך זאַכן גערעכט...

נאָר פאַרפירן איצט אַ שמועס וועגן דעם, מיט וואָס איז אַבע־שמועל גערעכט און מיט וואָס אומגערעכט, האָט מען אוואַדע ניט געטאָרט. דאָס איז איצט געווען דאָס סאַמע געפער־לעכע, וואָס וואָלט זיי אײַנגאַנצן אַראָפּגעפירט פון וועג און ווער ווייסט וווהין פאַרפירט. און זיי מוזן, זיי מוזן וואָס גיכער זיך דערקלײַבן קיין פּעטריקאָווקע. באַ מוישע־יאָסיען איז אויסגע־קומען, אַז ווי נאָר זיי וועלן זיך דערקלײַבן קיין פּעטריקאָווקע, פאַרפאָרן זיי צו זײַן אַלטן, גוטן און קלוגן פרײַנט זאַכאַרן, וועלן אַרײַנשטעלן די פערד און די קו אין שטאַל און צוואַרפן זיי אַ פריש ביסל היי. ווי נאָר זאַכאַרס פרוי, אַלענאַ, וועט אײַנהייצן דעם אויוון און אָפּקאָכן אַ פול קעסל קאַרטאָפל און זאַכאַר וועט דערבײַ זאָגן עטלעכע קלוגע, טרייסטנדיקע ווערטער, וועט שוין זײַן גוט.

דער מידער רעגן גיסט וואָס אַמאָל שוואַכער און שטילער, ס'איז שוין באַלד ווידער קימאַט קיין רעגן ניט, נאָר אַ מראַקע, ווי יענץ פאַרנאַכטיק רעגנדל, וואָס האָט געזיפּט, ווי דורך אַ זיפּ. פון ערגעץ־ווו קומט אויף אַ נעפּל, וואָס באַדעקט דעם סטעפּ מיט אַן עסעריקער פײַכטקײַט. מוישע־יאָסיע זוכט מיט די אויגן כאָטש וועלכעס־ניט־איז פּיצעלע שײַן, ביז ער שרײַט אויס אַ פריילעכער, ביז גאָר אַן אופגעלעבטער:

— שאַ, שאַ, אָט זעט זיך שוין פּעטריקאָווקע!..

3

און נאָך אַ נאַכט...

ערגעץ האָט אַן איינזאַמער טראַמווײַ זיך געשלעפּט איבער די צוגעזשאַווערטע רעלסן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווײַט אויסער דער שטאָט, געצויגן זיך אַזש ביזן דניעפּער, און זײַן אַליאַר־מירנדיקע גרילצעניש האָט אָפּעהילכט ווײַט אין סטעפּ, געדרינזשעט אין די שמאָלע פענצ־טערלעך פון די דאָרפישע הײַזער, אין וועלכע מע האָט געלעבט שוין ניט מיט קיין דאָרפישן לעבן, געהאָרעוועט שוין ניט מיט קיין דאָרפישער האָרעוואַניע און איצט געשלאָפן שוין מיט ניט קיין דאָרפישן שלאָף... ערגעץ האָט זיך צעפּײַפט אַ לאָקאָמאָטיוו, געפּײַפט אָקשאָנעסדיק, האַרצרײַסנדיק געשריגן אין דער נאַכט אַרײַן, ווי עמעצן גערופן, עמעצן געזוכט, און זײַן גע־וווי, פול מיט געוויין, פול מיט בענקעניש פון עפּעס אַן איינזאַמער, פאַרבלאָנדזשעטער בריִע, האָט זיך מיטפילנדיק אָפּגערופן באַ גיטלען אין האַרצן: אַ ביסל צו יענער אומבאַוווסטער בריִע און אַ ביסל צו זיך אַליין... דער ריינער אויסגעשטערנטער הימל איז געהאַנגען איבער דער שטאָט, ווי אַ שלעכט צוגעפּראַוועטער דאַך, קרומלעך־קאָסעוואַטע, ערטערווײַז גאָר ווי אײַנגעשרומפּן צי אײַנגעשניטן, גלײַך עמעצער האָט אַרויסגעריסן פון אים עטלעכע בויגן בלעך, עטלעכע טשערעפּיצעס, אָדער אַרויסגעפּליקט אַ פּאָר סנאָפּעס שטרוי.

גיטל קאָוונאַט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין סטעפּ און איז געווען צוגעוווינט צו די אומענדלעכע ראַכוועסן סײַ פונעם הימל און סײַ פון דער ערד, צו זייער קײַלעכיקער דורכזי־סיקײַט, וואָס גייט זיך צונויף ערגעץ ביז גאָר ווײַט, אפילו ניט באַם אַ ביסל פאַרנעפּלטן האָריזאָנט, נאָר פון יענער זײַט, ערגעץ אַ סאַך ווײַטער, האָט די דאָזיקע קרומקײַט און צעפּאַ־

סעוועטקײַט אויסגעזען אומנאַטירלעך, שרעקעוודיק־אָפּשטויסנדיק, און זי האָט זיך געפילט, גלײַך ס׳האָט זי מיטאַמאָל פאַרוואָרפן אין א פרעמדער, גאָר אן אנדערער וועלט. דערפון האָט דאָס גרילצעניש און דאָס פּײַפּעניש באַקומען גאָר אן אנדערן טאַם, געלייגט זיך אָף דער צונג מיט עפּעס א פריקרער ביטערלעכקײַט און אָפּגעהילכט מיט יענער דריקנדיקער פאַרוואָרפנקײַט און אומהיימלעכקײַט, פון וואָס עס ווילט זיך גאָר אָנהייבן וויינען.

נאָך אַלעמען איז דאָס אַלץ געווען ניט מער ווי א בײַזאַך, ווי א מין צושפּיל צו איר אייגענעם צושטאַנד, צו איר אייגענער אומגעוויינלעכקײַט און צו יענעם בראָטנדיקן געפיל, אַז די הײַנטיקע נאַכט האָט זי ענדגילטיק און אָף שטענדיק אָפּגעשיידט פון אַלץ, וואָס איז געווען איר אייגענע וועלט, פון דער ערד, אָף וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן דאָס, וואָס זי איז געוואָרן, און דער מאָרגעדיקער טאָג איז פול מיט אומקלאָרן, אומבאַוווּסטן, מיט א נײַעם אָנהייב, וואָס איז פאַר איר, א מיידל פון צוויי און צוואַנציק יאָר, ווײַט ניט פון די גרינגע זאַכן. און ווער ווייסט... עפּשער נאָך מיט אַזעלעכס, אַז זי וועט דאָס גאַנצע לעבן זיך פאָרוואָרפן דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַנדלט אַזוי היציק, מעגלעך, א ביסל אומבאַטראַכט, און באַגאַנגען זיך מיט זיך אַליין עפּשער צו שטרענג.

נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, וואָס עס זאָל מיט איר ניט געשען, האָט קיינער זי ניט געצווונגען דערצו. דעם אורטייל האָט זי אַליין זיך אַרויסגעטראָגן, די באַשטימונג האָט זי אַליין פאַר זיך אָנגענומען און קאָן דעריבער צו קיינעם קיין טײַנעס ניט האָבן. און אַוודאי ניט צום סעקרעטאַר פון קרײַזקאָם סטעפּאַן זאַכאַריטשן, וואָס איז, לאָזט זיך אויס, גאָר ניט אַזאַ שטרענגער, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, און גאָר ניט אַזאַ גרויסהאַלטער, ווי עס האָט זיך געקאָנט דוכטן. פאַרקערט, ער איז א צוגעלאָזטער, א גוטהאַרציקער און אַפילו א באַרעדעוודיקער, וואָס האָט זי איבעראַשט מערער פון אַלץ, פונקט ווי עס האָבן זי איבעראַשט זײַן אַלטמאָדיש־לאַנגע, שוין גרויליכע וואָנצן. גיי ווייס, אַז דאָס האָט ער זיי אומיסטן געלאָזט וואַקסן אַזוי, זיי זאָלן פאַרדעקן דעם טיפן שניט אָף דער אייבערשטער ליפּ — שפּורן פון א מאַכנאָווישער שווערד.

אין זײַנע גוט־אויסגעפּרעסטע הויזן, אַרײַנגעלאָזט אין שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס, אין זײַן ציכטיק העמדל אָן א האַלדזטוך האָט סטעפּאַן זאַכאַריטש אויסגעזען האַלב־דאָרפיש. זײַן לענגלעך פּאָנעם איז געווען פריש צוגעבריוונט, גלײַך ער איז אַרײַנגעקומען אַהער, אין זײַן קאַבינעט, נאָרוואָס פון סטעפּ. דאָס האָט אים געמאַכט היימישער, אייגענער און א ביסל לײַכטער געמאַכט דעם פאָרשטייענדיקן ניט גרינגן שמועס.

— איז וואָס זשע באַשטימען מיר? — האָט ער געפרעגט, צושמייכלענדיק, און זײַן צוגעברווינט פּאָנעם האָט זיך אויסגעפּאַלדעוועט אין עטלעכע ניט גלײַכע, איבערגעקרייצטע קנייטשן. דאָס האָט בעפּייריעש געקאָנט א ביסל אונטערמונטערן, נאָר גיטל האָט אקשאָנעסדיק, מיט עפּעס א פאַרביטערטקײַט געטײַנעט איינס און דאָס זעלבע:

— איך קאָן ניט! איך טאָר ניט! איך האָב קיין רעכט ניט!..

— אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס זאָלן מיר אַליין אַזוי שטרענג זיך שטראָפן?

דאָס, וואָס דער סעקרעטאַר פון קרײַזקאָם האָט זיך אַליין אַרײַנגענומען אין קאָן, גלײַך ער האָט אויך א שטיקל כיילעק אין דעם, וואָס בא זיי אין דאָרף איז געשען, א שטיקל כיילעק און א שטיקל שולד, פאַר וועלכער ער דאַרף טיילן מיט איר די שטראָף אָף האַלב, האָט גיטל אויפגענומען ווי אַן אויסדרוק פון ריינער העפלעכקײַט אָדער, זאָל זײַן אַפילו, פון עמעסדיקער לײַטזעליקײַט און אופריכטיקן מיטגעפיל. נאָר די שטראָף האָט זי מיט קיינעם ניט געוואָלט און ניט געקאָנט טיילן גראָד דערפאַר, וואָס קיינער קלײַבט זיך ניט זי באַשטראָפן. און ווײַל אַזוי, מוז זי אַליין זיך מישפּעטן, כאָטש קיינער קאָן ניט וויסן אַזויפיל, ווי זי, און אין אַזאַ מאָס, ווי זי, אַז זי איז לאַכלוטן ניט שולדיק. נאָר דאָס, וואָס איז געשען, איז שוין געשען, און יענעם באַגינען וועט שוין קיין זאַך ניט קאָנען אויסמעקן פון איר זיקאָרן, פון איר זעלבסטבאַנעם און פון איר גאַנצן וועזן, — דאָס, וואָס עס האָט אין מעשעך פון געציילטע מינוטן, עפּשער אין איין אויגנבליק, מיט אַזאַ דערשיטערנדיקער שוידערלעכקײַט זיך געעפנט פאַר אירע אויגן. שוין גענוג אַפילו דאָס, וואָס עמעצער האָט געקאָנט א טראַכט טאָן, וואָס עמעצער האָט געקאָנט כוישעד זײַן זי, גיטלען, כאָטש אָף א ווײַלע כוישעד זײַן אין אַזאַ פאַרברעכן!

דער גרויל האָט בעמיילע געדאַרפט נעמען זײַנס. דער גרויל, ווען דער אומגעוויינלעכער טומל האָט זי אַרויסגעריסן פון איר קורצן שלאָף און זי איז אָן דעם אויבערמאַנטל אַרויס אָפן הויף. נאָר דאָס, וואָס זי האָט דערזען!.. אַזוינס איז שווער געווען פאָרשטעלן זיך אַפילו אין סאַמע שרעקלעכסטן כאָלעם.

אָפן הויף איז געשטאַנען א היפּשער אוילעם, אַן אויפגערודערטער, א צערייצטער, גלײַך

עמעצער האָט זיי אומיסטן צוניפגערופן באַקוקן אָט דעם ביזזוווּנדער. ווער ס'האָט געפּאַכעט מיט די הענט, ווער ס'האָט געטײַטלט מיט די פינגער, און ווער ס'האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. דאָס שמאָלע סקירדעלע לאַמפּאַטש, וואָס שטייט שוין אין הויף באַלד דאָס דריטע יאָר, דער לאַמפּאַטש, מיט וועלכן איר טאַטע, דאַוויד־לייב, האָט זיך געקליבן איבערבויען די הינטערשטע וואַנט פון דער שטוב, וועלכע האָט זיך שוין היפּשלעך געזעצט, איז געוואָרן צעוואַלגערט, צעוואָרפן, אָנגעוואָרפן איין ציגל אַפן אַנדערן, און צווישן די ציגל זײַנען געלעגן דרײַ פאַרשטויבטע, פאַרליימיקטע זעקלעך, דרײַ פולע זעקלעך ווייץ.

— נו, אָט... — האָט שטיל אַרויסגערעדט דער מיליציאָנער, אָפּטרייסלענדיק פון די הענט דעם ליימיקן שטויב, — אַלץ איז ריכטיק, אַלץ איז פּינקטלעך.

— וואָס איז ריכטיק, וואָס איז פּינקטלעך? — האָט אויסגעשריגן דאַוויד־לייב.

דעם טאַטנס אירן, דאַוויד־לייבן, האָט אויך אַרויסגעיאָגט אַפן הויף דער אומגעוויינלעכער טומל, כאָטש ער איז שוין לאַנג ניט געשלאָפן. ער איז געווען אָנגעטאָן גאָר זומערדיק, אין אַן אָפּגעריבן פּוטערנעם זשילעטל, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך צוניפּשפּיליען. מיט איין האַנט האָט ער צוניפגעצויגן דאָס ענגע זשילעטל און מיט דער צווייטער געמאַכט עפּעס מאָדנע האַוויעס, געוואָלט מיט דעם אויסדריקן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן און ניט געקאָנט. די ליפּן זײַנען ווי פאַרדעמבעוועט געוואָרן, און די צונג וויל זיך ניט רירן פון אָרט.

— וואָס, וואָס, וואָס איז ריכטיק? — האָט ער אַרויסגערעדט, קוים בײַקומענדיק דאָס צײַנקלאַפּעניש.

— פּינקטלעך לויט דער מעלדונג, — האָט גאַנץ רויִק געענטפערט דער יונגיטשקער מיליציאָנער, אַ צופרידענער דערמיט, וואָס ער האָט ענדלעך געפּאַקט פאַר זיך אַ לײַטיש שטיקל אַרבעט. — קומט אַרײַן אין שטוב, מע דאַרף צוניפשטעלן דעם אַקט.

פאַר איר מיידלשן עלטער איז גיטל געווען אַ ביסל צו הויך און פאַר איר וווּקס אַ ביסל צו מאָגערלעך. ביידע בלויזן אײַנינעם האָט געדעקט דאָס ביסל כיין, וואָס זי האָט בעפּייִרעש פאַרמאָגט. מע האָט דאָס נאָר געדאַרפט אַ זוך טאָן. איז ווער ס'האָט געוואָלט, האָט געזוכט און געפונען, אַז זי איז זייער אַ שטאַלטנע, גיטל, אַז אין איר גאַנג איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט זי אויס פון אַלע איבעריקע מיידלעך, און אַז אין אירע שוואַרצע אויגן איז פאַרבאַהאַלטן אַ בליץ, וואָס קאָן אַזוי, אומגעריכט, אָפּסאַרפּען. אַנדערע האָבן די אַלע מײַלעס אויסגעטײַטשט ווי די ערגסטע כעסרוינעס. פאַר זיי איז זי געוועזן אַ לאַנגע מויד מיט בייזע אויגן. איצט איז זי געשטאַנען בײַ זיך אין הויף מיט אַלע אירע מײַלעס און כעסרוינעס אײַנינעם, אַן אַרומגערינגלטע מיט אַן אוילעם, אויך אַ פאַרשיידענעם — ווער ס'האָט גאַנץ ראַשיק אויסגעדריקט זײַן אופגעבראַכטקייט, און ווער ס'האָט שטיל מיטגעפילט און מיטגעוויינטקט.

— ווי האָט אַזוינס געקאָנט געשען?

דאָס האָט זי געפרעגט ניט בײַם טאַטן, ניט בײַ קיינעם בלויז בײַ זיך אַליין. נאָר דאַוויד־לייב האָט געמיינט, אַז דאָס פרעגט זי גראָד בײַ אים. האָט ער געפרווווּט זיך פאַרענטפערן:

— גלייב מיר, טאָכטערוניע. איך שווער דיר... איך זאָל אַזוי ניט וויסן פון קיין שום בייזס...

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט גיטל געפּרווווּט אים טרייסטן, — נאָר איך פאַרשטיי ניט, איך קאָן ניט פאַרשטיין.

פאַר איר איז געווען אומבאַגרײַפלעך סײַ דאָס, וויאַזוי האָט מען געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל איר, דעם פאַרזיצער פון דאָרפראַט, און שטעלן צו שאַנדע זי און איר גאַנצע פאַמיליע, סײַ דאָס, וואָס אייניקע זײַנען געגייגט צו גלייבן אין דעם. און ניט נאָר געגייגט, נאָר האָבן גאָר האַנאָע דערפון, וואָס זי, גיטל, וועמען מע האָט געהאַלטן פאַר אַ צאַדייקעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָר עפּעס אַנדערש. זי האָט געוואָרט, אַז עמעצער זאָל צוקומען און אויסשרײַען אַפן פולן קאָל, אויסשרײַען, אָפּלייקענען און זאָגן עפּעס אַזוינס, זי זאָל קאָנען קומען צו־זיך און ווערן צוריק אַזאַ, ווי זי איז געווען. נאָר קיינער איז ניט צוגעגאַנגען, קיינער האָט ניט אויסגעשריגן, קיינער האָט ניט אָפּגעלייקנט. און אַפילע ער, מענאַשע, איר מענאַשע! ער האָט דאָך געדאַרפט דער ערשטער קומען צו לויפן, ער איז דאָך דער פאַרזיצער פונעם קאָל־ווירט, זײַן וואָרט האָט דאָך עפּעס אַ וואָג! ווו זשע איז ער, פאַרוואָס זעט זי אים ניט, פאַרוואָס הערט זי ניט זײַן שטים? צי דען?.. צי דען איז ער אויך כוישעד? צי דען האָט ער אַפילע אַף אַ מינוט געקאָנט אַ טראַכט טאָן, אַז אַזוינס איז מעגלעך? ער האָט דאָך ערשט נעכטן?.. נעכטן צי אייערנעכטן... נעכטן צי אייערנעכטן?..

אַלץ האָט אַזוי זיך פאַרפּלאָנטערט, אַז איר איז שוין שווער געווען פעסטשטעלן, ווען איז דאָס געווען, נעכטן צי אייערנעכטן, צי עפּשער גאָר אַ סאַך, אַ סאַך פריִער. נאָר ס'איז

געוועז, געוועז!.. יענע פריילינגדיקע נאכט מיטן גרינגן פראָסטעלע, ווען דאָס דינע אײַז האָט געטרישטשעט אונטער די פיס. די באַראַטונג איז ווי שטענדיק געווען א ראַשיקע, זיך פאַר־צויגן ביז שפּעט אין דער נאכט, און זיי ביידע האָבן באַוויזן זיך אָנרעדן ביז הייזעריק צו ווערן. מעגלעך, אַז דערפאר האָבן זיי געשוויגן א לענגערע צײַט, ווען זיי האָבן אינצווייען אוועקגעלאָזט זיך באַרג־אַראָפּ און צוגעקומען צום שמאָלן בריקל, אונטער וועלכן דאָס וואַ־סער האָט שטיל געמורמלט און זיך ניט געקליבן פאַרפרוירן ווערן. זיי וואָלטן עפּשער גע־גאַנגען אזוי ווײַטער מיט דער לאַנגער דאָרפישער גאַס און זיך ווידער צעשיידט, גאָרניט געזאָגט איינער דעם צווייטן. נאָר פון סטעפּ האָט מיטאַמאָל א צי געטאָן מיט א וואַרעמען ווינט, מיט עפּעס רעגנדיקס, וועקנדיקס... מענאַשע האָט א ציטער געטאָן און גאָר ניט לויט זײַן טעווע זי א נעם געטאָן פאַר דער האַנט.

— עפּעס ווילט זיך גאָר ניט גיין אהיים. עפּעס ווילט זיך גאָר גיין אין סטעפּ... מירן זיך עפּשער אומקערן?..

האָבן זיי איבערגעשפּאַנט דאָס בריקל אַף צוריק, זיך געלאָזט באַרג־אַרויף. און ווידער געשוויגן. דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט צו זאָגן איינער דעם אַנדערן, דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן, האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט צום איצטיקן ווינטער, צו אָט די אַלע ראַשיקע פאַרזאַמלונגען, צו אַלע זייערע ארומיאָגענישן, דײַגעס און רעדעס. זיי האָבן ביידע זיך גע־פילט א סאַך עלטער פון זייערע יאָרן, עלטער, ערנסטער, און בא ביידן איז ניט געווען קיין פרײַע מינוט אַף באַטראַכטן זיך אַליין, ווי געהעריק, באַטראַכטן דאָס, וואָס עס קומט פאָר מיט זיי און אין זיי. ס׳איז זיי פאַשעט געווען גוט דערפון, וואָס זיי זעען זיך אַלע טאָג, וואָס זיי גייען ארום און לויפן ארום שטענדיק באַנאַנד, וואָס צו דער גאַנצער איבערגעלאָדנקייט און איבערגעפּולטקייט מיט די אופטרייסלונגען פון הײַנטיקן ווינטער זײַנען זיי ביידע פול איינער מיטן אַנדערן, אזוי פול, אַז ווען זיי ווילן דאָס אויסדריקן, וואָלטן זיי סײַווי ניט געפֿונען קיין ווערטער פאַר דעם. און צי דאַרף מען ווערטער? יאָ, טאַקע, צי דאַרף מען דערצו ווערטער?..

אזוי טאַקע האָט מענאַשע פלוצלינג א זאָג געטאָן, ווען זיי זײַנען ארויף באַרג־אַרויף און דער סטעפּ האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי מיט אַלע זײַנע באַנאַכטיקע סודעס.

— צי דאַרף מען ווערטער? — האָט ער פלוצלינג א פרעג געטאָן.

זי, גיטל, האָט דאָפּקע געוואָלט הערן פון אים עטלעכע ווערטער. פון יענע ווערטער, וואָס מוזן דאָך סײַווי אַמאָל געזאָגט ווערן. נאָר וויבאַלד ער פרעגט, האָט זי געענטפערט:

— איך ווייס אַליין ניט.

— און איך ווייס, — איז מענאַשע מיטאַמאָל געוואָרן דרייסט און יינגלש־כוצפּעדיק.

— וואָס ווייסטו?

— איך ווייס, אַז מיר דאַרפן דאָס וואָס גיכער כאַסענע האָבן!..

— שוין! אזוי גיך... אָן... אָן גאָרנישט ניט?..

— וואָס גיך, וואָס גאָרנישט ניט? עפּעס זײַנען מיר קינדער? מירן דורכפירן דעם פאַרזיי און פאַרווען א כאַסענע. צי עפּשער צווייפלסטו?

— אין וואָס? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען.

— נו, ווי זאָל איך דאָס אויסדריקן, אין מײַן ליבע, אין מײַן טרײַשאַפט. צי עפּשער... עפּשער דו?..

איר האָבן אויך אויסגעפּעלט ווערטער. אזא באַרימטע רעדנערין, נאָר דערצו האָט איר געפּעלט לאָשן.

— צי דען דאַרף מען ווערטער? — האָט זי איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזאָגט.

— שווערן מיר?

— בא וואָס? — האָט גיטל איבערגעפרעגט.

זיי זײַנען שוין געגאַנגען ווידער באַרג־אַראָפּ און צוגעקומען צום בריקל. מעגלעך דער־פאַר האָט זיך בא אים ארויסגעכאַפּט:

— באַם בריקל!

— וועלן מיר דאָס דורכשפּאַנען זיבן מאָל, — האָט גיטל געשטעלט א טנאַי.

— אָפּגערעדט! זיבן מאָל!

מענאַשע איז שוין געווען גאָר אָן אַלטער באָכער, ער איז שוין אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר! זי, גיטל, כאָטש אַף צוויי יאָר יינגער, האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַן אַל־טער מויד. נאָר דאָ, אַפּן בריקל, אין אָט דער אומדערוואַרטער פריילינגדיקער נאַכט, האָבן זיי ביידע זיך דערפילט ווי זיבעצניאָריקע, אָנגענומען זיך פאַר די הענט און געשפּאַנט איבערן

בריקל אהין און צוריק, אלעמאָל געכאַפּט א קוק איינער אפן אנדערן, ווי געשפּיגלט זיך אין די שמייכלענדיקע פּנעמער, אפילע אונטערגעטאַנצט א ביסל, ווי אויסגעפּרוווט, צי וועט דאָס בריקל אויסהאַלטן אזא טאַנצעניש, און געציילט די האָקאַפּעס — איינס, צוויי, דריַי, פיר... ביז זיבן...

ווען זשע איז דאָס געווען? נעכטן, אייערנעכטן, צי א סאך, א סאך פריִער, מיט יאָרן פריִער! צי עפּשער איז דאָס אינגאַנצן ניט געווען... וויַל... אויב דאָס הייסט ליבע!.. אויב דאָס הייסט טריַישאַפט! אויב דאָס הייסט צוטרוי!.. ווו זשע איז ער ערגעץ, מענאַשע?

און שוין ניט אזוי די געשיכטע מיטן ווייץ, ווי מענאַשע!.. גליַיך א דונער וואָלט זי מיטאמאָל פאַרטויבט. און דערנאָך... אזא פּוסטקייַט, אזא מוירעדיקע, גרויליקע פּוסטקייַט!.. די, וואָס האָבן מיטגעפילט, מיטגעוויטעקט, זיַינען געשטאַנען און געשוויגן, האַלב־גע־פּלעט, האַלב־מעוווּלוול, וויַל זיי אליין האָבן דאָס ניט געקאָנט באַגריַיפן. די, וואָס האָבן האַנאָע געהאַט דערפון, האָבן ניט אופגעהערט צו טומלען:

— זע נאָר, ווי ער מאכט זיך טאַמעוואַטע.

— גאָט די נעשאָמע שולדיק!

— אָט האָסטו דיר... אזא הייליקע!..

גיטל האָט געציטערט פון קעלט, פון ביזאָיען, פון ווייטעק, און אין קאָפּ האָבן געבושע־וועט געדאַנקען, איינער ווילדערער פונעם אנדערן, איינער שרעקלעכער פונעם אנדערן, און קיין איין געדאַנק האָט ניט געלאָזט, מע זאָל דערטראַכטן ביזן סאָף. זי איז געשטאַנען, שטאַרק געביסן די ליפּן, וויַל דאָס, וואָס איר האָט זיך געוואָלט אויסשריַיען, אויסגוואַלדעווען, וואָלט געווען נאָך ערגער. האָט זי געמוזט אראָפּשלינגען אלעמאָל עפּעס אנדערס, ניט קיין אויסגע־שריגנס, און וואָס אמאָל איז דאָס געוואָרן ביטערער, פּריקרער — אָף צו ברעכן, אָף צו כאַ־לעשן. איר האָט זיך טאַקע געדוכט, אז אָט־אָט פאַלט זי אום. גראָד דאַן איז ארויס די מאַמע און ארופגעצויגן דאָס פאַלטאָכל אָף אירע אקסלען:

— טו עס אָן, וועסט זיך צוקילן...

נאָר ווען מע זאָל געווען ארופוואַרפן אָף איר אלע מאַלבושים פון דער שטוב, אלע קאָל־דרעס, וואָלט זי זיך סיַיווי געפילט, ווי זי שטייט פאַרן אוילעם אינגאַנצן אָן אויסגעטאָנענע, אינגאַנצן א נאַקעטע, און זי קאָן גאָרניט צוטראַכטן אָף איַינעמען דעם גרויל.

דער באַגינען האָט ערשט אָנגעהויבן אָנעמען זיך מיט קעלט, מיט פיַיכטקייַט, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם נאָענטן פּלאַנטאַזש, אין וועלכן ס'האָט זיך נאָך אויסבאַהאַלטן א שטיקל ווינטער. דער פּלאַנטאַזש אליין מיט זיַינע מאָגערע, נאַקעטעביימלעך האָט געציטערט פאַר קעלט און שטיל געטרישטשעט מיט די איבערגעטריקנטע צוויַיגלעך. האָבן זיך צערעדט שוין ביידע צדאָדים. סיַי די, וואָס האָבן שטענדיק געזוכט אין גיטלען דעם פאַרבאַהאַלטענעם כיין, דעם פאַרבאַהאַלטענעם בליץ, און סיַי די, פאַר וועמען זי איז געווען ניט מער ווי א לאַנגע מויד מיט בייזע אויגן.

— אָט אזעלכע זיַינען זיי. באַ יענעם דעם לעצטן ביסן.

— פונוואַנען ווייסט מען עס? מע דאַרף ערשט אויספאָרשן!

— וואָס פאָרשן? באַ מיר דעם גאַנצן בוידעם, ווי מיט א בעזעם!

— דאָ איז ניט גלאַטיק. דאָ שטעקט עפּעס!..

— וואָס שטעקט, ווער שטעקט? טוט א קוק אָף איר, אָף דער קאָמוניסטקע!

גיטל האָט פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם, פאַרשטעלט די אויערן, זי זאָל גאָר־נישט ניט הערן און גאָרנישט ניט זען. פון יעדן אויסגעשריי האָט זי א ציטער געטאָן, גליַיך עמעצער וואָלט אין איר א שטיין געוואָרפן...

שטייט א מיידל און פּרוּווט פאַר איין אויגנבליק איבערסילען די צוויי שווערע יאָר, זינט זי איז געוואָרן פאָרזיצער פון דאָרפראַט, די אלע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, אלע אירע רעדעס און טועכצן ארום דער ברויט־פּאַרגרייטונג, אַרום די באַשטיַיערונגען און ארום דער קאָלעקטיוויזאַציע, און וויל געפינען אין דעם אלעמען איר אייגענעם פעלער, דאָס, וואָס עס האָט גוירעם געווען און מעגלעך געמאַכט די היַינטיקע פּראָוואָקאַציע. זי זוכט און קאָן ניט געפינען. זי טראַכט ביז קאָפּווייטעק, וויִאזוי מאַכן א סאָף צו אָט דער נאַרישער שפּיל, און קאָן אויך גאָרנישט ניט צוטראַכטן. בייזערט זי זיך שוין. בייזערט זיך אָף זיך אליין פאַר איר אָפּהענטיקייַט, פאַר דעם, וואָס זי, די מויד מיט א כאַראַקטער, גיטעלע דער ברען, וואָס האָט מיט איין וואָרט געקאָנט איַינשטילן, באַרויקן דעם סאַמע היציקן, דעם סאַמע בייזן, האָט מיט־אמאָל זיך פאַרלוירן. פּרוּווט זי שוין עפּעס באַפוילן, באַפוילן זיך אליין, פּרוּווט עפּעס אויס־שריַיען, זאָל זיַין אפילע פון דעם, וואָס זי האָט די גאַנצע צייַט געוואָלט אויסשריַיען און קוים

אײַנגעהאַלטן אין זיך. נאָר דאָ איז צוגעקומען מיט זײַן שווערן, בײזן שפּאַן בילעם דער וואַראַזשביט.

בילעם — דאָס איז ניט מער ווי אַ צונאָמען. געהײסן האָט ער פּאַשעט מײלעך, נאָר ווײַל אַלץ איז בײַ אים געווען ניט ווי בײַ לײַטן, אַלץ קאַפּויר, האָט מען געפּרוווט אויך די אויסיעס פון זײַן נאָמען איבערשטעלן אין אַ פּאַרקערטער רײ. געדרײט, געדרײט, ביז ס'איז געוואָרן בילעם. ס'איז אים אַלײן אויך געפעלן געוואָרן, ווײַל בילעם איז עפּעס גאָר אַזױנס... בילעם שמעקט מיט לאַנגאַניקס, מיט אַזױנס, וואָס שטעלט אים אַוועק אין אַ באַזונדערער לאַגע, אין אַזעלכער, וואָס אים לוינט.

געווען איז בילעם אַ פאַרשווין אַ שווערגופּיקער, און אַז ער האָט געשפּאַנט איבערן דאָרף, האָט דאָס אויסגעזען, אַז ניט ער גײט, נאָר ער טרעט, ער טאַפּטשעט די ערד מיט די פיס, שמײַסט זי, מײמעסט זי, שטראָפט זי פאַר אירע זינד און פאַר די זינד פון דער גאַנצער מענטשהײט. ער שפּאַנט מיט זײַן שווערן, דראָענדיקן שפּאַן, פינטלט בײז מיט זײַנע בעלמעוואַטע אויגן, שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ, רעדט עפּעס צו זיך אַלײן און הײבט אָן טײַטלען אָף עפּעס מיט די פינגער אָדער הײבט אָן פאָכען מיט זײַן פויסט.

צי איז ער טאַקע אינדערעמעסן געווען אַזאַ, צי נאָר געמאַכט זיך, דער אוילעם זאָל מײנען, אַז ער איז אָן עמעסער וואַראַזשביט, קאָן טרעפן אָף קאָרטן, קאָן אָפּשפּרעכן פון עפּעס אַ קרענק, קאָן פאַרקישעפן אַ קו, זי זאָל אופהערן געבן מילך, קאָן גלאַט אַזוי פאַרשילטן אַ מענטש מיט די סאַמע ערגסטע קלאָלעס? זײַן שטיבל איז געשטאַנען אָפן סאַמע ברעג, שוין קימאַט אויסערן דאָרף, און דאָס האָט אויך געדאַרפט צוגעבן עפּעס וואָגיקס צו זײַנע קישעפמאַכערישע שטיק.

ער איז צוגעקומען צום אָפגערודעוועטן אוילעם, אַרײַנגערוקט זיך אין אים מיט זײַן הויכער אָפּשטויסנדיקער שווערגופּיקײט, זיך צעפּינטלט מיט זײַנע האַלב־בלינדע אויגן, וואָס האָט געדאַרפט הײסן, אַז ער הײבט אָן וואַראַזשען, סטאַרעט זיך, בײַ קײנעם ניט פרעגנדיק, דערוויסן זיך, וואָס קומט עס דאָ פאָר און וואָס עס איז געשען ביכלאַל. דערנאָך, גלײַך אַלץ שוין אויסגעוואָראַזשעט, וועגן אַלץ זיך דערוווּסט, גענומען אַרויסזינגען מיט זײַן פּישטשעוודיק קעלעכל, וואָס האָט שטענדיק פאַרמאָגט אין זיך האַלב־קלאָגעוודיקס און האַלב־קלאָ־לעדיקס:

— אַל דעאַטײפּט יאַטפּוך... ווער עס גראָבט אַ גרוב אָף יענעם...

דאָס פאַרפּלאָנטערטע קנוילעכל געדאַנקען, וואָס האָט זיך בײַ גיטלען די גאַנצע צײַט געקײַקלט און צו קײן ברעג ניט געקאָנט קומען, האָט מיטאַמאָל איר אַ שניט געטאָן אין מויעך, אַ שניט געטאָן מיט אָן איבעראַשנדיקער, ווײַטקלעכער קלאָרקײט, און זי האָט אַרויסגעשריגן:

— דאָס איז ער? איר זעט? זײַן אַרבעט!

בילעם האָט קענטלעך זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן טרעטן די ערד אַרום זיך, גלײַך ער קנעט אויס אַ געדיכטן זאַמעס, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן אין זײַן פולער הײך און, לויט זײַן טעווע, אַ טײַטל געטאָן אָף גיטלען מיט די פינגער:

— דו, כצופּעו.. דו... דערווײַז, דערווײַז!

נאָר דערווײַזן איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן, אַפילע דאָס, וואָס מע האָט שפּעטער באַמערקט, אַז אָף צוויי זעק זײַנען געווען אויסגעענײט די ראָשעטײוועס פון בילעמס נאָמען און פאַמיליע, וואָס עס האָט בעפּיירעש געדאַרפט דערווײַזן, אַז דאָס איז זײַן אַרבעט אָדער, אַז גיכער פון אַלץ, האָט אים עמעצער אונטערגעקויפט, האָט געקאָנט דערווײַזן אויך פונקט דעם הײפּעך. יעדער זאַך קאָן אויסגעטײַטשט ווערן פאַרשײדן, באַזונדערס, ווען עמעצער איז זײער פאַרינטערעסירט אין אַ באַשטימטער אויסטײַטשונג. נאָר דאָס אַלץ האָט געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן ערשט שפּעטער, כאָטש זעלטן ווער ס'האָט געגלײבט, אַז דאָוויד־לײב אַלײן זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך. דאָס אײנציקע, וואָס גיטל האָט איצט געדאַרפט און געמוזט אָפּטאָן, איז נעמען זיך אין די הענט, ווערן צוריק יענע מויד מיטן פעסטן גאַנג און שטרענגער שטים, צוריק ווערן פּאַרזיצער און אויסשרײַען:

— האַדי! צעגײט זיך! קײן שום פּראָטאָקאָל וועלן מיר ניט צונויפשטעלן, די זעקלעך מיט ווײץ פירן מיר גלײַך אין ראַיקאָם!..

אַפילע איצט, שוין נאָך אַלעמען, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, גײט איר דורך אַ גרויל איבערן לײַב, און זי זוכט עפּעס, מיט וואָס אײַנוויקלען זיך, ווען זי דערמאָנט זיך איר מאַרש אין ראַיקאָם. די זעקלעך האָט מען אָנגעלאָדן אָף אַ וואָגן, דער טאַטע איז געגאַנגען בײַ דער זײַט, געפירט די פערד פאַר די אויסגעצויגענע לײצעס, און זי, גיטל, איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן, ווי בײַס אַ לעוויע. זי — גלײַך נאָכן וואָגן, און הינטער איר — קימאַט דאָס גאַנצע

דאָרף. זי, וואָס האָט שטענדיק געשפּאַנט איבערן דאָרף מיט יענעם שטאָלטנעם גאַנג, פּילנ־דיק אָף זיך אָן אַ שיר זײַטיקע, זאָל זײַן פאַרשיידענע בליקן, גייט אַ געשעענדטע, קאָן זיך ניט באַפרײַען פונעם געפיל, אַז זי איז אינגאַנצן ווי אָן אויסגעטאָנענע און הונדערטער בליקן פּאַסוּוען איר לײַב. און ערשט אין ראַיקאָם, ווען זי איז אַרײַנגעקומען צו פלאָטקינען אין קאַבינעט, האָט זי מיטאַמאָל אָנגעוווירן אַלץ, וואָס עס האָט זי געהאַלטן אָף די פיס, אָנגעווירן די פאַרביסנקײַט, וואָס האָט איר צוגעגעבן מוט און שטרענגקײַט, און זיך צעוויינט אָפן פולן קאָל:

— ווי האָט איר געקאָנט אַזוינס דערלאָזן? צי דען ניט געקאָנט פריִער אָנפרעגן, אויס־פאַרשן? עפּעס בין איך דאָך!.. אַ קאָמוניסט בין איך! און אויב ניט גלייבן, אויב אַזוי־אַ, אײַ־נער אָפן אַנדערן, אײנער אָפן אַנדערן!..

יענע נעכט איז דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם קימאַט ניט געשלאָפן. פונקט ווי אין פיל אַנדערע אַזעלכע נעכט. ער איז נאָרוואָס געקומען פון עפּעס אַ ווײַטן דאָרף, און אַ מידער, ניט קיין אויסגעשלאָפענער, אַפילו ניט באַוויזן אָפּרייניקן די בלאָטע פון די שטיוול, אוועק אין ראַיקאָם. דערפאַר האָט ער ניט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס איז פלוצלינג גיטל אַרײַנגע־לאָפן אַזאַ פאַרסאָפּעטע, וואָס וויינט זי און וואָס וויל זי פון אים. געריבן די רויטלעכע אויגן און געפרעגט האַלב באַ גיטלען און האַלב באַ זיך אַליין:

— וואָס אַזוינס דערלאָזט, וואָס ניט געקאָנט פריִער?

— די זעק מיט ווייץ! קומט, קומט אַרויס אַ קוק טאָן.

פלאָטקין איז געווען ניט פון די, וואָס פלאַמען גלײַך אויף. זײַן רויִקײַט, זײַן געזעצטקײַט האָט אייניקע געוווּנדערט, אייניקע פאַרכאַפּט און אייניקע שאַקירט. פאַר אַ סעקרעטאַר פון אַ ראַיקאָם איז דאָס געוויס געווען איינע פון די בעסטע מײַלעס און אויך צײַטנווײַז, צי טייל־ווײַז, איינע פון זײַנע כעסרוינעס. דאָס מאָל האָט ער אויך געפרעגט שטיל, כאָטש מיט אַ ביסעלע מוסער:

— וואָס ביסטו אַרײַן אין ראַיקאָם אַזאַ צעכראַסטעטע? קאָנסט רעדן, ווי אַ מענטש?

אַ ביסעלע שפּעטער, אין עטלעכע מינוט אַרום, דערנאָך אין עטלעכע טעג אַרום, ווען איין קאָמיסיע נאָך דער אַנדערער, פון ראַיאָן און פון קרײַז, האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם איניען און זי האָט אַלעמאָל געדאַרפט געבן עמעצן אַנדערש אירע דערקלערונגען, סײַ שריפטלעך, סײַ מינדלעך, איז צווישן אַלע אירע ביזיוינעס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט יענעם באַגינען, דער גרעסטער ביזאָיען געווען דאָס, וואָס זי איז אַזוי צעכראַסטעט אַרײַנגעלאָפן אין ראַיקאָם און זיך צעוויינט פאַר פלאָטקינען, ווי עפּעס אַ נארישע, אָן אָפּגעשטאָנענע מויד, וועלכע ווייסט ניט ווו אײַן און ווו אויס, ווייסט ביכלאַל ניט, אָף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. ס'האָט ניט געהאָלפן דאָס, וואָס פיל פון די פאַרשיידענע קאָמיסיעס האָבן אופגענומען אירע דער־קלערונגען מיט אַ ווייכן, שטילן שמייכל, אַזאַ אַלץ פאַרשטייענדיקן, מיטפילנדיקן און גוטן שמייכל, וואָס האָט געוויס געדאַרפט אַ ביסל אונטערמונטערן.

נאָר וואָס קומט אַרויס דערפון? וואָס קומט אַרויס פון אַט דעם מיטפילנדיקן שמייכל, אַז דאָס, וואָס זי האָט אָנגעווירן, דאָס, וואָס זי האָט פאַרלוירן פאַר איין גאַנצפרי, איז איר שוין שווער צו געפינען? אַט דאָס טאַקע האָבן זיי דאָך געמיינט, די יעניקע, וואָס האָבן צוגעג־טראַכט די שפּיל! ווי די זאַך זאָל דערנאָך זיך ניט אויסקלאָרן, וועט שוין גיטל זײַן ניט די, וואָס געווען. ניט דער שטעל, ניט די רייד, ניט דער גאַנג, ניט די זיכערקײַט. און די מאַמע, וועלכע האָט אַזוי זיך געגרייסט מיט איר טאָכטער, באַגלייטנדיק זי יעדן גאַנצפרי דורכן פענצטער מיט איר פאַרליבטן, נאָכעסדיקן בליק, וועט אַרומגיין איבער דער שטוב, ברעכן די הענט און וויינען אַזוי, ווי מע באַוויינט אַ מעס. און דער טאַטע, וואָס האָט די אַלע יאָרן געהיט זיך, אַז סײַ אָף אים, סײַ אָף זײַן טאָכטער זאָל ניט זײַן, כאַלילע, קיין מינדסט פּגימעלע, וועט אַרומגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, קוקן אָף דער טאָכטער מיט אַ שולדיקן בליק, גלײַך נאָך אַלעמען איז ער ניט זיכער, צי איז זײַן גיטל איבערצײַגט אין זײַן פולער אומשולדיקײַט, צי איז זי אַ ביסל אים אין עפּעס כוישעד.

נאָר וועגן דעם, וואָס באַ זיי אין שטוב קומט פאָר, האָט קיינער ניט געטאָרט וויסן. אָף גיטלס פּאָנעם האָט אַפילו קיין סימען ניט געטאָרט זײַן פון די אַלע שטילע און שטומע ליידן, וואָס קוקן אַרויס פון יעדן ווינקעלע אין זייער נידעריק שטיבעלע מיט די דורכגע־נעצטע ווענט און שמאָלינקע פענצטערלעך. אַלץ, אַלץ האָט זי געדאַרפט איבערלאָזן דאָרט, אינעם פאַרטונקלטן צימערל, אין איר, גיטלס, צימערל. אַפילו טאַטע־מאַמע האָבן ניט גע־טאָרט זען, ווי זי ליגט גאַנצע נעכט מיט אָפענע אויגן, ווי זי ווישט אָפּטמאָל אַראָפּ אַ טרער און ווי ביטער ס'איז איר אָפן האַרצן, ביטער און טשאַדענדיק, ווי דער רייעך פון די איבער־געטריקנטע קיזיקעס, וועלכע טליִען אַ גאַנצן טאָג אין אויוון. אין דרויסן האָט זי געדאַרפט

ווייזן פאַר אַלעמען איר פּרזערדיקן שטאָלטנעם גאַנג און מער ווי פּריַער אַרויסשטעלן איר פּאַרבאַהאַלטענעם כּיין. אין דאַרפֿראַט האָט זי געדאַרפֿט זײַן ווי פּריַער טעטיק, און איר שטים האָט געדאַרפֿט קלינגען פֿעסט און אומבאַשטרײַטבאַר. ווײַל אויב זי וועט זיך נאָר אַפּלאָזן, אַפֿילו אַף אַ קאַפּעטשקעלע...

איז דאָס איר אָנגעקומען זייער שווער, מיט יעדן טאָג שווערער. און דאָס סאַמע שווערסטע איז געווען יעדן טאָג זיך באַגעגענען מיט מענאַשען. זי האָט געפֿילט, אַז לאַנג וועט זי דאָס ניט אויסהאַלטן. נאָר ווי גיט מען דאָס אַלץ צו פֿאַרשטיין דעם סעקרעטאַר פֿון קרײַזקאָם?

— איז וואָס זשע באַשטימען מיר? — פֿרעגט ווידער סטעפֿאַן זאַכאַראָוויטש.

— אַז איך קאָן ניט, איך קאָן ניט!

— דאָס האָב איך שוין געהערט. און וואָס האָסטו געזאָגט פֿלאַטקינען?

האָט זי זיך צעוויינט, גיטל, אָט אַזוי, אינמיטן פֿלוצלינג. זי האָט אַפֿילו ניט באַוויזן אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס איז טאַקע אַן ענטפֿער אַף זאַכאַריטשס פֿראַגע, אַז דאָס, הייסט עס, האָט זי געזאָגט פֿלאַטקינען. פּאַשעט זיך צעוויינט, און שוין. נאָר סײַ דאַן, סײַ איצט איז דאָס געוויין געקומען אומגעבעטן, גיכער פֿאַר אַלץ דערפֿאַר, וואָס די אַלע טעג האָט אין איר אַלץ געוויינט און זי האָט דאָס קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך. סטעפֿאַן זאַכאַריטש האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן שטול, צוגעגאַנגען צו גיטלען און אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער איר שוואַרץ, געקווייטלט שאַלעכל. קווייטלעך איז געווען זייער ווייניק, גאַנץ שיטערלעך, און שוואַרצס איז געווען צופֿיל.

— זאָג מיר נאָר, דו האָסט כאָטש זיך געזען אַמאָל אין שפּיגל אַ וויינענדיקע? עס פּאַסט דיר אינגאַנצן ניט. אַזאַ מוידל!..

דער געדאַנק, אַז עס כאַזערט זיך איבער קימאַט דאָס זעלבע, ווי אין ראַיקאָם, און אַז באַלד קאָן זאַכאַריטש אַ זאָג טאָן דאָס זעלבע, וואָס פֿלאַטקין, האָט זי שטאַרק איבערגעשראָקן און גלײַך אויסגעניכטערט. זי האָט אויך זיך אַ הייב געטאָן פֿון איר בענקל, געבליבן שטיין קעגן זאַכאַריטשן, זיך אויסגעצויגן אין איר פּולער הייך, אין וועלכער זי האָט שטענדיק געפֿילט אַ ביסל איבעריקס, מיט יענער נאַטירלעכער שטרענגקייט אַף איר אויסגעצערט פּאַנעם, וואָס האָט דעריבער אויך אויסגעזען אַ ביסל איבעריק צוגעברווינט, אַפּגיך, פּאַשעט מיט די פֿינגער, אַ וויש געטאָן די אומגעבעטענע טרערן און זיך אָנגערופֿן:

— אַנטשולדיקט, איך בעט אײַך... זייער!..

— נו, אויב זייער, איז דאָך ניט שײַעך. — און ווידער מיט זײַן מעכילעדיק שמייכעלע. — איז וואָס האָט פֿלאַטקין געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט... פֿאַר אין קרײַזקאָם, צו זאַכאַריטשן. האָב ניט מוירע, האָט ער געזאָגט, ער איז זייער אַ ווילער מענטש, זאַכאַריטש, כאָטש אַ שטרענגער, דערפֿאַר אָבער אַ גערעכטיקער. און אַזוי, ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועט זײַן.

זיך געכאַפּט, אַז זי האָט געזאָגט אַ ביסל איבעריקס, האָט גיטל זיך פֿאַרויטלט און אין זיך אָפּן סאַמע ערגסטן אויפֿן זיך אויסגעזידלט. ווי זאָגט מען עס אַ מענטשן אין די אויגן אַזעלכע זאַכן? און נאָך אַ סעקרעטאַר פֿון קרײַזקאָם! ער קאָן נאָך מיינען...

נאָר זאַכאַריטש האָט אַף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. אים האָט געקימערט גאָר עפּעס אַנדערש.

— אַזוי טאַקע האָט ער געזאָגט, פֿלאַטקין? ווי זאַכאַריטש וועט זאָגן, אַזוי וועט זײַן? וואָס בין איך עפּעס, אַ גאָלעך צי אַ ראָוו?

— אָבער ווי פֿאַרשטייט איר ניט? — נאָך אַ ביסעלע, צעוויינט זי זיך ווידער. — נאָך דעם!..

— נאָך דעם, נאָך דעם!.. און באַ מיר, מיינסטו, איז ניט געווען קיין נאָך דעם?

סטעפֿאַן זאַכאַריטש שמייכלט ווידער, נאָר שוין מיט אַן אַנדער שמייכל. ניט צו גיטלען, נאָר צו זיך אַליין, און עפּשער גאָר צו עמעצן אַנדערש אָדער צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער ווײַט פֿון אים, ווײַט אין אַלע אויפֿאַנים. זי ווייסט ניט, גיטל, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן, נאָר זי זעט, ווי אַ מענטש ענדערט זיך, ווי ס'וואָלט איבער אים אַן אַרבעט געטאָן עפּעס אַ קישעפֿמאַכער. די קנייטשן, די טיפֿע קאַרבן פֿאַרשווינדן אײנער נאָכן אַנדערן און דאָס פּאָנעם ווערט גלאַט און גלײַך, עפּעס אַזאַ רונד פּאָנעם, אַ סאַמעטנס, אַ גלאַנציקס. די אויגן קוקן אַף דער וועלט וווּליוּנגעריש, מיט אַ העפֿקערדיקן בליק פֿון אַ מענטש, וואָס איז גרייט איבערצושווימען דעם יאַם. און זאַכאַריטש... ער ווייסט נאָך דערווײַל ניט, צי וועט ער דערציילן אָט דעם מיידל וועגן זײַן „נאָך דעם", נאָר די דערמאָנונג אַליין, יענער פֿלאַטער, וועלכער האָט אים דערבײַ אַרומגעכאַפּט, האָט אים אַזוי איבעראַשנדיק געענדערט, אַז גיטל האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס מיט אים קומט פֿאַר. זאַכאַריטש האָט אַ נעם געטאָן זײַן

שטול, א הייב געטאָן, ווי א זאק, וואָס האָט גאָר קיין וואָג ניט, אוועקגעשטעלט אים לעבן גיטלס בענקל און זיך אָנגערופן מיט א שטים, ווי מע רעדט אריַין עפּעס א סאָד:

— איז עפּשער וועלן מיר זיך צוזעצן? ס'איז א לאנגע געשיכטע.

די געשיכטע איז געווען ניט אזא לאנגע, ווי גיטל האָט געמיינט, נאָר א פריילעכע. דאָס האָט זאכאריטש אליין אזוי געזאָגט. א געשיכטע פון יענע וויַיטע צייַטן, ווען ער, זאכאריטש, איז נאָך געווען יונג, די רעוואָליוציע האָט ערשט אָנגעהויבן וואקסן, דער בירגערקריג האָט ערשט זיך צעפלאַקערט, ארום האָט געברויזט און געבראַוזשעט, און ס'האָט זיך געדוכט, אז די גאנצע ערד האָט זיך געשטעלט „דיבאָם". דאָס וואָרט „דיבאָם" איז אויך זאכאריטשס, וויַיל קיין אנדער וואָרט האָט ער ניט געקאָנט צוקלייַבן אָפּ אויסמאָלן, ווי'אזוי פאנצערצוגן האָבן געשאָטן מיט קוילן און סנאריאדן, ווי'אזוי עסקאדראָנען זייַנען געפלויגן איינער אפן אנדערן, פערד האָבן געהירזשעט ווילד און צעיושעט, אנטבלויזטע שווערדן האָבן געפאָכעט איבער מענטשישע קעפּ...

און אין אָט דער זאווערוכע, אין אָט דעם וויכער, איבער אָט דער אופגעבראַוזטער ערד — דער רויטער קאוואלעריסט סטעפּאן קאָרני'ענקאָ, א קאָמאנדיר פון אן עסקאדראָן אין בודיאָני'ס ארמיי, א היציקער יונגאטש מיט א פארפאליעט פּאָנעם, מיט א פּאטלע גודיכטע שווארצע האָר איבער דעם שטערן און מיט א זודיקן געמיש פון אָן א שיר לידלעך און לאַזונגען אין קאָפּ, אזא פארפלאָנטערטער געמיש, ווען ס'איז שווער צו באשטימען, ווו ענדיקט זיך די ליד און ווו הייבט זיך אָן דער לאָזונג, וויַיל היַינט זינגסטו עס ווי א לידל, און מאָרגן לייענסטו עס אף א פּלאקאט ווי א לאָזונג:

Мы на горе всем буржуям
Мировой пожар раздуем...[1]

גיטל האָט שוין אינגאנצן פארגעסן, ווו זי איז און נאָך וואָס איז זי געקומען אהער. וויַיל דאָס, וואָס זאכאריטש האָט דערציילט, האָט זי אזוי קלאָר, אזוי בולעט געזען פאר זיך, אז ס'האָט אזש פארכאַפּט דעם אָטעם...

דארף זיך טרעפן א געשיכטע. יאָ, טאקע וועגן אָט דער געשיכטע וויל עס איצט זאכאַריטש דערציילן. ווי'אזוי מע האָט אים, דעם רויטן קאוואלעריסט, דעם קאָמאנדיר פון אן עסקאדראָן, געשטעלט צום וועגטל. בודיאָני אליין האָט באפוילן. פאר וועלכע זינד? אייסעך וואָס, פאר גאָרניט. א לעפּישע געשיכטע. עמעצער האָט זיך פארקלאָגט, אז דאָס האָבן זייַנע קאוואלעריסטן אונטערגעצונדן אין איינעם א דאָרף א פּאָר באלעגופּישע היַיזער, וויַיל די באלעבאטים האָבן זיך אָפּגעזאָגט געבן א ביסל האָבער פאר די פערד.

און גלייַך ער דארף זיך איצט פארענטפערן פאר גיטלען, טוט ער א זאָג מיט אזא בעטנדיקער מינע:

— גלייב מיר, די גאנצע מעַיסע איז געווען א ליגן. ס'הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס. נאָר דאן האָט זיך געשאָטן אף אונדז איין אויסטראכטעניש נאָך א צווייטער. א צייַט געווען אזא. זייער א הארבע צייַט. מיט איין וואָרט — בירגערקריג!

סטעפּאן זאכאריטש זשמורעט די אויגן, ווי ער וואָלט אליין אויך געוואָלט זען אלץ קלאָרער, בולעטער. ער זשמורעט די אויגן און שמייכלט אונטער, זעענדיק, ווי מע האָט אראָפּגעריסן פון זייַן קאָפּ די בודיאָנאָווקע, צוגענומען די שווערד, אראָפּגעשלעפּט די שטיוול און אזא־אָ, א באָרוועסן, א האלב־נאַקעטן, אוועקגעפירט הינטערן דאָרף און צוגעשטעלט צו א הויכן פּלויט. צום שאָס, צום לעצטן שאָס, וואָס ער וואָלט שוין אוודאי ניט געהערט, האָט געפעלט א מינוט, סאַמע אזויפיל, וויפל א מענטש דארף האָבן אף אָפּגעזעגענען זיך מיטן לעבן. ער, דער באַרימטער קאוואלעריסט, וועמען בודיאָני האָט ערשט מיט א פּאָר כאדאָשים צוריק געשענקט א זייגער מיט אן אופשריפט, דארף שטארבן מיט אזא שענדלעכן טויט. נאָר דאָ איז אָנגעפלויגן בודיאָני אליין, א צי געטאָן זייַן פערד פארן צייַמל אזוי, אז ס'איז געבליבן שטיין דיבאָם, אף די הינטערשטע פיס.

— אָסטאַווויט![2] — האָט בודיאָני אויסגעשריגן מיט אזא קאָל, אז אים, סטעפּאַנען, האָט זיך געדוכט, אז דאָס האָט מען שוין אויסגעשאָסן און ער דארף אומפאלן.

אליין בודיאָני האָט אים דערלאנגט פריִער די שטיוול, דערנאָך די שווערד און באפוילן:

— צוויי מינוט אף צוגרייטן דעם עסקאדראָן צום מארש.

---

[1] אפן צאר פון אלע בורזשויען וועלן מיר א וועלט־סרייפע צעבלאָזן; [2] אופהערן!

שטייט ער, דער קאַוואַלעריסט קאָרניִענקאָ, ניט טויט ניט לעבעדיק, אַלץ אין אים צי־טערט, עס מאַרדעוועט מיט אים, ווי אין אַ קאַדאַכעס. ער פֿינטלט מיט די אויגן און שטאַמלט קוים אַרויס:

— כאַוועד קאָמאַנדיר... ווי קאָן איך? נאָך דעם...

— דערנאָך, דערנאָך! — האָט בודיאָני אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועקגע־ריטן ווײַטער. — מאַכנאָ איז שוין הינטער יעקאַטערינאָסלאַוו!

אין צימער איז געוואָרן אומגעווײנלעך שטיל, און איבער דער וואַנט האָבן אָנגעהויבן אַרומפּויזען טונקעלע שאָטנס. ס'איז געוואָרן ענלעך, גלײַך עמעצער האָט שטאַרק אײַנגע־דרייט דעם לאָמפּ, און קוים־קוים וואָס ער לויכט. קוקט גיטל אױף סטעפּאַנען און דערקענט אים ווידער ניט. דער קישעף האָט ביסלעכווײַז זיך אָפּגעטאָן פֿון אים, אױפֿן פּאָנעם האָבן אײנער נאָכן אַנדערן זיך באַוויזן די טיפֿע קנייטשן און אין די אויגן — יענע רויטע פֿינטע־לעך, וואָס קומען פֿון אַ סאַך נעכט ניט שלאָפֿן. אַלץ אין אים איז ווי אַראָפּגעהאַנגען, און ער האָט אויסגעזען אַ סאַך עלטער, ווי מיט אַ שאָ צוריק, ווען זי איז אַרײַנגעקומען צו אים.

פֿון אַלע פֿראַגן, וואָס זײַנען געלעגן בײַ גיטלען אױף דער צונג, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט די סאַמע נאַרישסטע:

— און דער זייגער?

— וועלכער זייגער?

— וואָס בודיאָני האָט אײַך געשענקט.

— אַך, יענער... אָט איז ער.

זאַכאַריטש נעמט אַראָפּ דעם זייגער פֿון דער האַנט, קערעוועט אים איבער מיטן אונ־טערשטן דעקל אַרויף און שמייכלט ווידער מיט יענעם שמייכל, וואָס מאַכט אים ייִנגער.

— אָט... לייען.

גיטל באַקוקט דעם זייגער, לייענט איבער דעם אויפֿשריפֿט און נעמט אױף גאָר אַ נײַעם אויפֿן באַקוקן זאַכאַריטשן, זוכט אין אים די שפּורן פֿון יענעם קאַוואַלעריסט, דעם העפֿקער־יונג, וועלכן זי האָט נאַרוואָס געזען אַזוי קלאָר. איר דוכט זיך, אַז עפּעס האָט ווידער אַ שײַן געטאָן אױף אַ ווײַלע. אַ שײַן געטאָן און ניט געשטײַעט. און דאָס פֿאַרדריסט איר זייער. מעגלעך, דערפֿון האָט זיך גענומען יענער לאַנגער זיפֿץ, גאָר ניט לויט איר טעווע:

— יאָ, דאַן איז געווען אַנדערש...

עפּשער האָט זי געמיינט מיט דעם ניט דאָס, נאָר אירע ווערטער האָבן אַ שטאָך געטאָן זאַכאַריטשן, און ער איז געוואָרן בייז.

— פֿאַרשטייט זיך, אַן אַנדער צײַט... אַ צײַט פֿון פּריילעכע הוליאַנקעס, אַ וועלט פֿון סאַמע העפֿקערײַען און שיקערע כאַסענעס! האַ? וואָס, מיינסטו, האָבן דײַניקע געמיינט מיט דער פּראָוואָקאַציע?

— איך האָב דאָס גלײַך פֿאַרשטאַנען. נאָר סײַווי... איך וועל שוין ניט קאָנען אַזוי, ווי פֿריִער. מיטן פֿולן האַרצן, מיטן גאַנצן לײַב־און־לעבן, מיט דער פֿולער זיכערקײַט, אַז אַלץ, וואָס דו טוסט!... אַ קאָמוניסט, ווי איך פֿאַרשטיי, דאַרף פֿילן דעם פֿולן צוטרוי צו זיך פֿון אַלעמען און אין דער ערשטער ריי פֿון זיך אַליין. און איך... איך פֿיל, אַז איך האָב עפּעס אָנגעוווירן, עפּעס זייער וויכטיקס. און איך בעט אײַך, איך בעט אײַך זייער... איך דאַרף פֿריִער פֿאַר אַלץ אפּסנײַ געפֿינען זיך אַליין.

— זע נאָר, זע נאָר, — שפּאַסט זאַכאַריטש. — איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ רעדנערין. עס נעמט מאַמעש פֿאַר דער לעבער! כאָטש אויב אַ טראַכט טאָן... איז וואָס זשע ווילסטו?

— איך וויל גיין אַרבעטן אױפֿן דניעפּראָבוי.

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?

— דאָס, וואָס אַלע. איך וועל טאַסקען װעגעלעך.

— אַזוי גאָר? טאַסקען װעגעלעך? די גרינגע װעגעלעך? — ס'האָט אויסגעזען, אַז זאַכאַ־ריטש איז אַפּאַנעמעסן דערצאָרנט. — און דעם שווערן וואָגן זאָלן שלעפּן אַנדערע? איך אַליין זאָל אים שלעפּן?

— ווער זאָגט דען? איך... ניט דאָס האָב איך געמיינט.

— איז אָט וואָס. וועסט גיין פֿאַר אַ פּאַרטאָרג אױף איינעם פֿון די באַצירקן.

— ניין, ניין, איך בעט אײַך, דערוויל ניט. לאָזט מיך אַ ביסל קומען צו־זיך.

שמייכלט ער שוין ווידער, זאַכאַריטש.

— אָט אַן אַקשנטע! נו, גוט. איך גיב דיר דרײַ טעג אױף דערליידיקן דײַנע איניאָנים אין ראַיאָן. איך וועל אָנקלינגען פֿלאָטקינען, ער זאָל דיך ניט איבעריק פֿאַרהאַלטן.

— א דאַנק, א גרויסן דאַנק.
— ווּעסט דאַנקען אַן אַנדערש מאָל. דו ווייסט נאָך ניט, וואָס איז אַזוינס דניעפּראָבוי.
— קיין גרינג לעבן זוך איך ניט.
— דאָס איז גאָר אַנדערע דיבורים! אויב אַזוי, וועלן מיר מיט דיר דורכקומען.
דערנאָך האָט זי אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשפּאַנט איבער די אומבאַקאַנטע, שוואַך-באַלויכטענע גאַסן פון דער אײַנגעשלאָפענער שטאָט, זיך אײַנגעהערט אין די אומגעוויינלעכע גריל-צערײַען און פּײַפערײַען, וואָס האָבן אַלעמאָל זיך אַרײַנגעריסן פון ערגעץ אַנדערש, אַ וועקגעטאָן, ווי דער האַלבנאַכטיקער האַנעקריי, און אין איר צעבויטעטן מויעך האָט זיך איבערגעמישט אַלץ אינײנעם: דער באַגינען, ווען זי איז געשטאַנען בײַ זיך אויפן הויף צווישן דעם אופגערודערטן אוילעם און געפילט זיך אײַנגאַנצן אַ נאַקעטע, און יענער ווײַטער פאַרנאַכט, ווען מע האָט סטעפּאַן זאַכאַראָוויטשן אומזיסט און אומנישט געשטעלט צום ווענטל. נאָך אַלעמען איז בײַ איר אופגעקומען אַ ראַכמאָנעס צו זיך אַליין, און זי האָט שוין ניט געוווסט, אַף וועמען צו בייזערן זיך: אַף יענע, וואָס האָבן גורירעם געווען צו דעם אַלעמען, צי אַף זיך — פאַר איר אײַנגעשפּאַרטקײַט, פאַר איר איבערגעטריבענער שטרענגקײַט צו זיך אַליין.
ערשט איצט האָט זי געקאָנט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, וואָס זי האָט ניט געקאָנט זאָגן דעם סעקרעטאַר פון קרײַזקאָם. ווײַל טאַקע ער, מענאַשע, איז עפּשער שולדיק מער פון אַלעמען. נאָר וואָס איז דער כילעק? וויכטיק איז דאָס, וואָס זי האָט אויסגעהאַלטן און זיך ניט אונטערגעגעבן. איצט איז שוין פאַרפאַלן. און מענאַשע... קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט!..
איצט האָט זי געקאָנט אַנוויינען זיך, וויפל זי האָט געוואָלט. טאַקע איבער אָט דעם „קיינמאָל ניט". ווײַל ווי דאָס זאָל ניט זײַן, וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם סאַמע שווערסטן און סאַמע בעסטן ווינטער אין איר לעבן. טאַקע דערפאַר, וואָס יעדן שפּאַן איבער די פאַרזאַווערוכעטע פעלדער, איבער די צעקוואַסעטע גאַסן האָבן זיי געמאַכט אינײנעם. און אַף אַלע פאַרזאַמלונגען זײַנען זיי געווען אינײנעם, און אַפילע זײַענדיק באַזונדער, זײַנען זיי אויך געווען אינײנעם. און ס'איז איר אַפילע קיינמאָל ניט געקומען אַפן געדאַנק, אַז דאָס איז ליבע. זי האָט עס דערפילט און פאַרשטאַנען ערשט נאָך אַלעמען, ערשט איצט, ווען ס'האָט זיך בײַ איר אַרויסגעכאַפּט אָט דער „קיינמאָל ניט".
געוויינט האָט זיך זייער גרינג, עפּעס גאָר ווי מיט האַנאָע, און בײַ איר איז געווען אַזאַ געפיל, גלײַך זי וואַשט אָפּ מיט די טרערן דאָס פּאָנעם, שווענקט זיך אויס אין זיי פון קאָפּ ביז די פיס. האָט זי שוין געוויינט גלאַט אַזוי, באַוויינט איר אייגענע אויסגעהאַלטנקײַט, פּרינציפּיעלקײַט און שטרענגקײַט, איר מענערישע פעסטקײַט, מיט וועלכער זי האָט אַרויסגעריסן פון הערצן דאָס סאַמע טײַערסטע.
זי האָט ניט באַמערקט, ווי ס'האָט זי אַרויסגעפירט אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון די שטאָטישע גאַסן. דאָס גרילצן פון די טראַמווײַען האָט מען שוין ניט געהערט, די פּײַפערײַען זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל זעלטענער, און די נידעריקע, איינשטאָקיקע הײַזער פון דער פאָרשטאָט האָבן שטיל געזיפצט מיט עפּעס דאָרפיש. און אַ ביסל ווײַטער, שוין באַם סאַמע דניעפּער, האָבן העל געלויכטן אָן אַ שיר פּײַערלעך. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלײַכער ריי און פריילעך געווונקען אין דער נאַכט אַרײַן, געווונקען, ווי איר האָט זיך געדוכט, גראָד צו איר, גערופן צו זיך, געצויגן און געשראָקן. און דאָך האָט זי שוין געמוזט מאַסקים זײַן, אַז דאָס איז איר נײַער, נאָך אומבאַוווסטער גוירל, וואָס זי, גיטל אַליין, האָט אין אַ גוטער צי אַ ניט גוטער שאָ פאַר זיך אויסגעקליבן.

4

און נאָך אַ נאַכט... זי איז געקומען מיט אַ קינדעריש פּײַפעלע אין מויל... די נאַכט האָט געפּײַפט, און דאָס צעהוליעטע ווינטעלע האָט שטיל אונטערגעפּײַפט, ווי געסטאַרעט זיך ניט אופוועקן דעם אויסגעהאַרעוועטן אוילעם נאָך אַזאַ לאַנגן און שווערן פרילינגדיקן טאָג. דער פלאַטשיקער הימל האָט צוגעדעקט די ערד מיט זײַן געקווייטלטער קאָלדרע, זי זאָל ניט איבעריק אָפּקילן זיך אָדער, כאָלילע, ניט צוקילן זיך פאַר דער נאָך ניט איבעריק וואַרעמער נאַכט. פון די שיטערע שטערן, פון די ווײַסע, פאַרגליווערטע וואָלקנדלעך האָט געעטעמט מיט אײַנוויגנדיקער שטילקײַט, וואָס האָט געקאָנט באַשענקען די גאַנצע וועלט מיט רו, מיט פעסטן שלאָף און מיט גוטע, זיסע כאַלוימעס...
די גאַנצע וועלט, נאָר ניט אונדז... מיר האָבן זיך אָקאָרשט באַקאַנט און דאַרפן זיך שוין שיידן. און בײַ יעדערן פון אונדז וועלן פיל פראַגן בלײַבן ניט אויסגעקלאָרט, פיל ווערטער

ניט ארויסגעזאָגט, און צווישן די ניט קלאָרע געפילן, וואָס די קורצע פרילינגדיקע נאַכט וועט איבערלאָזן בא אונדז, בלײַבן אויך ניט ווייניק פארדראָס. כאָטש, פארוואָס עפּעס פאַר־דראָס? איך בין דען שולדיק? שולדיק איז דער אַגיטפּראָפּ פון ראַיקאָם פּערעץ ביליאַווסקי. און מער פון אַלץ איז שולדיק מײַן ליד. מײַן ערשטע אָפּגעדרוקטע ליד אין דער קליינינקער ארויספאַר־צײַטונג.

„פאַר דורכויסיקער,
פאַר דורכויסיקער!" —
זינגט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער...

מיר האָבן געשפּאַנט אינצווייען איבער דער לאַנגער נײַ־זלאַטאָפּאָליער גאַס, פון איין עק צום צווייטן, פאַרכאַפּט אַלעמאָל א שטיקל פונעם ברייטן אײַנגעפּאַרענעם סטעפּישן שליאַך, וואָס פירט פון איין זײַט קיין הוליײַפּאָליע, פון דער צווייטער קיין סוויאַטאָדובאָווקע, און מער געשוויגן, ווי גערעדט. ס'איז אונדז ביידן געווען אַלצייַנס אומהיימלעך, אַלצייַנס אומגעוויינ־לעך, און מיר האָבן זיך ביידע געפילט פאַרלוירן דערפון, וואָס עס איז אָקאָרשט געשען. זי, גיטל, איז נאָרוואָס געוואָרן אויס פאַרזיצער פונעם דאָרפּראַט, און איך האָב פאַרנומען איר אָרט. האָט אונדזער „שפּאַציר געדאַרפט האָבן פאַר יעדערן פון אונדז זײַן באַזונדערן, געוויס קעגנגעזעלצכן באַדײַט. זי האָט זיך געזעגנט מיט אַלעמען, וועמען זי האָט אוועקגעגעבן אירע בעסטע מיידלשע יאָרן, געזעגנט זיך מיט דער לאַנגער דאָרפישער גאַס, וואָס זי האָט אויסגע־שפּאַנט הונדערטער מאָל באַטאָג און באַנאַכט, אין רעגן און אין בלאָטעס, אין פראָסט און אין זאַווייען, געזעגנט זיך מיט יעדן הויף, מיט יעדער שטוב, מיט אַלע זײַנע אײַנוווינער, יונגע און אַלטע, און איך האָב ערשט געדאַרפט אָנהייבן באַקאַנען זיך מיט זיי. געוויס האָט זי פאַר יעדן הויף געהאַט א באַזונדער וואָרט, געהאַט וואָס צו זאָגן סײַ גוטס, סײַ א ביסל ניט איבע־ריק גוטס, ווײַל ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איז זי מיט זיי אַלעמען געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אַף אָט דער גאַס, און אַפילע פונדערווײַטנס ווייסט זי, וואָס בא יעדערן טוט זיך ניט נאָר אַפן הויף, נאָר אויך אַפן האַרצן. איך האָב דערווײַל קיינעם ניט וואָס צו זאָגן, און ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי איך וועל אַמאָל האָבן זיי וואָס צו זאָגן אין אַזא מאָס, ווי אָט דאָס היכע און א ביסל מאָגערלעכע מיידל.

מיסטאָמע איז זי געווען אין מײַן עלטער, קוים אריבערגעשפּאַנט די צוואַנציק יאָר, גאַנץ מעגלעך, אַז זי איז נאָך ייִנגער פון מיר, נאָר אויסגעזען האָט זי... ניין, ניט עלטער, נאָר זעלבשטענדיקער, שטרענגער. אין איר א ביסל פאַרדומפּענער שטים, אין דעם, ווי־אַזוי זי האָט ארויסגעבראַכט, ווי דורכגעזיפּט, יעדעס וואָרט, געסטאַרעט זיך צוגעבן אים וואָג און באַדײַ־טונג, און ווי־אַזוי זי באַגלייט יעדעס וואָרט מיט א שאַרפער באַוועגונג פון דער רעכטער האַנט, איז געווען עפּעס מענערישס. דאָס האָט זי געוויס געעלטערט. איר לענגלעך, אָפּגעצויגן פּאָנעם איז געווען ווי א ביסל צוגעסאַרפּעט, און אין אירע שוואַרצע אויגן, אַמאָל ביז גאָר גלאַנציקע, אַמאָל ווי פאַרצויגן מיט א הײַטעלע, האָט מען געקאָנט זען א סאַך מער, ווי דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט אַף דער זיצונג פון דאָרפּראַט, אַף איר לעצטער זיצונג. סײַ דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, און סײַ דאָס, וואָס זי האָט מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט אויסבאַהאַלטן.

אַזוי האָט זי אויסגעזען אינעם געדיכט אָנגערויכערטן צימער פון דאָרפּראַט בא דער קנאַפּער שײַן פונעם ניט איבעריק גרויסן, טשאַדענדיקן לאָמפּ. איצט, בא דער שײַן פון דער שפּעט־אופגעגאַנגענער לעוואָנע, האָט איר פּאָנעם אויסגעזען א ביסל אַנדערש: א ביסל צו־געגלעט, ניט אַזוי פאַרסאַרפּעט און ניט אַזוי אָפּגעצויגן. זי איז געווען אונטערגעשוירן א ביסל צו ייִנגלש, מיט א געדיכט טשוביקל פון פּאָרנט, א טשוביקל, מיט וועלכן מע האָט געקאָנט טאָן, וואָס מע וויל: פאַרוואַרפן עס אַף א זײַט, אַראָפּלאָזן איבערן שטערן אָדער א פּיר טאָן איבער דעם מיט די פינגער אַזוי, עס זאָל בלײַבן ליגן, ווי צוגעזאָטן. נאָר ניט דאָס טשוביקל און אַפילע ניט דער אונטערגעגאָלטער האַלדז־און־נאַקן האָט איר צוגעגעבן יענע מענערישקײַט, נאָר איר בליק. ווען זי זאָל אַפילע געווען טראָגן לאַנגע צעפּ, וואָלט דער בליק אַלץ מעוואַטל געווען. זי האָט זיך שוין געקאָנט באַגיין אָן דעם כאַקי־העמדל, ענג איבער־געצויגן מיט א ברייטן לעדערנעם פּאַסיקל. אַלע קאָמיוגיסטן האָבן געטראָגן „יונגשטורם"־העמדלעך, ווי זשע האָט זי געקאָנט זײַן אָן אויסנאַם?

מיר זײַנען ביידע געווען נאָך יונג, ס'האָט אונדז ביידן עפּשער צו פרי אַרײַנגעוואָרפן אין די קאָכענישן און זידענישן פון יענע יאָרן, און כאָטש מיר האָבן געהאַלטן, אַז מיר פאַר־

שטייען א סאַך מער פון אַנדערע, האָבן מיר א סאַך זאַכן ניט פאַרשטאַנען. דערפאַר האָבן מיר צו קרענקלעך אופגענומען יעדע קלייניקייט.

איך האָב זיך דעמלט אַרומגעטראָגן מיט מײַן ערשטן אויסרייד, ווי מיט עפּעס א סאַקאַ־נעסדיקן געשווילעכץ, וואָס האָט מיך געבויגן צו דער ערד, און מיט מײַן ערשטער אָפּגע־דרוקטער ליד, וואָס האָט מיך מאַמעש ווי אונטערגעטראָגן, און ס'האָט זיך מיר אָפּטמאָל געדוכט, אַז איך פּיל אינגאַנצן ניט די ערד אונטער די פיס. אין יענע ברויזנדיקע פרילינגדיקע טעג, אין יענעם אומפאַרגעסלעכן פרילינג, וואָס האָט באַקומען א נאָמען „ערשטער באַלשע־וויסטישער", האָבן בא מיר אין קאָפּ זיך געבאַמבלט אָן א שיר לידער. זיי האָבן מאַמעש אַרויסגעשפּאַרט פון מיר, און איך האָב אָפּטמאָל געמוזט אַרויסלויפן פון דאָרפראַט, דורכשפּאַ־צירן זיך איבערן דאָרף, איך זאָל א ביסל זיך באַפרײַען פון אָט דעם מאָדנעם לידלען, וואָס האָט מיך באַפאַלן, ווי א פיבער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך קאָן אַזוי, אײַנמיטנדרינען, אָנהייבן רעדן אין גראַמען, און דער אוילעם וועט מיינען, אַז איך בין ביכלאַל פון זינען אַראָפּ.

כוץ מײַן ערשטן אויסרייד און מײַן ערשטער ליד האָב איך געהאַט געגוג אַנדערע דײַגעס. די גרויסע קאָמונע, וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך זיבן דערפער, איז זיך צעפאַלן, און אין אונדזער סלאַדקאָוואַדנער דאָרפראַט זײַנען געקומען צום פרילינג פיר קאַלווירטן, וועלכע האָבן אַרײַנגענומען אין זיך אַלע אינדיווידועלע ווירטשאַפטן. די דאָרפראַטן האָבן ערשט געדאַרפט געפינען פאַר זיך זייער אָרט אין די נײַע, ביז גאָר אומגעוויינלעכע באַדינ־גונגען. דער גאַנצער טומל איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער געבײַדע פון דער קאַלווירט־פאַרוואַלטונג, און אין אונדזער צימערל איז געוואָרן אומגעוויינלעך שטיל. אַפילו מײַנע צוויי באַשטענדיקע ראַטגעבער הילעל און עזרע האָבן אויך אָנגעהויבן זעלטענער אַרײַנקומען אין דאָרפראַט. זיי האָט געצויגן אין סטעפּ אָדער אין דער קאַלווירט־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן איבערנעמען צו זיך דעם אומרו פון אַלע דאָרפישע הײַזער. איך האָב אַפילו אָנגעהויבן אייפערן, ווען איך האָב דאָרטן געטראָפן הילעלן מיט עזרען, וועלכע האָבן איצט דאָ, אין קאַלווירט, געפונען מער שטאָף פאַר זייערע שפּאַרונגען און קריגערײַען, איידער בא מיר אין דאָרפראַט. איך האָב געייפערט הילעלן און עזרען, און אונדזער באַלעבאָסטע כאַסיע, אין וועמענס צימער עס האָט זיך אָפּגעטומלט און אָפּגעראַשט אַזאַ אומגעוויינלעכן ווינטער, האָט געייפערט מיך אַליין, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס און צו וועמען. מעגלעך, פּאַשעט דערפאַר, וואָס איר איז געוואָרן אומעטיקלעך, און נאָך יעדן ביסל נײַס האָט זי אַליין אויך געדאַרפט גיין אין דער קאַלווירט־פאַרוואַלטונג.

אין איינעם א פאַרנאַכט, ווען די זון האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרגיין, איז ראַשיק אַרײַנ־געקומען אין דאָרפראַט דער אַגיטפּראָפּ פון ראַיקאָם פערעץ ביליאַווסקי:

— אַ, גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן. זייער א דרינגענדיקער איניען.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער א ביסל צו שטרענג, און מיר האָט א טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ. אַזאַ טעווע האָט דאָס שוין געהאַט. אַלע מאָל, ווען ס'האָט זיך א יאַווע געטאָן א פאָרשטייער פון ראַיאָן, האָט עס אָנגעהויבן צו טיאַכקען. מיר האָט זיך שטענדיק געדוכט, אַז איך טו ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, און ניט אַזוי, ווי מע דאַרף, אַז איך בין ניט גענוג שטרענג, ניט גענוג ענערגיש, ניט גענוג אַקשאָנעסדיק, ווי עס פּאַסט פאַר א פאַרזיצער, און ווער ס'וועט נאָר פּרווון זיך א גריבל טאָן אין מײַנע איניאָנים, וועט דאָרטן געפינען אָן א שיר בלויזן און די סאַמע שרעקלעכסטע אויירעס.

איך בין געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס ביליאַווסקי איז פאַרפאָרן אַהער אַזוי שפּעט, איז ניט גלאַט אַזוי, געוויס האָט עפּעס געטראָפן.

מיסטאַמע האָט ער עפּעס באַמערקט אָף מײַן פּאָנעם, ווײַל די פראַגע האָט ער געשטעלט מיט די בעסטע קאַוואָנעס, קעדיי מיך אונטערמונטערן א ביסל:

— וואָס וואָלט געווען, ווען מיר נעמען דיך צו פונדאַנען?

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאַרף מען מיך צונעמען פונדאַנען, פאַר וועלכע זינד, וווהין וויל מען מיך צונעמען, און ביכלאַל... וואָס הייסט עפּעס צונעמען?

געוויס איז דאָס אויך געווען אָנגעשריבן אָף מײַן פּאָנעם. ניט דערוואַרט זיך אָף מײַן ענטפער, האָט ער געגומען מיך אײַנרעדן:

— פאַרשטייסט, דער פאָרזיצער פון נײַ־זלאַטאָפּאָליער דאָרפראַט, קאָנסט זי דאָך, זייער א וווילע יאַטעכע, אָן עכטע קאָמוניסטקע. נאָר זי מוז אוועקגיין. ס'הייסט, מוזן זי ניט, נאָר זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. האָסט דאָך געהערט, וואָס מיט איר איז געשען. אָט אַזאַ איז זי, די דיאַלעקטיק פון קלאַסנקאַמף.

האָב איך שוין אוודע גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען: וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָס צו מיר?

נאָר דער אגיטפּראָפּ פון ראיקאָם האָט געהאַלטן, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן אויף צוגרייטן מיך, האָט ער געזאָגט, און ארויסגערעדט שוין מער קאַטעגאָריש:

— ווילן מיר, אַז אויף אייער אָרט זאָל זײַן אַ פּאַרזיצער ניט קיין ערגערער. און בײַכלאַל — אַ קולטורעלער. מיר האָבן געלייענט דײַן ליד.

האָב איך, הייסט עס, אויסגענומען ניט אַזוי מיט מײַן אַרבעט, ווי מיט מײַן ליד. און ניט געקוקט אויפן אויסרייד, האַלט מען, אַז איך טויג פאַר אַ פּאַרזיצער, ניט ערגער פון גיטל קאָוונאַט.

— דאָס איז, אייגנטלעך, געווען מײַן פאָרשלאָג, — האָט ביליאַווסקי ווי אַנטשולדיקט זיך. — און דאָס בין איך ספּעציעל פאָרפאָרן דערוויסן זיך... כאָטש, דער ראיקאָם האָט שוין באַשטימט.

— איך ווייס ניט, — האָב איך ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט. — איך ווייס ניט...

איך האָב טאַקע ניט געוווסט, וויאַזוי קאָן איך אוועקפאָרן פונדאַנען און איבערלאָזן אַלץ אינמיטנדרינען. דעם ניט לאַנג געבוירענעם דאָרפראַט, וואָס האָט מיך געקאָסט ניט ווייניק מי, אונדזער אייגענעם יישעוו, וועמענס ערדן איך האָב הונדערטער מאָל אויסגעשפּאַנט פון איין עק ביזן אַנדערן, די דאָ ניט לאַנג אופגעקומענע קאָלווירטן, וועלכע איך האָב אָפּגעגעבן אַ סאַך, אַ סאַך שלאָפלאָזע נעכט, די כעוורע פון אונדזער קאָמיוגיש קעמערל, און אונדזער שטוב אויך. די שטוב, וואָס איז מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן, כאָטש איך נעכטיק איצט דאָרט זייער זעלטן. און אַפילע די באַלעבאָסטע אונדזערע, כאַסיע, וואָס האָט מיך אָנגעהויבן אײַפערן צו דער קאָלווירטישער קאָנטאָר.

— פאָרשטייסט, — האָט ביליאַווסקי מיט מיר אײַנגעטײַנעט. — נײַ-זלאַטאָפּאָל איז אַ ראיאָנישער צענטער, אַ מער קולטורעלע סוויווע, אַ גוטע ביבליאָטעק. דו דאַרפסט דאָך וואַקסן!

באַמערקט באַ מיר אויפן טיש אַ צעעפנט ביכל, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס לייענסטו איצט?

— פּאַליטעקאָנאָמיע.

— אַזוי גאָר?

דער אגיטפּראָפּ איז געווען אַ ביסל דערשטוינט און אַ ביסל אַנטוישט. אַ באָכערל, וואָס שרײַבט לידער, זאָל גאָר האָבן צו טאָן מיט פּאַליטעקאָנאָמיע!.. איך האָב זיך ווי פאַרענט־פערט:

— נאָך אין פאַבריקן האָרבעסט בין איך אָנגעקומען אין דער קיעווער פּאַרטיי־שול אויפן הינטער־אויגיקן אָפּטייל. אין אַ כוידעש אַרום איז די ערשטע סעסיע. און דער ווינטער איז געווען אַזאַ, איר ווייסט דאָך אַליין... איך האָב זייער ווייניק באַוויזן...

— איז דאָך אוואַדע גוט! אין ראיאָן וועסטו האָבן, מיט וועמען זיך אָן אייצע האַלטן. פאַראַן דאָרטן גוטע לערער. און איך אַליין, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. איך האָב ערשט פאַראַיאָרן געענדיקט די מײַרעוווקע. כאָטש...

— וואָס כאָטש? — האָב איך זיך ווידער דערשראָקן.

— דעם עמעס זאָגנדיק... איך האָב מער ליב פּאָעזיע...

אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס פּאַסט מיסטאָמע ניט פאַר אַן אגיטפּראָפּ אין אַזאַ צײַט, האָט ער צוגעגעבן:

— נאָר פּאַליטעקאָנאָמיע איז זייער וויכטיק.

אייגנטלעך, וויבאַלד אַלץ איז געווען באַשטימט, איז מײַן האַסקאָמע שוין געווען איבעריק. נאָר... נײַ-זלאַטאָפּאָל!.. דאָס איז דאָך זיבן קילאָמעטער פון ראַטנטאָל! און איך וועל קאָנען קומען אַהין גאַנץ אָפט, אָפּיציעל, ווי אַ פּאַרזיצער פון דאָרפראַט. און געוויס האָט זי אויך געלייענט מײַן ליד.

„פאַר דורכויסיקער,
— פאַר דורכויסיקער!"
זינגט דער נײַער סטעפּ,
סטעפּ דער רוישיקער!..

פונוואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז מײַן ליד וועט גוירעם זײַן צו אַזעלכע אומדער־וואַרטע ענדערונגען אין מײַן לעבן אויף אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן!

די זיצונג פון נײַ-זלאַטאָפּאָליער דאָרפראַט, אויף וועלכער מע האָט מיך פאַרקנאַסט, איז געווען ענלעך אויף אַ לעווײַע אָדער אויף אַ מין טרויער־אָוונט. אַלע זײַנען געזעסן מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און געשוויגן. אַלעמאָל האָט עמעצער געכאַפּט אַ קאָסע קוק אויף מיר, אָפּגעמאָסטן מיך פון קאָפּ ביז די פיס, ווי פרווונדיק באַשטימען, וואָס עס שטעלט פאַר מיט זיך

דער דאָזיקער כאָסן, וועלכן מע וויל זיי פֿאַרשאַדכענען. סײַ דער הוילעך מײַנער, סײַ דער אויסזען — דאָס אויסגעצערטע פּאָנעם און דאָס אָפּגעריבענע פּעלצעלע — האָט ניט איבעריק אויסגענומען, און געוויס האָט ניט איינער א טראַכט געטאָן, אז מע מאַכט זייער א שלעכטן בײַט, מע גיט אוועק גיטלען, אזא מויד — א ברען, און מע באַקומט אזא דאַר נעפּעשל.

עפּשער איז דער איניען געווען ניט בלויז אין דעם. עפּשער אינגאַנצן ניט אין דעם, גיכער פֿון אַלץ איז די שטימונג געווען פֿאַרבונדן מיט די געשעענישן, וועלכע האָבן געבראַכט צו דער הײַנטיקער זיצונג, געשעענישן, וואָס זײַנען געווען פֿאַר מיר ניט אינגאַנצן קלאָר. יעדערער פֿון די אָנטיילנעמער פֿון דער זיצונג האָט זיי איבערגעלעבט, ווי זײַן אייגענעם בראָך. נאָר איך בין געזעסן ווי אַף קוילן און געפֿילט זיך אַזוי, גלײַך אין דעם, וואָס עס איז געשען, און אין דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אַף דער הײַנטיקער זיצונג, בין איך שולדיק מער פֿון אַלעמען. און די בליקן... אָט די בריִענדיקע, עגבערנדיקע און אָפּשאַצנדיקע בליקן, פֿון וועלכע דאָס פּאָנעם פֿלאַמט, ווי אין א פֿיבער!.. דערנאָך ערשט האָב איך זיך געכאַפּט, אז מער פֿון אַנדערע שטעכט מיך מאַמעש דורך דער בליק פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון היגן קאָלווירט מענאַשע ליסקאָוו. ער איז געוויס עלטער פֿון מיר אַף א יאָר דרײַ און העכער פֿון מיר אַף אָנדערהאַלבן קעפּ. אין זײַנע אויגן, ווי שפּליטערלעך פֿונעם באַנאַכטיקן הימל, האָט שטאַרק אויסגעפּעלט א ביסל גוטסקײַט, דערפֿאַר עפּשער איז דער בליק זײַנער ביכלאַל געווען אזא שטעכיקער. פֿאַרסמאַליעטע איז אין סטעפּ קיין כידעש ניט, נאָר אזא פֿאַרקוילטקײַט, מיט אַזעלכע טיפֿע קאַרבן! איין מאָל, בלויז איין מאָל זײַנען אונדזערע בליקן זיך צונויפֿגעקומען. מער וואָלטן מיר סײַווי ניט אויסגעהאַלטן. נאָר דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן פֿאַר דעם קורצן אויגנבליק, און דאָס, וואָס עס איז דערנאָך דערטראַכט געוואָרן!.. כאָטש וואָס געזאָגט און וואָס געטראַכט האָט געדאַרפֿט קומען ערשט שפּעטער און באַשטעטיקן אָדער אָפּלייקענען אונדזערע ביידנס ניט גוטע געפֿילן.

האַגאַם דער צימער פֿון נײַ־זלאַטאָפּאָליער דאָרפֿראַט איז געווען צוויי מאָל גרעסער, ווי סלאַדקאָוואָדנער, דערצו איז נאָך געווען א פֿאָדערהויז, איז אַפֿילע ניט געווען וווּ צו שטיין. פֿאַרן היגן אוילעם איז די הײַנטיקע זיצונג געווען ניט קיין געוויינלעכע, זי האָט מיט זיך פֿאַרווערשעוועט דעם אומרויִקן ווינטער און געדאַרפֿט מיט זיך ברענגען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פֿאַר פֿיל זײַן א נײַער אָנהייב, כאָטש קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן, וואָס איז בעסער און וואָס איז ערגער: צי דאָס, וואָס פֿאַרווערשעוועט זיך, צי דאָס, וואָס דאַרף זיך אָנהייבן. נאָר אוילעם איז געווען א סאַך און רויִק נאָך מער.

פּערעץ ביליאַווסקי איז געווען פּראַקטאָקאָליש טרוקן:

— דער קרײַזקאָם האָט באַשטימט אַריבערפֿירן די כאַווערטע קאַווגאַט אַפֿן דניעפּראָבוי, דערפֿאַר דאַרפֿן מיר הײַנט באַפֿרײַען זי פֿון אירע פֿליכטן און אויסקלײַבן א נײַעם פֿאָרזיצער.

אַלע האָבן געוווּסט, אז דאָס איז א ביסל אַזוי און א ביסל ניט אַזוי און אז צווישן דעם אַזוי און דעם א ביסל ניט אַזוי ליגן גיטלס צוויי שווערע וואָכן פֿון קאָמיסיעס און אויספֿאָרשונגען, צוויי וואָכן, וועלכע האָבן זי געעלטערט אַף עטלעכע יאָר. געוווּסט האָט מען, אז טיילווײַז איז דאָ אויך זייער שולד: ערשטנס, דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן דערלאָזט דערצו, און, צווייטנס, וואָס אייניקע זײַנען געניגט געווען צו גלייבן אין דעם, וואָס עס האָט געטראָפֿן, און האָבן ניט גענוג אַקטיוו און איבערצײַגנדיק זי אונטערגעהאַלטן, ניט באַשיצט אין די ערשטע, סאַמע שווערסטע טעג. נאָר דאָס איז שוין א פֿאַרפֿאַלענע זאַך, איצט איז שוין ניט שײַעך צו רעדן דערפֿון. זײַנען זיי געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, גלײַך די באַשטימונג פֿון קרײַזקאָם איז אין דער ערשטער ריי אַן אויסרייד, א פֿאָרוווּרף זיי אַלעמען.

דער אַגיטפּראָפּ פֿון ראַיקאָם האָט געוויס אָנגעטאַפּט די שטימונג פֿונעם היגן אוילעם, דערפֿאַר איז ער נאָך דער אָפּיציעלער מעלדונג געוואָרן שטאַרק באַרעדעוודיק, סײַ דאַן, ווען ער האָט געזאָגט עטלעכע גוטע ווערטער וועגן גיטלען, מיט וועמען עס קומט אויס הײַנט זיך געזעגענען, און באַזונדערס דאַן, ווען ער האָט גענומען פֿאָרשטעלן מיך די מיטגלידער פֿון דאָרפֿראַט. ער האָט מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט, איך זאָל בא זיי אויסנעמען, דערוויזן זיי, אז איך בין גאָר אַזוינס ווי אַזעלעכס. אים האָט זיך געדוכט, אַפּאָנעם, אז ער האָט מיך נאָך ניט גענוג אָנגעמאָלט, האָט ער צוגעלייגט א ביסל איבעריקס:

— מיר ווילן האָבן אינעם דאָרפֿראַט פֿון ראַיאָנישן צענטער א קולטורעלן פֿאָרזיצער. איר האָט געלייענט זײַן ליד אין דער „דורכויסיקער“?

געוויס זײַנען באַם אַגיטפּראָפּ געווען די סאַמע בעסטע קאַוואָנעס. נאָר אויב אַפֿילע גלייבן אין אַלע מײַלעס, וואָס ער האָט מיר צוגעשריבן, האָט דאָס געוויס געדאַרפֿט באַליידיקן דעם היגן אַקטיוו. וואָס זשע, אין נײַ־זלאַטאָפּאָל גופֿע קאָן מען שוין קיין קולטורעלן מענטשן ניט געפֿינען, ער זאָל טויגן פֿאַר א פֿאָרזיצער? אייניקע האָבן דאָס אַראָפּגעשלונגען און געמאַכט

א שוויַג. מענאשע אָבער, דער פּאַרזיצער פון קאָלווירט, האָט א הייב געטאָן די האַנט איינ־דערלופטן, ס'הייסט, ער בעט א וואָרט צי א פראגע, און, ניט וואַרטנדיק אַף א דערלויבעניש, אויסגערופן:

— זאָל אונדז דער כאַווער ביליאַווסקי דערקלערן: און זינגען קאָן ער אויך?

די פראגע איז געווען געווענדט צום אַגיטפּראָפּ, נאָר ענטפערן האָב איך אַליין באַדאַרפט. האָבן אַלע געקוקט אַף מיר, און ביליאַווסקי אויך. און מענאַשע אויך, און גיטל אויך. ביליאַווסקי האָט צוגעשמייכלט מיט זײַן אונטערמונטערנדיק שמייכעלע, בײַ מענאַשען איז דאָס שמייכעלע געווען, ווי דער בליק זײַנער, א שטעכיקס און א גאַליקס. גיטלס בליק איז געווען פול מיט מיטגעפיל און שרעק. זי האָט מוירע געהאַט, אַז מײַן ענטפער קאָן קאַליע מאַכן דעם גאַנצן איניען. איר בליק האָט מיך איבעראַשט מער פון אַלעמען און צוגעגעבן מוט. האָבן מיר געקוקט איינער אַפן אַנדערן און געשמייכלט.

— אַז מע וועט דאַרפן, וועל איך קענען!..

די שטים האָט בײַ מיר אונטערגעציטערט, נאָר דאָס שמייכעלע האָב איך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע קויכעס. איין גאָט ווייסט, ווי שווער דאָס איז מיר אָנגעקומען.

— אַפילע טאַנצן! — האָב איך צוגעגעבן.

גיי ווייס, אַז גראָד דאָס וועט אויסנעמען מער, ווי אַלץ. א סאַך מערער, ווי מײַנע לידער. און ניט אַזוי דאָס, וואָס איך האָב צוגעזאָגט דעם אוילעם זינגען און טאַנצן, נאָר דאָס, וויאַזוי איך האָב אָפּגעענטפערט מענאַשען. איך האָב דעמלט ניט געקאָנט וויסן, אַז מענאַשעס פראגע און מײַן ענטפער זײַנען געווען פאַר מיר דער גרעסטער אויספּרווו פון גאָר אַן אַנדער מין: צי וועל איך קאָנען שאַפן יענעם גלײַכגעוויכט, ווען מענאַשע, לויט זײַן טעווע, וועט זיך שטאַרק צעהיצן, צי וועל איך, דער פּאַרזיצער פון דאַרפראַט, זיי קאָנען באַשיצן דאָן, ווען זיי וועט עפּעס דראָען מיצאַד דעם א ביסל גײַציקן פאַרזיצער פון קאָלווירט. פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער זיצונג, פול מיט לעוווײַדיקער מאַרעשכוירעדיקייט, האָט ענדלעך זיך א קײַקל געטאָן איבער די אָנגערויכערטע צימערן א פריילעכער געלעכטער.

— אַ, אַ, אַ! — האָט עמעצער אַרויסגעברומט מיט א גראָבער, באַסאָווער שטים.

— אַרײַנגעזאָגט אים!

— א באָכער — א מאַזיק!

דאָס בין איך, הייסט עס, דער באָכער דער מאַזיק, וואָס קאָן אַרײַנזאָגן, ווען מע דאַרף. אויך א שטיקל מײַלע, וועגן וועלכער איך האָב ביז איצט אַפילע ניט כווישעד געווען. איך האָב שטענדיק געמוסערט זיך דערפאַר, וואָס אַלע נייטיקע ווערטער קומען מיר אַפן געדאַנק א ביסל צו שפּעט.

דאָס וואָרט האָט גענומען גיטל, און דער געלעכטער איז מיטאַמאָל ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן. אַלע האָבן די גאַנצע צײַט געוואַרט, וואָס גיטל וועט זאָגן. וואָס וועט זי זאָגן צו די, מיט וועלכע זי האָט אָפּגעאַרבעט אַזעלכע שווערע יאָרן און מוז זיך היינט מיט זיי געזעגענען? צי וועט זי געפינען אין זיך קויעך בלײַבן אַזאַ, ווי זי איז געווען די גאַנצע צײַט?

מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז איר אָנגעקומען ניט גרינג. נאָר אין איר שטים, אין דעם אויפן פון איר רעדן איז ניט געווען קיין סימען פון געפאַלנקײַט, פאַרלוירנקײַט, ס'איז ביכלאַל ניט געווען ענלעך אַף א געזעגענונגס־רעדע. פאַרן אוילעם איז געשטאַנען אַן עכטער באַלעבאָס פונעם דאָרף, פול מיט ווירדע, ערנסטקײַט און פעסטקײַט, פול מיט פאַראַנטוואָרט פאַר דעם, וואָס עס דאַרף איצט געזאָגט ווערן און וויאַזוי עס דאַרף געזאָגט ווערן, עס זאָל קלינגען ווי אַן אָנזאָג.

— מיר דאַרפן דאָך פאַרשטיין, אַז מיט דעם, וואָס מיר האָבן אַרײַנגעצויגן אַלע פויערים אין קאָלווירט, האָבן מיר נאָך גאָרנישט ניט אויפגעטאָן. ס'איז דערוווײַל ניט מער ווי אַן אָנהייב. איר זעט דאָך, דער סוינע שלאָפט ניט. ער וועט טאָן אַלץ אַף אונטערײַסן אונדזער אַרבעט, אַף צעוואַלגערן די קאָלווירטן. דאַרף מען זײַן אַף דער וואַך און אַקטיוו אָפּשלאָגן די באַלעגופישע אַגיטאַציע, אומראַכמאָנעסדיק באַקעמפן די באַלעגופישע פּראָוואָקאַציעס. די באַלעגופים האָבן מיר ליקווידירט אַלס קלאַס, אָבער אונטערבאַלעגופניקעס האָבן מיר אין דאָרף ניט ווייניק. און אין די שוועריקײַטן, וואָס אונדז שטייט פאָר, און אין די גרויסע אויפגאַבן, וואָס מיר דאַרפן לייזן, זײַנען זיי, די אונטערבאַלעגופניקעס, די גרעסטע שטערונג. אָט וועלן מיר אין א פּאָר יאָר אַרום ענדיקן די דניעפּערישע הידראָסטאַנציע, וועט אונדז אַלעמען ווערן ליכטיקער אין די אויגן.

פון איין זײַט, האָט זי זיך שוין געפּילט דאָרטן, אַפן דניעפּראָבוי, גערעדט מיטן היגן אוילעם אין נאָמען פון די בויער פון דער עלעקטראָסטאַנציע, פון דער צווייטער זײַט, איז זי גרייט געווען אַריבערציִען די גאַנצע ענערגיע, די גאַנצע שײַן אין איר אייגן דאָרף.

— איך האָב זייער מוירע פאַר דער פּיצוקט. און פאַר די פערד. מיר האָבן זייער ווייניק פּוראַזש. בעט איך אײַך...

האָט זי, הייסט עס, אַזוי אויך געקאַנט. זי האָט געקאַנט בעטן. מיט אַ שטילער, ווייכער שטים, וואָס האָט געדאַרפט נעמען, ווירקן מער, ווי דער סאַמע שטרענגסטער באַפעל. און ווידער דאָס זעלבע:

— ווען אהער, צו אונדז, וועט קומען די דניעפּרישע ענערגיע און עס וועלן זײַן עלעקטרישע מעלק־אַפּאַראַטן... ווען דאָס וואַסער וועט זיך גיסן דעם פּי גלײַך אין מויל אַרײַן און דאָס גאַנצע דאָרף וועט זײַן פאַרגאַסן מיט שײַן...

איז זי אויך, הייסט עס, אַ טרוימערן! פּונקט ווי מיר אַלע! און זי זעט דאָס אַלץ אַזוי קלאָר, ווי מיר. און ניט נאָר זי זעט. אָט דאָס פּאַרט זי טאַקע אהין, גלײַך אָן איר וועט מען די סטאַנציע ניט אויסבויען אָדער ניט אַזוי גיך. ווײַל זי, הייסט עס... און זאָגט צו, און זאָגט אָן, און פאַרזיכערט!..

איך האָב מיט קינע נאָכגעשפּירט, ווי אַלע קוקן גיטלען גלײַך אין מויל אַרײַן, שאָקלען צו מיט די קעפּ. באַ איינעם אין די אויגן טוט אַ גלאַנץ אַ טרער, און באַ אַ צווייטן טוט זיך אַ רײַס אַרויס אַ טיפער זיפץ. מיר איז געוואָרן שווער אַפן האַרצן. איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז גיטל האָט מיט זיך פאַרפולט ניט נאָר די צוויי צימערן, נאָר דאָס גאַנצע דאָרף, פיל, פיל הערצער, און איך ווייס ניט, צי וועל איך זי קאָנען פאַרבײַטן אין אַזאַ מאָס סײַ פאַר אירע פרײַנט, סײַ פאַר אירע סאָנים.

דערנאָך האָט מען אין אײַלעניש אָפּגעשטימט. די הענט האָבן זיך אופגעהויבן, די קעפּ האָבן נאָך מער זיך אַראָפּגעלאָזט, און איך בין מיט מאַזל, צי עפּשער מיט שלימאַזל, געוואָרן פאַרזיצער פון נײַ־זלאַטאָפּאָליער דאַרפראַט.

איז געבליבן אָפּטאָן אַ קלייניקייט: אונטערשרײַבן דעם אַקט, אַז זי, גיטל, האָט מיר איבערגעגעבן און איך האָב איבערגענומען אין פולער אָרדענונג אַלע איניאַנים און דאָקומענטן פון דאַרפראַט — אַלע פּראָטאָקאָלן פון די פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, אַלע דירעקטיווען פון ראַיאָן, אַלע צעטלען סײַ פון די אָפּגעצאָלטע און סײַ פון די ניט אָפּגעצאָלטע שטײַערן, די הויף־ביכער, אין וועלכע ס'איז פאַרשריבן יעדער פויערישע פאַמיליע מיט איר האָב און גוטס, אַ פּאָר גראָבע אַרכיוו־ביכער, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו יענע יאָרן, ווען נײַ־זלאַטאָפּאָל האָט נאָך אפילע קיין נאָמען ניט געהאַט, געהייסן בלויז „ערשטנומער" און דאָ, טאַקע אין דער זעלבער געבײַדע, איז געווען דער צאַרישער „פּריקאַז", אַ מין וואָלאָסט־פאַרוואַלטונג. יאָסל פײַנשטיין, דער סעקרעטאַר פון דאַרפראַט, זייער אַ זשוואַוו באָכער, מיט אַ האַנטשריפט אַף מעקאַנע צו זײַן, האָט נאָך באַטאָג צוגעגרייט דעם אַקט, און מיר האָבן אַלע דרײַ אים אונטערגעשריבן טייקעף, ווי נאָר די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט און דער אוילעם איז מיט ראַש זיך צעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דאָ בלויז דעם געדיכטן רויך פון מאַכאָרקע און הארבן טוטין.

דערנאָך זײַנען מיר אַרויס אין דרויסן, אַ ווײַלע געשטאַנען זאַלבעפערט: איך, גיטל, ביי־ליאַווסקי און מענאַשע. דער אגיטפּראָפּ האָט זיך גלײַך אָפּגעזעגנט, און מיר זײַנען געבליבן אינדרײַען...

יענעם אָוונט האָב איך נאָך אַ סאַך זאַכן ניט געוווּסט. ניט געוווּסט דעם סאַמע איקער. די שטומע בליקן, מיט וועלכע מענאַשע און גיטל האָבן זיך דורכגעשמועסט אין מעשעך פון דער זיצונג, זײַנען דורך פאַרבײַ מיר און מיך ניט פאַרטשעפּעט. עפּעס האָב איך יאָ באַמערקט, נאָר אָנשטויסן זיך, אין וואָס דאָ גייט, האָב איך ניט געקאָנט. איך בין דערצו געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך אַליין. איצט זײַנען מיר געשטאַנען אינדרײַען, און אין דער פּלוצלינג אופגעקומענער געדריקטקײַט האָב איך דערפילט אַזוינס, פון וואָס ס'האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. באַזונדערס פון מענאַשעס בליק. האָב איך געוואָלט אפגיך זיך אָפּגעזעגענען און אַוועק. נאָר גיטל האָט מיך אָפּגעשטעלט.

— ניין, ניין, — אַ זאָג געטאָן קאַטעגאָריש. — מיר דאַרפן זיך נאָך דורכשמועסן. איך פאַר דאָך אין עטלעכע שאָ אַרום אַוועק צו דער סטאַנציע...

מענאַשע... ער האָט זיך געקליבן האַלטן גיטלס האַנט אַ סאַך לענגער, געקליבן זיך עפּעס זאָגן, און איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט ער פּלוצלינג, אַזוי, אָן גאַרניט, אָפּגעלאָזט איר האַנט און איז אַוועק.

— נו, אַ גוטע נאַכט... — אַרויסגערעדט, ווען ער האָט זיך געלאָזט שוין גיין. אין זײַן שטים איז געווען עפּעס וואַרגנדיקס, נאָר אַף גיטלס פּאָנעם איז ניט געווען צו באַמערקן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דערקלערן דאָס, וואָס עס איז נאָרוואָס פאָרגעקומען.

זײַנען מיר געבליבן אינצווייען.

די נאַכט האָט געפּײַפט מיט אַ קינדעריש פּײַפעלע, און דאָס יונגע ווײַנטעלע האָט שטיל, ווי צווישן די ציין, אונטערגעפּײַפט. מיר האָבן געשפּאַנט אינצווייען איבער דער לאַנגער גאַס פון איין עק ביזן אַנדערן און אַ ביסל צו לאַנג געשוויגן. זי האָט געוויס געטראַכט וועגן דעם, אַז דאָס שפּאַנט זי איבער איר אייגענעם דאַרף עפּשער דאָס לעצטע מאָל. איך האָב געשטעלט איבער דער גאַס די ערשטע טריט און ניט געקאָנט וויסן, וויפל מאָל וועט מיר אויסקומען שפּאַנען איבער איר און וואָס וואַרט דאָ אויף מיר ביכלאַל. נאָר אונדז ביידע איז געווען אַלצײַנס אומעטיק — איר מיט איר געזעגענען זיך, און מיר מיט מײַנע ערשטע טריט. מיר האָט זייער געוואָלט זיך דורכריידן, מוירעדיק געוואָלט, כאָטש צוליב דעם, איך זאָל אַ ביסל לינדערן איר געמיט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין עפּעס אַ שטיקל שותּף צו אַלע אירע ליידן, און איך מוז דאָס טאָן. ווײַל כאָטש זי האָט אַזוי פעסט זיך געהאַלטן אויף דער זיצונג פון דאַרפּראַט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז בײַ איר אויפן האַרצן איז ווײַט ניט פריילעך. נאָר פון וואָס אָנהייבן רעדן, האָב איך ניט געוווּסט, און געוואַרט, זי זאָל עפּעס אַ זאָג טאָן. נאָר זי האָט אויך, אַפּאָנעם, ניט געוווּסט, פון וואָס אָנהייבן רעדן. מעגלעך, אַז מיט אירע געדאַנקען איז זי געווען גאָר ערגעץ אַנדערש, זייער ווײַט פון מיר און פון אָט דער נאַכט.

דאָס דאָרף איז געשלאָפן מיט אַ מידן, אומרויִקן שלאָף. שטיל, איין זיך, געקרעכצט און געזיפצט, אַרויסזיפצנדיק טויזנטער ניט אַרויסגעזאָגטע טײַנעס און דײַגעס. פון העט־ווײַט, פון הולייפּאָליער שליאַך, האָבן זיך דערטראָגן אַהער פאַרדומפּענע קלאַנגען פון שווער אָנגע־לאָדענע וועגענער און דאָס אונטערדרינדזשען פון אײַזערנע פעסלעך. אַ פערד האָט ערגעץ אַ הירזשע געטאָן. ס'האָט ווי פון שלאָף אַ מרוקע געטאָן אַ קו, און אָן אופהער האָט גע־לעשטשעט דעם אויער דאָס שטילע וואָרקען פון טויבן. איך האָב אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף גיטלען פון דער זײַט און געטראַכט דערבײַ, אַז איצט זעט זי אויס גאָר אַנדערש, ווי אין דאַרפּראַט, גאָר אַנדערש, ווי פריִער מיט עטלעכע מינוט. ניט אַזוי שטרענג, ניט אַזוי פעסט און ניט אַזוי מענעריש. דאָס פּאָנעם, ווי פאַרקײַלעכיקט אַ ביסל, און די אויגן מער מיידלש. צי איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס די באַנאַכטיקע שײַן האָט זי אַ ביסל געענדערט, צי דער־פאַר, וואָס זי האָט באַוויזן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אָוונטיקע אָנגעשטרענגטקייט און געבליבן מיט זיך אַליין. מיט איר אייגענעם אומעט, מעגלעך, מיט איר ריינעם מיידלשן אומעט.

— אַזוי איז דאָס, — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט, און איר שטילער זיפץ האָט ווי צונויפגעגאָסן זיך מיט אַלע זיפצן פונעם אײַנגעשלאָפענעם דאָרף.

פּונקט ווי מיר וואָלטן די גאַנצע צײַט גערעדט וועגן אירע איניאַנים, האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעכאַפּט:

— אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס מוזסטו אָוועקפאָרן?

זי האָט לאַנג ניט געענטפערט, גלײַך ערשט איצט אָנגעהויבן פאַרקלערן זיך אַרום דעם, באַטראַכטן און צוקלײַבן די נייטיקע ווערטער, זיי זאָלן איבערצײַגן ניט נאָר מיך, נאָר זי אַליין אויך.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס... — האָט זי איבערגעכאַזערט אַ ביסל ביייזלעך. — די דאָזיקע פראַגע האָט מען מיר עפּשער טויזנט מאָל געשטעלט אין ראַיקאָם און אין קרײַזקאָם. ווי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן? אַ מענטש דאַרף אַרבעטן און ניט אַרומקוקן זיך, צי מע טײַטלט ניט אויף אים מיט די פינגער. און אויב עס קומט אויף אַזאַ געפיל, באַזונדערס אין אַזאַ צײַט... אַ קאָמוניסט דאַרף פילן דעם אַלגעמיינעם צוטרוי צו זיך... פון אַלעמען און פון זיך אַליין. ווי קאָן מען עס רעדן אויפן פולן קאָל, נעמען אויף זיך אַלץ, וואָס די צײַט פאָדערט, סײַ דאָס, וואָס דו קאָנסט, און סײַ דאָס, וואָס עס איז העכער פון דײַנע קויכעס, ווען דיר דוכט זיך, אַז אויף יעדן שריט און טריט!.. באַזונדערס, ווען דער סאַמע נאָענטסטער מענטש...

זי איז מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן, ווי דערשראָקן זיך פאַר דעם, מיט וואָס זי האָט זיך געקליבן פאַרענדיקן איר געדאַנק. איז ער געבליבן ניט אַרויסגעזאָגט, נאָר אין זיך האָט זי אים געוויס פאַרענדיקט, ווײַל דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט אין אַ מינוט אַרום, האָט אויסגע־זען, ווי דער סאַף פונעם ניט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק:

— מוז איך ווידער געפינען, דעראָבערן אָט די זיכערקײַט.

— וואָס זשע וועסטו טאָן אויפן דניעפּראָבוי?

— איך ווייס נאָך אַליין ניט. מיר ווילט זיך פּאַשעט טאַסקען שטיינער, שלעפּן די וועגע־לעך ערד, נאָר סטעפּאַן זאַכאַריטש, דער סעקרעטאַר פון קרײַזקאָם, זאָגט, אַז דאָס איז פאַר מיר צו גרינג. איך דאַרף נעמען עפּעס שווערערס.

— וואָס הייסט שווערערס?

— ער לייגט מיר פאָר גיין פאַר אַ פּאַרטאָרג פון אַ באַצירק. נאָר איך ווייס נאָך ניט. מאָרגן וועט זיך אַלץ אויסקלאָרן.

זי איז ווידער אנשוויגן געוואָרן, דערנאָך ווידער מיט יענעם באַקאַנטן זיפץ:

— אַזוי גייט עס. פונעם דניעפּראָבוי שיקט מען צו אונדז אַרבעטער אַף פּאַרפּעסטיקן די קאַלווירטן, און איך וועל דאַרפן פאַרנעמען דאָרטן עמעצנס אָרט. די׳אַלעקטיק, וואָלט געזאָגט אונדזער אַגיטפּראָפּ.

זי האָט זיך ווי אַ וואָרג געטאָן מיט די לעצטע ווערטער. ס׳איז געוואָרן ענלעך, ווי אַ כליפּערײַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם האַלדז, און דאָס האָט זי מיט אַלע קויכעס איס פאַרשטעלט דעם וועג. עפּעס גאָר ניט ענלעך אַף דער גיטלען, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַלטן אַזאַ רעדע.

— דיר איז שווער? דיר איז שווער זיך געזעגענען? — האָב איך שטיל געפרעגט. און זאָל מען מיר מויכל זײַן, וואָס איך האָב אַזוי צאַרט זיך צוגערירט מיט די פינגער צו איר עלנבויגן.

— געזעגנט האָב איך זיך נאָך דאַן, יענע נאַכט אין זאַפּאָראָזשיע... נאָכן שמועס מיטן סעקרעטאַר פון קרײַזקאָם. נאָר סיווי...

און ערשט איצט האָט זי זיך צערעדט:

— טו אַ קוק... אין יעדער שטוב בין איך געוועזן אַריבער הונדערט מאָל. און וויפל זיך אָנגערעדט מיט יעדערן! פאַר יעדער קלייניקייט! פאַר די שטײַערן און סטראַכאָוועקע, פאַר דער ברויט־פאַרגרייטונג און די האַלוואַעס, פאַרן פאַרזיי און פאַרן שניט. הײַנט דער קאָל־ווירט... ווײַ, ווײַ... איך דאַרף דיר דאָס דערציילן?.. און דאָס וועט מיר די גאַנצע צײַט שטיין פאַר די אויגן. איך וועל בענקען נאָך דעם. טו אַ קוק, זעסט? דאָס איז געוועזן מוישע־יאָ־סיעס שטוב. אַ נאַרישקײַט, ווערסטו זאָגן. נאָר אַלעמאָל, ווען איך גיי דורך, טוט מיר אַ קלעם דאָס האַרץ. עפּעס פעלט מיר דאָ, ער פעלט מיר, אָט דער נאַרישער מוישע־יאָסיע, וואָס האָט אַזוי אומבאַטראַכט זיך געכאַפּט און איז אַנטלאָפן. צעבראָכן זיך. ער וועט געוויס זיך אומ־קערן, עס קאָן אַנדערש ניט זײַן! נאָר צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן? און מיר דוכט זיך שטענדיק, אַז איך אַליין בין שולדיק אין דעם. עפּעס האָב איך נאָך געדאַרפט טאָן און ניט דערטאָן... און אָט דאָ וווינט אַווראָם־איצל. נו, מע האָט דיר מיסטאַמע שוין דערציילט. האָב אײַנזינגען, מע זאָל אים ניט באַליידיקן. אַן ערלעכער מענטש, נאָר אַ ביסל אַ מאָדנער, נו, אַ פּויער, אַן ערד־אַרבעטער אין פולן זין פון וואָרט. און דער פאַרזיצער פון קאָלווירט, מענאַ־שע... ער איז אַ ביסל אַ היציקער, קאָן אַמאָל באַליידיקן אַ מענטשן אומזיסט און אומניש. איך פאַרשטיי אים גוט. ווי קאָן מען זײַן אַנדערש אין אַזאַ שווערער צײַט? נאָר דו סטאַרע זיך, האַלט אים אין די ראַמען...

זי האָט גאָר ווי פאַרגעסן, אַז זי איז שוין ניט קיין היגע, אַז אין אַ פּאָר שאָ אַרום פאָרט זי אַוועק, פאַרלאָזט איר אייגן דאָרף, מעגלעך, אַף שטענדיק... מיר זײַנען געגאַנגען איבערן דאָרף, און זי האָט מיר דאָס איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט, יעדער הויף מיט זײַן גוטס און מיט זײַן דאַלעס, יעדע שטוב מיט אירע מענטשן, יעדערן באַזונדער מיט זײַן כאַראַקטער, מיט זײַנע טנועלעך, מיט זײַנע לײַדנשאַפטן און אַפילע מיט זײַנע מעשוגאַסן. זי האָט געוואָלט, איך זאָל אַלץ וויסן, איך זאָל וויסן, ווי מע דאַרף זיך באַגיין מיט אים... איך וועל דערנאָך ניט איין מאָל זיך איבערצײַגן, אַז אַלץ, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט אין יענער נאַכט, אַלץ, ווי גיטל האָט מיר אָנגעמאָלט יעדערן, איז געוועזן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט און אויפ־ריכטיקײַט.

— און דאָ וווינט נאָך ער, מײַן גלאָוונע סוינע, — האָט זי אַ ווײַז געטאָן אַף אַ שטוב, וואָס האָט זיך ניט איבעריק אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע הײַזער. עפּשער גרעסער אַ ביסל, מיט אַ צוגעבויטער צי עפּשער אַ באַזונדערער שטאַל פון אונטן, גאָר ניט ענלעך אַף קיין באַלעגופישן הויף. — איך בין איבערצײַגט, אַז דאָס איז זײַן שטיקל אַרבעט, דאָס האָט ער אַלץ צוגעטראַכט און צוגעגרייט. כאָטש דעם ווייץ האָט אונטערגעוואָרפן ניט ער אַליין... דיר וועט אויסקומען נעענטער זיך באַקאַנען מיט אים. זאָל זײַן אַפילע ניט אַף לאַנג.

איך האָב פאַרשטאַנען, וועמען זי מיינט. פּײַוויש בושליץ, וועמען מע האָט ניט לאַנג צו־ריק אַנטבאַלעגופּעוועט, נאָר ער וווינט נאָך אין זײַן שטוב.

— ווי׳אַזוי? ווי האָט ער געקאָנט אַזוינס אָפּטאָן?

— ער האָט געגנוג אונטערלעקער. געוויס האָט דאָס אָפּגעטאָן טאַקע דער וואָראָזשביט. פאַר עטלעכע רובל וועט יענער אָפּטאָן אַלץ.

— אַ וואָראָזשביט גאָר?

— קום, וועל איך דיר ווײַזן זײַן שטוב. אַ זעמליאַנקעלע אָפּן סאַמע ראַנד, אָפּן וועג קיין סוויאַטאָדובאָווקע. בילעם רופט מען אים. בילעם וואָראָזשביט. זייער אַ גליטשיק מענטשעלע.

אַט אַזוי, מיט אַ שטיל קעלעכל, מיט די גוטע ריידעלעך קאָן ער אַמאָל אַזוי אַנוואַראַזשען!.. כאַטש, וואָס זאָג איך, קיין גוטע ריידעלעך זײַנען בא אים ניטאָ. עפּעס אַ מין כײַ־ראַע, ווי מײַן טאַטע זאָגט. דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

— איך ווייס, איך ווייס...

— איז האָב דאָס אינזינען.

יאָ, ערשט איצט האָט זי מיר אָפּגעמעסן איבערגעגעבן דעם דאָרפּראַט מיט אַלע זײַנע איניאַנים. אַזוינס, וואָס ווײסט ניט פאַרשרײַבן אין קיין שום אַקט. זי האָט געוויס פאַרשטאַנען, וועגן וואָס איך טראַכט, און געפונען פאַר נייטיק מיך אונטערמונטערן.

— דו האַלט זיך. איך ווייס, דיר וועט דאָ זײַן ניט גרינג... און איצט וועלן מיר זיך דורכגיין צום בריקל, — האָט זי זיך אָנגערופן. — נו, נעם מיך פאַר דער האַנט. וואָס זשע, האָסט גאָר קיינמאָל קיין מיידל ניט גענומען פאַרן אָרעם?

וועל איך דאָך ניט גיין דערציילן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. מיט איבערגעטריבענער דרייסטקייט האָב איך זי אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט. נאָר ווען מיר זײַנען אַרויף אויפן בריקל, האָט זי איידל אַרויסבאַפרײַט איר האַנט און מיט גאָר אַ קינדערישער שטים זיך אַ בעט געטאָן:

— דו בלײַב שטיין. דאָס בריקל דאַרף איך דורכגיין אַליין.

זי האָט עס דורכגעשפּאַנט אַהין און צוריק אַ מאָל דרײַ, און איך בין געשטאַנען באַם ברעג אײַנגאַנצן אַן איבעריקער. זי האָט אין די טעלעכע מינוט בּיכלאַל ניט געקוקט אויף מיר, גלײַך איך בין אײַנגאַנצן ניטאָ דערבײַ. איך האָב בא איר גאָרנישט ניט געפרעגט, און זי האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט. דאָס איז געווען אירס אַליין, וואָס עס האָט ניט געהאַט קיין שײַכעס ניט צום דאָרפּראַט, ניט צו מיר. איר אייגענער ווייטעק, איר אייגענער סאָד, וועגן וועלכן איך וועל זיך דערוויסן אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום. און גאָר אויף אַן אומדערוואַרטן אויפן.

אָפּגעזעגנט זיך מיטן בריקל, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס׳איז שוין שפּעט און מע דאַרף גיין אויפן קאָלווירטישן הויף הייסן אײַנשפּאַנען. אין אַ שאָ אַרום דאַרף זי אַרויספאָרן.

— איך וועל גיין מיט דיר, מע מעג?

— נו, אַוואַדע. ווער קאָן דיר איצט פאַרווערן? אַ פּאַרזיצער, פונדעסטוועגן!

צוליב וואָס האָט זי געדאַרפט אָט דעם שפּאַס, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. נאָר שיידן זיך מיט איר און מיט דער הײַנטיקער נאַכט איז מיר שוין געווען שווער. כּמעט אַלעמען האָב איך געהאַט אַן איניען, וואָס איך האָב געדאַרפט דערליידיקן:

— איך האָב צו דיר אַ ביטע. אויפן דניעפּראָבוי אַרבעט איינער אַ יאַנקל פּאָסטעלניק. פּרוּוו אים אָפּזוכן. און אַז דו וועסט אים געפינען...

— ער איז דײַנער אַ קאָרעוו?

האָב איך איר שוין געמוזט אײַנקורצן דערציילן וועגן יאַנקלען און יענטלען, ווי׳אַזוי יאַנקל האָט ניט געסטײַעט און ווי׳אַזוי ס׳איז ערשט ניט לאַנג באַוווּסט געוואָרן, אַז ער איז אויפן דניעפּראָבוי.

— און נאָך אַ ביטע. כאָטש איך בין ניט זיכער, אַז זי איז אַוועק גראָד אַהין. מירל הייסט זי, מירל מוטשניק.

— דאָס איז דײַן קאַלע?

אין איר פראַגע, אין דעם, ווי איר שטים האָט אַ ציטער געטאָן, איז געווען מער ווי ריינע נײַגעריקייט. זי האָט אפילע אַ שמייכל געטאָן מיט יענעם ניט זיכערן, צווייפלהאַפטן שמייכל, אין וועלכן אַ מיידל, יאָ, באַזונדערס אַ מיידל, לייגט אַרײַן אַלץ, וואָס זי וויל ניט אַרויסזאָגן.

— ניין, ס׳איז ניט מײַן קאַלע. נאָר אויך פון די, וועלכע האָבן געמוזט אַוועק. כאָטש איבער גאָר אַנדערע סיבּעס.

און איך האָב שוין געמוזט דערציילן וועגן מירלען און וועגן אירע עלטערן, וועגן אונדזער איינציקן שפּאַציר איבער די נאָך פאַרשנייטע באַדיליעס פון קוקורוזע און וועגן איר מיידלשער ווידע פאַר מיר.

— זי איז אַ שיינע?

— יאָ, אַ שיינע. נאָך גאָר אַ יונגינקע.

גיטל האָט אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ העפט מיט אַ בלײַער.

— איין מאָמענט. כאָזער איבער זייערע נעמען, וועל איך פאַרשרײַבן.

— און וועסט מיר אָנשרײַבן?

— אומבאַדינגט. און דו וועסט מיר שרײַבן?..

אפֿאַנעם, צוליב דעם, איך זאָל ניט מיינען ווער ווייסט וואָס, האָט זי דערקלערט:
— מיינסט, אַז איך האָב דיר איבערגעגעבן דעם דאַרפֿראַט, איז ער שוין אינגאַנצן דײַ־נער? סײַווי בלײַבט ער מײַנער... אפֿן גאַנצן לעבן!..

זי האָט דאָס אַרויסגערעדט, קימאַט אַרויסגעשריגן מיט אַזויפֿיל האַרץ, מיט אַזויפֿיל ווייטעק, מיט אַזויפֿיל אָפֿנהערציקייט, עפּעשער צופֿיל אָפֿנהערציקייט פֿאַר אַן ערשטער באַ־קאַנטשאַפֿט, אַז אין מיר האָט אויך עפּעס אַ ציטער געטאָן. איך קאָן ניט זאָגן, אַז ס׳איז גע־קומען יענע זעלטענע מינוט, ווען אַ יינגל הייבט זיך אָן פֿאַרליבן. נאָר איך האָב זייער ניט געוואָלט זיך שיידן מיט איר. איך האָב זי ניט געוואָלט פֿאַרלירן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז גראָד אָט די גיטל איז מיר זייער נייטיק אין מײַן לעבן. מיט איר פֿעסטקייט און קאַטעגאָריש־קייט, מיט איר שטרענגקייט און אומבעשאָלעמדיקייט צו אַלעמען און צו זיך אַליין, מיט אַלעמען, וואָס מיר פֿעלט, אפֿילו מיט דעם, וואָס זי איז ניט איבעריק שיין, און אפֿילו מיט דעם, וואָס זי איז, מעגלעך, עלטער פֿון מיר אַף אַ יאָר.

אָט אַזוי זײַנען מיר אַוועק אפֿן קאָלווירטישן הויף, וואָס אפֿן בערגל הינטערן דאָרף, און גיטל האָט געהייסן אײַנשפּאַנען. דערנאָך האָב איך זי אָפּגעפֿירט ביז צו איר שטוב. שוין לעבן זייער טיר האָבן מיר זיך געזעגנט, מער ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. דאָס באַנאַכטיקע ווינ־טעלע איז שטיל אײַנגעשלאָפֿן. אפֿן שוין גרויליכן הימל האָט די לעוואָנע אויסגעזען ווי אַ געשטופּלטע און פֿון אַלע באַנאַכטיקע קלאַנגען האָבן איצט אָפּגעהילכט בלויז די קלאַנגען פֿון אַ ליידיקן וואָגן, וואָס וועט באַלד אָפּפֿירן גיטלען קיין הולײַפּאָליע.

צו מײַן נײַער ווױנונג און צו מײַן נײַער באַלעבאָסטע בין איך נאָך ניט געוווען געווױנט, און מיר האָט זיך ניט געוואָלט זי וועקן אינמיטן דער נאַכט. סײַווי האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איך וועל הײַנטיקע נאַכט ניט אײַנשלאָפֿן. האָב איך געשפּאַנט איבערן דאָרף, זיך אײַנ־געקוקט אין יעדן הויף, אין יעדער שטוב און איבערגעכאַזערט, אײַנגעכאַזערט אַלץ, וואָס גיטל האָט מיר אָקאָרשט דערציילט. און מיר איז ביז איצט שווער אויסדריקן דאָס, וואָס באַ מיר האָט זיך געטאָן אפֿן האַרצן. איך האָב דאָ דערוויל נאָך גאָרנישט ניט דעראָבערט, נאָר אַ געפֿיל פֿון פֿאַרלוסט איז שוין געקומען. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ווו איך וועל ניט זײַן, וואָס איך זאָל ניט טאָן, וועל איך די גאַנצע צײַט פֿילן דערבײַ גיטלען, וועלכע האָט מיר איבערגעגעבן דעם דאַרפֿראַט ניט אינגאַנצן און אַ גרויסע טייל געלאָזט פֿאַר זיך. און סאַמע דאָס ערגסטע — וואָס איך זאָל ניט טאָן און וואָס איך זאָל ניט זאָגן, וועלן דאָס אַ סאַך פֿאַר־גלײַכן מיט מײַן פֿאָרגייער, מיט גיטלען, וועלכע זיי האָבן אַזוי נאַריש פֿאַרלוירן. און איך ווייס ניט, אוואַדע ווייס איך ניט, צי איך וועל מיט עפּעס געווינען דערבײַ.

5

דאָס שטילע באַנאַכטיקע ווינטעלע האָט צו באַגינען געבראַכט אַ נאָך מער שטיל רעגנדל. דער נײַער טאָג איז אופֿגעשטאַנען ניט קיין אויסגעשלאָפֿענער און האָט אויסגעזען עפּעס צו מאָרעשכוירעדיק. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, פֿון וואָס איז ער אַזוי פֿאַרומערט: צי פֿון די גערדיכטע וואָלקנס, וועלכע האָבן פֿאַרצויגן דעם גאַנצן הימל, צי פֿון דעם פֿײַכטן נעפּל, וואָס האָט ווי צוגעפּלעטשט דעם הימל צו דער ערד, פֿאַרוואַנדלט אַלץ אַרום אין איין גרויסן אויס־גוס. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך מיר בלויז געדוכט... מיר האָבן דאַן אַ סאַך זאַכן זיך געדוכט... נאָך דעם, ווי גיטל האָט געעפֿנט פֿאַר מיר די טירן פֿון אַ סאַך הײַזער, האָט זיך מיר אויסגע־וויזן, אַז איך זע, ווי יעדערער הייבט זיך אוף פֿון זײַן געלעגער, גייט אַרויס נאָך אַ פֿאַרשלאָ־פֿענער אפֿן הויף, הוסט זיך אויס, באַקוקט דעם פֿאַרנעפּלטן אַרום און שטעלט אַרויס די צעעפֿנטע דלאָניע אַף צו באַשטימען, צי עס גייט טאַקע אַ רעגנדל, צי ס׳האָט בלויז אַ מאַראַקע געטאָן. מיר האָבן אַ סאַך זאַכן זיך געדוכט. נאָר מיט אָט די דוכטענישן האָט מען ניט געטאָרט אָנהייבן דעם ערשטן טאָג אפֿן נײַעם אָרט.

אָט אַזוי, אַליין ניט קיין אויסגעשלאָפֿענער, בין איך אינײַנעם מיטן ניט אויסגעשלאָפֿענעם טאָג אַרײַנגעקומען אין דאַרפֿראַט און זיך צוגעזעצט צום טיש. ער איז געווען ווײַט ניט ענ־לעך אַף יענעם בידנע קאָסעוואַטע שטענדערל אין סלאַדקאָוואָדנער דאַרפֿראַט. דאָס איז געווען אַ גרויסער טיש מיט אַ סאַך שאַפֿקעלעך און שופֿלאָדלעך, מיט נידעריקע פֿאַרענטשע־לעך אַרום, אַזאַ, אַז קיין איין פּאַפּירל זאָל ניט אַראָפּגעבלאָזן ווערן, אַ טיש, פֿול מיט כשי־ווער צו זיך אַליין, צו זײַנע פּאָלירטע ווענטלעך און געשניצטע פֿיס. אַ טיש, אַרום וועלכן עס זײַנען אין מעשעך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט געזעסן אַ סאַך בערדיקע, בייזע סטאַראָסטעס פֿונעם אַמאָליקן „פּריקאַז״. ס׳האָט אים געוויס געקאָראָבעט, וואָס אַף זייער אָרט זיצן איצט

אַזעלכע ווײַט ניט קיין געהויבענע יונגעלײַט און וואָס הײַנט האָט זיך צוגעזעצט צו אים עפּעס גאָר אַ שנעק, אַן אויסגעמאָגערט באָכערל, ווער ווייסט פונוואַנען ער האָט זיך גענומען.

דאָס שטילע רעגנדל האָט ענדלעך דערוויזן, אַז ס'איז ניט עפּעס אַ מאַראָקע און אַז די ערד האָט צוגענעצט ניט בלויז דער נעפּל. אין סטעפּ איז הײַנט קיינער ניט אַרויסגעפאָרן, און איך האָב שוין געקאָנט פאַרשטיין, אַז אינגיכן וועט קליין און גרויס קומען אין דאָרפראַט. ווער מיט זייער אַ וואַזשנעם איניען, ווער מיט עפּעס אַ צוגעטראַכטן און ווער גלאַט אַזוי — אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ נײַעם פאַרזיצער האָט מען זיי הײַנטיקע נאַכט אויסגעשאַדכנט און פאַרקנאַסט.

האָט שוין געדאַרפט ווערן אַ ביסל גרינגער אַפן האַרצן דערפון, וואָס דער ערשטער באַזוכער איז געווען אוורהאָם־איצל און וואָס ער האָט געמאַכט דעם „פּאַטשאַטעק". לויט דעם, ווי גיטל האָט מיר אים אויסגעמאָלט, האָב איך אים גלײַך דערקענט. באַזונדערס לויט זײַנע אָפּגעבליאַקעוועטע ברעמען, לויט זײַן לענגלעך אָפּגעצויגן פּאָנעם, ווי פאַרגאָסן מיט עפּעס אַ קינדעריש שמייכעלע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זײַן שטאַרקן פאַרלאַנג און פולע אָנמעכטיקײַט אויסצובאַהאַלטן זײַן אָפּהענטיקײַט. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסרעדן קיין וואָרט, נאָר אין דעם, ווי ער האָט פאַנאַנדערגענומען די הענט און ווי ער האָט אַ לעק געטאָן די ליפּן, איז געווען צו זען, אַז ער אַליין שלאָגט זיך מיט דער דייע. ער וויל אַוואַדע דערווײַזן, אַז ער איז דאָ גאָרנישט ניט שולדיק, נאָר ער ווייסט אַליין ניט, צי איז ער אינגאַנצן אומשולדיק, צי עפּשער אַ ביסעלע טאַקע יאָ.

דער פרימאָרגן איז געלעגן אַף זײַן פּאָנעם, אַף זײַן האַלבווינטערדיקן היטל, אַף זײַן רעקל מיט עטלעכע פרישע טראָפּנס. זיי האָבן אַרויסגעגלאַנצט אויך אַפן טאָרבעלע, וואָס ער האָט פּלוצלינג, טאַקע גאָר נאָך ניט געזאָגט, פאַנאַנדערגעבונדן און אַרויסבאַקומען פונדאָרטן... צוויי גרויסע געזײַערטע אוגערקעס.

— נעמט, פאַרזוכט אומיסטן. אַזעלכע האַרטע, אַזעלכע דראַטיקע, זיי כראָמטשען אונטער די ציין, ווי נאָרוואָס פון דער הריאַדקע. אַזעלכע זײַעכצן, ווי מײַן כענע מאַכט, וועט איר ניט געפינען בא קיינעם.

מײַנע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן אַוואַדע געדאַרפט זײַן פול מיט שטוינונג. איך האָב געקוקט אַף אוורהאָם־איצלען, געקוקט אַף די אוגערקעס און ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן צום הײַנטיקן גאַנצפרי, צו אַלץ, וואָס ער וויל מיר דערציילן, די געזײַערטע אוגערקעס. מײַנע אויגן האָבן געדאַרפט זײַן אַ ביסל רויטלעך, אַ ביסל אײַנגעשרומפּן, און געוויס האָט אינעם בליק געפעלט יענע צוגלאָזטקײַט, אַף וואָס יעדערער האָט געהאַט רעכט צו וואַרטן.

— נו, איז וואָס?

מײַן פראַגע האָט אים געדאַרפט אַרופירן אַף אַ דערעך, ער זאָל אָנהייבן רעדן וועגן דעם איקער, נאָר אוורהאָם־איצל האָט ניט פאַרשטאַנען מײַן פראַגע.

— זאָגט מיר מײַן כענע... טראָג אַרײַן דעם נײַעם פאַרזיצער אַ פּאָר אוגערקעס. זאָל ער וויסן, וואָס פאַר אַ זײַעכץ בא אונדז.

— נו, איז וואָס? — האָב איך ווידער געפרעגט.

אוורהאָם־איצל האָט ווי אַראָפּגעשלונגען דאָס אייגענע שמייכעלע, און איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ער איז אַ ביסל אַנטוישט און אַ ביסל באַליידיקט. וואָס בין איך, הייסט עס, פאַר אַ ברײַע, וואָס פאַרשטייט ניט אַזעלכע פּאַשעטע זאַכן? ער האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, געפינטלט צו דער סטעליע מיט זײַנע ווײַסלעכע אויגן, ווי זיך מעיאַשעוו געווען, וואָס זאָל ער טאָן מיט די אוגערקעס און ווי־אַזוי דערציילן וועגן דעם איקער.

— זאָגט מיר מײַן כענע... ניין, ניין, איר מיינט ניט. כענע! מײַן כענע, אַז זי זאָגט!.. און ווען איך האָב אינמיטן דער נאַכט געבראַכט די שקאַפּע... איר ווייסט דען, וואָס פאַר אַ שקאַפּע דאָס איז! ווי זשע דערלאָזט מען, זי זאָל נאָכאַמאָל אָפּוואַרפן? זאָג איך אים, דעם פאַרזיצער אונדזערן, זאָגט ער, אַז מע דאַרף מיך מישפּעטן. זאָגט אַליין, עס קומט מיך דערפאַר מישפּעטן? איך האָב דען עמעצן באַגאַנוועט?

ער איז געווען זיכער, אוורהאָם־איצל, אַז איך ווייס אַלץ סײַ וועגן אים אַליין און סײַ וועגן זײַן „גנייווע", און איצט מוז ער אויסהערן מײַן פּסאַק אָדער, לעכאָלהאַפּאָכעס, מײַן מיינונג. נאָר איך האָב דערווײַל גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן, איך האָב בלויז געקאָנט אַ טראַכט טאָן, אַז מײַן ערשטער באַזוכער האָט שוין גוירעם געווען דערצו, אַז צווישן מיר און דעם פאַרזיצער פונעם קאָלווירט זאָלן זיך אָנהייבן כלוקעדייעס, און ווער ווייסט, צו וואָס דאָס קאָן ברענגען. פון סאַמע אָנהייב אָן. ווײַל נאָך איידער עפּעס וואָס, האָט ער נאָך נעכטן אין אָוונט, אַף דער זיצונג פון דאָרפראַט, געקוקט אַף מיר אַזוי, גלײַך איך בין שוין אין עפּעס

שולדיק, גלײַך מיט דעם אַליין, וואָס איך האָב זיך דאָ באַוויזן, האָב איך זיך אַרײַנגעמישט אין זײַנע אינערלעכע, פּאַר מיר אומבאַוווּסטע איניאַנים און זיך שוין געשטעלט צווישן אים און עמעצן, עפּשער צווישן אים מיט גיטלען. און דאָס איז געווען געגנוג, עס זאָל מיר אַ קלעם טאָן באַם האַרצן מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מלאָסנעקײַט. מיסטאָמע איז דאָס געווען דערפֿאַר, וואָס איך בין אַוועק אין דאַרפֿראַט ניט געפּרישטיקט. ענטפֿערן אויף אַווראָם־איצלס פֿראַגע האָב איך ניט געקענט. בין איך אָפּגעקומען מיט אַ נײַער פֿראַגע:

— און ווי פֿילט זיך די שקאַפֿע?

— זי איז שוין אַט־אַט. עפּשער אין אַ וואָך אַרום, עפּשער נאָך פֿריער. נאָר איר מעגט זײַן זיכער. קומט אומיסטן אַרײַן אַ קוק טאָן.

— אַוואַדע וועל איך אַרײַנקומען. אומבאַדינגט.

— טאַקע? — האָט ער איבערגעפֿרעגט, און דאָס קינדערישע שמייכעלע האָט ווידער פֿאַרגאָסן זײַן אָפּגעצויגן פּנים. — וואָס זשע פֿאַרזוכט איר ניט די אוגערקעס? טוט אומיסטן אַ פּרווו. זיי כראָמטשען אַזוי אונטער די ציין!

אַ ביזאָיען צו דערציילן... כ'האָב אַ נעם געטאָן אַן אוגערקע, זיך אײַנגעביסן אין איר מיט די ציין, און ס'האָט טאַקע אַזוי מעכײַעדיק אַ כראָמטשע געטאָן! מיסטאָמע איז אויף מײַן פּנים אויך אַרויס עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל, פֿון יענע שמייכלען, וואָס קומען פֿון האַנאָע, פֿון קוויקעניש. די אוגערקע איז טאַקע געווען מאַלע־טאַם, און זי האָט מיך מאַמעש אָפּגעפֿרישט, אַראָפּגענומען די מידקײַט פֿון דער שלאָפֿלאָזער נאַכט און פֿאַרטריבן די מלאָסנעקײַט פֿון מײַן ליידיקן מאַגן. אַווראָם־איצל האָט פּאַשעט אָנגעקוקט אויף מײַן קוויקעניש, אויף מײַן שמייכל און מיטאַמאָל דערפֿילט זיך אַ סאַך דרייסטער, היימישער. ער האָט אויך האַנאָע געהאַט דערפֿון, וואָס זײַנע אוגערקעס האָבן אַזוי אויסגענומען.

— נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? מײַן כּנעס זײַעכץ!..

ס'איז טאַקע אַ כאַרפּע דערמאָנען זיך, וויאַזוי דער צווייטער באַזוכער האָט מיך געטראָפֿן מיט דער אוגערקע אין מויל. איך בין שטאַרק רויט געוואָרן, און אַ שטיקל ניט דערקײַטע אוגערקע האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלדז. גוט, וואָס דער צווייטער גאַסט איז געווען אַבע־שמועל, ניט פֿון יענע אָפּשפּעטער, וואָס וואָלטן דאָס באַלד צעטראָגן איבערן דאָרף. נאָך דאָס האָט מיר געפֿעלט, מע זאָל אין אַלע הײַזער אָנהייבן באַרעדן, וויאַזוי דער נײַער פֿאַרזיצער זיצט באַם טיש און קײַט אַ זויערע אוגערקע.

אַבע־שמועלן האָב איך אויך גלײַך דערקענט לויט דעם, ווי גיטל האָט אים מיר אויסגעמאָלט. ער איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, גלײַך ער זוכט עפּעס. צוגעוואַרט, ביז איך האָב, אַ פֿאַרוויטלטער, זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן וואַרגעניש און געקומען אַ ביסל צו־זיך, איז ער צוגעקומען צום טיש, מיר דערלאַנגט די האַנט אויף באַקאַנען זיך און אַזוי, האַלטנדיק מײַן האַנט אין זײַנער, צוגעזשמורעט די אויגן, ווי געסטאַרעט זיך אויסבאַהאַלטן אין זיי אַזוינס, וואָס איך דאַרף דערווײַל ניט וויסן: געזשמורעט די אויגן און באַקוקט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, באַקוקט לאַנגזאַם, צו אָפּן אַפֿילע, און אין זיך עפּעס געכעזשבנט, ווי געפּרוווט אָפּשאַצן מיך, וואָס בין איך עפּעס ווערט און מיט וואָס קאָן אויסנעמען אַזאַ באַכערל, ווי איך, וואָס האָט נאָך דערווײַל ניט מיט וואָס אויסצונעמען. פֿאַרשטאַנען, אַפּאַנעם, אַז ער האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, האָט ער געפֿונען פֿאַר נײַטיק מיר זאָגן עפּעס גוטס:

— זייער אָנגענעם, זייער אָנגענעם. אַ פֿאַרזיצער, וואָס שרײַבט שירים. דאָס איז געווען טאַקע אײַערער אַ שיר אין דער „דורכויסיקער“?

— מײַנער, — האָב איך געענטפֿערט און נאָך מער זיך פֿאַרוויטלט.

— נו, און אַ ביסל איוורע קאָנט איר אויך?

— וועלכע איוורע מיינט איר? — האָב איך איבערגעפֿרעגט שוין אַ ביסל אופֿגערעגט.

— איך ווייס? אַ באָכערל, וואָס שרײַבט שירים, דאַרף קאָנען אַ ביסעלע כומעש, אַ ביסעלע ראַשע, אַ ביסעלע געמאָרע...

— טאַקע אַ ביסעלע, — בין איך געוואָרן צוגעלאָזטער. — צו וואָס אָבער דאַרפֿט איר דאָס?

— פּאַשעט, איך האָב געוואָלט וויסן, צי ווייסט איר וועגן הילעלן. אים איז אומגעלעך געווען מיט עפּעס דערצאָרענען.

— ווילט איר, אַז אַלע פֿאַרזיצערס זאָלן זײַן פֿון בייס הילעל?

— אַט, אַט, געטראָפֿן! — און מיטאַמאָל צעעפֿנט זײַנע צוגעזשמורעטע אויגן. צעעפֿנט אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט דערזען אין זיי אַ סאַך זאַכן. דאָס, וואָס עס הייסט כאָכמע, און דאָס, וואָס עס הייסט גוטהאַרציקײַט. און אַפֿילע אַזוינס, וואָס הייסט ליבע, צי ליבשאַפֿט.

ליבשאפט אָן א שום פאַרוואָס, ליבשאפט צו דער וועלט, ליבשאפט צו מענטשן. ס'איז מיר געוואָרן גרינג און גוט פון זײַן וואַרעמען בליק, פון זײַנע גוטע קאַוואָנעס.

— וועגן מײַן ברודער האָט איר געוויס שוין געהערט. האָט אַף אים קיין פאַריבל ניט.

— וואָס דאַרף איך אַף אים פאַריבל האָבן? איך קאָן אים אפילע ניט. און ער איז דאָך שוין ניט קיין היגער.

— און איך וויל גראָדע, איר זאָלט אים קענען. איר פאַרשטייט, ער איז א ביסל א היציקער, און אים איז זייער גרינג צו דערצאָרענען. באזונדערס אין אזא צײַט. האָט ער זיך צעקריגט מיטן פאַרזיצער. יענער איז אויך א היציקער. און א מענטש, באזונדערס א פאַרזיצער, מוז פאַרמאָגן א שטיקל ייִשעוו־האַדאַאַס, דאַרף קאָנען אַלץ רויִק באַטראַכטן. אָן דעם קאָן מען הײַנטיקע צײַטן אָנטאָן א סאך בייזס. און מײַן ברודער... אָט וועט איר זען... איך קען אים זייער גוט. ער איז פון יענע. אָן דער ערד, אָן אָט דעם סטעפּ וועט ער לאַנג ניט קאָנען לעבן... ווײַל איך, איר זאָלט דאָס פאַרשטיין.

— פאַרוואָס זשע האָט איר אים דאָס ניט געגעבן צו פאַרשטיין?

אַבע־שמועל האָט זיך דערפילט ווי געטראָפן מיט מײַן פראַגע און ניט גלײַך אַף איר געענטפערט.

— איר מוזט דאָס פאַרשטיין, — האָט ער מיר, ווי א ביסל מוסער געזאָגט. — א מענטש דערגייט אַמאָל צו אזא גראַד, ווען ער איז ניט פייִק אָפּצונעמען קיין ניכטערן געדאַנק, קיין גוטע אייִצעס, אפילע פון אַן אייגענעם ברודער. מוז ער שוין, אַז די צײַט אַליין, דאָס לעבן אַליין... נאָר קיין פאַריבל דאַרף מען אַף אים ניט האָבן. ער איז שוין אַזוי אויך א געשטראָפטער.

דער אַלטער, א ביסל גאַדלעסדיקער טיש מיט די נידעריקע פאַרענטשעלעך אַרום... זיי זײַנען אויפגעשטעלט געוואָרן, ווי א מעכיצע, צווישן די, וואָס קומען צו צו אים, און דעם, וואָס זיצט לעבן אים און פּראַוועט מאַלכעס. געוויס זײַנען די פאַרענטשעלעך איצט איבעריק, נאָר ס'איז קיינעם ניט געקומען אַפן זינען זיי אַראָפּנעמען, כאָטש א סאך שטאַכעטעלעך האָבן שוין געפעלט און דאָס האָט קיין איבעריקן כיין אים ניט צוגעגעבן. גאַנץ מעגלעך, אַז קיין אַנדערן טיש אַף דעם אָרט האָט קיינער אפילע זיך ניט פאָרגעשטעלט. בין איך געזעסן בא דעם טיש פון קאַדמוינים, דער סאַמע נײַסטער און ייִנגסטער באַלעבאָס זײַנער, און אַלעמאָל אויפגענומען עמעצן אַנדערש. יעדערער האָט געמוזט אויסלייגן פאַר מיר אַלע זײַנע דײַגעס און אַלע זײַנע טײַנעס, איך זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס איך האָב נעכטן אונטערגעשריבן דעם אַקט וועגן איבערנעמען דעם דאָרפראַט, און דאָס, וואָס גיטל האָט מיר דערציילט וועגן יעדערן פון זיי, איז נאָך גאָרנישט ניט, איך דאַרף וועגן אַלעמען און וועגן אַלץ דערוויסן זיך פון דער ערשטער האַנט. דאָס רעגנדל איז זיך געגאַנגען מיט זײַן שטילן גאַנג, און בא מיר איז געוואָרן א געפיל, אַז דאָ האַלט נאָך אין איין זאַווערוכעווען, דער צעהוליעטער שטורעמווינט רײַסט אַראָפּ די דעכער, און פון יעדער שטוב שרײַט אַרויס א ניט פאַרענדיקטע קריג, ניט קיין איבערגעבעטענער רויגעז, און עס יאָטערן א סאך ניט פאַרהיילטע וווּנדן. כאָטש דער פאַרזיי איז געווען אין פולן ברען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איבערן דאָרף לויערט נאָך פיל אַזוינס, וואָס איז ענלעך אַף יענע מאַרציאָווע פּלאַנעטעס, ווי מײַן טאַטע זאָגט, און מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס עס וועט זײַן אין א שאָ אַרום, צי וועט א קנאַל טאָן דער ערשטער פרילינגדיקער דונער, צי וועט ווידער א שיט טאָן א שניי. און דאָס ערגסטע איז געווען א ניט גוטער געפיל צי א פאָרגעפיל, אַז איך אַליין האָב זיך אַרײַנגעפּאַקט אין סאַמע ברען פון אָן א שיר קריגערײַען און ברויגעזן, וועלכע ציִען זיך ווער ווייסט ווי לאַנג, און מיר וועט אויסקומען ווערן א שוטעף צו זיי אַלעמען. איך ווייס גאָר ניט, צי וועט זיך מיר אײַנגעבן מאַכן א סאָף צו זיי, ווײַל איך ווייס ניט, בא וואָס זיי האַלטן. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס ערגסטע, דאָס סאַמע ערגסטע מוז ערשט געשען, און דאָס וועט אומבאַדינגט טרעפן ניט נאָר עמעצן, נאָר מיך אַליין אויך.

אַרום האַלבן טאָג האָט זיך באַוויזן בילעם דער וואָראָזשביט. אים האָט מען מיר אפילע ניט געדאַרפט אויסמאָלן, איך וואָלט אים סײַווי גלײַך דערקענט לויט דער בעלמע אַפן רעכטן אויג, לויט די בלוטיקע פינטעלעך אַפן לינקן און לויט דעם, ווי דאָס רעכטע מיטן לינקן האָבן זיך געהאַלטן אין איין קריגן, אין איין קלאָגן זיך איינס אַפן אַנדערן, אין איין איבערפינטלען זיך. ווען זיי קאָנען, וואָלטן זיי זיך אַוודע צעפּאַטשט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, און אַנטלאָפן איינער פונעם אַנדערן אין עק וועלט. נאָר שיידן זיך האָבן זיי ניט געקאָנט, האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער גאַנצע ביטערקײַט, אַף וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אַרײַנגעקומען איז ער ניט אַזוי, ווי מע קומט אַרײַן אין אַן אַנשטאַלט, אפילע ניט אַזוי, ווי מע קומט אַרײַן צו א שאָכן. ער האָט דורכגעשפּאַנט דעם צימער, ווי מע שפּאַנט דורך א פּוסט שטיקל

אָרט, עפּעס אַ שמאָל ליקעלע צי אַ סטעזשקעלע אין סטעפּ, און ווען ניט די וואַנט, גייט ער ווײַטער. אָנגעשטויסן זיך אָף דער וואַנט, איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע, גלײַך ס׳איז אים געווען קאַשע, פֿונוואַנען האָט זי זיך פּלוצלינג גענומען, אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער, גלײַך דאָס וואָלט געווען גאָר ניט קיין פֿענצטער, נאָר אַן אָפֿן טירל, דורך וועלכן מע וואָלט געקאָנט גיין ווײַטער. נאָר ער וויל פּאַשעט ניט. ער וויל ניט, און שוין. ערשט דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט דאָס לינקע אויג אָפֿן טיש, טאַקע נאָר אָפֿן טיש, גלײַך לעבן אים איז קיינער ניט געזעסן, און אויסגעזונגען מיט אַ קלאָגעדיקן ניגון:

— פֿון אַ הויכן באַרג... אין קאַפּאַקאַל!.. אַ קאַפּאַרע!..

און שוין גאָר צעצויגן, מיט אַ קוויטשעקל:

— לאַ־אַ־זאַ־זל!..

אויסגעזונגען און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, צי שטייט עמעצער דערבײַ, צי האָט מען געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, צי האָט מען פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט. אוילעם איז אַרום געווען גענוג, און געוויס האָט מען פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. איך האָב אויך פֿאַרשטאַנען, און דערפֿון איז מיר געוואָרן אַזוי, גלײַך מע האָט מיך באַשאָטן מיט שטעכלקעס. עס שטעכט מיר דורך און דורך דאָס גאַנצע לײַב, נאָר אָפּרײַסן זיי קאָן איך ניט. די מענטשן אַרום האָבן געשוויגן. עפּעס האָבן זיי געוויס אויך געפֿילט, יעדערער פֿאַרשיידנס, און מעגלעך דערפֿאַר האָבן זיי דאָס ניט געוואָלט אַרויסווײַזן. בײַ מיר איז געווען אַן אײַנדרוק, אַז דער אוילעם האָט מוירע פֿאַר אים און וויל זיך מיט אים ניט פֿאַרטשעפּען, וויל ניט אָנטרעפֿן אָף זײַן בייזער צונג.

— איר האָט עפּעס אַן איניען? — האָב איך געפֿרעגט אַזוי, קיינער זאָל ניט באַמערקן, אַז איך אַליין... אַז מיר איז אויך ניט גוט פֿון זײַנע קלאָלעס.

— איך, איך אַן איניען?? וואָס פֿאַר אַן איניען קאָן איך האָבן?..

אָנגעהויבן שטיל, ווי גערעדט צו זיך אַליין, דערנאָך גענומען שרײַען. געשריגן ניט צו מיר, נאָר צום אוילעם, וואָס אַרום אים.

— וואָס פֿאַר אַן איניען קאָן איך האָבן? אַמאָל! אַמאָל האָב איך געהאַט איניאָנים! און הײַנט, וואָס?..

גלײַך ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז באַם טיש זיצט אַ לעבעדיקע בריִע, און אײַנגעקלאַמערט זיך אין מיר מיט ביידע אויגן. פֿונעם רעכטן אויג איז געגאַנגען אַ קעלט — אָף דערפֿרוירן צו ווערן, און דאָס לינקע האָט געבריט, ווי מיט אַ צעגליטן שטיק אײַזן.

— אַ, דאָס זײַנט איר, דער נײַער סטאַראָסטע? נו, מירן זען, מירן זען! האָט אײַך אַ גוטן.

אַפֿילע נאָך אַ פֿעטן פֿרישטיק האָט פֿון אַזאַ באַרעכהאַבע געקאָנט ווערן ניט גוט אָפֿן האַרצן. און איך האָב הײַנט נאָך אין מויל ניט געהאַט כוץ אַוואָראַם־איצלס אוגערקע. זי האָט מיר פּלוצלינג אַ שלאָג געטאָן אַרויף מיט אַזאַ עסעריקער זויערקײַט, מיט אַזאַ גאַליקער בײַטערקײַט, ווי איך וואָלט אַ גאַנצן מעסלעס געשלונגען בלויז ביטערס און זויערס.

אָפּגעזעגנט זיך, איז בילעם נאָך ניט אַוועק. געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי צוגעזאָטן צו דער ערד מיט זײַן שווערער, דריקנדיקער הייך, דערנאָך אויסגעצויגן די רעכטע האַנט און דראָענדיק אַ טײַטל געטאָן צום אוילעם מיטן פֿינגער:

— אל דעאַטייפּט!..[1]

אויסגעשריגן, דערפֿילט, ווי דער אוילעם האָט דאָס שווײַגנדיק אַראָפּגעשלונגען, און פּונקט אַזוי, ווי ער איז אַרײַנגעקומען, דורכגעשפּאַנט דעם צימער, ווי קיינער וואָלט דאָ ניט געווען, אַרויס אין דרויסן.

פֿאַרוואָס האָב איך אים ניט אָפּגעשטעלט גלײַך, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אויסזינגען זײַנע קלאָלעס? פֿאַרוואָס האָב איך אים ניט געוואָרנט, פֿאַרוואָס פּאַשעט אים ניט מעשאַלייעך געווען, געבנדיק צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ איז אַ סאָוועטישער אַנשטאַלט און קיינעם איז ניט דערליבט!.. אַוואַדע האָב איך געדאַרפֿט אַזוי טאָן כאָטשבי צוליב דעם, אַז דער אוילעם זאָל זען, אַז איך בין עפּעס ווערט, אַז איך בין אָף עפּעס פּײַיִק. נאָר דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך זיך טאַקע אַ ביסל פֿאַרלוירן. איך האָב אָפּגעהאָרעוועט אין סלאַדקאָוואָדנע אַזאַ ראַשיקן, אַזאַ אומרויִקן ווינטער, געהאַט צו טאָן מיט פֿאַרשיידענע פֿאַרשוינען, נאָר אַזאַ בייזן נעפֿעש, אַן עמעסע כײַע־ראָע, האָב איך ניט באַגעגנט. אויסטײַטשן זײַנע קלאָלעס איז געווען גאַנץ גרינג. זיי האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו אונדז ביידן, צו מיר און צו גיטלען. און עפּשער נאָך צו עמעצן. פֿאַר גיטלען איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פֿון זײַן אייגענער נעקאָמע, פֿאַר מיר — אַ מין וואָרענונג, איך זאָל זיך אָפּנעמען אַ שטיקל מוסער און געדענקען. „אל דעאַטייפּט!“ דאָן

[1] דערפֿאַר, וואָס דו האָסט אַן אַנדערן דערטרונקען (אַראַמ.).

האָבן דאָס אייניקע געטײַטשט גאַנץ קאָנקרעט: טשעפּע ניט קיינעם, לאָז צורו דעם באַלעגוף, ווײַל ס׳איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן — „אַל דעאַטייפּט”. דערפֿאַר, וואָס דו האָסט יענעם דערטרונקען, וועט מען דיך אויך דערטרינקען. ווער זשע האָט דאָס צוגעטראַכט, ווער האָט עס בילעמען אין מויל אַרײַנגעלייגט די דאָזיקע שטראָף־ווערטער?

אַלעמאָל איז צוגעקומען עמעצער אַנדערש, יעדערער מיט זײַנע טײַנעס, און מיר האָט די גאַנצע צײַט געקלונגען אין די אויערן בילעמס בייזע שטים, זײַנע בייזע אויגן האָבן ניט אויפֿגעהערט באַגיסן מיך — פֿון רעכטס מיט עפּעס גליווערדיקס, און פֿון לינקס מיט צעגליטן.

איך האָב צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן באַנעמען, וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס מע רופֿט אָן פֿיבער, וואָס עס פֿילט אַ מענטש, ווען עס מאַרדעוועט מיט אים, ווי אין אַ קאַדאָכעס. ס׳איז ניט שווער געווען צו פֿאַרשטיין, אַז בילעמס שטיק זײַנען ניט מער ווי אַ פֿאָרשפּיל, אַ מין פּסיכאָלאָגישע אַטאַקע, אַ צוגרייטונג צו די קומענדיקע באַגעגענישן.

דער סעקרעטאַר פֿון דאָרפֿראַט יאָסל פֿײַנשטיין, וועלכער האָט שוין איבערגעלעבט עט־לעכע פֿאָרזיצערס און אַף וועמען עס האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע קאַנצעליאַריע, איז רויִק געזעסן בײַ זײַן טישל, אַלע מאָל אָנגעשריבן אַן אַנדער ספּראַווקע, וואָס איך האָב געדאַרפֿט אונטערשרײַבן און שטעלן דאָס שטעמפּל. איך ווייס ביז הײַנט ניט, וועלכע ספּראַווקעס און וויפֿל סוואָדקעס האָב איך אונטערגעשריבן אין יענעם מעשוגענעם טאָג.

פּײַוויש בושליץ איז אַרײַנגעקומען ערשט אין דער צווייטער העלפֿט טאָג. אַרײַנגעקומען ראַשיק, מיט אַן אַרויסרופֿערישער הפֿקרדיקײַט פֿון אַ מענטשן, פֿאַר וועמען, ווי עס זאָגט זיך אַמאָל, געלט איז בלאָטע, און אַרײַנגעבראַכט מיט זיך אַ זומערדיקע היץ, פֿון וועלכער ס׳איז געוואָרן אַזוי דושנע, אַז ס׳האָט אַזש באַשלאָגן אַ שווייס. עפּשער איז דאָס געשען דער־פֿאַר, וואָס דער צימער, וועלכער האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אויסליידיקן זיך, איז ווידער פֿאַרפֿולט געוואָרן מיט אַן אַוילעם מענער און פֿרויען, עפּשער פּאַשעט צוליב נײַגעריקײַט. דאָס רעגנדל האָט זיך געטאָן זײַנס, צײַטנווײַז זיך דורכגעזיפּט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, אָפּטמאָל אײַנגאַנצן אויפֿגעהערט, גלײַך די זיפּ איז פֿאַרשטאָפּט געוואָרן, נאָר ליכטיקער איז אין דרויסן ניט געוואָרן. וואָס זשע איז פּלוצלינג אין צימער געוואָרן אַזוי טונקל, ווי ס׳וואָלט זיך אָנגע־

רוקט א שווארצער וואָלקן, פון וועלכן עס קאָן אמאָל אראָפּ א האָגל? ערשט דערנאָך האָב איך באמערקט, אז הינטער די פּענצטער שטייט אויך אן אוילעם, וואָס איז פול מיט אומגעדולד, שטופּט אונטער איינער דעם אנדערן און סטארעט זיך אַרײַנקוקן, וואָס עס טוט זיך דאָ, אינעווייניק.

פּײַוויש בושליצס אַרײַנקומען און דאָס, וויאַזוי ער האָט מיט אָפּענער כוצפּע אָפּגעשטופּט דעם אוילעם ארום זיך, פּעסט זיך אַרײַנגעזעצט, ניט צוגעזעצט, נאָר טאקע זיך אַרײַנגעזעצט אינעם בענקל אזוי, עס זאָל אים זײַן באקוועם און זיכער, האָט געדאַרפט באווײַזן דעם אוילעם, אין דער ערשטער ריי מיר, אז ער איז בא זיך ניט געפאלן, אז ער איז בא זיך פּעסט און מונטער.

— איר ווילט זיך באקאנען מיט מיר? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט יענעם כויזעק־שמייכעלע, ווי א באלעבאָס, א טאקיף רעדט מיט זײַנעם א מעשאָרעס. — אָט בין איך.

מיך האָט שטארק פארדראָסן זײַן כוצפּע, זײַן העפקערדיקײַט, זײַן שמייכעלע, האָב איך אים אָפּגעענטפערט שטרענג אָפּיציעל, מעגלעך אפילע צו טרוקן:

— איך בין שוין מיט אײַך באקאנט.

— אזוי גאָר? ווען האָט איר עס באוויזן?

ווען האָב איך עס באוויזן... גיי דערצייל אים איבער דאָס, וואָס גיטל האָט מיר „איבערגעגעבן” אָן קיין שום אקט. איך וואָלט אים געקאָנט אויסרעכענען אלץ, וואָס ער האָט ביז ניט לאנג פארמאָגט, און וואָס מע האָט בא אים אָפּגענומען. די זעקס קי האָבן מיך ניט געוווּנדערט, דער גאנצער איבעריקער אינווענטאר, אפילע די דרעש־מאשין, אויך ניט. נאָר דער טראקטאָר! א פּויער זאָל זיך פארגינען האָבן איינער אליין א טראקטאָר? זאָל זײַן, אז דאָס איז געווען אן אלטער „פאָרדזאָן” אָף דרײַ רעדער. און עפּשער ניט אזוי דאָס אלץ איינײנעם, ווי די עטלעכע זעקלעך ווייץ, וואָס מע האָט אונטערגעוואָרפן גיטלען און וואָס האָט גוירעם געווען, זי זאָל מוזן אוועק פונעם אייגענעם דאָרף. איך בין, ווי פיל אנדערע, געווען זיכער, אז דאָס איז זײַן שטיקל ארבעט, אָפּגעטאָן מיט בילעמס הענט. איין זאך אָבער... ווי איך האָב ניט געפּרוווט אויסמאָלן אים פאר זיך ווי עפּעס עקלדיקס, האָב איך דאָס בא דער ערשטער באגעגעניש געמוזט אָפּוואַרפן. גאָרנישט ניט, אָבער טאקע גאָרנישט ניט האָט אנטשפּרעכט צו דעם, וואָס איך האָב פריִער זיך פאָרגעשטעלט און וואָס איך האָב געוואָלט זען. בין איך געבליבן א ביסל אנטוישט און א ביסל צעמישט. איך האָב בלויז געקאָנט אָף א ווײַלע טרייסטן זיך דערמיט, וואָס ער דערמאָנט מיר אונדזער שטעטלדיקן קאצעוו. יאָ, טאקע פּינקטלעך אויזיע קאצעוו. מיט וואָס? מיט זײַן צעכראסטעט העמדל, מיט זײַן פארהוילטער, האָריקער ברוסט און מיט זײַן קײַלעכדיק, ריין־אויסגעגאָלט פּאָנעם, וואָס האָט געשפּריצט מיט גוורע. יענער האָט געקאָנט אין גרעסטן פראָסט שטיין אין איין זשילעטל מיט פארקאטשעטע ארבל און פאָכען מיט דער האק, איבערוואַרפן זי פון איין האנט אין דער אנדערער, ווי א קינדערשפּילעכל. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן, ווי אויזיע קאצעוו שפּילט מיט דער האק, און האָב אים אָפּטמאָל אפילע מעקאַנע געווען דערפאר. ווייס איך אליין ניט, פארוואָס האָט די פארגלײַכונג מיט אויזיע קאצעוו געדאַרפט ארויסרופן בא מיר יענעם ווידערגעפיל. פּײַוויש האָט, אפּאָנעם, באמערקט, ווי איך באקוק אים אזוי, און זיך אָנגערופן, ווידער טאקע מיט יענעם כויזעק־שמייכעלע:

— נו, בין איך מיט עפּעס ענלעך אָף א באלעגוף?

— איך ווייס ניט, — האָב איך אָפּגעענטפערט. — איך האָב ניט געהאַט צו טאָן מיט זיי. נאָר מיר דוכט... איר זײַט גיכער ענלעך אָף א קאצעוו.

— אזוי גאָר? א קאצעוו? איר הערט, ייִדן, ער מאכט מיך גאָר פאר א קאצעוו! איז וואָס זשע טוט איר מיט די קאצאָווים?

עפּעס האָט ער שוין געוווּסט וועגן מיר, פונקט ווי איך וועגן אים, און געוויס באשטימט בא זיך, אז איך בין ווײַט ניט פון די פויגלדיקע פאָרזיצערס און ער מעג זיך כאָטש קילן א ביסל דאָס הארץ מיט זײַן אָפּענעם ביטל צו מיר.

— וואָס דאַרף מען דען עפּעס טאָן מיט זיי? זיי האָבן אליין ניט וואָס צו טאָן.

— פארוואָס?

— איר ווייסט דען ניט? מיט פליש איז הײַנט... און די בעהיימעס אײַערע האָט איר אליין געקוילעט...

איך האָב דאָס געזאָגט גלאַט אזוי, אין דער וועלט אַרײַן. איך האָב ניט געוווּסט, צי האָט ער געקוילעט זײַנע בעהיימעס, צי ניין. איך האָב זיך בלויז פאָרגעשטעלט. א סאך באלעגופים האָבן אין יענעם ווינטער אויסגעקוילעט זייערע פי. נאָר איך האָב, אפּאָנעם, געטראָפן. און דאָס האָט אים שטארק צערייצט:

4*

— וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן? אײַך אינגאַנצן אוועקגעבן? ביזן לעצטן פּאָדעם?

צוליב דעם איז ער, אַפּאַנעם, געקומען. און געוויס ניט דאָס ערשטע מאָל. מע זאָל דאָ, אין דאָרפּראַט, מיט עפּעס אים צערייצן, און ער זאָל פאַר אַ גרויסן אוילעם באַווײַזן, אַז ער איז נאָך עפּעס. אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס צעשפּיליעטע רעקל, אַ ריס געטאָן אַף זיך דאָס צעכראַסטעטע העמד, פאַרהוילט די האָריקע ברוסט ביזן בויך און גענומען קלאַפּן זיך אַליין מיט די פויסטן:

— נו, יאָ, איך האָב געקוילעט! און איר וואָס? איר קוילעט ניט? אָט, נעמט, קוילעט מיך אוועק, און שוין. איך מיינט, ס'איז אַזוי שווער? אַ כיק, און שוין! קוקט, קוקט, ייִדן, ווי מע קוילעט מענטשן.

ביז דער דאָזיקער מינוט האָב איך אַלץ געזוכט, מיט וואָס אַרויסרופן אין זיך אַ ווידער־געפיל, ווײַל נאָך אַלעמען איז אין פּײַוּישן גאָרניט געווען אַזוינס. פאַרקערט, מיט זײַן פעסטן און שטאָלצן שטעל, מיט זײַן ברוין פּאַנעם און מיט זײַנע האַרטע, מוסקולישע הענט האָט ער געקאָנט אויסנעמען. עפּעס פּעמפּיקוואַטעס איז אין אים אויך ניט געווען. אַ געזונטער, אויס־געהאַרעוועטער פּויער באַ די פופציק צי אַ ביסל נאָך זיי. נאָר אַלץ, וואָס עס האָט אים צוגע־געבן כיין, האָט מיטאַמאָל ניט געסטײַעט. און כוץ דער סינע, וועלכע האָט געשפּריצט פון אים, סינע און האַס צו אַלעמען, צו וועמען ער אַליין האָט אַפּעלירט, איז געווען נאָך עפּעס. ס'איז ניט אַזוי גרינג געווען באַשטימען וואָס. נאָר עפּעס גיפטיקס, אָפּשטויסנדיקס און עפּעס נאָך ערגערס, געפערלעכערס.

איך האָב בײַסמײַסע זיך דערמאָנט אין אַן אַנדער בילד: ווי מיר זײַנען אַרײַנגעקומען צו דער אַלמאָנע בעלאָוואַ איבערשרײַבן איר פאַרמעגן, ווי זי איז געזעסן דערבײַ אַ שווײַגנ־דיקע, אַן אָפּגעשיידטע, אַן אָפּגעפרעמדטע פון אַלץ און פון אַלעמען און האָט די גאַנצע צײַט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, מיט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער גלײַכגילטיקײַט צו אַלץ, וואָס אַף איר עס וואַרט. באַ די בושליצעס האָט דאָס געוויס געדאַרפט אויסזען אַנדערש. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער שטייט קעגן גיטלען אַ צעכראַסטעטער, די צונויפגעדריקטע פויסטן זײַנען גרייט זי דוירעס זײַן, און ער שרײַט אַפן פולן קאָל אַזוי, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל הערן:

— גאַזלאָנים, נעמט אַ מעסער און שנײַדט! שנײַדט מיר איבער דעם האַלדז, און שוין!

און אויב ער האָט אין יענער מינוט ניט געלאָזט די פויסטן אין גאַנג, האָט ער דערנאָך צוגעטראַכט עפּעס ערגערס. איך האָב נאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס לאָזט מען אים אַלעמאָל קומען אין דאָרפּראַט אָדער צונויפנעמען אַרום זיך אַן אוילעם אינמיטן דער גאַס און פּראַווען אַזעלכע שטיק. און נאָך איין זאַך איז מיר ניט געווען קלאָר: צי דען מיינט ער מיט דעם עפּעס זיך דערשלאָגן?

דער אוילעם האָט געוויס געוואַרט פון מיר עפּעס אַזוינס... אַלנפאַלס, אַזוינס, איך זאָל אַרויסווײַזן מײַן כאַראַקטער. האָט אַוודע געדאַרפט אויסזען מאָדנע דאָס, וואָס איך האָב גע־זאָגט.

— איר ווייסט, אָט יענער קאַצעוו, — האָב איך אָנגעהויבן גאַנץ רויִק.

— וועלכער קאַצעוו? — האָט פּײַוויש אויסגעשריגן נאָך בייזער. — וואָס דרייט איר מיר דעם קאָפּ מיט עפּעס אַ קאַצעוו?

— איך מיין יענעם... אונדזער שטעטלשן קאַצעוו. אַן עמעסער גיבער געווען. בײַסן בירגערקריג, אין איינעם אַ מאַרק־טאָג, איז אַפן שטעטל אָנגעפאַלן אַ באַנדע. האָט ער געכאַפּט אַ לאָשעקל, אַ נעם געטאָן דאָס פּאָר די הינטערשטע פיס און זיך צעפּאַכעט מיט דעם. און אָט אַזוי, פּאַכענדיק מיטן לאָשעקל, אוועק איינער קעגן צען. איר וואָלט אויך געקאָנט אַזוי?

אין צימער איז מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיקער. דער אוילעם, וואָס הינטער די פענצטער, האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערגיין, פאַרשטאַנען, אַפּאַנעם, אַז די שפּיל איז געענדיקט און ס'איז מער ניטאָ אַף וואָס צו וואַרטן. ס'איז געוואָרן אַ ביסל גראַמער אינווייניק אויך. און די דושנעקײַט האָט שוין ניט אַזוי געוואָרגן. פּײַוויש אַליין איז געבליבן אַ ביסל דערשטוינט דערפון, וואָס דאָס מאָל האָט זיך באַקומען ניט אַזוי, ווי ער האָט געמיינט. האָט ער שוין אַליין ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיטן ביסעלע כוצפע, מיט דער העפקערדיקײַט און מיטן ניט אויסגעשפּילטן כויזעק. די רוגזע אַליין איז אויך ווי אויסגערונען, און דאָס קײַלעכיקע פּאָנעם איז געוואָרן ווי אײַנגעפאַלן. ער האָט גענומען אַרופציִען אַף זיך דאָס רעקל און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— עט... צו וואָס טויג זי מיר, מײַן גוווּרע?

נו, שוין, אַף קיין ערגערס האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס צו וואַרטן און געקאָנט אַ ביסל זיך באַרויִקן. כ'האָב שוין אפילע געקאָנט אַ טראַכט טאָן וועגן מיטיק. איך אַליין וואָלט

עפּשער דערצו זיך ניט דערטראַכט, נאָר דער סעקרעטאַר האָט מיר געגעבן אָנצוהערן: ס׳איז שוין צײַט עפּעס איבערקײַען. נאָר דאָס פאַרבײַסעכץ איז געווען אומדערוואַרט פאַר אונדז ביידע. גוט, וואָס קיין זײַטיקער אוילעם איז ניט געווען דערבײַ.

זי איז אַרײַנגעקומען מיטן שאַלעכל אין דער האַנט, און דאָס האָט געדאַרפט ווײַזן, אַז ביז זי איז געקומען אַהער, האָט זי זיך היפּש פאַרשוויצט.

— ווו איז גיטל? — האָט זי אַ פרעג געטאָן באַם סעקרעטאַר.

— ניטאָ גיטל, — האָט יאָסל אָפּגעענטפערט.

— וואָס הייסט ניטאָ? וווהין איז זי אַהינגעקומען?

— אוועקגעפאָרן.

האָט זי זיך גאָר צעשריגן, גלײַך מע האָט זי אָפּגענאַרט אָדער געקריוודעט מיט עפּעס:

— וואָס הייסט, אוועקגעפאָרן? וואָס הייסט, אַ פאָרזיצער פאָרט אוועק און זאָגט קיינעם ניט?

— וועמען זי האָט געדאַרפט, האָט זי געזאָגט, — האָט יאָסל איר דערקלערט אַ ביסל בייזלעך, ווײַל ער האָט שוין אויך באַוויזן זיך אויסהונגערן.

— וואָס זשע וועט זײַן, וואָס וועט זײַן? זי האָט דאָך מיר געהייסן ברענגען... און איך האָב געבראַכט, אַלץ געבראַכט.

— וואָס האָסטו געבראַכט? — פרעגט ווידער באַ איר יאָסל.

— וואָס הייסט, וואָס? אַלץ, וואָס זי האָט געבעטן. אַלע פּאַפּירן. ווייסט דאָך, מײַן שימען... אין דער רויטער קאַוואַלעריע, באַ קאָטאָווסקין געווען. ווען זשע וועט זי קומען, גיטל?

— זי וועט שוין ניט קומען.

— אַ מאַשל... טרײַבסט שוין גאָר קאַטאָוועסן, יאָסעלע. ווי קאָן דען זײַן אָן איר?

— ס׳איז שוין דאָ אַן אַנדערער אויף איר אָרט. אָט זיצט ער.

פריִער פאַר אַלעמען האָט זי פאַרוואָרפן דאָס שאַלעכל אויפן קאָפּ און דאָס אַרומגעבונדן אַרום האַלדז, ווי ס׳איז איר מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן אָדער זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ צוגווינט. דערנאָך האָט זי גענומען באַקוקן מיך פון קאָפּ ביז די פיס און אַזוי זיך פאַרקרימט, אַז איך האָב געמיינט, אַז באַלד וועט זי אויסשפּײַען. ניין, זי האָט ניט אויסגעשפּיגן, בלויז אַ ווײַז געטאָן אויף מיר מיטן פינגער:

— אָט דער־אָ?

איך בין אַזוי געפּלעט געוואָרן פון אָט דעם לעפּישן באַרעכהאַבע, אַז איך האָב אַפילע פאַרגעסן צו פרעגן באַם סעקרעטאַר, ווער איז די דאָזיקע פרוי און ווי רופט מען זי.

איך וויל ניט אויסמאָלן דעם איניען אַזוי, אַז איך בין געווען גערעכט, און ער, מענאַשע, ניט, אַז איך בין געווען דער גוטער און ער, מענאַשע, דער שלעכטער, אָדער אַז איך האָב פאַרשטאַנען מער פון אים. אַוואַדע איז דאָס ניט אַזוי. און ס׳וואָלט געווען ניט אָרנטלעך פון מײַן זײַט שוין דערפאַר אַליין, וואָס דער דערציילער בין איך, און מענאַשע איז ניטאָ דערבײַ, ער זאָל קאָנען דערווידערן אָדער עפּעס אָפּלייקענען. געוויס האָבן מיר ביידע עפּעס יאָ פאַרשטאַנען און עפּעס ניט פאַרשטאַנען, עפּשער טאַקע מער ניט פאַרשטאַנען. מיר זײַנען נאָך ביידע געווען יונג. נאָר אויף יענער זיצונג, אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג...

איך האָב געקאָנט בײַזײַן אויף דער זיצונג און געקאָנט ניט בײַזײַן. ס׳איז ניט קיין מוז, אַז דער פאָרזיצער פון דאָרפראַט זאָל בײַזײַן אויף אַלע זיצונגען. נאָר גיטל איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, און איך האָב אין וועלכער־ניט־איז מאָס געדאַרפט פאַרנעמען איר אָרט. נאָך דער נעכטיקער ניט גרינגער און ניט פריילעכער זיצונג פון דאָרפראַט, נאָך הײַנטיקן שווערן טאָג, ווען איך האָב געדאַרפט אָנהייבן אַרײַנדרינגען, אַרײַנדראַפּען זיך, מיט הענט און פיס אַרײַנקריכן אין די צעבויטעטע, צעקאַלויצעטע טיפענישן פון אַלע דאָרפישע איניאָנים, האָב איך ערשט אין אָוונט אָפּסנײַ געדאַרפט ווײַזן דעם היגן אוילעם, אַז איך קען, אויב מע דאַרף, זינגען און טאַנצן. איך האָב געהאַט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז מענאַשע וועט אויסנוצן אַלע זײַנע מעגלעכקײַטן מיך אויף אַרויסשטעלן פאַר אַ נאַר, כאָטש וואָס האָט ער צו מיר און פאַרוואָס מוז געשען גראָד אַזוי, האָב איך ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

די זיצונג איז געווען צוערשט ענלעך אויף פיל אַנדערע זיצונגען פון יענעם פרילינג. די דײַגעס אין אַלע קאָלווירטן זײַנען געווען קימאַט די זעלבע, און מיר איז דאָס געווען גאַנץ גוט באַקאַנט. איך האָב געוווּסט, מיט וואָס וועט זיך די זיצונג אָנהייבן און מיט וואָס זי וועט זיך ענדיקן. מע האָט גערעדט וועגן פוראַזש, וואָס איז געבליבן אויף געציילטע טעג, וועגן זריִע פון קוקורוזע, וואָס איז נאָך קימאַט אינגאַנצן ניטאָ, וועגן אײַנאָרדענען אַ שטאַל פאַר די

נײַגעבוירענע קעלבלעך און וועגן קריגן מאַטעריאַל אַף רעמאָנטירן דעם געשפּאַן. מענאַשע האָט אַלעמאָל אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צו מיר, צי וויל איך עפּעס זאָגן, נאָר איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין. וואָס האָב איך דאָ געקאָנט אײַצענען? זיי ווייסן אַלץ בעסער פון מיר. מיר איז בלויז געווען אינטערעסאַנט צו באַקוקן דעם היגן אַקטיוו, די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, אַלע אַ סאַך עלטער פון מיר און פון מענאַשען, ייִדן מיט בערד, איינע געדיכטער פון דער אַנדערער, מיט פאַרסאַרפּעטע פּענעמער פון זון און פון ווינט און מיט מידע, אַ ביסל צוגעקילטע שטימען. איך ווייס ניט, פאַרוואָס מיך האָט מער פון אַנדערע פאַרכאַפּט דער עלטסטער קאָניוך איציע שולקין. מעגלעך, מיט זײַן וווקס. אַפילע זיצנדיק האָט ער אויסגעזען אַ סאַך העכער פון אַלע איבעריקע. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, ער זאָל זיך אופהייבן, איך זאָל אים זען אין זײַן פולער הייך. איך האָב אַפילע גענומען אויספּרוּוון אַף אים מײַן קישעף — עטלעכע מאָל אין די געדאַנקען באַפוילן אים זיך אופהייבן. נאָר ווי אין פיל אַנדערע פאַלן, האָט זיך מיר דאָס איצט אויך ניט אײַנגעגעבן. אַ מענטש שוין באַ די פופציק, אַ זשוואַווער, אַ ביסל אַ נערוועזער, איז ער קיין מינוט ניט געזעסן רויִק, געדרייט זיך אַהין און אַהער, אַרײַנגערעדט עמעצן אַ סאַך אין אויער, געשאָטן מיט שטעכווערטלעך, באַזונדערס ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן פוראַזש און וועגן געשפּאַן. זײַן שטים האָט זיך געדוכט פיל ייִנגער פון אים אַליין, געקלונגען הילכיק און פאָדערנדיק, פול מיט טײַנעס, פאַר די פערד, וואָס גייען, נעבעך, אין שפּאַן אַ גאַנצן טאָג און באַקומען אַפילע ניט קיין האַלב פון דעם, וואָס זיי קומט.

אַלץ איז געווען באַקאַנט, אַלץ געוויינלעך.

סאַמע באַ דער טיר איז געזעסן אווראָם־איצל, אומרויִק געפינטלט מיט די אויגן און מיט שרעק געוואַרט, ביז מע וועט פאַרענדיקן מיט אַלע אַנדערע פראַגן און זיך נעמען פאַר אים.

די פראַגע האָט זיך געדאַרפט לייזן גאַנץ גיך, ווײַל באַ מענאַשען איז געווען אַ גרייטער פאַרשלאָג: דעם נאַכט־וועכטער לייבלען שטראָפירן אַף צען אַרבעטס־איינסן און אווראָם־איצלען אויסשליסן פון קאָלווירט און איבערגעבן אין געריכט.

דער ערשטער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זײַן אָרט דער וועכטער:

— אַ גאַנעוו, אַ פערד־גאַנעוו! איבער אים!

ס'הייסט, איבער אים דאַרף ער צאָלן.

— אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס אויסשליסן? פאַרוואָס מישפּעטן?

אווראָם־איצל האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט און אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט פאָרויס:

— זאָגט אַליין, פאַרוואָס קומט מיך מישפּעטן?

זײַנע אויגן האָבן געפינטלט צו אַלעמען אײנײנעם און צו יעדערן באַזונדער, ווי געבעטן זיך ראַכמים.

— נו, יאָ, פאַרוואָס טאַקע אויסשליסן?

דאָס האָט זיך אַרויסגעריסן באַ מיר אומגעריכט, ווי געזאָגט צו זיך אַליין. מיר האָט זיך געדוכט, אַז קיינער האָט ניט געהערט. נאָר מענאַשע האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר מיט זײַן בייזן בליק:

— האָסט אַן אַנדער פאָרשלאָג?

— אַ סאַך שקאָפעס אין קאָלווירט זײַנען אַף דער צײַט?

מענאַשע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיין איך מיט מײַן פראַגע, האָט ער אָפּגעענטפערט גאַנץ רויִק:

— אַכט... נײַן, צי טאַקע אַלע צען.

— וואָלט עפּשער געווען אַ סייכל איבערגעבן זיי אַלע זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים. זאָלן די שקאָפעס דורכמאַכן דעם קימפּעט אין זייערע פריערדיקע שטאַלן. באַ אַ גוטן אופזיכט?

— וואַ־אַס? — האָט מענאַשע אויסגעשריגן און אַ הייב געטאָן זיך פון זײַן אָרט. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האַלט זיך קוים אײַן, ער זאָל ניט אַ קלאַפּ טאָן מיטן פויסט אין טיש.

נאָך מער האָט אים צערייצט דאָס, וואָס איציע שולקין, דער עלטסטער קאָניוך, האָט מיך אונטערגעהאַלטן:

— ס'איז בעפיירעש אַ געדאַנק, לאָמיך אַזוי לעבן. ס'איז דאָך אַזוי ענג אין די שטאַלן!

— מיר וועלן ניט דערלאָזן!

אויסגעשריגן, און טאַקע שוין אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש:

— מיר וועלן ניט דערלאָזן צעטרענצלען דאָס קאָלווירטישע פאַרמעגן! דאָס איז אונטערײַסערײַ, דעמאַגאָגיע!..

גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז בא אים געווען א וואַכעדיקע זאַך — וואַרפן זיך מיט אזעלכע ווערטער, און דער אוילעם איז שוין מיסטאמע געווינט געווען דערצו. נאָר אויסוואַרפן אזוינס דעם פּאַרזיצער פון דאָרפראַט אינעם ערשטן טאָג, אַף דער ערשטער זיצונג!.. אַפּשוויַיגן האָב איך ניט געטאָרט, נאָר טייקעף אָפּענטפערן האָב איך אויך ניט געקאָנט. איך האָב געדאַרפט האָבן צייַט אַף א טראַכט טאָן. א פאַרשאַלטענע טעווע. אלעמאָל, ווען איך דאַרף אזוי נייטיק אָפּענטפערן, טייקעף און שאַרף, ווערט בא מיר פאַרשטאָפּט דער מויעך, עס נעמט מיר אָפּ דאָס לאָשן, און איך מוז האָבן א שטיקל צייַט אַף קומען צו־זיך. דערנאָך וועט עפּשער קומען אפן געדאַנק דאָס סאַמע נייטיקסטע, דאָס סאַמע טרעפלעכסטע, נאָר ס׳וועט שוין זיַין צו שפּעט אָדער ס׳וועט ביכלאַל שוין ניט זיַין, ווער ס׳זאָל דאָס הערן. וויפל מאָל האָב איך געליטן מאַפּאָלעס איבער דעם, וואָס דאָס נייטיקע וואָרט איז מיר געקומען א ביסל צו שפּעט! מענאַשע האָט, אפאַנעם, באַמערקט מיַין אָפּהענטיקייַט און באַשטימט צולייגן א קנייטל.

— אזוי וועט בא אונדז ניט גיין. מאָרגן שטעל איך די פראַגע אין ראַיקאָם.

— ריכטיק, — האָב איך ענדלעך באַקומען דאָס לאָשן. — מיר וועלן מוזן זיך דורכשמוּסן אין ראַיקאָם. ווייַל אויב אַף יעדער שריט און טריט זיך וואַרפן מיט אזעלכע ווערטער און פאַר יעדער נאַרישקייַט אויסשליסן פון קאָלווירט...

יאָ, כ׳האָב באַקומען דאָס לאָשן און זיך צערעדט.

— זאָל זיַין אפילע, אַז אווראָם־איצלס אופּטו איז ניט קיין פייַנער, טאַקע גאָר א נאַרישער. אָבער ער האָט דאָך געמיינט צום גוטן. פאַרוואָס זשע קומט אים שטראָפן? זאָל די שקאַפע זיַין בא אים אַף קעסט נאָך א וואָך, נאָך עטלעכע טעג, מע מעג זיַין זיכער, ער וועט ברענגען די שקאַפע צוריק מיטן לאָשעקל.

אזוי צי אזוי, נאָר די פראַגע וועגן אויסשליסן איז אָפּגערוקט געוואָרן א ביסל אין א זייַט, און אלץ, וואָס ס׳האָט זיך דערנאָך גערעדט ארום דעם, אלע זידלערייַען, וועלכע האָבן זיך דערנאָך געשאָטן אַף אווראָם־איצלען, די זידלערייַען און דאָס ביסל מוסער, האָט ער אופגענומען מיט ליבע און מיט א שמייכעלע, מיט זיַין קינדערישן שמייכעלע אפן פאַרשוויצטן פּאָנעם. ער האָט געשוויצט און געשמייכלט און אלעמאָל א וויש געטאָן מיטן ארבל דאָס פּאָנעם, געסאָפּעט הויך און האַסטיק און געהאַט אַן אויסזען פון א מענטשן, וועלכער איז נאָרוואָס ניצל געוואָרן פון א גרויסער סאַקאָנע.

ערשט נאָך דער זיצונג, ווען מיר זייַנען געבליבן אינצווייען, איך און מענאַשע, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייַט זיך דורכשמועסן.

— הער זשע, באָכער, — האָט ער זיך אָנגערופן. — אויב דו קאָנסט מיר מיט גאָרנישט ניט העלפן, איז שטער מיר ניט. מיש זיך ניט אין מייַנע, קאָלווירטישע איניאָנים.

איך בין אויך געווען אָנגעדראָדלט ניט ווייניקער פון אים און מער ניט געווען גענייגט אָפּשוויַיגן:

— קיינער וועט דאָס מיר ניט דערלויבן. איך אליין אויך ניט. דער קאָלווירט איז ניט נאָר דייַנער...

פאַר אים איז דאָס געווען א ביסל אומגעוואַרט. ער איז געוואָרן א ביסל ווייכער, נאָר ניט געטראַכט זיך אונטערגעבן:

— דו קענסט ניט אונדזער אוילעם, דו קענסט ניט דעם פויער. אויב נאָכגעבן יעדערן... אוואַדע קען איך נאָך ניט דעם היגן אוילעם, נאָר עפּעס האָב איך שוין געוווּסט, עפּעס האָב איך שוין איבערגעלעבט פאַרן ווינטער און שוין געהאַט א פּאָר גוטע לעקציעס פונעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. און אפילע אן אויסרייד פונעם פּאַרטייַ־קאַמערל.

— מע דאַרף ניט פאַראלגעמיינערן, — האָב איך אָפּגעענטפערט. — דער עמעס איז, אַז דער אוילעם, די אלע פויערים, וואָס איך קען זיי ווייניק, זיַינען אריַינגעטראָטן אין קאָלווירט. און ביכלאַל... דער עמעס איז קאָנקרעט.

— אזוי גאָר? — זיַין שמייכעלע איז געווען ניט ווייניקער שטעכיק. — און איך האָב ניט געוווּסט!..

און פונדעסטוועגן... עפּעס איז געשען מיט מענאַשען אזוינס, וואָס מיר איז עס דערווייַל שווער געווען אָפּצושאַצן. פונקט ווי ס׳איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט דערמיט. פּלוצלינג מיך א נעם געטאָן פאַר דער האַנט, און אזוי, געאַרעמט, ווי צוויי אלטע גוטעפרייַנט, האָבן מיר זיך געלאָזט איבער דעם איַינגעשלאָפענעם דאָרף.

— עך, ברודערקע, האָבן מיר זיך מיט דיר אריַינגעפּאַקט! נאָר — א פאַרפאַלענע זאַך. זאָג מיר בעסער, וועטשערע האָסטו שוין געגעסן?

ניט דערוואַרט זיך אַף מײַן ענטפער, ווײַל איך האָב ווידער ערשט געדאַרפט צעקײַען, וואָס מיינט ער מיט דעם, וואָס מע האָט מיט מיר זיך אַרײַנגעפּאַקט, און וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו דער וועטשערע, האָט ער זיך אָנגערופן:

— קום אַרײַן צו אונדז. געבראָטענע קאַרטאָפל האָסטו ליב? מיט זײַעכץ. מיינסט אַן עמעס, אַז קיין בעסער זײַעכץ, ווי בא אוראָם־איצלען, איז ניטאָ?

6

דער באַנאַכטיקער סטעפּ האָט אויסגעזען ווי פאַרגליווערט... רונד־אַרום א בלווילעכע שטילקײַט, וועלכע ציט זיך אַף מײַלן און ווערט פאַרזונקען ערגעץ זייער ווײַט פון יענער זײַט נאַכט. פון אַזא אומגעווייִנלעכער שטילקײַט גייט דורך א גרויל איבערן לײַב און עס נעמט קלינגען אין די אויערן. עס הייבט זיך דיר אָן דוכטן, אַז אַלץ, וואָס אַרום, איז ניט ערגעץ, נאָר אין דיר אַליין, אַז אַלץ קומט אַרויס פון דיר — סײַ די אומגעווייִנלעכע שטילקײַט און סײַ אָט דער מאָדנער געקלאַנג, וואָס איז צוערשט ניט מער ווי א שטילער שאָרך, א פלאַטער פון עפּעס א בלעטל אין א ווײַטן וואַלד, א מורמל פונעם וואַסער אין א נאָך ווײַטערן טײַך... דערנאָך הייבט זיך עס אָן אויסקלינגען אין עפּעס א לידעלע, א געזאָגט אָן אָן אָנהייב און אָן א סאָף, א געזאַנג, אין וועלכן ס'איז איבערגעמישט מונטערס מיט אומעטיקס, פריילעכס מיט זייער און זייער טרויעריקס. הייבט זיך שוין אָן דוכטן, אַז די שטילקײַט איז א געמאַכטע, די פאַרגליווערטקײַט איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל, אַז ערגעץ האָט עפּעס זיך פאַרטײַעט זייער א רוישיקס און זייער א שטורעמדיקס, ליגט זיך שטיל, פאַרוקט אין עפּעס א טונקל ווינקעלע און וואַרט נאָר, עמעצער זאָל זיך צורירן צו דעם, עמעצער זאָל דאָס א רודעווע טאָן... וואָס זשע איז דאָס, אָט דאָס „עפּעס", אַף וואָס און אַף וועמען וואַרט דאָס?

און א נאַכט איז דאָס געווען!.. מײַן ערשטע נאַכט אין ראַטנטאַל! אַריבער א וואָך האָב איך געקעמפט מיט זיך אַליין: מיך האָט געצויגן אַהין, און איינצײַטיק האָב איך זיך אָפּגעשלאָגן מיט הענט און פיס. און וואָס מער ס'האָט מיך געצויגן, אַלץ שטאַרקער האָב איך זיך אָפּגעשלאָגן. און נאָך יעדער אַזא געפּעכט האָב איך געזידלט זיך אַליין מיט די ערגסטע זידלערײַען: טיפּעש איינער, וואָס דרייסטו זיך אַליין דעם מויעך, סײַווי מוזסטו דאָך קומען אַהין, ס'איז דאָך א יִישעוו פון דײַן דאָרפּראַט און דו דאַרפסט זיך וואָס גיכער באַקאַנען מיטן קאָלווירט און מיט זײַנע מענטשן!..

און איך האָב זיך אונטערגעגעבן. איבערגעהיפּערט הופּאַלאָווע, וואָס איז געלעגן אַף האַלב וועג, א קילאָמעטער דרײַ פון נײַ־זלאַטאָפּאָל, שטיל דורכגעשפּאַנט דורך דעם ניט גרויסן דאָרף און זיך געסטאַרעט, אַז קיינער זאָל מיך ניט באַמערקן, קימאַט טאַקע זיך דורכגעגאַנוועט, גלײַך איך טו עפּעס ניט קיין לײַטישע זאַך, באַגיי א פאַרברעכן דערמיט, וואָס איך גיי פאַרבײַ „מײַנס" א דאָרף און שטעל זיך ניט אָפּ. אפילע קיין קוק ניט געטאָן אַפן סטאַוואָק, אַרום וועלכן איך בין אין פאַריקן האַרבסט אָפּגעזעסן א האַלבע נאַכט, און ניט געוואָגט גיין ווײַטער, אַפּגיך אַריבערגעשפּאַנט די שמאָלע הרעבליע מיט איר ווייכן אָנבעט, וועלכע האָט זיך געוויגט אונטער די פיס, און אַוועק מיטן וועג באַרג־אַרויף, א וועג, וואָס איך האָב אין די געדאַנקען דורכגעמאַכט הונדערטער מאָל און בין געווען זיכער, אַז איך קען אים אַף אויסווייניק.

אַלץ איז געווען אַזוי, ווי איך האָב דאָס אויסגעכאָלעמט. אין דער ניט גרויסער געבײַדע פון דער נאָך ניט פאַרענדיקטער שול האָט זיך צונויפגעקליבן דער גאַנצער יִישעוו. אַלע האָבן געוואָלט א קוק טאָן אַפן נײַעם פאָרזיצער פון דאָרפּראַט. טאַקע ניט מער ווי א קוק טאָן. און איך האָב געפילט, ווי אַרום מיר און הינטער מיר וווּנקען זיך איבער צענדליקער אויגן. דאָס האָט מיך ווייניק וואָס געקימערט. ווײַל דער אוילעם אַליין איז מיר געווען גוט באַקאַנט, כאָטש איך זע אים צום ערשטן מאָל. מײַן שטעטלשער אוילעם פון נײַ־אושיצע און לאַנדצקאָרון, פון אָרינין און פון זשוואַנעץ, פון סמאָטריטש און פון מינקאָוועץ. אָן אוילעם מענער און ווײַבער, וואָס זײַנען מיט אַלע פּישטשעווקעס ענלעך אַף מײַנע כאַשטשעוואַטער און בערשאַדער, הײַסינער און טולטשינער, מיט אַלע שפּורן פונעם נאָרוואָס איבערגעלעבטן שווערן ווינטער און פונעם א ביסל ווײַטערן ניט גרינגערן זומער, מיט אײַנגעפאַלענע פּענעמער, איבערגעלאַטעטע רעקלעך און צערפּעטעטע שיך. און אַף וועמען איך זאָל ניט געווען א קוק טאָן, האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער איז מײַנער א לאַנגאָניקער באַקאַנטער, אַז ער איז זייער ענלעך... נו, יאָ, אָט דער מיטן קליינעם בערדעלע און מיטן צוגעלאָזטן שמייכעלע איז זייער ענלעך אַף פישל שוסטער. געוויס וועט ער באַלד אָנהייבן דערציילן א געשיכטע וועגן

אין אויסגעטראַכטן כאַלעם. אָט דער, מיט דער באָרד, וואָס זעט אויס ווי אַ ווייער, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס זי איז אַ רויטלעכע, איז מיט עפּעס ענלעך אַף אײַזיק צאַפּ. און אָט דער, וואָס האָט זיך פּאַרוקט אין אַ ווינקעלע, רייכערט שטילערהייט אַ ציגאַרעט און בלאָזט אַרײַן דעם רויך צו זיך אין אַרבל, איז ביז גאָר ענלעך אַף מוישע וואַסערפירער. און ווער איז אָט דאָס מאָגערע מענטשעלע, וואָס בלאָנדזשעט אַרום מיט די אויגן אַף רעכטס און אַף לינקס, גלײַך ער זוכט עפּעס אָדער באַהאַלט זיך אויס פּאַר עמעצן? אַז מע וויל, איז דאָס שימען דרייפוס, און אַז מע וויל, איז דאָס גאָר לייבעש דער האָרבאַטער. נו, און אָט דער אין די ברילן, מיט די גראָבלעכע ליפּן, איבער וועלכע עס גיט אַלעמאָל זיך אַ גליטש דורך די צונג? דאָס איז כאַיִם־בער מיט די ברעקלעך, און איך מעג שווערן, אַז ער איז אויך אַ געוועזענער מעלאַמעד.

איך האָב זיך געקאָנט פּילן, ווי באַ זיך אין דער היים, אַפּן אייגענעם יִישעוו. נאָר באַנאַנד באַם טיש איז געזעסן דער פּאָרזיצער פונעם קאָלווירט, אַ הויכער, שוואַרצכיינעוודיקער יונגערמאַן, מיט אַ לענגלעך פּאָנעם, מיט אַ פול מויל שעמערירנדיקע ציין און מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. און כאָטש ער איז מיט גאָרנישט ניט געווען ענלעך אַף זײַן קלענערן בלאָנדהאָריקן שוועסטערל, איז ער דאָך געווען איר עלטערער ברודער. און צווישן דעם ראַשיקן מיידלשן אוילעם איז געזעסן זי אַליין, געזעסן שטיל, ווי איבערגעשראָקן, אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אַרום זיך, צי באַמערקט מען ניט, ווי עס פלאַמט איר פּאָנעם, ווי עס פלאַטערט דאָס האַרץ און צי מעג זי כאַפּן אַ קוק אַף מיר. אַזוי איז דאָס געגאַנגען דעם גאַנצן אָוונט. איך האָב געקוקט אַף איר, זי האָט געקוקט אַף מיר, און דער גאַנצער אוילעם האָט געקוקט אַף אונדז ביידן. אַ מין מאָדנע שפּיל פון דורכוויסיקער קוקעניש און ווינקעניש, פון וועלכע ס׳האָט מיך באַשלאָגן אַ היץ, און איך האָב אַלעמאָל געדאַרפט אָפּווישן דעם שווייס פונעם פּאָנעם.

אַף דער פאַרזאַמלונג האָט זיך גערעדט וועגן דעם גאַנג פון פּאַרזיי און וועגן דער אַרבעטס־דיסציפּלין. מיטן פּאַרזיי האָט געהאַלטן גאַנץ גוט, נאָר מיט דער דיסציפּלין זייער ניט וואַזשנע, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ היפּשער קריגערײַ. צו מיר איז עס דערגאַנגען ווי אַ ווײַטער אָפּקלאַנג, און מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין, אין וואָס דאָס גייט, אַפילע ווען עמעצער האָט אויסגעשריגן:

— זאָל ציוויע אַליין זאָגן!..

און ערשט ווען ציוויע האָט זיך אופגעהויבן... יאָ, אַף ציוויען איז געווען וואָס אַ קוק צו טאָן. אַ פרוי פון אַ מענערישן שניט, מיט אַ פּאָר פעסטע פאַרגרעבטע הענט און מיט אַ שטים, וואָס קומט אַרוף פון די ווײַטסטע טיפענישן. זי האָט, אַפּאָנעם, געוווסט, אַז הײַנט וועט גיין אַ רייד וועגן איר, האָט זי געבראַכט מיט זיך אַ האַלב טוץ קינדער, וואָס האָבן זי אַרומגעקלעפּט פון אַלע זײַטן און פאַריסן די קעפּלעך אַרוף, צו זייער ברייטפּלייציקער און הויכברוסטיקער מאַמע.

— און וווּהין זאָל איך אַהינטאָן מײַן דרויב? איך האָב נאָך אַ פּאָרל אין וויגעלע! בין איך דען שולדיק?

זי האָט באַקוקט דעם אוילעם אַזוי טמימעסדיק, אַפילע אַ ביסעלע טאַמעוואַטע, מע זאָל טאַקע מיינען, אַז זי האָט צו איר דרויב קיין שום שײַכעס ניט, דערנאָך אַ כאַפּ געטאָן עפּעס אַ שנעקל אַף די הענט, אַ נעם געטאָן זײַן שוואַך נעזל אין אירע מעכטיקע צוויי פינגער, אַ שנײַץ געטאָן דאָס און אויסגעשריגן:

— אָט, עפּשער וועט עמעצער דאָס איבערנעמען באַ מיר כאָטש אַף אַ פּאָר טעג?

— יאַסליעס, קינדער־יאַסליעס דאַרף מען שאַפן, — האָט עמעצער אויסגעשריגן. — וועט ציוויע ווײַזן, וואָס זי קען.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט, און עס איז געשען דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, אַף וואָס איך האָב געקאָנט וואַרטן: דער פּאָרזיצער האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אַף וועטשערע און אַף נאַכטלעג, און איך האָב געמוזט גיין. דעם גאַנצן אָוונט בין איך געזעסן באַם טיש ווי אַף קוילן, געפילט זיך ווי אַ גאַנעוו, וואָס איז אַרײַן אין שטוב מיט די סאַמע געפערלעכסטע קאַוואָנעס. איך האָב געוויס געדאַרפט אויסזען מאָדנע מיט מײַן אומפאַרשטענדלעכער פאַרלוירנקײַט, מיט מײַן וואַרגן זיך מיט יעדער ביסן און דערמיט, וואָס איך האָב מוירע געהאַט אופהייבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן עמעצן אין די אויגן. אַלע האָבן געוואָלט הערן פון מיר אַ גוט וואָרט, און דער טאַטע אירער, שלוימע טשערטשער, האָט אַפילע געוואָלט, איך זאָל אים דערקלערן, ווי קומט עס, וואָס ענגלאַנד, אַזאַ רײַכע, אַזאַ שיינע מעלוכע, מיט אַזעלכע קלוגע סאָכרים, זאָל אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקײַט. וואָס־וואָס, נאָר אין האַנדל פאַרשטייען זיי דאָך! נאָר איך בין ניט געווען גענייגט צו אַזעלכע שמועסן.

אין שטוב האָט געשמעקט מיט קריגלעך פון זויערער מילך, מיט שעלעכלעך פון סמע־

טענע און מיט פרישן מאלײַ. איך האָב ביגנייווע אלעמאָל געכאַפּט א קוק אַף עפּעס אנדערס, א ביסל לענגער פאַרהאַלטן דעם בליק אַפן גלאַנציק־שווארצן שאַפקעלע מיט ספּאָרים, און אלץ אין מיר האָט געציטערט פון שרעק. וואָס וועט געשען, אויב ס׳וועט זיך אָן עפן טאָן די טיר און זי וועט אַרײַנקומען? דאַן וועל איך שוין גאָרנישט ניט קאָנען אויסבאַהאַלטן. נאָר גלײַך נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט זי ערגעץ ניט געסטײַעט און געגעבן מיר א מעגלעכקײַט ווי־ניט־איז איבערקומען מײַן שווערע וועטשערע. א פאַרכושטער, עפּעס גאָר ווי ניט קיין היגער, בין איך אוועק אַף מײַן געלעגער, וואָס אינעם קליינעם אַלקערל לעבן דער קיך. פונעם שמאָלן קיכעלע, וואָס איז געווען פול מיט געפּעס, פונעם אויוון, אין וועלכן ס׳האָט נאָך עפּעס געטליִעט, איז געגאַנגען אַן איבערגעשטאַנענע וואַרעמקײַט, עפּעס האָט ווי גערייכערט זיך, געשמעקט ביטערלעך און געשניטן אין האַלדז. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט דורכן פּיצינקע טאַפליעלע אַף דער לעוואָנעדיקער נאַכט, און בא מיר איז אופגעקומען א מעשוגענער געדאַנק: שטילערהייט אָן עפן טאָן דאָס פענצטערל און אַרויסגאַנווענען זיך. נאָר דאָס פענצטער איז געווען פאַרקלעפּט נאָך פון ווינטער מיט פּאַפּיר אַרום און אַרום, און אָפּטאָן אַזא שטיקל אַרבעט שטילערהייט איז געווען אוממעגלעך. ווען מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַלע שלאָפן שוין, האָב איך זיך אָנגעטאָן און בין אַף די שפּיץ פינגער אַרויס פונעם אַלקערל, דורכגעשפּאַנט דורכן קיכל און אָן עפן געטאָן די דרויסנדיקע טיר. טאַקע סאַמע לעבן דער טיר, אַפן נידעריקן פּריזבעלע, אַרופגעוואָרפן אַף זיך ניט קיין איבעריק וואַרעם שאַלעכל, איז געזעסן זי.

— דו? — האָב איך זיך פאַרוווּנדערט.

— איך האָב געוואַרט אַף דיר...

ס׳איז געזאָגט געוואָרן אַזוי שטיל, אַזוי פּאַשעט און מיט אַזא זיכערקײַט, גלײַך מיר האָבן ניט לאַנג געפירט עפּעס א שמועס, אַף א ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן און איצט ווידער אָנגעהויבן רעדן. מיר האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און אוועק איבער דער ניט גרויסער, נאָר ברייטער גאַס מיט שיטערע הײַזער, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אין דער נאַכט אַרײַן מיט זייערע ווײַסע ווענט, געקוקט א ביסל נאַקעטלעך: די ניט לאַנג פאַרפלאַנצטע ביימלעך האָבן דערווײַל ניט געהאַט, מיט וואָס זיי אײַנדעקן. מיר זײַנען געגאַנגען, אליין ניט געוווּסט דערווײַל וווּהין, און געפילט, אַז מיר דאַרפן גאָרנישט ניט זאָגן איינער דעם אַנדערן. עפּעס איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן, עפּעס איז דאָך שוין געשען, נאָך אין יענער ווינטערדיקער נאַכט אין סלאַדקאָוואָדנע! וואָס איז, אייגנטלעך, געזאָגט געוואָרן און וואָס איז, אייגנטלעך, געשען? גאָרנישט ניט! מיר זײַנען אָפּגעזעסן די נאַכט לעבן קאָסעוואַטע טישל אין דאָרפּראַט און דערנאָך געגעסן געבראָטענע קאַרטאָפל, וואָס די באַלעבאָסטע כאַסיע האָט אונדז דערלאַנגט, געבריט די ליפּן און געבלאָזן אַף די פינגער. נו, און געשמייכלט. געשמייכלט איינער צום אַנדערן.

עפּעס א קאַוואָנע איז יאָ געווען אין אונדזער שטומען שפּאַציר, א קאַוואָנע, וואָס מיר האָבן ביידע געהאַלטן בעסאָד איינער פונעם אַנדערן, מיר האָבן פּאַשעט געוואָלט אַרויס פונעם דאָרף און אוועק אין סטעפּ. קיינער זאָל אונדז ניט זען, קיינער זאָל אונדז ניט באַגעגענען, מיר זאָלן זיך פילן פרײַ, ווי מיר וואָלטן אַף דער גאַנצער וועלט געווען איינע אליין. מיר, דער סטעפּ און די נאַכט. געפירט האָט איצט זי, און איך בין געהאָרכזאַם איר נאָכגעגאַנגען. מיר זײַנען אַרויס פונעם יִשעוו, גלײַך פאַרקערעוועט אַף רעכטס און אַראָפּגעלאָזט זיך צו דער באַלקע.

מיסטאָמע איז די היגע באַלקע געווען ענלעך אַף דער קאָבילנער הינטער סלאַדקאָוואָדנע, אַף דער יאַנטשורער הינטער נײַ־זלאַטאָפּאָל און אַף פיל אַנדערע באַלקעס, וועלכע גאַרטלען אַרום דעם סטעפּ מיט זייער געשלענגלטער גרינקײַט, באַלקעס, וואָס ווערן ווינטער פאַרזונקען אונטערן שניי, פרילינג — פאַרגאָסן מיט די צעבושעוועטע וואַסערן און זומער צעטראַסקעט אַף פיל טיפע שפּאַלטן, ווי פאַרזאָטענע ווונדן. פאַר מיר וועט די ראַטנטאָלער באַלקע זיך פאַרגעדענקען אַף שטענדיק מיט יענער אײנציקער אומפאַרגעסלעכער נאַכט, מיט איר זײַדענעם גראָז אונטער די פיס, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אַף יעדער טריט מיט א צערטלעכן שאָרך און מיט אַן אײַנזויגנדיקער שטילקײַט, וואָס איז געגאַנגען פון אונדז אליין, געקלונגען טאַקע, ווי עפּעס א וויגליד. אונדזערע הענט האָבן זיך אויך נאָכגעשאָקלט אין טאַקט פון אָט דער קליינגענדיקער שטילקײַט. דאָס ניגנדל, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אופגעקומען, האָט זיך מיר אויך געדוכט ווי אַזוינס, וואָס האָט א שײַכעס נאָר צו דער באַלקע און קומט פון איר אליין.

גייען יינגלעך צוויי,
גייען מיידלעך צוויי,
און עס וואַקסט די ריי,
און עס זינגט די ריי

איך האָב אַ ציטער געטאָן און אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם אָף לינקס, איך זאָל זיך איבערצייַגן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי און ס׳האָט זיך מיר ניט אויסגעוויזן. יאָ, ס׳איז געווען טאַקע אַזוי. געזונגען האָט זי, געזונגען שטיל, ווי מורירע געהאַט עמעצן אופוועקן, געזונגען ווי אין זיך, און איר דינע שטים האָט ווי צעוויגט די אײַנגעשלאָפענע באַנאַכטיקע לופט, זי צעוויגט אין דריבנע כוואַליעכלעך, ווי אַ ווינטעלע וואָלט מיטאַמאָל אַ בלאָז געטאָן... באַלויכטן מיט דער קנאַפּער באַנאַכטיקער שײַן, האָט איר בלייך פּאָנעם איצט אויסגעזען ביז גאָר פאַרברוינט, און די גרויסע, בלויע אויגן האָבן זיך אַליין געלויכטן מיט אַ וואַרעמער שײַן, וואָס עמעצער האָט אומיסטן אײַנגעדרייט אַ ביסל, זי זאָל אַזוי ניט בלענדן. און געווען איז אין אירע אויגן פיל מער, איידער אין דער ליד אַליין, פיל מער, ווי די פּאָר שורעס מײַנע האָבן געקאָנט זאָגן. האָט זיך טאַקע מיר אַליין געקאָנט דוכטן, אַז דער גאַנצער סטעפּ זינגט...עס זינגט דער סטעפּ, עס זינגט די נאַכט, עס זינגט די באַלקע, עס זינגט דאָס זײַדענע גראָז אונטער אונדז... און עס הילכט איבערן גאַנצן אַרום מײַן אייגענע ליד, מײַן ערשטע אָפּגעדרוקטע ליד.

— פונוואַנען האָט זיך גענומען דער ניגון און ווי׳אַזוי האָסטו פאַרגעדענקט די ליד?

— איך האָב זי אויסגעשניטן... אויסגעשניטן פון דער צײַטונג און אויסגעקאַזערט אָף אויס־ווייניק. און דעם ניגון האָב איך אַליין צוגעטראַכט.

פאַרוואָס זשע איז דער ניגון אַזאַ טרויעריקער? פאַרוואָס פרעסט עס אַזוי באַם האַרצן? עפּעס גאָר ניט צוגעפּאַסט צו די מונטערע ווערטער פון דער ליד! אַזוי האָב איך בלויז אַ טראַכט געטאָן. איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס דער ניגון האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, און איך האָב אָנגעהויבן רעדן גאָר ניט דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפט:

— דערצייל מיר עפּעס וועגן אײַערע מענטשן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אָף מיר אַ דערשטוינטע, אַ באַליידיקטע, און אירע לויכטנדיקע אויגן האָבן קוים באַוויזן אויסבאַהאַלטן דעם בריענדיקן פאַרדראָס:

— וועגן וועלכע מענטשן?

— איך ווייס ניט... נאָר אָט... כ׳האָב זיי געזען דאָס ערשטע מאָל און זיי זײַנען מיר אַזוי באַקאַנט, אַזוי ענלעך אָף די מענטשן פון אונדזער יישעוו.

— נו, איז וואָס?

יאָ, טאַקע, נו איז וואָס? געוויס איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס איך האָב געפּרוווט אַרויסרײַסן, באַפרײַען זיך פון די געשעענישן און צוזאַמענשטויסן פון די לעצטע טעג, וועלכע האָבן מיך אַזוי געדריקט. געפּרוווט און ניט געקאָנט. אַלעמאָל איז פאַר מיר אופגעשוווּמען דער וואָראַזשביט מיט זײַן „אַל דעאַטייפּט״, פּײַוויש בושליק מיט זײַן צעכראַסטעט העמד און מענאַשע מיט זײַן אומפאַרשטענדלעכן ביטל צו מיר. מענאַשע האָט שוין אַרויסגערופן גיטלען.

— און גיטלען האָסטו געקענט?

— וועלכע גיטל?

— דעם פּאַרזיצער פון דאַרפראַט.

— ווער האָט זי דען ניט געקענט? אַ שטרענגע פּאַרזיצערן געווען...

— ניט אַזוי שטרענג, ווי עס האָט זיך געקאָנט דוכטן. אַלנפאַלס, צו זיך איז זי געווען שטרענגער. מע האָט זי געדאַרפט קענען אַ ביסל נעענטער.

— און דו... דו האָסט זי אַזוי גוט געקענט?

— צום באַדויערן... ניט אַזוי, ווי איך וואָלט געדאַרפט.

— אַזוי גאָר?..

צוליב וואָס האָב איך געדאַרפט אינמיטנדרינען אַרײַנפּאָרן מיט גיטלען? וועמען איז בי־כלאַל נייטיק געווען אָט דער נאַרישער שמועס?

די לעוואָנע איז אַרויס ערשט נאָך אַ האַלבער נאַכט, נאָר געבליבן שטעקן ניט ווײַט פון דער ערד שטאַרק אַ פאַרמאַטערטע, און ס׳איז געווען צו זען, אַז אַרופקלײַבן זיך אַ ביסל העכער וועט איר קיין קויעך ניט סטײַען, איינער אַ שטערן, וועמען ס׳האָט, אַפּאָנעם, שטאַרק דערעסן זײַן איינזאַמקײַט, האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט און איז אַוועק איבער דער וועלט אָפּזוכן אַ נאָענטן שאָכן.

האָט אוואָדע געלוינט איבערײַסן דעם נאַרישן שמועס און אָנהייבן רעדן וועגן די שטערן. זי האָט טאַקע אַ קוק געטאָן אָפן הימל, לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין אים, ווי אויך גע־זוכט עפּעס אַ מער קליגערן שאָכן, נאָר אַרײַנצײַען די שטערן אין אונדזער שמועס האָט זי ניט געוואָלט.

געוויס האָט זי גאָר אַנדערש זיך געמאָלט הײַנטיקע נאַכט, און נאָך דעם, ווי זי האָט מיט אַזויפיל בענקשאַפט אויסגעזונגען מײַן ליד, האָט זי געוואַרט פון מיר גאָר אַנדערע ווער־

טער... געוואַרט און ניט דערוואַרט זיך. האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין שפּעט און מע דאַרף זיך אומקערן אַהיים. דאָס איז געווען די איינציקע מינוט, ווען זי האָט גערעדט צו מיר סוידעספּול־צוטרוילעך מיט אַ קינדערישער צוגעלאָזטקייט.

— מיר וועלן שטיל־שטיל אָן עפן טאָן די טיר און זיך אַרײַנכאַפּן אין שטוב אַרײַן. קיינער וועט קיין שאָרך ניט הערן.

— ניין, — האָט זיך באַ מיר אַרויסגעכאַפּט קעגן מײַן ווילן. — איך מוז שוין זיך אומקערן צו זיך.

— פאַרוואָס? — האָט זי קימאַט אויסגעשריגן.

— איך מוז זייער פרי זײַן אין דאָרפּראַט.

צי האָט זי מיר יאָ געגלייבט, צי ניט... גיכער ניט, ווײַל איך אַליין האָב זיך אויך געזידלט סײַ פאַרן ליגן, סײַ פאַר דעם, וואָס איך טו ווידער אָף צולאָכעס זיך אַליין. אַזוי זײַנען מיר צוגעקומען צו איר שטוב, אויסבאַהאַלטנדיק איינער פאַרן אַנדערן, ווי שווער עס איז אונדז זיך שיידן און ווי שטאַרק מיר וואָלטן געוואָלט, אַז אַלץ זאָל אויסזען גאָר אַנדערש. און דערנאָך... דערפון האָט זיך עס טאַקע גענומען. איך האָב זיך אַ בייג געטאָן צו איר, און זי האָט אַ הייב געטאָן אירע ציטערנדיקע ליפּן צו מיר... גאָט איז אַן איידעס, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב אַ קוש געטאָן אַ מיידל. און כ׳האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס גלאַנצן אַזוי אירע אויגן, פול מיט טרערן. האָב איך זיך שוין דערלויבט נאָך אַ זאַך: אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער איר גלאַטן, מאַטעוועם פּאָנעם און דערפילט, ווי אַ טרער האָט זיך פאַרטשעפּעט פאַר מײַנעם אַ פינגער. ערשט איצט האָב איך געזאָגט שוין גאַנץ היימיש, אַזוי דרייסט און היימיש, אַז ס׳האָט געקאָנט ווערן אַן אָנהייב פון גאָר אַ נײַעם און זייער גוטן, זייער נייטיקן שמועס:

— וואָס זשע דאַרף מען וויינען, נאַרעלע?

— איך ווייס ניט.

איך האָב געשפּאַנט שמײַדיק, ווי איך וואָלט זיך געסטאַרעט וואָס גיכער אַוועק פון דעם אָרט, ווו איך בין באַגאַנגען ווער ווייסט וועלכן פאַרברעכן, געשפּאַנט ווי דער גרעסטער באַל־אווייִרעניק און אַ קוק געטאָן אָף צוריק ערשט דאַן, ווען איך בין שוין אַרויס פון דעם דאָרף און פאַרקערעוועט קיין הופּאָלאָווע. אומגעקוקט זיך און ווי צוגעזאָטן געוואָרן צו דער ערד. איך האָב דערזען, ווי זי שטייט נאָך אַלץ לעבן דער טיר און וואַגט זי ניט אָן עפן טאָן. זי וואַגט ניט אַרײַנקומען אין שטוב מיט איר גרעסטער אווייִרע, וואָס האַלט אין איין קלאַפּן אונטערן האַרצן און קאָן אַלעמען אויפוועקן. אַ באַלויכטענע פון דער לעוואָנע, האָט זי זיך געמאָלט אומבאַגרײַפלעך בוילעט לעבן דער ווײַסער וואַנט, מיטן ברוינעם העמדל, מיטן ראָזעווע שאַלעכל אָף די אַקסלען און מיט די פאַרטרערטע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט אין דער נאַכט אַרײַן ווי דער באַגינענדיקער טוי. איך בין געשטאַנען אַ ביסל, קוים בײַקומענדיק דעם הייסן פאַרלאַנג זיך לאָזן לויפן צוריק, און ווידער אַוועק. איך האָב געשפּאַנט אָן איבער־געפּולטער מיט אָן אַ שיר נײַע, נאָך אומבאַקאַנטע געפילן, געווען באַ זיך מוירעדיק שטאָלץ, געפילט זיך מוירעדיק גליקלעך און מוירעדיק שולדיק. קלאָרער באַשטימען דעם הייסן געמיש פון געפילן איז מיר געווען שווער, ווײַל איך בין געווען עפּעס גאָר ווי שיקערלעך. ס׳האָט מיר אַ ביסל זיך געדרייט דער קאָפּ און אַ ביסל געשווינדלט אין די אויגן. יענער גרינגער קאָפּשווינדל, ווען עס דוכט זיך דיר, אַז קיין קליגערער פון דיר, קיין שענערער פון דיר און קיין שטאַרקערער פון דיר איז ניטאָ אָף דער וועלט. מיט איין וואָרט, עס שפּאַנט אַ גײַציק באַכערל איינער אַליין איבערן באַנאַכטיקן סטעפּ און פילט ניט די ערד אונטער זיך.

(סאָף קומט)



די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם טאַלאַנטפולן דיכטער מענדל ליפשיץ אין צו־זאַמענהאַנג מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג. מיר ווינטשן מ. ליפשיצן אריכאס־יאָמים און שע־פערישע דערפאָלגן.

מענדל ליפשיץ

איך מוז פאַרענדיקן נאָך די פּאָעמע...

מײַנע הענט און מײַן געדאַנק

מײַנע פליגלען — מײַנע הענט,
מײַן געדאַנק אין ווײַט געווענדט,
מײַנע הענט זיך ווייסן — מיען,
מײַן געדאַנק זיי לערנט פליען.
מײַנע הענט אָן מײַן געדאַנק —
גרוורע פון אורואנג־אוטאַנג.

נאָר מײַן סייכל און מײַן זינען
לערנען זיי דעם שווונג געפינען.
מײַן געדאַנק — צעריגלט ער,
מײַנע הענט באַפליגלט ער,
און איך גיי, און איך פלי —
פולע הענט מיט פרייד און מי...

געטרײַשאַפט

און ווען ס'וועט אָנגיין:
א רוסישע שטאָט,
א יידישער דיכטער געלעבט אין איר האָט,
געלעבט און געבענקט און אין הארצן געהיט
פון לייד און פון פרייד און פון פרײַנטשאַפט א ליד.

און ווען ס'וועט אָנגיין:
באַגלײַך ווי דעם בער,
וואָס אופגעוועקט ווינטער מע האָט, איז אים שווער.
דער פראָסט איז א פראָסט און דער שניי איז א שניי,
פאַר מענטשן, פאַר וועלטן דאָס הארץ טוט אים ווײ.

וווּהין ס'זאָל ניט פירן פון לעבן די ליכט —
דאָס ריטשקעלע טרײַשאַפט, ער נעמט דאָס מיט זיך,
דאָס פינקעלע צוטרוי ער טראָגט מיט זיך פעסט
און קיינמאָל די רוסישע שטאָט ניט פאַרגעסט.

מײַן ווילן

איך וויל דאָס גאַנצע לעבן זײַן א יונגער,
אַף לויב פון פרײַנט איין ענטפער האָבן בלויז:
די שענסטע ליד איך האָב נאָך ניט געזונגען,
די שענסטע ליד דערוואַרט מיך ערשט פאָרויס.
און ווען דער מאָרגעדיקער טאָג וועט קומען
און פרײַנט וועלן באַגריסן מיך מיט אים,
איך וויל — ווי ס'טיפּע וואַסער פון א ברונעם
זאָל ווידער קומען ציטעריק מײַן שטים.
די שענסטע ליד — מיר וועלן זי פאַרהיטן,
זיך צוהערן, ווי לעבעדיק זי שאַלט,
איך האָב א סאַך געפּרייט זיך און געליטן,
און איצט ניט זאָגט, אַז כ'קלײַב זיך ווערן אַלט.
איך וויל דאָס גאַנצע לעבן טראָגן ליכט,
די יוגנט גייט, און איך וויל גיין מיט איר.

ייִנגלעך באָדן פערד

א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן!
דער טײַך אין זײַן זאַמד־בעט איז רויִק געלעגן,

געפּרייט זיך מיט וואַסערן, וואַרעמע, שטילע,
און גאָר ניט פאַרטראַכט זיך, וואָס ס'וואַרט אים אַפּילע.
נאָר פלוצלינג פון גרונט טוט א כאַפּ זיך א וועל,
טוט האַסטיק א שפּרונג, טוט א שטויס זיך, א שטעל.
די לאַשעקעס הירזשען! די דונערן קלינגען!
די ייִנגלעך אין פריילעכע וואַסערן שפּרינגען!
א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן,
און ס'גייען זיי קינדער און כוואַליעס אַנטקעגן.

ה ײ ם

איך האָב מיר מײַן מעדינע,
און איך בין איר דער האַר,
און אירע גרונטן דינען
מיר טרײַ אין פרייד און צאַר.

ווען איך פאַרמאָג מער גאָרניט —
בלויז זי אין בלויער שײַן,
אַפּילע דאַן איך טאָר ניט
אַף איר באַליידיקט זײַן.

ביפּראַט, אַז אַלע גיטער
פאַרלאַנגען דאָ מײַן קויִ'ך,
די פעלדזן אָנגעגליטע
מיך רופן אינדערהויך.

און איך בין גרייט צו דינען
דער היים — אין פרייד און צאַר.
איך האָב מיר מײַן מעדינע,
און איך בין איר דער האַר.

אויב כ'וועל מאָרגן...

איך בין גרוי שוין, איך בין שוואַך.
וואָס זשע בין איך מונטער?
יאָ, איך שמייכל און איך לאַך
גאָר ווי א געזונטער.

צי איך בין דען ניט געזונט?
איז מײַן זעל געבראָכן?

דריקט מײַן האַרץ א שטומע ווונד?
ציטערט מײַן ניצאָכן?

אויב כ'וועל מאָרגן טאָן א פאַל
און איך וועל ניט ווערן,
שלאָגן זאָל נאָך מיר דער קוואַל,
שײַנען זאָל מײַן שטערן...

דער ניטגערופענער

דו ניטגעבעטענער, דו מעגסט זיך שעמען,
דו ניטגעגאַרטער, קער זיך אום צוריק.
איך מוז פאַרענדיקן נאָך מײַן פּאָעמע
פון קאַמפן דורשטיקע, פון ווײ און גליק.

דער ניטגערופענער, ער שעמט זיך גאָרניט,
מיט זײַנע דינער, זײַנע טרײַע קנעכט
ער גרײַפט אָן זיכער, איז אין זיך באַוואָרנט,
און סאָפקאָלסאָף ער וועט דאָך זײַן גערעכט...

און ווי וועט זײַן מיט ערדן, וועלטן נײַע,
מיט יונגע הימלען ריין, ווי קינדס א טרער,
מיט אלץ, וואָס כ׳האָב געפונען פרייד און פײַער
און וועל עס קיינמאָל ניט געפינען מער?

און ווי וועט זײַן מיט דאָרשט פון מײַנע הענט,
וואָס איך האָב בענקענדיק אין ווײַט געווענדט?

* * *

וואָס פיבער איך פילבאַר און היט, ווי א קאַמצן, די רענדלעך?
וואָס ציטער איך הייס איבער אײַך, מײַנע לידער, אומענדלעך?

וואָס האַלט איך אײַך טײַער אַזוי, ווי אָן איינציקן שטערן,
און וויפל איך האָב אײַך, איך וויל, איר זאָלט אַלץ זיך נאָך מערן?

איר האָט דאָך גאָר ווייניק וואָס גליק מיר אין לעבן פאַרשאַפן,
ביז גרויקײַט דערגאַנגען, און אַלץ, ווי אַ שיף אינעם האַפן.

און ניט קיין פאַרמעגן איך האָב און ניט צופיל אויך קאָוועד.
פאַרוואָס ווערט איר טיף, אַזוי טיף אין מײַן האַרצן געכאַוועט?

ניט אײַל אַזוי...

אין צוויי מיליאַרד יאָר אַרום —
מיר האָבן עס געלײַענט, צי געהערט —
דערנעענטערן צו דער זון
וועט אָפּ אַזויפיל זיך די ערד,
אַז מענטשן וועלן מינאַסטאַם
פאַרשווינדן פון איר איבערפלאַך...
און גלײַך, ווי ס׳וואָלט שוין איצט דער פלאַם
געגליט, כ׳דערפיל זיך מאָדנע שוואַך, —
צי וועט עס זײַן, וואָס וועט עס זײַן,
ווען ס׳וועט דער מענטש אָפּ דר׳ערד ניט זײַן?
און לאַנג האָט מיך געדריקט די פּײַן:
פאַר וועמען לײַכטן וועט די שײַן?
נאָר פלוצלינג — אָט אַזוי, ווי כ׳טראַכט,
האָט זיך אין מיר אַ שטים צעלאַכט:
זיי, וועלכע ווייסן וואָס צו טאָן,
פאַר זיי זיך זאָרגן ז׳ניט דײַן זאַך,
נאָר נעענטער צו אונדז אַ סאַך,
אין איין האַלב מיליאָן יאָר אַרום,
וועט זײַן אַ מאַבל אָף דער ערד,
און ס׳וועט פאַרטרונקען ווערן אַלץ —
אי שטעג, אי וועג, אי פור, אי פערד,
אַלץ וועט אײַנוויקלען די נאַכט.
נאָר דאָ האָב איך זיך שוין צעלאַכט:
וואַרט צו, ניט אײַל אַזוי. וואָס ברענט?
דו שטיל דײַן שווידער און פאַרדראָס,
דערלעבן לאָז ניט דעם מאָמענט,
וועט שוין באַטראַכט זײַן עפּעס וואָס...
דו אײַלסט אַזוי, אין הוילער שרעק,
זיך לאָזן העפקער אָפן ווינט.
ניין, יענע צײַט איז לאַנג אוועק,
ווען שוואַך ז׳געווען דער מענטש — אַ קינד.
לאָז רויִק גיין דעם מענטש, באַדאַכט,
און ער וועט מאַכן טאָג פון נאַכט,
דעם מאַבל אָפּווענדן געניט,
די זון פאַרהאַלטן אין זעניט.

פאַרהאַלטן דעם פלאַם

עס גייט איצט די צײַט פון מײַן אָנווער,
מײַן דאַר קלײַבט צונויף שוין דאָס רעשט.
און ווער וועט דיר העלפן, און קאָן ווער
פאַרהאַלטן דעם פלאַם, וואָס זיך לעשט?

...א כאַוואַרטע פון די סטודענטישע יאָרן
האָב איך אין פאַבריקן פרילינג פאַרלאָרן...
אין הײַנטיקן ווינטער — די ווייַ ניט צו מעסטן —
האָב איך פאַרלאָרן אן אייגענע שוועסטער...

און איך — ניט קיין טראָפּן איך בין, נאָר א בליץ־טרער,
וואָס קומט פון אמאָל און פאַרבלײַבט אויכעט איצטער,
אין טונקל — א שטראַל און אין אָפּשײַן — א שאָטן,
און זאָל מיר דאָס לעבן נאָך מאָרגן געראָטן.

א קינדער־ליד פאַר דערוואַקסענע

האָדל—העדל —
גיי אין סעדל,
האָדל־הויד —
קריך אין בויד.

דו ביסט שוין
אין בויד געזעסן,
דו האָסט שוין
ברויט געגעסן.
האָסט געטרונקען שוין דעם ווײַן,
מעגסטו פריילעך, גליקלעך זײַן.

העדל — האָדל,
נעדל — נאָדל,
רעדל — ראָד,
קום אין סאָד...
דו האָסט שוין
די ראָד געקײַקלט,
דיר האָט שוין

דער פויק געפּײַקלט,
דיר עס האָט שוין גרין, געדיכט
אָנגעפּאַיעט פעלד מיט ליכט.

פולע לונגען
אויסגעזונגען,
גייט די ראָד,
גייט די ראָד
א קאַראַהאָד.

טאַנצן בוידן,
סעדער הוידען,
זיך אין שורעלען צעשטעלט.
לויבט ווי קינדער,
גלייבט ווי קינדער,
וועט איר קלוג זײַן
אויך ווי קינדער,
וועט אײַך יונג זײַן גאָר די
וועלט...



דאַן בען־אַמאָץ

צו אַלדי רוכעס

ערשטער קרײַז

ראַפּי. פון דער ערשטער פּערזאָן. פאַרגאַנגענס

1. די שטוב

נישקאָשע פון פּלענער האָב איך געהאַט אָפן לעצטן זומער פאַרן גײין אין אַרמיי. פּלענער פאַרשיידענערליי, נאָר צום אַלעם ערשטן — אַוועקגײן פון שטוב און דינגען זיך אַ צימער. צו אלדי רוכעס, האָב איך געזאָגט, קומט מיר כאָטשבי איין זומער אַ לעב טאָן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, איידער מע וועט מיך שיקן אַף אומקום? וואָס, ניט אַזוי? יעדן טאָג קומען אום סאָלדאַטן, און ס׳איז ניטאָ קיין סיבע דערצו, אַז אויך מײַן פּאַטאָ זאָל אין אַ טרויער־ראַמל זיך ניט באַווײַזן אין צײַטונג. דערויף האָב איך גענוג שאַנסן, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין, פּונקט ווי אַלע אַנדערע. און, מעגלעך, אַפילע מער. דעסאַנטלער גײען דאָך די ערשטע. און איך — אַזאַ אידיאָט — האָב באַשטימט ווערן דאַפקע אַ דעסאַנטלער... אָט אַזוי, — אַ שיסערײַ, אַ מינע, אַ גראַנאַטע, אַ קויל פון אַ סנײַפּער, — און דער אומגעקומענער יעפרייטאָר, אָדער סערזשאַנט, אָדער לייטענאַנט ראַפּי לעווין „וועט הײַנט געבראַכט ווערן צו קווורע אַפן מיליטערישן בעסוילעם”... און אַזוי ווײַטער. אַ געוויינלעכע געשיכטע, וואָס רעגט שוין קיינעם ניט. כוץ טאַטע־מאַמע, עטלעכע קרויווים און צוויי־דרײַ ביזנעסלײַט, מיט וועלכע דער פּאָטער האָט געשעפטן. אַ האַלבע קאַלאָנקע צווישן די טרויער־מעלדונגען אין צײַטונג, און אויס! אַלע פּוסטע רייד — „מיר זײַנען דערשיטערט”, „מיט אײַך אין אײַער אומגליק”... דאָס אַלץ איז ניט ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן. זיי רירט קיינעם ניט אָן בא דער לינקער פּיאַטע.

אַצינד איז עס עפּשער לעכערלעך, נאָר דער באַנאַלער אַנעקדאָט „מיר וועלן זיך באַגעגענען אַפן מעמאָריאַל־טאָוול” האָט זיך מיר געדאַכט זייער פּאַסיק פאַר דער געזעגענונג מיט די כעוורע פון מײַן אַרויסלאָז. בעעמעס! ווען מיר זײַנען געשטאַנען אין שול־הויף נאָך די עקזאַמענעס אַפן מאַטורע־אַטעסטאַט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז אַזוי וועט עס זײַן. אין מעשעך פון יאָר וועלן אייניקע פון אונדז אַריבערפּעקלען זיך אַף יענער־וועלט, און אַנדערע וועלן זיך וואַלגערן אין די שפּיטאָלן. אַזוי געשעט עס מיט יעדן אַרויסלאָז. ווער קאָן אָרעוו זײַן, אַז מיט אונדז וועט זײַן אַנדערש? איך האָב, פאַרשטייט זיך, מיקויעך דעם ניט געמאַכט קיין טומל. מיר האָבן זיך נאָר אויסגעלאַכט פון דעם אַלעם, ווי עס פּאַסט פאַר עמעסע מאַנצבלען. עס האָט ניט געדויערט קיין פינף מינוט און מיר האָבן שוין אַוועקגעלייגט אַ האַלבן קלאַס: איינער האָט זיך אופגעריסן אַף אַ מינע אין אַזע, אַ צווייטער האָט געכאַפּט אַ

קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן.

קויל אין ברוסט, א דריטער האָט פאַרלוירן א פוס, און איך בין געפאַלן באַם אויספילן א פאַרגעבונג אין טעל־טינעף, אָדער נאָך ערגעץ, דער טײַוול ווייסט ווו. פאַרוואָס אָט דאָס אַלץ האָט בא אונדז אַרויסגערופן געלעכטער, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין, נאָר מיר זײַנען געשטאַנען אין הויף, ווו מיר האָבן פון יאָר צו יאָר געשפּילט אין מילכאָמע, און געלאַכט, ווי די מעשוגאָים. דערנאָך האָבן מיר פּאַשעט געפּלוידערט, און די מיידלעך זײַנען געשטאַנען אין א זײַט, געקוקט אַף אונדז און ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ניט געלאַכט. איינע האָט זיך אַפילע אויסגעדרייט צו אונדז מיטן רוקן און מע האָט נאָכדעם דערציילט, אַז זי האָט געוויינט. איך פאַרלײַד ניט קיין מענטשן, וואָס וויינען. דאָס נערווירט מיך. איך פיל זיך דערפון עפּעס פאַרלוירן, כ׳לעבן.

אַצינד, ווען פון דער אַרמיי בין איך פּאַטער, זעט עס מיר אויס עטוואָס מאָדנע, נאָר דאַן אין שול־הויף איז אונדז אַלעמען קלאָר געווען, אַז מיר וועלן גיין אין שלאַכט־טיילן. אַלנ־פּאַלס, איגאַלן, אַמי — צוויי מײַנע בעסטע כאַווײרים — און מיר. און איך מיין, אַז אַלע אַנ־דערע איז עס אויך געווען קלאָר. ערשטנס: דאַן האָבן מיר נאָך געגלייבט אין אָט די אַלע שיינע ווערטער „ניטאָ קיין אויסוועג״, „אַזוי איז אונדז באַשערט״ און דער גאַנצער פּלוידערײַ, וועלכע מע האָט אונטערגעטראָגן צוואַנציק מאָל אין טאָג דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע. צווייטנס: כאַקי־קליידער, א רויטער בערעט און שיך פון א דעסאַנטלער וואַלגערן זיך אויך ניט אין גאַס. כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי איך קום אַף שאַבעס אַהיים, קריך אַרויס א פאַר־שטויבטער פונעם דזשיפּ מיט אַן „אוזי״ אויפן אַקסל — דאָס דאַרף מען ניט אוועקמאַכן. כ׳האָב געזען כעוורע, וועלכע זײַנען גרייט אומקומען פאַר גאָרנישט. מע זאָל נאָר זאָגן, אַז זיי זײַנען געווען עכטע יאַטן... אַבי נאָר א פּאָר שכיינים און א מויד, וואָס שרײַבט שירים בעסאָד, זאָלן מיט זיי שטאָלצירן נאָכן טויט אָדער ווען זיי וועלן זיך אומקערן מיט א מעדאַל אָנשטאָט א האַנט. אַמאָל בין איך אויך געווען אַזאַ, כ׳זאָג ניט, אַז ניין. ווי א סטאַטעק, האָב איך געשפּילט די ראָל, וואָס מע האָט מיר אָנגעבונדן.

נאָר דעריקער, ווען איך בין דעמלט צום לעצטן מאָל געפאָרן אַהיים פון שול, פון דער גאַס דיזענהאָף ביז דער גאַס איבן־גווירול, האָב איך מיטאַמאָל דערזען יענעם גאַנצן זומער מײַנעם פאַר דער אַרמיי־דינסט. אַלץ איז געווען קלאָר. איך גיי אוועק פון שטוב, זוך זיך אָפּ א צימער און מיטן אַלטן לעבן רײַס איך ענדגילטיק אײַן. אויס! זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן. כ׳נעם א טרעמפּ ביז קאַטמאַנדו, זעטיק זיך אָן, אַז עס קריכט אַזש פון גאָרגל, פּרוּוו אויס אַלץ, ביז מײַן באַשפּיגענע פּאַטאָ באַווײַזט זיך ניט אין צײַטונג אין א שוואַרצן רעמל. שלאָפן לייג איך זיך שפּעט, שטיי אויף, ווען מיר פאַרגלוסט זיך. אַלע נאַכט — אַן אַנדער דיסקאָטעקע — ביז פאַרטאָג, וואַרעם זיך קעגן דער זון אויפן יאַם־ברעג. וואַלגער זיך אין בעט מיט א צענדליק ביכער און מיליאָנען פּלאַטן און שלאָף מיט אַלע שיינע מיידלעך פון שטאָט.

ערשטקלאַסיקע שיינהײַטן, בלאָנדע, טונקלהאָריקע, מיידלעך פון מײַן אַרויסלאָז, היפּי־מיידלעך פון דענעמאַרק, פאַרהייראַטע, ניט קיין כאַסענע געהאַטע, אָפּגעגעטע, יונגע, וווּק־סיקע, שמעקנדיקע; אין מיני, אין מאַקסי; אין שטיוול; מיט דימענטן און בלומען אין די האָר; אין קאַלגאַטקעס, אין טרוסיקעס, אין ביקיני, אָן גאָרנישט; מיט צוויי מיטאַמאָל — אַלץ! זיך אײַנליבן אין לעבן ביז טרערן, אין דער לעצטער מינוט, אויפן וועג צום שפּיטאָל, ביז דעם, ווי כ׳וועל באַקומען דעם זשעטאָן „באַרמיגנען״. איך שפּאַס ניט. כ׳האָב ווירקלעך געזען זיך אַליין, ווי כ׳פלי אין א דזשיפּ צו די הימלען.

לאָגיש, ניט? מע קאָן פאַרשטיין א צוואַנציקיאָריקן באָכער, וואָס וויל, ווי מע זאָגט, אויסטרינקען דעם קאָס ביזן דעק, איידער ער גייט אין אַרמיי. מיר דאַכט, ס׳איז קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך. נאָר ביכלאַל, וואָס עפּעס פאַרענטפער איך זיך? שפּײַען וויל איך דערויף, וואָס עמעצער וועט זאָגן. זאָל מען דרייען מיט דער נאָז, זאָל מען זאָגן, אַז אין קאָפּ זײַנען בא מיר איינע נאַרישקײַטן. איך שפּײַ זיך אויס דערויף. אַזוי וויל איך און — אויס! געפעלט עס עמעצן, צי ניט, נעמט אים דער רוועך! איך קאָן זיך איצט דערלויבן זאָגן דעם עמעס. געקומען די צײַט. מער נעם איך ניט קיין אָנטייל אין דער פאַרשטעלונג.

אָבער אַוועקגיין פון שטוב איז גאָר ניט אַזוי פּראָסט. מײַנע עלטערן זײַנען ניט קיין נאַראָנים און, ביכלאַל גערעדט, זײַנען זיי גאָרניט אַזעלכע שלעכטע אויך. צווישן מענטשן פון זייער טיפּ, פאַרשטייט זיך. נאָר ווען איך האָב גענומען ריידן וועגן א צימער, זײַנען זיי מיך גלײַך באַפאַלן מיט זייערע „וואָס עפּעס פּלוצעם?״, און „וואָס איז דיר שלעכט אין דער היים?״, און „דו ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן דיך ליב און ווינטשן דיר גוטס״, און אָט די גאַנצע פּלוידערײַ — מיט איינצל־שאָסן, מיט אַן אויטאָמאַטן־ריי, אַלע אין איין קאָל און מיט טרערן. באַלד באַווײַזן זיך טרערן און מע הייבט אָן שמאָרען מיט די נעז. אַמפּערן זיך האָב איך ניט געוואָלט. האָב איך זיי געלאָזט זיך אויסריידן, און ווען, זעענדיק, אַז איך שווײַג, זײַנען זיי

שוין זיכער געווען, אז מע האָט מיך איבערצייַגט, האָב איך א בראָק געטאָן קורץ און שארף — איך גיי אוועק פון שטוב און...

מייַן טאטע — אן אלטער פלוט — האָט זיך גלייַך געכאפט, אין וואָס עס גייט, און אונטערווינקענדיק צו מיר, ווי אן אלטער נויעף (ער איז געווען א מיטגליד פון „האגאנא”), געזאָגט: „פארוואָס לאדסטו ניט אייַן אהער דייַנע כאווערטעס? בא זיך אין צימער קאָנסטו טאָן, וואָס דו ווילסט”.

נאָר דאָס האָט מיר געפעלט — ברענגען פרייַלנס אהיים! איינמאָל האָב איך אייַנגעלאדן א מיידל פון אונדזער קלאס, קלוימערשט אף גרייטן צוזאמען די לימודים. א גאנצע אייביקייַט האָט די מוטער אונדז אָפגעהאלטן אין גאסט־צימער, מעכאבעד געווען מיט קאווע, געבעקס און מיט העפלעכע פראגן: „ווו לערנסטו זיך?”, און „מיט וואָס באשעפטיקן זיך דייַנע עלטערן?”, און „וואָס קלייַבסטו זיך טאָן נאָך דער ארמיי־דינסט?” אוקעדוימע, פונקט ווי מיר זאָלן זיך קלייַבן כאסענע האָבן. נאָכדעם, ווען מיר זייַנען ענדלעך אריבער צו מיר אין צימער, ווען איך האָב פארמאכט די טיר און מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אפן טעפיך הערן די ראדיִאָלע, דערהערט זיך א קלאפ אין טיר מיט דער קלאסישער פראגע: „צי קאָן מען ניט א ביסל שטילער?”. ווי קאָן מען שטיל הערן דזשימי הענדריקסן? אין א פערטל שאָ ארום, ווען ס'איז אָנגעגאָן אין רעכטן ברען דער קאמף פארן ליפטשיק און איך בין מיט איין האנט שוין געווען אינווייניק, דערהערט זיך נאָכאמאָל א קלאפ אין טיר: „קינדער, עפשער דערלאנגען אייַך א קאלטן טרונק?” פון זינען קאָן מען אראָפ, ערן־וואָרט! כ'בין ניט גאָר זיכער, נאָר זייער מעגלעך, אז זי האָט אונטערגעקוקט, מייַן מאמע. נישקאָשע, דערוף איז זי פייִק.

א צווייט מאָל האָב איך געבראכט אהיים א טונקל־אָפגעברוינטע פרייַלן, וועלכע כ'האָב אָפגעזוכט אין באסיין „גאָרדאָן”, — כ'געדענק שוין ניט, ווי מע האָט זי גערופן, א צעשויבערטע אזא, — האָב איך אף מאָרגן געמוזט אויסהערן א צוויישאָיִקע לעקציע — ניט מער, ניט ווייניקער — וועגן ווענערישע קראנקייַטן. מייַן מוטער איז גוט באהאווונט אין מעדיצין. זי לייענט קעסיידער „דאָס סאמע בעסטע”. איך האָב געפרווווט זי איבערשלאָגן און דערקלערן, אז ס'איז גאָרניט געשען, אז די דאָזיקע צאצע איז מיר קלאָל ניט קיין כאווערטע, בלויז א באקאנטע. נאָר די מאמע מייַנע, אז זי הייבט אָן ריידן, ווערסטו זי מיט קיין טראקטאָר ניט אָפשטעלן. אירס מוז זי דערזאָגן ביזן סאָף, אפילע ווען איך פארשפאר זיך אין אָפטריט. איך קאָן זיך דאָרט אוועקזעצן אף א האלבער שאָ, נאָר זי טרעט ניט אָפ. שטעלט זיך אוועק נאָענט און טייַנעט: „ראפי, דו הערסט מיך?” און אוועק: „ליבע — דאָס איז א גרויס געפיל”, און אזוי ווייַטער אין דעם ערעך... „מע טאָר זי ניט מאכן צו קליינגעלט” אדגל. כאָטש פייגער. פרווו נאָך דעם אלעמען ברענגען אהער מיידלעך!

„אָט וואָס, — האָב איך זיי געזאָגט, — דאָס איז מייַן לעצטער זומער”, — און ביידע זייַנען עטוואָס בלאס געוואָרן. „טאקע מייַנער, — האָב איך געזאָגט, — און ער האָט ניט קיין שייַכעס ניט צו אייַך, ניט צו דער שול, ניט צו דער ארמיי. און איך וויל אים פארברענגען ווי איך פארשטיי”.

— ווער זשע לאָזט דיך ניט? — האָבן ביידע אויסגערופן אין איין קאָל, און דער פאָטער האָט דערלאנגט פון קעשענע דעם הער־אפאראט און א דריי געטאָן דעם רעגולירער. מייַן פאָטער איז טויב, ווי אן אָפגעשלאָסענער טעלעפאָן. אָן דעם אפאראט הערט ער ניט אפילע דאָס הודזשען פון אן עראָפלאן. עמעס, עס האָט אים פארווונדעט, ווען ער האָט געדינט אין „האגאנא”. ווען מע האָט זיי געלערנט, ווי זיך צו באגיין מיט א גראנאטע. אונדז האָט ער דערציילט, אז מע האָט אים פארווונדעט בייס א צוזאמענשטויס מיט א באנדע אין ראיאָן פון קאלקיליע. נאָר איינמאָל האָב איך באגעגנט א מענטשן פון טעל־יויסעף, און ווען ער האָט דערהערט, אז איך בין מאָטקעס זון — א געלעכטער, כ'לעבן — מייַן טאטן האָט מען אמאָל גערופן מאָטקע — האָט ער מיר דערציילט וועגן אָט דעם לימעד אין דער היי־שטאל אין איין־כאראָד. עמעצער האָט ארויסגעצויגן די טשעקע פון א שלאכט־גראנאטע. קיינער איז ניט אומגעקומען. נאָר דער טאטע האָט אָנגעווירן די שמיִע. א פארדראָס.

איך האָב גאָרניט געזאָגט. צו וואָס איבעריקס אים ארויסברענגען פון די קיילים? נאָר ווען ער האָט נאָכאמאָל א פרעג געטאָן, ווער עס לאָזט מיך ניט, האָב איך ניט אויסגעהאלטן און געזאָגט אָפן: „איר לאָזט מיך ניט!”. די מאמע האָט זיך באלד צעוויינט.

„זעסט, וואָס דו טוסט!” — האָט געשריִען דער פאָטער און די אָדערן בא אים אפן האלדז האָבן גענומען שפרינגען, ווי שלענג.

מיר איז קלאָר געוואָרן, אז ריידן איז מער ניטאָ וואָס, האָב איך זיך אויסגעדרייט און אוועק פון שטוב. זאָל זי וויינען, וואָס קאָן איך טאָן? זי דארף אליין פארשטיין, אז ס'איז צייַט צו געזעגענען זיך, און וואָס איז, סאָפקאָלסאָף, געשען? כ'בין שוין ניט קיין קליינינקער.

טאָר איך ניט פאָרן גיין אין ארמיי זײַן עטלעכע כאַדאָשים אליין? זי האלט זיך נאָך פאר א פאַרגעשריטענער פרוי. א גאנצע שאפע, בא אונדז אפן באלקאָן, איז אָנגעשטאָפּט מיט בראָשורן וועגן פעדאגאָגיק, און זי קאָן זיך מיט איר קינד ניט שיידן! מיט עלין איז אויך אזוי געווען. ביז ער איז ניט אוועק אין ארמיי, האָט מען אים פון שטוב ניט ארויסגעלאָזט. ווען ער זאָל ניט געווען כאסענע האָבן, וואָלט ער דאָרט פארבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. נישקאָשע פון א יינגעלע פון אכט און צוואנציק יאָר. עלי איז מײַן עלטערער ברודער. א ווילער יונג, עס גייט אים גוט, ווי מע זאָגט, א פאבריקאנט. ער האָט שטודירט כימיע און געשאפן אן אונטערנעמונג אַף אויסארבעטן פלאסטמאסן בעשוטפעס מיט עפּעס א הולטײַ, אן אָנגעשטעלטן, וואָס האָט דורכגעפירט אלע פאָרמאליטעטן און איז אוועק פונעם מיניסטעריום פון האנדל און אינדוסטריע. די עלטערן שטאָלצירן מיט מײַן ברודער. זיי האָבן שטענדיק געוואָלט, איך זאָל זיך אראָפּנעמען פון אים א מוסטער. פּוסטע מײַסעס! איך וויל פון קיינעם ניט אראָפּנעמען קיין מוסטער! איך בין איך, און אויס!

דאָס אלץ האָב איך איבערגעכאזערט צוואנציק טויזנט מאָל, נאָר — ווי אן ארבעס אין דער וואנט! איך האָב אין זינען ניט דעם קויסל־האמאראָווי, — יענער האָט כאָטש אויערן, — און מײַן פאָטער, אויב אים ווילט זיך, איז טויב אפילע מיטן אפאראט. איך זאָג ניט, אז מײַנע עלטערן האָבן ניט צו מיר קיין אינטערעס. אן אינטערעס, פארשטייט זיך, האָבן זיי. זיי ווילן אלץ וויסן, פּרווון פאנאנדערפרעגן. נאָר וויאזוי קאָן איך ריידן מיט זיי וועגן מיידלעך? מיט דער מאמע טאָר מען וועגן דעם ביכלאל ניט ריידן. „ליבע איז א גרויס געפיל” און אנדערע פראזעס, פון וועלכע עס אווערט פאר א מײַל מיט נאפטאלין. און דער פאָטער הייבט באלד אָן שמייכלען פון אונטער די וואָנצעס, פּונקט ווי מיר זאָלן זײַן מיט אים גוטעברידער.

אָבער ניט נאָר אין מיידלעך גייט עס. ערנסט. עס גייט אויך אין... וויאזוי זאָל איך עס אויסברײַען? אין סטיל, לאָמיר זאָגן. פרי׳ער איז עס געווען פאר מיר ניט אזוי וויכטיק, נאָר ווען כ׳בין אריבער אין לעצטן קלאס, און אפילע אין דער מיט פונעם פאָרלעצטן קלאס, האָב איך אָנגעהויבן באמערקן פארשיידענע קלייניקײַטן. אשטייגער, מיקויעך דער אָרדענונג בא מיר אין צימער. איך האָב ליב אלץ טאָן אַף מײַן אייגענעם אויפן. איך קאָן ניט לײַדן, ווען יעדער זאך ליגט קלוימערשט אַף „איר” אָרט. איך לייען צוויי־דרײַ ביכלעך מיטאמאָל, וואָס עס קומט מיר צו דער האנט. און ביז איך לייען זיי ניט איבער, וויל איך, זיי זאָלן ליגן אפן טיש, לעבן בעט. מיך בייזערט, ווען די מאמע קערט זיי אום אלע אינדערפרי אַף „זייער אָרט”. דאָס זעלבע מיט די פּלאטן. פארוואָס זאָלן זיי ניט זײַן צעוואָרפן איבערן דיל? ארײַנקומענדיק צו זיך אין צימער, וויל איך זען, און ניט נאָר הערן, די ביטלזעס, לעאָנארד קאָגענען, ריטשי היוואנסן, פּינק פלאָידן. איך פארלײַד ניט, ווען די פּלאטן שטייען צונויפגעפרעסט איינס אינעם אנדערן אַף דער פּאָליצע. וואָס קומט מיר ארויס פון זען, וויפל זיי האלטן אין דער גרעב. בין איך גערעכט, צי ניין?

און בא דער מוטער איז עס א מין מעשוגאַס, א כראָנישע קרענק אזא, ס׳איז בא איר אין בלוט. ווען כ׳האָב אָנגעהויבן רייכערן סיגארעטן, האָט זי דערפון קיין גרויסן וועזן ניט געמאכט. נאָר גאָט באהיט, אפן דיל זאָל אראָפּפאלן א ברויזן אש. איך פארשטיי ניט, צוליב וואָס וואשט די שטוב־ארבעטערן אלע טאָג דעם דיל, אויב אַף אים איז גאָר ניטאָ. זאָל זײַן אַף אים כאָטש א ברויזן אש, וועט מען זען דעם כילעק פון ביז און נאָכן אופראמען. לאָגיש? און פארוואָס טאָר מײַן אייבערשט העמדל ניט הענגען אפן שטול? ווּעמען גייט עס אָן? אָדער צו וואָס יעדן טאָג אפסנײַ צוקלײַבן דאָס געלעגער? ווּו שטייט אזוינס געשריבן? ווער האָט געפּאסקנט, אז די פּאָטאָס מוזן הענגען אַף א מער־ווייניקער גלײַכן מעהאלעך איינס פונעם אנדערן? פארוואָס ניט פארקלעפּן מיט זיי די וועגט? פארוואָס זאָלן זיי ניט אָנפּויזען איינס אפן אנדערן? און ווי, אויב מע זאָל מיט זיי פארדעקן די סטעליע? סײַווי פארברענג איך דאָך מערסטנטייל ליגנדיק, ווועל איך האָבן כאָטש, אַף וואָס צו קוקן. „דו פארוואנדלסט דאָס צימער אין א דיסקאָטעקע”, — זאָגט זי. מע קאָן מיינען, אז א דיסקאָטעקע איז דאָס זעלבע, וואָס א בארדאק. און פארוואָס זאָלן פארשיידענע פּאפּירן ניט ליגן אַף פארשיידענע ערטער? פארוואָס? איך פארשטיי פּאָשעט ניט, פארוואָס? „דערפאר, — טײַנעט זי, — און אויס. יעדער זאך האָט איר אָרט”. פּרווּט זאָגן עפּעס קעגן — אזא לאָגיק.

איך פארלײַד ניט אונדזער שטוב. ניין, ערנסט! אזוינס קאָן מען זען בלויז אין א וויטרינע פון א מעבל־מאגאזין. דעניִשע שטולן, וואָס באנוצן מעג מען זיי נאָר אין אָוונט, ווען מע שליסט אײַן דעם טעלעוויזאָר; א טאכטא פון פאראלאָן, וואָס מע טאָר אַף איר ניט לייגן די פיס; א סטעלאזש אין סטיל „מאָדערן” מיט „שיינע” ביכער; קרעם־פארביקע ווענט מיט געשמאקלאָזע פּייזאזשן אין באגילדעטע ראמען; א גרינער קופּערנער אש־בעכער מיט א מעלוכע־הערב; צוויי פּערסישע טעפּיכער, וואָס בעסער איז אַף זיי זיך ניט שטעלן; א ריזיקע

וואַזע מיט העסלעכע, ווי אין באַנקעט־זאַלן, גלאַדיאָלוסן; אַנגעגלאָזטע סטעלאַזשן מיטן פּאַטערס אַרכעאָלאָגישע געפֿינסן, וואָס לעקאָוועד די געסט ווערן זיי באַלויכטן מיט לעמפּ פֿון טאָג־שײַן. מיט איין וואָרט, סטעריל, ריין, צוגעקליבן און אָן אַ סימען פֿון אינדיווידואַליטעט. איין גרויסער גאָרנישט אין „55 קוואַדראַטע מעטער, ניט רעכענענדיק דעם באַלקאָן". איך זאָג ניט, אַז מײַנע עלטערן פֿאַרמאָגן ניט גאָרניט אינדיווידועלס, נאָר, ווײַזט אויס, זיי לייגן עס יעדן אינדערפֿרי אַרײַן אין דער טומבע פֿאַרן געלעגער. אַלץ אויף זײַן אָרט.

ווערע האָט מיר אַנומלטן געזאָגט, אַז נאָר בײַ מייסים איז אַלץ צוגעקליבן, און זי איז געדערכט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. אַ לעבעדיקער מענטש קאָן ניט לעבן אין אַ טויטן צימער, און אַ צוגעקליבענער צימער, וווּ אַלץ ליגט אויף זײַן אָרט, איז פֿאַר מיר — אַ טויטער צימער. ווערע איז מײַן ברודער עליס פֿרוי. אַ זעלטענע פֿרוי, אָן אָפֿענער מויעך — אַ פּראַכט. בײַ איר איז אַלץ אויפֿן נייטיקן אָרט און ניט אויף זײַן אָרט. דאָס הייסט, זי האָט איר אייגענע מיינונג וועגן אַלץ. זי נעמט ניט אָן קיין שום אַלגעמיין באַוווּסטע עמעסן, ניט דורכקאָנטראָלירנדיק זיי. און טאַקע דאָס האָב איך אין איר ליב. זי איז דער איינציקער מענטש אין דער מישפּאָכע, מיט וועמען מע קאָן וועגן אַלץ ריידן. זי וועט קיינמאָל ניט זאָגן: „אַזוי פּירט זיך ניט", „אַזוי איז ניט אָנגענומען", אָדער „אַזוי איז עס, און אויס!" כאָטש דעם, איז זי זייער אַ פֿילבאַרע. איר דאַרף מען גאָרניט צוקלערן. זי ווייסט, ווען מיר ווילט זיך ריידן און ווען ניט. אין לעבן ניט באַגעגנט אַזאַ גוטן מענטשן. ווען בײַ מיר איז אַ שלעכטע שטימונג, — עקזיסטירט זי ניט. זי איז פּאַשעט ניטאָ. זי איז ניט פֿון יענע אײַנגעגעסענע לײַט, וועלכע לאָזן ניט צורו, ווען בײַ אײַך איז אָנגעזאָלעט אויפֿן האַרצן. זי וועט קיינמאָל ניט פֿרעגן, וואָס מיט מיר איז געשען, וועגן וואָס קלער איך? זי ווייסט עס. זי פֿילט. זי ווייסט שטענדיק, וואָס איך מיין אינדערעמעסן, אַפֿילע ווען איך רעד גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. אירע אַנטענעס זײַנען שטענדיק אָנגעשפּיצט. אויף אַ קעסיידערדיקן אופֿנאָם. ווען איך נייטיק זיך אין איר, ווען מיר ווילט זיך אַ ביסל פּלוידערן, איז זי שטענדיק דאָ אויפֿן אָרט, און אַלץ — ווי ניט אומיסטן. פּונקט ווי איר אַליין זאָל זיך וועלן אַ פּלוידער טאָן, ניט פֿאַרקערט. פֿילבאַרקייט פֿון העכסטן קלאַס. אַמאָל באַדויער איך זי אַ קאַפּעלע, כ׳לעבן. עלי איז אין אָרדענונג. כ׳זאָג ניט, אַז ניט. ער איז אַ ווױלער מענטש און אַ גוטער מאַן, און אַלץ מיטאַנאַנדער, נאָר ער איז אַזאַ... אָבער נישקאָשע, צו אים וועלן מיר נאָך קומען. מיט אַזאַ ווײַב, ווי ווערע, וואָלט איך געקאָנט אָפּלעבן דאָס גאַנצע לעבן. ערנסט. כ׳שפּאַס ניט. זי איז די איינציקע. סײַדן עפּשער נאָך נירע. נאָר דאָס איז שוין, ווײַזט אויס, אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך.

אַ גאַנצן זומער האָב איך אַרומגעשמײַעט אויפֿן מאַטאָראָלער איבער דער שטאָט און ניט געקאָנט אָפּזוכן קיין צימער, וואָס זאָל כאָטשבי אַ קאַפּל זײַן ענלעך אויף דעם, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט. דעם מאַטאָראָלער, אַגעוו, האָט מיר געשאָנקען עלי. ניט קיין נײַער, אָבער אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד. איך דענק, אַז אָט דער מאַטאָראָלער האָט מער, אײדער עפּעס אַנדערש, סימבאָליזירט מײַן רײַפֿקײַט. מער, איידער דער מאַטורע־אַטעסטאַט, די פּאָוועסטקע צום פּריזיוו, און אַפֿילע מער, איידער דער באַשלוס אוועקצוגיין פֿון דער היים. כ׳בין גלײַך געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער מענטש, ווי מע זאָגט, געוואָרן אומאָפּהענגיק. איך קאָן אַרויס אין גאַס און אומקערן זיך אין שטוב, ווען מיר ווילט זיך. כ׳בין ניט אָפּהענגיק פֿון קיין אווטאָבוסן, רייען אַדג. וויל איך זיך דורכפֿאָרן אין שטאָט, אויפֿן פּליאַזש, צו יערמי אויף דער כאַסענע, אָדער פּאַשעט זיך דורכשפּאַצירן, — זעץ איך זיך רײַטנדיק אויף מײַן „לאַמבּרעטע" און דאָס גאַנצע לאַנד איז מײַנס. אַ פֿרײַער פֿויגל. כאָטש דעם, אַז אַ מענטש פֿאַרמאָגט עפּעס, דערציט עס אין אים פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט. ער קוקט נאָך דער מאַשין, זאָרגט וועגן איר, היט אָפּ די קלאָלים פֿון דער באַוועגונג — אויס קינד. כ׳בין אין דעם ניט גאָר זיכער, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז „לאַמבּרעטע" איז ווערעס אידיי. ס׳איז אויף איר צו גלייבן. אָנשטאָט דעריעסן מיר מיט ריידערײַען וועגן דעם, איך זאָל זיך רעכענען מיט טאַטע־מאַמע און פֿאַרבלײַבן ביזן פּריזיוו אין דער היים, אָנשטאָט צו האַלטן אין איין דערמאָנען מיר, אַז נאָכן פֿאַרענדיקן די שול „גיי איך אַרויס אין לעבן" און ווער אַ פֿולשטענדיק דערוואַקסענער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער בירגער, האָט זי, ווײַזט אויס, פֿאַרגעלייגט עלין, — כ׳בין קימאַט ווי זיכער אין דעם, — ער זאָל מיר קויפֿן ניט גאָר קיין טײַערן מאַטאָראָלער, און דער פֿאַקט אַליין, איז עס געווען. דאָס איינציקע אָבער, וואָס מיר האָט אויסגעפֿעלט, איך זאָל זיך דערפֿילן וואָס איך וועל אים פֿאַרמאָגן, וועט ווירקן אויף מיר מער, איידער אַלע ריידערײַען. און אַזוי אינגאַנצן זעלבשטענדיק און פּראָקלאַמירן מײַן סוווערעניטעט, איז געווען אַ צימער.

כ׳האָב באַטראַכט צענדליקער צימערן, נאָר אויף קיין איינעם זיך ניט אָפּגעשטעלט. אָדער צו טײַער, אָדער צו ווײַט, אָדער מע דאַרף זיך דערקלײַבן צו אים דורך אַ סטעריל־צוגעקליבענעם גאַסט־צימער פֿון עפּעס אַ מאַדאַם. וועגן דעם האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. אוועק־

גיין פון די אייגענע עלטערן אין ראמאַט־האשאראָן, קעדיי ווײנען מיט עמעצנס עלטערן אין ראמאַט־גאַן, היוואָטאַיִם אָדער באַט־יאַם און נאָך צאָלן פאַר אָט דעם צווייפלהאַפטן פאַרגעניגן (צוויי הונדערט ליר פאַר א פאַרשיוון צימער) — דאָס וואָלט פּאָשעט זײַן א מעשוגאַס.

כ'האָב ניט געזוכט קיין אויסערגעוויינלעכס. א צימער אַף א דאַך, געוווּנטשן באַם יאַם, עס זאָל זײַן אינגאַנצן־אינגאַנצן באַזונדער, ווי די מעקלערס זאָגן, א באַזונדער אַרײַנגאַנג און באַזונדערע באַקוועמלעכקײַטן. איך זאָל, סאָפקאָלסאָף, איין מאָל אין לעבן וויסן, אַז איך בין אינגאַנצן־אינגאַנצן א באַזונדערער מענטש. איך און מײַנע כאַווײרים — און מער קיינער. מע זאָל זיך ניט צורירן צו מײַנע פּאַפּירן און ביכער, מע זאָל ניט טשעפּען מײַנע פּלאַטן, מע זאָל מיר ניט פאַרלייגן זיך אָפּשערן, ניט אָנוויַיזן, ווי צו קליידן זיך, קיינער זאָל מיר גאָרניט אָנוויַיזן. ס'איז קיינעמס אייסעק ניט, וויאַזוי איך טו זיך אָן. פאַרוואָס זאָל איך ניט גיין אַלע טאָג אין אָפּגעריבענע דזשינסן און א מײַקע? און פאַרוואָס זאָל איך זיך ניט פאַרלאָזן קיין לאַנגע האָר? ס'איז, דאַנקען גאָט, אויס מיט דער אײַנאַרטיקער שול־אוניפאָרם. איך בין א מענטש, וואָס זײַן נאָמען איז — ראַפּי לעווין. דער איינציקער מענטש, וואָס פון אים בין איך מאַסקים אַראָפּצונעמען א מוסטער, ווי צו פירן זיך און ווי צו לעבן, איז ראַפּי לעווין. אײַך געפעלט ניט? גייט אײַך צו אַלדי שוואַרציאָר!

ווערע, צום בײַשפּיל, האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין באַמערקונגען וועגן מײַן קליידונג, אָדער שעוועליורע. בא איר איז דער מעטאָד אַן אַנדערער. איינמאָל, ווען עלי האָט מיר גענומען דריידלען א קאָפּ מיקויעך מײַן אויסזען און אַזוי ווײַטער, האָט ווערע אים א זאָג געטאָן: „עלי, פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט פאַרלאָזן קיין לאַנגע האָר און ניט אָנטאָן קיין דזשינסן? דו מוזסט זיך אומבאַדינגט וואַרפן אין די אויגן מיט דײַנע אָנצוגן און שניפּסן? איך פאַרשטיי ניט, צו וואָס דאַרפסטו זיך אויסשטעלן פון אַנדערע?" נו, א כיטרע. איך האָב פּלוצעם צום ערשטן מאָל געוווּמען כוישעד זײַן, אַז עפּשער בין איך גאָר אויך א קאָנפאָרמיסט. אָדער פּינקטלעכער: פּונקט אַזאַ נאָנקאָנפאָרמיסט, ווי אַלע.

צ וו י י ט ע ר ק ר ײַ ז

גוויִעס=אײדעס פונעם אורקוואַל און פון אַנדערע קוואַלן

1. פאַרנאָטירונגען און פּובליקירונגען (א)

פ אָ ר ש ט ײ ע ר פ ו ן צ א ה א ל[1]: אין א צוזאַמענשטויס בא בנײ־פּאַדעל, אין יאַרדן־טאָל, איז קאַיאָר פאַרניכטעט געוואָרן א גרופּע פון פינף דיווערסאַנטן פון דער אָרגאַניזאַציע „אַל־פאַטך". אונדזערע פאַרלוסטן האָבן באַטראָפן איין דערהאַרגעטן און צוויי פאַרוווּנדעטע.

ל ײ ט ע נ א נ ט ד א וו י ד: אונדזער גרופּע האָט זיך דעסאַנטירט אַף א באַצירק אַן ערעך 500 מעטער פון דער הייל, ווו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די דיווערסאַנטן. מיר האָבן זיך צעשאָטן אין א קייט און אָנגעהויבן זיך באַוועגן צום ציל. ווען מיר זײַנען צוגעקומען נעענטער צו דער הייל, האָב איך באַפוילן איין סאָלדאַט, ער זאָל אַף אַראַביש פאָרלייגן אַרויסגיין מיט אופגעהויבענע הענט, אָן געווער, צוזאָגנדיק, אַז זיי וועט פאַרהיט ווערן דאָס לעבן, אויב זיי וועלן זיך אונטערגעבן.

אין דער הייל איז געווען פינצטער, און עטלעכע מינוט האָבן מיר ניט געהערט קיין ענטפער. ראַפּי, וועלכער איז געלעגן א מעטער צוואַנציק פונעם אַרײַנגאַנג אין דער הייל, האָט זיך אונטערגעהויבן און א קער געטאָן זיך צו מיר, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אין דעם אויגנבליק האָט דורכגעהילכט א שאָס און ראַפּין האָט עס אָפּגעשלײַדערט אַף צוריק. עטלעכע מענטשן האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו אים. מיטן פײַער פון דער הייל איז דערהאַרגעט געוואָרן טורזשעמאַן און פאַרוווּנדעט ראַמי כען. מיר האָבן א שלײַדער געטאָן עטלעכע גראַנאַטעס און דערלאַנגט א זאַלפּ פון דער באַזוקע, נאָר דאָס האָט גאָרניט געגעבן איבער די

[1] אָפיציעלער נאָמען פון דער יִסראָעל־אַרמיי.

פאַרדרייטע געגנג אינווייניק אין דער הייל. ווען דאָס פּײַער פון דאָרט האָט זיך באַנײַט, האָבן מיר א וואָרף געטאָן אהין אופרײַס־שטאָף און דערוף האָט די שלאכט זיך פאַרענדיקט. קיינער פון זיי איז ניט געבליבן לעבן.

מ ו ל י ק: ווען איך האָב באַזוכט ראַפּי אין שפּיטאָל אין א דרײַ וואָכן ארום, האָב איך אים געפרעגט, וואָס איז פאָרגעקומען? כ׳האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס פּלוצעם האָט ער באַם ארײַנגאנג אין דער הייל זיך אונטערגעהויבן. ראַפּי איז געווען אן אויסגעצייכנטער סאָל־דאַט, א בראַווער, א דערפאַרענער. דאָס איז שוין געווען בא אים ניט דער ערשטער רעיד. ער האָט מיר געענטפערט, אז ער האָט ניט געוואָלט גלאַט אזוי שיסן אין דער הייל, ווײַל ער האָט געהערט פון דאָרט קינדערשע שטימען. דאָס איז בא זיי א מעטאָד אזא. אויסבאהאלטן זיך הינטער די פלייצעס פון פרויען און קינדער. מיר איז געווען א כידעש אף ראַפּי. עפּעס איז אזוינס אף אים ניט צו גלייבן. מיר זײַנען פון סאַמע אָנהייב געווען מיט אים אין איין ווזוואָד, און איך ווייס, אז ער איז ווײַט ניט קיין וועגעטעריאַנער. זײַן באַציִונג צו די אראַבער איז געווען א פּראַגמאַטישע. קיין שום פּראָבלעמען האָבן פאַר אים ניט עקזיסטירט. לעכאָלהאָפּאָ־כעס, די ערשטע צײַט. ווײַזט זיך ארויס, ער איז געווען מער הומאַניש, איידער מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

ד א ד י: כ׳האָב אים דערזען אפן טראָגבעטל אין א האַלבער שאָ ארום נאָך דער פאַר־וווּנדונג און האָב זיך איבערגעוואָרפן מיט אים מיט א פּאָר ווערטער. ער איז געווען אין פּוילן באַוווּסטזײַן, נאָר גערעדט מאָדנע זאכן. ער האָט געזאָגט, אז ס׳איז ניט קיין כּיִעוו צו הארגענען קליינע קינדער. מע קאָן צוואַרטן, — האָט ער געזאָגט, — סאָפּקאָלסאָף, גיבן זיי זיך אונטער. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. עפּעס איז מיט אים די לעצטע צײַט געשען. עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי עס האָט אים פאַרוווּנדעט, האָב איך באַמערקט, אז עפּעס קומט מיט אים פאָר, נאָר וואָס, האָב איך ניט געוווּסט. עס גייט דאָ ניט נאָר אין רייד, ניט ער איינער האָט געפרעגט צומאָל: „מיט וואָס וועט דאָס אַלץ זיך ענדיקן?״ ער האָט מיטאַמאָל אָנגעווירן די מונטערקײַט און קימאַט די גאנצע צײַט געווען פאַרומערט. עטלעכע מאָל האָב איך אים געפרעגט, וואָס איז געשען, נאָר ער האָט זיך אָפּגענייגט פון אן ענטפער, אָדער געזאָגט, אז גאָרניט. עפּשער איז עפּעס פאָרגעקומען בא אים אין דער היים? כ׳ווייס ניט. בעעמעס. אלנפאלס האָבן מיר געזען, אז ס׳איז ניט דער ראַפּי, וואָס פריִער. ער האָט זיך געשלאָגן, נאָר ניט מיטן גאנצן קויעך, און א סאָלדאַט, וועלכער ווייסט ניט גוט, פאַר וואָס ער שלאָגט זיך, איז ענלעך צו א פאַרוווּנדעטן. מע דאַרף אים שלעפּן, און דאָס טויג ניט. ער הייבט זיך אָן שרעקן, ווערט צופיל פאָרזיכטיק און קאָן באַגיין נארישקײַטן. געווען בא אונדז איינער, א צײַט האָט אים וויי געטאָן דער רוקן. ער האָט מוירע געהאַט זיך אָנבייגן, שפּרינ־גען, אופהייבן שווערע מאַסע — און דאָס אַלץ אין כאַדאָשים ארום נאָך דעם, ווי מע האָט אים אויסגעהיילט. דאָס זעלבע קומט פאָר, ווען בא א סאָלדאַט הייבן זיך אָן ספּייקעס.

מ ו ל י ק: אינעם געשעענעם איז ער אליין שולדיק. געגוג צו מאכן אין שלאכט איין ניט ריכטיקן שריט, און מע מוז פאַר דעם באַצאָלן. קיין שום סענטימענטן. דאָס סאַמע שרעק־לעכע אין אָט דער געשיכטע באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס אין דער הייל זײַנען קיין קינדער ניט געווען. אים האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער הערט שטימען. כ׳האָב אים, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם ניט געזאָגט, ווען כ׳בין געווען אין שפּיטאָל. אים איז אָן דעם אויך געווען געגוג ביטער.

ד׳ר. ש א כ א ר: די קויל איז דורכגעגאנגען דורך דער לונג. דער רענטגען האָט באַוויזן, אז ס׳איז צעבראָכן די עלפטע ריפּ. א פולער פאַראַליטש פוןביידע אונטערשטע ענד־טיילן און פונעם אונטערשטן טייל בויך. דער האַשטאָנע־פענכער איז פול. מיטן קאַטעטער איז ארויסגעפירט געוואָרן 1200 מיליליטער האַשטאָנע. מע קאָן האַלטן, אז די קויל האָט צעשטערט די וואָרצעלעך פון רוקן־מאַרך און ארויסגערופן אן איבערשנײַדונג פונעם רוקן־מאַרך אפן ניוואָ פונעם צוועלפטן ברוסט־געלענק. ס׳איז געמאַכט געוואָרן אן עקסציזיע פון דער ווונד. פון דער רעכטער פּלעוורע איז באַזײַטיקט געוואָרן דאָס בלוט און די ווונד איז הערמעטיש פאַרמאַכט. די קויל איז ניט ארויסגענומען, ווײַל זי איז פאַרבליבן אין ווייכן געוועב פונעם רוקן.

ל ײ ט ע נ א נ ט ד א ו י ד: איינמאָל האָב איך געהערט, ווי מײַנע כעוורע שמועסן וועגן דער מעגלעכקײַט פאַרוווּנדעט צו ווערן. דזשאָ האָט געזאָגט, אז אים איז אלצייַנס וואָס צו פאַרלירן — א פוס אָדער אפילע אן אויג, אבי ניט קיין האַנט. ער שפּילט אף עטלעכע אינסטרו־מענטן. פּעפּעלע האָט געזאָגט, אז אויב שוין באַקומען א ווונד, איז דאָס בעסטע פאַרלירן אן אויג. דער מיליטערישער קאַריערע וועט עס ניט שטערן, האָט ער באַמערקט, און אלע האָבן זיך צעלאכט. דאַדי האָט געזאָגט, אז אים אַרט ניט אָנצוווערן א האַנט אָדער א פוס, נאָר אן

אויג — אין קיין פאל. און ער איז ניט קיין מאַלער, אָדער עפּעס פון דעם מין, פּאַשעט א סימפּאַטישער באָכער. א שיינער אזא. און ראפי האָט געזאָגט, אז אויב עמעצער דארף פאר־וווּנדעט ווערן, דערווידערט ער ניט, דאָס זאָל זײַן ניט ער — אָן אנדערער. כ'האָב באַמערקט, אז זיי האָבן א סאך מער מוירע פאר א וווּנד, איידער פארן טויט. כ'האָב געפרעגט — פארוואָס? און דזשאָ האָט געענטפערט: אויב איך וועל אומקומען, איז פּאָטער מיט אלץ. די ארמיי וועט אײַנאָרדענען א פּײַנע לעווײַע און די מעלוכע וועט באזאָרגן די מישפּאָכע. נאָר אויב איך ווער פארווונדעט, פאלט די גאנצע לאסט אף דער מישפּאָכע.

קאַפּיטאַן לעווי: מיר איז ניט אויסגעקומען נאָענט צו קענען ראפי, נאָר כ'האָב א סאך געהערט וועגן אים פון זײַן דירעקטן קאָמאנדיר דעם לייטענאַנט דאוויד. לויט די באקומענע מיטיילונגען קאָן איך זאָגן, אז דאָס איז געווען א מוסטערהאפטער סאָלדאט. א דיסציפּלינירטער, מיט איניציאַטיוו, מיט קלוגע אײַנפאלן, מיט קאָמאנדיר־פייִקייטן. אָט די פּאָזיטיווע אייגנשאפטן זײַנע, ווי עס איז צו זען פון די כאראקטעריסטיקעס אין זײַן פּערזאָ־נען־ליסטע, האָבן זיך אנטפּלעקט נאָך בײַס דער אָנפאנג־לער. אף די קורסן פון סערזשאַנטן איז ראפי געווען צווישן די בעסטע, און אין די ערשטע שלאכטן האָט ער זיך באוויזן ווי אַן אויסגעצייכנטער סאָלדאט און האָט פארדינט אכטונג בא די וועטעראנען פון דער טייל. ער האָט געהאט גוטע שאנסן אָנצוקומען אף אָפיצערישע קורסן. זײַן פארווונדונג און דאָס, וואָס ער איז ארויס פון ריי אינעם צוזאמענשטויס בא בניי־פּאדל, איז א גרויסער פארלוסט ניט נאָר פאר דער אונטערטיילונג, נאָר אויך פארן גאנצן דעסאַנט־מיליטער. כ'האָב אים באזוכט אין שפּיטאָל און קאָן מיט באפרידיקונג אָפּמערקן, אז אויך זײַן נײַעם צושטאנד נעמט ער אויף מוטיק, ווי עס פּאסט פאר א סאָלדאט אין אַן ענלעכער סיטואַציע.

די מאַמע: אינעם טאָג, ווען ער איז פארווונדעט געוואָרן, פּינקטלעך אין דער זעלבער שאָ — ס'איז געווען פינף אזייגער פארטאָג — האָב איך זיך אופגעכאפּט מיט א געשריי, פּילנ־דיק, אז מע שטיקט מיך. כ'האָב גלײַך א קלער געטאָן וועגן ראפי. אין אָוונט האָט מען דורך ראַדיאָ מיטגעטיילט, אז צוויי סאָלדאטן זײַנען פארווונדעט און איינער איז דערהארגעט גע־וואָרן אינעם יארדן־טאָל. נאָר אין מעשעך פון דרײַ טעג — דרײַ טעג! — האָבן מיר ניט געוווּסט, אז ראפי איז איינער פון די פארווונדעטע. צוערשט האָט ער ניט געוואָלט, מע זאָל אונדז מיטיילן, און שוין נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער אײַנגעשטימט דערויף. ווען מע האָט אונדז איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיִעה, האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז ווירקלעך פאר־וווּנדעט געוואָרן פינף אזייגער פארטאָג. בוכשטעבלעך — טעלעפּאַטיע.

עלי: דער מאמען האָט מען מיטגעטיילט אין טעלעפאָן און זי האָט מיר גלײַך אָנגע־קלונגען אף דער ארבעט. זי האָט ניט געוויינט, זי האָט זיך געהאלטן אויסגעצייכנט. כ'בין ארײַנגעפאָרן נאָך ווערען אהיים, דערנאָך האָבן מיר גענומען דעם טאטן מיט דער מאמען און אוועקגעפאָרן אין שפּיטאָל אין טעל־האשאָמער. ווען מע האָט אונדז געזאָגט, אז ער ליגט אין דער נייראָכירורגישער אָפּטיילונג, האָב איך פארשטאנען, אז זײַן פארווונדונג איז ניט קיין לײַכטע.

דער מאמען האָב איך גאָרניט געזאָגט, און דער טאטע האָט אויך באלד פארשטאנען. ראפי איז געווען באם באוווּסטזײַן, ווען מיר זײַנען ארײַנגעגאנגען, ער האָט אפילע געפּרוווט א שמייכל טאָן, נאָר ריידן האָט ער ניט געקאָנט מאכמעס דעם אָטעם־טרײַבל און דעם זאָנד. ער האָט אויסגעזען נישקאָשע.

דער טאטע: איך באקלאָג זיך ניט אף מײַן ביטערן גוירל. די פּרײַז איז צו גרויס, מע דארף אָבער געדענקען, אז די מילכאָמע האָט זיך ניט פארענדיקט אין יון 1967. די מיל־כאָמע דויערט, און מע מוז זיך צוגעווינען צום געדאנק, אז זי וועט נאָך דויערן לאנגע יאָרן, ווײַל מיר קעמפן גופע פאר אונדזער עקזיסטענץ. די בעסטע פון אונדזערע זין קומען אום אין שלאכט פאר אונדזער אלעמענס לעבן, פארן לעבן פון דער מעלוכע, און ס'איז ניטאָ גאָרניט אזוינס, וואָס זאָל זײַן העכער פון אונדזער כויוו לעגאַבע זיי. מיר קענען זיי ניט אומקערן דאָס לעבן, נאָר מיר זײַנען מעכויעוו טאָן אלץ, כּעדיי מיט אונדזער לעבן ווערט זײַן דאָס, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן מיט זייער טויט.

איך פארקלאָג זיך ניט אף מײַן גוירל, ווײַל ניט נאָר מײַן הויז האָט געטראָפן דער אומ־גליק. אלע האָבן געצאָלט און צאָלן די העכסטע פּרײַז. ווען ראפי איז אוועק אין ארמיי, האָב איך זיך געריכט אפן סאמע ערגסטן, כ'האָב געוווּסט, אז ניט אלע קערן זיך אום פון דער מילכאָמע, און די, וואָס קערן זיך אום, קומען ניט שטענדיק גאנץ. מיר האָבן ניט קיין אנדער אויסוואַל. ווען מיר האָבן באקומען די ידיִעה, האָב איך דערזען דעם טויט, ווי ער גענענט צו אונדזער הויז. נאָר — דאנקען גאָט! — ראפי לעבט.

ווערע: אינעם ערשטן מאָמענט ביסטו פּאַשעט ניט אימשטאנד אופצונעמען, איבער־

קאַכן, באַגרײַפן דאָס געשעענע. אַזוי לעבאַלהאַפּאַכעס קומט עס פּאַר מיט מיר. ווען עס איז געשטאָרבן מײַן פאָטער, איז געווען פּונקט אַזוי. אין קאָפּ איז גלײַך פּוסט געוואָרן. כ׳האָב גאָרניט געקאָנט זען, כ׳האָב אַפילו ניט געקאָנט פאָרשטעלן זיך ראַפּיס פּאָנעם. דאָס האָט מיך אַזוי געפּײַניקט, אַז גלײַך נאָך עליס קלונג האָב איך געעפנט דאָס טישקעסטל און אַרויס־גענומען ראַפּיס פאָטאָ. און אַפילו דאַן, קוקנדיק אויף זײַן שמייכל, האָב איך נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרבינדן אָט דאָס פּאָנעם מיט עפּעס אַ פאַרווונדונג, געפּרוווט זיך פאָרשטעלן אים אויפן אָפּעראַציאָנס־טיש, אַ פאַרבינטעוועטן, אין גיפּס, דערפון האָט זיך גאָרניט באַקומען. דער קאָפּ האָט גאָרניט אויפגענומען.

ערשט נאָכדעם, אין שפּיטאָל, ווען כ׳האָב דערזען זײַן קאָפּ אויפן בעטל, דערזען די זאַנדן און טרײַבלעך צום אָטעמען און פאַר בלוט־איבערגיסונג, איז צו מיר ענדלעך דערגאַנגען, אַז ראַפּי איז ווירקלעך פאַרוווּנדעט און אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן אַזאַ, ווי ער איז געווען. ער האָט געזוכט מיטן בליק נאָך עמעצן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז נירע ווייסט נאָך ניט, און געפרעגט, צי וויל ער זי זען. ער האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

נ י ר ע: ער האָט קיינמאָל מיט מיר ניט גערעדט וועגן אַ מעגלעכקייט פאַרווונדעט צו ווערן, נאָר איך בין זיכער, אַז ער האָט וועגן דעם געטראַכט. כ׳האָב אים אויך געזען אַ פאַר־ווונדעטן יעדן טאָג, ווען כ׳האָב געלייענט אַ צײַטונג אָדער געהערט נײַעס דורך ראַדיאָ. כ׳האָב אים געזען אָן אַ פוס, אָן אַ האַנט, אין אַן אינוואַלידן־וועגעלע. נאָר אַלע מאָל איז עס געווען אַן אַבסטראַקטער, ווײַטער געדאַנק. און פּלוצעם, ווען ס׳איז געשען, האָב איך זיך דערפילט אַזוי, ווי כ׳זאָל צום ערשטן מאָל אַ קלער טאָן וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. ווען ווערע האָט מיר צו וויסן געגעבן, בין איך טייקעף אַוועק אין שפּיטאָל און אָפּגעוועזן בײַ זײַן בעטל אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. זײַן ערשטער קוק איז געווען, ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרענטפערן, ווי בײַ אַ קינד, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס מע טאָר ניט, און פּרוווט דערוויזן, אַז ס׳איז ניט שולדיק. די ליפּן זײַנען געווען בײַ אים איבערגעטריקנט און איך האָב זיי באַנעצט מיט אַ וואַטקע. איינמאָל האָב איך זיך צוגערירט צו זיי מיט מײַנע ליפּן און ער האָט צוגעמאַכט

די אויגן. באנאכט האָט ער מאָדנע געזיפצט און איינמאָל דיַטלעך ארויסגעבראַכט: „נירע".
כ'האָב גענומען זיַן האַנט, געזאָגט, אז כ'בין לעבן אים און וועל אים קיינמאָל ניט פארלאָזן.
ער האָט עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך קום צו אים איצט יעדן טאָג.

ליַיטענאַנט דאַוויד: דער רענטגען פון דער כוטהאשעדרע האָט ניט באוויזן קיין טראוומע. דער דאָקטער, מיט וועלכן כ'האָב געשמועסט, האָט ארויסגעזאָגט א האַשאָרע, אז די קויל האָט א דראָפּע געטאָן דעם נערוון־געוועב. דערפון האָט זיך באקומען א געשוויר, וואָס דריקט אַף דער כוטהאשעדרע. דער דאָקטער האַלט, אז דער פאַראַליטש קאָן דורכגיין, ווען עס וועט פארשווינדן דער געשוויר. ראַפּיס עלטערן האָט מען געזאָגט, אז די כוטהאַ־שעדרע איז ניט אָנגערירט און עס זיַינען פאראַן שאַנסן, אז אין 36 שאָ ארום וועט אופגע־שטעלט ווערן די פּילבאַרקיַיט פון די פיס און עפשער אפילע די מעגלעכקיַיט צו באוועגן זיך. נאָכדעם איז דער דאָזיקער טערמין פארלענגערט געוואָרן ביז דריַי וואָכן.

ד"ר. זינגער: אישעמיַע, ווי איינער פון די וויכטיקע פאַקטאָרס פון נעווראָלאָגישער טראוומירונג, דערקלערט די דיספּראָפּאָרץ צווישן דער טראוומירונג פון די ביין־געוועבן און דעם נעווראָלאָגישן בילד. כוץ דעם, דערקלערט זי אויך די דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם מיקראָס־קאָפּישן בילד פונעם רוקן־מארך און די פונקציַעס פונעם כוילע. עס טרעפן פאַלן פון דיספּראָ־פּאָרץ צווישן דעם נעווראָלאָגישן בילד און רענטגענאָלאָגישן בילד. דאָס נעווראָלאָגישע בילד איז א רעזולטאַט פון קאָמפּרעסיע און געפעס־טראוומירונגען, וואָס האָבן געהאַט אָן אָרט זינט דעם מאָמענט פון דער פאַרווונדונג ביזן מאָמענט פון דער באַטראַכטונג, דאַן ווען די רענטגע־גענאָלאָגישע אויספאָרשונג דערלויבט אָפּצושאַצן די טראוומירונג בלויז אינעם מאָמענט פון דער באַטראַכטונג.

פּאַגעל[1]: אזא גרויסער אומגליק. א צוואַנציקיאָריקער באָכער. פּאַקטיש הייבט ער ערשט אָן לעבן. און מיטאַמאָל ריַיסט זיך אַלץ איבער. און דאָך. דאָך לעבט ער. דאָס הייסט, ער איז פאראַן. ער איז דאָ. רעדסט צו אים, און ער הערט, פארשטייט, ענטפערט. גייסט צו אים אריַין, און ער זעט דיך, אמאָל טוט ער אפילע א שמייכל. מיר טרינקען אויס צו טעפּעלעך קאַווע. שפּילן אין שאָך. פּאָרט א לעבעדיקער מענטש. איך ווייס. כ'ווייס, אז אַלץ איז פּאַר־העלטענישמעסיק. כ'געדענק, ווי ס'איז געווען, בייס ער האָט געדינט אין ארמיי. באנאַכט, גע־דענק איך, הער איך, ווי בא דער שטוב שטעלט זיך אָפּ א דזשיפּ און דערנאָך אן איַיליקער געלאָף, איבער דריַי טרעפּ. ארויף, צום דאַך. נאָכדעם פלעג איך איַינשלאָפן. ער איז ניט מיַין זון, נאָר פּאַר מיר איז ער, ווי א זון. זיי האָבן אונדז עטלעכע מאָל איַינגעלאַדן צו זיך אפן דאַך, טרינקען טיי. מיַין וויַיב, כאַנע, האָט געבראַכט שטרודל, און מיר זיַינען געזעסן אפן דיל, ווי אמאָל, ווען מיר זיַינען געווען אין זייער עלטער. נירע האָט אונדז איינמאָל געבראַכט אפילע בלומען און זיך אָנגעפרעגט בא כאַנען, ווי צו באַקן א שטרודל מיט עפּל, ראַפּי האָט ליב א שטרודל מיט עפּל. און מיטאַמאָל... אָט אזוי. ווען דאָס זאָל זיַין אָפּהענגיק פון מיר, ווען מע זאָל מיר געבן דאָס רעכט אויסצוקליַיבן, וואָלט איך גריַיט געווען צונעמען מיַין זון אָן פיס, א בלינדן אפילע, אבי ער זאָל לעבן. נאָר גאָט האָט ניט געוואָלט, אז יאָסי זאָל לעבן. נו, גענוג, כ'האָב אזוי אויך שוין היפּש אָנגעפּלעפּלט.

סימע: ראַפּי איז געלעגן בא מיר אין דער אָפּטיילונג צוזאַמען מיט נאָך פינף שווער־פאַרווונדעטע. אויך נאָכדעם, ווי מיר האָבן אים באַפריַיט פון אַלע טריַיבלעך, איז ראַפּי געווען ניט זייער באריידעוודיק. איינמאָל, א וואָכן צוויי נאָך דער אָפּעראַציע, האָט ער מיך א רוף געטאָן אינמיטן נאַכט און געזאָגט, אז ער שפּירט, ווי דורך די פיס זאָל דורכגיין א שטראָם און אים דאַכט, אז צו זיי קערט זיך אום די פילבאַרקיַיט. עמעצער האָט אים, וויַיזט אויס, געזאָגט, אז דאָס איז א גוטער סימען. נאָר דאָס איז א שלעכטער סימען. ס'איז א באוויַיז, אז עס ווערן אַטראָפירט די נערוון. איך האָב אים גאָרניט געזאָגט. אים האָבן באזוכט א סאַך ווילע מענטשן און געפּרוווט אופהייבן בא אים די שטימונג. זיַין מוטער האָט אים דערציילט וועגן אזעלכע פאַלן, ווען פאַרווונדעטע זיַינען פולשטענדיק געזונט געוואָרן. כ'מוז באַמערקן, אז ער האָט ניט אָנגענומען אָט די געשיכטעס צו ערנסט, נאָר, לעכאָלהאַפּאָכעס, די ערשטע ציַיט האָט ער זיי אויסגעהערט. ווען עס זיַינען דורך דריַי וואָכן און ס'האָט זיך גאָרניט געענ־דערט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צום געדאַנק, אז ער וועט בליַיבן פּאַראַליזירט. דאָס האָט ניט ארויסגערופן בא אים קיין גיַיסטיקן קריזיס. מעגלעך, דערפאַר, וויַיל ער האָט זיך ביסלעכוויַיז דערוווסט וועגן זיַין לאַגע. די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט, אז אין מעשעך פון דריַי כאָדאָשים איז מעגלעך אָן ענדערונג, האָט ער געוואָרט.

[1] דער מענטש, וואָס האָט פארדונגען ראַפּי א צימער אפן דאַך. ביז ראַפּי האָט אין דעם צימער געלעבט פּאַגעלס זון יאָסי, וועלכער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

דריטער קרײַז

ראַפֿי. עקספּערימענטן אַף אָנשטרענגונג און פֿאַרלײַכטערונג. מילכאָמע

4. מילכאָמע

וואָס טראַכט ער זיך? ער מיינט, אַז אויב איך לעב באַ אים אין שטוב, וועל איך צומאַכן דאָס מויל? איך וועל אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס איך וויל, און אויב אים געפֿעלט ניט, זאָל ער מיך אַרויסטרײַבן. זאָל ער מיך אומקערן אין שפּיטאָל, מיר איז אַלציינס. זאָל ער אַ שמועס טאָן מיטן דאָקטער ווערטמאַן. מעגלעך, אַז איך נייטיק זיך אין ספּעציעלער היילונג, רו, אין האָספּיטאַליזירונג.

צוערשט, אין שפּיטאָל, האָט ער נאָך געשטרײַט מיט מיר, ניט רעכענענדיק זיך אַפילע מיט מײַן געמיט-צושטאַנד. און מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט מיר אַזוי, ווי איך זאָל זײַן ניט באַ אַלע געדאַנקען. וואָס איך זאָל ניט זאָגן — און אַפילע אַזוינס, וואָס איך ווייס אַף זיכער, אַז אים איז עס דערווידער, — ענטפֿערט ער מיר: „ריכטיק”. ענטפֿערט פֿאַמעלעך, מיט אַזאַ טאָן, ווי איך זאָל זײַן אַ מעשוגענער, וואָס מע טאָר אים ניט צערייצן. אָדער מיטאַמאָל האָט ער גאָר אָנגעהויבן ריידן דעם הייפֿעך דערפֿון, וואָס ער טראַכט. האָב איך אים געפֿרעגט: „וואָס איז געשען? ביסט געוואָרן אַן אָנהענגער פֿון שאָלעם, עלי?” ענטפֿערט ער מיר: „ניין, איך בין ניט געוואָרן קיין אָנהענגער פֿון שאָלעם”. מע קאָן טאַקע פֿון זינען אַראָפּ!

קלאָר, אַז ער וויל ניט קיין שאָלעם. דאָס זאָגט ער נאָר, אַז ער וויל. ער ווייסט זייער גוט, אַז די מילכאָמע איז אַ געשאַנק פֿונעם הימל. ווען מיר זאָלן ניט זײַן אַרומגערינגלט מיט קיין סאָנים, וואָלטן מיר זיי געדאַרפֿט אויסטראַכטן. „געהערט, — זאָגט ער מיר, — געהערט דײַן טעאָריע”. מײַן טעאָריע? זײַן טעאָריע איז עס, און ניט נאָר זײַנע, פֿאַקטיש — אַלעמענס. אַלע זעצן פֿאָר אָט די צווייִעסדיקע שפּיל — „מיר גאַרן שאָלעם”. מיט איין האַנט האַלטן מיר דעם אַקער, מיט דער אַנדערער — אַ שפּיז, און די דריטע האַנט, די קינסטלעכע, שטרעקן מיר אויס צו שאָלעם.

ניין, ערנסט: וואָס אינטערעסירט אים, אָט דעם עלי, פּרידנסצײַט? שטרײַקן, שטײַגערן, הויסאָפּעס אַפֿן יאַקרעס, דער קורס פֿונעם דאָלער, שלעכטע קאָניונקטור און אַנדערע פּוסטע כאַלוימעס — ער הערט ניט אויף צו וואָרטשען פֿון גאַנצפֿרי ביזן אָוונט. סאַראַ גליק אָבער — די מילכאָמע! זי לייזט אַלע פּראָבלעמען, זי איז די בעסטע רעפֿוע צו אַלע כאַלאַסן — און גייט צו אַלדי רוכעס דער ביזנעס! גייט עס אַלץ אין קאַפּהאַקאַל! ער פֿאַרגעסט באַלד אין אַלץ מיטאַנאַנדער, און קוידעמקאָל, אינעם מעשוגענערווײַזן גע׳יעג נאָך געלט-געלט-געלט! פֿאַרגעסט, אַז ער האָט אַ ווײַב, אַז סע ברענט אים אַפֿן האַרצן — פֿאַרגעסט מיטאַמאָל אין אַלע צאָרעס, און אַף זײַן פּריוואַטער מאַשין, וועלכע ער וואַשט און לעקט אַרום אַלע שאַבעס, יאַוועט ער זיך אין זײַן מיליטער-טייל נאָך איידער ער באַקומט אַ פּאָוועסטקע.

דער מענטש ווערט מיטאַמאָל אַף צען יאָר ייִנגער. פֿאַרן טערמין, אַף צוויי יאָר פֿאַרויס, צאָלט ער אײַן דעם האַכנאָסע-שטײַער, ניט וואַרטנדיק, ביז מע וועט אים בעטן דאָס טאָן. ער איז גרייט די נעשאָמע אָפּגעבן. מיטאַמאָל טוען זיך אין אים אַ דערוועק די געפֿילן פֿון ברידערלעכקייט, איבערגעגעבנקײַט, זעלבסטאָפּפֿערונג, מעסירעסנעפֿעש און אַלע יענע גרויסאַרטיקע ווערטן, מיט וועלכע מע האָט אים געפֿילנוועט צוזאַמען מיט סמעטענע און באַנאַנען. ער ווערט מיטאַמאָל אַ טייל פֿונעם טרויִם, וואָס איז עטוואָס גרעסער פֿון זײַן ניט וואַזשנעם אײַזקעלטער מיט דער אוטאָמאַטיזירטער פֿריר-קאַמער. אַדאַנק דער מילכאָמע דערפֿילט ער מיטאַמאָל ווידער אַ טאַם אין זײַן נישטיק לעבן. ס׳איז אַ פֿאַקט. מיר זײַנען אַ גרויס און גרויסאַרטיק פֿאָלק מילכאָמע-צײַט, נאָר פֿרידנסצײַט טויגן מיר אַף...

איך זאָג ניט, אַז מיר זײַנען פֿאַרינטערעסירט אין דער מילכאָמע! מילכאָמע איז ניט קיין שפּאַציר. נאָר דאַנקען גאָט, וואָס אונדז איז באַשערט מילכאָמע האַלטן — סאַראַ גליק, וואָס אונדז איז ניט באַשערט צו לעבן אין שאָלעם מיט די אַראַבער. קיינער איז אין דעם

זיך ניט מוידע, נאָר אַלע טראַכטן אַזוי. דער שוץ־מיניסטער, דער בילדונגס־מיניסטער, דער הויפּט פֿון דער רעגירונג — אַלע. בלויז אַדאַנק די אַראַבער, אַדאַנק דער שטענדיקער געפֿאַר, וואָס הענגט איבער אונדז, האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַהערשן אָט דעם גאַנצן ערעוו־ראַוו, וואָס איז זיך צונויפֿגעקומען אַהער פֿון ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק.

ס׳איז עמעס, זאָגט ער מיר. דאָס ווייס איך, אַז ס׳איז עמעס. וואָס דרינגט אָבער דערפֿון אַרויס? אַז מע דאַרף פֿאָרזעצן די מילכאָמע און אייביק פֿאַרגיסן בלוט נאָר צוליב דעם, אַז אָט דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק זאָל, כאָלילע, אַף קיין מינוט ניט אײַנדרעמלען? אָ, פֿאָטער אין הימל! ווען אָט די באַלוואַנעס, די אַראַבער, זאָלן פֿאַרמאָגן כאָטשבי אַ ברעקל סייכל, וואָלטן זיי אונדז פֿאָרגעלייגט שאָלעם, און ניט וויכטיק גאָר, אין וואָס פֿאַרא גרענעצן. זיי וואָלטן אונדז געדאַרפֿט געבן סינײַ, גאָלאַן, דעם מײַרעוו־ברעג און זאָגן: „נאַט, נעמט אַלץ און וואַרגט זיך מיט אָט די טינעפֿדיקע טעריטאָריעס אײַערע און שטיינער, דעריקער עס זאָל זײַן שאָלעם! אָבער שאָלעם אַפּאַנעמעסן — מע זאָל עפֿענען די גרענעצן, אָפּשאַפֿן די וויזעס, אײַנשטעלן קולטורעלע און האַנדלס־פֿאַרבינדונגען, פֿון ביידע זײַטן פֿאַנאַנדערלאָזן די אַרמייען. עמעסער שאָלעם אַף צוויי־דרײַ הונדערט יאָר. און דאַן וואָלטן זיי אונדז פֿאַר אַ וועלכע צוואַנציק־דרײַסיק יאָר ליקווידירט קולטורעל און גײַסטיק, זיי וואָלטן אונדז אײַנגעשלונגען און, ווי אין דער טוירע שטייט: עס איז געווען ניט אָנצוזען, ווי זיי זײַנען אַרײַן אין זייערע אײַנגעווײדן. בלויז די אַראַבער קלעקט אָבער דערויף קיין סייכל ניט, און מיר זעצן פֿאָר אונדזער צוויויאַקישע שפּיל: „מיר זײַנען ניט געגאַנגען מילכאָמע האַלטן צוליב פֿאַרכאַפּונגען“ און „מיר ווילן שאָלעם“. און אָט די גאַנצע פּאַטעקע, פֿון וועלכער עס קערט די גאַל. וואָלט מען כאָטש אויפֿגעהערט זינגען וועגן שאָלעם אַף פֿיר שטימען. וואָלט מען כאָטש זאָגן דעם עמעס: „מיר זײַנען ניט פֿאַרינטערעסירט אין שאָלעם און ווען עס זאָל זיך ווענדן אין אונדז, מעג אָט די לאַגע זיך ציִען ווײַטער, און ס׳איז געוווּנטשן, זי זאָל זיך אַזוי ציִען אייביק“. דולט ניט קיין קאָפּ מיט אײַערע לאָזונגען: „גיט אַ שאַנס פֿאַר שאָלעם!“ באַלד לויפֿט מען געבן אײַך אַ שאַנס. די אַראַבער גרייטן פֿאַר אונדז אַ פּאַסטקע, נאָר, נישקאָשע, מיר וועלן זיך קענען אויסהיטן אַף ווײַטער, ווי עס איז אונדז געלונגען אויך ביז איצט, פֿון דער געפֿאַר פֿון שאָלעם, וועלכע באַדראָעט די פֿיזישע און גײַסטיקע עקזיסטענץ פֿונעם פֿאָלק אין ציִען“.

דו טרײַבסט איבער, זאָגט ער. קלאָר, אַז איך טרײַב איבער. ווי־אַזוי קאָן מען אַרויסזאָגן דאָס, וואָס האָסט אויסגעווייטעקט, ניט איבערטרײַבנדיק? זאָגט ער מיר: וואָס זשע לייגסטו פֿאָר, רעב פּרעמיער־מיניסטער? אויפֿהייבן די הענט? צומאַכן דאָס קלייטל? צונויפֿלייגן די טשעמאָדאַנעס? אומקערן די פּלייטים? פֿאַנאַנדערנעמען די פֿאַרפֿעסטיקונגען? שענקען זיי די באַפֿרײַטע טעריטאָריעס?

אַזאַ איז זײַן מעטאָד. אָנהויבן רעטאָרישע פֿראַגן, וועלכע האָבן ניט קיין שײַכעס איינע צו דער אַנדערער. ער וויל אַפֿילע ניט הערן קיין ענטפֿער, ווײַל אַלע ענטפֿערס ווייסט ער אַף אויסווייניק. אויטאָמאַטישע ענטפֿערס. די, וואָס צוואַנציק מאָל אַ טאָג הערסטו זיי דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע. עלי איז אַ לעבעדיקער באַווײַז דערפֿון, ווי עפֿעקטיוו עס אַרבעט דאָס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום אַף דורכשווענקען די מויכעס. אים איז אַלץ קלאָר. דער קאָפּ איז פֿאַרשטאָפּט. ניטאָ קיין מינדסט שפּעלטעלע אַף דורכרוקן כאָטשבי אַ קליינינקן פֿרעגצייכן. ער איז איבערצײַגט, אַז די קאָלאָניזאַציע און דאָס שאַפֿן נײַע ייִשוווים איז אַ דירעקטע פֿאָרזעצונג פֿון יענע ערשטע כאַלוצישער ייִשוווים. ער פֿאַרשטייט ניט, אַז דאָס איז אַ שוידערהאַפֿטע דערפֿינדונג פֿונעם אויסערן־מיניסטעריום און שוץ־מיניסטעריום. און קוידעם־קאָל איז עס אַ גוואַלדאָווע געפֿינס פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדע. אויב איר וועט ניט אויפֿהערן צו באַשיסן דעם ייִשעוו אום־שאַרט אָדער אונדזערע פֿרידלעכע דערפֿער אינעם יאַרדן־טאָל, וועלן מיר זײַן געצוווּנגען צו פֿאַרכאַפּן אויך גילעאַד און שאַפֿן דאָרט אַ ריי ייִשוווים. מיר זײַנען ניט קיין פֿאַרכאַפּער, נאָר אַ רוצעך אין אײַער מאַמען אַרײַן! דאָס בלוט פֿון אונדזערע סאָלדאַטן איז ניט קיין וואַסער. און מיר וועלן ווײַטער זיך באַזעצן און אײַנפֿעסטיקן אַף יעדער הויכעניש אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן ניט דערגיין ביז באַגדאַד.

צו עלין דערגייט ניט, אַז אויב אַזוי, וועט עס זיך ציִען אויך ווײַטער, וועלן מיר די גאַנצע צײַט זײַן געצוווּנגען שאַפֿן אַלץ נײַע ייִשוווים, קעדיי באַשיצן די פֿריערדיקע. „ווען מען ווילסטו באַזעצן אַף דער גרענעץ?“ — פֿרעגט ער מיך. אַ רוצעך אין זייער טאַטן! זאָל די אַרמיי שטיין אַף דער גרענעץ! דאָס איז איר זאַך. זאָל מען שיסן אין איר און ניט אין קיין קינדער־גערטנער. דאָס איז דאָך פּאָליטישער ציניזם פֿון מיִעסטן גראַד. באַזעצן אַף דער גרענעץ יונגע מישפּאָכעס מיט קינדער נאָר צוליב דעם, מע זאָל ווען־ניט־איז קאָנען באַם טיש פֿון אונטערהאַנדלונגען מאָנען די דאָזיקע קילאָמעטערס באַ די אַראַבער. דזשאָקערס אין קאָרטן־שפּיל — אָט ווער די ייִשוווניקעס זײַנען. מיר ווילן דערקלערן די אַראַבער, אַז מיר קאָנען זיך ניט

אָפּזאָגן פון גאָלאַן, ווײַל אונדזערע סאָלדאַטן האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט, אָקופּירנדיק אָט די ערד און באַארבעטנדיק זי. מיט איין וואָרט, — בלוט פֿאַר נאָך איין דונאַם טעריטאָריע און פֿאַר נאָך איין ציג. צעריסענע קי און באַשאָסענע קינדער־גערטנער פֿאַר די פֿאַקטן, וואָס זײַנען געשען אַף די טעריטאָריעס. און עס זײַנען נאָך פֿאַראַן נאַיִווע יאָלדן, וואָס קוקן אַף זיך, ווי אַף מענטשן פֿון די אַלטע גוטע צײַטן, וואָס זײַנען געקומען באַזעצן דעם סיני לע־שעם געבן און ניט לעשעם צונעמען.

איך זאָג ניט, אַז די רעגירונג שיקט זיי בעקיוון אַף אומקום. ווען מע זאָל קענען באַזעצן די טעריטאָריעס אָן קאָרבאָנעס, וואָלט עס געווען אידעאַל. ס׳איז אָבער ניטאָ קיין אויסוועג — די מילכאָמע אַלס דערציִערישער עלעמענט, אַלס צעמענטירנדיקער שטאָף, אַלס עקאָנאָמישער סטימול — דאָס איז אַזאַ וויכטיקער איניען, אַז עפּעס מוז מען פֿאַר דעם צאָלן. און עס איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך. איינער אָדער צוויי דערהאַרגעטע אַ טאָג, עטלעכע פֿאַרוווּנדעטע דאָ און דאָרט — ס׳איז גוט. דאָס באַהעפֿט, סטימולירט די געבירטיקײַט, פֿאַרייניקט דאָס פֿאָלק. פֿאָטאָ אין די צײַטונגען, מעלוכישע לעווײַעס. דער קעסל קאָכט. די קוניע אַרבעט — אויסגעצייכנט!

פּ ע ר ט ע ר ק ר ײַ ז

דער פֿאַרהאַנג עפֿנט זיך

דאָס צווייטע בילד

דאָס אָרט פֿון דער האַנדלונג: נעווע־מאַגען.
די צײַט פֿון דער האַנדלונג: אָנהייב אווגוסט 1970. פֿריִער אָוונט.

ראַפּי זיצט אין אינוואַלידן־וועגעלע און קלעפּט אָן אויסגעשניטענע פֿון צײַטונג פֿאָטאָגראַפֿיעס אַפֿן מיטלסטן טייל פֿון אַ סטענד, וואָס לייגט זיך צונויף. די רעכטע זײַט פֿונעם סטענד איז שוין אינ־גאַנצן פֿאַרקלעפּט און די מיטלסטע נאָך אַף העלפֿט ליידיק. פֿון יענער זײַט וואַנט דערהערט זיך אַ קלונג אין טיר. ווערעס קאָל פֿון שכייניש צימער: „קומט, ביטע, אַרײַן! ראַפּי, צו דיר“. ראַפּי לייגט אָפּ־גיך צונויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס אין אַ קאָנווערט און פֿאַרדעקט דעם רעכטן טייל פֿון סטענד. ער פֿאָרט צו צום טיש. אַף דער שוועל באַווײַזט זיך איגאַל. הינטער אים זעט זיך ווערעס קאָפּ.

ר א פּ י: איגאַל, אָט אַ סיורפּריז. אַ גרוס, טײַערער! ביסט געקומען צוגאַסט? פּאַשעט צוגאַסט?

א י ג א ל: כ׳בין געקומען זען, צי לעבסטו נאָך?

ר א פּ י: ווי גייט עס דיר, טײַערער? (צו ווערען). ס׳איז איגאַל. מיר האָבן זיך מיט אים געלערנט אין איין קלאַס, געווען אין איין אָפּטיילונג. פֿרײַנט. איאָ, מיר זײַנען געווען פֿרײַנט, איגאַלע? און דאָס איז ווערע. (ווערע און איגאַל דריקן זיך די הענט).

א י ג א ל (באַטראַכטנדיק ווערען): גאָר ניט שלעכט, ראַפּי!

ר א פּ י: ס׳איז מײַן ברודערס פֿרוי.

א י ג א ל: אַ־אַ, און איך האָב שוין געמיינט...

ר א פּ י: פֿאַרגעס, וואָס דו האָסט געמיינט. נו, אַ גרוס, איגאַל! ווי גייט עס דיר, נעשאָמע מײַנע?

א י ג א ל: אַ גרוס, סווינגער! (צו ווערען.) דו ווייסט, אַז מע האָט אים גערופֿן סווינגער? ער האָט אויסגעריבן די דילן אין אַלע דיסקאָטעקעס.

ר א פּ י: מעגסט לאַכן, נאָר טאַקע אָט דאָס פֿעלט מיר — טאַנצן. אוך, טאַנצן!

א י ג א ל: ווועסט נאָך טאַנצן.

ר א פּ י: אָט האָסטו דיר, געקומען דער פֿאַרוואַלטער פֿונעם דערמונטערונגס־אַמט.

א י ג א ל: הייבסט שוין אָן?

ר א פּ י: וואָס ווועסטו טרינקען, איגאַל?

א י ג א ל: דאָס, וואָס איר.

ראפי: מיר טרינקען געוויינלעך וואַסער פֿון קראַן. פֿונדיינעטוועגן קאָן מען זי אונטערוואַרעמען, אויב דו ווילסט.

איגאל: אויסגעצייכנט! צופֿעליק האָב איך מיט זיך א לעפעלע קאַווע. (ווערע גייט אַרויס, און דער טאָן פֿונעם שמועס ווערט גלײַך געענדערט).

ראפי: וואָס איז געשען?

איגאל: אמאָס.

ראפי: וואָס איז מיט אים?

איגאל: ער איז שוין ניטאָ.

ראפי: ווען?

איגאל: גאַנצפֿרי. האַלב זעקס.

ראפי (זיפֿצט אָפּ פֿאַרלײַכטערט): ענדלעך.

איגאל: יאָ. זעקס אָפּעראַציעס. איין לונג, די נירן, איין האַנט, א האַלב פֿאָנעם — וואָס האָט מען אים נאָר ניט געטאָן. ס׳האָט גאָר ניט געהאָלפֿן. כ׳בין בא אים געווען מיט דרײַ טעג צוריק. ער איז שוין געלעגן אין פּאַלאַטע פֿון די גויסעסדיקע. כ׳מיין, ער האָט מיך ניט דערקענט. כ׳בין אָפּגעזעסן א האַלבע שעה בא זײַן בעט, און ער האָט די גאַנצע צײַט אַזוי מאָדנע געקוקט אויף מיר... א שרעק... פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן אונטערזינגען מיט זײַן אָפּגעשוואַכטער שטים: „בע־טור־טור־טו, אַראַבער"... און ניט פֿאַרגעזעצט. די גאַנצע צײַט בלויז איבערגעכאַזערט „בע־טור־טור־טו", און ווען כ׳האָב זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, האָט ער פּלוצעם א זאָג געטאָן: „אומזיסט די טירכע". ער האָט מיך ניט דערקענט.

ראפי: גוט, וואָס עס האָט זיך פֿאַרענדיקט. ער איז דער דריטער פֿון אונדזער אַרויסלאָז.

איגאל: און זעקס פֿאַרוווּנדעטע. ניט אַלע פֿון דײַן קאַליבער, נאָר אין דער זעלבער קאָמפּאַניע. נו, גענוג, כ׳האָב דיר געוואָלט דערציילן וועגן אמאָסן, נאָר געקומען בין איך מיט נאָך א פּראָבלעם. צוויקעס פֿאָטער וויל אַרויסגעבן א בוך צו זײַן אָנדענק. אײַנגיכן ווערט א יאָר. ער האָט מיך געבעטן א שמועס טאָן מיט דיר. ער וויל, אַז די כאַווײרים זאָלן עפּעס אָנשרײַבן וועגן אים. עס זײַנען פֿאַרבליבן זײַנע בריוו. בריוו — אַזוי זיך, גאַנץ געוויינלעכע. נאָר ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע ניט קיין שלעכטע שירים. געדענקסט? ער האָט צו ביסלעך געשריבן. כ׳האָב ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן דעם פֿאָטער. וואָס קאָן מען אָנשרײַבן וועגן אים? „געווען א ווױלער באָכער". ער איז טאַקע געווען א ווױלער באָכער. דאָס קלינגט אָבער אַזוי באַנאַל.

ראפי: דעם פֿאַל מיטן אויטאָבוס געדענקסטו?

איגאל: מיטן אויטאָבוס?

ראפי: כ׳האָב דיר ניט דערציילט? איינמאָל האָב איך אים געטראָפֿן באַם אָפּשטעל פֿונעם „פּינפּטל" אויפֿן ראָג שיינקין. שטייט און קוקט זיך אײַן אין יעדן צוקומענדיקן אויטאָבוס. וועמען זוכט ער, פֿרעג איך. ענטפֿערט ער מיר מיט אַזאַ פֿאַרלוירענעם אויסזען: „סאַראַ שיינהײַט..." ווײַזט זיך אַרויס, א טאָג פֿאַר דעם איז ער דאָ געשטאַנען און האָט דערזען אינעם „פּינפּטל" אויף די הינטערשטע ערטער א שיין מיידל און זי האָט צו אים א שמייכל געטאָן. איז ער עס אויף מאָרגן געקומען אין דער זעלבער צײַט אויף דעם זעלבן אָרט, אָפּגעשטאַנען א האַלבן טאָג און אַלץ געהאָפֿט, אַז זי וועט דורכפֿאָרן נאָכאַמאָל. „סאַראַ שיינהײַט..." איך געדענק, וויאַזוי ער האָט דערבײַ אויף מיר א קוק געטאָן.

איגאל: אויף אים איז עס צו גלייבן. געווען אַזאַ נאַיִווער, א ווױלער. מע דאַרף עפּעס אָנשרײַבן. כ׳ווייס ניט, א מין סאַכאַקל, עפּעס־וואָס. איך בין אַוועק מיט זײַן פֿאָטער אין א פֿאַרלאַג, וואָס לאָזט אַרויס אַזעלכע ביכלעך. מע האָט אים באַוויזן פֿאַרשיידענע מוסטערן. ער האָט געוואָלט גוט פּאַפּיר, פֿון סאַמע טײַערן... געוואָלט א גרויסע פּאָטאָ אויף דער הילע, נאָר זיי האָבן אים פֿאַרגעלייגט א געמעל פֿון אן אָנגעבראָכענעם בוים. געזאָגט, אַז ס׳איז סימבאָליש. שיר ניט געזאָגט: „ס׳איז דאָס, וואָס האָט איצט אן אָפּזאָץ אויפֿן מאַרק". מיר האָט זיך פֿאַרוואָלט ברעכן, נאָר דער אַלטער האָט לאַנג באַטראַכט דעם געמעל אי אַזוי, אי פֿונווײַטן, און געזאָגט: „יאָ, ס׳איז שיין". א שרעק געווען צו קוקן...

ראפי: אין זייער מאַמען אַרײַן! ווען וועט נעמען א סאָף צו אָט דעם שוידער?

איגאל: און ס׳וועט אויפֿגיין די זון, און די פֿייגעלעך וועלן אָנהייבן זינגען...

ראפי: און די פּאָליצעס וועלן פֿול ווערן מיט אָנדענק־ביכלעך. איך זאָג דאָך דיר, אַז אָט די זוינעס ווילן ניט קיין שאָלעם, האָבן מוירע אויפֿהייבן דעם כ׳בעט־דיך־איבער פֿונעם פּאָטעל. מע ציטערט פּאַשעט פֿאַר שרעק, עס זאָל ניט א קלונג טאָן דער טעלעפֿאָן, און דאָס

וועט זײַן דער סאָף. איך ווייס ניט, וואָס מע טוט. פּעטיציעס, דעמאָנסטראַציעס — קיין זאַך העלפֿט ניט.

איגאל: גיי טו עפּעס. עס האָט ניט קיין זין פּאַטערן דאָס לעבן אָף דעמאָנסטראַציעס. אַ שאָד די פֿאַרלוירענע צײַט. איך וויל זיך לערנען. (עס קומט אַרײַן ווערע מיט קליינינקע סאַנדוויטשן און קאַווע. איגאַל ענדערט טייקעף דעם טאָן). האָסט זיך דאָ, זע איך, ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט. פֿײַנע סאַנדוויטשן, זיס געבעקס, קאַווע — אַן עמעסער קוראָרט!

ווערע: כ׳האָב פֿאַרקאָכט קאַווע אָף טערקיש, נאָר אָן קאַרדאַמאָן. ס׳מאַכט ניט אויס, האַ?

איגאל (באַליידיקט): כ׳גיי שוין אַוועק. טערקישע קאַווע אָן קאַרדאַמאָן? נו, נו, אַלץ דאַרף דאָך האָבן אַ מאָס. (פֿאַרזוכט). אויסגעצייכנט! און טאַקע גוט, וואָס אָן קאַרדאַמאָן. ווער טרינקט עס ביכלאַל טערקישע קאַווע מיט קאַרדאַמאָן?

ראַפּי: גוגאַלע, ביסט אַ שטיק גאָלד, גוגאַלע. (צו ווערען). דו ווייסט, פֿאַרוואָס מע האָט אים אָנגערופֿן גוגאַלע? ס׳איז ניט פֿון „איגאַל”. זומער־צײַט אין שול פֿלעגן די קעשענעס בא אים שטענדיק פֿול זײַן מיט גוגאַלן.[1]

איגאל: און קלײַבן פּאַפּירלעך פֿון גומי צום קײַען איז בעסער?

ראַפּי: איי, איגאַל, איגאַל, ווען ווועסטו שוין ווערן אַ דערוואַקסענער, טײַער ייִנגעלע? (צו ווערען) אָט דאָס ייִנגעלע ווייסט ניט, וואָס הייסט זאָגן „ניין”. אַן עמעסער ענטוזיאַסט. מאַכן אַ וואַנטצײַטונג — איגאַל. אַ ליאַמע אין קלאַס — איגאַל. אַן עקסקורסיע — איגאַל. דער ליבלינג פֿונעם גאַנצן קלאַס.

ווערע: וויפֿל יאָר האָט איר זיך געלערנט צוזאַמען?

ראַפּי: פֿונעם פֿערטן קלאַס אָן שלעפּט ער זיך מיר נאָך. אַפֿילע אין דעסאַנט־טייל זײַנען מיר געווען אין איין אָפּטיילונג. אָן אָפּטיילונג פֿון דעפּעקטיווע! (מיט דער שטים פֿון אַ דע־פּעקטיוון): קאָמאַנדיר! אויב איך וועל אַראָפּשפּרינגען און... די דאָזיקע מאַכאַרײַקע וועט זיך ניט עפֿענען... מאַכט ניט אויס? ווועסטו זיך אָף מיר ניט בייזערן? אָן עמעס — ניט בייזערן?

איגאל (אַרײַן אין דער ראָל, מיטן זעלבן טאָן): שפּרינג, העלד! שפּרינג שנעלער, בא מיר איז שוין נאָס אין די הויזן. (ביידע לאַכן).

ווערע: און וואָס טוסטו איצט?

איגאל: אַ, דאָס איז אַ האַרבע קאַשע! עפּשער גייט דיר אָפּ אַ מאַסאַזשיסט?

ווערע: ניין, ערנסט.

איגאל: זײַענדיק אַ דעסאַנטלער, האָב איך ניט באַקומען קיין שום פּראָפֿעסיע. איך קען בלויז שפּרינגען. (צו ראַפּי): און דו שווײַג, דײַנע וויצן האָבן מיר שוין געהערט. (מע לאַכט). איך דערלערן עלעקטראָניק.

ווערע: און דו האָסט שוין?..

איגאל: ניין, כ׳האָב נאָך ניט כאַסענע געהאַט. כ׳נעם אָן פֿאַרשלאָגן. דײַן מאַן פֿאַרלאָזן ביסטו גרייט? טאָ קום מיט מיר! כ׳וועל דיר ווײַזן אַ לעבן. כ׳האָב אַ גלענצנדיקן בוך וועגן לעבן. אָף ענגליש. בא מיר אין צימער.

ראַפּי: ווועסט ניט גלייבן, נאָר אָט דער אינפֿאַנטילער טריוק העלפֿט. איך ווייס ניט וואָס דערזעען זיי אין אים. מיט אים איז שיר ניט אַנטלאָפֿן מײַן מאַמע.

איגאל: וואָס איז עס פֿאַר אַ סאַנדוויטש?

ווערע: אָן איי מיט אַנטשאָוסן.

איגאל: אַנטשאָוסן מיט אייער? ניט שלעכט! די מילכאָמע ווירקט אַפֿילע אָף אַנטשאָוסן.

ווערע (לאַכט): שוין לאַנג האָב איך דיך ניט געזען אין אַזאַ גוטער שטימונג, ראַפּי.

ראַפּי: טאָ לאָמיר גיין טאַנצן! ווערע, ווייסטו גאָר וואָס — טאַנץ מיט איגאַלן. איך וועל זינגען, און איר טאַנצט.

איגאל: טאַנצן מיר? (שטרעקט אויס די האַנט און דערנעענטערט זיך צו ווערען, אונ־טערטאַנצנדיק).

ווערע: נו, גענוג.

ראַפּי: ווערע, גיי, טאַנץ! (הייבט אָן זינגען).

---

[1] גלעזערנע קײַלעכלעך — אַ פּאָפּולערע קינדער־שפּיל.

װערע: מעשוגאָים!

איגאַל: מאַדאַם, מע לאַדט אײַך אײַן צום טאַנץ.

װערע: נו, אײנדערעמעסן, װאָס פּלוצעם? ניט איצט. (ראַפּי זינגט א באַנאַלע טאַנגאָ, הײבט אָן רירן מיט די אַקסלען און באַװעגן דאָס װעגעלע אַף רעכטס און אַף לינקס. בײדע קוקן אַף אים, װערע — עטװאָס פּאַרלױרן, איגאַל — מיט א האַרציקן שמײכל).

איגאַל: זעסטו שױן װאָס איז אַזױנס א סװינגער? אַפילע אין װעגעלע טאַנצט ער! (מאַכט עטלעכע פּאַ, נאָר מיטאַמאָל ספּאַטיקעט ער זיך און כאַפּט זיך אָן פּאַר א בענקל). אוך, אָט דער פאַרשאָלטענער קאָרעק!

װערע: װאָס איז געשען?

איגאַל: אָט דער קאָרעק, אַלעמאָל פאַלט ער אַרױס. שױן צװײ מאָל האָב איך אים פאַרביטן. טו א צי, ראַפּי. (שטרעקט אױס דעם פוס צו ראַפּי, און יענער ציט אַרױס פון איגאַלס הױזן א פּראָטעז. װערע איבעראַשט).

ראַפּי: װאָס איז דאָ אַזױנס? װאָס האָסטו זיך אַזױ דערשראָקן? קוק זי נאָר אָן!

װערע: כ׳האָב ניט... כ׳האָב ניט געװוּסט, אַז ער... ער גײט אַזױ נאַטירלעך... כ׳האָב גאָרניט באַמערקט...

איגאַל: נו, גענוג. דאָס נעמט זיך פון א סאַך איבונגען. ער האָט דיר דען ניט דערצײלט, אַז מיר זײַנען געװען אין אײן אָפּטײלונג?

װערע: דערצײלט. נאָר כ׳האָב געמײנט, אַז אין אַרמײ.

איגאַל: פאַרשטײט זיך, אין אַרמײ. אין אינװאַלידן־באַטאַליאָן. אָרטאָפּעדישע אָפּטײלונג. ס׳איז דאַפקע א גוטער פוס. אָפּגעאַרבעט װי עס באַדאַרף צו זײַן. נאָר זע, װאָס עס טוט זיך! און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש. א פוס — ליוקס. נאָר צופּאַסן דעם קאָרעק איז ניט אַזױ פּאַשעט.

װערע: צוליב װאָס אָט דער קאָרעק?

איגאַל: װאַקוום. דער פּראָטעז האַלט זיך אַף װאַקוום. (לײגט צו דעם פּראָטעז צו אײנער פון די מאָדעלן פון אָן אָפּגעהאַקטן פוס, װאָס װאַלגערן זיך בא ראַפּי אַפן טיש).

װערע: און עס האַלט ניט?

איגאַל: ביכלאַל האַלט עס יאָ. נאָר אײנמאָל איז דער קאָרעק אַרױסגעשפּרונגען אין גאַס. געװען ניט אָנגענעם.

װערע: כ׳האָב געמײנט, מע פעסטיקט אים צו מיט רימענס.

איגאַל (שפּרינגט צו אַף אײן פוס צו א בענקל און זעצט זיך): צוערשט יאָ, מיט רימענס, ביז עס איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרהײלט געװאָרן. די נעט דאַרפן זיך גוט צונױפּ־װאַקסן, ערשט דאַן קענען זײ אױסהאַלטן דעם װאַקוום. גוט נאָך, װאָס דער זאַק איז אין מאַ־שין. װילסט מיר א טױװע טאָן? אין גאַס שטײט מײַן „װאָלװאָ״. אינװײניק ליגט אַן עלאַסטי־שער זאַק מיט שנירלעך. פון פאַרנט. ברענג מיר אים, זײַ אַזױ גוט.

װערע: פאַרשטײט זיך. (גײט אַרױס, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. עס הערן זיך דער קלאַנג פון דער פאַרמאַכטער טיר און שטימען).

ראַפּי: געקומען מײַן ברודער. זי גרײט אים געװיס צו צו דער באַגעגעניש מיט דיר. מיט אים זאָל ניט טרעפן קײן שאָק.

איגאַל: דאָס איז װירקלעך ניט אָנגענעם.

ראַפּי: הער נאָר, איגאַל, װילסט אָפּטאָן א גוטע זאַך? (פאַרט צו אַפן װעגעלע צו איגאַלן און רוימט אים עפּעס אײַן אין אױער).

איגאַל: טשעפּע זיך אָפּ. װאָס עפּעס אײנמיטנדרינען?

ראַפּי: גלײב מיר, ס׳איז װיכטיק. זײ דאַרפן געװױנט װערן. פאַרשטײסט ניט? טאַקע צוליב דעם, עס זאָל ניט זײַן קײן שאָק. טו מיר א טױװע, איגאַל. כ׳װײס, װאָס איך רעד. גיכער, גיכער, ביז ער װעט אַרײַנגײן. (איגאַל נעמט אַראָפּ די הױזן. שפּרינגט צו צום טיש, זעצט זיך אװעק אַף אים אַזױ, אַז דאָס פאַרבליבענע שטיקל פוס זאָל אַראָפּהענגען). שעמסט זיך?

איגאַל: מעשוגענער! װער שעמט זיך? נאָר פאַר זײ װעט עס דאָך זײַן ניט אָנגענעם.

ראַפּי: אין דעם טאַקע גײט עס. דאָס דאַרף ניט זײַן בישט ניט, ניט יאָ אָנגענעם. פּאַשעט א פאַקט. א מענטש אָן א פוס. אײנער פון טױזנטער. גאָט מײַנער! װעסט זען, װאָס פאַר א צורע ס׳װעט זײַן בא מײַן ברודער. ער װעט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אין דעם איז גאָר קײן באַזונדערס ניטאָ, נאָר ער װעט ניט װאַגן א קוק צו טאָן אַפן פוס. (א קלאַפּ אין טיר, עס

קומט אַרײַן ראַפּיס ברודער. ער זעט קלאַל ניט אויס פאַרלוירן, האַלט זיך נאַטירלעך, פּראָסט, אַ ביסל צו האַרציק. גייט גלײַך צו צו איגאַלן, שטרעקט אים אויס די האַנט).

עלי: איך בין ראַפּיס ברודער. עלי (איגאַל שטעלט זיך פּאַר און דריקט אים די האַנט). **זייער אָנגענעם.**

ראַפּי: אַט דעם מאַמזער האָט מען פאַרוואונדעט שפּעטער פון מיר, נאָר פון שפּיטאָל איז ער אַרויס פריִער. (עס קומט אַרײַן ווערע און גיט איגאַלן דעם זאַק).

עלי: בייס אַ באַשיסונג?

איגאַל: אַ מינע. מײַן דזשיפּ איז אַרויף אויף אַ מינע. גוט, וואָס כ'בין געזעסן פון הינטן. דעם שאָפער האָט עס דערהאַרגעט.

עלי: אין 56־טן יאָר בײַ דיר־על־באַלאַך האָט מען אונדז באַשאָסן און מײַן כאַווער האָט אָפּגעריסן אַ האַנט. צוויי מעטער פון מיר. כ'האָב אויף דעם קאָפּ און דערזע לעבן זיך אַן אָפּגעריסענע האַנט. די פינגער האָבן זיך נאָך עטוואָס באַוועגט. אויף איינעם פון זיי איז געווען אַ פינגערל. די האַנט האָט אָפּגעריסן נידעריקער פונעם עלנבויגן.

איגאַל: ס'האָט אים אָפּגעגליקט. (פּאַטשט זיך איבערן פאַרבליבענעם שטיק פוס). **מיר האָט אויך אָפּגעגליקט — פאַרבליבן 35 סאַנטימעטער. אידעאַל. 20 סאַנטימעטער וואָלט שוין זײַן אַ פּראָבלעם.**

ראַפּי: אויף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן, האָט זיך געמאַכט אַן אָפּעראַציע — ליוקס!

איגאַל: ווייסט, אונדזער גליק, וואָס אין שפּיטאָל ליגן מיר ניט אַליין. אַלע מאָל איז פאַראַן עמעצער, וואָס אים איז ערגער פון דיר. וועגן דעם האָבן מיר געהאַט זייער אַ פריילעכע ליד. (צו ראַפּי). **בײַ אײַך האָט מען ניט געזונגען: „בעסער אַן אָפּגעריסענע האַנט"?**

ראַפּי: ווי זשע! (זועצט פּאַר די ליד) **„...נידעריקער פונעם עלנבויגן"...**

ביידע (זינגען):

אײדער אַ האַנט העכער פונעם עלנבויגן,
בעסער איין האַנט, אַן אָפּגעריסענע העכער דעם עלנבויגן,
איידער ביידע ביזן אַקסל.
בעסער אַ פוס, אַן אָפּגעריסענער נידעריקער פון דער קני,
איידער אַ פוס — העכער דער קני.
בעסער איין פוס, אַן אָפּגעריסענער העכער דער קני,
איידער ביידע — נידעריקער פון דער קני...

איגאַל: און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. אין אָט דער ליד איז פאַראַן אַ שטיק צוואַנציק קופּלעטן. אָן אַ שיר פאַרשיידענערליי קאָמבינאַציעס: אַ קויל אין אַקסל, אַ שפּליטער אין לונג, איין אויג — אַלץ. די לעצטע שורע איז אַזאַ: „בעסער אַ באַכער, אינגאַנצן אַ פּאַראַלי־זירטער, איידער אַ סאָלדאַט, וואָס האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע". זייער אַ לעבנסלוסטיקע ליד. ביכלאַל איז אונדזער אַרויסלאָז געווען אַ פריילעכער. איך בין געלעגן אין דער אָרטאָ־פּעדישער אָפּטיילונג, ראַפּי — אין דער נייראָכירורגישער. איינמאָל האָבן מיר אין אונדזער אָפּטיילונג געשפּילט אַפילע דעם „געמאַכטן כוילע" מאָליערס. פראַגמענטן, פאַרשטייט זיך, און אַפילע אַרויסגעלאָזט אַ צײַטונג אויף אַ העקטאָגראַף.

ראַפּי: מיר אויך. מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַ וואָכנבלאַט „וואָרצלען".

איגאַל: איינמאָל האָבן מיר אָפּגעדרוקט בײַ אונדז אין צײַטונג אַ מעלדונג. דאָס איז שוין געווען צו... אַפילע דער דאָקטער שאַכאַר האָט זיך אַ קרים געטאָן. „צוליב שטעלן אַ מוזיקאַלע קאָמעדיע, — איז אין דער מעלדונג געזאָגט געוואָרן, — פאָדערן זיך עקסטרע: איינער אויף העלפט אַ פּאַראַליזירטער, צוויי אָן פיס, פיר אָן הענט, וואָס קענען זינגען, און אַ בלינדער טענאָר. עס ווערן אָנגענומען בלויז מיליטער־פּליכטלינגען". מע האָט קאָנפיסקירט בײַ אונדז דעם גאַנצן טיראַזש. מוירע געהאַט, אַז ס'וועט דערגיין צו די עלטערן. אַרויסגעוויזן זאָרג וועגן זייער מאָראַלישן צושטאַנד.

עלי: לאָגיש. איר זײַט פאַרהאַרטעוועט, נאָר פאַר די עלטערן און נאָענטע איז עס ניט קיין געלעכטער. מע דאַרף זיך רעכענען מיט זיי.

ראַפּי: נעבעכלעך.

איגאַל: ביכלאַל איז עס ריכטיק. זיי זײַנען אַזוי פּילבאַר צו אונדזערע וווּנדן. (טוט אָן דעם זאַק, פעסטיקט צו דעם פּראָטעז און טוט אָן די הויזן. ווערע סטאַרטעט זיך אים העלפן). **נו, אַט, פאַרטיק** (מאַכט עטלעכע שפּאַן). **איצט קאָן איך גיין. אַלץ אין אָרדענונג. איך דאַרף**

שוין טאָקע גיין. (צו ראַפי): ריידן מיר אָפּ אַף מאָרגן? פאַר א האַלבער שאָ וועלן מיר אַלץ אָפּטאָן.

ר א פ י: וואַרט א ווײַלע! וווהין אײַלסטו? איך וויל נאָך מיט דיר א ביסל א שמועס טאָן.

א י ג א ל: צײַט צו גיין. מיר שטייט נאָך פאַר הײַנט א באַגעגעניש.

ר א פ י: מיידלעך ליגן אים אין קאָפּ!

א י ג א ל: וואָס פאַרא מיידלעך? איך דאַרף זיך באַגעגענען מיט דער לערערן פון מאַטע־מאַטיק. זי איז אַלט א יאָר פופציק, ניט ווייניקער. כ׳קען בעשום־אויפן ניט אָפּגעבן די עקזאַ־מענעס.

ע ל י: וואָס לערנסטו?

א י ג א ל: ייִדישע עלעקטראָניק.

ע ל י (לאַכט. צו ראַפי): זעסט?

ר א פ י: כ׳הער.

א י ג א ל: נו, גוט, ראַבויסיי, ס׳איז געווען זייער אָנגענעם. צום ווידערזען! ראַפי, כ׳וועל זיך אַרײַנכאַפּן מאָרגן, אַרום פינף.

ר א פ י: אָ׳קיי, איגאַלע, פאַר פאַרזיכטיק. (מע דריקט זיך די הענט. איגאַל אָפּ. ווערע באַגלייט אים צו דער טיר).

ע ל י: א סימפּאַטישער באָכער.

ר א פ י: א שטיק גאָלד. וועגן וואָס וועלן מיר הײַנט מיט דיר זיך קריגן, עלי?

ע ל י: וועגן וואָס ווערסטו שוין אָפּזוכן, כ׳פאַרלאָז זיך אַף דיר. (גייט אַרויס. ראַפי פּאָרט צו צו דעם סטענד, עפנט פאַנאַנדער און נעמט אים באַטראַכטן).

פ י נ פ ט ע ר ק ר ײַ ז

א מאָמענט פון עמעס

5. ראַפי דערציילט

מע האָט אָנגעקלונגען אין טיר, און ווען ווערע, וועלכע איז געווען אין צווייטן צימער, האָט אויסגערופן: „כ׳האָב פאַר דיר א סורפּריז!״ — האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז נירע. נאָר ווען כ׳האָב זי דערזען שטיין אין דער טיר אינעם צעשפּיליעטן מאַנטל, אין סוויטער, אין די דזשינסן און מיט די נאַסע האָר, האָט זיך מיר אַף א רגע אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען יענער געשפּרעך אונדזערער באַם פּאַרקן. דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך גענומען וואָרפן, נאָר כ׳האָב זיך באַהערשט. מיר דאַכט, ווען זי עפנט אירע אָרעמס, וואָלט איך זיך אופגעהויבן פונעם וועגעלע און געלאָזט לויפן צו איר. נאָר זי איז אפילע ניט צוגעגאַנגען מיר א דריק טאָן די האַנט. כ׳האָב קוים אַרויסגערופן א האַלבן שמייכל אַף איר געזיכט, ווען כ׳האָב א שמייכל געטאָן צו איר. נאָר אויך אָט דער האַלבער שמייכל איז געווען א ווײַטער, א דערשראָקענער. איך ווייס ניט, וואָס מיר האָבן איינער דעם אַנ־דערן געזאָגט, וועגן וואָס גערעדט, ביז ווערע האָט מיט א בעפיירעש צוגעטראַכטן טערעץ אונדז איבערגעלאָזט אַליין און אַוועק פון שטוב. עס זײַנען געווען פיל לאַנגע פּויזעס. איך האָב אַלץ געזוכט אירע אויגן, נאָר אָט די גרויסע בלויע אויגן, וועלכע איך האָב אַזויפיל מאָל געזען אין דער נאָענט, האָבן ניט אופגעהערט צו אַנטלויפן פון מיר און בלאָנקען איבערן צימער, איבער די פּאָטאָ, איבערן בעט, די ווענט, דעם סטענד, דעם טיש, פענצטער, הינטער וועלכן עס האָט געמראַקעט א רעגן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף אַלץ, בלויז ניט אַף מײַנע אויגן. שפּעטער ערשט, אין מינוטן אַרום, וואָס פאַר מיר האָבן זיי זיך געצויגן, ווי שאָען, טעג, יאָרן, ווען מיר האָבן ענדלעך זיך צוגעזעצט איינער קעגן אַנדערן מיט גלעזלעך וויסקי אין די הענט, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז קיינער האָט זי צו מיר ניט אונטערגעשיקט. ניט דער דאָקטער ווערטמאַן, און ניט די מאַמע. זי איז לויטן אייגענעם ווילן געקומען מיר זאָגן א דאַנק פאַר דעם, וואָס כ׳האָב זי באַפרײַט פונעם כויוו צו לעבן מיט מיר. פיר כאַדאָשים זײַנען איר גייטיק געווען, קעדיי אָנעמען זיך מיט מוט צו קומען און זאָגן מיר אָט די נאַ־רישקײַט.

6. נירע דערציילט

דאָס זעלבע אָפענע פּאָנעם און די זעלבע קלוגע, פאַרשײַטע, בײזע און אומעטיקע אויגן, װעלכע בײַטן זיך, װי די אָזערע גלײַך מיט די שװעבנדיקע װאָלקנס איבער איר. אונדזער באַך, די זעלבע מעלאָדיע, אונטער װעלכער מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל פאַרײניקט, די זעלבע באַכס מעלאָדיע, װעלכע האָט געשטראָמט אין אונדז דאַן אָפן דאַך אונטערן הימל און די שטערן, דער זעלבער באַך האָט געשפּילט, װען איך בין אַרײַנגעקומען, און ער האָט אין אײַלעניש אױסגעשלאָסן די מוזיק, װי געכאַפּט בא עפּעס א ניט־אַנשטענדיקײַט. ער איז געזעסן אינעם אינװאַלידן־װעגעלע, אײַנגעדעקט מיט א פּלעד, און מיר האָט אַף אַן אױגנבליק זיך אױסגעװיזן, אַז ער זיצט אין א פאָטעל און אָט באַלד װעט ער זיך אױפהײבן און א לאָז טאָן זיך מיר אַנטקעגן. מיט די אױגן האָט ער אַפילע א מעסט געטאָן דעם מעהאַלעך צװישן אים און מיר, און כ'האָב א קלער געטאָן, אַז אָט באַלד שטעלט ער זיך אױף און גײט צו מיר, און זײַן פּאַראַליטש איז ניט מער, װי אַן אױסטראַכטעניש. װי עס טרעפט אַמאָל אין טעאַטער, אין צװײטן אַקט הײבט זיך אױף דער פּאַראַליזירטער העלד און עס װײַזט זיך אַרױס, אַז ער האָט אַלעמען אָפּגענאַרט.

װען מיר זײַנען ענדלעך געבליבן אַלײן — די קלוגע װערע איז אַװעק עפּעס אײַנקױפן, — װען איך האָב מיט אײן מאָל אױסגעטרונקען די װיסקי, װאָס ער האָט מיר אָנגעגאָסן, האָט פון מיר מיטאַמאָל זיך אָפּגעטאָן די גאַנצע מוירע. אין קאָפּ, װעלכער איז, בײס איך בין אַרײַן אין שטוב, נאָך געװען פּוסט, האָבן זיך אָנגעהױבן צונױפפלײַגן געדאַנקען. און דאָס, װאָס כ'האָב געקליבן זיך זאָגן, האָט זיך באַקומען פּאָשעט, נאַטירלעך, ניט אָנגעצױגן. ער האָט מיך אױסגעהערט, װי אַלע מאָל, זײער אױפמערקזאַם. ער האָט געהערט, װי נאָר עס קאָן הערן א קינד. די אָפּשפּיגלונג פון מײַנע רײד האָב איך געזען אין זײַנע אױגן. אָנשטרענגונג, מוירע, נײַגער, מיטגעפיל, אומעט — אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אָט די אױגן אונטער דער מאַסקע פון צוריקגעהאַלטנקײַט.

ער האָט מיך ניט איבערגעריסן, און בלױז װען כ'האָב דערמאָנט װעגן מײַנע עלטערן, װעלכע האָבן זיך אַפילע ניט געגעבן קײן טירכע אים מיטצוטײלן, אַז איך בין אין שפּיטאָל, װעגן די זאָרגעװודיק באַדאַכטע עלטערן, װאָס האָבן, װי װײַזט אױס, ניט געװאָלט פאַרשאַפן אים קײן אומאָנגענעמלעכקײַטן, האָט ער באַמערקט, אַז זײ האָבן אים דאַפקע יאָ מיטגעטײלט. געקלונגען האָט מײַן טאַטע. דאָס האָט מיך איבעראַשט. כ'האָב ניט געגלײבט, װי קאָן עס זײַן? פאַרװאָס האָט מען מיר װעגן דעם ניט דערצײלט? װעגן דעם איז דאָך געװען מײַן ערשטע פראַגע, װאָס כ'האָב זײ פאַרגעבן, װי נאָר כ'האָב געעפנט די אױגן. און אױב מע האָט אים שױן יאָ מיטגעטײלט, פאַרװאָס זשע איז ער ניט געקומען, אָדער פאַרװאָס האָט ער כאָטשבי ניט אָנגעקלונגען?

ער האָט געשװיגן. ניט געװאָלט רײדן, ניט געװאָלט דערקלערן, נאָר איך בין באַשטאַנען, געװאָלט פאַרשטײן און געבעטן, ער זאָל מיר דערצײלן. ער האָט זיך געקליבן קומען צו מיר, האָט ער געזאָגט, זײַן ערשטער באַגער איז געװען פאָרן אין שפּיטאָל. ער איז שױן געזעסן אין מאַשין. נאָר ער האָט באַשלאָסן ניט פאָרן. „כ'האָב ניט געװאָלט זיך אַרױסװײַזן אין אַזא לאַגע, אין װעלכער דו אַלײן ביסט געװען", — האָט ער געזאָגט. ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז ניט אָנשטענדיק כאַסענע האָבן צוליב אָנשטענדיקײַט — כױץ דעם, האָט ער מוירע געהאַט, אַז אים װעט ניט קלעקן קײן קױעך דאָרט, אין שפּיטאָל, צו זאָגן מיר „נײן". א מענטש דאַרף ניט נאָכגעבן זײַנע געפילן און אױך דעם געפיל פון ראַכמאָנעס, מיט װעלכע ער איז ניט בעקױעך אָנצופירן, האָט ער געזאָגט. א באַשלוס כאַסענע צו האָבן דאַרף מען אָנעמען מיטן סײכל און ניט אונטער דער װירקונג פון געפיל. סאָפקאָלסאָף, האָט ער געזאָגט, איז עס אַן איניען ניט אַף אײן נאַכט, און געפילן גײען גיך דורך.

„פאַרװאָס זאָגסטו מיר ניט דעם עמעס?" — האָב איך געפרעגט. „פאַרװאָס דערצײלסטו מיר באָבעמײַסעס?"

„װאָס פאַר אַן עמעס?" — האָט ער געפרעגט.

„א פּאָשעטן, — האָב איך געענטפערט, — אַז דו האָסט מיך ניט ליב. אַז דיר איז דערעסן, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט. אַז ס'איז געװען ניט דאָס, און אױס!"

„נאָר דאָס איז ניט גאָר אַזױ", — האָט ער געענטפערט.

ער האָט מיך גראָד ליב געהאַט, — האָט ער שטיל אַרױסגערעדט, באַהאַלטנדיק פון מיר די אױגן. און טאַקע דערפאַר, װײַל ער האָט מיך ליב געהאַט, האָט ער ניט געװאָלט לעבן מיט מיר מאַכמעס כױװ. מאַכמעס מײַן כױװ לעגאַבע אים, און דערנאָך, — בלױז דערפאַר, װאָס

כ'בין פאַרבליבן לעבן, — פון זײַן כּיוו לעגאַבע מיר. „און דאָס איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען". ער האָט עס געזאָגט, און באַ אים אין האַנט האָט א ציטער געטאָן דאָס גלעזעלע און אין דעם האָבן א קלונג געטאָן די ברוזעלעך אײַז. כ'האָב לאַנג געקוקט אױף אים מיט א ביטערן שמייכל. ס'איז פאַרענדיקט. פאַרענדיקט.

7. ראַפי דערציילט

עס וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז איך דאַרף זײַן גליקלעך. שפּירן אויב ניט קיין גליק, איז, לעכאַלהאַפּאַכעס, באַפרידיקונג און שטאָלץ. סאָפקאָלסאָף, נאָך פיר כאַדאָשים גאַרניט וויסן און צווייפלען, ווען כ'האָב ניט איין מאָל געקליבן זיך אָנקלינגען און זאָגן, אַז איך בין ניט זיכער, צי בין איך גערעכט, איז זי געקומען מיר זאָגן, אַז פּאַרט בין איך גערעכט, אַז אונדזער ביטערער אײַנרײַס איז נייטיק. כ'האָב זי איבערצײַגט, און זי האָט אָנערקענט, אַז איך בין גערעכט. מיר האָבן ביידע געטאָן ריכטיק.

הערנדיק פון איר מויל מײַנע לאָגישע אויספירן, איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, ווי באַריש און זינלאָז עס זײַנען לאָגישע אַרגומענטן. וואָס פאַר אַלגעמיינס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, האָבן צווישן זיך ליבע און לאָגיק? פון ווען אָן האָבן עס לאָגישע אַרגומענטן אָנגעהויבן ווירקן אױף פאַרליבטע? ליבע האָט זיך איר אייגענע לאָגיק, וועלכע ווידערשפּרעכט אַלע געזעצן פון דער לאָגיק. וויאַזוי איז עס באַ מיר אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ ווערעס קלוגער זאָג: „ליבע הייבט זיך אָן דאָרט, וווּ עס ענדיקן זיך ווערטער". איינמאָל האָב איך דאָך שוין צוגעלאַקכנט באַ איר אָט דעם מערקווירדיקן זאָג. קומט מיר איצט נירע אָנזאָגן, אַז מיר האָבן געהאַנדלט קלוג און לאָגיש! מיר האָט זיך געוואָלט זי גוט א טרייסל טאָן און זאָגן איר, אַז זי האָט געמאַכט א ריזיקן שריט פאָרויס, אָבער גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. מע וואָלט געדאַרפט דורכזינגען פאַר איר לעגאַנס ליד: „ווי קען איך גיין פאָרויס, אויב איך האָב ניט קיין אָנונג, וווהין איך גיי", וועלכע מיר האָבן אַזוי ליב געהאַט, און בעטן מעכילע, וואָס כ'האָב גענומען זי איבערצײַגן אין עטוואָס אַזוינס, וואָס איבערצײַגט שוין מיך אַליין ניט. נאָר איך האָב, פאַרשטייט זיך, גאַרניט געזאָגט. אַלץ איז פאַרפאַלן, האָב איך געקלערט. מיט דער אייגענער האַנט האָב איך אַרויסגעלאָזט די לופט פון מײַן רעטונגס־קרײַז. איך טרינק זיך און האָב ניט באַ וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

און זי איז געווען אַזוי שיין אין אָט דער רעגע, אַזוי טרויעריק שיין, אַז איך האָב געוואָלט אַרײַנעמען איר קאָפּ אין מײַנע הענט און קושן אירע ווײַנענדיקע אויגן. איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען אַזאַ טרויעריקע, און מיטאַמאָל האָט זיך מיר פאַרוואָלט, אַז צווישן אַלע שמייכלענדיקע און גליקלעכע פּענעמער אױף די שוואַרץ־ווײַסע און קאָלירטע פאָטאָ זאָל באַ מיר זײַן אויך נירעס איינע א טרויעריקע פאָטאָגראַפיע. כ'האָב אָנגעצונדן דעם בליץ־לאָמפּ און גענומען אין האַנט דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט.

8. דאָס צווייטע בילד

נירע און ראַפי דיצן איינער קעגן אַנדערן. אױף נירעס פּאָנעם פאַלט א שטאַרקע שײַן. ראַפי קוקט אױף איר דורך דעם אָביעקטיוו פונעם פאָטאָ־אַפּאַראַט.

ראַפי: ריר זיך ניט. און פּרוּוו ניט שמייכלען. (פאָטאָגראַפירט).

נירע: און דו פּרוּוו ניט צו אַנטלויפן אין דײַנע פאָטאָגראַפיעס (שטייט אױף און שליסט אויס דעם בליץ־לאָמפּ), ווײַל איך האָב דיר נאָך ניט אַלץ געזאָגט: ערשט איצט קום איך צום איקער. ס'איז געווען א כּיוו. נו, גוט, ביסט געווען גערעכט. נאָר מיטאַמאָל האָב איך באַ זיך א פרעג געטאָן: נו, איז וואָס? מיט וואָס איז עס שרעקלעך, אויב מע פילט אויס דעם כּיוו? דו ביסט ניט פּרײַוויליק אוועק אין אַרמיי, מע האָט דיך מאָבילייזירט. האָסט אויסגעפילט דײַן כּיוו. האָסט ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג און אַזוי דאַרף זײַן. אַלע פילן אויס זייער כּיוו. ביסט געצוווּנגען אַכטן דײַנע עלטערן, אפילו אויב דו אַכטעסט זיי ניט. עס עקזיסטירט פּאַרט אַזוינס, וואָס מע רופט עס עלעמענטאַרע אָנשטענדיקייט. דו האָסט געטאָן, וואָס געטאָן, און מיט דיר איז געשען, וואָס געשען — דאָס קלינגט עפּשער באַנאַל, נאָר ס'איז אַזוי, — צוליב אַלעמען, פילנדיק דײַן כּיוו פאַר אַלעמען. און זאָרגן וועגן דיר, גיין אַרום דיר איז אונד־

זער אלעמענס כויוו. פונקט ווי די געזעלשאַפט האָט רעכט צו פאָדערן, דו זאָלסט אויספּילן דײַן כויוו צו באַשיצן זי, אַזוי האָט זי אויך רעכט אַרופּלייגן אויף מיר דעם כויוו צו לעבן מיט דיר. דאָס איז ניט נאָר איר רעכט. איך מיין, דאָס איז אויך איר כויוו לעגאַבע דיר.

ר א פּ י: נאַרישקייטן, אויף קיינעם קאָן מען ניט אַרופּלייגן קיין כויוו ליב צו האָבן.

נ י ר ע: ווער רעדט דען וועגן ליבע, נאַרעלע? וואָס געהער זיך דאָ אָן ליבע? איך וואָלט מעכוייעוו געווען צו טיילן מיט דיר דײַן גורלַ, אַפילע ווען כ'האָב דיך ניט ליב. מע האָט באַ דיר דען געפרעגט, צי דו האָסט ליב די אַרמיי? מע האָט דיך געפרעגט, צי האָסטו ליב מיל־כאָמע האַלטן, האַרגענען מענטשן? דײַנע פּערזענלעכע געפילן אינטערעסירן קיינעם ניט, קאָלזמאַן דו טוסט דאָס, וואָס דו ביסט מעכוייעוו צו טאָן. פאַרוואָס זשע זאָל מען, אויב אַזוי, ניט מאָביליזירן אויך מיך אויף ווירקלעכער צווייייאַריקער דינסט צו אַן אינוואַליד, לאָמיר זאָגן? גאָר קיין שרעקלעכס זע איך אין דעם ניט אײַן. איך רעד אַבסאָליוט ערנסט. דאָס איז ניט מער אַכזאָריעסדיק און אומענטשלעך, איידער דער געזעץ, וואָס איז מיסכּײַעוו דיך צו האַרגענען מענטשן און גרייט זײַן צו שטאַרבן אַליין, אָדער אָפּצולעבן אַלע יאָרן אין אַן אינוואַלידן־וועגעלע. ביפראַט, אַז איך בין געווען גרייט דערצו לויט מײַן אייגענעם ווילן. אַלס פרײַוויליקע. דערפאַר, ווײַל כ'האָב דיך ליב און איך בין נאָך אַלץ... אַזוי אַז אָנרופן זאַכן מיט זייערע נעמען באַטײַט נאָך גאָרניט. און כּוץ דעם, עגאָ:יסט דו אַזעלכער, פאַרוואָס מיינסטו, אַז נאָר דו מעגסט מיט עפּעס מאַקריוו זײַן? איך וויל אויך, יאָ, יאָ, כ'וויל אויך האָבן מײַן כיילעק אין דעם, וואָס דו האָסט מאַקריוו געווען, און דו האָסט ניט קיין רעכט אין דעם מיר אָפּזאָגן. דאָס וואָלט זײַן מײַן קליינינקער אָדער גרויסער כיילעק אין דער שלאַכט. איך האָב ניט געוואָלט אַנט־לויפן אין רעכטן ברעגן פון דער שלאַכט פאַר דײַן לעבן — דאָס האָסטו מיך פאַרטריבן. דו וואָלסט מיך געדאַרפט נעמען אַפילע, ווען... ווען איך לייג זיך דיר פאָר אויס ראַכמאָנעס. יאָ! ר־אַ־כ־מ־אָ־נ־ע־ס. פונקט אַזוי, ווי דו האָסט צוגענומען די זאָרג פון די מעדיצין־שוועסטער אין שפּיטאָל. דו ווייסט גוט, אַז זיי טוען עס ניט אויס ליבע צו דיר. זיי פילן בלויז אויס זייער כויוו און באַקומען פאַר דעם געצאָלטס.

ר א פּ י: און דאָך איז פאַראַן אַ קליינינקער כילעק. די מעדיצין־שוועסטער זײַנען ניט מעכוייעוו מיך ליב האָבן אָדער שלאָפן מיט מיר, און דו, ווי מײַן ווײַב...

נ י ר ע: איך מיין ניט, דאָס זאָל זײַן אַזוי שרעקלעך — פאָדערן פון די מעדשוועסטער, זיי זאָלן שלאָפן מיט דיר.

ר א פּ י: נו, זעסטו!

נ י ר ע: איך שפּאַס ניט. כ'רייד ערנסט. וואָס איז? פאַרוואָס טאָר מען ניט פאָדערן פון זיי, אָדער ניט סטימולירן זיי כאָטשבי מיט געצאָלטס, ווי פאַר אַרבעטן איבער־שאָען, און מיט אַ געזעלשאַפטלעכער דאַנקבאַרקײַט — פאַר שלאָפן מיט אַ פאַרווונדעטן, אויב דערפון איז אָפּהענגיק זײַן געזונט? דאָס איז ניט מער שרעקלעך, ווי פאָרען זיך באַ אַן אַנגעיאַטרעטער ווונד, שנײַדן לעבעדיק פלייש, בײַטן פאַרשטונקן גרעט און אויסווישן וואָס דער כוילע האָט אָנגעבראַכן... וואָס איז? פאַרוואָס אַרויסצי:ען די זייערע צוליב אַנאַליז מיט סטעריל־ריינע אינ־סטרומענטן מעג מען, און דאָס טאָר מען ניט? פאַרוואָס דאַרף אַ מעדיצין־שוועסטער אין באַ־טעראַפּיע גוט באַאַרבעטן יעדן אָרגאַן, יעדן אָפּגעשוואַכטן מוסקול. מיט וואָס איז אַזוי באַ־זונדערס העסלעך אָדער באַזונדערס הייליק דער געשלעכט־אָרגאַן? וואָס איז פאַראַן שרעק־לעכס אין געשלעכט־באַצי:ונגען? איך בין זיכער, אַז אין באַשטימטע פאַלן קאָן אָט דער פאַשעטער און מענטשלעכער אַקט פיזיש און גײַסטיק העלפן פיל מער, איידער קאָלערליי באַרוי:קנדיקע מעדיקאַמענטן און דערמונטערנדיקע רייד פון אַלע טאַמעוואַטע פּסיכאָלאָגן פון דער וועלט. וואָס שמייכלסטו?

ר א פּ י: כ'האָב זיך דערמאָנט וועגן איינער אַ מעדיצין־שוועסטער, פון וועלכער כ'וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט צו באַקומען אַזאַ פיזי:אָלאָגישע פראָצעדור. אַ קליינינקע און סימפּאַטישע טײַמענערן. אַליין מיט איר גענגעלע האָט זי געקאָנט מאַכן פון טויט לעבעדיק. אַזוי האָבן מיר זי טאַקע גערופן: „טכי:אַס־האַמייסים". איינמאָל האָב איך איר געגעבן אַ גאַנץ קלאָרע אָנצוהערעניש, נאָר זי האָט געמיינט, אַז איך שפּאַס. האָט זי געלאַכט און דערציילט אַלעמען, אַז איך סימוליר פאַראַליטש.

נ י ר ע: אָט זעסט: מיט איר — יאָ, און מיט מיר — ניט.

ר א פּ י: דו ביסט גאָר עפּעס אַנדערש.

נ י ר ע: אָך, ביסטו נאָך אַ קינד. איך בין ניט זיכער, אַז דו האָסט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע באַם פולן זינען. נאַי:וו, ראָמאַנטיש קינד. פראָפעסי:אָנעלער ראַכמאָנעס — יאָ. און אופריכטיקער ראַכמאָנעס פון אַ ליבנדיקער פרוי — בעשום־אויפן. זעסט כאָטש, ווי לעפיש

דאָס איז? פאַרוואָס האָסטו זיך געשראָקן? אז דאָס וועט א וואָקל טאָן דײַן מאַנצבלשע ווירדע? „און עכטער מאַנצבל נייטיקט זיך ניט אין מיטלײַד".

ר א פ י (פאַרביטערט): מאַנצבלשע ווירדע — דאָס איז גוט.

נ י ר ע: כיטרעווע ניט. האָסט געוואָלט זײַן א זעלבשטענדיקער, און אומאָפּהענגיקער, א שטאַרקער. מע האָט דיר אָנגעמאָלט א סטאַנדאַרט בילד פון א דורכשניטלעכן מאַנספּאַרשוין, און דו האָסט אָנגענומען אָט דאָס געהירן־שווענקעכץ אָן שום דערווידערונגען, ניט קלערנדיק, ניט פרעגנדיק בא זיך, פאַרוואָס, אייגנטלעך, דאַרפסטו אַנטײלנעמען אין זייער שפּיל? פאַר וואָס א זעלבשטענדיקער? פאַרוואָס א שטאַרקער? פאַרוואָס אן אומאָפּהענגיקער? ווער ביכלאַל איז אָף דער וועלט אומאָפּהענגיק, כוץ די, וואָס הענגען אָפן בוים? יעדער איינער איז אָפּהענגיק פון עמעצן אַנדערש, און יענער, אין זײַן ריי, איז אָפּהענגיק נאָר פון עמעצן. און דו ביסט געשטאַנען אָף דער בינע און געשפּילט אַן אויסגעדראָשענע ראָל פון א מאַנספּאַרשוין. ראַפי, טו אָף מיר א קוק און זאָג מיר: פאַרוואָס מעג מען דיר העלפן אין אַלעם אַנדערן — פאַר בעטן דאָס בעט, גרייטן מיטיק,ריידן מיר דיר, פירן דיך, הערן דיך, שטעלן פאַר דיר א שייַ נעם פלאַט — און בלויז אין דעם זאָגסטו זיך אָפּ פון הילף? אין וואָס גייט דאָ? מיט וואָס איז עס אַזוי שרעקלעך? ענטפער מיר! (א דויערנדיק שווײַגן).

ר א פ י (מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ): יאָ.

נ י ר ע: בין איך גערעכט, אָדער ניט?

ר א פ י (ניט קוקנדיק אָף איר): יאָ...

ז ע ק ס ט ע ר ק ר ײַ ז

די שטוקאַטורקע איז צעטראַסקעט, אַלץ פאַלט זיך פאַנאַנדער

„...כ'האָב שטענדיק געהאָפט, אַז דו וועסט זען אין מיר א קאַוועך, א פרײַנט, ניט נאָר א טאַטן, — זאָגט דער פאָטער מיט באַדויערן. — אַמאָל זײַנען מיר מיט דיר געווען שטיקלעך קאַ ווירים. פלעגסט זיך אַן אײַיצע האַלטן מיט מיר, און פלוצעם זײַנען מיר געוואָרן אָפּגע פרעמדט, איך ווייס ניט פאַרוואָס. כ'ווייס ניט, ווען דאָס איז געשען און ווי'אַזוי. פאַרוואָס דערווײַטערסטו זיך פון אונדז, ראַפי?"

„ווילסט וויסן דעם עמעס?" — פרעגט ראַפי און טוט זיך א צופּ בא די פּיס.

„ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם פאָטעל און אָנגעהויבן גיין. אַלע האָבן עס געזען", — מורמלט שטיל די מוטער.

„פאַרשטייט זיך, איך וויל וויסן דעם עמעס, — זאָגט דער פאָטער, — איך וויל, דו זאָלסט זײַן מיט מיר אָפּנהערציק, פונקט ווי איך בין אָפּנהערציק מיט דיר. דו מיינסט ניט, אַז ס'איז שוין צײַט ערנסט א קלער טאָן וועגן דײַן צוקונפט? כאָטשבי וועגן עפּעס א פאַרדינסט. ווער א זעלבשטענדיקער מענטש, וועסטו זען, ווי דיר וועט גלײַך ווערן לײַכטער. זע, וואָס אַרום דיר טוט זיך. אָט די פאָטאָגראַפיעס. וואָס קאָן מען מיט זיי פאַרדינען?"

— „ניט געזאָרגט, טאַטע, כ'וועל ווי־ניט־איז זיך אײַנאָרדענען, — זאָגט ראַפי, — איך האָב א פּאָר הענט, מיר פעלן נאָר א פּאָר פיס, — דערווּף קאָן מען גוט פאַרדינען".

„פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? — פרעגט דער פאָטער, — פאַרוואָס? דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב ניט ליב אַזוינס צו הערן. ווייסט דאָך, אַז דאָס רעגט מיך אויף".

„כאַרעוו. אַלץ ווערט כאַרעוו. די שטוקאַטורקע איז צעטראַסקעט," — זאָגט די מוטער, און איר בליק בלאָנקעט איבערן סופיט.

„וואָס האַלטסטו דאָרט אין איין מורמלען, דווירע? — פרעגט דער פאָטער מיט רוגזע. — וואָלסט בעסער געגאַנגען אין קיך העלפן ווערן זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן געפעס". די מוטער רירט זיך ניט פון אָרט. אָפן מאָן קוקט זי זיך אפילע ניט אום, בלאָנקעט נאָך אַלץ מיטן בליק איבערן סופיט.

„לאָז זי צורה, טאַטע, — זאָגט ראַפי, — דער עמעס האָט זי דערדריקט".

„וואָס פּלאַפּלסטו? וועגן וואָס רעדסטו? פּאַרוואָס פּײַניקסטו אונדז? בין איך דען שול־דיק אין דעם, וואָס מע האָט דיך פּאַרוווּנדעט?"

„פּאַרשטייט זיך, ביסט שולדיק," — ענטפֿערט רויִק ראַפּי.

„וואָס רעדסטו?! איך בין שולדיק? כ׳וואָלט דאָס לעבן אָפּגעגעבן פֿאַר דיר. ווי־אַזוי קאָנסטו זאָגן, אַז איך בין שולדיק?"

„דו ביסט שולדיק אין אָט דער גאַנצער מילכאָמע, — זאָגט שטיל ראַפּי, — ווײַל דו טוסט גאָרניט צוליב דעם, זי זאָל ניט געפֿירט ווערן."

„וואָס? — רופֿט אויס דער פֿאָטער און טוט זיך אַ כאַפּ פֿאַרן הער־אַפּאַראַט. מיט צוויי פֿינגער דרייט ער דעם שנור. נעמט אַרויס פֿון דער אייבערשטער קעשענע דעם אַפּאַראַט, עפֿנט אים און באַטראַכט די באַטאַרייקע. — נו, אָט, די באַטאַרייקע האָט זיך געזעצט, — זאָגט ער, — סאַראַ אײַזל איך בין! געוואָלט זי הײַנט איבערבײַטן און פֿאַרגעסן. געוויינלעך האַלט איך אין אַ צווייטן אָנצוג אַ רעזערוו־באַטאַרייקע, דו הערסט מיך, איך האַלט אַ רע־זערוו־באַטאַרייקע אויף יעדן פֿאַל. האָב איך אָנגעטאָן דעם אַנדערן אָנצוג און פֿאַרגעסן נעמען די באַטאַרייקע. פּאַשעט אַן אידיאָט! זאָגסט עפּעס?"

„איך האָב גאָרניט געזאָגט", — שרײַט ראַפּי.

„איך הער ניט, — שרײַט דער פֿאָטער, — איך הער גאָרניט. אך! אַ פֿאַרלוירענער אָוונט. און פּונקט אין אַזאַ מאָמענט, ווען צווישן אונדז האָט זיך פֿאַרבונדן אַ שטיקל שמועס. עפּ־שער איז עפּעס געשען מיטן שנור?" — דער פֿאָטער פּרוּווט דעם שנור.

„אַ שאָד, וואָס כ׳האָב דיר ניט געבראַכט קיין שאָקאָלאַד, — זאָגט די מוטער, — געוואָלט ברענגען דיר שאָקאָלאַדלעך „קעצענע צינגעלעך". ווען דו ביסט געווען אַ קליינינקער, האָסטו זיי גערופֿן „קיצי", געדענקסטו?"

„ניין, אַלץ איז אין אָרדענונג, — זאָגט דער פֿאָטער. — די באַטאַרייקע האָט זיך געענ־דיקט. דווקא די באַטאַרייקע האָט זיך געענדיקט."

„קיצי", „קיצי", — זאָגט די מוטער און שטייט אויף, — כ׳וועל גיין אַ קוק טאָן, עפּשער איז זי אין קוישל". מיט דריבנע טריט שלײַכט זי זיך אַרויס פֿון צימער און רעדט עפּעס צו זיך אַליין.

אַ שטיפֿערישער פֿונק בליצט אויף בײַ ראַפּי אין בליק, ווי נאָר די מוטער פֿאַרמאַכט די טיר. דער טאַטע איז נאָך אַלץ פֿאַרנומען מיטן הער־אַפּאַראַט. ראַפּי קערט עטוואָס אָפּ דאָס פּנים, דער פֿאָטער זאָל ניט זען די באַוועגונגען פֿון זײַנע ליפּן און הייבט אָן ריידן צוערשט מיט אַ נאָרמאַלער שטים און וואָס ווײַטער אַלץ העכער.

„טאַטע, דו הערסט מיך, טאַטע, — און אויף ראַפּיס פּנים באַווײַזט זיך אַ בייזלעכער שמייכל. — דו הערסט מיך? איינס, צוויי, דרײַ... אַ פּראָבע... טאַטע, איך רעד צו דיר. דו הערסט מיך, צו אַלדי רוכעס!" — ער טוט זיך אַ קער צום פֿאָטער, שמייכלט צו אים מיט אַ זיס שמייכעלע און רעדט, ניט מאַכנדיק מיט די ליפּן: „איינס, צוויי, דרײַ — אַ פּראָבע. אַ פּראָבע... איינס, צוויי, דרײַ!

„אָך, ווי כ׳האָב דערפֿון געליטן, — זאָגט דער פֿאָטער, צונויפֿוויקלענדיק דעם שנור און אַרײַנלייגנדיק דעם אַפּאַראַט אין קעשענע. — די ערשטע צײַט, ווען כ׳האָב נאָך ניט געהאַט דעם אַפּאַראַט, איז עס געווען אַן עמעסער אומגליק. שטעלסט זיך פֿאָר — צו דיר רעדט מען, און דו הערסט ניט. די ליפּן באַוועגן זיך, אַ שמייכלענדיק פּנים, און דו ווייסט ניט — מע לויבט, צי מע זידלט דיך. ווי אַ שטומער פֿילם. דאָס לעצטע וואָרט, וואָס כ׳האָב געהערט מיט די אייגענע אויערן, אָן דעם אַפּאַראַט, איז געווען..."

„לייג זיך!" — שרײַט אויס ראַפּי צוזאַמען מיטן פֿאָטער.

„מיר זײַנען געפֿאָרן אויף אַ פּיקאַפּ ניט ווײַט פֿון קאַלקיליע, — הייבט אָן דער פֿאָטער אײן גאָט ווייסט צום וויפֿלטן מאָל צו דערציילן. — עמעצער פֿון די כעוורע האָט אַ געשריי געטאָן: „לייג זיך!" און — טראַך!... מער האָב איך גאָרניט געהערט. כ׳האָב נאָר באַוויזן אַרויס־ציִען דעם מאַוזער און אַרויסלאָזן אָן אָבאַימע אין די באַנדיטן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די קאַקטוסן. ווי־אַזוי איך בין ניט אומגעקומען פֿון יענער גראַנאַטע, הייב איך ניט אָן צו פֿאַרשטיין".

„אַלטער שאַקרען, — זאָגט ראַפּי דעם פֿאָטער, — געניג שפּילן טעאַטער. אין היי־שטאַל אין איין־כאַראַד האָט זיך אויפֿגעריסן די גראַנאַטע און ניט אין קאַלקיליע. פֿון קיין באַנדיטן איז דאָרט אַפֿילע קיין זייכער ניט געווען".

„איך הער ניט, וואָס דו רעדסט, — זאָגט דער פֿאָטער הויך, — אויב דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן, שרײַב אָן". ראַפּי מאַכט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

„אויספֿאָרשונגען, אָפּעראַציעס — עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן, — זיפֿצט פֿאַר דער פֿאָטער, —

ביז מע האָט ניט געבראַכט אָט די אַפּאַראַטן. דאָס איז געווען אויסערגעוויינלעך! אַפּסניַי האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר די וועלט פֿון קלאַנגען. דו הערסט ווידער דעם ווינט, דעם רעגן, דעם רויש פֿון מאַשינעס אויפֿן שאָסיי, אַ קלונג אין טיר, דעם טעלעפֿאָן און מענטשן, וועלכע ריידן, ריידן, ריידן. אַ גרויסאַרטיקער קאָנצערט פֿון קלאַנגען! נאָר וואָס זשע דען? בײַ דעם אַלעם איז פֿאַראַן איין מינוס — ביסט אָפּהענגיק פֿון דער באַטאַרייקע, ווי אַ מאַשין פֿונעם אַקומוליאַטאָר. פֿאַראַן אָבער אויך פּליוסן. רעדט מען נאַרישקייטן, שליסטו אָפּ דעם אַפּאַראַט און ס׳ווערט שטיל, שטיל. איינמאָל, ביסט דעמלט אַלט געווען דרײַ אָדער פֿיר יאָר, האָב איך דיר דערציילט וועגן יענע געשעענישן, וועגן דעם, ווי ס׳האָט זיך אויפֿגעריסן די גראַנאַטע,

האָסטו געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן און געזאָגט: „טאַטע, איאָ, דו וועסט קיינמאָל ניט שטאַרבן?״

„דו וועסט שטאַרבן, וועסט שטאַרבן, — זאָגט ראַפּי, — לאַנגזאַם, לאַנגזאַם וועסטו שטאַרבן, ניט ווי אַמאָס״.

„איך הער ניט,״ — שרײַט דער פּאָטער.

„איך ווייס, — ענטפֿערט ראַפּי, — מיטן אַפּאַראַט הערסטו אויך ניט דאָס, וואָס דו ווילסט ניט הערן. דער רועך זאָל עס נעמען, און עפּשער איז עס איבער איר! — זאָגט פּלוצעם ראַפּי און טוט זיך אַ צופּ בײַ די פּיס. — עפּעס האָב איך דאָך געפֿילט אַ מין עלעקטרישן שטראָם. דו הערסט, טאַטע, זי, נירע, איז געזעסן בײַ מיר — דיר איז באַקאַנט אַזאַ פּאָזע? — ראַפּי נעמט לאַכן, — מע קאָן שטאַרבן פֿון געלעכטער! און עפּשער איז עסווירקלעך געווען טאַקע דאָס. איך בין געלעגן אײַנגאַנצן אָנגעשטרענגטער, ווי אַ שטיק אײַזן. און זי האָט געזאָגט, אַז ס׳איז גוט. כ׳האָב געזען, אַז איר איז געווען גוט. זי האָט זיך ניט געמאַכט. איך האָב גאָר ניט געפֿילט. נאָר וואָס האָט עס פֿאַר אַ באַדײַטונג?״

דער פּאָטער פֿאַרטיפֿט זיך אין אַ צײַטונג. עס קומט אַרײַן די מוטער מיטן קוישל, גייט צו צום מאַן און עפֿנט עס פֿאַר אים. „ס׳איז פּוסט, — זאָגט זי, — אָט זע, ס׳איז פּוסט. פֿאָרן אַהיים נאָך דער באַטאַרייקע?״ דער מאַן קוקט אויף איר מיט אַן אָפּוועזנדיקן בליק. דווירע

נעמט ארויס פון קוישל א בלײַער און שרײַבט עפּעס אויף דער צײַטונג. „ניין, מע דאַרף ניט, — זאָגט ער. — ס'מאַכט ניט אויס, כ'וועל א ביסל א לייען טאָן". זעצט פּאַר לייענען די צײַטונג און הייבט אָן מיטאמאָל שאָקלען מיטן קאָפּ.

„הערט די לעצטע נײַס. עס לייענט מאָרדעכײַ לעווין", — מעלדעט ראפּי מיט א דיקטאָרשטים.

„אומדערהערט! — זאָגט דער פּאָטער. — זיי שיסן אין אן אוטאָבוס. אין אן אוטאָבוס מיט טוריסטן. אין קינדער, פרויען, זקנים שיסן זיי. ס'איז פּאַשעט א נעס, וואָס זיי האָבן אין קיינעם ניט געטראָפן. אײַ־אײַ־אײַ!"

„און אצינד לאָמיר אויסהערן אונדזער פּאָליטישן איבערזיכטלער", — מעלדעט ראפּי.

„ווען מע זאָל די יישוּוניקעס העלפן, וואָלט אזוינס ניט געשען, — זאָגט דער פּאָטער צו ראפּי און דווירען, וועלכע שפּאַנט אויוער־באָטל ארום איבערן צימער. — מע האָט פּאַר זיי געמאַכט וועגן, געגעבן א קאָנסולטאציע, ווי צו פירן די ווירטשאַפט, געגעבן אָפּענע בריקן, א פרײַען האנדל. ווײַנטרויבן פון כעווראָן פאַרקויפט מען אין לאָנדאָן. שולן, שפּיטאָלן. פאַר דרײַ יאָר האָבן זיי געמאַכט א שפּרונג אויף צוואנציק יאָר פאָרויס. און יענע שיסן. זיי מאַכט ניט אויס — פרויען, קינדער. און דערצו נעמט ניט קיין סאָף. איך זאָג אײַך — דערצו נעמט ניט קיין סאָף".

„עפּשער זאָל איך פונדעסטוועגן זיך דורכפאָרן קיין טוועדיע", — זאָגט די מוטער און לייגט אקוראט צונויף די צײַטונגען אויפן טיש.

„איך וואָלט דאָרט אויסגעבויט א נײַע שטאָט, — זעצט פּאָר דער פּאָטער, — דאָוויד המעלעך האָט זיבן יאָר געקיניגט אין כעווראָן".

„ס'פרייט מיך און כ'בעט־דיך־איבער", — זאָגט ראפּי.

„איך האָב דאָך אליין ארײַנגעלייגט די באטארייקע, — זאָגט די מוטער, — ניין, אין אן אנדער קוישל".

„און מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די געשעענישן פונעם 1929 יאָר, — רופט זיך ווײַטער אָן דער פּאָטער. — ביזן נײַן־און־צוואנציקסטן יאָר האָבן דאָך אין כעווראָן געלעבט יידן. איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע פּאַר אומאָפּהענגיקײַט, האָב איך אליין געקויפט אין כעווראָן א שעקעל. „דער יאָרטאָג פונעם ווידערגעבורט פון ייסראָעל" — איז געווען אָנגעשריבן אויף אים. ווייסט כאָטש, וויפל איצט קאָסט אזא שעקעל? ס'איז אים ניט אָפּצושאצן. וויפל זאָלסט פאַר אים ניט אָנבאָטן, וועט מען דיר געבן!"

„אלץ ווערט צעשאָטן, — זאָגט די מוטער, ווישנדיק מיט איין האנט די ביכער־פּאָליצעס, — שטויב, אומעטום שטויב. שאבעס זײַנען מיר געווען אין אלט־יערושאָלאַים, וויפל שטויב!.."

„נו, אָט האָסטו דיר, — רופט אויס דער פּאָטער, אופהייבנדיק די אויגן פון דער צײַטונג, — זע, זע, סארא אויסוואורפן, זע, סארא גאזלאָנים, ס'איז אנטדעקט נאָר איין אלטע מאציייווע פונעם הר הזיתים. מע האָט געפונען געווער, געוואָלט אופרײַסן דאָס הויז און מיטאמאָל דערזען א פּליטע אין וואנט. פרעג איך דיך — איז עס ניט קיין גאזלאָנעס! איך וואָלט פאַרעפּנטלעכט אָט די פּאָטאָ אין אלע לענדער פון דער וועלט. זאָל די וועלט וויסן, וואָס אָט די מענוואָלים האָבן אָפּגעטאָן!"

„און מיר האָבן וואָס געטאָן? — פרעגט ראפּי, — אפן אלטן מוסולמענישן בעסוילעם איך טעל־אוויוו האָבן מיר אוועקגעשטעלט א האָטעל „הילטאָן" און דאָרט, ווו עס זײַנען געווען די קוואָרים, געמאַכט א שיינעם שטאָטישן פּארק. דאָס איז גראָד פון די קליינע אומגליקן, זאָל מען פון מאצייוועס בויען שולן, שפּיטאָלן, פּאָשעטע הײַזער. פון אונדזערע און זייערע מאצייוועס. אן אוויירע די ערד, אן אוויירע די שטיינער". ראפּי ווערט מיטאמאָל אפן אָרט ווי פאַרגליווערט. ער כמורעט אָן די ברעמען, פּאָרט אפן וועגעלע ארײַן אין וואנע־צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

„אלץ פאַרפאלן. פאַרפאלן, — זאָגט די מוטער. — אפן גאנצן לעבן. ס'וועט שוין גאָרניט העלפן, גאָרניט."

„כ'ווייס? מעגלעך, מיר האָבן אין עפּעס א טאָעס געהאט, — זאָגט דער פּאָטער. — נאָר מיר האָבן דאָך געהאט גוטע קאוואָנעס. פאַרוואָס קאָן מען ניט רויִק זיך אוועקזעצן און אלץ באהאנדלען? פאַרמאָגנדיק כאָטשבי א קאפּל גוטן ווילן, קאָן מען דאָך דערגרייכן א פאַרשטענדעניש. איז ניין, מע וויל גאָרניט ריידן. באשיסן קינדער־גערטנער — דאָס יאָ. גרויסע העלדן, דינאמיט אין סופּער־מארקעט. אוועקרויבן אעראָפּלאנען... אײַ־אײַ־אײַ... איך ווייס ניט וואָס וועט זײַן"...

„ניט אלץ, זאָגט זי, איז פאַרפאלן, — מורמלט די מוטער, — אמאָל טרעפט, אין זעקס, זיבן, אכט, נײַן כאדאָשים ארום... זע נאָר, קיין איין גרויע האָר..."

די מוטער הייבט זיך אויף, נעמט ארומשפאנען איבערן צימער. ער גייט צו צו דער פרוי און לייגט איר שטיל ארויף די האנט אפן אקסל. די מוטער שפירט קיינמאָל ניט זײַן אַנוועזנ־הײַט. מיט א פארלוירענעם בליק בלאָנקעט זי איבער אלץ ארום און רירט זיך צו מיט די פינגער צו די האָר. דער פּאָטער שטעלט זיך אָפּ באַם סטענד און עפנט אים פּאַנאַנדער. ער טוט אָן די ברילן און נעמט אופמערקזאַם באַטראַכטן די פּאָטאָ פון די דערהארגעטע, שאָקלט אופּגעבראַכט מיטן קאָפּ.

„האָסטו שוין געזען אַזוינס? — זאָגט ער, ניט א קער טוענדיק דעם קאָפּ. — האָסטו געזען, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך?"

„קיצי", „קיצי", — שעפּטשעט די מוטער, וועגנדנדיק זיך צו ראַפּי, וועלכער באַווײַזט זיך אין אָט דער רעגע אין צימער און פאַרט צו צום פּאָטער. זײַן פּאָנעם שײַנט פון גליק. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן פּאָטער, וועלכער באַטראַכט נאָך אלץ די פּאָטאָ.

„מײַן אלטער טאַטע, מײַן גוטער. ביסט א גוטער, — זאָגט שטיל ראַפּי. — ניט וויכטיק, וואָס דו הערסט ניט, ביסט א גוטער. דיך א קוש טאָן, טאַטע? וועסט זיך ניט איבערשרעקן? בר־ו־ו! עס ברענט, — שרײַט ער הילכיק אויס. דער פּאָטער זעצט פאַר באַטראַכטן די פּאָטאָ, דעמאָנסטראַטיוו איגנאָרירנדיק דעם זונס אַנוועזנהײַט. די מוטער, וועלכע האָט אופגעציטערט פונעם געשריי „עס ברענט!", פרעגט: „ס'איז עפּעס געשען? וואָס איז געשען, ראַפּי?"

„דו ווייסט ניט, וואָס איז געשען? — פרעגט ראַפּי. — האָסט ניט געהערט די נײַס? איך האָב דערפילט. כ'האָב דערפילט!"

ווי ער זאָל האַלטן אין די הענט א מיקראָפאָן, מעלדעט ער מיט א דיקטאָר־שטים: „הערט די לעצטע נײַס פונעם סינײַער הינטן־לאַך: אונדזער קאָרעספּאָנדענט טיילט מיט, אז דער יעפּ־רייטאָר ראַפּי לעווין, וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן מיט אכט כאַדאָשים צוריק בייס איי־נעם פון די רעידן און האָט געליטן פון א פּאַראַליטש פונעם אונטערשטן טייל גוף, האָט מיט א שאָ צוריק געהאַט דעם מאָגן אָן שום זײַטיקער הילף און אָן רעקטאַלע מאַניפּוליאַציעס. דער מיליטערישער הויפּט־דאָקטער פון קרײַז, וועלכער האָט אויסגעפּאָרשט דעם קאַל, האָט ארויס־געזאָגט א האָפענונג, אז אָט די ערשטע שוואַלב איז ווירקלעך אן אָנזאָג אף פרילינג".

אויסער זיך הייבט אָן ראַפּי מיטאַמאָל צו זינגען „האַלעל". די מוטער שאָקלט צום טאַקט מיטן קאָפּ, און דער פּאָטער טוט זיך א קער אויס צו ראַפּי און קוקט, אָן אופגעבראַכטער, אף אים. ראַפּי טוט ברייט א צעפּיר די הענט, ווי ער זאָל שטיין פאַר א האַמוין מיט פאַרעכער. „איך אליין, מיט די אייגענע קויכעס, אָן זײַטיקער הילף! — רופט ער אויס. — כ'האָב געפילט, ווי ס'גייט ארויס! געפילט! געפילט, גאָט מײַנער, סאַרא געטלעכער טײַנוג! באַרוך, אַטאָ, אַדעינוי איילויהיינו, מעלעך האָוילאָם, האַמויצאָ שוועלבעלעך פונעם הינטן! דאָס איז געווען גרויסאַר־טיק! א טרוים!"

„וואָס שרײַסטו? — רײַסט זיך אויף דער פּאָטער. — וואָס איז מיט דיר געשען? וואָס איז? פאַרוואָס שרײַסטו? פאַרוואָס פּאַטערסטו מיר דאָס לעבן? האָסט ניט געוואָלט לעבן אינדער־היים, — דאַרף מען ניט, מיר וועלן דיך ניט גיין בעטן. נאָר וואָס האָסטו צו עלין? ער האָט דיך געגומען צו זיך אין שטוב, מע קוקט נאָך דיר, מע זאָרגט וועגן דיר. וואָס נאָר טוט מען ניט צוליב דיר? וואָס זשע האָסטו צו אים?" — שרײַט דער פּאָטער, אַנווײַזנדיק אפן סטענד. פּלוצעם בייגט ער זיך אָן און רײַסט אראָפּ ראַפּיס פּאָטאָגראַפיע פון צווישן די פּאָטאָ פון די אומגעקומענע. — „מיט וואָס האָט ער עס פאַרדינט? — שרײַט ער און טרייסלט מיט דער פּאָ־טאָגראַפיע פאַר ראַפּי. — וואָס פאַר א פלאַכע וויצן? וואָס האָסטו געטאָן מיט זײַן שטוב? זע, זע, וואָס דו האָסט דאָ אָנגעמאַכט. וואָס איז עס? און דאָס וואָס איז? פאַרוואָס קאָנסטו ניט זײַן ווי אלע? פאַראַן נאָך פאַרוווּנדעטע. ביסט ניט איינער!"

די מוטער גייט צו שטיל צום מאַן. זי נעמט אים בא דער האַנט, נאָר א צעקאָסטער, רײַסט ער זי ארויס.

„הער שוין אויף, הער אויף, מאָרדעכײַ. גענוג!" — זאָגט די מוטער.

„וואָס וועט זײַן פון דיר? — זעצט פּאָר דער פּאָטער. — ווען וועסטו שוין אופהערן צו פאַרנעמען זיך מיט זיך אליין, מיט דײַנע פאַרוווּנדעטע, דײַנע אינוואַלידן און אָט די האַרוגים? וואָס איז עס פאַר א סטענד? וואָס דאַרף עס באַטײַטן? דו פאַרשוועכסט דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע! אָט די יונגע באַכערים האָבן מאַקריוו געווען דאָס לעבן פאַר אָט דער מעלוכע, און דו קלעפּסט זיי אויף אף א סטענד, ווי קינאָ־אַרטיסטן. איך פרעג בא דיר: ביסט אראָפּ פון זינען? דאָס גייט דאָך שוין איבער אלע גרענעצן. ווי איז עס געהערט געוואָרן? אַזעלכע יונגע בעוורע, דאָס גאַנצע לעבן איז נאָך געווען בא זיי פּאָרויס..."

„ריכטיק, זייער ריכטיק, — זאָגט ראַפּי קאַלט, — דאָס גאַנצע לעבן איז בא זיי נאָך

געוועזן פּאַריס. דאָס איז ווירקלעך אַן אומרעכט. ס'איז אַן אומרעכט, וואָס זיי זײַנען ניטאָ, און דו מיט דײַנע אַלטע שמאַכטעס ביסט אַלץ נאָך דאָ...״

„איך הער ניט, — שרײַט דער פֿאָטער, — דו ווייסט דאָך, אַז איך הער ניט!״

„אַמאָס, זעעוויק, מאָטי, גאַד, — זאָגט ראַפֿי, קוקנדיק אויפֿן סטענדע, — ווער קאָן וויסן, וואָס פֿאַר אַ שירים אַמאָס וואָלט אָנגעשריבן אין פֿינף, אין צען יאָר אַרום. און זעעוויק? גע־וויס וואָלט ער געוואָרן דאָקטער זעוו גור. שטענדיק פֿלעגט ער זײַן מיט עפּעס פֿאַרנומען. קאַלבעס, עקספּערימענטן. אין פֿינפֿטן קלאַס האָט ער אַליין צונויפֿגעשטעלט אַ ראַדיאָ־אָופּנע־מער. פֿאַרוואָס דאַרפֿן אומקומען נאָר אַכצניאַריקע? פֿאַרוואָס זאָלסטו אויך ניט זײַן דאָרטן? דו און דײַן גאַנצער דאָר? הענדלער, טוער, דעפּוטאַטן פֿון קנעסעט, מיניסטאָרן? באַשיץ דיר אַליין דײַן אַלטוואַרג. דו אַליין זיץ דאָרט און פֿרײדיק וועגן די קוואָרים פֿון די אָוועס, וועגן באַשפּיגענע שטיינער מיט מענטשלעכע הערצער״.

הינטער אים טוט זיך פּלוצעם אָן עפֿן די טיר און עס באַווײַזן זיך, איבעראַשטע, עלי און ווערע. ראַפֿי פֿילט ניט זייער אַרײַנקום און זעצט פֿאָר: „און אויב מע וועט דיך הארגענען, איז עס ניט אַזוי שרעקלעך. דײַנס האָסטו שוין אָפּגעלעבט. און זיי אָט האָבן נאָך גאַרניט באַוויזן. גיי. גיי און קום דו אום אָנשטאָט זיי.״

אין דעם מאָמענט גייט עלי אַנטשיידן צו צו ראַפֿי. מיט איין האַנט טוט ער אַ דריי צו זיך דאָס וועגעלע, מיט דער אַנדערער דערלאַנגט ער אים צוויי פּעטש און שרײַט: „ביסט פֿון זינען? וויאַזוי רעדסטו?״

„דו וואָגסט ניט אופֿהייבן אַף מיר קיין האַנט, מענוווול!״ — שרײַט ראַפֿי און וואַרפֿט אין עלין דעם פּראָיעקטאָר. ער זוכט נאָך עפּעס, נאָר עלי כאַפּט אים אָן פֿאַר די הענט. ראַפֿי גיט זיך אײַן צו באַפֿרײַען איין האַנט און ער דערלאַנגט עלין אין קין. ווערע פּרוּווט זיך אַרײַנמישן, און ראַפֿי שרײַט: „ער הערט ניט! ער איז דאָך טויב! פֿאַרשטייסט? ער הערט גאָרניט!״

עלי, ווערע און ראַפֿי ראַנגלען זיך. ווערע פּרוּווט די גאַנצע צײַט אָנכאַפּן עלין פֿאַר די הענט. די מוטער פּרוּווט אויך זיך אַרײַנמישן.

„וואָס איז עס? וואָס איז געשען?״ — שרײַט זי אין היסטעריקע. — שוין הערט אויף!״

דער פֿאָטער פֿאַרייניקט זיך צו ווערען, ביידע פּרוּוון צוזאַמען פֿאַנאַנדערנעמען עלין און ראַפֿי, דאָס גיט זיך זיי ניט אײַן. ראַפֿי וויל דערלאַנגען עלין מיט די צונויפֿגעבײַלטע פֿויסטן, נאָר יענער האַלט אים. ראַפֿי פֿאַלט אַרויס פֿון וועגעלע און בלײַבט ליגן אויפֿן רוקן. ווערע בייגט זיך אײַן און נעמט אַרום זײַן קאָפּ. זי וויל אים אוועקזעצן, נאָר ראַפֿי לאָזט זיך ניט.

„ער וועט דאָ מער ניט פֿאַרבלײַבן קיין איין טאָג, — שרײַט עלי. — דו הערסט? מער קען איך ניט! מאָרגן קערט ער זיך אום אין שפּיטאָל. זאָל מען דאָרט מיט אים האָבן צו טאָן. איך האָב מער קיין קויעך ניט. איך וויל, דו זאָלסט אוועקגיין פֿונדאַנעט, דו הערסט? וואָן פֿון מײַן שטוב!״

„וועסט אים ניט אַרויסטרײַבן פֿונדאַנעט,״ — זאָגט ווערע שטיל.

„מאָרגן גייט ער פֿונדאַנעט אוועק!״ — שרײַט עלי.

„וואָס איז? וואָס איז געשען? וואָס קומט דאָ פֿאָר, קינדער?״ — פֿרעגט דער פֿאָטער און העלפֿט ווערען אוועקזעצן ראַפֿי אויפֿן דיל. בײַ דער מוטער זײַנען די אויגן פֿול מיט שרעק. זי שרײַט: „מאָרדעכײַ!״

„וועסט אים ניט אַרויסטרײַבן פֿונדאַנעט, — זאָגט ווערע, — אויב ער וועט אוועקגיין, גיי איך אויך אוועק״.

„שרעק מיך ניט!״ — זאָגט עלי.

„איך שרעק ניט. איך וואָרן דיך״.

„דו האָסט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט דעם טאַטן? האָסט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט?״

„ער איז גערעכט,״ — ענטפֿערט ווערע און נעמט אַרום ראַפֿי פֿאַרן האַלדז.

„איך האָב מײַנס אָפּגעטאָן, — זאָגט עלי, — און דער פֿאָטער האָט זײַנס אָפּגעטאָן״.

„דיך האָט מען ניט געהאַרגעט, — ענטפֿערט ווערע, — און דו זיצסט ניט אין קיין אײַנ־וואַלידן־וועגעלע״.

„מיר איז אַלצייינס, — שרײַט עלי, — איך וויל אים מער ניט זען. דו ווילסט אוועקגיין? גיין!״

דעם פֿאָטער און דער מוטער גיט זיך אײַן אַרײַנזעצן ראַפֿי אין וועגעלע. די מוטער הערט ניט אויף צו קושן אים דעם קאָפּ.

„גוט", — זאָגט ווערע אַנטשיידן און גייט אַרויס פון צימער, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר. נאָכדעם טוט זיך פונקט אַזוי אַ פאַרהאַק אויך די דרויסן־טיר. עלי לויפט נאָך ווערען. פונעם שכניישן צימער, דערנאָך פון גאַס הערט זיך זײַן שטים: „ווערע! ווערע! וווּהין גייסטו? וואַרט אַ ווײַלע, ווערע!"

דער פֿאָטער און די מוטער גייען אַרויס נאָך אים.

„עלי! וואָס איז געשען, קינדער?"

עס הערט זיך דער מוטערס שלאָבעריק קאָל: „מאָרדעכײַ, וואַרט צו אויף מיר, מאָרדעכײַ!"

ראַפּי זיצט אײַן ווײַגעלע און קוקט פאַרויס זיך מיט אַן אַפּוועזנדיקן בליק. זײַנע הענט הענגען אַראָפּ, ווי ניט קיין לעבעדיקע, איבערן ווײַגעלע. ערשט איצט, ווען ער איז פאַרבליבן אין צימער אַליין, הייבט ער אָן אָפּט עטעמען. זײַנע אַקסל ציטערן אויף, שווער און צעצויגן הייבט ער אָן קרעכצן, ווי אַ פאַרווונדעטער אויפן שלאַכט־פעלד. ניט אויפהערנדיק צו קרעכצן, פירט ער זיך צו צום טיש, נעמט אַרויס פון טישקעסטל עפּעס אײַנגעוויקלטס אין זילבער־פּאַפּיר און דערלאַנגט פון דאָרט אַ קליינע רויטע טאַבלעטקע. ער שלינגט זי אײַן און בלײַבט שטיל. פון דער וואַזע אויפן טיש נעמט ראַפּי אַרויס אַ מושל, לייגט אים אַוועק פאַר זיך באַם טיש־לאָמפּ און וואַרט.

זיבעטער קרײַז

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ

2. די שפּיל איז פאַרענדיקט

אַנטיילנעמער: פּאַגעל און ראַפּי.
צײַט פון דער האַנדלונג: סאָף אָקטיאַבער, 1970.

פאַרווונדעט 17 אַנטיילנעמער פון דער דעמאָנסטראַציע אין אַקאַ אין צוזאַמענהאַנג מיט נאַסערס טויט. מאָסקווע און קאַיר טיילן מיט, אַז די מיטאַרבעט צווישן זיי פאַרברייטערט זיך. עס זײַנען דורך דרײַ כאַדאָשים נאָך דער מילכאָמע אויף אויסצערונג. די עגיפּטער האָבן פאַרויסגערוקט די ראַקעטעס אין ראַיאָן פונעם סועץ־קאַנאַל. גאָלדע: „עס קאָן ניט זײַן קיין צוריקקער צו די אונטערהאַנדלונגען מיט אַ פאַרמיטלונג פון יאַרינגן אָן אַ צוריקקער פון די ראַקעטעס אויף די פריערדיקע פּאָזיציעס". דער יישעוו נאַכאַל־גאָלאַן איז באַשאָסן געוואָרן פון אַ באַזוקע. פינף סאָלדאַטן פונעם גרענעץ־מיליטער זײַנען פאַרווונדעט געוואָרן, ווען מע האָט זיי באַשאָסן צאַפּנדיקער פון שאַטול. אַ גרופּע פון דרײַ דיווערסאַנטן איז גענומען אין געפאַנגענשאַפט לעבן דעם קיבוץ סאַס. יִיסראָעל האָט געוואָרנט ליוואַן, עס איז דערהאַרגעט אַ דיווערסאַנט באַם קיבוץ יִיפטאַך. צוויי דיווערסאַנטן זײַנען געכאַפּט אין ראַיאָן ביראַניט. סאַדאַט: „אונדזער כיווו איז באַפרײַען יערושאָלאַיִם, אַזע, דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדען, די גאָלאַן־הייכן און דעם סינײַ". יִיסראָעל האָט דערקלערט, אַז די עגיפּטישע אָנפאַלן, וואָס ווערן געמאַכט אויף דער גענעראַל־אַסאַמבלייע פון אָאָן, מאַכן צונישט די שאַנסן אויף אײַנרעגולירונג. צוועלף אײַנוווינער פון אַזע זײַנען פאַרווונדעט געוואָרן באַם אָנפאַרן פון אַ טראַנספּאָרט־מיטל אויף אַ מינע. אַ טראַקטאָר איז אַרויף אויף אַ מינע לעבן קערעם שאַלאָם. איין מענטש איז דערהאַרגעט געוואָרן, צוויי זײַנען פאַרווונדעט. די אַוויאַ־קאָמפּאַניע „על־אל" האָט בעדייע אָנצונעמען מער ערנסטע מיטלען, קעדיי זיכערן די געפאַרלאָזיקײַט פון אירע אַעראָפּלאַנען. דאַיאַן, אַרויסטרעטנדיק פאַר די אַקטיוויסטן פונעם פאַרייניקטן ייִדישן פּריזיוו בייסן אַרומפאָרן דעם ברעג פונעם סועץ־קאַנאַל: „אויב עס וועט זיך באַנײַען די מילכאָמע אויפן קאַנאַל, וועלן מיר זיגן". עס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן צוויי אָפיצערן פון צאַהאַל בייס זייער טראַנספּאָרט־מיטל איז אַרויפגעפאָרן אויף אַ מינע אין צענטראַלן סעקטאָר פון סועץ־קאַנאַל.

אַ שיינער זוניקער טאָג, איינער פון די לעצטע אין אָקטיאַבער. גאַנצפרי.

דאָס אָרט, וווּ עס קומט פאָר די האַנדלונג: ווײַסע געבײַען, רויטע דעכער, הויכע עוקאַ־

ליפטן, א וואַסער־טורעם, העלע בעגאָניעס רייסן זיך צום הימל, קאַלירטע קלומבעס, ארום־גערינגלט מיט ארומגעשווירענע קוסטעס, פריילעכע פאַנטאַנדלעך, פייגעלעך באָדן זיך אין קליינינקע קאַליוזשעס, בעטאָנירטע שטעגלעך שלענגלען זיך, ווי ריטשקעס, צווישן ברייטע גאַזאָנען.

אף איינעם פון די גאַזאָנען צווישן די ווייסע קאַרפּוסן זיצן בא א שטיינערן טישל ראפי און פאַגעל. פאַגעל עפּנט א שאַכברעט און שטעלט פאַנאַנדער די פיגורן. ראפי הייבט אוף דאָס פּאָנעם צו דער זון און זשמורעט די אויגן. אפן גאַזאָן ליגן מענטשן אין בלויע כאַלאַטן, דערוויטערט איינער פונעם אַנדערן און אונטערשטעלנדיק דאָס פּאָנעם דער ווייכער ווינטער־זון. אף א וויטער באַנק קוקט א יונג מיידל אף אירע צונויפגעלייגטע הענט און גאָר נאָענט, אונטער א ריזיקן עווקאַליפּט, שטייט א יונגער מאַנצבל און קוקט אף איר. פון א פּאַרגראַטעטן פענצטער אין איינעם פון די געביידן טראָגט זיך א מאָנאָטאָן גלייכמעסיקע ריטמישע שטים פון א מענטשן: „שאלאָם. שאלאָם. שאלאָם. שאלאָם. שאלאָם. שאלאָם. שאלאָם.“ די אינטאָנאַציע פון אָט דער שטים בייט זיך ניט. עס גייען דורך פינף מינוט. אלע פיגורן זיינען צעשטעלט, נאָר פאַגעל און ראפי זיינען נאָך אלץ אונטער דער ווירקונג פון די געשרייען „שאלאָם“, וואָס טראָגן זיך פון פענצטער. א דאַרער מענטש מיט א שוואַרצן קין און קורץ אָפּגעשווירענע האָר דערנענטערט זיך צום טיש, די הענט פאַרלייגט אף הינטן. ראפי און פאַגעל קוקן אף אים, און ער שמייכלט מיט א גליקלעכן שמייכל פון א געשלאָגענעם הונט, וועלכן עמעצער האָט א גלעט געטאָן.

פ אַ ג ע ל: סאַרא וווּנדערלעכע זון, און ארום אָט די שטילקייט! אַן עמעס אָפּרו־הויז.

ר אַ פ י: פאַרוואָס זשע זאָלסטו דאָ ניט וווינען, פאַגעל?

פ אַ ג ע ל: כ'קאָן ניט. כ'האָב איניאַנים.

ר אַ פ י: נאָר ווען איך וועל אַרויס פונדאַנעט, ווען איך וועל אריבער אין מיין אייגענער דירע, וועסטו וווינען בא מיר.

פ אַ ג ע ל (נאָך א לאַנגן שווייגן בייגט ער זיך אָן פאַרויס און טוט שטיל א פרעג): וואָס פאַר א טאַבלעטקע האָסטו מיר היינט געבראַכט?

ר אַ פ י: א פּיאַלעטע.

פ אַ ג ע ל (פאַרוווּנדערט): א פּיאַלעטע? וויאַזוי ווירקט א פּיאַלעטע טאַבלעטקע?

ר אַ פ י: זי שאַפט ניסים — פליסט אין די הימלען.

פ אַ ג ע ל: ווי די רויטע טאַבלעטקע, וועגן וועלכער דו האָסט מיר דערציילט?

ר אַ פ י: ניין. דאָ קאָן מען ניט קריגן די דאָזיקע טאַבלעטקעס. נאָר א פּיאַלעטע איז אויך גוט. זי וואַרפט דיך אונטער און דו פליסט...

פ אַ ג ע ל: געדענקסט, יענע געלע, וואָס דו האָסט מיר געגעבן פאַריקע וואָך?

ר אַ פ י: „פּראַטראַנקיל“?

פ אַ ג ע ל: דאָס איז א גוטע טאַבלעטקע. מיר האָבן מיט כאַנען איינגענומען צו איינער נאָך אָוונטברויט. כ'האָב זיך נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געפילט... עפּעס אַזאַ געפיל... איך ווייס גאָר ניט, ווי מאָלט מען עס דיר אויס. כ'האָב זיך געפילט, ווי נייגעבוירן. אינווייניק — רו, רויקייט. מיר האָבן זיך נאָך אָוונטברויט געלייגט שלאָפן, און גלייך איינגעשלאָפן. א גאַנצע נאַכט געשלאָפן, ווי קינדווייז. קיין שום זאָרג, קיינע דייגעס. אכט אינדערפרי זיינען מיר אופגעשטאַנען פרישע, יונגע. שוין א סאַך יאָרן פון אַזוינס ניט געוווּסט.

ר אַ פ י: ס'איז א באַרויִקנדיקע טאַבלעטקע.

פ אַ ג ע ל: קענסט קריגן נאָך?

ר אַ פ י: כ'האָב. מע גיט מיר פיר שטיקלעך א טאָג. נאָר ניט אלע נעם איך איין. ווען קיינער זעט ניט, באַהאַלט איך און פאַרהיט, פונדיינעטוועגן. אַזוי קען איך ניט מער. איך בין דאָ צופיל געשלאָפן. צוערשט, ווען כ'בין געווען... דו ווייסט. דאַן פלעגט מען מיך איינשלעפערן אף פיר טאָג נאָכאַנאַנד. פאַראַן אַזאַ מעטאָד. היילונג מיט שלאָף. דאָס באַרויִקט אַבסאָליוט. א געלעכטער — ווילסט מאַכן א סאָף צו דיינע יאָרן, נעמסט איין שלאָף־געטראַנק, און דיר שווענקט מען דורך דעם מאָגן און מע שלעפערט דיך איין. אַנשטאָט אייביקן שלאָף גיט מען דיר א דווערנדיקן, אונטער אַן אופזיכט.

פ אַ ג ע ל: און וואָס איז עס געווען פאַר א ווייסע טאַבלעטקע, וועלכע האָט מיטאַמאָל מיך געמאַכט יונג?

ר אַ פ י: „פּיטאָן“, א טאַבלעטקע, וואָס גיט צו ענערגיע.

פ אַ ג ע ל: איך בין ווירקלעך א גאַנצן טאָג פול געווען מיט ענערגיע. דער קאָפּ האָט געקלונגען און איז געווען שאַרף, ווי א גאָלמעסער. ווען מיר איינעמען באַלד צו פּיאַלעטע?

ר אַ פ י: ניין. לאָמיר נאָך א ביסל א שמועס טאָן.

פ אַ ג ע ל: וועגן וואָס וועלן מיר שמועסן?

ר אַ פ י: וועגן דער היים.

פ אַ ג ע ל: גוט. (שפּאַרט אָן דעם קין אף די הענט, גרייט צו הערן).

ר א פ י: וועסט ווײַנען בײַ מיר, ווען איך וועל פֿונדאַנעט אַרויסגיין?
פ אָ ג ע ל: יאָ, ווײַל כאַנע וויל לעבן אין מאַשאַווי[1]. זי וויל לעבן מיט אונדזער טאָכטער. און איך קען ניט. איך מוז זײַן אין שטאָט. בײַ דער שטוב.
ר א פ י: כ׳ווייס. וועסט ווײַנען בײַ מיר.
פ אָ ג ע ל: נאָר ווייס, כ׳וועל דיר צאָלן דירעגעלט. און שפּאַר זיך ניט מער.
ר א פ י: וועגן דעם קען אַפֿילו קיין רייד ניט זײַן!
פ אָ ג ע ל: אויב אַזוי, וועל איך בײַ דיר ניט ווײַנען. דו האָסט אויך געצאָלט, ווען האָסט געווױנט בײַ מיר.
ר א פ י: פֿערציק ליר.
פ אָ ג ע ל: פֿאַר אַ פּיצל צימערל אויף וואַשן גרעט. אומזיסט וועל איך בײַ דיר ניט ווײַנען. בעשום־אויפֿן!
ר א פ י: גוט, גוט. בייזער זיך ניט. וועגן דעם וועלן מיר נאָך שמועסן, ווען איך וועל פֿונדאַנעט אַרויסגיין.
פ אָ ג ע ל: ווען וועסטו פֿונדאַנעט אַרויסגיין?
ר א פ י: קומענדיקע וואָך.
פ אָ ג ע ל: פֿאַריקע וואָך האָסטו אויך אַזוי געזאָגט. (דער מענטש, וואָס שטייט לעבן זײַ און הערט דעם געשפּרעך, באַשטעטיקט עס מיט אַ שאָקל פֿונעם קאָפּ).
ר א פ י: דו וועסט בײַ דער שטוב באַגיסן די בלומען. בײַ אונדז וועט זײַן אַ גאַזאָן אַ גרינער — אַ גרינער און אַ ווייכער, ווי זײַד. וועסט אַלע טאָג אַ באַרוועסער אַרומגיין איבערן גראָז.
פ אָ ג ע ל: כ׳האָב ליב מיט באָרוועסע פֿיס גיין איבערן גראָז. מע דאַרף זיך נאָר היטן פֿאַר גלאָז־שטיקער.
ר א פ י: כ׳ווייס. האָסט מיר געזאָגט.
פ אָ ג ע ל: כ׳האָב דיר דערציילט, ווי איינמאָל — דו ביסט נאָך דאַן געווען אַ קינד — האָב איך אָנגעטראָטן אויף גלאָז אין אַן אָפּרו־הויז?
ר א פ י: און מיר וועלן ביידע מאַכן מיטיק אין דער היים. דו וועסט צוגרייטן אַ סאַלאַט, און איך — אַ פֿרעזשעניצע. איך קען גוט מאַכן אַ פֿרעזשעניצע.
פ אָ ג ע ל: און נאָכדעם וועל איך וואַשן דאָס געפֿעס.
ר א פ י: דאָס דאַרף מען ניט. מיר וועלן האָבן אַ שטוב־אַרבעטערין. אונדז וועט זי צושיקן דאָס שוץ־מיניסטעריום. זי וועט אַלץ פֿאַר אונדז טאָן. ווילסטו ווײַנען בײַ מיר? (דער קראַנקער, וואָס שטייט לעבן זײַ, באַשטעטיקט ווידער מיט אַ שאָקל פֿונעם קאָפּ).
פ אָ ג ע ל: פֿאַרשטייט זיך, איך וויל. (פּויזע). נאָר איך קען ניט.
ר א פ י: פֿאַרוואָס קאָנסטו ניט?
פ אָ ג ע ל: פֿאַראַן איניאָנים.
ר א פ י: אויב אַזוי, וועל איך ניט אַרויסגיין פֿונדאַנעט. און איך וויל ניט שפּילן אין שאָך.
פ אָ ג ע ל: נו, אָט, ראַפּי, זײַ ניט באַרויגעז. מיר וועלן זען. מעגלעך. עפּשער וועל איך פֿאַרקויפֿן מײַן שטוב די קוואַרטיראַנטן. צוואַנציק יאָר. איין מישפּאָכע וווינט שוין 28 יאָר. 35 ליר אַ כוידעש. מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אָנגעהויבן צאָלן 80. די שטוקאַטורקע שטייט אָפּ. די טרויבן פּלאַצן. דער דיל איז קאַליע געוואָרן. ווו וועל איך נעמען געלט אויף רעמאָנט? נאָר אויב איך וועל אַלץ אָפּרעמאָנטירן, וועלן זיי ניט אַוועקגיין. אַזוי, ווען דאָס הויז איז אָן אויפֿזיכט, גייען זיי אַוועק און איך באַקום כאַטש אַ דריטל־טייל פֿון אַפּטריט־געלט. ווען ניט דאָס, וואָלטן מיר געשטאָרבן פֿון הונגער. דער געזעץ באַשיצט דעם קוואַרטיראַנט גוט, ווייל. און ווו איז אַ געזעץ, וואָס זאָל באַשיצן דעם באַלעבאָס פֿון דער שטוב?
ר א פ י: פֿאַרקויף די שטוב, פֿאָגעל, און ווױן בײַ מיר.
פ אָ ג ע ל: מיר וועלן זען. מירן זען. מעגלעך.
ר א פ י: שטענדיק זאָגסטו אַזוי — מעגלעך.
פ אָ ג ע ל: ענדלעך, ענדלעך, דאַנקען גאָט!
ר א פ י: וואָס איז געשען?
פ אָ ג ע ל: ענדלעך איז ער אַנשוויגן געוואָרן. וואָס איז מיט אים?
ר א פ י: כ׳ווייס ניט. אַלע טאָג דאָס זעלבע. און שטענדיק אין דער זעלבער צײַט — „שאַלאָם", „שאַלאָם", — מע קען פֿון זינען אַראָפּ! (צום קראַנקן, וואָס שטייט לעבן זײַ מיט אַ ברייטן שמייכל). גילאַד, גיי פֿרישטיקן. מע גיט טיי. גיי טרינק אויס אַ גלאָז טיי. גיי,

[1] אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער יִישעוו פֿון פֿאַרמערשן טיפּ.

גילאַד. (דער קראַנקער שאָקלט מיטן קאָפּ, מאַכט עטלעכע טריט, בלײַבט שטיין, שאָקלט נאָכאַמאָל מיטן קאָפּ און גייט אַוועק).

פּאַגעל: ברענגען דיר טיי?

ראַפּי: ניין, ניין. ווילסט שפּילן?

פּאַגעל: דו ווילסט?

ראַפּי: מע קען. (פּאַרטיפן זיך אין שאָך).

פּאַגעל (נאָך עטלעכע גענג): **יאָסי, יאָסי, איינמאָל האָסטו שוין געמאַכט אַזאַ טאָעס.**

ראַפּי: ניט וויכטיק. שפּיל, שפּיל. (זיי זעצן פאָר שפּילן. פּאַגעל זינגט עפּעס שטיל אונטער דער נאָז).

פּאַגעל (הערט אויף אונטערזינגען און קוקט אף ראַפּי): **כ׳וויל בא דיר פרעגן עפּעס פּערזענלעכס, וועסט זיך ניט בייזערן אף מיר?**

ראַפּי: וועגן וואָס?

פּאַגעל: פאַרוואָס האָסט פאַרברענט די פאָטאָגראַפיעס?

ראַפּי: איך?

פּאַגעל: נאָך יענעם שמועס, געדענקסט? ווען מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרייביקן דעם אָנדענק, האָסטו פאַרברענט אַלע דײַנע פאָטאָ. פאַרוואָס?

ראַפּי: זיי זאָלן פאַרגעסן. זאָלן זיי פאַרגעסן. עס וועט דאָך סײַווי ניט העלפן. מע וויל ניט קוקן — דאַרף מען ניט. אַלצייַנס זעען זיי ניט. אַפילע ווען זיי קוקן. ווי דער פאָטער. וואָס ער וויל ניט, הערט ער ניט. בעסער פאַר אַלץ, עס זאָלן ניט זײַן קיין אינוואַלידן. מע זאָל שטאַרבן אינדערהיים. מע זאָל זיי ניט זען. זיי זאָלן ניט קומען אפן פּאַראַד אינעם טאָג פון אומאָפּהענגיקייט. ניט גיין אין קינאָ, ניט באָדן זיך אין יאַם. זאָלן זיי גיין פונדאַנעט!

פּאַגעל: מע טאָר אַזוי ניט ריידן.

ראַפּי: ס׳איז דען פאַרבאָטן? ווער האָט עס פאַרבאָטן? איך קאָן ריידן אַלץ, וואָס איך וויל, נאָר ביכלאַל איז עס ניט וויכטיק. פאַרגעס וועגן דעם. ווען גייט עס אָן? שפּיל, פּאַגעל, שפּיל. זעסט ניט, דײַן פערד איז אין געפאַר. (נאָך אַ לענגערער פּויזע): **ווייסטו וואָס?**

פּאַגעל: וואָס?

ראַפּי: לאָמיר אײַנעמען צו אַ טאַבלעטקע.

פּאַגעל: גוט. ברענגען וואַסער?

ראַפּי: מע דאַרף ניט. וועסט אײַנשלינגען אַזוי. (נעמט אַרויס פון דער פּיזשאַמע־קעשענע צוויי טאַבלעטקעס. פּאַגעל באַטראַכט אופמערקזאַם די פּיאַלעטע טאַבלעטקע, וואָס ראַפּי גיט אים, און ביידע שלינגען אײַן).

פּאַגעל: ווען הייבט עס אָן ווירקן?

ראַפּי: אין עטלעכע מינוט אַרום. באַלד וועסטו דערפילן.

זיי מאַכן נאָך עטלעכע גענג. פּאַגעל הייבט אויף די אויגן און קוקט אף ראַפּי מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ראַפּי שמייכלט און לאָזט זיך ווייך אַראָפּ אינעם אַלטנס אָרעמס. זיי מאַכן לאַנגזאַם נאָך צוויי גענג אפן שאָכברעט, טיילן זיך אָפּ פון דער ערד און נעמען שוועבן אַלץ העכער אינדערלופטן. ראַפּי אָן דעם אינוואַלידן־וועגעלע, מיט די שלאַבעריקע אומבאַוועגלעכע פיס, און לעבן אים פּאַגעל, צעשפּרייט די הענט, ווי פליגל. אין געציילטע ווײַלעס הייבן זיי זיך אויף איבער די ווײַסע הײַזער מיט די רויטע דעכער, איבער די עווקאַליפּטן און דעם הויכן וואַסער־טורעם, און ערשט איצט, קוקנדיק פון אָט דער פויגל־הייך אַראָפּ, זעען זיי, אַז דער שפּיטאָל שטייט, ווי אַ גרין בעשאָלעמדיק אינדזל, אין אַ יאַם פון כורבן. אף יענער זײַט הויכער פאַרצאַמונג פון שטעכדראָט און פון ביידע זײַטן פונעם שמאָלן וועג, וועלכער פירט צו אים, איז דער שפּיטאָל אַרומגערינגלט מיט אַ בעסוילעם פון מעטאַלברוך: גאַנצע פעלדער מיט צעקלאַפּטע און פאַרברענטע טאַנקען, געפּאַלמעסטע פראַכט־מאַשינעס, האַרמאַטן מיט צעריסענע רערן, הויפנס אָפּגענוצטע שינעס, בערג מיט צעהאַרגעטע דזשיפּן און צעקאַרדאַשעטע פּאַנצער־טראַנספּאָרטיאָרן, צעוואָרפענע אין אַלע זײַטן שטיקער פון טאַנקען־רויפּן, מאַשינעס אָן רעדער, איבער־געקערטע אפן רוקן, ווי טויטע טאַראַקאַנעס, בערג מיט פּוילנדיקע מאַסקיר־נעצן, גאַנצע פעלדער מיט אויסגעשאָסענע פּאַטראָן־הילזעס, פּאָרמלאָזע פּיראַמידעס פון צעקוועטשטע קאַניסטרעס, צעקלאַפּטע אינזשעניערישע אויסשטאַטונג, קנוילן פאַרזשאַווערט שטעכדראָט, הויפנס צעקלאַפּטע אַמוניציע, טראָפּייען פון אַלע מילכאָמעס, צעקלאַפּטע און צעהאַרגעטע, אַ פּאָרמלאָזער מישמאַש פון צעוואָרפענע קריגס־מאַטעריאַלן און אַ יאַם פון ווילדגראָז — ווינסטע כורוועס פון טויט אַרום אַ מעלוכישן אָפּרו־הויז פאַר קראַנקע נעשאָמעס.

ראַפּי און פּאַגעל שוועבן אַלץ העכער אין הימל.

פּאַגעל: מיר זײַנען אין הימל, ראַפּי.

ראַפּי: גיין קאָן איך ניט, נאָר פליִען איז אַזוי לײַכט, ווי אין אַ כאָלעם.

פּאַגעל: זע, ראַפּי, טו אַ קוק אַהין, אַראָפּ, אף אָט דעם בעסוילעם.

ראַפּי: איך זע, מיר דערווײַטערן זיך.

פאַגעל: צום יאַם, לאָמיר פליִען צום יאַם, ווײַט־ווײַט פונדאַנעט, אַף יענער זײַט יאַם. האַלט זיך אָן פאַר מײַן האַנט, יאַסי!

ראפי: איך האַלט, איך האַלט זיך.

פאַגעל: אַמאָל האָב איך געזען אַזאַ פילם. דאָרט זײַנען אויך מענטשן געפלויגן אין הימל.

ראפי: אונטן זעט אַלץ אויס אַזוי קליין...

פאַגעל: ווי מייַנסטו, די מענטשן דאָרט, אונטן, זעען אונדז?

ראפי: איך ווייס ניט.

פאַגעל: און עפשער טוען מיר אַ פאַרבאָטענע זאַך? דער געזעץ פאַרווערט מיסטאַמע פליִען אין הימל?

ראפי: געוויס. נאָר וואָס האָט עס שוין איצט פאַר אַ באַדײַטונג? אָט איז דער יאַם!

פאַגעל: איך זע דעם יאַם, כ׳זע אים, ראַפי! ס׳איז אַזוי שיין.

ראפי: לײַף איז טעריבל, פאַגעל, איזנ׳ט איט? סענק גאָד![1]

פאַגעל: וואָס?

ראפי: גאָרניט, פאַגעל, גאָרניט. שפּיל דערמיט, טאַטע, שפּיל.

פאַרהאַנג

ייִדיש — ב. מילער —

---

[1] דאָס לעבן איז שרעקלעך, פאַגעל, ניט אַזוי? דאַנקען גאָט! (פון דער ענגלישער פּאָעזיע).

פונעם ווינטער=פּאַלאַץ ביז בערלין

ער שטאַמט פון דער ווײַסרוסישער שטאָט נעוועל, ווו ער איז אין 1896 געבוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער מישפּאָכע. דער פאָטער זײַנער, מייער שנײַדערמאַן, איז געווען אַ טרעגער. מיטן קאָרב אַף די פּלייצעס האָט ער צופוס אויסגעמאָסטן ניט איין צענדליק ווערסט איבער שטעטלעך און דערפלעך, קעדיי ווי־ניט־איז באַזאָרגן מיט ברויט די מישפּאָכע מיט פיר קינדער — דרײַ זין און אַ טאָכטער. מייער דעם טרעגערס מיטעלער זון, יויסעף, האָט אין די ייִנגלשע יאָרן זיך געלערנט אין כיידער און אין דער דרײַיאָריקער שול. אין דרײַצניאָריקן עלטער האָט ער שוין אָנגעהויבן געבן פּריוואַטע שטונדן די קינדער פון פאַרמעגלעכע מישפּאָכעס און איינצײַטיק געלערנט „עקסטערן". צו זעכצן יאָר האָט ער אָפּגעגעבן אין וויטעבסק עקזאַמענעס פארן גימנאַזיע־קורס און באַקומען דעם טיטל „אַפּטעקאַרסקי אוטשעניק".

אין 1913 איז יויסעף אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, געאַרבעט אין אַן אַפּטייק און אַרײַנגעטראָטן אין האַלב־לעגאַלן פאַריין פון אָנגעשטעלטע פאַרמאַצעווטן. אין 1915 האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון אָט דעם פאַריין. קורץ פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז אים אויסגעקומען אָנפירן מיט אַ שטרײַק פון די פאַרמאַצעווטן, וועלכע די פּריוואַטע אַפּטייקערס פלעגן אומראַכמאָנעסדיק עקספּלואַטירן.

אין 1916 גיט זיך שנײַדערמאַנען אײַן צו ווערן אַ סטודענט אין פּסיכאָנעוראָלאָגישן אינסטיטוט, אויסמײַדן די פּראָצענט־נאָרמע פאַר ייִדן. אַף דער שוועל פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען די רויטגווארדייער פון פּעטראָגראַד האָבן זיך געגרייט צום אופשטאַנד, איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער סאַניטאַרער דרוזשינע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער קאַזאַרמע פון אַ „נייטראַלן" פּאָלק אַף דער מיליאָנע־גאַס (איצט טראָגט זי דעם נאָמען פון כאַלטורינען), בישכיינעס מיטן ערמיטאַזש. דעם 25 אָקטיאַבער, ווען ס'האָט דורכגעדונערט איבער דער גאַנצער וועלט דער זאַלפּ פונעם קרייסער „אַוראָרא" און די רויטגווארדייער האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין ווינטער־פּאַלאַץ און אַרעסטירט די מיטגלידער פון קערענסקיס מיניסטאָרן־קאַבינעט, איז אַף דער וואַך לעבן פּאַלאַץ, אינאיינעם מיט זײַנע כאַווירים, געשטאַנען דער 21־יאָריקער סאַן־דרוזשיניק יויסעף שנײַדערמאַן. דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין זײַן לעבן.

די ערשטע דרײַ יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט יויסעף שנײַדערמאַן געאַרבעט אינעם אַפּטייק־אַמט. אין 1920 האָט זײַן פּראָפּאַריין אים געגעבן אַ פּוטיאָווקע אין דער מיליטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אין 1926 און ביזן 1952 געאַרבעט אַלס מיליטערישער דאָקטער.

בייס דער מילכאָמע מיט די ווײַספינער איז יויסעף מיראָנאָוויטש הויפּט־דאָקטער פון אַן עוואַקאָ־האָספּיטאַל. פאַר מוסטערהאַפט אויספילן זײַן כויוו האָט ער באַקומען פון מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינינס האַנט די ערשטע באַלוינונג — אַן אָרדען פונעם רויטן שטערן. אין זעלבן יאָר איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

יויסעף שנײַדערמאַן

אין מעשעך פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט דער פּאָלקאָווניק פון מעדיצין־אַמט שנײַדערמאַן פּאַרגעזעצט זײַן אַרבעט אלס שעף פון עוואַקאַ־האָספּיטאַל. ער פּאַרענדיקט די מילכאָמע הינטער בערלין.

זײַן טרײַע מי אינעם בלאָקירטן לענינגראַד און אפן צווייטן ווײַסרוסישן פראָנט איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן — ער האָט באַקומען א לענין־אָרדען, צוויי אָרדענס פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן, אָרדענס פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פון 1־טער און 2־טער שטופּעס און פינף מעדאַלן. כוץ דעם, האָט די קאָמאַנדשאַפט פונעם לענינגראַדער פראָנט אים באַלוינט אין 1942 מיט א נאָמענטלעכן זייגער.

אפילע נאָך איצט, בא זײַנע 78 יאָר, איז ניט אוועק אָף אָפּרו דער ענדאָקרינאָלאָג שנײַדערמאַן. צוויי מאָל אין וואָך קומט ער אין זײַן פּאָליקליניק. כוץ דעם, פילט ער אויס געזעלשאַפטלעכע פליכטן אין דער פּריזיווליקער געזעלשאַפט פון דער סאָוועטישער ארמיי און פלאָט — דאָסאַאַף, אין ראַט פון די וועטעראַנען פון דער מיליטעריש־מעדיצינישער אקאַדעמיע אָף קיראָווס נאָמען, אין דער געזעלשאַפטלעכער פּאָליקליניק פונעם קויבישעווער ראַיאָן פון לענינגראַד.

שנײַדערמאַנס פרוי סאָפיע מיכײַלאָוונע ווײַנשטאָק איז אויך א דאָקטער — א פּעדיאַטער, איצט איז זי אָף פענסיע. זייער זון מיכאַיל האָט אָנטיילגענומען אין דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און איז באַלוינט מיט אָן אָרדען. אין 1950 האָט ער פאַרענדיקט דעם עקאָנאָמישן פאַקולטעט פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט און אַרבעט אלס פּעדאַגאָג אינעם לענינגראַדער כימיש־פאַרמאַצעווטישן אינסטיטוט. דאָ ניט לאַנג האָט ער פאַרטיידיקט זײַן קאַנדידאַטישע דיסערטאַציע.

איך האָב בעקיוון ניט באַפּוצט די באַשרײַבונג פון יוסעף מיראָנאָוויטש שנײַדערמאַנס לעבן מיט שיינע עפּיטעטן און זיך אָפּגעהאַלטן קאָמענטירן זײַנע אופטועז. א דערפאַרענער דאָקטער, אַן אַלטער קאָמוניסט, א וועטעראַן פון צוויי מילכאָמעס, האָט ער דורכגעמאַכט דעם וועג פונעם ווינטער־פּאַלאַץ ביז בערלין.

אזריעל ליבערמאַן,
לענינגראַד

די ווײַסע מעווע

נאָכן אויספילן די שלאַכט־אויפגאַבע פליט דער באָמבאַרדירער צוריק צו זײַן אַעראָדראָם אין דער פינצטער. ברומענדיק אין הימל, ציִען זיך נאָך אים די אַנדערע אַעראָפּלאַנען.

אהיים פירט מיכאַיל פּלאָטקין זײַן מאַשין מיט אזא געפיל, גלײַך עס איז נאַרוואָס פּאַרגעקומען ניט קיין שלאַכט־אָפּעראַציע, נאָר ווי עס וואָלט אָפּגעטאָן געוואָרן א געוויינלעך שטיקל אַרבעט. אזוי אָדער אַנדערש, אָבער די מינעס האָט מען צעשטעלט דאָרט, ווו עס איז געווען באַפוילן.

די כאַוויירים רופן מישען „דער ווונדער פונעם פּאָלק" און „בען־מאַזל", ווײַל אַלץ, וואָס ער טוט, באַקומט זיך בא אים לײַכט און שיין.

ווי אַלעמאָל אין אזעלכע רעגעס, פילט ער מאַמעש הינטער דער פּלייצע דעם אָטעם פונעם עקיפּאַזש. די עסקאַדריליע פליט בעשאָלעם צו זיך אפן אַעראָדראָם, די פאַרגעבונג — אויסגעפילט, אַלץ איז גוט. אין א האַלבער שאָ ארום וועט פּלאָטקין איבערגעבן דעם רודער זײַן געהילף, און דאַן קאָן מען אפילע כאַפּן א דרעמל.

גאָר פונווײַטן שווימט ארויס אין זיקאָרן א הילצערנע לאַנגע געבײַדע, וואָס פאַרנעמט א גאַנצן קוואַרטאַל אין דער שטאָט קלינצי. אין אָט דער געבײַדע דערזעט מישע זײַן קינדהייט.

דער טאַטע רופט אים „מיזיניקל". מישע איז אַלט צען יאָר. ס'איז זומער 1922. ער האָט דעמלט געקלערט, אַז דער פּאָטער האָט אים ליב דערפאַר, ווײַל ער לערנט פלײַסיק געמאָרע, קען גוט די ייִדישע נעווי׳ים, גלייבט אין זייער כאָכמע. ער איז שטאָלץ, ווען דער טאַטע גלעט אים דערפאַר מיט זײַן גרינגער האַנט, ווײַל יענער איז א רעבע און איז באַקי אין עמונע. עמעס, דער כיידער איז שוין לאַנג פאַרמאַכט, און דער טאַטע — קוים וואָס ער לעבט, די אַסטמע מאַטערט אים, די באַהעפטונג מיט דער נײַער, אַנדערער וועלט, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין לאַנד, וואָלט אָפּגעווענדט פון יענער ספאָרים־אַטמאָספער, וואָס דער אַלטער האָט אין זיך אַרײַנגעזאַפּט, אָבער אויסבויען א בריקל צווישן אָט דעם אַלעמען איז ער ניט געווען בעקויעך.

ס'איז געקומען דער טאָג, ווען מוישעלען איז געוואָרן אומדערטרעגלעך צו קוועטשן די באַנק

מיכאַיל פּלאָטקין

בא דער טוירע, ער איז אוועק אין וואלד צו די פאבריקישע כעוורע און שוין געמוזט טראכטן וועגן דעם, וו׳אזוי זיך פארענטפערן פאר דער מאמען...

דער מאמעס הענט וועלן זיך געוויס אַף עטלעכע לאנגע ווײַלעס אָפּרײַסן פון די בולקעס און בייגל, וועלכע זי באקט פאר די פאבריקארבעטער, — מיט דעם טאקע ציט די כאיונע דאָס געזינד. דער מאמעס גרויסע מידע אויגן וועלן מיט צאר אָפּמעסטן מוישעלען פון קאָפּ ביז די פיס, און זי וועט אים מעכאבעד זײַן מיט א פײַן בינטל קלאָלעס, אפן יידישן אויפן. עס פארדריסט איר, וואָס דער מיזיניק איז דאר און קוואר, ווײַל עסן עסט ער גאָרניט און אין שלאָף שרײַט ער: „קלאָפּ, סטיאָפּקע! שיק די פילקע אין טויער!..״ אָבער מוישעלע וועט זיך פארענטפערן פאר דער מאמען, אז ער האָט געעטעמט מיט לופט, מיט לויטערער וואלדלופט, ער וועט טײַנען, אז אָט די לופט איז די בעסטע פארן געזונט, אז זי מאכט זײַנע מוסקולן פעסט. דערנאָך וועט ער זיך אָנקלאָגן, אז ער איז הונגעריק, ווי א וואָלף, און די מאמע וועט אים אלץ מויכל זײַן.

ס׳קאָן זײַן, אז אין יענעם וואלד פון דער קינדהײַט האָט מוישעלע זיך אויסגעלערנט ליב האָבן מיט אלע קויכעס די פרײַנט, שווארץגעקרײַזלטע און בלאָנדע, אזוי אז זיי אלע וועלן אים צאָלן מיט דעם זעלבן — דאָס גאנצע לעבן און לאנג שוין נאָכן טויט... נאָר דערווײַל ליגן נאָך מיכאַילס דלאָניעס אפן רודער, און ער דערזעט, ווי אין א כאָלעם, אן אעראָפּלאַן, זײַן ערשטן אעראָפּלאַן. אין הימל פארשווינדט דער שטרענגער יידישער גאָט, און אָנשטאָט אים פליט איבערן וואלד אן אעראָפּלאַן. מוישע איז איבעראשט, ער קוקט זיך אײַן אינעם שטאָלענעם פויגל, און שפּעטער מאָלט ער אים אָן אַף א ווײַס בייגעלע פּאפּיר...

אזוי, קימאט אומבאמערקט — די שול געענדיקט, זיבן קלאסן, און שטילערהייט וועגן מאָסקווע געטרוימט. די שטוביקע האָבן, פארשטייט זיך, גאָרנישט ניט געוווּסט: דער גענויער פּלאן פון דער רײַזע איז פאנאנדערגעארבעט געוואָרן געהיים.

אָן א גראָשן געלט, אָן א בילעט, ליגנדיק קימאט דעם גאנצן וועג אפן שטויביקן דיל אונטער דער באנק, האָט זיך מוישעלע פונדעסטוועגן דערקליבן קיין מאָסקווע. זיך באקענט מיט פארוואָרלאָזטע יאטן און גענעכטיקט מיט זיי אַף וואָקזאלן...

מיכאַיל פּלאָטקין אָרדנט זיך אײַן באקוועמער אַף זײַן אָרט אין דער פּילאָטן־קאבינע און טוט א גלעט מיט די פינגער דעם רודער. פון אונטן — קיין מינדסטער פונק, שטאָקפינצטער.

יאָ, מאָסקווע, מאָסקווע...

אין 1929 פארענדיקט מישע קורסן פון פּלי׳ערמעכאניקער און איינצײַטיק די פאבריק־זאוואָדישע שול.

מיכאַיל טוט א קוק אַף זײַנע גרויסע, קרעפּטיקע הענט, וועלכע האלטן פעסט דעם רודער, ער באטראכט זיי מיט וווּנדער — גאָר ניט געגליכן צו די הענט פונעם רעבנס מיזיניקל. יאָ, אזא געשיכטע...

מארי׳ען, לעכאָלהאפּאָכעס, זײַנען זיי געווען געפעלן, אויך יענע, די הענט פונעם רעבנס מיזיניק, דאָס ווייסט ער אַף געוויס. מארי׳ע איז אן אוקראַי׳נערן. זיי האָבן ניט לאנג געקלערט — אוועק אין זאגס, זיך צעשריבן.

א סוואָרע, ס׳איז צײַט שוין איבערצוגעבן דעם רודער דעם געהילף. מיכאַיל טוט עס און מאכט צו מיט פארגעניגן די אויגן.

קיין קאָמיוגיסט איז ער ניט געווען, אין 1939 טרעט ער ארײַן גלײַך אין פּארטיי.

אין יענעם יאָר איז דער מארשרוט, מיט וועלכן זיי פלי׳ען איצט, געווען א ווינטערדיקער — ס׳איז געגאנגען די פינלענדישע מילכאָמע. דאן איז אויך אויסגעקומען מינירן פארשייטענע אײַנגוסן, פלי׳ען איבער די אלאנדישע אינדזלען, אָנפאלן אַף פײַנטלעכע שיפן, באָמבירן דעם סוינעס פארפעסטיקטע פּאָזיציעס.

דעם 21 אפּרעל 1940 איז מיכאַיל באלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען.

זײַנע הענט האָבן געהאלטן די רודערס פון קאָלערליי אעראָפּלאַנען אינעם באלטישן רויט־

פאניקן לופט־פלאָט. ער האָט זיך געלערנט אליין, געלערנט זײַנע כאַווײרים.

די פאשיסטן האָט ער באגעגנט מיט פאר־ ביכטנדיקן פײַער. מע דאַרף זײַן געניט, קעדײַ די באָמבע זאָל פינקטלעך טרעפן אין ציל. מע דאַרף אויסכאָוועען אַן ערשטראנגיקן שיסער אין עקיפּאַזש, קעדײַ אונטערצינדן א היטלערישן „פּאַקער“, וועלכער טראָגט זיך ארום אין הימל, מע דאַרף זײַן א מײַסטער — אַן „אַס“, קעדײַ קאָנען אַף א שווערער מאשין פליִען נידעריק איבער די קעפּ פון טאנקען־קאָלאָנעס, ווען עס דוכט זיך, אז לאָז נאָר ארויס די שאסי, פאר־ טשעפּען זיך די רעדער אין די פײַנטלעכע פאנצערן.

עס זײַנען געווען אין מיכאַילס לעבן גליק־ לעכע שאָען. אָן דאַן, ווען די סאָוועטישע אינפאָרמביוראָ פלעגט אָנרופן די פארברענטע דערפער און יישוווים פונעם לאַנד, ווען זי פלעגט מיטיילן וועגן די פאַרפּײַניקטע טויזנ־ טער מענטשן, וועגן די מיליאָנען פאַרטיליקטע יידן, האָבן די דערמאָנונגען וועגן יענע גליק־ לעכע שלאַכט־שאָען אונטערגעהאלטן מיכאַילן, געלינדערט די ליידן.

אין אָנהייב אויגוסט 1941, ווען בערלין האָט זיך אזוי געקוויקט מיט דער אומבאַשטראָפט־ קײַט און פלעגט ניט אויסלעשן די שײַן, איז מיכאַיל פיר מאָל אהין געפלויגן. מע האָט גע־ דאַרפט אומבאמערקט, בלינדערהייט דורכפליִען א העלפט דײַטשלאנד, ניט ארויסרופנדיק באַם סוינע קיין כשאד, און זיך דורכרײַסן צו דער היטלערישער הויפּטשטאָט. מיכאַיל פלעגט אלע־ מאָל אויפנעמען דעם פלאַם פון די בערלינער סרייפעס, וואָס ער און זײַנע כאַווײרים האָבן צעצונדן, ווי בענגאלישע פײַערן אַף דעם יאָמ־ טעוו פון נעקאָמע.

נאָך די בערלינער אָפּעראציעס איז מיכאַיל געוואָרן א העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד און א מאיאָר.

באלוינונגען האָט ער געהאט א סאך, די לעצטע פאר צעבאָמבירן אַן אַעראָדראָם אין פּסקאָוו און פאר די צעשמעטערטע אײַזנבאַן־ קנופּן דנאָ, לוגע, טאָסנאָ, נארווע — אַן אָרדען פונעם רויטן שטערן. דאָס איז געווען אין פעוו־ ראל 1942. איצט איז דער 7 מארט 1942. באלד וועלן זיי שוין זײַן אין דער היים. מיכאַיל צעעפנט די אויגן. ערגעץ נאָענט, אַף יענער זײַט פינצטערער ראנט פון דער נאכט, ווארט אַף זיי דער אייגענער אעראָדראָם. עס דוכט זיך, אז אָט איז ער שוין, פון אונטן.

נאָר וואָס איז געשען? עפּעס א מאָדנער רויש יאָגט אָן דעם פלאגמאן. צי דען האָט איינע פון די מאשינעס זיך אזוי דערנעענטערט? געפער־ לעך נאָענט...

דאָס האָט שוין זײַן באָמבארדירער געברענט, און ראטעווען זיך איז געווען אוממעגלעך.

צו קווורע האָט מען אים געבראכט אין אלעקסאנדער־נעווסקער לאווורע.

באַם קייווער זײַנען צווישן אנדערע געשטא־ נען צוויי מענטשן: מאריע און דער פּאָלקאָווני־ ניק פּרעאָבראזשענסקי, קאָמאנדיר פונעם גווארדייִשן פּאָלק, אין וועלכן מיכאַיל פלאָטקין האָט געדינט.

פּרעאָבראזשענסקי האָט געזאָגט עטלעכע קארגע ווערטער:

— ער איז געווען א ווײַסע מעווע. אָבער דער הימל איבער אים איז פארשווארצט גע־ וואָרן, און ער האָט אָפּגעגעבן דאָס לעבן...

שלוימע ווערכאָווסקי,
מאָסקווע

צווישן אייגענע מענטשן

אלץ, וועגן וואָס איך וויל דערציילן — די מענטשן, וועלכע איך דערמאָן, די ערטער, וואָס איך רוף אָן, זײַנען ניט אויסגעטראכט, נאָר גענומען פונעם לעבן. באראנאָוויטשע איז א ראיאָן־צענטער פון זשיטאָמירער געגנט, בראָ־ ניקע — א דאָרף אין נאָוואָגראד־וואָלינסקער ראיאָן אין דער זעלבער געגנט. פעלאנע דא־ שטשינסקע לעבט אויך איצט אין בראָניקע, זי איז א קאָלווירטניצע, א פענסיאָנערקע. יעווגע־ ניע באָריסאָוונע מיט איר מאן וווינען און אר־ בעטן אין טעלענעשטע (מאָלדאוויע), אירע ברידער סיאָמע און דאַוויד מיט זייערע מיש־ פּאָכעס געפינען זיך אין קעשענעוו. איך בין פערזענלעך מיט זיי אלעמען באקאנט.

איז הערט א געשיכטע.

גאָניע אָטשערעטניק איז עלף יאָר אלט, נאָר זי האָט שוין פאר קיינעם ניט מוירע — ניט פאר עסעסאָווצעס, ניט פאר פּאָליצײַען, ניט פאר א סטאראָסטע. אלץ, וואָס מע פארלאנגט

פון איר, פילט זי אויס מעכאַניש. איר לעבן, דוכט, האָט זיך אָפּגעשטעלט דעם 22 יון 1941.

און נעכטן — ווידער א באפעל: ייִדן מוזן זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. געניע ווייסט שוין גוט, וואָס דאָס באַטײַט, נאָר איר איז אַלצאיינס, זי איז ווי פאַרשטיינערט פון צאָרן. צוויי ברידער האָט מען פאַרנומען און אַוועקגעפירט קיין נאָוואָגראַד־וואָלינסק, — זי ווייסט, אַז מער וועלן זיי אַהיים זיך ניט אומקערן. די מאַמע האָט איר הײַנט געזאָגט:

— קינד מײַנס, לויף פונדאַנען, ווײַל מע פירט אונדז צו דער גרוב.

און געניע איז אַוועק. פיל דערפער ליגן אויפן וועג פון באַראַנאָווקע ביז נאָוואָגראַד־וואָלינסק. זומער באַגלייטן זיי דעם פאַרבײַגייער מיט דופטיקע עפּל־ און ווײַנשל־סעדער, מיט זוניקע בלומען־לאָנקעס, ווינטער — מיט פאַרכאָלעמטע, פאַרקישעפטע הײמלעכע פּײַערלעך אין די פענצטער. נאָר אין יענעם שרעקלעכן ווינטער פון 1942 האָט קיינער ניט געגלייבט אין קישעף, אַפילו קינדער. עס האָט געדוכט, אַז קיין מענטשן זײַנען ביכלל אין ערגעץ ניט פאַראַן, אַלע האָבן פאַרלאָזט די דערפער. און דאָך, וווהין עס זאָל ניט אָנקלאַפּן געניע, געפינט זי א שטיקל ברויט, אָפּט א גלאָז מילך און א נאַכטלעגער אויך. און מאָרגן — ווידער אין וועג. פאַרהאַלטן זיך אויף איין אָרט טאָר מען ניט: פּאָליצײַען, ווי די הינט...

זי האָט פון לאַנג שוין צוגעקלערט איר לעגענדע: קיין עלטערן האָט זי ניט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען דעם קינדערהיים פאַנאַנדערגעלאָזט. און אָט גייט זי פון דאָרף צו דאָרף און וויל זיך ערגעץ געפינען אַרבעט. לויט די אויגן פון די מענטשן זעט זי, אַז זיי גלייבן ניט אין דעם, וואָס זי דערציילט, נאָר יעדערער פילט איר מיט.

אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָט א פרוי איר געזאָגט:

— בלײַב, טאָכטער, בא אונדז, וועסט העלפן אין דער ווירטשאַפט.

געניע איז געבליבן. בא דער פרוי זײַנען געווען צוויי קינדער, דאָס עלטערע — פיר יאָר אַלט. פאַרטאָג פלעגט די מוטער גיין אין די דערבײַיקע דערפער בײַטן זאַכן אויף פּראָדוקטן. געניע פלעגט האַקן האָלץ, קאָכן קוליש, ניאַנטשען די קינדער. עס איז געווען שווער, אָבער ווען איז אין יענער צײַט געווען גרינג? דערפאַר אָבער פלעגט איר אַמאָל אָפּגליקן זיך צו דערקלײַבן צו די ברידער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער סטאַנציע. די לעצטע צײַט האָט זי באַמערקט, ווי די ברידער סוידען זיך וועגן עפּעס, און אָט האָבן זיי איר פאַרטרויט דעם סאָד: אַלע אײַזנבאַן־אַרבעטער גייען אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. געניע האָט גענומען זיך בעטן, זיי זאָלן אויך זי מיט זיך נעמען. נאָר סיאָמע, דער עלטערער, האָט געזאָגט, אַז אין וואַלד וועט איר זײַן שווער, און ס'איז געפערלעך, זאָל זי דערווײַל לעבן בא מאַריִען, זיי וועלן נאָך איר קומען שפּעטער.

און געניע האָט געוואַרט. אָט האָט זיך פאַרענדיקט דער גרויזאַם־לאַנגער ווינטער, דער פרילינג איז שוין אויך אַוועק, ס'איז סאָף זומער, נאָר די ברידער גיבן ניט צו וויסן וועגן זיך. איינמאָל, ווען געניע מיט דער באַלעבאָסטע האָבן געגראָבן קאַרטאָפל, האָט די שכיינע, וועלכע האָט שטענדיק מיט כשאַד געקוקט אויפן שוואַרץ־אויגיקן מיידעלע, באַמערקט:

— אוי, מאַריִע, ס'איז ניט קיין קריסטלעך קינד. בא איר זײַנען ציגײַנערשע אויגן, זע, עס זאָל איבער איר קיין אומגליק מיט דיר ניט געשען...

מאַריִע האָט פאַרשוויגן, ניט געענטפערט קיין וואָרט, נאָר אין דער היים האָט זי געזאָגט:

— שווער איז מיר, קינד מײַנס, דיר זאָגן אַזוינס, נאָר פאַר אונדז און פאַר דיר וועט זײַן בעסער, אויב דו וועסט אונדז פאַרלאָזן. טאָרסט מער ניט בלײַבן, מע האָט שוין אָנגעשמעקט וועגן דיר.

אין אָוונט איז געקומען מאַריִעס ברודער, אויפגעזעצט געניען אויף א וואָגן און אָפּגעפירט זי אין א שכייניש דאָרף.

ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן וואָגלענישן.

איינמאָל, אין א פינצטערן רעגנדיקן האַרבסט־אָוונט, האָט זי אָפּגעשטעלט א פּאָליצײַ.

— פונוואַנען האָסטו זיך גענומען, ציג? — האָט ער אויף איר געריטשעט מיט א שיקער קאָל.

געניע האָט איבערגעכאַזערט איר קינדערהיים־געשיכטע. נאָר ער האָט זי איבערגעשלאָגן:

— מיר ווייסן שוין די מײַסעס, אנו מאַרש נאָך מיר!

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אויסוווּרף שפּאַסט ניט, אויף ראַכמאָנעס פון אים איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן, נאָר זי האָט געהאָפט: עפּשער וועט געשען א נעס...

און דער נעס איז געשען. דער פּאָליצײַ איז געגאַן פון הויז צו הויז, ער האָט עמעצן געזוכט. געניען האָט ער געוואָרנט:

— קלער ניט אַנטלויפן, עס וועט זײַן ערגער.

זי האָט געהערט האַרצרײַסנדיקע געשרייען פון דאָרט, וווהין עס פלעגט אַרײַן דער פּאָליצײַ. ענדלעך האָט ער אויף לאַנג זיך פאַרהאַלטן אין איינעם א הויז, און געניע האָט באַשלאָסן — מער וואַרט זי ניט! זי האָט זיך געלאָזט צו דער לעצטער שטוב און שטיל אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט געעפנט א זאָקן, לעם אים איז געשטאַנען א קליינינטשקע זקיינע. זיי

7—880

האָבן גאָרנישט ניט געפרעגט בא איר, זי אָנ־געהאָדוועט, אויסגעבעט איר אָף א באַנק און זיפּצנדיק געשטאַנען, ביז זי איז איַנגעשלאָפן. פאַרטאָג האָבן די גוטהאַרציקע אַלטיטשקע ליַיט זי אופגעוועקט, פאַרבונדן אין א קלומעקל עטלעכע קאַלטע קאַרטאָפליעס מיט א שטיקל ברויט (אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפונען אין שטוב) און זי אַרויסבאַגליַיט אין דעם שכיי־נעסדיקן דאָרף בראַניקע.

בראַניקע האָט ביז דער מילכאָמע געהאַט א שעם מיט איר שייַנקיַיט, היימלעכקיַיט און גאַסטפריַינטלעכקיַיט. נאָר אין יענעם פראָסטיקן גרויען פאַרטאָג האָט ער קאַלט געקוקט מיט פאַרפרוירענע פענצטער־אויגן אָפן קליינעם פאַרוואָגלטן מיידעלע, וואָס האָט פיבערדיק געזוכט מיט די אויגן דאָס וואַרעמסטע צווישן אַלע פענצטער. און איר קינדעריש האַרץ האָט זי ניט אָפּגענאַרט. זי האָט אָנגעקלאַפּט פונקט אַהין, ווו מע האָט געדאַרפט.

אין דער שטוב האָט זי געטראָפן א פרוי מיט א מיד, אויסגעהאָרעוועט, נאָר גוטמוטיק פּאָ־נעם. זי האָט געהאַלטן אָף די הענט א פּיצינק מיידעלע.

גאַניע האָט ווידער אָנגעהויבן דערציילן איר קינדערהיים־געשיכטע, נאָר די גוטע פעלאַנע (אַזוי האָט געהייסן די פרוי) האָט באַלד פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז א ייִדיש קינד. פיל אומ־גליקן האָט געזען פעלאַנע דאַשטשינסקע אין די מילכאָמע־יאָרן, נאָר די שרעקלעכסטע ליידן זיַינען געשטאַנען פאַר איר אינעם געשטאַלט פון דעם אומגליקלעכן קינד. זי האָט זיך באַ־גאַסן מיט טרערן.

אין אָוונט איז געקומען דער באַלעבאָס זיגקאַ דאַשטשינסקי און, אויסהערנדיק די פרוי, באַ־וויליקט איר באַשלוס. צוויי יאָר האָט גאַניע געלעבט אין אָט דער מישפּאָכע, און קיין איין מאָל האָט זי ניט געקלערט, אַז זי וועט זיך מיט איר צעשיידן.

אין 1944 איז דער באַראַנאָוויקער ראַיאָן באַ־פריַיט געוואָרן פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן. ס'האָבן זיך אומגעקערט פון די פּאַרטיזאַנער געניעס ברידער סיאָמע און דאָוויד. גאַניען האָבן זיי גענומען צו זיך קיין באַראַנאָוויקע, אָבער ניט לאַנג איז זי מיט זיי געווען. זי האָט געבענקט נאָך אירע רעטער און זיך אומגע־קערט קיין בראַניקע, צו איר צווייטער מוטער פעלאַנע.

ווען גאַניע האָט פאַרענדיקט די זיבניאָריקע שול, האָט פעלאַנע זי אָפּגעפירט קיין זשיטאָ־מיר צו איר שוועסטער, וועלכע האָט איַינגע־אָרדנט גאַניען אין א ניי־אַטעליע.

ווען גאַניע האָט געפראַוועט איר כאַסענע, איז אויבנאָן געזעסן די מאַמע פעלאַנע.

פון יענער צייַט זיַינען אוועק א סאַך יאָרן. יעוועגעניע באַריסאָוונע שאַמיס (אַזוי איז איצט גאַניעס פאַמיליע) איז שוין אַליין א מאַמע און א באָבע, נאָר זי פאַרגעסט ניט איר מוטער פעלאַנע. קיין בראַניקע גייען בריוו, טעלעגראַ־מעס, פּעקלעך פון אַנגאַרסק, זשעליעזנאָגאָרסק, בראַטסק. אומעטום, ווו עס זאָל זיך ניט געפי־נען יעוועגעניע באַריסאָוונע, געדענקט זי איר רעטערן.

מאַריע פעלדמאַן,

געוועזענע לערערן, א פּענסיאָנערקע, זשיטאָמיר

אין 34 יאָר אַרום

מיַין שוועסטערקינד, סאַמויל קרוגליאַק, איז אין סאַמע אָנהייב פון דער מילכאָמע פריַיוויי־ליק אוועק אָפן פראָנט. פאַר מיר איז ער גע־ווען ווי אַן אייגענער פאָטער — איך האָב פון קליינוויַיז אָן בא אים זיך דערצויגן, און איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט, ווען ער וועט ווי־דער קומען צוריק אַהיים. אָבער פון דער מיל־כאָמע האָט ער זיך ניט אומגעקערט.

ביזן קריג איז קרוגליאַק געווען דער שעף פון א פּלאַניר־אָפּטייל אין א בוי־אָרגאַניזאַציע. א קאָמוניסט, א באַגאַבטער פאַכמאַן, האָט ער געהאַט א גוטן שעם אין שטאָט. ביז איצט גע־דענקען אים נאָך א סאַך מענטשן און רופן זיך אָפּ זייער וואַרעם וועגן אים.

וועגן סאַמויל קרוגליאַקס גוירל האָב איך א לאַנגע צייַט גאָרנישט ניט געוווּסט. און אָט לייען איך אין דער צייַטונג „נאָוואָמאָסקאָוו־סקאַיאַ פּראַוודאַ" אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „אָט אַזוי האָבן געקעמפט די יאַמלייַט". עס ווערט דערציילט, וויאַזוי א ראָטע יאַמליַיט פון דער דריטער בריגאַדע פון באַלטישן פלאָט האָט זיך געשלאָגן מיט די פאַשיסטן, אַרויסוויַיזנדיק

סאמויל קרוגליאַק

העלדנמוט און אנטשלאָסנקייט, ניט אָפּטרעטנ־דיק דעם סוינע קיין איין שפּאַן פון אונדזער סאָוועטישער ערד.

צווישן די געוואגטע יאַמלײַט איז אַנגערופן ס. מ. קרוגליאַק.

דער אווטאָר פונעם אַרטיקל, דער געוועזע־נער קאָמאַנדיר פונעם אַטריאַד קאַפּיטאַן אין דעמיסיע ס. אי. אוקשאַנאָוו דערציילט וועגן זײַנע שלאַכט־כאַווײרים:

אין דער נאַכט אפן 5 אָקטיאַבער 1941 האָט דער אַטריאַד זיך ארויסגעזעצט אפן ברעג פון דער לאַדאָגע, לעבן דעם דאָרף גומבאַריצי, ניט ווײַט פון טובענאָסער מאיאַק. קעגן דער ראָטע יאַמלײַט אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם קאַפּיטאַן ראַטנער האָבן די פאַשיסטן ארויס־געשטעלט א גאַנצן פּאָלק פּעכאָטע, אַן אַרטי־לעריע־דיוויזיאָן, א דיוויזיאָן יאַם־אַרטילעריע און א קאַדראָווע אָפיצערישע שול. די קויכעס פון דעם סוינע האָבן איבערגעשטיגן אין פינף־צען מאָל אונדזער אַטריאַד, אָבער די פאַשיסטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פאַרנעמען דעם פּלאַצדאַרם, פאַרקערט, די יאַמלײַט זײַנען אַרײַנגעדרונגען נאָך אף א קילאָמעטער אין דער טיף פון דער ברעג־ליניע. מיט דער פּרײַז פון זייערע לעבנס האָבן זיי פאַרהאַלטן דעם סוינע, ביז עס זײַנען צוגעקומען פרישע קרעפטן. אונדזערע שלאַכטלײַט האָבן אראָפּ־געריסן דעם פּלאַן פון די היטלעריסטן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרשליסן די צווייטע קייט פון דער בלאָקאַדע ארום לענינגראַד.

אין יענעם יאָר, דערציילט דער קאַפּיטאַן אין דעמיסיע ס. אי. אוקשאַנאָוו, איז דער הארבסט געווען א טרוקענער, פון יעדן פּוגאַס־סנאַריאַד פלעגט אויסברעכן א סרייפע, די ביימער, דאָס גראָז, דער מאָך און דער טאָרף אף די בלאָ־טעס — אלץ האָט געברענט אונטער די פיס. נאָר די סאָוועטישע יאַמלײַט זײַנען ניט אָפּגע־טראָטן.

אין מוזיי פון דעם צווייטן מאָל אָרדענטרעגע־רישן באַלטישן פלאָט איז פאַראַן א סטענד, געווידמעט דער דריטער יאַם־בריגאַדע און דעם הערא־ישן אַטריאַד. אפן סטענד איז אויך פאַראַן די פאָטאָגראַפיע פון סאמויל יאַקאָוולעוויטש קרוגליאַק.

ס. גײַסינסקי,
נאָוואָמאָסקאָווסק

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן האַרציק דעם דיכטער כאַים גורעוויטש אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג. מיר ווינטשן כ. גורעוויטשן פיל געזונט און שעפערישע דערפאָלגן.

כאַים גורעוויטש

איבער וועגן לאַנג געגאַרטע

מײַן געמיט

פון זייער לאַנג פאַראַן בײַ מיר
אַ קלאַל, וועלכן כ׳קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן:
אויב אַ ווינטער — איז אַזאַ ווי אין סיביר,
אויב אַ זומער — איז אַזאַ ווי אין פּאַלעסיע.
אויב אַ ווינטער — איז מיט אָט דער זעלבער קראַפט,
ווי אין צײַט פון ליבע בײַ אַ יונגער כּײַע,
אויב אַ זומער — איז דעם הימלשן לאַנדשאַפט
אַ בוראַווע טאָן מיט שטעכנדיקן פײַער.

כ׳וואָלט אין מײַן לעבן זײַן פּולקאָם באַנוגנט,
ווען קעסיידער וואָלטן מײַן האַרץ געדראָט
דער געוויטער פון פּאַלעסיע, די סיבירער ווינטער.
פון אַ שטילן וועטער אָפּהיטן זאָל גאָט...

פ ר י י ד

ניט דערפאַר, אַ גלייבט מיר, ניט דערפאַר,
ווײַל ס׳האָט שוין פאַרקויפט זײַן פוטער דער ציגײַנער,
האָט מיט פרילינג אין דעם פראָסטיקן יאַנוואַר
געטאָן אַ ווייע אינעם האַרץ אין מײַנעם.
און גרייט געוועזן איך בין אין יענעם טאָג
פון פרייד זיך ווי אַ קינד צעווייינען,
שטעלן זיך אויף דעם טומלדיקן ראָג
און שניי־גלעקעלעך שענקען יעדן איינעם.
און אַלץ דערפאַר, וואָס אויף דעם שטיקל ערד,
אַ צוגעטוליעטן צו דעם עקוואַטאָר,
האָט אַ פּאַטריאָטס אַ הייסע שווערד
אויף קאַלט אוועקגעלייגט אַ העסלעכן דיקטאַטאָר.

א ייִד

איבער דעם סיבירער טײַך, אַף א „ראַקעטע״,
שווימט א ייִד קיין מעגיאָן,
ס׳איז הײַנט א זעלטן לינדער וועטער,
די זון אינעם פּאַרוואַטער — ווי א פּאָן.

שווימט דער ייִד פאַרבײַ סורגוט,
פאַרבײַ קאַרגאַט און ניזשני־וואַרטאָווסק,
און די נאַטור מיט יעטווידער מינוט
דאָ ווערט אַלץ פּרעכטיקער, אַלץ צאַרטער.

שווימט א ייִד, א העלד פון מי,
פון גליק עס שײַנען זײַנע אויגן.
ער האָט אין ערטער אָט־אָ־די
די טיומענער נאַפט־טראַסע געצויגן.

ער שווימט אַהיים, קיין מעגיאָן
(צום אייניקל אַפן באַם צוגאַסט געפאָרן).
די זון אינעם פאַרוואַטער, ווי א פּאָן,
פלאַטערט אַף די כוואַליעס קלאָרע.

טוריסטישער מאַרשרוט

אין די לעצטע טעג פון מײַ,
זינגענדיק סוועטלאָווס „גרענאַדע״,
האָט איבער דעם באַרגיקן אַלטײַ
געוויגט זיך אונדזער קאַוואַלקאַדע.

א טוריסטישער עסקאַדראָן
איבער וועגן לאַנג געגאַרטע,
האָט געקוויקט זיך מיט אָזאָן,
ס׳איז פּאַשעט אונדז געווען גרויסאַרטיק...

צווערשט אין זאָטלען זיך געטרייסלט,
דערנאָך ביז די קני אינעם גראָז געבלאָנקעט,
געזוכט אַלטײַער עדעלווייסן
אַף אַלפּישע, אַף קילע לאָנקעס.

און ס׳האָט די לופט צווישן די פינגער
איר דופּטיקן באַלזאַם געזײַט.
ס׳איז יעדערער געוואָרן ייִנגער
פאַר אָט דעם ביסל גוטער צײַט...

ענלעכקײַט

פאַרבײַ א ווײַטער פאַרשטאָט צו א נײַעם פּאָרט
איז א לײַנער א ווײַסשנייִקער געפלויגן,
און ס׳האָט אַן ענגער פויגלשער עסקאָרט
מיט די לעצטע קויכעס זיך נאָך אים געצויגן.
אונטער נאַסע פליגלען אָנגעמוליעט ווונדן,
ס׳האָט א הייסער שטראָם פון די מאָטאָרן זיי פאַרבלענדט,
נאָר אָפּשטעלן עס וואָלט זיי קיינער ניט געקענט:
זיי האָבן אין דעם פליִענדיקן ווונדער
דעם האַר פון זייער שייוועט הײַנט דערקענט.

א פאַטריאָט פון דעם ווײַטן אַמאָל

מיט ביקיני, דעם אַטאָל, איך בין א קליינער מעכוטן,
איך האָב מיט אים קיין שום קאָנטאַקטן ניט לאַכלוטן.
מײַן באָבעס יערושע האָב איך דאָרטן ניט פאַרלאָרן,
און כ׳קלײַב זיך בעפּיירעש אַהינצו ניט פאָרן,
פון דער עקזאָטיק זײַנער איך בין ניט פאַרגאַפט,
איך וויל ניט זויגן פון קאָקאָס דעם קילבלעכן זאַפט.
נאָר ווען אינעם ראַדיאָ־רופאָר איך דערהער,
אַז מע קלײַבט זיך פּרוּוון דאָרט דאָס אַטאָם־געווער,
דאָס ברעקעלע ערד ווי א לאַגער פאַרצאַמען,
אַלדאָסדינג, וואָס עס לעבט דאָרט, פאַרניכטן, פאַרסאַמען, —
דאַן ציטער איך אויף און ווער מיטאַמאָל
א פאַטריאָט פון דעם ווײַטן אַטאָל.
און גרייט בין איך שוין מיט דער ביקס אין האַנט
פאַרטיידיקן אים, ווי מײַן אייגענעם קאַנט.

די בעריאָזקע אַף דעם ארבעס־פעלד

וווּ אין געלע העמדלעך עס רײַפט דער ארבעס אויס,
שטייט א בעריאָזקעלע, ווי זאַלושקע די גרויס.
ווען ס'טוט דער שפּינוועבס זיך אפילע ניט קיין ריר,
בייגט דאָס קעפּעלע אָן אופהער זיך בא איר.
און שטענדיק פונדערווײַטן דאכט זיך אויס:
זי קלײַבט אראָפּ דעם ארבעס אינעם שויס...
נאָר קיינער ווייסט ניט, אז לעם אירע פיס,
א קוועלכל, שיין ווי דימענט, פליסט.
און דער בעריאָזקע שוין פון לאנג עס גלוסט זיך
מיט דעם צארטן קוועלכל זיך צעקושן.
נאָר ס'איז פארווירקלעכן דעם טרוים איר ניט באשערט:
זי וואקסט, און יעדן טאָג פון אים דערווײַטערט ווערט.

דעם זיידן אײַזיקס גניאדער פערד

אַן אלטע באלאדע

א ברויטגעבער, א גוטער פרײַנט, א כאָכעם
געוועזן דעם זיידן אײַזיקס גניאדער פערד,
ניט יעדן אָט אזא מין מאזלבראָכע
איז אין סטאראָבין דאן געווען באשערט.

אפן וווּנק פלעגט ער אלצדינג פארשטיין,
ווייניקער ווי אלע פערד געגעסן,
אָן קיינעמס הילף געוווּסט שטענדיק אליין
די קרייץ־וועגן און הערבליעס פון פּאָלעסיע.

ווען ביז די בוקסעס אינעם טיפן זאמד
אײַנזינקען עס פלעגט דער שווערער וואָגן,
האָט מען די לייצעס נעמען ניט געדארפט אין האנט
צי, כאסכאלילע, מיטן בײַטש אים שלאָגן.

און ווער אזוי האָט נאָך געקאָנט פארשטיין
דעם זיידן אין דער שאָ פון טרוימען זיסע?
ער פלעגט שטיל אזוי אין די האָלאָבליעס דעמלט גיין,
ווי פארקיטען עמעצער מיט וואָטע ס'וואָלט די פיס אים.

זיך אנטקעגן פערד געווירישע ניט נידעריק געהאלטן,
דעם וועג אָן נויט ניט אָפּגעטראָטן קיינעם,
אפילע ווען דער וואלד־סויכער רעב אלטער
צום גראף פלעגט אײַלן אַף ריסאָקעס שיינע.

פון שלאָפלאָזיקע נעכט, פון שניי און ווינט
געוואָרן רויט בא אים די בלויע אויגן,
ער האָט אָט, ווי א מיטגליד פון געזינד,
יאָרנלאנג דעם שווערן יאָך געצויגן.

שאבעס פלעגט אים שווער זײַן צו דערקאָנען,
ער פלעגט אפן הויף זיך אויסקײַקלען געשמאק
און שטיין דערנאָך אין שטאל אונטער פּאָפּאָנע
פארשעמט, ווי אין א טאלעס א וואָזאק.

יאָרן

כ׳בין געווען א באַלכויוו קעסיידער,
כּויוועס געהאַט כ׳האָב אָן א שיר:
מיט איינער זיך געפירט באַשיידן,
האָט זי א קוש געמאָנט בא מיר.

געפּרוּווט דערנאָכדעם מיט דער צווייטער
ניט זײַן שוין מער אַזוי פאַרפרומט.
דערפאַר איר סאָפּקאָלסאָף, פאַרשטייט זיך,
אָן אַנטשולדיקונג איך האָב געקומט.

געמוזט בעמיילע מיט דער דריטער,
זײַן העלפט א שעד און העלפט א מענטש,
און איר שוין, ווי אָן עכטער ריטער,
איך האָב געקומט אי דאָס, אי יענץ...

און בלויז אַצינד איך בין א ריינער,
אָן קיין שום פלעק, ווי דער עלבּרוס,
און ס׳מאָנט פון לאַנג בא מיר ניט קיינער,
ניט קיין אַנטשולדיקונג,
און ניט קיין קוש...

פון מאַנגאַלישן פאָלקלאָר

פּרוּווּ, רוף אָן וואָס איז נאָך שאַרפער —
ווי בא א הונגעריקן מענטש די ציינער,
ווי דער בליק בא שטאַרבנדיקע זקיינים,
ווי דעם מאָסערס צונג אומריינער...

צום הונגעריקן אײַל מיט עסן,
געשטאָרבענע ניט וואַג פאַרגעסן,
דעם מאָסערס צונג שנײַד מיט א מעסער!

פּרוּווּ, רוף אָן וואָס איז נאָך שוואַרצער —
ווי די הויט בא סקאָרפּיִאָנען,
ווי די פליגל פון וואָראָנע,
ווי באַם פאַרעטער די נעשאָמע...

דעם סקאָרפּיִאָן זאָלסט שטענדיק טרעטן,
די וואָראָנע פון געפאַר ניט רעטן,
טויט — דעם ביטערן פאַרעטער!

לעם א צעדערבוים פאַרשנייטן

א בוריאַטישער מאָטיוו

א יונגן יעגער האָט געטראָפן
דער אַלטינקער לעסניק אין טײַגע:
— אַלע יעגער לאַנג שוין שלאָפן,
און דו וואָס בלאָנקעסט אום פאַרדײַגעט?

די טײַערסטע, די שענסטע כײַע
שפּיר איך אויס דאָ איצט,
ווײַל מײַן קאַלע מײַן געטרײַע
אָן א פוטער זיצט.

— לעם א צעדערבוים פאַרשנייטן
דײַן קאַלע כ׳האָב געזען.
זי האָט געקושט זיך מיט א צווייטן,
און מיט אים איז אָן א פוטער
וואַרעם איר געווען...

זכרונעס

עליע כאליף

נאָטיצן פון א ייִדישן ארטיסט

אונדזער מישפּאָכע איז געווען א מוזיקאַלישע. מײַנע צוויי שוועסטער האָבן געשפּילט פּיאַנע, דער עלטערער ברודער האָט זיך געלערנט שפּילן אַף א פידל, אויך דער פּאָטער, בייס ער האָט געדינט אין ארמיי, איז געווען א מוזיקאַנט אינעם מיליטערישן אָרקעסטער. מיך האָט פון קינדווײַז אָן געצויגן צו טעאַטער.

דער ערשטער ארטיסט, וועלכער האָט מיך באַגײַסטערט, איז געווען א ייִנגל פון מײַן עלטער — זיאמקע. ער האָט זיך געלערנט בא שימען פּופּיקן אין כיידער. שימען פּופּיק איז געווען א באַוווּסטער מעלאַמעד אין אָדעס אַף דער מאָלדאַוואַנקע, אַף דער בולגאַרסקע־גאַס, 10. אין דעם זעלבן הויז האָט זיך געפונען א ווײַנקעלער. און סײַ אין כיידער, סײַ אין ווײַן־קעלער איז שטענדיק געווען פריילעך. אין כיידער פלעג איך אָפט ארײַנקומען טאַקע צוליב זיאמקען, דעם סאַמע לעבעדיקסטן ייִנגל צווישן די טאַלמידים. ווי נאָר שימען פּופּיק האָט זיך פאַרקוקט אַף א רעגע אָדער אַף א צײַט פאַרלאָזט דעם כיידער, פלעגט זיאמקע טייקעף פאַרנעמען זײַן אָרט, אָנטאָן זײַנע ברילן און אָנהויבן קנעלן מיט די טאַלמידים אין אַזאַ נוסעך, ווי שימען פּופּיק האָט עס געטאָן. און עס פלעגט זיך באַקומען אַזוי קונציק, אַז די טאַלמידים האָבן זיך געהאַלטן בא די בײַכער. איך פלעג שטיין אַף דער וואַך, קעדיי אָנזאָגן די כעוורע, אויב דער רעבע קערט זיך אום. זיאמקען בין איך, פאַרשטייט זיך, שטאַרק מעקאַנע געווען אַף זײַנע שפּיצלעך, נאָר אים נאָכמאַכן האָב איך ניט געקענט.

אינעם ווײַן־קעלער פלעגן אָפט קומען די אָדעסער זינגער צו פאַרווײַלן דעם עולעם. אָנגעפירט האָט מיט זיי יאַנקל אָדעסקי, שטענדיק אין שוואַרצע ברילן. די זינגער פלעגן אויספירן פאָלקס־לידער, באַדכאָנישע מאָנאָלאָגן, קאַלעבאַזעצנס און אויך שפּילן סצענעס פון ייִדישע ספּעקטאַקלען. א גרויסן דערפאָלג האָט בא זיי געהאַט די סצענע פון גאָלדפאַדנס „די קישעפמאַכערן“: איינער פון די זינגער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר דער באָבע יאַכנע, א צווייטער האָט געשפּילט האָצמאַכן. זייער דיאַלאָג האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו גאָלדפאַדנס פּיעסע, מע האָט אים געבויט אַף א סוזשעט פונעם לויפנדיקן טאָג, און דערפאַר טאַקע פלעגט ער זייער אויסנעמען באַם עולעם.

געענדיקט זעקס קלאַסן פון דער ערשטער ייִדישער קאַזיאָנער שול, בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אַף א פאַרפום־פאַבריק. אָבער אָן טעאַטער האָב איך שוין ניט געקאָנט לעבן. אָדעס האָט פאַרמאָגט א קוואַליפיצירטן צושויער, אַהער פלעגן קומען ארטיסטן פון דער גאַנצער וועלט. באַזונדערס בין איך פאַרכאַפּט געווען מיטן רוסישן טעאַטער, וווּ דער הויפּט־ארטיסט און רעזשיסער איז געווען אלעקסיי פּעטראָוויטש כאַרלאַמאָוו. דער געהילף־רעזשיסער פלעגט אונטערקלײַבן פאַר די פאָרשטעלונגען סטאַטיסטן, יעדער סטאַטיסט האָט געצאָלט 15 אָדער 20 קאָפּעקעס פאַר דעם, וואָס ער וועט האָבן דעם זכוס צו שטיין אַף דער בינע לעבן כאַרלאַמאָוון. איך בין אויך געווען צווישן די גליקלעכע.

דער רעפּערטואַר איז איבערהויפּט באַשטאַנען פון קלאַסישע ווערק: „דער פאָטער“ סטרינבערגס, לעאָניד אַנדרייעווס „זיבן געהאַנגענע“, אויך „אָטעלאָ“, „אוריעל אַקאָסטאַ“. זייער א שטאַרקן אײַנדרוק האָט אַף מיר געמאַכט „אוריעל אַקאָסטאַ“, און איך האָב געטראַכט, ווי אינטערעסאַנט ס׳וואָלט געווען צו שפּילן די פּיעסע אַף ייִדיש. איך האָב אַפילע געטרוימט: ווען איך וועל ווערן א ייִדישער ארטיסט — שאַפן דאָס געשטאַלט פון אַקאָסטאַ...

אויך ייִדישע און אוקראַיִנישע טרופּעס פלעגן קומען קיין אָדעס, און אין דער שטאָט גופע זײַנען געווען ייִדישע דראַמקרײַזן. זיי האָבן אויפגעפירט פּיעסן פון גאָרדינען, לאַטיינערן, גאָלדפאַדענען. אין איינעם אַזאַ קרײַז, אַף דער מאָלדאַוואַנקע, האָט מען רעפּעטירט גאָרדינס „הערצעלע מעיוכעס“. דאַרף זיך טרעפן, אַז ערעוו דער פּרעמיערע צעקריגט זיך מיטן קאָ־

לעקטיוו דער אויספילער פון דער הויפט־ראָל. אַזוי ווי איך פלעג בײַזײַן אַף די רעפעטיציעס, האָב איך די פיעסע געקענט אַף אויסווייניק. אין אַ שפּאַס האָב איך אָנגעהויבן לייענען הערצעלעס מאָנאָלאָגן, און פאַרנאַכט האָט מען מיך שוין אַרויסגעלאָזט אַף דער בינע. צוערשט האָבן באַ מיר, פאַרשטייט זיך, געציטערט די הענט און פיס, נאָר ווען ס'איז געקומען צו די דראַמאַטישע סצענעס, בין איך געוואָרן שטאַרק ערנסט און האָב „אָפּגעקנאַקט" דעם שלוס־מאָנאָלאָג, ווי אַן עכטער אַרטיסט. די אַפּלאָדיסמענטן פון די צושויער האָב איך ניט געהערט, ווײַל ס'האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ... ניט, כאָלילע, פון דערפאָלג, נאָר פון איבערלעבונגען. פון דעמלט אָן בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער מיטגליד פונעם קרײַז. אינעם ספּעקטאַקל „דער טאַלמיד־כאָכעם" בין איך שוין געווען אַ גלײַכבאַרעכטיקטער אַרטיסט.

ווען ס'איז געקומען די פעווראַל־רעוואָליוציע, האָב איך אַדאַנק דעם ספּעקטאַקל „דער טאַלמיד־כאָכעם" געהאַט אַ פאַרטיקן מאַטעריאַל, וועלכער האָט אָפּגעשפּיגלט דעם קאַמף פון צוויי וועלטן, פון צוויי קלאַסן. מע פלעגט מיך אײַנלאַדן צו לייענען דעם שלוס־מאָנאָלאָג פון דער פיעסע אין די ייִדישע קלובן. בלויז אין יאָרן אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, ווי ווײַט עס איז געווען אַט דאָס ווערק פון עכטער דראַמאַטורגיע.

אָדעס איז געווען אַ צענטער פון ייִדישן טעאַטער, אַהער פלעגן אָפט קומען אַרטיסטן פון פוילן און פון רומעניע. איך געדענק אַ צײַט, ווען עס האָבן אין אָדעס גאַסטראָלירט איינצײַטיק 6 ייִדישע טרופּעס.

אין באָלגאַראָווס טעאַטער האָט געשפּילט אַ ייִדישע טרופּע, און ס'האָט איר אויסגעפעלט אַ יונגער ליבהאָבער. אַרטיסטן, וואָס זײַנען געווען באַקאַנט מיט מײַן שפּילן, האָבן פאָרגעלייגט, מע זאָל מיך אײַנלאַדן. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון גאָרדינס פיעסן: „דער ווילדער מענטש", „כאַסיע די יעסוימע", „קרייצער־סאָנאַטע", „די שכיטע". עס האָבן געשפּילט געניטע אַרטיסטן: דער באַוווּסטער קאָמיקער סאַדיגורסקי מיט זײַן פרוי, קייזעראָוויטש, ווישנעווסקאַיאַ, ליכאָוועצקי, בובינע, לעוואַנדע.

צווישן די אָדעסער זינגער איז געווען איינער אַ קיציס, וועלכער פלעגט צושטעלן רעפּערטואַר פאַר דער עסטראַדע. ווען מע האָט, לעמאָשל, געזוכט אַ פיעסע מיט מילכאָמע־אינהאַלט, האָט ער געבראַכט „די שוואַרצע כורפּע" — אַ האַרצרײַסנדיקע דראַמע מיטן נייטיקן סוזשעט. די דאָזיקע סכוירע האָט געהאַט דערפאָלג באַ די קליינבירגער, באַ מענטשן פון דער גאַס, אָבער זי איז געווען גאָר ווײַט פון עכטער קונסט.

ביכלאַל איז די שטאָט געווען פאַרפלייצט מיט ייִדישע אַרטיסטן. זייער צענטער איז געווען דער טעאַטער „קאָמעטע". דאָרט האָב איך זיך

עליע כאַליף

באַפרײַנדעט מיטן באַגאַבטן שרײַבער, דראַמאַטורג און אַרטיסט פּעטראָוו־סאָקאָלאָווסקי. אין די שוואַרצע טעג פון דער ווײַסגוואַרדייִשער מאַכט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דער בינע פונעם טעאַטער „קאָמעטע". ער איז געווען אַ קאָמוניסט, געאַרבעט אין אַ דרוקערײַ. אין „קאָמעטע" האָב איך געטראָפן אויך מײַן כאַווער אורעמעלע קויפמאַן. אַ מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „אָדעסער אַרבעטער", איז ער געווען נאָענט צו ליטעראַרישער שאַפונג און איז שפּעטער געוואָרן געהילף־דירעקטאָר פונעם אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. פּעטראָוו־סאָקאָלאָווסקי איז שוין געווען באַשעפטיקט מיט זייער אַ וויכטיקער אַרבעט. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער אונטער דער בינע געהאַט באַהאַלטן געווער. איך האָב אים געטראָפן אין דער צײַט, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן ביקסן די אַרבעטער, מע זאָל אָפּהיטן די אָרדענונג אין שטאָט. מיך מיט קויפמאַנען האָט פּעטראָוו־סאָקאָלאָווסקי אויך ניט פאַרטיילט. באַקומען געווער, זײַנען מיר צוזאַמען מיט די אַרבעטער געגאַנגען פּאַטרולירן די שטאָט.

די ייִדישע אַרטיסטן האָבן אויפגעלעבט. מיר האָבן אָנגעהויבן רעפּעטירן פּעטראָוו־סאָקאָלאָווסקיס אַ פיעסע „אין קאַמף פאַר דער רעוואָליוציע". די הויפט־ראָל פון אַן אַלטן אַרבעטער האָט געשפּילט דער באַוווּסטער מאַרק מייִערסאָן, איך — זײַן ייִנגערן זון. דער ספּעקטאַקל איז געגאַנגען אין דער געבײַדע פונעם אָדעסער רוסישן טעאַטער, דער אוילעם האָט אים זייער וואַרעם אויפגענומען.

אַף דער באַזע פון אַט דעם קאָלעקטיוו, בעראָש מיט מישע פישזאָן, איז געגרינדעט געוואָרן דער אָדעסער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער. אַלס רעזשיסער האָט מען אײַנגעלאַדן בערטאָנאָוון. די ערשטע פיעסע איז געווען

יושקעוויטשעס „דער קיניג”. אינעם ספעקטאקל האָבן אָנטיילגענומען מישע פישזאָן, ווערע זאסלאווסקאיא, די ברידער פעניקשטיין, ליפמאָן, פאכלער, סטרעלסקאיא, לעוואנדע, ליבערט, ליאטאָוויטש, כאליף. מיט אָט דעם ספעקטאקל האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ בלעטל אין דער געשיכטע פונעם אָדעסער טעאטער. די צווייטע פיעסע איז געווען שאָלעם־אלייכעמס „צעזייט און צעשפרייט”, דערנאָך גוצקאָווס „אוריִעל אקאָסטא”, שאָלעם אשס „גאָט פון נעקאָמע”.

צום באדויערן, האָט דער טעאטער אין דעם דאָזיקן באשטאנד ניט געקאָנט לאנג עקזיסטירן. א טייל ארטיסטן האָט זיך אומגעקערט צו זיך אהיים קיין פוילן, אייניקע זײַנען איבערגעגאנגען אין אנדערע קאָלעקטיוון, דער אָנפירער פונעם טעאטער בערטאנאָוו איז אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. אין אָדעס איז געבליבן א קלענערע גרופע ארטיסטן, וועלכע האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אין די ארבעטער־קלובן.

איך בין אריבערגעפאָרן קיין קיִעוו, ווו עס איז געשאפן געוואָרן א נײַער ייִדישער טעאטער — „קונסט־ווינקל” אונטער דער אָנפירונג פון טעוויע ליוקסעמבורג. דער קאָלעקטיוו איז באשטאנען פון אָנגעזעענע אין יענער צײַט ארטיסטן: לייע בוגאָווע, קאָלמאנאָוויטש, זשאבאָטינסקי, שיינבערג, דניעפראָוו, שײַקעוויטש, כײַעלע פרידמאן, גוטהערץ. דער טעאטער איז גלײַך באליבט געוואָרן באם צושויער, ווײַל מע האָט געשפילט א הויך קינסטלערישן רעפערטואר — פיעסן פון ייִדישע דראמאטורגן, פון דער רוסישער און וועלט־קלאסיק (דאָ איז דאָס ערשטע מאָל אופגעפירט געוואָרן שאָלעם אשס „מאָטקע גאנעוו”).

אין מעשעך פונעם סעזאָן, בייס איך האָב געשפילט אינעם „קונסט־ווינקל”, האָב איך זיך באפרײַנדעט מיט די ארטיסטן כײַעלע פרידמאן און רעפאָעל גוטהערץ. איבער פארשיידענע שטייגער־סיבעס האָבן זיי פארלאָזט קיִעוו און זײַנען מיט מיר צוזאמען געקומען קיין אָדעס, ווען איך האָב זיך אהין אומגעקערט, און מע האָט אונדז אײַנגעשלאָסן אין דער אָדעסער טרופע. אין אונדזער רעפערטואר זײַנען געווען די פיעסע פון ס. בעלאיא „דער טאנץ פארן טויט”, גאָרדינס „די שכיטע” און „קרייצער־סאָנאטע”, הירשביינס „גרינע פעלדער”, אשס „מאָטקע גאנעוו”, שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער”.

מיר האָבן באשלאָסן אָפּלייגן פון די פאַרדינסטן א געוויסע סומע געלט און אײַנלאדן אף א שטעלונג א גוטן רעזשיסער, קעדיי צו שאפן אן עכט קינסטלערישן ספעקטאקל. דער גוירל איז געפאלן אף בערגערס פיעסע „דער מאבל”. מיר האָבן אראָפּגעבראכט פון מאָסקווע דעם יונגן, פייִקן מ. סטריקאָווסקי. אָבער אויסהאלטן א לאנגע צײַט א רעזשיסער אף אלעם גרייטן זײַנען מיר ניט געווען בעקויעך, און פון אונדזער פלאן איז גאָרניט ארויסגעקומען. פרידמאן און גוטהערץ האָבן זיך אומגעקערט קיין קיִעוו אין „קונסט־ווינקל”, איך בין געבליבן אינעם אָדעסער טעאטער.

אין א צײַט ארום האָט מען מיך ווידער אײַנגעלאדן אין קיִעווער „קונסט־ווינקל”. דאָרט בין איך אופגעטראָטן אין דער ראָל פון מאָטקען אין „מאָטקע גאנעוו”. פאר א יונגן אקטיאָר איז עס געווען א גרויסער קאָוועד.

א היפשן דערפאָלג האָט אין קיִעוו געהאט די קאָמעדיע „קאָזאָדאָיעווקע” לויט שאָלעם־אלייכעמען, וועלכע איז געגאנגען יעדן אָוונט. אייניצײַטיק האָט א גרופע ארטיסטן פונעם טעאטער רעפעטירט שילערס דראמע „די רויבער”. מיר האָט מען געגעבן די ראָל פון קארל מאָאָר, פראנצן האָט געשפילט מארק מייערסאָן.

אינעם ספעקטאקל „קאָזאָדאָיעווקע” האָב איך געשפילט די באָבע יאכנע לויט גאָלדפאדנס „די קישעפמאכערן”. אזויווי דער עפיזאָד האָט ניט געהאט קיין שײַכעס מיט שאָלעם־אלייכעמס טעמע, האָט מען אים אינגיכן אראָפגענומען. עטלעכע ארטיסטן האָבן ניט געהאט וואָס צו טאָן, ווײַל זיי זײַנען ניט געווען פארנומען אין אָט דעם ספעקטאקל, צווישן זיי — פרידמאָן, גוטהערץ, איך, האָבן מיר באשלאָסן אָרגאניזירן א באזונדערן קאָלעקטיוו, און מע האָט מיך באפולמעכטיקט זיך צונויפריידן וועגן גאסטראָלן.

די ערשטע שטאָט, וווהין מיר זײַנען געקומען, איז געווען בעלאָצערקאָוו. געשפילט האָבן מיר אין דער געבײַדע פונעם קלוב אף לענינס נאָמען און שוין פונעם ערשטן ספעקטאקל געהאט א גרויסן דערפאָלג. פיר כאדאָשים זײַנען מיר געווען אין בעלאָצערקאָוו, דערנאָך ארויסגעפאָרן קיין אלעקסאנדריע, כערסאָן, סמילע, דניעפראָפעטראָווסק.

אין 1927 האָט מען אין אָדעס אָרגאניזירט א טרופע פון דראמע און אָפערעטע. דער אונטערנעמער איז געווען א טעאטער־דירעקטאָר, ב. פערלאָוו. דאָס איז געווען א גרויסע טרופע מיט אָנגעזעענע ארטיסטן. מע האָט מיך אויך אײַנגעלאדן אהין און איך האָב געגעבן די האסקאָמע. כ. פרידמאן און ר. גוטהערץ האָבן באקומען אן אײַנלאדונג אין קלארע יונגס טרופע, וועלכע האָט דעמלט געארבעט אין כארקאָוו, און מיר האָבן זיך צעשיידט.

די אקטריסע קלארע יונג האָב איך געהאט די זכיִע צו זען דאָס ערשטע מאָל אין 1918. דאָס איז געווען בייס איר צווייטן באזוך אין אָדעס (דאָס ערשטע מאָל איז זי דאָרט געווען אין 1912). פון די עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן באזוכט אירע ספעקטאקלען, האָב איך געהערט: „א שטערן”, „א טאלאנט”, „גאָטס ווונדער”. אין 1918 האָב איך זי אף דער בינע ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט צו זען. זי איז אָנגעקומען קיין אָדעס אָן איר ארטיסטישן גארדעראָב, די ווײַסגווארדייער האָבן אים ארויסגעוואָרפן פונעם וואגאָן צוזאמען מיט איר. אלס אמעריקאנער בירגערן האָט זי געהאט א מעגלעכקײַט פאָרן צוריק קיין אמעריקע. איר מאַן, דער באוווּסטער רעזשיסער בויעז יונגוויץ, וועלכער איז געקו־



אַף דער פאָטאָ (פון לינקס אַף רעכטס): ע. כאַליף, א. אַבערבערג, קלאַרע יונג, בויעז יונגוויץ, צווײ־טער רײ — יאַ. בלאַכמאַן, וו. וואַלקענשטיין, ב. ווינקלער, מ. באַנקאָוו

מען שפּעטער, האָט געמוזט אַף אַ צײַט זיך באַזעצן אין אָדעס. דער אָדעסער יִדישער טעאַטער האָט אים אײַנגעלאַדן אַף אַ שטעלונג און אים געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו זײַן באַזאָרגט מאַטעריעל.

פּערזענלעך באַקאַנט האָב איך זיך מיט קלאַרע יונג אין 1924, ווען זי איז געקומען אַף גאַסטראָלן קיין רוסלאַנד. אונדז האָט צונויפֿגעפירט בויעז יונגוויץ, מיט וועלכן איך בין שוין געווען דאַן באַפרײַנדעט. אין 1924 האָב איך געקוקט די פאָרשטעלונגען מיט קלאַרע יונגס אָנטייל און בין געווען אַנציקט פון איר טאַלאַנט. אייניקע ספּעקטאַקלען האָב איך געקוקט צו עטלעכע מאָל.

כאָטש די פּיעסן, אין וועלכע עס האָט געשפּילט קלאַרע יונג, האָבן ניט געהאַט קיין קינסטלעריש־ליטעראַרישע ווערט, האָט די אַרטיסטקע מיט איר שפּיל פאַרשאַפט דעם צושויער אַ גרויסן פאַרגעניגן. ס'האָט זיך ניט געפילט, אַז זי רעדט עפּעס אַן אויסגעלערנטן טעקסט, נאָר ווי זי וואָלט געשאַפן דעם טעקסט אַפן אָרט. עס פלעגט זיך באַקומען, אַז די רעפליקעס זײַנען איר נייטיק איבער דער געשאַפענער סיטואַציע, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוויזענער קאָנפליקט צווישן די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל. פאַר מיר איז עס געווען אַ סאָד. ווי איז עס מעגלעך? ווי קען מען אָפּטרעטן פונעם אויטאָרס טעקסט? אַ סאָד איז עס פאַר מיר געווען, ביז איך בין ניט אָנגעקומען אַלס אַרטיסט צו איר אין טרופּע.

דאָס איז געווען אין אָדעס אין האַרבסט 1928. פון קלאַרע יונגס קאָלעקטיוו איז אַוועק דער אַרטיסט רובין, וועלכער האָט געשפּילט אין דער מוזיקאַלער קאָמעדיע „שאַ, דער רעבע פאָרט". מיך האָט מען אײַנגעלאַדן צו שפּילן טאַקע דעם שוסטער־יונג אָנשטאָט רובינען. אין דער פּיעסע איז דערציילט געוואָרן, אַז קלייניקוידעש האָבן ניט געוואָלט האָבן אין זייער מישפּאָכע אַ שוסטער־יונג, אַדאַנק אָבער די שפּיצלעך פונעם יונגן רעבן, וועלכן עס האָט גלענצנדיק געשפּילט קלאַרע יונג, איז דער שידעך מעקויעם געוואָרן.

פון אָדעס זײַנען מיר געפאָרן קיין באַקו, ווו מיר האָבן געגעבן באַ 40 פאָרשטעלונגען מיט אַ גוואַלדיקן דערפאָלג. אין באַשטאַנד פון קלאַרע יונגס טרופּע זײַנען געווען זייער פייִקע אַרטיסטן: אַבערבערג, טרילינג, ווינאַגורא, לאַכמאַן מיט זײַן פרוי סאָניע, קאַבאַק, באַנקאָוו, סאָניע צוקער, נוסיע שיינפעלד, מאַניע קאַרלאָס, אַ גרויסער כאָר און אַ באַלעט.

ווען כ'האָב נעענטער זיך באַקאַנט מיט קלאַרע יונג, האָב איך פאַרשטאַנען דעם סאָד פון איר שפּילעוודיקן טאַלאַנט. קעדיי צו באַווײַזן, לעמאָשל, אַז זי איז אין קאַס, האָט זי ניט באַדאַרפט אָנשטרענגען די שטים, גוואַלדעווען, שרײַען. ניין, ס'איז איר גענוג געווען בריִט עפענען די אויסדריקלעכע אויגן און אַ קוק טאָן אַפן פאַרטניאָר, אָדער אַ שפּאַן טאָן פאַריס, די הענט פאַרלייגט אַף הינטן, און אַפן פאַרטניאָר איז אָנגעפאַלן אַ ציטערניש... קלאַרע יונג טוט אַ שמייכל צום אוילעם, ווי אײנער רעדט: „איר זעט, ווי מע דאַרף זיך נויעג זײַן?" דער אוילעם לאַכט און אַפּלאָדירט.

פון באַקו זײַנען מיר אַריבערגעפאָרן קיין מעליטאָפּאָל. דאָס איז שוין געווען ווינטערצײַט. דער טעאַטער איז שטענדיק געווען פולגעפּאַקט.

כאָטש די פאָרשטעלונגען האָבן זיך געענדיקט שפּעט, פלעגט דער אוילעם וואַרטן, ביז קלאַרע יונג וועט אַרויסגיין פונעם טעאַטער, און איר מאַכן אַ וואַרע.

קלאַרע יונג האָט געוווינט ניט ווײַט פונעם טעאַטער און געהאַט אַ שטענדיקע באַגלייטערן. נאָר איינמאָל האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל זי באַגלייטן אַהיים. מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען געאַרעמט און זיך צוגעקוקט, ווי דער אוילעם שטייט פון ביידע זײַטן. מע האָט זיך געסטאַרעט צו זען זי נאָענט, ווי מע זאָגט, „אַ לעבעדיקע״, ניט אָף דער בינע, נאָר אין לעבן. מע איז געווען נײַגעריק צו וויסן, וויפל זי איז אַלט. מע האָט געדענקט, אַז די באָבעס נאָך פלעגן דערציילן ניסים פון קלאַרע יונג — מע האָט זי, אַ סוואָרע, געזען אָף דער בינע נאָך אין ניקאָלקעס צײַטן. דערקענט זי, האָט דער אוילעם אָנגעהויבן שטאַרק אַפּלאָדירן. קלאַרע יונג האָט געבייגט דעם קאָפּ אָף ביידע זײַטן און שמייכלענדיק זיך געווענדט צום אוילעם: „זיבעציק! זיבעציק!״ דאָס הייסט, אַז מע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט: זי איז אַלט 70 יאָר! דער אוילעם האָט געלאַכט און באַגלייט זי ביז איר וווינונג.

אין מײַ 1929 האָט טעוויע ליוקסעמבורג געגרינדעט אין כאַרקאָוו אַ יוגנטלעכן טעאַטער פון קליינע פאָרמען — „געזקולט״, וועלכער האָט געדאַרפט באַדינען די שטעט און שטעטלעך, ווי אויך די ייִדישע קאָלאָניעס פון קאַלינינדאָרפער, נײַ־זלאַטאָפּאָליער, סטאַלינדאָרפער ראַיאָנען. ליוקסעמבורג האָט צונויפגענומען אַ גרופּע יונגע ענטוזיאַסטן. די אַרטיסטן האָבן געלעבט אין אַ צוזאַמענוווינונג, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער געבײַדע פון דער געוועזענער קאָרשוּל אָף פּושקין־גאַס. דאָרט טאַקע זײַנען פאָרגעקומען די רעפּעטיציעס. קיין זיכערע געהאַלטן האָבן די אַרטיסטן ניט באַקומען, נאָר מע פלעגט זיי טאָגטעגלעך אַרויסגעבן געלט אָף שפּײַז. לויט די פּלענער איז געווען באַשטימט, אַז די פּרעמיערע וועט זײַן פאַרטיק אין משך פון אָנדערהאַלבן כאָדאָשים. אָבער ווען מע איז געקומען צום אָנגעמערקטן טערמין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קעדיי צו שאַפן אַן ערנסטן טעאַטער, וועט מען זיך אין אַזאַ קורצער צײַט ניט אַרײַנלייגן.

אין טעאַטער זײַנען געווען אײַנגעלאַדן זאָרעך יאַגאָדע, יאַשע קאַבאַק, עליע כאַליף, ראָזע ראַשקאָווע, יעווע שאַכאָוונער, ליאַסע מייערסאָן, בוזי פײַנטוך, אַניע מייערסאָן, זינע גלוזמאַן, שימען פּאָיאַס, ריווע רופינע, זשעניע צינגער, לאַסקע. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון אָראַטאָריעס, איינאַקטערס, סקעטשן, רעציטאַציעס, פּאַראָדיעס, לידער, טענץ, קאָמישע זאַכן. אַרום דעם „געזקולט״ האָט זיך צונויפגענומען די שרײַבערישע יוגנט: יויסעף קאָטליאַר, פײַוול סיטאָ, עמע קאַזאַקעוויטש, מאָטל גרוביאַן, ב. ריסקינד און אַנדערע. אָפטע געסט זײַנען געווען פּערעץ מאַרקיש, איציק פעפער, מוישע כאַשטשעוואַצקי, דער ניסטער. די געזעלשאַפטלעכקײַט האָט זיך שטאַרק פאַרינטערעסירט מיטן טעאַטער פאַר יוגנט. אַ סאַך ליבהאָבער פון קונסט האָבן אים געהאָלפן מיט וואָס מע האָט נאָר געקאָנט. אַלס רעזשיסער האָט מען אײַנגעלאַדן פון מאָסקווע דעם באַוווּסטן מײַסטער פון קליינבינע־קונסט ניקאָלײַ מיכײַלאָוויטש פאָרעגער. דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געווען זינאָווי זאַגראַניטשני.

דער קאָלעקטיוו איז אַזוי שטאַרק געווען פאַרכאַפּט מיט דער אַרבעט, אַז ווען מע וואָלט באַדאַרפט פּאַטערן אַ גאַנץ יאָר צײַט אָף שאַפן די פאָרשטעלונג, וואָלט מען דאָס גערן געטאָן. נאָר אַזוי־ווי מע האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער צײַט, ניט געזשאַלעוועט קיין קויכעס, איז די פּרעמיערע געווען גרייט דעם 30־טן אויגוסט. דער ערשטער נומער פון דער פּראָגראַם איז געווען די אָראַטאָריע „די רויטע קאַוואַלעריע״, וועלכע האָט פאַרנומען אַן ערך 40 מינוט. דאָס איז געווען אַ קאָמפּאָזיציע פון די בעסטע לידער פון מאַרקישן, פעפערן, קאָטליאַרן, האָפשטיינען און אַנדערע דיכטער. „די רויטע קאַוואַלעריע״ האָט געהאַט אַ ראַשיקן דערפאָלג. אויך די איבעריקע נומערן פון דער פּראָגראַם האָט מען אויסגעפילט מיט עכטן ענטוזיאַזם.

אָפּגעשפּילט עטלעכע פאָרשטעלונגען אין כאַרקאָוו, איז דער טעאַטער אַרויסגעפאָרן אין אַ טורנע קיין פּאָלטאַווע, קרעמענטשוק, נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן, קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, כערסאָן, אָדעס, און ווײַטער — אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע. אַ האַלב יאָר איז דער טעאַטער געווען אין וועג, און נאָכן אורלויב האָט מען זיך אומגעקערט קיין כאַרקאָוו גרייטן אַ צווייטע פּראָגראַם.

דעם טעאַטער האָט מען געקרוינט מיטן נאָמען „רויטע קאַוואַלעריע״, ער איז באַליבט געוואָרן בא די ברייטע ייִדישע מאַסן. מיט גרויס דערפאָלג האָט ער דורכגעפירט זײַנע גאַסטראָלן אין ביראָבידזשאַן. אין טעאַטער זײַנען צוגעקומען פרישע קויכעס: דער זינגער מישע פורמאַן, מיימאָן, לאַנדאַו. ס׳איז געקומען אַ צײַט, ווען דער קאָלעקטיוו האָט דערפילט, אַז ער קאָן זיך נעמען פאַר אַ גרעסערער זאַך, און מע האָט אָנגעהויבן שפּילן דראַמאַטישע ווערק. באַזונדערס האָט זיך דעמלט גוט באַוויזן די טאַלאַנטירטע אַקטריסע ריווע רופינע.

מיך פערזענלעך האָט געצויגן צו דער עסטראַדע. קימאַט קיין איין ליטעראַרישער אָוונט אין אָדעס איז ניט פאָרגעקומען אָן מײַן אָנטייל. עס פלעגן אײַנאָרדענען מײַנע פאָרלעזונגען דאָס ייִדישע קולטור־הויז און די אַרבעטער־קלובן. כ׳בין געווען באַפרײַנדעט מיט דער אָדעסער גרופּע ייִדישע שרײַבער — אירמע דרוקערן, נאָטע לוריע, כאָנע ווײַנערמאַנען, אײַזיק הובערמאַנען, שמועל העלמאָנדן, מאָטל גרוביאַנען, פײַוול סיטאָ, שלוימע לאָפּאַטען און אַנד. ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער

אָוונט, געווידמעט דעם אָדער יענעם שרײַבער, האָב איך פאָרגעלייענט זײַנע ווערק. אויך ווען ס׳פלעגן קומען געסט — שרײַבער פון מאָסקווע, כארקאָוו, קיִעוו, פלעג איך זײַן דער רעציטאטאָר.

אין 1933 האָט די געזעלשאפט „אָזעט" מיך אײַנגעלאדן צו באדינען די יידישע קאָלווירטן פון קרים, נײַ־זלאטאָפאָל, קאלינינדאָרף און סטאלינדאָרף, ווי אויך די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע. מײַן רעפערטואר איז באשטאנען פון ווערק פון די סאָוועטישע יידישע שרײַבער, ווי אויך פון דער קלאסיק.

אין 1936 האָט דער אָדעסער געגנט־אויספירקאָם געגרינדעט א בריגאדע פון שרײַבער צו באדינען די קאָלווירטניקעס פון קאלינינדאָרפער ראיאָן. אין דער בריגאדע האָט מען אײַנגעלאדן פּ. מארקישן, יא. זעלדינען, מ. פינטשעווסקין, כאנע לעווינע און מיך. אין צענטראלן קולטור־הויז פון דער שטאָט איז פאָרגעקומען א גרויסער אָוונט — א באגעגעניש מיט די קאָלווירטניקעס. נאָך די ארויסטרעטונגען פון די שרײַבער האָב איך געלייענט זייערע ווערק און אויך שאָלעם־אליינכעמס דערציילונגען. דערנאָך זײַנען די שרײַבער זיך צעפאָרן איבער די קאָלווירטן. מיר איז אויסגעפאלן צו זײַן אינעם דאָרף ערשטמײַסק. צוזאמען מיט די קאָלווירטניקעס האָב איך געמאכט אן אָרדענונג אין קלוב, אויספאָרמירט די בינע. איך האָב געגרינדעט א זעלבסטעטיקן קרײַז. פאר דעם כוידעש, וואָס איך האָב פארבראכט אין ערשטמײַסק, האָט זיך אײַנגעגעבן צוגרייטן מיטן קרײַז אן אָוונט פון איינאקטערס אָף דער טעמע פונעם טאָגטעגלעכן לעבן. פאר מײַן אוועקפאָרן איז פאָרגעקומען א געזעגענונגס־אָוונט, אָף וועלכן ס׳איז געקומען דאָס גאנצע דאָרף.

אין 1938 האָט מען מיך אײַנגעלאדן צו ארבעטן אין דער ניקאָלײַעווער געגנטלעכער פילארמאָניע. כוץ דעם, וואָס כ׳בין סיסטעמאטיש ארויסגעטראָטן מיט ליטערארישע אָוונטן, האָב איך דאָ אויסגעפילט די פליכטן פון קינסטלערישן אָנפירער.

אין 1939, ווען לוואָוו איז געוואָרן א סאָוועטישע שטאָט, האָט מען מיך געשיקט ארבעטן אין דער דאָרטיקער פילארמאָניע, אויך אלס קינסטלערישן אָנפירער. אין די שטעט פון מערב־אוקראַיִנע און פון אנדערע געגנטן בין איך ארויסגעטראָטן מיט ליטערארישע אָוונטן.

ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, האָט מען אונדז עוואקויִרט קיין טאשקענט. דאָ האָב איך זיך ווידער באגעגנט מיט קלארע יונג. מיר האָבן אָנגעהויבן טראכטן וועגן געמיינזאמע פאָרשטעלונגען. די פילארמאָניע האָט זיך אָנגעכאפּט אין דעם פאָרשלאָג, און אינגיכן האָבן מיר געשפילט א סקעטש — „פארוואָס שווײַגסטו". אינעם סקעטש האָט זיך דערציילט, וויאזוי אין דער געסטאפּאָ האָט מען אויסגעשניטן די צונג בא אן ארבעטער א קאָמוניסט, וועלכער האָט ניט געוואָלט ארויסגעבן זײַנע כאוויירים. ווען זײַן פרוי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, טרייסט זי איר מאן און זאָגט אים, אז ער האָט נאָך ניט אלץ פארלאָרן — ער האָט געזונטע הענט, וועלכע קענען האלטן א ביקס, די הענט וועלן נעקאָמע נעמען אינעם סוינע, דעם פאשיסט. ווען קלארע יונג האָט אויסגעפילט דעם לעצטן מאָנאָלאָג, האָט זי אזוי פארכאפּט מיט איר שפילן דעם צושויער, אז דער זאל האָט מאמעש געשטורעמט. מיך אליין האָבן געשטיקט די טרערן. אפילע ווען מע האָט פארמאכט דעם פאָרהאנג, האָט די ארטיסטקע ניט געקאָנט קומען צו־זיך פון אופרעגונג.

אינעם אָוונט האָט געשפילט א פידלער. איך האָב געלייענט. צום סאָף איז קלארע יונג אופגעטראָטן מיט לידער פון איר אָפערעטע־רעפערטואר.

א ליכטיק בלעטל פון מײַנע טאשקענטער זיכרוינעס פארנעמט די באגעגעניש מיט סידי טאל, וועגן וועלכער איך האָב נאָך פריִער א סאך געהערט און געטרוימט. איך האָב דערזען פאר זיך אן אויסטערלישע אקטריסע, וואָס איר איז ניט פרעמד קיין שום זשאנער פון דראמאטישער קונסט. אין טאשקענט האָבן אין יענער צײַט געלעבט אקטיאָרן, מיט וועלכע זי האָט נאָך געשפילט אין רומעניע. אין סידי טאלס קאָלעקטיוו האָבן זיך געפונען גינע זלאטאיא, שימען לייבאָוויטש, אווראָם בערקאָוויטש, אדאָלף טעפנער, מאניע בערקאָוויטש, יעכיִעל איכילעווסקי, נוסיע און מאניע צוויט און זייער רעזשיסער יאנקעוו שטערנבערג. דער אָנפירער פונעם קאָלעקטיוו איז געוועזן פינכאס פאליק, וועלכער איז ביז הײַנט גוט באקאנט אין דער טעאטראלער וועלט ווי א גלענצנדיקער אָרגאניזאטאָר.

ווי נאָר סידי טאל איז אָנגעקומען קיין טאשקענט, האָט מען זי אײַנגעלאדן אָף ארבעט אין דער רעפובליקאנישער קינאָ־סטודיע. איר קענען פערפעקט די דײַטשישע און רומענישע שפראכן איז געוועזן שטארק נייטיק אין דער ארבעט איבער פילמען. נאָר סידי טאל קאָן ניט לעבן אָן טעאטער, און זי באווײַזט זיך פארן טאשקענטער צושויער. די ערשטע פאָרשטעלונג מיט איר אָנטייל האָט געמאכט א רוישעם. די אוזבעקישע און די אָנגעפאָרענע טעאטראלן האָבן דערזען אין איר א מוסטער פון א סינטעטישער אקטריסע. אומעטום איז זי אויסגעצייכנט — סײַ אין דראמע, סײַ אין טראגעדיע, סײַ אין אָפערעטע, סײַ אין הומאָריסטיש־סאטירישע בילדלעך, אין דער אויספילונג פון פאָלקס־לידער, הײַנטצײַטיקע לידער, מאָנאָלאָגן, דועטן, טענץ, בילדלעך. סידי טאל איז אן אקטריסע, בא וועלכער מע קאָן זיך לערנען, וויאזוי צו ארבעטן איבער א ראָל. ס׳איז ניט געוועזן קיין פאל, זי זאָל זאָגן, אפילע נאָך א דרײַסיקסטער רעפעטיציע: „סע וועט שוין גיין". אלע ארומיקע האָבן געקלערט, אז דאָס, וואָס זי מאכט, איז אן עטאלאָן, נאָר זי איז ניט געוועזן באפרידיקט. איר האָט עפעס געפעלט. אלעמאָל

פלעגט זי עפּעס נאָך צוגעבן. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז עס פלעגט אָנהייבן בלישטשען, ווי אַן אויסגעשליפענער בריליאַנט. זי האָט אַפילו ניט געטראַכט גופא וועגן דעם ברילי־אַנט, זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אין וועל־כער ראָם איז אײַנגעפּאַסט דער בריליאַנט. סי־די טאַל האָט אַ סאַך געאַרבעט מיט איר קאָ־לעקטיוו, אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט פון מיטל־אַזיע און פון דער רוסלענדישער פעדע־ראַציע.

נאָך דער מילכאָמע האָט סידי טאַל מיט איר קאָלעקטיוו זיך אומגעקערט אין איר געבורט־שטאָט טשערנאָוויץ. די טשערנאָוויצער פילאַר־מאָניע האָט אָרגאַניזירט אַן אַנסאַמבל מיט איר אַנטייל. מע האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט סאָ־וועטישע שרײַבער, געשאַפן אַ נײַעם רעפּער־טואַר, וועלכער איז מערסטנטייל געווען געווידמעט דער טעמע פון דער גרויסער פאַטערלענ־דישער מילכאָמע. אין דער ערשטער פּראָגראַם איז געווען אײַנגעשלאָסן ב. ריסקינדס מאָנאָ־לאָג „קאַוואַלער פון מײַן האַרץ". דער מאָנאָלאָג אין סידי טאַלס אויספירונג האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק אָפן צושויער. נאָך דעם טראַגישן מאָנאָלאָג באַווײַזט זי אַ שטיי־גערישע סצענע אין באַן — אַ ייִדענע קערט זיך אום פון דער עוואַקואַציע. און דער צושוי־ער וווּנדערט זיך, וויִאַזוי קאָן מען אַזוי גיך איבערגיין פון איין געשטאַלט צו אַן אַנדערן. מיט זייער ווייניק אויסערלעכע שטריכן האָט זי באַוויזן אַ ייִדענע, אַן עלטערע פרוי, וועלכע שיט מיט וויצן, נאָר אײַנצײַטיק אַנטפּלעקט זיך אַ גאַנצע טראַגעדיע, וואָס עס האָט מיט זיך גע־בראַכט די וועלט־מילכאָמע. דער אויליעם לאַכט הילכיק פון די וויצן, און אין דער זעלבער צײַט ווישט מען אַ טרער, ווײַל עס קלעמט באַם האַרצן, די צושויער לאַכן, און סידי טאַל קוקט אַף זיי, ווי איינער רעדט: „וואָס לאַכט איר? פון וואָס איז דאָ צו לאַכן?" און דעמלט פאַלט אָן אַן עמעסער געלעכטער, ווײַל סידי טאַל איז אַזוי רעאַליסטיש, אַזוי עמעסדיק, אַז מע גלייבט איר!

נאָך אַדהײַעם קאָן איך ניט פאַרגעסן די גרוי־סע קונסט, וואָס סידי טאַל באַווײַזט אין דער „ייִדענע אין וואַגאָן". נאָר וואָס זי זאָל ניט שפּילן — אַ סצענע אין וואַגאָן, אַ סצענע, אין וועלכער זי מאַכט כויזעק פון אַ ביוראָקראַט, לאַכט אויס אַ ליגנער, אַ כאַניפעניק, אַ ליידיק־גייער, צי זי זינגט לידער, סײַ פּאָליטישע, סײַ שטייגערישע, — אומעטום איז זי כיינעוודיק, ערנסט, צויבערדיק. קאָן מען דען, אַשטייגער, פאַרגעסן סידי טאַל אין דער ראָל פון מאָטל פּייסי דעם כאַזנס? מע קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז עמעצער זאָל קענען געפינען דאָס, וואָס זי באַווײַזט אין מאָטלען...

אַרבעטנדיק אינעם קאָלעקטיוו מיט סידי טאַל, בין איך אַרומגעפאָרן איבער די גרעסטע שטעט פון אונדזער לאַנד. אָפטע געסט זײַנען מיר געווען אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו און אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער היימלאַנד. איך בין גליקלעך, וואָס כ׳האָב געהאַט אַ מעג־לעכקײַט צו אַרבעטן מיט אָט דער גרויסער קינסטלערן, און איך בין זיכער, אַז סידי טאַל וועט מיט איר קונסט נאָך לאַנג קוויקן די האַר־צער פון אונדזער צושויער.

ביזן 1960 האָב איך געאַרבעט אין דער אוק־ראַיִנישער עסטראַדע אינצווייען מיטן זינגער מיכאַיִל פורמאַן. מיט ייִדישע קאָנצערטן זײַנען מיר אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעט־לעך פון אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע, מיטל־אַזיע, מאָסקווע, לענינגראַד.

אין 1960 האָט דאָס קולטור־מיניסטעריום מיך געשיקט אַרבעטן אין דער קרימער פילאַרמאָ־ניע. דאָ בין איך געווען טעטיק ביזן 1971, גאַסטראָלירט אין די קרימער שטעט, אין די שטעט פון קימאַט אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן.

אויך איצט טרעט איך אָפט אַרויס מיט קאָנ־צערטן אין די קוראָרטן פון קרים און קאַווקאַז. איך לייען פאָר שאָלעם־אַלייכעמס ווערק סײַ אין ייִדיש, סיי אין דער רוסישער איבערזעצונג. אין מײַן רעפּערטואַר זײַנען פאַראַן איסאַק באַ־בעלס דערציילונגען, פון וועלכע איך האָב צו־נויפגעשטעלט אַ גאַנצע פּראָגראַם.

און ביז עס טראָגן מיך די פיס, ביז איך וועל האָבן קויעך, וועל איך זיך ניט שיידן מיט דער קונסט, וועלכער איך האָב אָפּגעגעבן 60 יאָר פון מײַן לעבן.

פון רעדאַקציע.

ווען עליע כאַליפּס זיכרוינעס זײַנען שוין געווען אין זאַץ, האָבן מיר באַקומען די טרוי־עריקע ידיִע, אַז דער וועטעראַן פונעם ייִדישן טעאַטער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 75 יאָר. ערע זײַן ליכטיקן אָנדענק!

ליטעראַרישע געדענק=דאַטעס

ז. ווענדראָף

(צום 100־טן געבורטסטאָג)

יויסעף אָפּאַטאָשו

(צום 90־טן געבורטסטאָג)

ז. ווענדראָף

מײַן ביאָגראַפיע



די שפּערישע ביאָגראַפיע פון א שרײַבער איז ניט אָפּצוטײלן פון זײַן פּערזענלעכער ביאָגראַפיע. דעריבער איז שווער צו שרײַבן דאָס צווייטע, ניט אָנרירנדיק דאָס ערשטע, און פאַרקערט. נאָך שווערער איז ארײַנצושפּאַרן אין די ראַמען פון געציילטע זײַטלעך די ביאָגראַפיע פון א מענטשן, וואָס האָט אָפּגעלעבט זיבן צענדליק יאָר. טיילווײַז האָב איך דאָס געטאָן אין מײַן בוך פון אווטאָביאָגראַפישע דערציילונגען „אַף דער שוועל פונעם לעבן", דערשינענע אין 1941 אינעם „עמעס"־פאַרלאַג. איך וועל זיך אומקערן צו דער דאָזיקער טעמע, ווען איך וועל פאַרענדיקן דאָס בוך דערציילונגען, וואָס איך גרייט איצט צום דרוק. דאָ וועל איך זיך באַגרענעצן בלויז מיט א סכעמע פון מײַן ביאָגראַפיע.

איך בין געבוירן אין 1877 אין סלוצק, אין געזינד פון א לערער (ניט אין 1880, ווי איך האָב אלפּי־טאָעס אָנגעוויזן פריִער). מיר זײַנען געווען א גרויס געזינד (8 קינדער), נאָר לעבנס־מיטלען האָבן מיר געהאַט זייער ווייניק. די עלטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אלץ, אבי געבן די קינדער בילדונג. אָבער אָנקומען אין גימנאַזיע האָב איך ניט געקאָנט צוליב דער „פּראָצענט־נאָרמע" פאַר ייִדן. אין אָט דער נאָרמע האָט זיך געפונען אָן אָרט בלויז פאַר די קינדער פון פאַרמעגלעכע ייִדן. געטאָן פלעגט דאָס ווערן אַף זייער א פּאָשעטן אויפן: א רײַכער ייִד פלעגט ארײַנטראָגן סכאַר־לימעד פאַר עטלעכע רוסישע ייִנגלעך און אזויאַרום שאַפן א „נאָרמע" פאַר זײַן זון. אין אייניקע פאַלן האָט די רײַכע ייִדן זיך אײַנגעגעבן צו „מושווע ווערן" מיטן דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע. אָבער ניט דאָס און ניט יענץ איז נישט געווען פאַר דער קעשענע פון מײַן טאַטן. האָב איך געמוזט באַנוגענען זיך מיט דער שטאָטישער שול, און נאָכן ענדיקן זי גרייטן זיך עקסטערן צו די מאַטורע־עקזאַמענעס. מיטן צוגרייטן

אָרעמע שילער צו די מאַטורע־עקזאַמענעס האָבן זיך פאַרנומען גימנאַזיסטן פון די עלטע־רע קלאַסן. געטאָן האָבן זיי דאָס אָן געצאָלט, זיי זײַנען געווען פאַרינטערעסירט, אַז די אָרע־מע יינגלעך זאָלן זיך לערנען. איך האָב אָבער צו די מאַטורע־עקזאַמענעס ניט דערצויגן, איך האָב געמוזט פרי טראַכטן וועגן „פּאַס באַמע־לאַך טויכל" — וועגן פאַרדינען אַפּן שטיקל ברויט. צו 16 יאָר בין איך אַוועקגעפאָרן אינעם „רוסישן מאַנטשעסטער" — קיין לאָדזש — זוכן אַרבעט און פאַרזעצן די בילדונג. אַרבעט האָב איך דאָרט געקראָגן גאַנץ גיך, אָבער בילדונג — ניט.

איך בין אָנגעקומען אַלס קאָנטאָר־יינגל אין איינער א וועבער־פאַבריק.

קיין וועבער־פאַבריק איז דאָרט פאַקטיש ניט געווען, געווען איז נאָר אַן אָפּגעדרוקט קאַרטל, ווו עס איז געשטאַנען: „מ. גראָס עט קאָ., פאַבריק פון וואָל־ און קאַמוואָל־טיכלעך". ווײַ־טער איז געשטאַנען דער אַדרעס פונעם „פאַ־בריק־סקלאַד". אַזעלכע פאַבריקאַנטן פון וויזיט־קאַרטלעך זײַנען אין לאָדזש געווען א סאַך. זיי האָבן ניט געהאַט ניט קיין פאַבריק־געבײַדעס, ניט קיין וועבשטולן, ניט קיין אַרבעטער־קאַד־רען. עס איז געווען בלויז א קאַרטל פּליוס ספּעקוליאַציע און עקספּלואַטאַציע: מע האָט געקויפט גאַרן און צעטיילט צווישן די קוס־טאַרן — וועבער, צווישן די „היים־אַרבעטער", ווי מע רופט זיי הײַנט, וועלכע האָבן געאַרבעט אַף אַלטפרענקישע האַנט־וואַרקשטעלן. דערנאָך פלעגט מען די פּראָדוקציע אָפּשיקן אין דער אַפּאַראַטור־פאַבריק, און פון דאָרט פלעגט זי, שוין א באַאַרבעטע, אָנקומען צום „פאַברי־קאַנט".

מײַן אויפגאַבע איז געווען: אַרויסגעבן די וועַ־בער גאַרן, אָנעמען די פּראָדוקציע, אַרומשנײַדן די הענגענדיקע פעדעם, צונייען צו די טיכלעך יאַרליקעס, אײַנפּאַקן און אָפּשיקן די סכוירעס צו די קוינים.

געאַרבעט האָב איך 12 שאָ אין טאָג. גע־צאָלט דערפאַר האָט מען מיר 12 רובל א כוידעש, אין א יאָר אַרום האָב איך אָנגעהויבן באַקומען 15 רובל.

דאָס אַלץ איז אָבער גאָרניש אין פאַרגלײַך מיט דער עקספּלואַטאַציע, וועלכע עס זײַנען אויסגעשטאַנען די וועבער — די היים־אַרבעטער. געאַרבעט האָבן זיי נאָר פון שטיק. געצאָלט האָט מען זיי גראָשנס. בײַ דעם קלענסטן בראַק פלעגט מען די פּראָדוקציע ניט אָנעמען — אומ־קערן זי דעם וועבער אַפּן כעזשבן פונעם אַר־בעטס־לוין, דערנאָך פלעגט דער זעלבער „פאַ־בריקאַנט" אויפקויפן קימאַט אומזיסט די בראַ־קירטע פּראָדוקציע און פאַרקויפן זי אַלס סכוי־רע פון גוטער קוואַליטעט. דאָס איז געווען עקספּלואַטאַציע געקייפלט אַף שווינדל.

עס האָט זיך זייער געוואָלט לערנען. איך האָב געפּרוווט אַליין גרייטן זיך צו די עקזאַ־מענעס, נאָר עס האָט זיך גאָרנישט ניט באַקו־מען: די אַרבעט אין קאָנטאָר האָט אָפּגענומען א סאַך צײַט און קויכעס. דערפאַר האָב איך מיט אַלץ מער האַסמאָדע געלייענט ביכער.

איך געדענק ניט, כ׳זאָל ווען־עס־איז אין דער פרײַער צײַט ניט זיצן מיט א בוך אין האַנט. מיט מײַן לייענען האָט קיינער ניט אָנ־געפירט, און איך האָב ניט געלייענט, נאָר גע־זופט אַלץ, וואָס איז מיר געקומען אונטער די הענט, — אַף רוסיש, ייִדיש, העברעיִש, שפּעטער אויך אַף אַנדערע שפּראַכן, ווערק פון קלאַסי־קער און בולוואַר־ראָמאַנען, וועגן רײַזעס און מײַסע־נוירעס, פאַנטאַסטישע דערציילונגען, היסטאָרישע ראָמאַנען, מײַסעלעך, לעגענדעס, לידער.

מײַן באַליבטער דיכטער איז געווען נעקראַ־סאָוו. פון די רוסישע קלאַסיקער־פּראָזאיִקער — גאָגאָל. פון די ייִדישע שרײַבער — שאָלעם־אַלייכעם. פון שאָלעם־אַלייכעמען האָב איך מאַ־מעש געלעקט די פינגער: „גאָט מײַנער, ער שרײַבט דאָך אינגאַנצן אַזוי ווי מע רעדט!" די פּערסאָנאַזשן פון זײַנע הומאָריסטישע דער־ציילונגען זײַנען געווען, ווי מיר האָט זיך גע־דאַכט, מײַנע אַלטע באַקאַנטע לעבעדיקע מענטשן. איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל מיסטאָמע אויך קענען אָט אַזוי שרײַבן. איך האָב געמאַכט א פּרווו צו באַשרײַבן דאָס „קאָ־מישע" צווישן די מענטשן, וועלכע געפינען זיך אַרום מיר, נאָר באַקומען האָט זיך „ניט אַזוי, ווי בײַ שאָלעם־אַלייכעמען".

דאָס לעבן פון א גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט מיט אירע שאַרפע קאָנטראַסטן, מיטן שרײַענדיקן לוקסוס פון די נעגידים און שרעק־לעכן דאַלעס פון די אָרעמע, מיטן גלאַנץ פון פעטריקאָווסקאַיאַ (די הויפּט־אַרטעריע פון שטאָט), מיט דער שמוץ און מיטן דאַלעס פון באַלוט (א ראַיאָן פון אָרעמקײַט און שווערער מי) — האָבן מיך איבערראַשט. עס האָט זיך גע־וואָלט פאַרשרײַבן מײַנע באַאָבאַכטונגען, פאַר־צייכענען אַף פּאַפּיר מײַנע אײַנדרוקן, די גע־דאַנקען, וועלכע זײַנען אַרויסגערופן דורך דעם געזעענעם. דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, האָב איך פאַרגעלייענט פאַר די כאַווײרים. זיי האָבן אײַנגעפונען, אַז מײַן „שאַפונג" איז ווערט געדרוקט צו ווערן „כאָטש באַלד". עס זײַנען אָבער אַוועק דרײַ יאָר, איידער איך האָב זיך אַנטשלאָסן צו שיקן עפּעס אין א צײַטונג. און אָט איז זומער 1899, אין דער וואָכנשריפט „דער יוד", וואָס פלעגט זיך דרוקן אין קראָקע און רעדאַגירט ווערן אין וואַרשע (אין יענער

צײַט איז אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטן צו דרוקן ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס), פאַרעפנטלעכט געוואָרן מײַן ערשטע קאָרעספּאָנדענץ פון לאָדזש אונטערן נאָמען „פאַבריקאַנטן אַף וויזיט־קאַרטלעך". אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ האָב איך באַשריבן סײַ די זיטן פון יענעם מין „פאַבריקאַנטן", סײַ די ארבעטס־באַדינגונגען און דעם לעבנסשטייגער פון די וועבער — היים־אַרבעטער. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט בײַקומען דעם יעיצערהאָרע צו אונטערשרײַבן זיך מיט מײַן פולן נאָמען. פאַר דעם „קאָווד" האָב איך זיך צעצאָלט מיט פאַרלירן די שטעלע: מײַן באַלעבאָס האָט זיך געכאַפּט, אַז איך בין פאַר אים „צו קלוג", בעסער זאָל איך זוכן פאַר זיך אַן אָרט אין עפּעס אַ רעדאַקציע...

אינגיכן איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן צווייטע קאָרעספּאָנדענץ, דערנאָך די דריטע. פאַר אלע דרײַ קאָרעספּאָנדענצן האָט די רעדאקציע מיר צוגעשיקט כײַ קארבן (18 רובל). פאַרשטענדלעך, אז מאכן א לעבן פון אזא „ליטעראַרישער ארבעט" האָב איך ניט געקאָנט. מײַנע קאָרעספּאָנדענצן האָבן זיך געדרוקט זייער זעלטן און מײַן האָנאָראַר איז געווען זייער קליין. קיין אַנדער אַרבעט האָב איך ניט געקאָנט געפינען. די סיבה איז עפּשר געווען מײַן „פּאָפּולערקײַט" אַלס קאָרעספּאָנדענט, וועגן איר האָט זיך געזאָרגט מײַן געוועזענער באַלעבאָס, וואָס האָט געהאַלטן, אַז איך האָב אים באַליידיקט.

ווי אַ סאַך יונגע יידן פון מײַן דאָר, וואָס האָבן אינעם צאַרישן רוסלאַנד ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט אונטער דער זון, האָב איך באַשלאָסן זיך אַריבערפּעקלען קיין אַמעריקע. קיין געלט אַף אַ שיפסקאַרטע האָב איך ניט געהאַט. מיט גרויס מי האָב איך אָנגעקליבן אַזאַ סומע, אַז מיר האָט געקלעקט אַף דערפאָרן ביז ענגלאַנד.

אין איינעם אַ כמאַרנעם האַרבסטיקן פרימאָרגן, אַ פינצטערן, ווי די נאַכט, בין איך געקומען קיין לאָנדאָן. ענגליש האָב איך ניט געקענט, אין קעשענע — קיין שילינג. איך האָב אויך ניט געהאַט קיין קרוווים, קיין באַקאַנטע. און ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, האָט גראָד אָט דער אומשטאַנד מיר געהאָלפן צו געפינען מײַן אָרט אין דער פרעמד. איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום אַרבעט: געווען אַ הילפס־אַרבעטער אין אַ פאַבריק פון פּרוכט־וואַסער און אין אַ האַלץ־באַאַרבעטנדיקער פאַבריק, ווו מע האָט געמאַכט מעבל, אַ טרעגער אַפן מאַרק פון גרינס און פרוכטן. גענומען האָב איך יעטווידע צופעליקע אַרבעט און געווען זאַט און פריילעך. אין די אָוונטן פלעג איך באַזוכן די שול, ווו אויסלענדער האָבן געלערנט די ענגלישע שפּראַך, שפּעטער דעם "Peoples University" („פאָלקס־אוניווערסיטעט") אין לאָנדאָן. באַהערשט די שפּראַך און צוגעוווינט זיך צום אַרומיקן לעבן, האָב איך אָנגעהויבן קריגן לײַכטערע און בעסער באַלוינטע אַרבעט: אַלס פאַרשפּרייטער פון אַבאָנעמענט־אויסגאַבעס, אַלס זאַמלער פון צײַטונגס־אַנאָנסן, אַלס מיטאַרבעטער אין וו. ג. טשערטקאָווס טאָלסטאָי־פאַרלאַג, אַלס איבערזעצער, אַלס גיד.

איך האָב זשעדנע צוגעקוקט זיך צום נײַעם פאַר מיר לעבן. די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער, פּאָליטישע עמיגראַנטן, פּאָליטישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך גערופן מיט די פאַרשיידנסטע נעמען, — אָנגעהויבן פון די ציוניסטן און ביז די אַנאַרכיסטן, מיט וועלכע עס איז געווען פול דער איסט־ענד, די פּראָצעסיעס און דעמאָנסטראַציעס פון שטרײַקנדיקע אַרבעטער, די גאַסן־רעדנער, די זונטיק־רעדנער אין הײַד־פּאַרק, די אין רוסלאַנד פאַרבאָטענע ביכער און צײַטונגען — דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיר נײַ, אומגעוויינלעך, אינטריגירנדיק. מײַנע רײַזעס און וואַנדערונגען איבער די פאַרשיידענע שטעט און יישובֿים פון ענגלאַנד און שאָטלאַנד, ווו איך האָב געזען דאָס לעבן פון די טרעגער, שאַכטיאָרן, דאָקערס, פאַבריק־אַרבעטער, פּאָליטישע עמיגראַנטן, פון די יידן אין ווײַטשעפּל — האָבן פאַרברייטערט מײַן וועלט־אָנשויונג, באַרײַכערט מיך מיט אַ נײַער לעבנס־דערפאַרונג. עס האָט זיך געוואָלט דאָס אַלץ פאַרשטיין, באַזינגען, פאַרקריצן אין זיכּאָרן, פאַרייביקן אַף פּאַפּיר. און איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן אַרטיקלען, עסייען, דערציילונגען און שיקן זיי אין די צײַטונגען „אַרבײַטער פרײַנד", „קאָמפער" (לאָנדאָן), „פרײַע אַרבײַטער־שטימע" (ניו־יאָרק), „דזשויש טײַמס" (גלאַזגאָ) און אַנד.

אין „דזשויש טײַמס" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן ערשטע גרויסע דערציילונג „דער פונק" — זייער אַ נאַיווע דערציילונג וועגן אַ יונגנמאַן, וואָס האָט געמוזט פאַרלאָזן זײַן היימלאַנד און זוכן גליק אין דער פרעמד.

די צײַטונגען האָבן גערן געדרוקט קימאַט אַלץ, וואָס איך האָב געשיקט, נאָר קיין געלט האָבן זיי ניט געצאָלט.

איך האָב שוין געהאַט אָפּגעלעבט דאָ מער פון פינף יאָר, נאָר אַף ענגלאַנד האָב איך אַלץ געקוקט, ווי אַף אַן אַכסאַניע. דאָס לעבן אין אָט דעם לאַנד האָט ניט צוגעזאָגט קיין גרויסע גליקן, ניט קיין מאַטעריעלע, ניט קיין גײַסטיקע: צו באַגרענעצט זײַנען געווען די מעגלעכקײַטן פאַר אַן אויסלענדער. עס האָט דערביבער געצויגן קיין אַמעריקע. דאָרט, אין אַמעריקע,

קינסטלער אָלעג פירער

קראַסנאָיאַרסק

אין טראַמוויי

אילױסטראַציע צו שאָלעם-אַלײכעמס „סטעמפּעניו"

א יונגער באָכער

צו לייב קוויטקאָס ליד „עזראָ און דער ביק"

דרײַ כאַכאָמים

צו טאָמאַס מאַנס „יויסעף און זײַנע ברידער“

זומער־צײַט

צו נ. וו. גאַגאָלס דערצײלונג „די נאָז"



זײַנען פֿאַראַן גרויסע און רײַכע ייִדישע צײַ־טונגען, זשורנאַלן, פֿאַרלאַגן. דאָרט וועט ליטע־ראַטור און זשורנאַליסטיק קאָנען ווערן מײַן פּראָפֿעסיע.

אין 1906 בין איך אַריבערגעפֿאָרן קיין אַמע־ריקע.

ווערן אָבער א פּראָפֿעסיאָנעלער שרײַבער איז געווען ניט אַזוי פּאַשעט אַפֿילו דאָרט. מײַן „ייִדישע שרײַב־מאַניר" איז געווען ניט צום האַרצן די אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרן, און מיר איז געווען שווער צוגעווינען זיך צום היפּער־באַלישן, שרײַענדיק־סענסאַציאָנעלן סטיל פֿון די דאָרטיקע צײַטונגען. אָבער האָגאָם די רע־דאַקציעס האָבן ניט אָנערקענט מײַן זשורנאַ־ליסטישן טאַלאַנט, האָבן זיי גערן געדרוקט מײַנע שטײַגערישע עסייען און הומאָריסטישע דערציילונגען. עס האָט זיך אַפֿילו באַוויזן א געוויסער נאָכפֿרעג אױף זיי. אין 1907 האָט דער ניו־יאָרקער ייִדישער פֿאַרלאַג „אינטערנאַציאָ־נאַלע פֿאַרלאַג־קאָמפּאַניע" אַרויסגעגעבן מײַן גרויסע דערציילונג „אין דער פֿרעמד" — וועגן דעם לעבן פֿון די ייִדישע עמיגראַנטן אין ענ־גלאַנד. דאָס איז א דערציילונג וועגן א מעבל־אַרבעטער, א גרויסן פּאַכמאַן, וואָס איז געווען פֿאַרליבט אין זײַן אַרבעט. געוווינט צו שאַפֿן פּרעכטיקע פֿאַרענדיקטע כּפֿייצים, איז ער אָבער אַרײַנגעפֿאַלן אין א גרויסער מעכאַניזירטער פֿאַבריק, ווו עס איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אינ־דיווידועלער שאַפֿונג. די דערציילונג שילדערט, ווי אַזוי עס ווערן אומפֿאַרשעמט עקספּלואַטירט די אַרבעטער־עמיגראַנטן, עס ווערן צעפֿאַלן זייערע געזינדן, אין די פֿרעמדע באַדינגונגען נאָגט זיי די נאָסטאַלגיע, די בענקעניש נאָך דער היים.

די ליטעראַטור איז אָבער נאָך אַלץ ניט גע־וואָרן מײַן גרונט־פֿאַך. זוכנדיק א פּאַסיקע אַר־בעט, בין איך אַריסגעפֿאָרן קימאַט גאַנץ אַמע־ריקע. אומגעקערט זיך קיין ניו־יאָרק, האָב איך באַקומען א פֿאָרשלאָג פֿון דער גרויסער ייִדי־שער צײַטונג „מאָרגן־זשורנאַל", כ׳זאָל פֿאָרן קיין רוסלאַנד אַלס איר קאָרעספּאָנדענט. איך האָב גערן אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג, עס האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט אומקערן זיך אַהיים, כאָטש דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז זיך מיט מיר באַגאַנגען, ווי א שטיפֿמאַמע.

אין מײַנע רײַזעס איבער רוסלאַנד אַלס קאָ־רעספּאָנדענט, בין איך אין 1908 געקומען קיין וואַרשע, ווו די טאָג־צײַטונג „הײַנט" האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו ווערן איר שטענדיקער מיטאַר־בעטער. דאָס געהאַלט איז, לויט יענער צײַט, געווען גאַנץ גרויס, אָבער אויך די פּראָדוקציע, וואָס איך האָב באַדאַרפֿט געבן, איז געווען ניט קיין קליינע: צוויי־דרײַ קליינע פֿעליעטאָנען א וואָך, איין איבערזיכט־פֿעליעטאָן וועגן דעם לעבן אין דער פּראָווינץ, וואָס גייט אונטער א שטענדיקן קעפּל: „איבער די שטעט און שטעט־לעך", און א וועכנטלעכן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿט־לעכן איבערזיכט־פֿעליעטאָן. כוצדעם האָב איך געדאַרפֿט געבן צוויי דערציילונגען א כוידעש. געשריבן האָט זיך אָבער לײַכט. אויסער דער אַרבעט אין „הײַנט" פֿלעג איך נאָך באַוויזן צו שרײַבן פֿאַר די ייִדישע צײַטונגען פֿון ניו־יאָרק, לאָנדאָן, בוענאָס־אײַרעס.

אין „הײַנט" האָב איך אָפּגעדרוקט א ציקל דערציילונגען (מער פֿון צוואַנציק), וועלכע זײַנען דערנאָך דערשינען אין א באַזונדער צווייבענדיקער אויסגאַבע אונטערן נאָמען „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ". זיי האָבן געהאַט א גרויסן דערפֿאָלג. די רוסישע איבערזעצונג פֿון־נעם בוך (אָגאָוו, זייער א שלעכטע) איז אָפּגע־מערקט געוואָרן מיצאַד דער רוסישער קריטיק.

אַמפֿיטעאַטראָוו האָט אָנגעשריבן וועגן דעם דאָזיקן בוך א גרויס אַרטיקל, אַף צוויי קע־לערס, געדרוקט אין די צײַטונגען „קיִעווסקאַיאַ מיסל" און „דיען", אויך אינעם זאַמלבוך פֿון זײַנע קריטישע אַרטיקלען „אַף יעדן קלאַנג". אויסצוגן פֿון די דאָזיקע דערציילונגען האָבן ציטירט די ייִדישע דעפּוטאַטן פֿון דער מעלו־כע־דומע, דערווײַזנדיק, וויפֿל די ייִדן אין רוסלאַנד קומט אויס איבערצולעבן פֿון דער רעכטלאָזיקײַט און פֿונעם ווילקיר מיצאַד די מאַכט־אָרגאַנען.

פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון אָט די דערציילונגען האָב איך געהאַט צו פֿאַרדאַנקען ניט אַזוי דעם קינסטלערישן ווערט זייערן, וואָס איז, ווי איך האָב שפּעטער אַליין פֿאַרשטאַנען, געווען ווײַט ניט אַזוי הויך, נאָר דער טעמע און דער פֿאָרם, וועלכע איך האָב אָפּגעקליבן פֿאַר די דערציי־לונגען. די טראַגישע לאַגע פֿון מײַן פֿאָלק, וואָס לײַדט פֿון רעכטלאָזיקײַט און דרוק, האָב איך געשילדערט אין א הומאָריסטישער פֿאָרם. אַזאַ פֿאָרם האָב איך געמוזט נוצן טיילווײַז צוליב די צענזור־באַדינגונגען, אָבער אָן עפֿעקט האָט זיך באַקומען אָן אומגעריכטער און א שטאַר־קער.

נאָך דער ערשטער סעריע דערציילונגען האָב איך אָפּגעדרוקט די צווייטע סעריע — „מעשׂו־מאָדים". זי איז דערנאָך אַרויס אין א באַזונ־דער אויסגאַבע אונטערן נאָמען „געלעכטער און טרערן". אין די דאָזיקע דערציילונגען האָב איך געגעבן א גאַלעריי טיפּן פֿון ייִדן־מעשומאָדים, אָנגעהויבן פֿון געוויינלעכע אויסוואָרפֿן, וועלכע האָבן זיך געשמאַדט פּאַשעט צוליב דער קאַ־ריער, און געענדיקט מיט די מאַראַנען פֿון דער צאַרישער צײַט, וועלכע האָבן בלויז לעפֿאָנעם־וועגן אָנגענומען די קריסטלעכע עמונע, קעדיי דורכשלאָגן פֿאַר זיך א וועג צו בילדונג.

די דאָזיקע דערציילונגען, כאָטש זיי זײַנען געווען א סאך רײַפער פון די ערשטע און זייער טעמע איז אויך געווען אן אקטועלע און א הײַנטצײַטיקע, האָבן זיי אָבער ניט געהאַט אזא דערפאָלג, ווי יענע. דאָס איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די ייִדישע מאסן האָבן שטענדיק געקוקט אף א מעשומעד ווי אף א רענעגאַט, ניט נעמענדיק אין אכט דעם מאָטיוו, פארוואָס דער ייִד איז אוועק פון דער נאַציע, — טאקע פון דער נאַציע, ניט פון דער רעליגיע.

אויסער די שוין אָנגערופענע ביכער, זײַנען אינעם פארלאג „יעהודיִע" (ווארשע — ווילנע) ארויס מײַנע זאמלונגען „באקאנטע פארשווינען", „א ברייטער שמייכל" און ארום צוואנציק באַזונדערע דערציילונגען־בראָשורן. אינעם פארלאג „שימין" (ווארשע) איז דערשינען מײַן בוך „הומאָרעסקעס און דערציילונגען". סאכאקל זײַנען פאר די יאָרן 1911 — 1915 דערשינען זעקס זאמלונגען פון דערציילונגען — בא די 100 דרוק־בויגן. אייניקע מײַנע דערציילונגען זײַנען ארויס, אויסער אין רוסיש, אויך אין ענגליש און דײַטש. איך האָב געשריבן, ווי מע זאָגט עס הײַנט, וועגן דעם „פאַשעטן מענטשן".

די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט טייקעף געמאכט א סאָף צו מײַן ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער טעטיקײַט: קימאַט שוין אין די ערשטע מילכאָמע־טעג איז פארבאָטן געוואָרן צו דרוקן אין ייִדיש פעריאָדישע אויסגאבעס. די פארבינדונג מיט די אויסלענדישע פארלאגן איז איבערגעריסן געוואָרן. איך בין דעמלט אריבער צו געזעלשאפטלעכער ארבעט: אין אָנהייב 1915 האָב איך געארבעט אלס באפולמעכטיקטער פונעם צענטראַלן ייִדישן קאָמיטעט פאר העלפן די מילכאָמע־קאָרבאָנעס. ביז דער פעווראַל־רעוואָליוציע האָב איך געארבעט אין דער זאָנע פונעם מײַרעוו־פראָנט און פונעם צאָפן־מײַרעוודיקן. נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע האָט מען מיך קאָמאנדירט קיין סיביר אף אויסצופאָרשן די לאגע און צוגרייטן די רעעוואקואציע פון די ייִדישע פליטים און אָרוועס־לײַט. טאקע דאָרט, אין סיביר, האָט מיך געטראָפן די אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

אומגעקערט זיך קיין מאָסקווע, ווו עס האָט געלעבט מײַן געזינד, בין איך אוועק ארבעטן (אין 1918) אינעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט באם פאָלקאָמנאַץ, ווו איך האָב פארוואלטעט מיטן אָפּטייל פון קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. גלײַכצײַטיק האָב איך זיך געדרוקט אין די צײַטונגען „דער עמעס" (מאָסקווע), „שטערן" (וויטעבסק), „וועטשערניִע איזוועסטיִא" (שפּעטער איז זי אָנגערופן געוואָרן „וועטשערניאיא מאָסקווא") און אנד.

פונעם 1 מארט 1919 ביזן סאָף 1922 האָב איך געארבעט אלס שטעלפארטרעטער פונעם פארוואלטער מיטן פרעסע־אָפּטייל באם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פון פארקער־וועגן, אלס פארוואלטער פונעם פרעסע־אָפּטייל, רעדאקטאָר פון די ספעציעלע אויסגאבעס פון דעם דאָזיקן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט, אלס שטענדיקער שטאַטנער מיטארבעטער פון דער צײַטונג „עקאָנאָמיטשעסקאיא זשיזן", שפּעטער — פון דער צײַטונג „הודאָק", געשריבן פאר די צײַטונגען אף דער פעריפעריע.

אין 1919 איז אין פארלאג „מאָלאָט" (מאָסקווע) דערשינען מײַן זאמלונג דערציילונגען „מי און האָפענונג".

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָב איך געארבעט אף די איבערזעצונגען פון די ווערק פון די ענגליש־אמעריקאנישע שרײַבער — קיפּלינג (מײַסעלעך), דזשעק לאָנדאָן („מארטין אידען", „דער ווײַסער שטויסצאָן"), מארק טוועןן („דער פרינץ און דער בעטלער"), סטײנבעק („די שטענגלעך פון צאָרן") און א ריי אנדערע.

אין די לעצטע יאָרן ערעוו דער מילכאָמע האָבן מײַנע דערציילונגען פעריאָדיש זיך געדרוקט אין די ייִדישע זשורנאַלן „דער שטערן" (מינסק), „סאָוועטישע ליטעראַטור" (קיִעוו), „פאָרפּאָסט" (ביראָבידזשאַן), אינעם אלמאנאך „סאָוועטיש" (מאָסקווע) און קימאַט אין אלע ייִדישע סאָוועטישע צײַטונגען.

אין 1941, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז דערשינען מײַן בוך „אף דער שוועל פון לעבן" (אין „עמעס"־פארלאג). פאר דעם זעלבן פארלאג האָב איך געארבעט אף דער איבערזעצונג פון ערענבורגס בוך „דאָס פאַלן פון פאריזש".

פון מײַ 1942 ביז מײַ 1943 בין איך געווען א מיטארבעטער פונעם ראַדיאָ־קאָמיטעט, ווו כ'האָב רעדאגירט די ייִדישע טראנסליאציעס פאר אמעריקע און ענגלאנד. דאָרט האָב איך שפּעטער, ביזן 1 מארט 1944, געארבעט אלס שטענדיקער מיטארבעטער, נאָר ניט אין שטאַט. איך האָב געשריבן ארטיקלען און עסייען פאר דער סאָווינפאָרמביוראָ און פארן ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט.

פונעם 1 מארט 1944 ביזן 1 מארט 1945 האָב איך פארוואלטעט מיטן אָפּטייל פון אויסלענדישער אינפאָרמאציע אין דער מאָסקווער צײַטונג „אייניקײַט".

איצט גרייט איך צום דרוק א בוך דערציילונגען וועגן מענטשן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע און וועגן די נאָכמילכאָמע־יאָרן.

איך האָב אָפּגעלעבט 70 יאָר, א סאך געזען. איך האָב וואָס צו דערציילן.

מאָסקווע, נאָיאבער 1946.
ד. ווענדראָווסקי (ז. ווענדראָף איז מײַן פסעוודאָנים)

אין אָקטיאבער 1968, ווען ז. ווענדראָף האָט שוין אריבערגעשטיגן דעם עלטער פון 90 יאָר, האָט ער צו אָט דער ביִאָגראפיע זײַנער צוגעגעבן פאָלגנדיקס:

„אין 1957 איז אינעם פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ דערשינען אין רוסיש מײַן בוך „דערציילונגען וועגן אָוואר״ («Рассказы о былом»). אין 1962 איז דאָס בוך איבערגעזעצט געוואָרן אין פּויליש און ארויסגעגעבן דורכן ווארשעווער פארלאג „טשיטשעלניק״. אין דעם זעלבן יאָר האָט „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ ארויסגעגעבן אין רוסיש מײַנס א צווייט בוך „טעג און יאָרן״ («Дни и годы»), אין 1967 — א זאמלונג דערציילונגען אין ייִדיש „אונדזער גאס״.

אָנהייבנדיק פון 1961, פונעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד״, דרוקן זיך פּעריִאָדיש אָף די זײַטן פון אָט דעם זשורנאל מײַנע דערציילונגען, ארטיקלען, ליטעראַרישע פּעליעטאָנען. איך דרוק זיך אין די אויסלענדישע פּראָגרעסיווע ייִדישע אויסגאבעס. באזונדערע דערציילונגען מײַנע זײַנען איבערגעזעצט אָף דײַטש, ענגליש, פראנצויזיש, בולגאריש, כינעזיש און אנד. שפּראכן.

נ. ב. פאר די עטלעכע־און־זעכציק יאָר פון מײַן ליטעראריש־זשורנאליסטישער טעטיקײַט האָב איך זיך געדרוקט אין 34 פארשיידענע צײַטונגען און זשורנאלן — ייִדישע, רוסישע און ענגלישע, אין רוסלאנד און אין סאָוועטנפארבאנד, אין ענגלאנד, אמעריקע, ארגענטינע, קאנאדע, בולגאריע, ייִסראָעל. אייניקע מײַנע זאמלונגען און באזונדערע דערציילונגען זײַנען דערשינען אין דער פּוילישער, ענגלישער, דײַטשישער, בולגארישער און אנד. שפּראכן.

פון רוסיש — מ. איטקאָוויטש

זישע ווײַנפּער

יוסף אָפּאַטאָשוס פּאָרטרעט

ינטער 1914 האָב איך צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן ארײַנקומען אינעם ליטעראַרישן קאַפע־הויז אין ניו־יאָרק.

דעמלט זײַנען די „יונגע״ שוין געווען צעטיילט אָף צוויי קעמפנדיקע צדאָדים.

איין גרופּע — די אָריגינעלע, אזוי צו זאָגן, — איז געשטאנען ארום זייער אלטן פירער דאָוויד איגנאטאָוו און א צווייטע, א נאָרוואָס אָרגאַניזירטע, האָט זיך ארומגערינגלט ארום דעם רעוואָלטירנדיקן י. אָפּאַטאָשו.

ארום די טישלעך האָט מען דערציילט אומגעפער אָט וואָס:

דאָוויד איגנאטאָוו האָט אנטדעקט אָפּאַטאָשוס טאלאנט און אָפּגעדרוקט זײַן ערשטן ראָמאן — דעם „פערד־גאנעוו״ — אינעם ערשטן זאמלבוך „שריפטן״. אָבער אזוי ווי די קריטיק האָט זיך אָפּגערופן א סאך ווארעמער וועגן דעם אנטדעקטן „פערד־גאנעוו״, ווי אָף דעם אנטדעקערס „גיבער״, וואָס איז געווען טאקע אינעם זעלבן זאמלבוך, איז דאָוויד איגנאטאָוו אייפערזיכטיק געוואָרן און האָט דערקלערט, אז אויך אינעם „פערד־גאנעוו״ האָט ער א גרויסן כיילעק.

נו, פארשטייט זיך, אז אָפּאטאָשו איז אופגעקאָכט געוואָרן און ער האָט גלײַך אָרגאניזירט יענע קרעפטן, וואָס זײַנען פון אָנהייב אָן ניט געווען צופרידן מיט איגנאטאָווס פירערשאפט. און אזויארום איז געבוירן געוואָרן דער נײַער זאמלבוך „די נײַע היים״.

פארשטייט זיך, אז איך גאראנטיר ניט פאר דעם עמעס פון אָט די קלאנגען, אָבער אָט אזוי אומגעפער האָט מען גערעדט ארום די טישלעך פונעם רעסטאָראן, וואָס איז צו יענער צײַט געווען דער איינציקער מאָקעם־מיקלעט פון די ניו־יאָרקער „יונגע״. און איך, וואָס האָב נאָך ניט זויכע געווען צו קענען ביידע פירער, האָב זיך זיי פאָרגעשטעלט, ווי צוויי יונגע גלאַדיאטאָרס, וואָס פארמעסטן זיך צום קאמף, און מײַן הארץ האָט געקלאפּט פארביידן.

א ביסל שפּעטער בין איך מיט זיי באקאנט געוואָרן.

יויסף אַפּאַטאָשו

דאַוויד איגנאַטאָוו, — א יונג מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און ענערגיש פּאָנעם. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך באַוויזן אפן שוועל פונעם קאפע־הויז, איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן פון זײַנע לײַב־וועכטער: — מאַני לייב, זישע לאַנדוי, אײַזלאַנד און אַנדערע.

אַז ער פלעגט זיך אַוועקזעצן מיט זיי בא א טישל, האָט קיינער ניט געוואָגט צוגיין צו דעם.

די וויכטיקייט, וואָס איגנאַטאָוו פלעגט שטענדיק אַרופּצױען אף זײַן שטערן, האָט געלאָזט וויסן אַלעמען, אַז דאָס איז ניט גלאַט אַזוי קאַפע־זיצן.

מע האָט גערעדט מער אפן ווונק, ווי מיט די מײַלער, און אף זײַטיקע מענטשן פלעגן זיי מאַכן דעם אײַנדרוק פון א גרופּע דיפּלאָמאַטן, וועלכע האַלטן אין איין פּלאַנעווען געפערלעכע קאָנספּיראַציעס אַנטקעגן דעם לאַנד, וואָס איז אף יענער־זײַט גרענעץ.

— נאָר מע שושקעט זיך! — פלעגט מוישע־לייב האַלפּערן אַמאָל א ברום טאָן פון א זײַטיק טישל און א שיק טאָן אַהין זײַנע ברוגעזדיקע בליקן.

— עס קלײַבט זיך א מילכאָמע אף אונדז, — פלעגט ראַלניק א שמייכל טאָן אין זײַנע וואָנצעס אַרײַן בא אַן אַנדער טישל.

דער איינציקער, וואָס פלעגט זיך דערלויבן צוגיין צו זייער טישל און צולייגן אַן אויער, אין געוועזן דער היסטערישער אוראַם־מוישע דילאָן.

ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר איינעם פון זייערע און ער האָט געמעגט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט אַפּאַטאָשון.

ער האָט קיין לײַב־וועכטער אַרום זיך קיינמאָל ניט געזוכט, און דאָך איז זײַן יעדער קער און ריר געווען מיט אַזויפיל זיכערקײַט אין זיך, וואָס זעלטן ווער פון זײַנע קאָלעגן האָבן זיך דאָס געקאָנט דערלויבן.

א יונגערמאַן מיט א קאָפּ שוואַרץ־געקרויזטע האָר, מיט א הויכן שטערן און אַן אויסגעבויגענער נאָז, וואָס האָט דערמאָנט אין א שנאָבל פון א רויב־פויגל, האָט ער געקוקט אף יעדן איינעם אַרום זיך מיט דער גוטמוטיקײַט פון א זיגער, וואָס קאָן זיך פאַרגינען צו זײַן גוטמוטיק.

און ס'איז ניט קיין וווּנדער.

אַפּאַטאָשוס שטערן איז אופגעגאַנגען מיטאַמאָל אַזוי, אַז אַפילע זײַנע סאָנים האָבן געמוזט קוקן אף אים מיט באַוווּנדערונג און אָנערקענונג.

סאָנים פאַר א דערפאָלגרײַכן שריפטשטעלער איז אַן אומפאַרמײַדלעכע זאַך, און אַפּאַטאָשו איז דאָך גלײַך פון אָנהייב געווען דערפאָלגרײַך.

איך געדענק דעם אײַנדרוק, וואָס ניגערס אַרטיקל וועגן זײַן „פערד־גאַנעוו" האָט געמאַכט אף די „יונגע".

ניגער האָט זיך דעמלט געפונען אין ווילנע, און אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז דאָס אַרטיקל וועגן די „שריפטן" געווען אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל „די יידישע וועלט". ניגער האָט זיך אָפּגעשטעלט אף אַפּאַטאָשון און נעוויִעס געזאָגט, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט נאָך א סאַך נאַכעס דערלעבן פון אָט דעם קרעפטיקן טאַלאַנט.

גאַנצע וואָכן איז אָט די נעוויִעס דיסקוטירט געוואָרן אינעם קאַפע־הויז אַרום די טישלעך. אין אַפּאַטאָשוס טאַלאַנט האָט קיינער ניט געוואָגט צו צווייפלען, אָבער אָפּצודינגען האָט יעדערער זיך געפּרוווט.

אַפּאַטאָשו אַליין האָט דאָס אַלץ געוווּסט, אָבער ער האָט עס גענומען, ווי א זיגער, וואָס ווייסט וועגן דער צײַן־קריצעניש פון די באַזיגטע און מאַכט דאָך קיין שום וועזן ניט דערפון.

און האָט זיך געמאַכט, אַז א ליטעראַרישער רעצילעסניק האָט אים אונטערגעטראָגן, אַז דער און דער האָט געזאָגט אַזוי און אַזוי וועגן אים, האָט ער עס אָוועקגעמאַכט מיט א ביטלדיקן טאָן:

— דער און דער? ווער איז ער דען, אָט דער און דער?

בלויז איינמאָל האָב איך אים געזען אַן אופגערעגטן און אַ ווילדן.

עס איז געווען אַ פרײַטיק נאָכמיטיק. דאָס קאַפע־הויז איז געווען פול מיט שריפטשטעלער. אַרום איין טיש זײַנען צווישן אַנדערע אויך געזעסן אַווראָם רייזען און י. אָפּאַטאָשו. מיט וואָס רייזען האָט באַליידיקט אָפּאַטאָשון געדענק איך ניט גענוי, אָבער פאַר מײַנע אויגן שטייען נאָך די צעצונדענע אויגן אָפּאַטאָשוס. זײַנע נאָזלעכער האָבן זיך לײַדנשאַפטלעך געבלאָזן און אײַנגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ צערייצטער רויב־פויגל, וואָס גרייט זיך צו אַטאַקירן דעם קאָרבן זײַנעם פון דער הייך.

און דאָך געדענק איך ניט, אַז ער זאָל אַמאָל האָבן גענוצט זײַנע נעגל. אַנשטאָט זיי, האָט ער אויסגענוצט די אַנדערע וואָפן, וואָס אַ רויב־פויגל פאַרמאָגט, און דאָס זײַנען זײַנע פליגל.

מיט דעם שווונג פון אַן אָדלער, האָט ער זיך אַ הייב געטאָן איבער דעם הימל פון אונדזער ליטעראַטור און געצוווּנגען יעדן איינעם אַרופצוקוקן צו אים.

נאָך דעם „פערד־גאַנעוו" איז געקומען: „די ניו־יאָרקער געטאָ", דערנאָך „העברו" מיט די העברעיִשע לערער. אָט האָט ער זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די נאַכטיקע פײַערן פון זײַנע „ציגײַנער" און אָט האָט ער מיט אַ מעכטיקער קראַפט געמאַכט רוישן אין אַלעמענס אויערן די טויזנטיאָריקע ביימער פון זײַנע „פוילישע וועלדער".

מענטשן און בילדער האָבן אופגעשטײַגט און געהאַלטן געשפּאַנט אַלעמענס בליקן, און ווײַל סײַ די מענטשן און סײַ די בילדער זײַנען געווען געצייכנט מיט דיקע שאַרפע שטריכן, האָט מען זיי שנעל דערזען און זיי האָבן גלײַך באַוווּנדערונג אַרויסגערופן.

אין די קאַפע־הײַזער זיצט ער זעלטן.

בלויז פרײַטיק נאָכמיטיק, — ווען אַלע שרײַבער קומען זיך צונויף, טרעפט מען אויך אים צווישן זיי.

ליטעראַרישע לעצאָנים האָבן זיך ליב צו וויצלען, אַז ער וואָלט פרײַטיק אויך ניט געקומען, ווען ניט די נײַגעריקײַט אויסצוגעפינען, ווי עס האַלטן זײַנע ליטעראַרישע אַקציעס.

אָבער מאַלע וואָס לעצאָנים האָבן אַ טעווע צו זאָגן?

ער קומט זעלטן, ווײַל ער איז בטבע ניט קיין צײַט־שווענדער. אים איז פרעמד דאָס אָפּזיצן שאָענווײַז אין קאַפע־הויז און לאָזן פאַלן רייד גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

אָבער ווען ער זיצט שוין יאָ אַמאָל, איז דאָס גאָר אַן אַנדער מין זיצן.

עס איז ניט דאָס צופעליקע אַרונטערלאָזן זיך אויף אַ בענקל, אויף וועלכן פלאַץ עס זאָל ניט שטיין.

ניין.

אָפּאַטאָשוס שטול שטייט שטענדיק אויפן סאַמע וויכטיקן פלאַץ לעבן טישל. די הענט צעשפּרייט אין דער ברייט און דער שאַרפער קין זײַנער פאָרויס זאָגן קעסיידער אָן, אַז עס זיצט דאָ י. אָפּאַטאָשו.

און רעדט ער, זײַנען עס ניט גלאַט אַזוי רייד, וואָס פאַלן אַרונטער צופעליק פון אַ מויל און צעלויפן זיך, ווי דריבנע אַרבעסלעך אין די ווינקלען אַרײַן.

ניין.

אָפּאַטאָשוס ווערטער זײַנען שטענדיק, ווי געוויכטיקע, שווערע שפּיציקע קוילן, וואָס מאַכן אַ ראַש, ווען זיי פאַלן אַרונטער.

דערמיט דערקלערט זיך עפּשער, וואָס ער האָט זיך אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אַרויסגעוויקלט פון יוגנטלעכן קרײַז אַרויס.

אין דער צײַט, ווען די מערסטע קאָלעגן פון זײַן דאָר שפּילן זיך נאָך אַרום מיט קאָלירנדיקע שפּילצײַג, איז ער שוין אַן אָנערקענטע פירמע אין אונדזער ליטעראַטור און קולטור.

מיט די מערסטע קולטור־אינסטיטוציעס אונדזערע איז פאַרבונדן זײַן נאָמען.

מאַכט דער „יידישער לערער־סעמינאַר", צי דער „שאָלעם־אַליכעם פאָלק־אינסטיטוט" אַ קאַמפּאַניע פאַר געלט, אָדער פאַר נײַע מיטגלידער, איז זײַן נאָמען צווישן די כאָשעווע אונטערשריפטן. די לינקע באַוועגונג פון ניו־יאָרק האַלט אים פאַר אַן אייגענעם מענטשן און די העברעיִסטן כײַנדלען זיך צו אים.

און דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס ער יאָגט זיך נאָך דעם, נאָר גאַנץ פּאָשעט: מע פילט אומעטום, אַז דער נאָמען אָפּאַטאָשו איז אַן אינסטיטוציע אין אונדזער ליטעראַטור.

מיר דערמאָנט זיך דער באַנקעט, וואָס מע האָט אים געגעבן פאַר זײַן אָפּרײַזע קיין אייראָפּע. בײַ קיינעם פון די באַנקעטן, וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אַ יונגן שריפטשטעלער, איז ניט געווען אַזאַ עולם. עמעס, אַ צאָל פון זײַנע אייגענע קאָלעגן האָבן געגלאַנצט מיט זייער אָפּוועזנהײַט, אָבער דערפאַר זײַנען דאָרטן געווען פאָרטראָטן פיל קולטור־אינסטיטוציעס פון ניו־יאָרק.

און ווי ווירדיק ער איז עס געזעסן אויבן־אָן אויף זײַן שטול.

איך האָב געקוקט אויף אים און ניט־ווילנדיק האָב איך זיך געטראַכט:

— אָט דער יונגערמאַן איז דאָך ערשט ניט לאַנג געקומען אין אונדזער ליטעראַטור און זע נאָר סאַראַ קאָוועד מע טראָגט אים אונטער.

גאַנצע עמערס מיט אַנערקענונג האָט מען אים אַף יענעם אָוונט דערלאַנגט. אַפּילע די לאָמפּן, וואָס האָבן געשײַנט איבער די טישן, האָבן דעמלט, דאַכט זיך, בלויז געשײַנט פאַר זײַן קאָוועד וועגן.

די רעדע, וואָס ער האָט דעמלט געהאַלטן, וואָלט עפּשער פון אַן אַנדערנס מויל אַרויסגע־רופן אַ שמייכל, וואָרעם ווען יעדער אַנדערער וואָלט געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין אייראָפּע, קעדיי צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר ווײַטערדיקן שאַפן, וואָלט עס געקלונגען אַ ביסל פּריקרע, אָבער פון זײַן מויל האָט עס געקלונגען נאַ־טירלעך.

וואָרעם סײַ מיט זײַן האַלטונג און סײַ מיט די וויכטיקע ווערק, וואָס ער האָט שוין ביז דעמלט געהאַט אַרויסגעגעבן, האָט ער אַלעמען געמאַכט צום גלייבן, אַז זײַן שרײַבן איז ניט גלאַט שרײַבן, נאָר אַן אַוווידע, פאַר וועלכער ער טראָגט גרויס אַכרײַעס.

עס דערמאָנט זיך מיר אויך אַ צופעליקער געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים, ווען ער איז צוריק געקומען פון אייראָפּע.

מיך האָט אינטערעסירט דער איבערשפּרונג פון זײַן „פערד־גאַנעוו" און „ניו־יאָרקער גע־טאָ" צו די „פּוילישע וועלדער".

— אַ מענטש דאַרף זיך האַלטן קעסיידער אין אײַנוואָרצלען און צוריק — אין אויסוואָרצ־לען, — האָט ער געזאָגט און, וועלנדיק קלאָר מאַכן זײַן געדאַנק, האָט ער צוגעגעבן:

— עס איז ניט גענוג דאָס אייביקע טאָפּטשען אין דער זעלבער בלאָטע, ווי אַן אַלט פערד... מע דאַרף שטענדיק גיין... און אַז מע גייט, קומט מען ערגעץ אָן...

אין כאַראַקטער איז ער אַ ביסל אַ פאַרשפּי־ליעטער. פאַר די יאָרן, וואָס איך קען אים, האָב איך אים נאָך ניט געהערט ריידן מיט קיינעם אינטים. זײַן אינערלעכע וועלט איז פאַרשלאָסן פאַרן דרויסן מיט זיבן ריגלען.

בעשאַס אַנדערע האָבן אָפט האַנאָע צו ריידן פון דעם, וואָס זיי טוען, אָדער אַפּילע פון דעם, וואָס זיי קלײַבן זיך ערשט צו טאָן, רעדט ער בלויז פון דעם שוין אָפּגעטאָנענעם.

זייער ווינציק פון זײַנע כאַווײרים האָבן גע־האַט אַן אָנונג וועגן זײַנע „פּוילישע וועלדער", ביז זיי זײַנען פאַרטיק געוואָרן.

צווישן כאַווײרים איז ער שטענדיק דער בײַ־זאַכסטער.

איך האָב אַמאָל געוווינט אין די בראָנקס, ניט ווײַט פון זײַן הויז, פלעגן זיך די שכייני־שע קאָלעגן — יונגע שרײַפטשטעלער אַמאָל פאַרקלײַבן אַף אַ בערגל אינעם קראָטאָנע־פּאַרק און שטיפן דאָרט, ווי ייִנגלעך, איז ער אײנער געזעסן אַף אַ באַנק, ווי אַן עלטערער צווישן קינדער.

אין זײַן אַנוועזנהײַט דערלויבט זיך זעלטן אַ קאָלעגע צו מאַכן אַ וויץ אַף זײַן כעזשבן, און דאָס איז ניט דערפאַר, ווײַל מע האָט מוי־רע, אַז ער זאָל זיך באַליידיקן.

ניין. אַלע ווייסן, אַז אַפּאַטאָשו האָט אַ כוש פאַר הומאָר אָבער מע דערלויבט זיך עס דאָך ניט.

גיכער איז דאָס דערפאַר, ווײַל ער האַלט זיך שטענדיק קאָרעקט און ווירדיק.

איך וואָלט אים אָנגערופן דער אַריסטאָקראַט צווישן זײַנע קאָלעגן, איז אָבער זײַן העמד ניט גענוג שטײַף דערפאַר.

גיכער פון אַלץ איז ער דער כאַשעווער, ייִנגסטער באַלעבאָס צווישן אַ כעוורע באַהע־מישע יונגען.

זײַנע קליידער זײַנען קיינמאָל ניט נאָך דער סאַמע לעצטער מאָדע, אָבער זײַן אָנצוג איז שטענדיק אַן אויסגעפּרעסטער.

פון אַ סימכע בײַ אַ קאָלעגע אין הויז איז ער שטענדיק דער ערשטער זיך אופּצוהייבן.

— עס יאָגט אים! — האָט אַמאָל לעיעלעס אים אויסגערעדט בײַ לאַפּינען אין הויז, און איך האָב געוואָלט געפינען די יאָגעניש אַף זײַן פּאָנעם, אָבער זי איז ניט געווען.

אַדרעבע. ער איז געשטאַנען מיטן מאַנטל אין האַנט אַ רויִקער. בלויז אַ גוטמוטיק שמיי־כעלע האָט זיך געשפּרייט איבער זײַן מויל אונטער דער פאַרבויגענער נאָז.

— נו, וואָס זשע וועט מען אויסזיצן?

אַפּאַטאָשון איז שווער דאָס גלאַט אַזוי זיצן. בעשאַס אַנדערע האָבן האַנאָע פון גלאַט אַזוי שמועסן, זיצט ער און שווײַגט. בלויז די אויגן זײַנע בלאָנדזשען אַרום איבער די פּענעמער און צײַטנווײַז מאַכן זיי דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן דורכגעקוקט דורך אַלעמענס פּאָנעם, ווי דורך גלעזערנע שויבן.

אַמאָל באַמערקט ער אין אײנעם עפּעס אַזוינס, וואָס גיט אים אַ שפּאַר דאָס אַרויסצו־זאָגן, איז דעמלט זײַן באַמערקונג מערסטן אַ גרויזאַמע.

ווען ער שפּאַצירט איבער די גאַסן, איז ער אויך מערסטן אַ שווײַגנדיקער. אַמאָל האָט ער אַ טעווע שפּאַצירנדיק אונטערצוזינגען, דעמלט קוקן זײַנע מיטשפּאַצירער זיך איבער מיט אַ שמייכל, וואָרעם אַפּאַטאָשוס זינגען איז אַ פאַרברעכן קעגן האַרמאָניע.

איך בין אַמאָל געגאַנגען מיט אים שפּעט באַ־נאַכט פון דר. קלינגס הויז דורך דעם קראָטאָ־נע־פּאַרק. עס איז געווען האַרבסט. די צווײַגן פון די ביימער האָבן זיך געוויגט און די דאַרע אַרונטערגעפאַלענע בלעטער האָבן זיך געשאַרט

אונטער אונדזערע טריט מיט אַזאַ אומעטיקער געשאַרכערײַ.

פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען, און עס איז געווען, ווי דאַרע אויסגעהוילטע שטעקעלעך וואָלטן געפּאַלן איבער מײַן רוקן:

ריפּער,

דריפּער,

כליאַפּער,

דראַפּער.

איך בין געגאַנגען לעבן אים אַן אופגערעגטער און געטראַכט פון די מערקווירדיקע שפּיצלעך, וואָס די נאַטור האָט ליב אָפּצוטאָן אַ מענטשן.

פון איין זײַט אַזאַ ריטמיש־מוזיקאַלישע פּען און פון דער אַנדערער זײַט — אַזאַ הילפלאָזיקײַט אין דער צונג.

אין אַפּאַטאָשוס הויז וואַרפט זיך אין די אויגן דער גוואַלדיקער קאָנטראַסט צווישן זײַן עס־צימער און זײַן אַרבעטס־צימער.

איך בין אַמאָל געשטאַנען אַף דער שוועל, וואָס גרענעצט אָפּ אָט די צוויי צימערן, און זיך ניט געקאָנט באַפרײַען פון דעם אונטערשייד.

די זומערדיקע נאָכמיטיק־זון האָט דאַפקע אַרײַנגעשײַנט אַ סך מער דורך אַנדערע פענצטער פונעם עסצימער, און דאָך האָט אינעם לעצטן זיך געפילט אַזאַ ליכטיקייט און שפּילעוודיקײַט.

עס קאָן זײַן, אַז אָט די אַטמאָספער האָט באַשאַפן די בלאָנד־האָריקע און בלוי־אויגיקע פרוי אַפּאַטאָשו, וואָס האָט זיך אַזוי ווי אַ מיידל אַרומגעשפּילט מיט איר ייִנגעלע.

און אין זײַן אַרבעטס־צימער?

אַפּאַטאָשו איז געזעסן נעבן זײַן שווער־געוויכטיקן שרײַב־טיש, וואָס איז געווען פול מיט ספאָרים און פאַרשריבענע זײַטלעך פּאַפּיר, און אין מײַנע אויגן האָט זיך אײַנגעגעסן זײַן אײַנגעבויגענע פּלייצע.

— אַזאַ יונגערמאַן און האָט שוין אַן אײַנגעבויגענע פּלייצע, — האָב איך זיך געוווּנדערט.

נאָר אָט האָב איך דערזען אין איינעם פון זײַנע ביכער־שראַנקס זײַנע אייגענע ביכער, און איך האָב אָנגעהויבן צו ציילן:

— איינס... צוויי... דרײַ...

און ווען איך האָב אָפּגעציילט גאַנצע זיבן און באַטראַכט זייערע ברייטע געוויכטיקע רוקנס, האָב איך זיך אויפגעהערט צו וווּנדערן אַף זײַן אײַנגעבויגענער פּלייצע.

בראָניק

סידי טאַל — צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער אָרדנטלעכער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער „דאָנערשטיק" אין לאָקאַל פון רעדאַקציע איז געווען געווידמעט דער שאַפונג פון דער פאַרדינסטפולער אַרטיסטקע פון אוססר סידי טאַל, וועלכע האָט געוויילט אין מאָסקווע צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם באַקאַנטן קולטור־טוער, געוועזענעם דירעקטאָר פון דער טשערנאָוויצער פילאַרמאָניע פּינכעס פאַליק.

אינעם איבערגעפולטן אויפנאַמזאַל האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער אוילעם שרײַבער, אַרטיסטן, קולטור־טוער, לייענער פונעם זשורנאַל. נאָכן אַרײַנפיר־וואָרט פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס, וועלכער האָט האַרציק באַגריסט די גרויסע אַקטריסע, איז אַרויסגעטראָטן סידי טאַל. זי האָט אויסגעפילט אַ מאָנטאַזש לויט שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" און „בערל־אײַזיק", עליעזער שטיינבאַרגס מעשאָלים, לידער פון סאָוועטישע ייִדישע דיכטער.

אין דער באַגעגעניש האָט זיך באַטייליקט דער באַוווּסטער קאָנצערטמייסטער און קאָמפּאָזיטאָר דאַוויד אשקענאזי, וועלכער האָט אויסגעפילט זײַנע וואַריאַציעס לויט פאַרשיידענע פאָלקס־מאָטיוון אַף דער טעמע „הינטער־מאָסקווער אָוונטן". ער האָט אויך מוזיקאַליש באַגלייט סידי טאַלס אַרויסטרעטונגען.

די אָנטיילנעמער פונעם אָוונט האָבן הייס באַדאַנקט די אַרטיסטן פאַר דעם פאַרשאַפענעם פאַרגעניגן.

אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם וועגן לייב קוויטקאָס שאַפונג

דעם 11 נאָיאַבער פאַריקס יאָר איז אין דער ערשטער פּראָגראַם פון דער צענטראַלער ראַדיאָ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד טראַנסלירט געוואָרן אַ האַלבשעהיקע פּראָגראַם, געווידמעט לייב קוויטקאָ.

מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן די באַוווּסטע רוסישע דיכטערן יעלענע בלאַגינינאַ, וועלכע האָט דערציילט פּיל פּראַטים פון קוויטקאָס ביאָגראַפיע און אונטערגעשטראָכן, אַז זײַנע ווערק זײַנען אַרײַן אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

לייב קוויטקאָס לידער האָבן אויסגעפילט באַוווּסטע אַרטיסטן־פאַרלעזער.

■ ■ ■

הערש רעמעניק

דער היסטאָרישער גורל פון מענדעלע־מוכר־ספרים

מענדעלע איז געווען דער גרונטלייגער פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, ווײַל ער איז דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור געקומען אַלס גרויסער קינסטלער פונעם פאָלק, פון די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס האָבן געליטן פון ווילדע רעשטן פון מיטלאַלטער, פון שוידערלעכן ווילקיר פון די גווירים און קלעריקאַלן, פון פינצטערקייט און אומוויסן, פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט און רעליגיעזע פאָרורטיילן. ער האָט דער ערשטער אַרײַנגעפירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור מאָטיוון פון קלאַסנקאַמף און שאַרפע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן. אין זײַנע קלאַסישע ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע“, „פישקע דער קרומער“, „מסעות בנימין השלישי“, „די קליאַטשע“, „דאָס ווינטשפינגערל“, „שלוימע רעב חיימס“ און אַנדערע האָט ער געשאַפן דאָס בילד פונעם ייִדישן פאָלקס־לעבן אין רוסלאַנד אין דער מיט פון 19 יאָרהונדערט. אין נאָמען פון דעם פאָלק האָט ער שאַרף און אומבאַראַכמאָנעסדיק פאַרורטיילט די אונטערדריקער פון די פאָלקסמאַסן; ער האָט פאַרשטעמפּלט און צוגעשטעלט צום שאַנד־סלופּ די רעדלפירער פונעם ייִדישן קאָהאָל, גערופן צום קאַמף קעגן אונטערדריקונג.

אויסלאַכנדיק די העברעיִשע מעליצע־שרײַבער, וועלכע זײַנען געווען אָפּגעריסן פונעם לעבן, האָט מענדעלע שאַרף קריטיקירט ניט בלויז די אונטערדריקער פון פאָלק, נאָר אויך די פאָרורטיילן פון די מאַסן גופא, זייער דערשלאָגנקײַט און האַכנאָעדיקײַט. דערמיט האָט ער געוועקט בײַ זיי דאָס שטרעבן צו בילדונג, דעם געפיל פון מענטשלעכער זעלבסטווירדע.

מענדעלע איז אַזוי־אַרום דער גרונטלייגער פון אונדזער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, דער באַשעפער פונעם קריטיש־רעאַליסטישן און סאַטירישן סטיל. אין יאָר 1859 איז מענדעלע (דעמלט נאָך אַבראַמאָוויטש, שאָלעם־יאַנקעוו) אַרויסגעטראָטן מיט זײַן פּראָגראַם־ווערק אין העברעיִש „משפט שלום“, אין וועלכן ער האָט גערופן די שרײַבער „ניט רעדן קיין הויכע פראַזן“, נאָר „זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט מאַמאָשעסדיקע זאַכן, זיי זאָלן זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק און צו אַלץ, וואָס טוט זיך בײַ אים אין דער היים און אין קאָהאָל, און זאָלן עס אים אָפּשילדערן; זיי זאָלן זען אויסבעסערן זײַן געשמאַק מיט אַ ריינער, אַ שיינער און לאָגישער שפּראַך. אויך זאָלן זיי אים גוט קלוגע לעקציעס געבן, עס זאָל פאַרשטענדיקער ווערן“.

אין טאָך זײַנען דאָס די זעלבע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור, וואָס עס האָט מיט פינף יאָר שפּעטער אַרויסגעזאָגט אַווראָם־אורי קאָוונער, דער נאָכפאָלגער פון פּיסאַרעוון. מענדעלע איז, פאַרשטייט זיך, אידייִש געווען ווײַטער איידער קאָוונער פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן פון די זעכציקער יאָרן. אָבער זײַענדיק פּאָליטיש מער אָדער ווייניקער פּאַסיוו, איז ער לויט זײַן קינסטלערישער שאַפונג און לויט די ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען געווען אין טאָך אַ מיטגייער און פאַרבינדעטער פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן. אין זײַנע צוויי פּראָגראַם־ווערק „משפט שלום“ און „עין משפט“ האָט ער דער ערשטער אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור אין רוסלאַנד געשאַפן אַ נײַע פאָרגעשריטענע עסטעטיק, וועלכע איז טעאָרעטיש און קינסטלעריש געשטאַנען אויף דער הייך פון דעם רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישן געדאַנק אין רוסלאַנד אין דער מיט פונעם 19 יאָרהונדערט.

מענדעלע אַלס אַ טיפּישער ראַזנאָטשינישער אויפקלערער האָט פאַרנומען אַ פאָרגעשריטענע פּאָזיציע אין דער ליטעראַרישער באַוועגונג און אין ליטעראַרישן קאַמף פון די 60־ער יאָרן באַנאַנד מיט קאָוונערן און מיט אַנדערע דעמאָקראַטישע שפּעטער פון יענער עפּאָכע. האַגאַם

ער האָט ניט געשאפן קיין ווערק איבער פילאָסאָפיע, זײַנען אָבער זײַנע קינסטלערישע שאַפונגען און זײַנע עסטעטישע אָנשויונגען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אויסגעשפּראָכענער פילאָסאָפיע פון מאַטעריאַליזם. מיר ווייסן, אַז אין גרונט פון אַלץ האָט ער געלייגט די נאַטור, דעם פאַקט, די רעאַלעווירקלעכקײַט, די מאַטעריעלע אינטערעסן פונעם מענטשן. אַלס מעכאַבער פון „תולדות הטבע" איז ער געווען, ווי אַ רײַ רוסישע און מײַרעוו־אײראָפּעיִשע געלערנטע און שרײַבער פון דער מיט 19 יאָרהונדערט, אַן איבערצײַגטער אָנהענגער פונעם נאַטורוויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם. ער האָט צוגעגעבן אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג דער אַזויגערופענער „רעליגיע פונעם פאַקט" — דער פאַקט, ניט דער גײַסט, נאָר דער פאַקט באַשטימט די אינטערעסן פונעם מענטשן, די געזעלשאַפטלעכע און די אינדיווידועלע.

„אַלע שרײַען, פּילדערן, — שרײַבט מענדעלע אין זײַן עכט פילאָסאָפישן קינסטלערישן ווערק „די קליאַטשע". — נאָר קומט פון זייער שרײַען עפּעס אַרויס?.. פאַרוואָס? מאַכמעס אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע באַשעפענישן, פאַר אַלע מענטשן גלײַך, איך מיין דאָ דעם דאָזיקן באַקאַנטן געזעץ, וואָס אַלע ווילן עסן"...

מענדעלע, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט טשערנישעווסקיס און פּיסאַרעווס ווערק, מיט דער רוסישער און מײַרעוו־אײראָפּעיִשער נאַטורוויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון די מאַסקילים, וועלכע האָבן געמיינט, אַז דורך בילדונג און אויפקלערונג וועלן זיי לייזן אַלע פראַגן. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז אין גרונט פון אַלע מענטשלעכע אינטערעסן ליגט דער געזעץ, אַז „אַלע ווילן עסן". און די, וואָס פּריידיקן הויכע מאַטעריעס, גייען קעגן דער מענטשלעכער נאַטור און ברעכן די „רעליגיע פונעם פאַקט".

זעלבסטפאַרשטענדלעך, דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז מענדעלע איז געווען אַ קאָנסעקווענטער אָדער אַ באַוווּסזיניקער מאַטעריאַליסט. גיכער איז ער געווען אַ סטיכייִשער מאַטעריאַליסט. אָבער אָט דער מאַטעריאַליזם איז געלעגן אין גרונט פון זײַנע קלאַסישע ווערק און פון זײַנע ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען. און אויב אַפילו ער איז צײַטנווײַז ניט געווען גענוג אַנטשיידן אין זײַנע דעמאָקראַטישע עסטעטישע אָנשויונגען און האָט געשאַפן ווערק, וואָס האָבן קיין שײַכעס ניט געהאַט צו זײַנע פאָרגעשריטענע ליטעראַרישע און קינסטלערישע פאָרשטעלונגען, איז ניט דאָס דער איקער.

עס קלינגט איצט צו שאַרף און דערפאַר ניט גאָר באַרעכטיקט לינעצקיס אָנפאַל אויף מענדעלען אין די 70־ער יאָרן. לינעצקי האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג אויסגעגאָסן דאָס גאַנצע האַרץ אויף מענדעלען, אַלע זײַנע ביטערע באַליידיקונגען פאַר דער שווערער אויסקומעניש זײַנער אין דער ליטעראַטור. לינעצקי איז געווען בייז אויף מענדעלען, און ער האָט עפּשער געהאַט אַ סמאַך צו זײַן בייז. ער שרײַבט מיט צאָרן קעגן מענדעלעס „זמירעס" און „פּיירעק שירע" און קעגן דער פּאָעמע „ייִדל": „מיר ברעכט מיט דער גרינער גאַל באַם ערשטן בלעטל איבערלעזן, און ער האַלט זיך שטאָל און אײַזן, אַז מיט די טערקישע ייִלע וועיאָוועם מאַכט ער גליקלעך די וועלט און באַרײַכט די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור!.. און פּרווו, פרעג אים: סטײַטש, גאַזלען, וועלכן קלאַס ייִדן טויג דײַנע צוגעלעגערטע גראַם־זמירעס מיט דײַן פּיירעק־שירע? צו וואָס פאַר אַ צוועק? וועלכע פאָלגע, צי וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן אַפילו וועט איינער פון אַ מיליאָן לעזער געפינען אין די צוויי אַלטע אַזיאַטישע טכינעס, נאָך מיט לאָשנקוידעש־טאַלמודישע העאָרעס אונטערגעשלאָגן? וואָס וועלן זיי דאָרט לעזן? פאַרדרייטע, סוקעוואַטע גראַמען? טויטע, געלאַמטע פּראָזן?.. הײַנט, וואָס ווילסטו מיט „ייִדלען", וואָס קײַעסטו די קלאָטשע, וואָס דערציילסטו דעם ייִדן? — אַז ער איז געווען אַמאָל אין מיצראַיִם אַ לאָשעק, דערנאָך אַ כאָסן פאַר דער קאַלע, דער טוירע, דערנאָך אַ זײַדן איידעמל, דערנאָך אַ יוסט באַלעבעסל, דערנאָך אַן אַזעספּאָנעם, דערנאָך אַ שלעפּער? — ווער ווייסט דאָס ניט? ווער דאַרף דאָס וויסן? וואָס קומט יעצט דערפון אַרויס צו די נײַע עפּידעמישע קראַנקײַטן, צו פּאַרנאָסע? צו גוטע אוראָזשײַען? צו קינדערדערציִונג?.."[1]

דאָ פילט זיך באַשטימט דער פּלעבעיִשער טעמפּעראַמענט פון אַ שרײַבער אַ קעמפער פאַר די אינטערעסן פון די סאַמע „נידעריקע" פאָלקס־שיכטן, די טריבונישע שטים פון די „אָרעמע און פאַרשטויסענע". אָבער באַנאַנד דערמיט הערט זיך דײַטלעך די פּערזענלעכע קינע לינעצקיס צו מענדעלען, וועלכער איז שוין צו יענער צײַט געווען פון אַלעמען אַנערקענט אַלס דער סאַמע באַדײַטנדיקער, דער גרעסטער שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, צו וועלכן קיינער, אַפילו ייִצכאָק־יויעל לינעצקי, וואָס איז געווען ניט ווייניקער באַוווּסט און אַנערקענט, קאָן זיך ניט גלײַכן. עס איז דאָך פעסטגעשטעלט, אַז לינעצקי און מענדעלע, וועלכע זײַנען אין טאָך געשטאַנען אויף איינע און די זעלבע אידייִשע פּאָזיציעס פון ראַדיקאַלע אויפקלערער און דעמאָקראַטישע פאָלקס־שרײַבער אין די 60־ער און 70־ער יאָרן, זײַנען פּערזענלעך געווען ווײַט ניט קיין גוטע פרײַנט און האָבן זיך באַצויגן איינער צום צווייטן גענוג קאַלט, אויב ניט זאָגן פײַנטלעך...

מענדעלעס ליטעראַרישע פּראָגראַם און זײַן קינסטלערישע שאַפונג אין די 60־ער און 70־ער יאָרן זײַנען געווען אַן איינהײַטלעכע אידייִשע דערשײַנונג, אַן אָרגאַנישע און האַרמאָנישע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פונעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד פון יענער עפּאָכע. אין אַלע

---

[1] לינעצקיס כתבים (דאָס ערשטע העפט), „דער פּריטשעפּע", אָדעס, 1876, ז. 14.

זײַנע ארויסטרעטונגען פילט זיך די פארגאנצט־
קײַט, די זיכערקײַט, די איבערצײַגטקײַט און די
פולע נאטירלעכקײַט פון א קלאסיקער, וועלכער
ווייסט וואָס צו זאָגן, וווהין צו רופן און צו
גיין.

„א ליטעראטור, וואָס האָט ניט קיין שײַכעס
צום פאָלק און צו זײַן נויט און וואָס ווערט
פון דעם ניט באווירקט, קאָן אף קיינעם ניט
ווירקן, זי האָט ניט קיין אינטערעס פארן פאָלק
און זי איז איבעריק פארן לעבן. די פאָלקס־מאַ־
סע כידעשט זיך, וואָס אזא ליטעראטור איז גאָר
פאראן, און פרעגט: נו וואָס איז זי, וואָס וויל
זי? וואָסער הילף ברענגט זי? וואָס טוט אוף
און וואָס נוצט אזא שרײַבער? וואָס טויג אזא
סטיליסט? און די דאָזיקע שרײַבער ווערן צע־
טומלט און ווייסן ניט צו ענטפערן עפּעס
רעכטס... ווײ איז צו אזא געערטן שרײַבער,
מיט אָן אָן עק ביכער, אויב עס באגעגנט אים
א מענטש פונעם פאָלק און פרעגט אים פּראָסט,
אָן כאָכמעס, די דאָזיקע פראגע!”

אזוי האָט מענדעלע געשריבן אין „עין
משפּט”. דאָס איז געווען דאָס קאָל פון אן אָנ־
הייבער אין דער ליטעראטור. דאָס איז געווען
דער רוף פון א וועגווײַזער, וואָס טרעט אויס
נײַע וועגן און פירט נאָך זיך פאָרויס.

מענדעלעס רעאליסטישע שאפונג איז קיינ־
מאָל ניט געווען קיין קונסט צוליב קונסט. מענ־
דעלע־מויכער־ספאָרים איז אין אלע זײַנע ווערק
אויך א דענקער, א היסטאָריקער, ער ווײַזט
אונדז ניט בלויז די פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויך די
געשיכטע און די סאָציאַלע עקאָנאָמיע פונעם
פאָלקס־לעבן.

סײַ באם לעבן פונעם ערשטן ייִדישן קלאסי־
קער, סײַ נאָך זײַן טויט, ביז אונדזער צײַט, האָט
זײַן שאפן ארויסגערופן און רופט ארויס הייסע
שטרײַטן. מענדעלע האָט אויסגעטראָטן דעם
וועג פאר א נײַער ליטעראטור פון רעאליזם,
פון קריטישן און סאטירישן סטיל, פון פאָלקס־
טימלעכקײַט און דעמאָקראטיזם. מיטן דאָזיקן
וועג איז געגאנגען שאָלעם־אלייכעם, וועלכער
האָט אי פאָרגעזעצט מענדעלעס טראדיציע, אי
געשאפן א נײַע טראדיציע פון א מאסן־ליטע־
ראטור, ווו דאָס פאָלק איז געוואָרן דער צענ־
טראלער העלד. די רעאקציאָנערע קויכעס פון
דער ליטעראטור האָבן דערוף געענטפערט מיט
ווילדע רעדיפעס און אטאקעס קעגן מענדעלען
און קעגן שאָלעם־אלייכעמען.

דאָס וויכטיקסטע אין מענדעלעס שאפן און
אין זײַן ליטעראַרישער פּראָגראם איז די אומ־
בעראכמאָנעסדיקע קריטיק פון דער ווירקלעכ־
קײַט, דער קאמף קעגן מיטלאלטער, קעגן אונ־
טערדריקונג און עקספּלואטאציע פון די פאָלקס־
מאסן. און גראָד אף דעם און ארום דעם זײַנען
קאָנצענטרירט די אָנפאלן אף מענדעלען, אף
זײַנע קלאסישע ווערק פון די 60־ער און 70־ער
יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

אין סאָף פון די 80־ער יאָרן האָבן די אטאַ־
קעס אף מענדעלע־מויכער־ספאָרימען זיך באזונ־
דערס פארשטארקט. דאָס דערקלערט זיך מיט
דעם, וואָס אין אָט דעם פּעריאָד האָט די ליטע־
ראטור, וואָס ווײַטער אלץ מער, אָנגעהויבן
באקומען א מאסן־כאראקטער, עס האָבן אין
איר זיך אלץ בוילעטער פארשארפט די סאָציִ־
אלע ווידערשפּרוכן און קלאסן־טענדענצן, זי
הייבט אָן אָפּשפּיגלען די נײַע דערשײַנונגען
פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג, די גיִ־
כע אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער
ארבעטער־באוועגונג, די אידעאָלאָגישע צוזאַ־
מענשטויסן צווישן דער בורזשואזיע און דעם
פּראָלעטאריִאט.

כאראקטעריסטיש פאר דער בורזשואזיע און
דעקאדענטישער ליטעראטור פון סאָף 19־טן און
אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט איז די רעוויזיע פון
דער פאָרגעשריטענער ליטעראטור פון די 60־ער
און 70־ער יאָרן, די נײַע נעגאטיווע אָפּשאצונג
פון דער אופקלערונג, באזונדערס פון דער רע־
וואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער אופקלערונג. מע
קען דאָ דערמאָנען דאָס ווערק פונעם דעקאַ־
דענטישן קריטיקער אקים וואָלינסקי (פלעק־
סער) „רוסישע קריטיקער” (1896), ווו עס
ווערט שארף אָנגעגריפן די עסטעטיק און די
ליטעראטור־קריטיק פון די רעוואָליוציאָנערע
דעמאָקראטן. די בורזשואז־דעקאדענטישע ליטע־
ראטור האָט ניט צופעליק געווענדט איר קריטיק
קעגן דער מאטעריִאליסטישער עסטעטיק, קעגנ־
שטעלנדיק איר די אידעאליסטישע עסטעטיק,
און ס׳איז אויך ניט צופעליק געווען ג. וו. פּלע־
כאנאָווס א גאנצע סעריִע ארטיקלען טאקע קעגן
דעם זעלבן אקים וואָלינסקי אונטערן קעפּל
„דער שיקזאל פון דער רוסישער קריטיק”, ווו
ער פארטיידיקט די עסטעטיק פון די רעוואָליו־
ציאָנערע דעמאָקראטן.

מיט נאָך א גרעסערער קראפט איז ארויסגע־
טראָטן קעגן די דעקאדענטן און בורזשואזע פי־
לאָסאָפן אין רוסלאנד וו. אי. לענין. ער דער־
ווײַזט, אז דער רעוואָליוציאָנערער געדאנק אין
רוסלאנד, די פּראָגרעסיווע רוסישע ליטעראטור
אין סאָף 19־טן און אין אָנהייב 20־טן יאָרהונ־
דערט זענען פאָר די טראדיציעס פון דער רעוואָ־
ליוציאָנער־דעמאָקראטישער ליטעראטור און אז
די בורזשואזיע און אירע אידעאָלאָגן, פארק־
קערט, זאָגן זיך אָפּ פון אָט דער יערושע.

באזונדערס שארף האָט לענין קריטיקירט דעם
זאמלבוך „וועכי”, וואָס איז דערשינען אין דער
עפּאָכע פון רעאקציע נאָכן דורכפאל פון דער
ערשטער רוסישער רעוואָליוציע אין די יאָרן
1905—1907. „די ענציקלאָפּעדיע פון ליבעראַ־
לער רענעגאטישקײַט” — אזוי רופט אָן לענין
דעם בוך „וועכי”. ער ברענגט פון דאָרט א ציִ־
טאטע, ווו עס ווערט געזאָגט, אז „די געשיכטע
פון אונדזער פּובליציסטיק, אָנהייבנדיק פון בע־
לינסקין, איז א דורכויסיקער קאָשמאר”, און
קומט צום אויספיר, אז די ליבעראלע רענעגאטן
האָבן פּראָקלאמירט זייער פּראָגראם פון מעלדן
„א קריג דעם מאטעריִאליזם און דעם אויפן פון
מאטעריִאליסטיש באטראכטן דעם פּאָזיטיוויזם;

פון אופשטעלן מיסטיק און מיסטישע וועלט־אַנשויונג״.[1]

די בורזשואזע און דעקאַדענטישע אידעאָלאָגן האָבן אין יענע יאָרן געפירט א סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דער וואַקסנדיקער רוסישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, קעגן גאָרקין, קעגן רעאַליזם און רעאַליסטישע טראַדיציעס.

און אַזוי איז אויך געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז א פאַרדריסלעכער בלויז פון אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס ביז איצט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט דער ענגער צוזאַמענהאַנג פונעם קאַמף, וואָס די בורזשואזע און דעקאַדענטישע ליטעראַטור האָט געפירט קעגן די רעאַליסטישע און דעמאָקראַטישע טראַדיציעס אין דער רוסישער און אין דער יידישער ליטעראַטור. אויב אין דער רוסישער ליטעראַטור איז דאָס געווען א קאַמף קעגן בעלינסקין, טשערנישעווסקין, נעקראַסאָוון, שטשעדרינען און גאָרקין, איז אין דער יידישער ליטעראַטור דער קאַמף געפירט געוואָרן קעגן מענדעלען, שאָלעם־אַליכעמען, שוין ניט ריידנדיק וועגן ווינטשעווסקין, עדלשטאַטן, באָוושאָווערן, מאָריס ראָזנפעלדן און אפילו אווראָם רייזענען. דער קאַמף קעגן מענדעלען ציט זיך שוין הונדערט יאָר.

דער רעדאַקטאָר פון „יידישעס פאָלקסבלאַט״, „דער מעטורעף״ (ווי עס האָט אים גערופן שאָלעם־אַליכעם) לעווי האָט נאָך אין 1889 געשריבן:

„שוין ב׳ה מער אלס 30 יאָר, אז מע הערט פון די גרויסע יידישע „מאַסקילים״ נאָר אַזעלכע כאָכמעס, אַזעלכע לעצאָנעס איבער יידישע מינהאָגים, יידישער טוירע און דעם יידישן לעבן ביכלאַל; זיי לאַכן פון לעבעדיקע און פון טויטע, זיי מאַכן לעצאָנעס פון אַלץ, וואָס יידן איז הייליק און טייער געווען טויזנטער יאָרן... קימאַט די גאַנצע „נייע יידישע ליטעראַטור״, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, שטעלט ליידער פאָר א טייוולאָנישן געלעכטער, עפּעס א מין וואָלפּורגישע נאַכט פון אלע אָרעמע באַל־אַווייירעס, פון נשמות ערטילאָין, נאַקעטע נעשאָמעלעך, וואָס האָבן זיך צו קיין רעכטער זאַך ניט געקאָנט צושלאָגן, כוץ די לעצאָנעס איבער יידן און יידישקייט... קיין אומע וועלאָשן האָט ניט אַזא טייוולשע ליטעראַטור, ווי אונדזער „נייע ליטעראַטור״, וואָס באַשטייט פון גאַלע לעצאָנעס, וואָס זיי רופן דאָס „סאַטירע״.״[2]

לעווי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן פסעוודאָנים „ליבציע הערשילס״, ווייל ער האָט געוויס פאַרשטאַנען, אז ס׳איז ניט אָנשטענדיק אַזוי צו שרייבן וועגן דער פאָרגעשריטענער ליטעראַטור. ספּעציעל וועגן מענדעלען שרייבט דער זעלבער ליבציע הערשילס:

„לעמאָשל, מענדעלע־מויכער־ספאָרים: — לויט זיין אויסזען, ווי ער זיצט אַף דער קעלניע אין זיין ביידעלע, מוז ער שוין קיין יונגערמאַן זיין; ער פירט שוין ארום זיינע ספאָרים א צייט מיט יאָרן, שלעפּט זיך אויס די גאַנצע וועלט, און זע אַף ציקאַוועסט: האָט זיך אים געטראָפן די גאַנצע צייט, ער זאָל זיך באַגעגענען מיט ערלעכע, פיינע יידן? ניט איין מאָל. אלע יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך אין זיין לעבן באַגעגנט, זיינען עפּעס באַליי מומין בעגאַשמיעס און בערוכניעס, — פאַרצאָרנטע, פאַרקריפּלטע, אז עפּעס פאַלט אָן כאַלאָשעס אף זיי, קוקנדיק און הערנדיק זייערע רייד״.[1]

אַן אַנדער קריטיקער מענדעלעס פון יענער צייט, דער שפּעטערדיקער מעשומעד און „ספּעציאַליסט איבער יידישע איניאָנים״ אין דער צאַרישער צענזור י. לערנער, האָט (אויך אונטער א פסעוודאָנים — „צדוק פרומע׳ס״) געשריבן וועגן „פישקע דער קרומער״:

„דאָס איז דער פאָרשטייער פון דעם יידישן ענגן שמאָלן געסל, פונעם מיסט, פון דער בלאָטע, פונעם דאַלעס, פון דער טאָרבע. „אוי, די אַלטע, גרויסע יידישע טאָרבע, — קלאָגט זיך ר׳ מענדעלע אין דער האקדאָמע, — הענגט מיר טאָמיד ווי יענע מאָרעשכוירעניש, א לונג און לעבער אף דער נאָז״. אין די ווערטער דערקענט מען, אז די טאָרבע האָט אים שוין שטאַרק דערקוטשעט, אז מער שווייגן האָט ער שוין ניט געקענט. מיט וואָס פאַר אַן אויגן, פרעגט זיך אָבער, באַטראַכט ר׳ מענדעלע די יידישע טאָרבע? גיט ער אונדז אַזוינע עמעסע טרויעריקע בילדער, וואָס זאָלן דערוועקן אין אונדזערע הערצער געפילן פון ראַכמאָנעס צו אונדזערע געפאַלענע ברידער? אָ, ניין! שלעפערס, קאַליקעס, רויטע מאַמזיירים, בלינדע מאַרשאַסן — אָט די זיינען זיינע העלדן און זיי מאָלט ער אונדז מיט אַזא שוואַרצער פאַרב, וואָס אויסער עקל, קאָן עס גאָרניט אַרויסרופן. ווען דעם אייגענעם „יידישן דאַלעס״ זאָל אַרייַנעמען אין די הענט אַרייַן א קינסטלער, וואָס איז בעעמעס צוגעבונדן צו זיין פאָלק, וואָס די ווייטעקן פון זיינע ברידער זיינען אים שטאַרק נאָענט, וויפל זיסע, שיינע בילדער וואָלט ער אונדז שוין געשאַפן? דאָס קאַבצענען א גאַנצע וואָך און דער טייַנעג פון עוויען, אז ער האָט שוין דערלעבט מאַכן שאַבעס, דער ביטאָכן פונעם יידישן אָרעמאַן, אז מיסטאָמע וועט אים שוין גאָט באַשערן זיינס, דאָס רוזקע און קאַלטבלוטיקע איבערטראָגן מאַנגל און נויט, — דאָס זיינען אַזעלכע גרויסע זאַכן, וואָס וועלן נאָך ניט איין מאָל א ברען טאָן די נעשאָמע פון א יידישן שריפטשטעלער און א קלעם טאָן דאָס האַרץ פון א יידישן לעזער. פון ר׳ מענדעלעס „פישקע״ ווערט אָבער אַזוי שווער, אַזוי קאַלאַמוטנע, אז עס קאָן אפילו ניט גרינגער ווערן פון די עטלעכע גוטע בלעטלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט״...[2]

---

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 19, стр. 170.

[2] „יידישעס פאָלקסבלאַט״, נומ. 26, מיי, 1889.

[1] דאָרט.

[2] „קליינער וועקער״. א זאמלונג פון פארשיידענע ארטיקלען און געשיכטן, ארויסגעגעבן פון אָדעסער גוטעפרייַנט פונעם יידישן לאָשן. אָדעס, 1890, זז. 39—40.

פּישקע דער קרומער.

די ייִדישע בורזשואזיע האָט געפּאָדערט פון מענדעלען, ער זאָל מאָלן „שיינע ייִדן", ניט קוקן צו אָרעמעלײַט, וואָס וואַלגערן זיך אין דאַלעס און אין נויט. די אידעאָלאָגן פון דער ייִדישער בורזשואזיע זײַנען ניט געווען צופרידן פון דעם, וואָס מענדעלע זעט פאַר זיך די ייִדי־שע טאָרבע, עס איז זיי דערפון באַפאַלן „א שרעקלעכע מאָרעשכוירע". פאַרקערט, דער פאָלקס־שרייבער שאָלעם־אַליייכעם האָט אַרויס־גערוקט דעם ייִדישן דאַלעס אַלס צענטראַלע טעמע פון דער פאַרגעשריטענער ייִדישער לי־טעראַטור: „באַשרײַבן דעם נידעריקן קלאַס, געבן בילדער פון די קראַנקע, הונגעריקע, גע־דריקטע, אָרעמע, עלנטע, באַליידיקטע, אומגליק־לעכע לײַט, אויסמאָלן דעם דאַלעס — אָט דאָ־מיט פאַרנעמען זיך אָפּט די בעסטע שרײַבער פון דער וועלט, און נאָך מער פאַרנעמט דער דאַלעס אָן אָרט בא אונדזערע ייִדישע פאָלקס־שריפטשטעלער"[1].

שאָלעם־אַליייכעם דערקלערט מענדעלען פאַר דעם לערער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און רופט די ייִדישע שרײַבער, זיי זאָלן גיין מיט מענדעלעס וועג, מאָלן דעם ייִדישן דאַלעס: „מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס ביכעלע „פּישקע דער קרומער", דאָס קלענסטע פון אַלע ווערק פון אונדזער גרעסטן זשאַרגאָניסט, ווײַל אָט דאָס קליינע ביכעלע איז אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם ייִדישן דאַלעס, עס פאַרנעמט זיך אויס־שליסלעך נאָר מיט יענע קאַפּצאָנים, וואָס מע רופט זיי בא אונדז „שלעפּערס", — מיט איי־נעם וואָרט, דאָס איז די מײַסע פון ייִדישע אָרעמעלײַט"[1].

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ביז דער אָק־טיאַבער־רעוואָלוציע, ביז דער ראַשיקער אַנט־וויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטע־ראַטור, האָט די בורזשואזיע און דעקאַדענטיש־עסטעטישע קריטיק, וואָס ווײַטער אַלץ מער, זיך אָפּגעזאָגט פון מענדעלעס רעאַליסטישע און פאָלקסטימלעכע טראַדיציעס. זײַן סאַטירע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, און מיט אָן א שיר באַוואָרעניש איז אָנערקענט געוואָרן בלויז זײַן אָפּטו אין געביט פון שפּראַך. פּערעץ האָט אין אן אַרטיקל וועגן מענדעלען געשריבן ווי וועגן דעם ערשטן גרויסן קינסטלער פונעם „ייִדישן וואָרט", וואָס ער, מענדעלע, האָט עס „געהאַלטן און ערצויגן ריין: ניט גערמאַניזירט, ניט רוסי־פיצירט, ניט אַפילו אייראָפּעיזירט, און ער איז דעריבער דער ערשטער, וואָס האָט א ייִדישן סטיל באַשאַפן, זײַן אינדיווידועל ייִדישן סטיל". פּערעץ זעצט פאָר: „מענדעלע איז דער ערש־טער, וואָס האָט נאָך א קורצער צײַט פון זײַטי־קע פראַבן אָנגעהויבן שרײַבן „לישמאָ", ריינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן".

מיט דעם באַגריף „זײַטיקע פראַבן" האָט פּע־רעץ אין זינען געהאַט מענדעלעס סאָציאַל־פאַרשאַרפטע קעמפערישע ווערק פון די 60־ער און 70־ער יאָרן, וואָס אָן זיי איז ניטאָ מענ־דעלע אַלס גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאַ־סישער ליטעראַטור. די ייִדישע דעקאַדענטישע ליטעראַטור אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פונעם נײַעם יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין פּערעצעס געדאַנק וועגן מענדעלען, וואָס האָט קלוימערשט געשריבן „לישמאָ" און וועגן „זײַטיקע פראַבן", און מע האָט אַף אַלע אויפאַ־נים שוין גערעדט וועגן „צוויי מענדעלעך": מענדעלע דעם אויפקלערער, וואָס איז שוין ענד־גילטיק פאַרעלטערט און אָפּגעלעבט, און מענ־דעלע דעם שפּראַך־מײַסטער, וואָס איז שוין אויך מער אָדער ווייניקער פאַרעלטערט און וואָס קאָן באַטראַכט ווערן בלויז אַלס יערושע.

די מאָדערניסטן, די פאַרשיידענערליי „אינ־זיכיסטן", „רעטראָספּעקטיוויסטן" האָבן ניט גע־קאָנט דערלאָזן, אז דער רעאַליזם זאָל האָבן די אויבערהאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דעמלט האָט מען אַרויסגעשריגן מיט אימפּעט און טראַסק, אז דער פאָטער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז פּערעץ, און ניט דער גרויסער פּערעץ, דער הויכער ראָמאַנטיקער און דער טיפער רעאַליסט, נאָר פּערעץ דער מאָ־דערניסט, דער סימבאָליסט און דער עקספּרע־סיאָניסט; ניט פּערעץ דער קינסטלער, דער גרויסער שרײַבער, נאָר פּערעץ דער רעבע, פּערעץ דער פירער און פּערעץ די פּערזענ־לעכקײַט; ניט פּערעצעס תורה שבכתב, נאָר זײַן תורה שבעל פּה. מע האָט אַזויאַרום ליק־ווידירט פּערעצן דעם שעפער און געטאַנצט ריי־

[1] בײַלאַגע צו „ייִדישעס פאָלקסבלאַט", 1888.

[1] דאָרט.

קעדלעך און געזונגען לידער וועגן פּערעצעס אויגן...

וואָס איז שײַעך מענדעלען, האָט מען דערקלערט, אַז יאָ, עס איז טאַקע געווען עפּעס איינער אַ מענדעלע מיט אַ קליאַטשע און מיט דער טאָרבע, אָבער קיינער ווייסט שוין איצט ניט, ווען דאָס איז געווען, ווײַל איצט איז ניטאָ קיין קליאַטשע און קיין טאָרבע, דעריבער איז ניטאָ קיין מענדעלע. דער אָנהייב פון אַלע אָנהייבן איז פּערעץ און מער קיינער ניט. ס'איז פאַראַן שאָלעם־אַליכעם, אָבער זײַן שאַפן איז ניט קיין קונסט, נאָר... פאָלקלאָר, ריידערײַ, קליינשטעטלדיקע פּלוידערײַ. אָן פּערעצן, — האָט דערקלערט, לעמאָשל, אַפּאַטאָשו — איז ניטאָ קיין ליטעראַטור!..

די אַפּאָלאָגעטן פון פּערעצן האָבן ניט פאַרשטאַנען אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אָן מענדעלען וואָלט ניט געווען אויך פּערעץ.

די ייִדישע ליטעראַטור, — האָבן דערקלערט די מאָדערניסטן, — דאַרף זײַן אַ ליטעראַטור פון פריילעכע, אפילו אָרעמע, אָבער סײַווי פריילעכע, טאַנצנדיקע, זינגענדיקע, יאָמטעווידיקע פּערסאָנאַזשן. און אויב דאָס לעבן פון די פאָלקסמאַסן איז ניט קיין זינגענדיקס, ניט קיין פריילעכס, דאַרף מען וועגן דעם ניט שרײַבן. מאָלן אָרעמע און פאַרשטויסענע, שילדערן נויט און קויט, — פע, ס'איז אַ כאַרפּע.

מענדעלעס און שאָלעם־אַליכעמס יאַריד־ייִדן, די שטוב־ייִדענע, דאָס קינד פון קאַפּצאַנסק און קאַסרילעווקע — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן באַם ייִדישן מאָדערניסט אַ ביטלדיקן שמייכל. דער מאַסקיל דער דעמאָקראַט, דער טאַלאַנטפולער קינסטלער, די קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע האַסאָגעס, דאָס איז גראָוי און אומעטיק. מע דאַרף, ס'זאָל זײַן ליכטיק און יאָמטעוודיק. אַזוי האָבן געדענקט די ייִדישע דעקאַדענטן און מאָדערניסטן. אָנשטאָט פּאָשעטע ייִדן — די בּיניאָמינס און די סענדערלעך, די מענאַכעם־מענדלס און די טעוויעס, די סטעמפּעניוס און די שימען־עליע שמאַקוליינים — האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן כסידים און צאַדיקים, לאַמעדוואָווניקעס און גאַבאָיִם, ראַבאָנים און ראַביִים. דאָס, וואָס אין 19 יאָרהונדערט איז קריטיקירט און דעמאַסקירט געוואָרן אין די בעסטע שאַפונגען פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור אָף העברעיִש און אָף ייִדיש און אָף רוסיש, דעמאַסקירט געוואָרן, ווי דאָס שענדלעכע און פאַרקריפּלטע, האָבן איצט די דעקאַדענטן אידעאַליזירט ווי דאָס דערהויבענע, דאָס „עכט ייִדישע".

די מאָדערניסטן האָבן ניט געהאַט קיין מוט אָפן אַרויסטרעטן קעגן מענדעלען, ווײַל מענדעלעס אויטאָריטעט איז געווען אַזוי גרויס באַ די פאָלקסמאַסן, באַ די לייענער און באַ דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט, אַז אַרויסטרעטן קעגן מענדעלען האָט געהייסן זיך שטעלן אין אַ קאָמישער לאַגע. מע האָט שוין געמוזט אַרויסשטעלן פּערעצן, אים מאַכן פאַר מענדעלעס באַגראָבער און הינטער זײַנע ברייטע פּלייצעס פריידיקן מאָדערניזם און דעקאַדאַנס. אָבער אין טאָך האָבן די ייִדישע מאָדערניסטן גאָר קיין נײַס ניט געזאָגט אין פאַרגלײַך מיט פּיאָדאָר סאָלאָגובן. דעם סאַמע עקסטרעמען פאַרשטייער פון צעפאַלונג אין דער רוסישער ליטעראַטור פונעם סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. דער אונטערשייד צווישן דער ייִדישער און דער רוסישער ליטעראַטור איז אין דעם זינען באַשטאַנען דערין, וואָס אין דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען געווען גענוג ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קויכעס, וועלכע האָבן געגעבן אַ שאַרפן ווידערשטאַנד דעם צעפאַלונגס־פּראָצעס אין דער ליטעראַטור. עס זײַנען געווען לעוו טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ און די נײַע פּלאַנגע רעאַליסטן — בונין, קופּרין, אַל. טאָלסטאָי, סעראַפימאָוויטש; עס זײַנען געווען גאָרקי און די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, די מאַרקסיסטישע קריטיק און די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געהאַלטן הויך די פאָן פון רעאַליזם און האָבן אויפגעדעקט דעם סאָציאַלן טאָך און דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט פון דער דעקאַדענטישער ליטעראַטור.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען געווען טעטיק די צוויי מעכטיקע זײַלן פונעם רעאַליזם מענדעלע און שאָלעם־אַליכעם, וועלכע האָבן געהאַט בלויז די שטיצע פונעם ייִדישן לייענער; די קריטיק אָבער איז מערער געווען אָף דער זײַט פונעם מאָדערניזם, דאָס זעלבע די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע ייִדישע פּרעסע. אַפילו אַזעלכע אָנגעזעענע שרײַבער פון די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט, ווי שאָלעם אַש, אַווראָם רייזען, איטשע־מייער ווײַסענבערג, אָפּאַטאָשו און אַנד., וועלכע זײַנען געווען אין טאָך רעאַליסטן, האָבן זיך אַזויווי געשעמט מיט זייער רעאַליזם און געוואָלט ניט אָפּשטיין פון דער מאָדערניסטישער מאָדע...

אין פּעריאָד צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מילכאָמעס איז דער קאַמף פאַר מענדעלען ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, ער האָט נאָך אָנגענומען אַ מער שאַרפן כאַראַקטער. אין ראַטנפאַרבאַנד האָט די קריטיק באַטראַכט מענדעלען און זײַן ליטעראַרישע יערושע, ווי אַ פאָרגעשרייטענע דערשײַנונג אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, אָף וועלכער די נײַע ייִדישע סאָוועטישע קולטור שפּאַרט זיך אָן אין איר אַנטוויקלונג. וועגן מענ־



דעלען האָבן געשאַפן וויכטיקע וויסנשאַפט־לעכע פאָרשונגען, מוישע ליטוואַקאָוו, מייער ווינער, נאָכעם אויסלענדער, יעכעזקל דאָברושין, אַרן גורשטיין און פיל אַנדערע קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער. דערבײַ איז נייטיק אין זינען האָבן, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשונג האָט ניט אידעאַליזירט מענדעלען, זיך ניט פאַרנומען מיט אַפּאָלאָגיע, ניט געשאַפן קיין מענדעלע־קולט, נאָר אָביעקטיוו און וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט די גרונט־אייגנשאַפטן פון זײַן שאַפונג, די באַדײַטונג פון זײַן גרויסער ירושע אין אונדזער עפּאָכע. באַנאַנד דערמיט זײַנען אופגעדעקט געוואָרן אויך מענדעלעס אידייִשע און שעפערישע מאַנגלען.

אין אויסלאַנד, פאַרקערט, האָט די בורזשואַזע ייִדישע ליטעראַטור נאָך מער פאַרשאַרפט די קריטיק פון מענדעלען. מ. ווינער האָט גאָר טרעפלעך אופמערקזאַם געמאַכט אױף דעם פאַקט, אַז די בורזשואַזע און מאָדערניסטישע קריטיק אין אויסלאַנד וואַרפט אָפּ מענדעלעס ירושע טאַקע פאַר איר פּראָגרעסיוון טאָך און דערפאַר, וואָס די ווערק פונעם גרויסן קלאַסיקער ווערן אַרויסגעהויבן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. מ. ווינער שרײַבט:

„אין דער צײַט פון די מענדעלע־פײַערונגען, אין יאָר 1927, האָט איינער אַ קלעריקאַלער זשורנאַליסט געמוזט מיט דער אַרצוויטעק פעסטשטעלן, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ געוויסע „קרויוועשאַפט" צווישן דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט אין ראַטנפאַרבאַנד און מענדעלען, ווײַל ער איז געווען „אַ טענדענציעזער באַקעמפער פון היסטאָרישן ייִדנטום". דער קלעריקאַלער זשורנאַליסט מיינט דערמיט, פאַרשטייט זיך, דאָס פּאַטריאַרכאַלישע, אָרטאָדאָקסישע „ייִדנטום", דאָס פעאָדאַלישע אָפּגעשטאַנענע לעבן. און ער דערקלערט טאַקע ווײַטער, אַז מענדעלע איז געווען אַ „סוינע פון טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער". אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג איז פאַראַן אַ סאַך עמעס"[1].

דער פראָנט קעגן מענדעלען ציט זיך פון אייב קאַהאַנען און דערגייט ביז אַזעלכע שרײַבער, ווי יאַנקעוו גלאַטשטיין און שלוימע ביקל.

אייב קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דעם געלן „פאָרווערטס", האָט געפונען פאַר נייטיק זיך אַרויסזאָגן וועגן מענדעלען. ער שרײַבט: „איך האָב שוין באַ מערערע געלעגנהײַטן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז מענדעלעס באַדײַטונג פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער איז געווען פילײַכט דער ערשטער, וואָס האָט גענומען שלײַפן די שפּראַך און צופּאַסן איר צו ליטעראַרישע מאַנירן. וואָס אָנבאַטרעפט אָבער דעם עמעסן ווערט פון זײַנע זאַכן, גלייב איך, אַז פון אַ ריכטיקער אָפּשאַצונג האָט מען זיך צוריקגעהאַלטן אויס רעספּעקט און דאַנקבאַרקײַט צו אים און אויך אויס נאַציאָנאַליסטישן געפיל. איך גלייב, אַז זײַן „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי" און אַפּילע „פּישקע דער קרומער" וואָלט הײַנט געווען אונטער דער ווירדע פון אירגענד, וועלכן מער אָדער ווייניקער אַנערקענטן שריפטשטעלער"[1].

עס וואָלט אוודע ניט קעדײַ געווען צו פּאָלעמיזירן מיט אַזאַ, ווי אייב קאַהאַן, און אַפּילע אים צו דערמאָנען. צום באַדויערן, זײַנען די מער אָנגעזעענע שרײַבער אין אויסלאַנד ניט ווײַט אוועק פון אים אין דער אָפּשאַצונג פון מענדעלע־מויכער־ספאָרים.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרײַבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אַז יאַנקעוו גלאַטשטיין איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט באַטראַכט מענדעלען פאַר אַן אַנטיסעמיט. „אין דעם ווערק („פּישקע דער קרומער". — ה. ר.), — שרײַבט גלאַטשטיין, — ווי מיר פאַרשטייען עס הײַנט, זײַנען דאָ אויסדרוקן, וואָס האָבן זיך דערקײַקלט אַזש צו אַנטיסעמיטן". גלאַטשטיין האָט געהאַלטן, אַז „פּישקע דער קרומער" איז זייער אַ פּרימיטיוו ווערק.

שלוימע ביקל, פון זײַן זײַט, האָט געשריבן, אַז מענדעלע האָט ניט געשאַפן קיין אייגענעם סטיל און אַז שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך איז אַ טראָט צוריק אין פאַרגלײַך מיט מענדעלען. דער קריטיקער שאַפט אָפּ מיט אַ גרינגער האַנט מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען, קעדיי „אָפּרייניקן דעם וועג פאַר פּערעצן". דער אָנהייבער, דער פאָטער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, איר לערער און וועגווײַזער איז פּערעץ, בלויז ער און קיינער ניט מער.

די מאָדערניסטן האָבן ניט שטודירט די נײַע ייִדישע ליטעראַטור, וועלכע איז געווען אַ רעאַליסטישע ליטעראַטור. די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביז מענדעלען האָבן זיי ניט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסן. זיי האָבן אָבער אויך ניט געוואָלט וויסן און ניט געפאָרשט מענדעלעס שאַפן, ווײַל דאָס איז אוואַדע און אוודע געווען רעאַליזם. פאַר די מאָדערניסטן הייבט זיך אָן די ייִדישע ליטעראַטור פונעם מאָדערניזם. ביז דעם מאָדערניזם איז גאָרניט געווען. אין דעם זין האָבן די ייִדישע מאָדערניסטן זיך עטוואָס אונטערשיידט פון די רוסישע. יענע האָבן דאָפּקע אַנערקענט די ליטעראַטור ביז זיי. מע האָט אָבער געמאַכט אַ קונץ און דערקלערט, אַז די גאַנצע נײַע רוסישע ליטעראַטור, אַרײַנגערעכנט פּושקינען, גאָגאָלן, לערמאָנטאָוון, איז אין טאָך אַ מאָדערניסטישע.

האָט דען לערמאָנטאָוו ניט געשריבן דעם „דעמאָן"? און פּושקינס „ביעסי" און „מיעדני וסאַדניק"? און גאָגאָלס דערציילונגען וועגן רוכעס און שיידים און קישעפמאַכערס? — וואָס איז דאָס, אויב ניט ראָמאַנטיזם, סימבאָליזם, מאָדערניזם! אַזוי האָבן די רוסישע מאָדערניסטן

---

[1] מ. ווינער. צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט. עטיודן און מאַטעריאַלן. קיִעוו, 1940, זז. 311—312.

[1] אייב קאַהאַן. בלעטער פון מײַן לעבן. ב. 3, ניו־יאָרק, 1926, ז. 196.

„איבערבאַזיניקט״ די גאַנצע געשיכטע פון דער נײַער רוסישער ליטעראַטור ביז דאָסטאָיעווסקין. און דאָסטאָיעווסקי? ער איז דאָך דער פאָטער פונעם רוסישן מאָדערניזם!

די ייִדישע מאָדערניסטן זײַנען געגאַנגען מיט אַנדערע וועגן. זיי האָבן פּאָשעט דערקלערט, אַז ביז דעם מאָדערניזם איז בכלל ניט געווען קיין ליטעראַטור. און דאָס, וואָס איז יאָ געווען, איז קליינשטעטלדיק, באַגרענעצט, ניט אייראָפּעיִש. די ייִדישע מאָדערניסטן, און צווישן זיי אויך און אַוודאי שלוימע ביקל און יאַנקעוו גלאַטשטיין, זײַנען געווען און האָבן געשטרעבט צו זײַן אייראָפּייער, און זיי האָבן געהאַלטן, אַז מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם און די גאַנצע ייִדישע רעאַליסטישע ליטעראַטור איז עפּעס אַ מין פאַרשלעפּעניש, וואָס מע מוז פון איר פּאָטער ווערן. און אָנשטאָט די הײַנטצײַטיקע שטעטלדיקע ייִדן האָט מען אַרויסגעשטעלט, ווי העלדן פון דער ליטעראַטור, די אַלערליי כסידים, און צאַדיקים, און מעקובאָלים, און לאַמעדוואָווניקעס, און מע האָט זיי געמאַכט פאַר דענקערס, טיטאַנען און אַפילע... פאַר רעוואָליוציאָנערן. דאָס איז געווען די „איבערבאַזיניקונג״, וואָס די ייִדישע מאָדערניסטן אין אויסלאַנד האָבן דורכגעפירט און פירן ביז איצט דורך אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די סאָוועטישע פאָרשונג באַטראַכט מענדעלען און זײַן יערושע, ווי דאָס פאָרגעשריטענע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף קריטיש באַטראַכט ווערן אין שײַן פון די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר דער קולטור פון דער נײַער עפּאָכע, און זי דאַרף אַרײַנגערעכנט ווערן אין דעם אוצער פון די קולטור־ווערטן פון דער גאַנצער מענטשהײַט. די סאָוועטישע ליטעראַטור באַטראַכט מענדעלען, ווי אירן אַ פאָרגייער, אַן אָנהייב פון דער ליטעראַטור פונעם קריטישן רעאַליזם.

די מאַרקסיסטישע קריטיק האָט ניט געלייגט קיין אכט אַף די מאָדערניסטישע קישעפמאַכערס און אַף זייערע שפּרוכן איבער מענדעלען און איבער דער רעאַליסטישער ליטעראַטור. ס'איז דאָך ביז גאָר סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש, וואָס די מאָדערניסטישע קריטיק אין אויסלאַנד האָט ניט געשאַפן קיין איין וואָגיקע פאָרשונג וועגן מענדעלען. אויסער פאַרבײַגייענדיקע באַמערקונגען און עסעיִסטישע יויוול־כקירעס אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשיידענע דאַטעס האָבן מיר גאָרנישט ניט געהערט פון איר וועגן מענדעלען. אין דער זעלבער צײַט האָט די סאָוועטישע קריטיק געגעבן אַ שלאַל מיט עכט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, מאָנאָגראַפיעס, זאַמלונגען, פאַרשיידענערליי אַרטיקלען, עסייען, מעמוארן וועגן דעם גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, עס זײַנען געווען שוועריקײַטן. ס'איז אויסגעקומען גויווער זײַן פאַרשיידענע פאָרורטיילן — פאָרמאַליסטישע, וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישע, ראַפּישע, נאַציאָנאַליסטישע — אין פראָצעס פון באַזיניקן דעם טאָך, דעם אידייִשן אינהאַלט און קינסטלערישן מעהוס פון מענדעלעס יערושע. אויב עס זײַנען דערלאָזט געוואָרן פעלערן, זײַנען זיי אָבער אין לויף פון דער צײַט פאַריכט און אויסגעבעסערט געוואָרן. איך וועל דאָ ברענגען אַ פּאָר בײַשפּילן.

יעכעזקל דאָברושין, וועלכער איז געשטאַנען באַם וויגעלע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, בא אירע סאַמע ערשטע טריט, אָנהייבנדיק פון אירע געבורט־ווייען און ביז די העכסטע שטאַפּלען פון איר צעברויזטן אופבלי, האָט ניט געהאַט קיין קלאָרע וועלט־אָנשויונג, ווען ער האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט. דער יונגער דאָברושין איז געווען באַווירקט פון די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע אידעאַליסטישע עסטעטישע שולן און טעאָריעס, דעריקער פונעם פאָרמאַליזם, וועלכער האָט זיך בא אים צונויפגעפאָרט מיט ייִדישלעכן עסטעטיזם און מאָדערניזם. דעריבער זײַנען זײַנע ערשטע קריטישע אַרויסטרעטונגען, באַזונדערס וועגן די קלאַסיקער, ניט געגאַנגען ווײַטער פון די אָפּשאַצונגען, וואָס עס האָט געגעבן די ייִדישיסטישע קריטיק ביז דער רעוואָליוציע. וועגן מענדעלען שרײַבט דאָברושין אין יאָר 1919:

„אָט אַזוי שטייט ער, דער זיידע מענדעלע, מיטן פּאָנעם אײַנגאַנצן צום אָוואר; די שאַפונגס־פּערספּעקטיוו פון מענדעלעס ווערק, יענע שטראַלנדיקע ווײַטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך בכלל פון יעדער אויפגעעפנטער קינסטלערישער טיר אין לעבן, ציִען זיך בא מענדעלען ניט צו דער צוקונפט, צו די קומענדיקע דוירעס, נאָר צו דער פאַרגאַנגענהײַט, צום היסטאָריש אָפּגעלעבטן און איבערגעלעבטן. ניט וווּהין זיי גייען, די טיפן, ווייסט מענדעלע, נאָר פונוואַנען זיי קומען״[1].

קימאַט מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער, אין אַן אַרטיקל, וואָס האָט געהאַט דאָס באַדײַטפולע קעפּל „דער אָנהייבער״, האָט דאָברושין שוין אײַנגאַנצן אַנדערש באַטראַכט מענדעלעס באַדײַטונג. דאָרט האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז מענדעלעס שאַפן איז געווענדט צו די קומענדיקע דוירעס, צו אונדזער סאָציאַליסטישער הײַנטצײַטיקײַט, צו אונדזער איצטיקער קולטור און ליטעראַטור. דאָברושין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן אַלטער באַהויפּטונג, אַז „מענדעלע איז קוידעמקאָל און אויסשליסלעך אַ נאַציאָנאַלער קינסטלער״, וואָס איז פאַרורטיילט „אַף אַ רעגעלע ניט קאָנען זיך באַפרײַען, ניט קאָנען אַרויסגיין פון די דוירעסדיקע אויסגעבויטע מעכיצעס פונעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און געפיל״. פאַרקערט, אין זײַן לעצטער אַרבעט וועגן דעם שרײַבער זעט שוין דער קריטיקער מענדעלעס פאַרבינדונג מיט דער רוסישער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור פונעם קריטישן רעאַליזם, מיט דער שאַפונג פון גאָגאָלן און שטשעדרינען.

אַן ענלעכע עוואָליוציע אין דער אָפּשאַצונג

[1] י. דאָברושין. געדאַנקענגאַנג. 1922.

פון מענדעלען האָט דורכגעמאכט נאָכעם אויסלענדער. אין זײַן באוווסטער ארבעט „גרונטשטריכן פון ייִדישן רעאליזם" האָט דער יונגער אויסלענדער געמאכט מאמעש איבערראשנדיקע אנטדעקונגען, וועלכע רופן ארויס באגײַסטערונג אויך אין אונדזער צײַט. אלע דרײַ גרונטלייגער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור — מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם און פּערעץ — באקומען אינגאנצן א נײַע אינטערפּרעטאציע. אויסלענדער באטראכט דעם רעאליזם פון די קלאסיקער אין פארבינדונג מיטן רעאליזם פונעם ייִדישן פאָלקלאָר, פון דער ייִדישער פאָלקס־שאפונג. און דאָס ברענגט אים צו גאָר אייגנארטיקע אויספירן.

די אויפגאבע איז געווען א קאָמפּליצירטע, און דער יונגער אויסלענדער האָט אין אלגעמיין דערפאָלגרײַך זי געשטעלט און געלייזט. עס זײַנען אָבער פאראן אייניקע באהויפּטונגען, מיט וועלכע עס איז שווער מאסקים צו זײַן, און דער אוטאָר האָט שפּעטער אליין זיך אָפּגעזאָגט פון זיי. דאָס האָט א שײַכעס אין דער ערשטער ריי צו דער אָפּשאצונג פון מענדעלעס שאפן. אונטער דער ווירקונג פון דער מאָדערניסטישער קריטיק, וואָס האָט פארורטיילט מענדעלען, באהויפּטנדיק, אז אין זײַנע ווערק איז קלוימערשט ניטאָ קיין שילדערונג פונעם יאָכיד, האָט אויסלענדער געשריבן:

„מענדעלעס יאָכיד־פּאָרטרעטן זײַנען אזוי אומיטלבאר פארבונדן מיט די מאסן־בילדער, אז זיי דאכטן זיך אָפּטמאָל, ווי פון איין שטיק געגאָסן. מיר זעען צומערסט, אז די יאָכיד־געשטאלטן זײַנען נאָר פראגמענטן פון דער קלאל־נעשאָמע. אינדיווידועלע שטריכן, גלײַך ווי אינדיווידועלע ווילנס־אקטן, פארמאָגן זיי זייער ווינציק. זייער יעיצערהאָרע איז ניט אינדיווידואליזירט... די עמאָציעס פון מענדעלעס פיגורן זײַנען דעריבער געבראכט ביז צו מינימום. און דאָך, זײַענדיק קינדער פון דער נאָרמע „פּעדעמלעך פון דער מאטעריִע ייִד", שטעלן מיט זיך פאָר די דאָזיקע פיגורן א רײַכע גאלעריי פון טיפּן. אנטפּלעקן דעם סאָד, ווי זיי ווערן אײַנגעקריצט אין אונדזער זיקאָרן, הייסט דעריבער צו געפינען דעם סאָד פון מענדעלעס אנאליטישער קונסט. מענדעלעס קונסט איז קוידעמקאָל א פּרימיטיווע פאָלקס־קונסט. פּרימיטיווע קונסט שילדערט ניט, זי „מאכט נאָך", זי אימיטירט, אין בעסטן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט. און דאָס זעלבע איז אויך בא מענדעלען"[1].

איבערכאזערנדיק עטלעכע מאָל דעם געדאנק, אז „מענדעלע באהערשט נאָר די פּרימיטיווע זשאנער־קונסט", שרײַבט אויסלענדער ווײַטער אין גײַסט און אין סטיל פון די מאָדערניסטן:

„מענדעלע, וואָס איז פון מאסקילישער פאָרשטעלונג וועגן דער שיפכע־שפּראך אזוי פרי באפרײַט געוואָרן, קומט אָן אָבער אייניקע מאָל צום זעלבן „ייִדישלעכן" ארט מאָלן. מענדעלעס

[1] נ. אויסלענדער. גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאליזם. קיִעוו, 1919, ז. 65.

העלד איז ניט דער „ייִד", נאָר דאָס „ייִדל", און פונקט אזוי ווערט זײַן קונסט פון צײַט צו צײַט „ייִדישלעך" אָנשטאָט „ייִדיש". וואָס איז אזוינס דאָס „ייִדישע", וואָס שטעלט זיך אנטקעגן דעם „ייִדישלעכן"? דאָס „ייִדישע" האָט טיפע נעשאָמע־וואָרצלען. עס איז יענע וואָגיקע קונסט, וואָס האָט צו טאָן מער מיטן פּסיכאָלאָגישן, ווי מיטן עטנאָגראפישן מאטעריאל, די קונסט, וועלכע מיִעט זיך צו דערהויבן צום נאציִאָנאלן סינטעז, וואָס שעפּט פון דער ארומיקער סוויווע פארבן פארן קאָלאָריט, גלײַך ווי עפּיזאָדן פאר דער האנדלונג, קיינמאָל אָבער ניט מער. דאָס „ייִדישלעכע" איז עפּיזאָדיש, עס לעבט אין עפּיזאָד, און ווײַטער פון אים גייט עס ניט. דאָס „ייִדישע" גיט צו צום עפּיזאָדישן נײַע, אלגעמיינערע מאָטיוון, עס גיט צו דער האנדלונג א מער קוילעלדיקן זינען. און צווישן די דאָזיקע צווייערליי ארטן פון שרײַבן וואקלט זיך נאָך אָפּטמאָל די פּרימיטיווע קונסט בא מענדעלען"[1].

אזוי האָט געשריבן אויסלענדער וועגן מענדעלען אין יאָר 1919. אָבער אין 1940 יאָר האָט ער שוין גאָר אנדערש אָפּגעשאצט מענדעלעס שאפונג און מענדעלעס באדײַטונג אין דער ייִדישער ליטעראטור. אין דער ארבעט „מענדעלעס מיטגייער אין די 60־ער — 70־ער יאָרן" האָט אויסלענדער געשריבן:

„קעגן „אלטע מאכטהאָבער", וואָס האָבן באדריקט די ייִדישע פאָלקסמאסן, קעגן די אזויגערופענע „באלעטויווס" האָט מענדעלע אין די 60־ער יאָרן שוין געפירט אן אנטשלאָסענעם קאמף... מענדעלע האָט ניט איבערגעריסן זײַן קאָנטאקט מיט דער אויפוואכנדיקער מאסע, און דער דאָזיקער קאָנטאקט האָט ניט איין מאָל ארויסגעהאָלפן מענדעלען אין גאנג פון זײַן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער אנטוויקלונג. פונדאנען האָט מענדעלע געשעפּט די איניציִאטיוו צוצוגיין נאָענט צו די הארבסטע סאָציִאלע דערשײַנונגען, פונדאנען האָט אויך געשטאמט דער פאקט, אז אין דער קאָנקרעטער קינסטלערישער פארקערפּערונג פון די דאָזיקע דערשײַנונגען איז מענדעלע גאנץ אָפט געגאנגען א סאך ווײַטער, איידער דאָס האָט דערלויבט זײַן טעאָרעטישע פּראָגראם"[2].

די ייִדישע סאָוועטישע קריטיק איז ניט מיטאמאָל געקומען צו דער פולער סינטעטישער קאָנצעפּציע וועגן דער היסטאָרישער באדײַטונג פון מענדעלעס שאפן. אפילע איצט קאָנען מיר נאָך ניט זאָגן, אז די מענדעלע־פּראָבלעם איז וויסנשאפטלעך און היסטאָריש געלייזט אויסשעפּנדיק, פונקט ווי ס׳איז ענדגילטיק ניט געלייזט די פּראָבלעם פון פּושקינען אָדער טאָלסטאָיען אין דער רוסישער ליטעראטור, שעקספּירן, בײַראָנען, דיקענסן, געטען, הײַנען, באלזאקן, סערוואנטעסן אין דער מערעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראטור. ווען עס האנדלט זיך וועגן

[1] דאָרטן ז. 68.
[2] מענדעלע און זײַן צײַט. מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין 19־טן יאָרהונדערט. מאָסקווע, 1940, זז. 93—94.

דעם היסטאָרישן גורל פון א גרויסן קינסטלער, האָט יעדע נײַע עפּאָכע איר מיינונג און איר וואָרט וועגן אים און וועגן זײַן ירושה.

דער ערשטער ייִדישער מארקסיסטישער סאָוועטישער קריטיקער מוישע ליטוואקאָוו האָט מיט העכער א האלבן יאָרהונדערט צוריק אויפמערקזאם געמאכט אף דעם סאָציאלן באטײַט פון מענדעלעס שאפן, אף דעם נאציאָנאלן און פאָלקסטימלעכן כאראקטער פון זײַנע ווערק, וועלכע האָבן פארקערפּערט א גאנצע עפּאָכע אין היסטאָרישן לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן. ליטוואקאָוו האָט געשריבן:

„דער סאָציאל־פּסיכאָלאָגישער אינהאלט פון מענדעלעס ווערק איז אומגעהייער גרויס. דער גאנצער אויסגעשטאנענער לעבנסשטייגער פונעם אלטן ייִדנטום האָט געפונען זײַן העכסטקינסטלערישן אויסדרוק אין די דאָזיקע ווערק, וועלכע זײַנען אייגנארטיקע, עכט־ייִדישע נאציאָנאלע עפּאָפּייעס. די בילדער פונעם ייִדישן לעבן, וועלכע ער מאָלט, זײַנען אזוי באדײַטנדיק, די דערשײַנונגען, וועלכע ער באנעמט, זײַנען אזוי באלערעוודיק, אז ניט געקוקט אף דעם ייִדישלעכן נעפּל פונעם „אלטן גאנג", וועלכער רופט אָפּט ארויס דעם אײַנדרוק פון צופיל עטנאָגראפישקײַט, באקומען זיי דאָך דעם גרויסן באטײַט פון א שטיק קינסטלערישער געשיכטע".

ליטוואקאָוו שטעלט פעסט דעם סאָציאלן טאָך, דעם קלאסן־אינהאלט פון מענדעלעס שאפן. אָבער ניט בלויז דאָס איז וויכטיק. די ראפּישע און די ווולגאר־סאָציאָלאָגישע קריטיק האָט באטראכט די ייִדישע קלאסיקער בלויז ווי אידעאָלאָגן פון דעם ייִדישן קליינבירגערטום, מיטלבירגערטום און אמאָל אפילע פון דער בורזשואזיע ביכלאל. אָט די ווולגארע קאָנצעפּציע איז מיט דער צײַט אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די סאָוועטישע קריטיק און ליטעראטור־פאָרשונג האָט, וואָס ווײַטער אלץ ברייטער און טיפער, באנומען דעם טאָך און די באדײַטונג פון די קלאסיקער אלס פאָלקס־שרייבער, אלס גרויסע פאָרגעשריטענע קינסטלער, וועלכע זײַנען געווען פּראָגרעסיוו אין זייער צײַט און האָבן איבערגעלאָזט א רײַכע קולטור־ירושה אויך פאר אונדזער צײַט. דערמיט איז כאראקטערייסטיש אויך ליטוואקאָווס אָפּשאצונג פון מענדעלען.

די וויכטיקסטע דערגרייכונג פון דער סאָוועטישער מענדעלע־פאָרשונג איז מייער ווינערס גרעסערע ארבעט וועגן דעם שרײַבער. דאָס איז אן אופּטו, וואָס איז ביז איצט ניט איבערגעשטיגן אין דער מענדעלע־ליטעראטור אין אונדזער לאנד און אין אויסלאנד. אין דער ארבעט ווערן ברייט באטראכט און אנאליזירט מענדעלעס גרונט־ווערק אין די 60־ער און 70־ער יאָרן[1], די גרונט־פּראָבלעמען פון מענדעלעס שאפן: פּערי‎אָדיזאציע, פארבינדונג מיט דער אלוועלטלעכער ליטעראַרישער טראדיציע און מיט די רעאליסטישע און קריטישע טראדיציעס פון דער פאָרגעשריטענער רוסישער ליטעראטור, מענדעלעס ליטעראַרישע אָנשוויונגען, שטריכן פון מענדעלעס רעאליסטישן סטיל און עלעמענטן פון ראָמאנטיזם אין זײַן שאפן, קינסטלערישע מיטלען פון שילדערונג.

ווינער האָט זיך אָנגעשפּארט אף די דערגרייכונגען פון דער מענדעלע־פאָרשונג, פון דער גאנצער סאָוועטישער קריטיק און ליטעראטורוויסנשאפט. אָן ליטוואקאָווס, אויסלענדערס, דאָברושינס, גורשטיינס ארבעטן וועגן מענדעלען וואָלט ניט מעגלעך געווען אויך ווינערס, וועלכע איז א סאכאקל פון דער גאנצער מענדעלע־פאָרשונג. אין ווינערס ארבעט איז פעסטגעשטעלט דער היסטאָרישער גורל פון מענדעלע־מויכער־ספאָרים. און מיר וועלן ענדיקן אונדזערע באטראכטונגען טאקע מיט ווינערס ווערטער:

„מענדעלע האָט רעפּראָדוצירט אין זײַנע בילדער א גרויסן שטיק דעמלטיק לעבן, אופגענומען דורך א דעמאָקראטישן טעמפּעראמענט. אין דער גאנצער ייִדישער פּראָזע איז מענדעלע געווען דער גרעסטער געזעלשאפט־קריטיקער, זײַנע ווערק — אמייִנסטן אידייִש אָנגעזאפּט. זײַן ווערט באשטייט אין דער ריכטיקער עמעסדיק־דיכטערישער אָפּשפּיגלונג פון דער דעמלטיקער געזעלשאפטלעכער סיטואציע פון אירע ווידערשפּרוכן און אין זײַן שטרעבן צו ענדערן די דאָזיקע סיטואציע אין א פאָרויסגייענדיקער ריכטונג.

דאָס איז עס, וואָס עס מאכט מענדעלען פאר א מײַסטער. און דערמיט איז אויך פארבונדן דער גרויסער ווערט, וואָס מענדעלעס שאפן האָט פאר אונדז"[1].

[1] די ארבעט איז פריִער דערשינען אין א באזונדערער אויסגאבע „עטיודן וועגן מענדעלען אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן" (מאָסקווע, 1935) און איז אויך אײַנגעשלאָסן אין בוך „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין 19־טן יאָרהונדערט, עטיודן און מאטעריאלן", קיִעוו, 1940.

[1] מ. ווינער. צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין 19־טן יאָרהונדערט. קיִעוו, 1940, ז. 421.

ארן ראַסקין

אייניקע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין ייִסראָעל

(לויט מאַטעריאַלן, פּובליקירטע אין זשורנאַל „מאזנים")

אין די 20־ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן אין ערעץ־ייִסראָעל נאָך געלעבט און געשאַפן די וועטעראַנען פון דער העברעיִשער דיכטונג כ.־נ. ביאַליק, ש. טשערניכאָווסקי, ז. שנייער, י. פיכמאַן; די פּראָזאיִקער י. כ. ברענער, ג. שאָפמאַן, י. ד. בערקאָוויטש, אָ. באַראַש, א. קאַבאַק אאַ., וועמענס שאַפן האָט זיך אַנטוויקלט און צעבליט אין רוסלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער, פון וועלכע זיי האָבן עמיגרירט. אויך די ייִנגערע ליטעראַטן, וואָס האָבן זיך שפּעריש פאָרמירט אָף דעם ערעץ־ייִסראָעלדיקן באָדן, זײַנען אין דער מערהײַט געווען נעכטיקע טוישווים פון רוסלאַנד, אוקראַיִנע, פּוילן, גאַליציע, און זיי האָבן מיטגעבראַכט אײַנפלוסן פון דער קולטור פון די לענדער, פון וועלכע זיי זײַנען געקומען (ש. אַגנאָן — פון דער פּוילישער גאַליציע, א. שליאָנסקי — פון אוקראַיִנע, נ. אַלטערמאַן — פון פּוילן, אווישאול — פון אונגאַרן, א. פּען — פון צאָפן־רוסלאַנד, כ. האַזאַז — פון דאָרעם־רוסלאַנד אדג.).

דעריבער איז נאַטירלעך, אַז דעם געזונטן און פרוכטבאַרן קערן פון דער נײַער ערעץ־ייִסראָעלדיקער ליטעראַטור האָט געבילדעט די שטאַרקע רעאַליסטישע טראַדיציע פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, דער העברעיִשער און ייִדישער, אין דער ערשטער ריי פון רוסלאַנד.

א. שליאָנסקי האָט דורך זײַן גאַנצן לעבן און שאַפן דורכגעטראָגן דעם געפיל פון טיפן אָפּשײַ פאַר דער קלאַסישער העברעיִשער און נאָך מער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז יעטווידע נאָוואַטאָרישקײַט אין דער ליטעראַטור איז מעגלעך בלויז אָף דער באַזע פון א המשך פון דער דורותלאַנג אָנגעזאַמלטער קולטורעלער ירושה, וועלכע ווערט אַקטיוו און קריטיש באַהערשט. „די פּראָבלעם פון קולטור, — האָט ער געשריבן, — איז א פּראָבלעם פון ירושה. ירושה באַטײַט קלאָל ניט א באַשטימטער און סטאַטישער סכום פון ווערטן, וועלכע מע דאַרף אָפּהיטן, נאָר א קויעך, וואָס שטויסט צו א המשך, באַ וועלכן ענלעכס און פאַרשיידנס בילדן אין זייער ניט־אַנטאַגאָניסטישער קעגנזעצלעכקײַט זײַן קעסיידערדיקײַט. ווי ס'ווערט געזאָגט באַ לעניניִן: „אָפּהיטן די ירושה הייסט קלאָל און בעשום־אויפן ניט זיך באַנוגענען מיט איר"[1].

נ. אַלטערמאַן איז געווען באַליבט און פּאָפּולער אַדאַנק דעם, וואָס זײַן גאַנץ שאַפן איז געווען ענג געקניפּט און געבונדן מיט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון זײַן צײַט. אַלטערמאַנס „צײַט און צײַטונגס־לידער", זײַנע „לידער וועגן די פּלאָגן פון די מיצרים", אין וועלכע ער האָט צוגעשמידט צום שאַנד־סלופּ דעם פאַשיזם און בײַז אויסגעלאַכט די אַזויגערופענע בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, זײַנען געווען מוסטערן פון אידייִשער, „טענדעציִעזער" דיכטונג, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט טיפן ליריזם און געווען איבערצײַגט, אַז ביכלאַל עקזיסטירט ניט „פּאָעטישע" אָדער „ניט פּאָעטישע" טעמעס, דער עכטער קינסטלער ווייסט צו פאַרוואַנדלען דאָס סאַמע וואָכעדיקע און טאָגטעגלעכע אין הויכער פּאָעזיע.

אָנגעזעטיקט מיט סאָציִאַלע מאָטיוון און פּאָליטישער פּראָבלעמאַטיק איז געווען די ליד פון די דיכטער א. פּען און כ. קאַדמאָן, וועלכע האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט די בעסטע טראַדיציִעס פון דער ייִדישער רעוואָליוציִאָנערער דיכטונג אין דער פאַרגאַנגענהײַט.

דעם וועטעראַן פון דער ייִסראָעלדיקער פּראָזע ש. אַגנאָן איז, עמעס, באַזונדערס געווען צום האַרצן דער אָוואַר אינעם מיטלאַלטערלעכפּאַטריִאַרכאַלן גאַליציִשן שטעטל, דאָך האָט ער אַרויסגעוויזן אויך א פײַנעם כוש און שאַרפן אויער פאַר דערווירקלעכקײַט פון זײַן צײַט, וועלכע ער האָט געשילדערט מיט גרויסער קינסטלערישער קראַפט און פּסיכאָלאָגישער באַגאַבונג. האַגאַם אַגנאָן האָט אין זײַן שאַפן זיך ברייט באַנוצט מיט אַלעגאָריעס און סימבאָלן, איז ער אין טאָך געווען א רעאַליסט, וואָס האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן צו די מאָדערניסטיש־דעקאַדענטישע שטרעמונגען אין דער פּראָזע פון זײַן צײַט. ער האָט, צום בײַשפּיל, מיט איראָניע אָפּגעוואָרפן די פּרווון אים

---

[1] א. שליאָנסקי. ילקוט אשל, ז. 63.

צושרײַבן א געוויסע האשפּאָ מיצאד פראַנץ קאַפקאַ. „איך האָב געלייענט בלויז זײַן „מישפּעט”, — האָט ער דערווידערט, — און דאָס, ווען איך בין געווען קראַנק. מײַן פרוי, זאָל לעבן, פּרווּוט מאשפּיִע זײַן אַף מיר צו לייענען זײַנע ביכער, אָבער ער איז ניט פון מײַן שוירעש — נעשאָמע. ער איז א גרויסער דיכטער, אָבער מיר איז ער פרעמד”[1].

ג. שאָפּמאַנען, איינעם פון די עלטסטע פּראָזאַיקער, דעם מײַסטער פון דער העברעיִשער נאָוועלע אין יִיסראָעל, זײַנען געווען נאָענט און טײַער די טראַדיציעס פון מענדעלען, טאָלסטאָיען, דאָסטאָיעווסקין און באַזונדערס פון טשעכאָוון, וועמענס נאָוועליסטישע שרײַבערישע מאַניר ער האָט געהאַלטן אלס א מוסטערהאַפטע.

אויך י. כ. ברענער איז, לויט דער גוויִעס־איידעס פון מ. כיוג, „זײַן גאַנצן לעבן געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט דער רוסישער ליטעראַטור” און האָט מער ווי אַלע אַנדערע „אָן פּאַרוסיקער קאַוואָנע מיטגעהאָלפן דער צעבליִונג פון דער רוסישער מעסוירע אַף דעם יִיסראָעלדיקן באָדן און קוידעמקאָל אַף דעם ליטעראַרישן פעלד, אַף וועלכן ברענער איז געווען איינער פון די באַזונדערס כאַשעוועַ פאַרשטייער פון זײַן דאָר”[2]...

פיל אַנדערע פּראָזאַיִקער פונעם עלטערן דאָר זײַנען טרײַ דער טראַדיציע פון די קלאַסיקער: י. ד. בערקאָוויטש מיט זײַן געזונטן און קרעפטיקן רעאַליזם, מ. אווי־שאָול, דער טעמפּעראַמענטפולער קעמפער פאַר שאָלעם און ברידערשאַפט צווישן פעלקער, אָ. באַראַש, אין וועמענס ווערק, געווידמעט דעם לעבן פון די גאַליציִשע ייִדן, איז ניט שווער אײַנצוזען די האַשפּאָ פון טורגענעוון און פון דער ייִדישער קלאַסיק, י. שענהאַר מיט זײַנע רעאַליסטישע באַשרײַבונגען פונעם לעבן אין די קיבוצים, כ. האַזאַז אין זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען וועגן דעם ייִדישן שטעטל אין אוקראַיִנע אין דער צײַט פון רעוואָליוציע און בירגערקריג און שפּעטער אין די ווערק וועגן לעבן אין יִיסראָעל, ב. יעהודע, מ. טאַוויוו און י. בורלאַ, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אלס טאַלאַנטפולע שילדערער פונעם לעבן פון די אַזויגערופענע „ספּאַרדישע” ייִדן, אאַוו.

נאָך דעם אופקום פון דער מעדינע (1948) האָבן זיך פאַרשטאַרקט די דיפערענציִאַציע־פּראָצעסן אינעם יִיסראָעלדיקן קולטור־לעבן. אין יִיסראָעל זײַנען אופגעקומען א ריי דרינגענדיקע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געפאָדערט זייער לייזונג, און זיי האָבן ניט געקאָנט ניט ווירקן אַף דער ליטעראַטור.

ארום די דאָזיקע פּראָבלעמען, אַזעלכע, ווי אראַבישע פּלייטים, צווישנבאַציִונגען צווישן דער מעדינע און אירע שכיינים און א ריי אַנדערע, וועלכע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער מאַסן־אימיגראַציע, האָבן זיך צעפלאַקערט שאַרפע כלוקעדייעס צווישן פאַרשיידענע שיכטן און פּאַרטייען, און דאָס האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין דער יִיסראָעלדיקער ליטעראַטור.

די אָריִענטאַציע פון דער מעדינע אַף די מײַרעוו־לענדער האָט גוירעם געווען די גרויסע האַשפּאָ פונעם מײַרעווודיקן, דעריבער אַמעריקאַנער אַרט לעבן, פון דער מײַרעווודיקער, דעריקער אַמעריקאַנער קולטור. מיט די יאָרן האָט זיך דער דאָזיקער אײַנפלוס געשטאַרקט אין איינקלאַנג מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער יִיסראָעלדיקער אָפּהענגיקײַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַף די זײַטן פון דער העברעיִשער פּרעסע האָבן זיך געלאָזט, וואָס ווײַטער אַלץ אָפטער, הערן די שטימען פון יִיסראָעלדיקע קולטורטוער, וועלכע האָבן אופמערקזאַם געמאַכט אַף דער געפאַר, וואָס שטעקט אין דער נעטיִע פון דער וויסנשאַפט און פון דער קולטור אין לאַנד זיך צוצופאַסן צו די פּאָדערונגען פון אויסן. מיט באַדויערן ווערט אַלץ מער און מער גערעדט וועגן דער פּריִאָריטעט, וועלכע איז אַף די דאָזיקע געביטן אָפּגעגעבן דער ענגלישער שפּראַך.

וועגן דעם, צום ביישפּיל, האָט ניט לאַנג אַליאַרמירט אין „מאָזנים” דער שרײַבער נאַטאַן בען מוישע אין א ספּעציעלן אַרטיקל אונטערן קעפּל: „נעגאַציע פון איווריט אין מעדינאַס־יִיסראָעל”.

אינעם אַרטיקל ווערט געבראַכט אַן אינטערוויו מיט א וויסנשאַפטלער, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געקומען קיין יִיסראָעל פון אַמעריקע.

„די יִיסראָעלדיקע הויכשול, — דערציילט דער וויסנשאַפטלער, — ניט נאָר זי דערמונטערט ניט די אופלעבונג פון דער העברעיִשער קולטור, זי באַשטראָפט מאַמעש די יעניקע, וועלכע פּרווון אַרײַנטראָגן זייער באַשיידענעם גאָב לטעוויוועס איר פאַרשריט אין דער צײַט, ווען אַנדערע, וועלכע שרײַבן זייערע אַרבעטן אין פרעמדע שפּראַכן צוליב אויסלאַנד, ווערן ברייט פּאָפּוליאַריזירט... צו מײַן גרויסער איבעראַשונג האָב איך דאָ דערזען, אַז די היגע געלערנטע זײַנען לאָהעט צו באַרײַכערן די וויסנשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און דאָס, וואָס עס טוט זיך דאָ, אין זייער וויסנשאַפטלעכער פאַך, אין זייער געזעלשאַפט, גייט זיי ווייניק אָן...”[1]

דער דראַנג צו פרעמדע קולטורן און צו פרעמדע לעשוינעס, דאָס שקלאַפּיקע פאַרנייגן זיך פאַר אַלץ, וואָס קומט פון אַמעריקע און פון אַנדערע מײַרעוו־לענדער, האָט לויט דער מיינונג פון א ריי שרײַבער און וויסנשאַפטלער אַנגענומען דעם כאַראַקטער פון א מין כאַלאַס. עס האָט זיך אין לאַנד געבילדעט, ווי עס מיינט דער ליטעראַטור־פאָרשער יִיסראָעל קאַהאַן, אַן אייגנאַרטיקער וואַריִאַנט פון „סנאָביזם”. דער

[1] ציטירט לויט „די גאָלדענע קייט”, נומ. 69—70, 1970, ז. 74.

[2] מ. ח י ו ג, י. ב ר נ ר. פרקי זכרונות. „מאָזנים”, 3—4, 1974, ז. 193.

[1] „מאָזנים”, 3 פעווראַל 1974, ז. 149.

דאָזיקער טיפּ פונעם נײַ־מאָדנעם „ייִסראָעלדיקן סנאָב" איז באַזונדערס פאַרשפּרייט צווישן די העכערע באַאמטע פון רעגירונגס־אַנשטאַלטן, פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וועלכע ס׳קומט אויס צוליב זייערע איניאָנים אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. אַזאַ מין סאָרט סנאָב, שרײַבט איראָניש ייִסראָעל קאַהאַן, דערקענסטו גלײַך לויט דער ענגלישער ליולקע אין מויל, לויט דער בריטישער אָדער אַמעריקאַנישער אויסשפּראַך פונעם „רייש", לויט דעם אויפן, ווי עס ווערט אויסגעשטאַמלט דער „אָ־קיי" אָדער דער „גוד־בײַ", און לויט דעם בונטן געמיש פון ענגלישע און פראַנצויזישע אויסדרוקן אין געשפּרעך...

„דעם סנאָב, — שרײַבט ווײַטער קאַהאַן, — אינטערעסירט ניט די געשיכטע פון דער אָדער יענער קינסטלערישער שאַפונג אָדער איר ווערט אַן און פאַר זיך... דער איקער איז די „מאָדע", די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג... דער סנאָב קריגט היספּײַלעס פאַר אַ מאָדערנער ליד, וועלכע ער פאַרשטייט ניט; ער לויבט ביז צום הימל אַבסטראַקטע מאָלערײַ, וועלכע ער באַנעמט לאַכלוטן ניט... וואָס שײַעך דער העברעיִשער ליטעראַטור, זײַנען דאָ צוויי מינים סנאָבן: איינער, וואָס באַגייסטערט נאָר יענע מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור, אין וועלכער ס׳ווערט דרייסט גערעדט וועגן ליבע און די עראָטיק איז כוצפּעדיק אַנטבלויזט... דער צווייטער מין סנאָב איז ביכלאַל מעוואַטל די העברעיִשע ליטעראַטור אָדער אַנערקענט איינעם צי צוויי שרײַבער. דערפאַר אָבער לויבט ער אין טאָג אַרײַן די אויסלענדישע ביכער און ווייסט צו דערציילן וועגן דער באַרימטקייט פון זייערע מעכאַברים... דאָס זעלבע בענעגייע דעם טעאַטער."[1]

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר זײַנען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור צוגעפלאָסן פיל נײַע שעפערישע קרעפטן. די ליטעראַטור האָט זיך באַרײַכערט סײַ אין קאַמעס, סײַ אין אייכעס. עס איז צוגעקומען אַ נײַער דאָר דיכטער, פּראָזאיִקער, דראַמאַטורגן, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך נײַע טעמאַטיק, נײַע פאָרמען, נײַע זשאַנרען. די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור ווערט אָבער אין אַ גרויסער מאָס געהאַמעוועט דורך דער אַלץ וואַקסנדיקער שטרעבונג, באַזונדערס בײַ די ייִנגערע שעפער, נאָכצוטאַנצן נאָך דער אויסלענדישער „מאָדע", אַ טענדענץ, וואָס ווערט באַגלייט מיט דער זיך פאַרשטאַרקנדיקער ניהיליסטישער באַציִונג צו דער אייגענער ליטעראַרישער מעסוירע.

אין 1969 איז אין ייִסראָעל דערשינען אַן אַנטאָלאָגיע אונטערן נאָמען „אונדזער יונגע דיכטונג". רעצענזירנדיק זי, שרײַבט דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. קרעמער, אַז דאָס געיעג נאָך נײַע פאָרמען און קונסט־מיטלען, איז, ליידער, געוואָרן בײַ פיל פּאָעטן אין ייִסראָעל אַ ציל פאַר זיך, וואָס פירט אומפאַרמײַדלעך צו פאָרמאַליסטישע קונץ־שטיק.

די נעטיִע צו פאַרנעפּלטע ווערטער און אויסדרוקן, פאַרשיפריִרטע סימבאָלישע בילדער איז ענג פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג אויסצושיילן די דיכטונג פון וואָגיקן אינהאַלט, פון אידייִשער אָדער סאָציאַלער אָנלאָדונג. דער קריטיקער באַמערקט, אַז אין דער מערהײַט לידער, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער אַנטאָלאָגיע, סײַ פון די יונגע, סײַ אויך פון אייניקע עלטערע דיכטער, וואַרפן זיך אין די אויגן איינע און די זעלבע כאַראַקטער־שטריכן: אידייענלאָזיקײַט, גלײַכגילט צו סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, אָפּגעפרעמדקײַט לעגאַבע דער געזעלשאַפט און אירע אינטערעסן, אויסשליסלעכע פאַרטיפונג אין זיך, אין דער וועלט פון די אייגענע געפילן. די דאָזיקע דערשײַנונגען, שרײַבט ש. קרעמער, זײַנען „טיף פאַרוואָרצלט אין דער נעשאָמע פון נעם דיכטער פון אונדזער צײַט. עפּעס פונקט ווי די געזעלשאַפט, אין וועלכער דער פּאָעט לעבט, וואָלט געווען ניט זײַן געזעלשאַפט, די קולטור, אין וועלכער ער נייטיקט זיך און וועמעס פרוכטן ער געניסט, וואָלט געווען ניט זײַן קולטור... ער אַנערקענט ניט, אַז ער האָט עפּעס באַקומען פון די פאָריקע דורעס... דער דיכטער פילט זיך פרעמד און אָפּגעפרעמדט לעגאַבע דער סוויווע, דער צײַט און אַפילע דער אָרטיקער לאַנדשאַפט. די וועלט איז ניט זײַנע, און ער איז ניט דער וועלטס".[1]

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּראַט איז די פּאָעזיע פון דאַן פּאַגיס, וועמענס „שעפערישער גײַסט", ווי עס באַמערקט דער דיכטער און קריטיקער יעשורון קעשעט, „שטרעבט זיך אויסצודרייען פון יעטווידער באַציִונג צו דער ווירקלעכקײַט", דעריבער געפינט זיך זײַן דיכטונג אויסער רוים און צײַט און איז געדיכט אײַנגעהילט אין פאַרשיפריִרטע סימבאָלן, ווײַל „דאָס פאַרבאָרגענע איז פאַר אים דער איקער".[2]

אין אַ רעצענזיע אַף אַ זאַמלונג לידער פונעם יונגן ייִסראָעל־דיכטער מוישע סאַרטעל מאַכט דער קריטיקער ל. שאַלאָם אויפמערקזאַם אַף דער נעגאַטיווער אויסווירקונג פון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע פון ט. ס. עליאָט אַף אייניקע יונגע דיכטער אין ייִסראָעל.

„יעדערער, וועמען ס׳געלינגט צו שרײַבן לויט די דאָזיקע נאָרמעס, — שרײַבט ל. שאַלאָם, — קען פאַררעכנט ווערן אַלס אַ גוטער, מאָדערנער דיכטער און וועט זיכער באַקומען אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג מיצאַד דער פאָרמאַליסטישער קריטיק... דער פּינקטלעכער, לעבעדיקער און פאַרשטענדלעכער אויסדרוק איז ניט נאָר קיין מײַלע, נאָר, פאַרקערט, ער ווערט פאַררעכנט פאַר אַ כיסאָרן"...[3]

---

[1] י ש ר א ל כ ה ן. הסנוב הישראלי. „מאזנים", 2, יאַנוואַר, 1973, ז. 132.

[1] ש. ק ר מ ר. שירתנו הצעירה. „מאזנים", אָקטיאַבער, 1969, ז. 354.

[2] י ש ו ר ן ק ש ת. על שירת דן פגיס. „מאזנים", 3, פעוורואַל, 1975, זז. 194—195.

[3] „מאזנים", 3־4, אויגוסט — סענטיאַבער, 1973, ז. 269.

פאר מ. סארטעלן, באמערקט דער קריטיקער, וועלכער איז שטארק באווירקט פון עליִאָטן, איז כאראקטעריסטיש די בעקיוונדיקע פארטונקעלונג פון דער שפּראַך, דער דראנג צום פאַרנעפּלטן בילד, די נעטיִע צו ריידן ניט אין נאָמען פון א באשטימטער פערזאָן, נאָר אין נאָמען פון עפּעס אן אנאָנימען „עמעצן", דאָס קאָקעטירן מיט זעלבסט־איראָניע, דאָס מעוואַטער זײַן אַף דעם גראם אדג.

אין א רעצענזיע אַף א זאמלונג לידער פון דער יונגער דיכטערן כעדווא הארקאווי אונטערן טיטל „אָן א נאָמען און אָן א פּאָנעם" באמערקט דער רעצענזענט מש"ב, אז בא אים רופט ארויס גרויס פארוואונדערונג, וואָס בא א הײַנטצײַטיקער דיכטערן איז ניטאָ קיין איין ליד, אין וועלכער מע וואָלט געקענט „דערשפּירן דאָס טאָגטעגלעכע, וואָכעדיקע, רעאלע לעבן", אָנשטאָט דעם ווערט דער לייענער ארײַנגעפירט אין די „טיפעניש פון עפּעס אן אנדער יאם", אין „עפּעס אן אנדער ערד", און אים קומט אויס צו שוועבן אין א וועלט פון אויסטערלישע בילדער, וועלכע זײַנען מעגלעך „נאָר אין כאָלעם, אין דער פאנטאזיע, אינעם אבסטראקטן געמעל".[1]

רעצענזירנדיק די ערשטע לידער־זאמלונג פון גאווריִעלא עלישא, קאָנסטאטירט ד"ר אוויוו עקראני, אז די יונגע דיכטערן האָט צו טאָן נאָר מיט זיך אליין, מיט גריבלען זיך אין דער אייגענער נעשאָמע, און די הויפּט־מאָטיוון פון איר דיכטונג זײַנען: „פינצטערניש, נאכט און טויט".[2]

אויך די פּראָזאִיקער און דראמאטורגן באמִיען זיך ניט אָפּשטיין פון דער הערשנדיקער אין מײַרעוו ליטעראַרישער „מאָדע". קיין יִיסראָעל האָבן א פלייץ געטאָן די אידייען פון פאַרשײַדענע מאָדערניסטישע שולן — סימבאָליזם, סיורעאליזם, עקזיסטענציִאליזם, אוואנגארדיזם, עקספּרעסיִאָניזם, קאפקאִיזם, די ליטעראַרישע מאניפעסטן פונעם אזויגערופענעם „נײַעם ראָמאן", פון דער „אבסורד־דראַמע", „דעם שטראָם פון באוווסטזײַן" אדג.

דער ליטעראטור־פאָרשער הילעל בארזעל האָט דורכגעמאכט א פארגלײַכנדיקן אנאליז פון זיבן ראָמאנען, וועלכע זײַנען דערשינען אין די יאָרן 1968 — 1969 אין יִיסראָעל, און איז געקומען צום אויספיר, אז זיי אלע פארייניקט די שטרעבונג נאָכצומאכן די נײַסטע „דערגרייכונגען" אינעם מאָדערניסטישן מײַרעוו־ראָמאן. נאטאן שויכאם (דער ראָמאן „גוף ראשון רבים" — ערשטע פערזאָן מערצאָל) האלט זיך בא דער יאפּאָנישער שיטע. אייהוד בען־עזער („אנשי סדום" — די מענטשן פון סדאָם) באנוצט זיך מיט דער פארשפּרייטער אין דער מאָדערנער דראַמע־ און ראָמאן־טעכניק פון באזירן די פאבולע אַף דאָקומענטארישע אורקוואלן. די שרײַבער יאָנאט און אלעקסאנדער סענעד („הנסיון הנוסף" — דער צוגאָבלעכער ניסאָיען) נוצן אויס די טעכניק פונעם אזויגערופענעם „שטראָם פון באוווסטזײַן". אמאָס אָז („מיכאל שלי" — מײַן מיכאָעל) האלט זיך בא דער מאניר פון באטראכטן דעם ארום דורך דער געפילן־וועלט פון א קראנקער פרוי, דאָס זעלבע מיריאם שאָרעץ („קורות חוה גוטליב" — די פּאסירונגען פון כאווע גאָטליב), י. אָרפּאז — דורך א נעץ פון אלעגאָריעס און סימבאָלן („גמלים" — מורעשקעס), דאָס זעלבע א. העפנער („עיבול" — איבאָל).

[1] „מאזנים", 3־4, אפּרעל — מײַ, 1973, ז. 266.
[2] „מאזנים", 5, אָקטיאבער, 1975, זז. 348—349.

הילעל בארזעל דערווײַזט, אז די העלדן פון די אלע ראָמאנען זײַנען בעדערעך־קלאל דערווײַטערט פונעם געוויינלעכן מענטשלעכן טיפּ, פאר זיי איז כאראקטעריסטיש א געוויסע פיזישע אָדער גײַסטיקע אנאָמאליע, זיי זײַנען באשאָנקען מיט א קרענקלעכער פּסיכיק, וואָס איזאָלירט זיי פון דער געזעלשאפט, פארשארפט דעם געפיל פון איינזאמקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט לעגאבע דער סוויווע, אין וועלכער זיי געפינען זיך. אזא איז אולמאן בא נ. שויכאם, מארטע בא יאָנאט און אלעקסאנדער סענעד, אזעלכע זײַנען די העלדן פון בען־עזערס ראָמאן „אנשי סדום", אזא איז די הויפּט־העלדין כאנע בא אמאָס אָז, כאווע גאָטליב בא מיריאם שאָרעץ אדג.[1]

אנאלאָגישע פיגורן פון פאריינזאמטע מענטשן, וועלכע פּײַניקן זיך פון דער אייגענער ניטפּולווערטיקײַט, פילן זיך אָפּגעריסן פונעם קלאל, אזעלכע „שטומע נעשאָמעס", וואָס טראָגן זיך ארום מיט זייערע ליידן און טרוימען וועגן טויט און אומקום, זײַנען דאָ אין א גרויסער צאָל אין די ראָמאנען און דערציילונגען פון א. מעגעד (צום בײַשפּיל, אין זיינע ראָמאנען „בריחה" — דאָס אנטלויפן, „מחברות אביתר" — אוויטערס העפטן אא.); אין א ריי דערציילונגען פון יִ. אָרפּאז (צום בײַשפּיל, די דערציילונגען, וואָס זײַנען ארײַן אין דעם בוך „עיר שאין בה מסתור" — א שטאָט, אין וועלכער ס'איז ניטאָ קיין באהעלטעניש); אין דעם ראָמאן פון י. קאָרען „לויה בצהרים" — די לעווײַע אין האלבן טאָג; אין די נאָוועלן פון שאמאי גאָלאן „בריחות למרחקים קצרים" — דאָס אנטלויפן אַף קורצע מערמאקים אא.

ס'איז ניט שווער אײַנצוזען, ווי פארדארבלעך ס'האָט זיך אויסגעווירקט דאָס יאָגן זיך נאָך דער הערשנדיקער ליטעראַרישער מאָדע אַף דער שאפונג פון די בעלי־סאָפּעק טאלענטירטע שרײַבער ארן מעגעד, יאָנאט און אלעקסאנדער סענעד, יִיצכאק אָרפּאז. אין די ראָמאנען פון א. מעגעד גייט אָן א שטענדיקער געראנגל צווישן רעאליסטישע און מאָדערניסטישע עלעמענטן, וואָס רופט זיך ווײַט ניט גינסטיק אָפּ אַף דער קינסטלערישער שליימעס. די שרײַבער יאָנאט און אלעקסאנדער סענעד האָבן זיינערצייט זיך בארימט געמאכט מיט דעם ראָמאן „אדמה ללא צל" (1949), אין יִידיש — „ערד אָן

[1] ה ל ל ב ר ז ל. צורה ובשרה ברומן הישראלי. „מאזנים", אפּרעל — מײַ, 1969, זז. 365—377.

שאָטן" (1953), אין וועלכן זיי האָבן מיט שאַרפֿע רעאַליסטישע שטריכן געשילדערט דאָס שווערע, גרויע און גלײַכצײַטיק העראָישע לעבן פֿון אַ גרופּע יונגעלײַט, וואָס האָבן זיך אַקשאָנעסדיק געלאָזט אין קאַמף מיט דער וויסטעניש אין נעגעוו באַלד נאָך דעם ייִסראָעל־אַראַבישן קריג אין 1949.

אין די לעצטע יאָרצענדליקער זײַנען ביידע שרײַבער אונטערגעפֿאַלן אונטער אַ שטאַרקער ווירקונג פֿון דער מײַרעוודיקער מאָדערניסטישער פּראָזע. איינער פֿון די נײַסטע „עקספּערימענטן" אין זייער שאַפֿונג איז דער ניט לאַנג דערשינענער ראָמאַן „טענדרי", אין וועלכן זיי מאַכן אַ פּרוּוו נאָכצומאַכן דעם אַזויגערופֿענעם פֿראַנצויזישן „נײַעם" ראָמאַן, ריכטיקער געזאָגט „אַנטי־ראָמאַן".

ווי באַוווּסט, האָבן די שאַפֿער פֿונעם נײַעם טיפּ ראָמאַן אין פֿראַנקרײַך געהאַלטן, אַז דער ראָמאַן אין זײַן פֿון מיקאַדמוינים אָנגענומענער פֿאָרם איז ניט בעקויעך אויפֿצושטעלן אַ פֿולשטענדיק בילד פֿון די קאָמפּליצירטע פּאַרהעלטעניש אין דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט, און זיי האָבן „אָפֿיציעל" געמאָלדן וועגן דעם טויט פֿונעם אַלטן טראַדיציאָנעלן ראָמאַן.

אינעם „נײַעם ראָמאַן" האָבן זײַנע שאַפֿער באַמיט צו באַפֿרײַען זיך פֿון אידייִשן אינהאַלט, פֿון דער פֿאַבולע אַלס אַזעלכער, פֿון מענטשלעכע כאַראַקטערן. דאָס האָט פֿאַקטיש געפֿירט צו דער דעהומאַניזאַציע פֿון דער קונסט און צו דעם אָפּזאָג פֿון לעבנס־דערקענטעניש אין דער ליטעראַטור.

ענלעכע סימפּטאָמען מערקן זיך אינעם דערמאָנטן ראָמאַן פֿון יאַנאַט און אַלעקסאַנדער סענעד. ווי עס באַצייכנט מיט רעכט רינאַ קלינאָוו אין איר רעצענזיע אויף דעם ראָמאַן, פֿאַרפֿירט עס די דאָזיקע שרײַבער אין אַ טעמפּן ווינקל.[1]

אונטער אַ שטאַרקער האַשפּאָע פֿון פֿאַרשיידענע מאָדערניסטישע ריכטונגען געפֿינט זיך די שאַפֿונג פֿון ייִצכאָק אָרפּאַז. זײַנע ווערק „מור־רעשקעס", „דאַניעלס רײַזעס" אאַ. זײַנען פֿולשטענדיק אויסגעהאַלטן אין סימבאָליסטיש־סיורעאַליסטישן נוסעך. די העלדן פֿון זײַנע ווערק זײַנען בעדערעך־קלאַל עלנט און איינזאַם, איזאָלירט פֿון אַרום, וועלכער איז זיי פֿײַנטלעך. זיי פֿילן זיך היימישער אין דער געזעלשאַפֿט פֿון באַלעכאַיִים, געוויקסן און דער טויטער נאַטור. די אָפּגעפֿרעמדקײַט פֿון אָרפּאַזס העלדן, זייער ווידערגעפֿיל צו דער געזעלשאַפֿט, צום קלאַל האָט אונטער זיך אַ רעאַלן באָדן אין דער ייִסראָעל־ווירקלעכקײַט, נאָר ער ווערט פֿאַרטושירט דורך דעם געדיכטן שלייער פֿון אַלעגאָריעס און סימבאָלן. דאָך רײַסט זיך ווי־ניט־ווי דורך די רעאַליסטישע עמפּפֿינדונג פֿונעם שרײַבער. אין „דאַניעלס רײַזעס", צום בײַשפּיל, וואָס איז אין טאָך אַ סימבאָליסטישע, מאָדערניסטישע דערציילונג, איז דאָ אַ רעאַליסטישע באַשרײַבונג פֿון אַ יוגנטלעכן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָך דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. אונטער דעם שווערן אײַנדרוק פֿון די מילכאָמע־געשעעניש, לאָזט ער איבער זײַן מוטער, צערײַסט די באַציִונגען מיט זײַן געליבטער, מיט דער גאַנצער וועלט און באַהאַלט זיך אויס אין די היילן אַפֿן ברעג יאַם.[1]

דער שאַרפֿער כוש פֿון אָן אָרנטלעכן שעפֿער, וועמען ס'רעגט דאָס אַרומיקע לעבן, העלפֿט אָרפּאַזן ביסלעכווײַז זיך אָפּצוטרייסלען פֿון די מאָדערניסטישע אײַנפֿלוסן. וועגן דעם זאָגט איידעס זײַן ניט לאַנג דערשינענער ראָמאַן „בית אדם אחד" („איינעמס אַ הויז", 1975). אין אַ רעצענזיע אויף דעם דאָזיקן ראָמאַן שרײַבט הילעל באַרזעל:

„דעפֿאָרמאַציע איז געווען דער איקערדיקער קען־סימען פֿון אָרפּאַזס שאַפֿן, וואָס האָט געפֿירט די פֿאַנטאַזיע אַהין, וווּ סע הערשן מעשוגאַס, דעפֿעקטיוויקײַט, בלוט־דאָרשט... אין זײַן לעצטן בוך האָט זיך דער מעכאַבער וועזנטלעך אָפּגענייגט פֿון זײַן ביז איצטיקן וועג אַלס דערציילער. אָנשטאָט אויסטראַכטענישן איז געקומען אַזוינס, וואָס קאָן צוגערעכנט ווערן צו דעם זשאַנער פֿון אויטאָביאָגראַפֿישן טאָגבוך... ניט געקוקט אויף געוויסע שוואַכקײַטן אינעם געבוי און אין דער געשטאַלטונג פֿונעם הויפּטהעלד, האָבן מיר פֿאַר זיך אַ בוך, וואָס פֿאַרקערפּערט אַ קרעפֿטיקע אויפֿפֿאַסונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין ייִסראָעל. די ווירקלעכקײַט האָט דאָ באַקומען אַ שאַרפֿן און שטאַרקן אויסדרוק... דאָס דאָזיקע בוך געהערט, ווי מיר דאַכט, צו די ערשטע ווערק, אין וועלכע ס'האָט געפֿונען אַן אַלזײַטיקע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג דער מעהוס פֿון דער יאָמקיפּער־מילכאָמע".[2]

ווי ס'איז צו זען פֿון די געבראַכטע בײַשפּילן, איז די זאַך ניט נאָר אין דער האַשפּאָע פֿון אויסן. די איבערנדערמאָנטע דערשײַנונגען, ווי דעהומאַניזאַציע, סקעפּסיס, פּעסימיזם, אינדיווידואַליזם, גלײַכגילט צו סאָציאַלע פּראָבלעמען און נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וועלכע האָבן אַן אָרט אין דער ייִסראָעלדיקער ליטעראַטור, זײַנען אַ פּראָדוקט פֿון באַשטימטע היסטאָרישע פּראָצעסן, וועלכע קומען פֿאָר אין דער מײַרעוו־וועלט. נאָר ס'דאַרף דערבײַ אויך גענומען ווערן אין אַכט אַ גאַנצע ריי פֿאַקטאָרן, וועלכע דרינגען אַרויס פֿון די באַזונדערע אומשטענדן, אין וועלכע ס'געפֿינט זיך מעדינאַס־ייִסראָעל.

דער גרעסטער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין ייִסראָעל באַשטייט פֿון מענטשן, געקומענע פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון זייערע פֿריִערדיקע היימען, פֿונעם

1 „מאזנים", 5־6, אַפּרעל — מײַ, 1954, זז. 390—391.

1 דער דאָזיקער פֿראַגמענט איז אין אַ ייִדישער איבערזעצונג דערשינען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 1972, ז. 84.

2 „מאזנים", 2, יאַנוואַר, 1976, זז. 119—126.

פריִערדיקן לעבנסשטייגער און קולטור. פיל פון זיי איז אויסגעקומען דורכצומאכן א שווערן פּראָצעס פון „אַקלימאַטיזאַציע" אפן נײַעם אָרט. ניט אַלעמען איז געלונגען צופּאסן זיך צו די נײַע באַדינגונגען, א גרויסער טייל פון די געקומענע פילט זיך פרעמד, איזאָלירט, אָפּגעזונדערט פונעם ארומיקן לעבן. אנדערע ווערן געפּײַניקט פון בענקשאפט נאָך דער פאַרלאָזענער היים, און זיי זײַנען דעריבער אַרײַנגעטאָן אינעם אָוואר, פאַרזונקען אין זיכרוינעס פון דער קינדהײַט און יוגנט־צײַט, גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, ווו מע וווינט אַצינד. פונדאַנען — דאָס געפיל פון איינזאַמקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּערסאָנאַזשן פון א ריי ראָמאַנען און דערציילונגען פון די ייִסראָעלדיקע שרײַבער, פונדאַנען — דער שטאַרקער שטראָם פון נאָסטאַלגיע.

א טייל דיכטער און פּראָזאַיִקער, וועלכע געפינען זיך שוין יאָרן אין ייִסראָעל, לעבן נאָך אַלץ מיט דעם אײַנדרוק־באַגאַזש, וועלכן זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים, און באַרירן קוים אָדער ביכלאַל ניט די ייִסראָעל־טעמאַטיק. אַלס בוילעטסטער בײַשפּיל קאָן דינען דאָס געשטאַלט פונעם פאַרשטאָרבענעם שרײַבער א. ד. שאַפּיר. א געבוירענער אין דער ליטע, האָט ער, — ווי ס'דערציילט א. ב. יאָפע אין אַן אַרטיקל, — אַף קיין איין רעגע זיך אין ייִסראָעל ניט באַפרײַט פונעם געפיל פון בענקשאַפט נאָך זײַן געבוירן־אָרט.

„די ערעץ־ייִסראָעל־טעמאַטיק, — שרײַבט א. ב. יאָפע, — פעלט לאַכלוטן אין א. ד. שאַפּירס דערציילונגען, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער איז אין עלטער פון 27 יאָר אָנגעקומען אין לאַנד און האָט דאָ פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן... ער איז געבליבן גײַסטיק פאַראַנקערט צו ליטע, צו די ווינטמילן, צו די פעלדער און וועלדער... ער איז געווען פאַרווּרטײַלט צו אייביקער בענקשאַפט נאָכן דערפל, וואָס איז פאַרזונקען אין נעפּל פונעם אָוואַר, און אַלס שרײַבער — צום מאָטיוו פון צוריקקער, א צוריקקער א געגאַרטער, נאָר אַן אומעגלעכער"...[1]

א ניט ווייניקער וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט שטאַרק מאַשפּיִע געווען אַף דעם לעבן אין ייִסראָעל און איר ליטעראַטור, איז דער קאַטאַקליזם, וועלכן ס'האָט איבערגעלעבט די ייִדישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע בײַס דער הערשאַפט פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן. צווישן די עמיגראַנטן פון די אייראָפּעיִשע לענדער זײַנען געווען פיל, וואָס האָבן אַף דעם אָדער יענעם אופן דורכגעמאַכט די שיוועמדוריי־גענעם פונעם קאַטאַקליזם. דאָס זײַנען געווען געראַטעוועטע פון פײַער, פון שכיטע, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע מישפּאָכעס, זייער היים, די נאָענטע, קרויווים און פרײַנט.

פיל ייִסראָעלדיקע שרײַבער האָבן אַליין

[1] „מאזנים", 1, יון, 1974, זז. 47—48.

איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע, און זי פאַרנעמט, נאַטירלעך, א היפּש אָרט אין זייער שאַפן (א. קאָוונער, יאָנאַט סענעד, ק. צעטניק, ע. לוריע, א. אַפּעלפעלד אאַ.). אייניקע ווערק פון די דאָזיקע שרײַבער טראָגן א פאַטאַליסטישע באַפאַרבונג, זײַנען געדיכט אָנגעשפּיקעוועט מיט גרוילן און קאָשמאַרן (צום בײַשפּיל, די ווערק פון א. אַפּעלפעלד). עס זײַנען פאַראַן אויך שרײַבער, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין לאַנד, נאָר זיי איז אויסגעקומען נאָכן צווייטן וועלט־קריג זיך טרעפן אין אייראָפּע מיט דער „שייריס־האַפּלייטע". פאַראַן אַזעלכע, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אין אייראָפּע, נאָר זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצוראַטעווען זיך פונעם גענעם. אויך אַף זייערע ווערק פאַלט דער שאָטן פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, און דאָס באַשטימט די באַזונדערקײַט פון דער בילדער־סיסטעם, פון די געשטאַלטן און שטימונגען (כ. בערטאָוו, כ. גורי, י. אַמיכײַ, ד. בענאַמאָץ, א. צ. גרינבערג, ט. קאַרמי, ד. אווידאַן אאַ.). בא א ריי שריפטשטעלער געפינט די טעמע פונעם קאַטאַקליזם איר אומדירעקטן אויסדרוק אין דער ראָמאַנטיזירונג פונעם אָוואַר, פונעם „טאַטנס הויז, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן", פונעם אַלטן לעבנסשטייגער, וועלכער דאַכט זיך איצט, אין שײַן פונעם געשעענעם, מער סטאַביל, מער אײַנגעשטעלט, מער אייגן, ווי דאָס לעבן דאָ, אין דער מעדינע. „די קינדער, — באַמערקט ש. קרעמער, — בויען זייער הויז „אינעם ווײַסן ליכט פון די ביינער", פון זייערע עלטערן און קרויווים. זיי, די קינדער, „האָבן זיך, איבערגעבעטענע, אומגעקערט אין טאַטנס הויז".[1] אַזעלכע מאָטיוון טרעפן מיר בא יעוז־קעסט, בענציִען טאַמאַר, דאַן פּאַגיס, מוישע דאָר, עגדאַר אַלדאַן אאַ.

א ביז גאָר וויכטיקער פאַקטאָר, וועלכער באַשטימט אין א גרויסער מאָס די באַזונדערקײַטן פון דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער ליטעראַטור, איז דער פאַקטישער מילכאָמעצושטאַנד צווישן דער מעדינע און אירע אַראַבישע שכיינים. די מילכאָמע־געפאַר הענגט, ווי א דאַמאָקל־שווערד, איבער די קעפּ פון די ייִסראָעל־בירגער. די שפּאַנונג, וואָס הערשט אין לאַנד, לייגט אַרוף איר שטעמפּל אַף דעם גאַנצן לעבן און, נאַטירלעך, אַף דער ליטעראַטור. די בענקשאַפט נאָכן פרידן, נאָך א רויִק לעבן, אָן קריג, אָן אינצידענטן אַף די גרענעצן, אָן מאָביליזאַציעס און מיליטערישע איבונגען, אָן דער שטענדיק לויערנדיקער טויט־געפאַר דרינגט דורך די ליטעראַטור און לאָזט זיך פילן אפילע אין אַזעלכע ווערק, אין וועלכע די מילכאָמעטעמע ווערט דירעקט ניט באַרירט. די שטימונגען פון ייִעש און פאַרצווייפלונג, די מאָטיוון פון טויט און אונטערגאַנג, וועלכע זײַנען שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער ייִסראָעלדיקער דיכטונג און פּראָזע, זײַנען א פּויעל־יויצע פון דער קריגס־אַטמאָספער אין לאַנד. זי באַשטימט,

[1] „מאזנים", 5, אָקטיאַבער, 1969, ז. 355.

בעלי־סאָפעק, די „שווארצע פארב", וואָס איז די „ספעציפישע פארב" פון, לעמאָשל, ד. פאָגעלס ליריק, וועלכע איז פארזונקען אין פינצטערניש, נאכט און טויט, און אפילו די „ווייסע פארב" פון זיין נאָוועלע „אנטקעגן יאם", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, ווי עס באמערקט דער קריטיקער יאָראם ברונאָווסקי, א מין טמימעסדיקע אידיליע, וועלכע דארף דינען אלס רעטונג פון דער „שרעקלעכער ווירקלעכקייט"[1]. זי, די קריגס־אטמאָספער, באשטימט אויך די טרויעריקע טענער, וואָס דאָמינירן אין די לידער פון א ריי אנדערע דיכטער (צום ביישפיל, בא כאים גורי, אמיר גילבאָא), ווי אויך דעם עלעגישן גרונט־טאָן פון אמאָס אָזס ראָמאן „מיין מיכאָעל", אין וועלכן די בענקשאפט נאָך פרידן ווערט באגלייט מיט א שארפן ווידערגעפיל צו יעדער אנטפלעקונג פון שאָוויניזם און מיליטאריזם.

דאָס דאָזיקע ווידערגעפיל וואקסט איבער אין א שארפן פראָטעסט אין די לידער פון יעהודע אמיכיי, אריע דעקער, מאָשע בארזיליי, אין דער דיכטונג און פראָזע פון מאָרדכע אווי־שאול, אין אייניקע דערציילונגען פון ס. איזהאר (צום ביישפיל, „כירבעט כיזא", „השבוי" — דער געפאנגענער), פון א. ב. יעהאָשוא „דער אָנהייב פונעם זומער פון 1971 יאָר", „אנטקעגן די וועלדער" („מול היערות"). באזונדערס שארף ווערן אופגעדעקט די אומדערטרעכטיקייט און דער שוידער פון דער מילכאָמע, די מיליטאַריסטישע טענדענצן, וועלכע הערשן אין באשטימטע קרייזן פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט אין די ראָמאנען פון רוט לעווין „תקוה באביב שחור" — האָפענונג בייסן שווארצן פרילינג, פון דאן בען־אמאָץ „צו אלדי רוכעס!".

די עצעם טענדענץ פון א טייל שרייבער זיך אָפּצווענדן פון דער ווירקלעכקייט, זוכן זיך א מיקלעט אינעם אָוואר אָדער אין דער וועלט פון די אייגענע געפילן, פונעם אָפּגעזונדערטן, אין זיך איינגעשלאָסענעם „איך", די עמפינדונג פון אָפּגעפרעמדטקייט לעגאבע דעם קלאל, ווי אויך דער עצעם געיעג נאָך פארשיידענע מאָדערניסטישע „עקספערימענטן", וואָס דארפן העלפן דעם שרייבער זיך אויסליידיקן פון קאָנקרעטער רעאליטעט, זיך אבסטראהירן פון צייט און אָרט, זיך פארוויקלען אין א נעפּל פון סימבאָלן און אלעגאָריעס, רעטענישפולן בילד און וואָרט — דאָס אלץ איז אין א באדייטנדיקער מאָס א פראָדוקט פון די באזונדערע באדינגונגען, אין וועלכע ס'געפינט זיך דאָס פאָלק אין ייִסראָעל.

„דער רעאליסטישער צווייג אין אונדזער בעלעטריסטיק געפינט זיך אין א פאָזיציע פון פארענטפערן זיך, אין דער צייט, ווען די, וואָס האָבן זיך אמערסטן אויסגעצייכנט אין די דערגרייכונגען פון דער העברעיִשער פראָזע פאר די לעצטע יאָרן, ווענדן זיך אָפּ פונעם רעאליזם,"[1] — האָט געוואָרנט מיט א קורצער צייט צוריק מוישע שאמיר, איינער פון די מייסטערס פון דער היינטצייטיקער העברעיִשער פראָזע.

„דער רעאליזם איז דער דערעך־האמעלעך אין דער ליטעראטור, וואָס וועט גויווער זיין אלע סטילן, וועלכע בייטן זיך יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אף דעם ליטעראַרישן פעלד און ניט אין א קלענער מאָס אויך אין דער ליטעראטור־קריטיק,"[2] — פרוּווט באַרויִקן די געמיטער דער שרייבער א. בען־עזער, וועלכער איז אין זיין ליטעראַרישער פראקטיק ניט שטענדיק געווען בעיעכוילעס בייצוקומען די הערשנדיקע ליטעראַרישע „מאָדע" און ער סטארעט זיך איצט פון דעם צו באפרייען. עס לאָזן זיך באָבאכטן די לעצטע צייט סימפּטאָמען פון א געוויסער „אויסניכטערונג" — סיי אין דער פראָזע, סיי אין דער דיכטונג. אלס בוילעטער ביישפיל קאָן דינען די פּאָעטישע שאפונג פון ש. שאלאָם. בא דעם דאָזיקן באדייטנדיקן דיכטער לאָזט זיך לעצטנס מערקן א שטארקע נעטיִע זיך צו באפרייען פון דער געדיכטער נעץ פון סימבאָליק און מיסטיק, אין וועלכער זיין דיכטונג איז געווען פארזונקען, א ווילן זיך דערנעענטערן צו דער קלאסישער רעאליסטישער ליד (צום ביישפיל, זיין ציקל לידער, וואָס איז דערשינען אין „מאזנים", נום. 5—6, 1976, וועלכע קויפן אונטער מיט זייער פּאשטעס און פאָלקסטימלעכקייט).

פאראלעל מיט דער פּאָלעמיק, וואָס די פאָרגעשריטענע ליטעראַרישע געזעלשאפטלעכקייט פירט אף די שפאלטן פון די ליטעראַרישע זשורנאלן, ווערן געמאכט באמיִונגען אין פראט פון פראָפּאגאנדירן די קלאסישע יערושע, אופדעקן די ראָל און באדייטונג פון די גרויסע שעפער פון דער פארגאנגענהייט.

אָבער דאָ שווימט אוף נאָך איין הארבע פראָבלעם: די פּראָבלעם פונעם לייענער. די זאך איז אין דעם, וואָס ערנסטע קונסט פאָרט זיך שווער מיט דעם מייִרעוודיקן ארט לעבן. ערנסטע קונסט צווינגט זיך צו פארטראכטן, ארומקוקן זיך צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין ארום. דאָרט אָבער, ווו דער הויפּט־אינטערעס פונעם דורכשניטלעכן בירגער איז קאָנצענטרירט ארום דעם אייגענעם וווילשטאנד און די זאָרג באשטייט אין געיעג נאָך א גרינג לעבן, איז מער צום הארצן ביליקע פארווײַלונגסקונסט, וועלכע העלפט דעם פוסטן און איינהאלטסלאָזן צייט־פארטרייב. ייִסראָעל איז ניט קיין אויסנאם אין דעם פראט. די ליטעראַרישע געזעלשאפטלעכקייט אין לאנד שטויסט זיך אָן מיט געוויסע שוועריקייטן באם פארשפרייטן דעם העברעיִשן קינסטלערישן בוך. א גרויסע קאטעגאָריע לייענער, באזונדערס צווישן דער יוגנט, גיט אָפּ דעם פאָרצוג די „בעסטסעלערס", וואָס ווערן בעשעפע אימפּאָרטיט פון אויסלאנד, אָדער סטאם פארווײַלונגען.

---

[1] „מאזנים", 5, אָקטיאבער, 1974, ז. 344.

[1] „מאזנים", 2, יאנואר, 1973, ז. 138.
[2] „מאזנים", 5־6, אפרעל — מיי, 1974, ז. 386.

בלויז יענע שרײַבער און קינסטלער, וועלכע העלפן די מענטשן זיך צו פאַרווײַלן, זײַנען באַליבט בײַ דעם אוילעם, — שרײַבט דער קריטיקער י. באַר־יאָסעף, — פאַרווײַלונגס־קינסטלער ווערן מאַמעש פאַרגעטערט, און לײַכטע פאַרווײַלונגס־ליטעראַטור פאַרשפּרייט מען אין די מיליאָנען... דאָס גוטע בוך שטערט, עס ווערט דערשפּרעכט דעם אַרט לעבן פון די ייִנגלעך און מיידלעך אין דער היים און אין דער סוויווע, עס דערווײַטערט פון דער פאַרווײַלונגס־קולטור, אין וועלכער די גאַנצע סוויווע איז אַרײַנגעטאָן...״[1]

באַזונדערס ווייטעקדיק האָט אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן רעאַגירט אויף דער יערידע פונעם אינטערעס צו דעם קינסטלערישן בוך אין ייִסראָעל דער שרײַבער כ. האַזאַז, איינער פון די וועטעראַנען פון דער העברעיִשער פּראָזע. „די מאַסקילים אינעם יישעוו, — האָט האַזאַז מיט באַדויערונג געשריבן, — קומען אין באַוועגונג פון יעדן ווינטבלאָז, וואָס גייט פון מײַרעוו, און ווײַזן ניט אַרויס קיין שום באַציִונג צו דער דוירעסדיקער העברעיִשער ליטעראַרישער מעסוירע... די אינטעליגענטן ציִען זיך אַלץ מער און מער צום ענגלישן בוך, צום ענגלישן נײַעם ראָמאַן, און די ברייטע מאַסן, לייענער, נייטיקן זיך בכלל ניט אין העברעיִשן בוך, סײַ רעליגיִעזן, סײַ וועלטלעכן. די העברעיִשע ליטעראַטור — וואָס וועט זײַן מיט איר?״[1]

כאַיִם האַזאַז האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט אויף באַשטימטע בלויזן אין דער סיסטעם פון דערציִונג פונעם יונגן דאָר. ער האָט באַשולדיקט די רעגירונגס־באַאַמטע, פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער דערציִונג, אין סטיכייִשקײַט, אין אַפּוועזנהײַט פון דעם נייטיקן ווידערשטאַנד דער אַלץ וואַקסנדיקער אַמעריקאַנער האַשפּאָע: „די העברעיִשע שול פאַרגעסט איר ליטעראַטור און אירע נאַציאָנאַלע ווערטן, אָנשטאָט דעם, שטודירט מען אַ ליטעראַטור, וואָס איר קינסטלערישער ווערט איז נאָך ניט דערוויזן, און איר דעסטרוקטיווע קראַפט איז אַבסאָליוט קלאָר״.[2]

דאָס זײַנען עטלעכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ס׳שטויסט זיך אָן אין איר אַנטוויקלונג די העברעיִשע ליטעראַטור אין ייִסראָעל, ווי ס׳איז צו זען פון די מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך אין דער לעצטער צײַט געדרוקט אין זשורנאַל „מאזנים״, דעם כוידעשלעכן אָרגאַן פונעם ייִסראָעלדיקן פאַרבאַנד פון העברעיִשע שרײַבער.

[1] ב ר־י ו ס ף. סופר וקורא בכפ׳פה אחת. „מאזנים״, 4־5, 1973, ז. 340.

[1] ש. ק ר מ ר. עם הזז. „מאזנים״, 4, מאַרט, 1974, ז. 200.

[2] דאָרט, ז. 201.

70־טער געבורטסטאָג פון יעווגעני זשאַרקאָווסקי

די מוזיקאַלישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער הויפּטשטאָט האָט לעצטנס פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר יעווגעני זשאַרקאָווסקי. איינער פון די אָנגעזעענסטע שעפער פון פּאָפּולערע זינגלידער, אָפּערעטעס, וואַלסן, פאַרנעמט יע. זשאַרקאָווסקי אַ כאַשעווע אָרט צווישן די פאַרשטייער פון דער עלטערער פּלעיאַדע שעפער פון דער סאָוועטישער עסטראַדע. דעם קאָמפּאָזיטאָרס מוזיקאַלישע ווערק זײַנען ברייט באַקאַנט ניט נאָר בײַ אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

דער יובילײ־אָוונט, געווידמעט יעווגעני עמאַנויִלאָוויטשס שאַפונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם אַלפאַרבאַנדישן הויז פון קאָמפּאָזיטאָרן, האָט צוגעצויגן פיל מוזיקער, אַרטיסטן, ליטעראַטן, פאַרערער פון דעם קאָמפּאָזיטאָרס טאַלאַנט.

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ באַגריסט האַרציק יעווגעני זשאַרקאָווסקין — איינעם פון אירע אויטאָרן, וועמענס זינגלידער אויף די טעקסטן פון ייִדישע דיכטער זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל.

מוישע איטקאָוויטש

נאָכאַמאָל וועגן אָפּשײַ פאַרן לאָשן

דאָס קעפל פון אונדזער אַרטיקל — „אָפּשײַ פאַרן לאָשן" — האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזן מיט פופצן יאָר צוריק. די שטענדיקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געדענקען געוויס דעם רוף פונעם שפּראַך־געלערנטן עליע פאַלקאָוויטש, וועלכער האָט אין די ערשטע צוויי נומערן פונעם זשורנאַל זיך געווענדט צו די אויטאָרן און לייענער, זיי זאָלן זיך באַציִען מיט פיעטעט און אַכטונג צום ייִדישן לאָשן. אַזוי טאַקע האָט דער געלערנטער אָנגערופן זײַן אַרטיקל — „אָפּשײַ פאַרן לאָשן". דער דאָזיקער נאָמען איז, ניט געקוקט אף זײַן עלטער פון אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר, אויך איצט פריש און אַקטועל. דערין קאָן מען זיך איבערצײַגן, ווען מע לייענט איבער נאָכאַמאָל דעם ערשטן אַבזאַץ פון ע. פאַלקאָוויטשעס אַרטיקל, וווּ דער אויטאָר קלערט אויף מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים פּאַשטעס, וואָס עס ווערט געמיינט מיט די ווערטער „אָפּשײַ פאַרן לאָשן": „שרײַבן (און ריידן) אף דער ליטעראַרישער שפּראַך, אויסמײַדנדיק די ווערטער און גראַמאַטישע פאָרמעס, וועלכע ווערן גענוצט אין דעם אָדער יענעם דיאַלעקט, אָבער זײַנען ניט אָנגענומען אין דעם איינהייטלעכן לאָשן" (מײַן אונטערשטרײַכונג — מ. אי.).

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ניט ווייניק געטאָן אין פּראַט פון פּלאַנצן אין דער ליטעראַטור, צווישן די שרײַבער, צווישן די לייענער אַכטונג צו ייִדיש. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די ספּעציעלע שפּראַך־באַראַטונג, וואָס די רעדאַקציע האָט צונויפגערופן אין נאָיאַבער 1966, אף וועלכער אָנגעזעענע שפּראַך־ספּעציאַליסטן האָבן אין אַ ברייטן פאַרנעם באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון ייִדיש. אין פאַרשיידענע צײַטן האָט דער זשורנאַל געדרוקט פיל אַרטיקלען וועגן שפּראַך־פראַגן, צווישן זיי מוישע ליטוואַקאָווס „אונדזער סאָוועטיש ייִדיש" (נומ. 11 פון 1967), כאַיִם לויצקערס וועגן די שפּראַך־פאָרשער אײַזיק זאַרעצקי (נומ. 9 פון 1965) און נאָכעם שטיף (נומ. 12 פון 1969), אַרטיקלען פון ע. ספּיוואַקן און וועגן ע. ספּיוואַקן, אַקטועלע, העכסט פּראַקטישע און קאָנקרעטע שפּראַך־אַרטיקלען פון ע. פאַלקאָוויטש, מ. שאַפּיראָ און פיל אַנדערע. לאָמיר אָנרופן אויך די הייסע פּאָלעמיקעס וועגן שפּראַך־פראַגן. מע קאָן צוגעבן, אַז שוין אַ סך יאָרן, ווי אין יעדן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערן געדרוקט לעקציעס פאַר מענטשן, וועלכע ווילן זיך אויסלערנען ריידן און שרײַבן ייִדיש. דאָס אַלץ האָט געבראַכט (און געמוזט ברענגען) דערצו, אַז אָפּשײַ פאַר ייִדיש איז ערנסט געשטיגן. מע מעג זאָגן אף זיכער, אַז אין קיין איינער פון די פריערדיקע ייִדישע סאָוועטישע צײַטשריפטן איז ניט געלייגט געוואָרן אַזויפיל אויפמערקזאַמקײַט אף די פּראָבלעמען פון שפּראַך, ווי אין „סאָוועטיש היימלאַנד". אָבער דאָך שטייט נאָך אַלץ אף דער טאָג־אָרדענונג די פּראָבלעם פון אָפּשײַ פאַרן לאָשן. פאַרשטייט זיך, אף שפּראַך־פּראָבלעמען קאָן מען קיינמאָל ניט געפינען קיין ענדגילטיקן ענטפער, ווײַל די צײַט שטייט ניט, מיט יעדן טאָג קומען אויף נײַע און נײַע פראַגן פון דעם מין. אַזאַ איז די דיאַלעקטיק פון אַ לעבעדיקער וויסנשאַפט. אָבער ליידער זײַנען נאָך ניט געלייזט געוואָרן אַפילע יענע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געמוזט און שוין געקאָנט געלייזט ווערן.

איך האָב אַן אַלטן פרײַנט. ער איז פיל יאָרן געשטאַנען נאָענט צום ייִדישן טעאַטער און בעמיילע געהאַט אַן ענגן באַריר מיט ייִדישע שרײַבער, דיכטער, שוישפּילער. אף דער עלטער האָט זיך אים פאַרגלוסט שרײַבן זיכרוינעס. דאָס איז געוויס ווערט באַגריסט צו ווערן. אין אַן אינטימען שמועס האָט ער מיר דערציילט, וואָס און וועגן וועמען ער האָט שוין געשריבן. איך האָב אים געפרעגט, עפּשער וואָלט ער מיר עפּעס געוויזן פון זײַן שאַפונג? ער האָט אַוועקגעלייגט אפן טיש אַ היפּש פּעקל קסאַווים. איך האָב אַ בליק געטאָן אין דעם פּעקל אין זײַן אָנוועזנהײַט און געזאָגט: שוין פונעם ערשטן קוק זע איך, אַז די טעמע, וואָס דו האָסט גענומען, איז זייער אינטערעסאַנט (מײַן כאַווער שמייכלט מיט פאַרגעניגן), נאָר וויאַזוי די זיכרוינעס קומען בײַ דיר אַרויס, ווייס איך נאָך ניט. פון די פּאָר אַבזאַצן, וועלכע איך האָב איבערגעלייענט, זע איך (ער וויזט אַרויס אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקײַט), אַז די שפּראַך איז בײַ דיר אַ שוואַכע (זײַן שטערן קנייטשט זיך, די ליפּן ציִען זיך צונויף). אויב דו ווילסט, וועל איך פאַר דיר אין די אויגן אויספאַריכטן כאָטש בלויז דעם ערשטן אַבזאַץ, וועסטו זיך איבערצײַגן, אַז איך רייד מיט דיר פרײַנטלעך און אויפריכטיק. דער כאַווער איז געוואָרן שטאַרק נערוועז (אַן עלטערער מענטש...), ער האָט אַרויסגעריסן פון מײַנע הענט דעם מאַנוסקריפּט און געזאָגט מיט פאַרדרוס: „שפּראַך, שפּראַך, כאָטש נעם און

לאָך. זינט איך קען דיך, איז שטענדיק בא דיר אפֿן ערשטן אָרט די שפּראַך. מיך אינטערעסירן אָבער פריִער פאר אלץ דער אינהאלט, די פאקטן, וועגן וועלכע איך דערצייל, די שפּראך איז בא מיר אפן לעצטן אָרט".

„די שפּראך אפן לעצטן אָרט"! דער כאווער פארגעסט, ווי עס איז צו זען, אז פאָרם און אינהאלט זײַנען צווישן זיך ענג און אָרגאניש פארבונדן. עס איז ניטאָ קיין אינהאלט אָן א פאָרם, ווי עס קאָן ניט זײַן קיין פאָרם אָן אן אינהאלט. אין א ליטעראריש ווערק איז די שפּראך — די פאָרם. נאָך מער, אין אזא פאל איז די שפּראך טײלווײַז דער קריטעריִ וועגן דער קינסטלערישקײַט פונעם ליטעראַרישן ווערק. דאָס איז אן אקסיאָמע.

לײַדער ווערט די דאָזיקע אקסיאָמע אָפט פארגעסן.

לאָמיר נעמען, אשטייגער, די פּראָגע וועגן אברעוויִאציעס (ראָשעטייוועסן). די לעצטע צײַט איז זייער פּאָפּולער די אברעוויִאציע „באם" — בײַקאל־אמורער מאגיסטראל. אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן" וועט איר קימאט אין יעדן נומער טרעפן דאָס וואָרט „באם" צענדליקער מאָל.

„באם" איז אין ייִדיש אריבער פון רוסיש. אין רוסיש זײַנען פאראן גרויסהאנטיקע אויסיעס. ווען מע שרײַבט БАМ, איז קלאָר, אז דאָס איז אן אברעוויִאציע. ייִדיש האָט ניט קיין גרויסהאנטיקע אויסיעס, ווערט די אברעוויִאציע אסימילירט מיטן ארומיקן טעקסט, און ניט שטענדיק קאָן מען באמערקן, אז מע האָט צו טאָן מיט א ראָשעטייוועס. אין העברעיִש ווערט א ראָשעטייוועס געצייכנט מיט א צווייענדיקן אפּאָסטראָף (") — אשטייגער ר"ת (אין א ייִדי־שער איבערזעצונג לייענט זיך דאָס — ראָשע־טייוועס, — דה. אברעוויִאטור), אָבער אינעם ייִדישן אויסלייג איז אזא צייכן ניט גילטיק.

אין „ביראָבידזשאנער שטערן" וועט איר זיך אָנשטויסן אָף א שלאל אברעוויִאציעס, און עס איז קיין סאָפּעק ניט, אז זיי פארשווערן שטארק דאָס לייענען די צײַטונג. נעמט, לע־מאָשל, די אברעוויִאציע „פּרד". איך בין זיך מוידע, אז דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסן אָף אזא ראָשעטייוועס אין דער צײַטונג, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז דער האבאכער־האזעצער האָט דאָ פּשוט דורכגע־לאָזט דעם אָס „ע" צווישן די אויסיעס „פּ" און „ר". נאָר איך האָב זיך גלײַך געכאפּט, אז דאָס איז ניט קיין ריכטיקע האשאָרע. לייען איך אין טעקסט די פולע ווערטער: פּ — פעדעראטי־ווע, ר — רעפּובליק, ד — דײַטשלאנד. איך זעץ דאָס איבער צוריק אָף רוסיש און שטויס זיך אָן אָף א פארקריפּלונג. אין דער הײַנטיקער אייראָפּע איז דאָך ניטאָ אזא רעפּובליק, וואָס הייסט דײַטשלאנד. עס זײַנען פאראן א דײַטשי־שע דעמאָקראטישע רעפּובליק און א פעדערא־טיווע דײַטשישע רעפּובליק. אין ערשטן פאל שרײַבט דער „ביראָבידזשאנער שטערן" די אב־רעוויִאציע דדר. אין צווייטן פאל פּרד. פרעגט זיך, פארוואָס ניט פּדר? וואָלט דאָך געווען ריכ־טיקער (פּ — פעדעראטיווע, ד — דײַטשישע, ר — רעפּובליק)? עפּשער דערפאר, ווײַל אין רוסיש שרײַבט מען פרג? אָנשטאָט איבערזעצן, שטעלט מען פּשוט ארײַן ייִדישע אויסיעס אפן אָרט פון רוסישע? נאָר אין רוסיש קאָן מען דאָך דעם אָס «Г» לייענען Германии (פון דײַטשלאנד — אין אן אדיעקטיווער פאָרם). אין ייִדיש אָבער לייענט זיך דער „ד" — דײַטשלאנד (אָן „פון", אין א סובסטאנטיווער פאָרם), און באם איבערזעצן צוריק אָף רוסיש, וועט מען מוזן לייענען Германия, דה, אזוי צו זאָגן — ענדערן די געאָגראפישע קארטע פון אייראָפּע. דאָס איז שוין א פּאָליטישער גרײַז.

ווײַטער: ווער קאָן עס לייענען און פארשטיין אזעלכע אברעוויִאציעס, ווי כּפר, פּרב, קפּדר און אנד. אָן גרויסהאנטיקע אויסיעס זעען אויס אזעלכע ווערטער גאנץ מאָדנע, און בלויז די אינטוויִציע זאָגט אונטער, אז דאָס זײַנען אב־רעוויִאציעס.

דאָ איז בעפּיירעש אמפּלאץ צו דערמאָנען, אז אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע זײַנען די אברעוויִאציעס (ראָשעטייוועסן) פון שטענ־דיק אָן געווען ווי א דאָרן אין אויג. די גרונט־לייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע (מוישע ליטוואקאָוו, נאָכעם שפּראך, עליע אשעראָוויטש, הענעך קאזאקעוויטש און פיל אנד.) זײַנען געווען קעגנער פונעם מעכאנישן אריבערפירן די רוסישע אברעוויִאציעס אין ייִדיש. און קוידעמקאָל טאָקע דערפאר, ווײַל אין ייִדיש זײַנען ניטאָ קיין גרויסהאנטיקע אוי־סיעס. נאָר דאָס איז בלויז „קוידעמקאָל". פאראן נאָך וויכטיקע סיבעס (איינע פון די סיבעס איז געווען אָנגעוויזן אויבן: ווי זאָל זיך לייענען פּרג? ארײַנשטעלן א „פון" אין דער אברעוויִא־ציע איז דאָך אן אומזין, און אָן א „פון" ווערט פארקריפּלט דער אינהאלט). עס ווײַזט זיך ארויס, אז אין ייִדיש לעבן זיך די אברעוויִא־ציעס ניט אײַן, כאָטש שרײַ כײַ־וועקײַעם! קוים־קוים האָבן זיך מעכאניש אײַנגעבירגערט אזעל־כע ראָשעטייוועסן, ווי צק קפּסס, פּססר, אוססר, ווססר. דער ערנסטער לייענער פון ייִדיש האלט, אז עס איז פיל בעסער, ווען מע שרײַבט אויך אזעלכע ווערטער אין דער פולער פאָרם, ניט מיט ראָשעטייוועסן. עס זײַנען פאראן כאכאָמים, וואָס פּרוּוון אויסזעצן אזעלכע אברעוויִאציעס מיט א גרעסערן שריפט, לעמאָשל מיט ציצעראָ אין קאָרפּוס אאוו. נאָר דאָס איז אן אבסורד: א גרויסהאנטיקער אָס איז איין זאך, אן אָס פון גרעסערן שריפט אין א טעקסט פון קלענערן שריפט איז א צווייטע זאך. עס איז אינטערע־סאנט, אז אזעלכע אברעוויִאציעס, ווי „יאג" (ייִדיש אווטאָנאָמע געגנט) „בב" (ביראָביד־זשאן), „וומק" (ווײַטמיזרעכדיקער קאנט), כאָטש זיי זײַנען דעם „ביראָבידזשאנער שטערן" נאָענט, האָט די צײַטונג זיי דאָך ניט אָנגענו־מען. און ריכטיק געטאָן!

מע קאָן אָפּשטעלן זיך אָף נאָך פראגן, אין וועלכע אונדזער ליטעראטור און פּרעסע פלאָנ־

טערן אָפט דעם אויסלייג סײַ צוליב נאכלעסיקײַט, סײַ צוליב קאַפּריזן פון מענטשן, וועלכע זײַנען ווייניק באקאנט מיט דער שפּראַך־טראַדיציע, נאָר זיי מיינען, אז זיי ווייסן אלץ (לאָמיר נעמען, אשטייגער, די ווערטער „ראָל" — „ראָליע". „ראָל" איז א טעאטראלער טערמין — „מיכאָעלס שפּילט די ראָל פון טעוויע", „ראָליע" איז א געזעלשאפטלעכער טערמין — „ער שפּילט אין זײַן קאָלעקטיוו א גרויסע ראָליע". צו דער דאָזיקער לאָגיק האָט מען זיך אָבער בא אונדז ניט אלע מאָל צוגעהערט און מע פלאָנטערט די צוויי באגריפן).

די ייִדישע סאָוועטישע שפּראַך פארמאָגט, ווי אלע שפּראכן, אן אָרטאָגראַפיש ווערטערביכל. אף אים האָבן געארבעט גרונטלייגער פון א וויסנשאפטלעכן סאָוועטישן ייִדיש — נאָכעם שטיף, אײַזיק זארעצקי, עליע פאלקאָוויטש און אנדערע. דאָס ווערטערביכל איז דערשינען אין 1932, איז באשטעטיקט געוואָרן דורכן פאָלקאָמבילד פון רספסר און איז, אזויארום, געוואָרן א געזעץ, א מעלוכישע אָרטאָגראַפיע. יאָ, וואָס עמעס איז עמעס: דאָס אָרטאָגראַפישע ווערטערביכל איז געוויס צו קליין, — דארף מען עס דערגאנצן (דאָס ייִדיש־רוסישע ווערטערבוך פון ס. ראָכקינד און ה. שקליאר, וואָס איז דערשינען אין 1940 אין מינסק אין פארלאג פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון ווססר, קאָן בעשום־אויפן ניט פארבײַטן דאָס אָנגערופענע ווערטערביכל, וואָס טראָגט גאָר אן אנדער כאַראקטער). ווײַטער. דאָס אָרטאָגראַפישע ווערטערביכל איז ניט בלויז צו קליין, עס איז אויך ניט פרײַ פון גרײַזן. נאָר אין פּראָצעס פון דער פּראקטישער ארבעט איז מיט דער הילף פונעם געלערנטן ע. פאלקאָוויטש געשלאָסן געוואָרן א מין „אָפּמאך" צווישן די מיטארבעטער פון די ייִדישע רעדאקציעס, און א סאך פון די גרײַזן זײַנען אויספאריכט געוואָרן.

אין אָרטאָגראַפישן ווערטערביכל זײַנען פארקריפּלט פיל העברעיִשע ווערטער, ווײַל אין יענע צײַטן האָט מען זיך באמיט וואָס מער דערווײַטערן זייער ייִדישן אויסלייג פונעם העברעיִשן. אינעם ווערטערביכל שטייט מויעל אָנשטאָט מויהעל (א טראדיציאָנעלער גרײַז פון די אוקראַיִנער, וועלכע זאָגן און שרײַבן ענטל אָנשטאָט הענטל); שעמענעסרע אָנשטאָט שמוינעסרע (קלוימערשט פאָלקסטימלעכער); אדײַעם — אדאיאָם אָנשטאָט אדהײַעם — אדהאיאָם (אויך טראדיציאָנעלע גרײַזן פונעם אוקראַיִנישן דיאַלעקט) און נאָך און נאָך אזעלכע פארקריפּלונגען. אייניקע גרײַזן פון דעם מין זײַנען בעשײַטע אָנגעוויזן געוואָרן אין זשורנאל „אפן שפּראכפראָנט", די מערהײַט פון זיי האָט אָבער קיינער ניט קריטיקירט און די פּרעסע האָט וועגן זיי ניט געשריבן. מע וואָלט אוודע געדארפט רעאגירן אף אזעלכע גרײַזן דורך א קאָנקרעטן ארטיקל אין „סאָוועטיש היימלאנד", ווענדן אף זיי די אופמערקזאמקײַט, דערבײַ ארײַנטראָגן די געהעריקע פאָרשלאָגן, ווי צו פאריכטן זיי. א גרופּע שפּראַך־ספּעציאַליסטן וואָלט די פאָרשלאָגן געניי באטראכט און אירע באשלוסן פארעפנטלעכט אין זשורנאל. אויב, לאָמיר זאָגן, אין מעשעך פון דרײַ צי זעקס כאָדאָשים וועלן ניט זײַן קיין דערווידערונגען, קאָן מען דערקלערן, אז די באשלוסן ווערן אָנגענומען אלס קלאל, וואָס מוז שטרענג אָפּגעהיט ווערן. דאָס וואָלט געוועזן זייער א גוטע זאך און וואָלט געהאָלפן ארײַנטראָגן אן אָרדענונג אינעם ייִדיש־לאָשן.

עס וואָלטן זיך אין אזא פאל ניט קאָנען איבערכאזערן אזעלכע דערשײַנונגען, ווי, לעמאָשל, מיט „ווען—ווען". דאָס דערמאָנטע אָרטאָגראַפישע ווערטערביכל, וואָס איז באשטעטיקט דורכן פאָלקאָמבילד פון רספסר, הייסט שרײַבן ווען — ווען, פירט מען בא אונדז אײַן — ווענס. אף דער פראגע: צוליב וואָס איז דאָס געטאָן געוואָרן, איז געקומען אן ענטפער, אז אזוי שרײַבט די אויסלענדישע ייִדישע פּרעסע. אָבער די ייִדישע סאָוועטישע אָרטאָגראַפיע פאלט ניט צונויף מיט דער ייִדישער אויסלענדישער אָרטאָגראַפיע! פאראן א וואָרט רוקזאק (אין מערצאָל רוקזעק). אין דערמאָנטן ייִדיש־אָרטאָגראַפישן ווערטערביכל איז דאָס וואָרט ניטאָ (פאראן נאָר אן ענלעך וואָרט „רוקבעטל"), אָבער דאָס וואָרט איז פאראן אינעם שוין אָנגערופענעם ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך פון ס. ראָכקינד און ה. שקליאר. דאָס איז ניט קיין אינטערנאציאָנאל וואָרט, עס שטאמט פון דײַטש און איז אריבער אויך אין רוסיש. אין רוסיש ווערט אויסגעלייגט „ריוקזאק". אָבער אין ייִדיש איז דאָס ניט קיין פרעמדוואָרט. אין ייִדיש איז דאָס וואָרט אָרגאניש — א זאק אפן רוקן איז א רוקזאק. מערצאָל פון זאק איז זעק, דעריבער — רוקזעק. רוקן שרײַבט קיין איין ייִד ניט מיט א יוד („ריוקן") און אָנשטאָט זעק (א סאך זעק) וועט קיינער ניט שרײַבן אין ייִדיש „זאקן". אָבער אין די ייִדישע ביכער, וועלכע דערשײַנען אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל", איז געדרוקט געוואָרן „ריוקזאק — ריוקזאקן". דערנאָך איז אויך אין א פּאָר נומערן „סאָוועטיש היימלאנד" ארײַנגעפאלן אזא גרײַזיקער אויסלייג.

מע וועט זאָגן: דאָס זײַנען דאָך ניט מער ווי קלייניקײַטן. דערויף קאָן מען ענטפערן, אז אין דער שפּראך איז יעדע „קלייניקײַט" א וויכטיקע פּראָבלעם פון גרויסן מאסשטאב.

לויט דער אײַנשטעלונג פון ייִוואָ (ווילנער ייִדישן שפּראך־אינסטיטוט, הײַנט ארבעט ער אין ניו־יאָרק) שרײַבט מען אין ייִדיש דאָס וואָרט מעלעך (קיניג, קייסער) מיט צוויי יודן — מיילעך: „געווען אמאָל א מיילעך". נאָר דאָוויד האמעלעך, שלוימע האמעלעך קאָן מען ניט שרײַבן מיילעך, ווײַל מיילעך איז א ייִדיש וואָרט און דאָוויד האמעלעך קומט פון העברעיִש, אויך שלוימע האמעלעך. אף העברעיִש שרײַבן מיילעך איז אן אבסורד. אָבער מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין כוש פאר ייִדיש און

העברעיִש, האַלטן, אַז שרײַבן דאָוויד האַמעלעך איז אַ... גרײַז, און זיי שרײַבן דאַפקע דאָוויד האַמיילעך, שלוימע האַמיילעך.

אונדזערע יִדישע אויסגאַבעס („סאָוועטיש היימלאַנד", „ביראָבידזשאַנער שטערן") שרײַבן אָפּט וועגן דעם לעבן אין יִסראָעל, עס קומט אויס צו געברויכן העברעיִשע טערמינען, מערסטנס פון איוורית (דה. העברעיִשע אין ספּאַרדישן די׳אַלעקט). אין אַזעלכע פאַלן מוז מען זײַן באַזונדערס אויפמערקזאַם צום אויסלייג. עמעס, גופע די יִדישע בירגערלעכע פּרעסע אין יִסראָעל האָט זיך דאָ ניט וואָס צו גרויסן, מע לייגט דאָרט קיין שום אַכט ניט אַף דער שפּראַך, זי קלינגט ווי דער אַלטער זשאַרגאָן. אָבער מיר דאַרפן זיך דאָך ניט לערנען בא זיי. אונדזערע שפּראַך־לערער זײַנען שאָלעם־אַליכעם, מענדעלע, פּערעץ, בערגעלסאָן, האָפּשטיין, מאַרקיש, דער ניסטער און ענלעכע צו אָט די וואָרט־מײַסטערס. לאָמיר באַמערקן, אַז צו ביסלעכווײַז אַנטוויקלט זיך אויך אין אַנדערע לענדער, אַרײַנגערעכנט יִסראָעל, די יִדישע שפּראַך־וויסנשאַפט, אַ סאַך אײַנוווינער פון דער מעדינע ריידן אַ פאָלקסטימלעכן יִדיש. מיר, פון אונדזער זײַט, דאַרפן זאָרגן וועגן דעם, אַז אונדזערע יִדישע אויסגאַבעס, די סאָוועטישע יִדישע אויסגאַבעס זאָלן לייזן די פּראַגן, אַרויסגייענדיק פון קלאָרע אידייִש־וויסנשאַפטלעכע האַנאָכעס, דינען אין דעם פּראַט פאַר אַ בײַשפּיל.

דאָ שווימט אַרויס די פּראַגע וועגן איווריט־טערמינען. פאַראַן אין יִסראָעל אַן אולטראַ־רעאַקציאָנערע פּאַרטיי — כערוט. דאָס שטאַמט פונעם העברעיִשן וואָרט חרות (כיירוס) — פרײַהײַט. אין איווריט (דה. אין ספּאַרדישן די׳אַלעקט פון העברעיִש) ווערט דער ת (אין יִדיש ס) פאַרוואַנדלט אין אַ ת מיט אַ פּינטל און לייענט זיך, ווי דער יִדישער ט. דער צײרע (כיי) ווערט אין איווריט אַ סעגאָל (כע), בעמיילע לייענט זיך כערוט. דאָס זעלבע דער רעאַקציאָנערער יוגנט־פאַרבאַנד בעטאַר (אין העברעיִש ביתר — בייטאַר). ווען מיר פאַרבײַטן אָבער כערוט אַף כיירוט, בעטאַר אַף ביי־טאַר, באַקומט זיך, איבערפראַזירנדיק שאָלעם־אַלייכעמען: כאָצי איווריט, פאָלאָווינע העברעיִש.

אין ע. פאַלקאָוויטשעס אַרטיקל „אָפּשײַ פאַרן לאָשן" אין פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע שטעל: „ווײַל שאָלעם־אַלייכעם שטראָפן אַ מענטשן, נעמט ער בא אים צו דאָס מאַמע־לאָשן און לאָזט אים ריידן אַף זשאַרגאָן, ווי אַשטייגער, די באַלעבאַטישע סאָניטשקע פון „מענאַכעם־מענדל", וואָס „רעדט האַלב אַף יִדיש, האַלב אַף רוסיש", אָדער ווי יודל קאָטווינטי פונעם ראָמאַן „אין שטורעם", וואָס „קימאַט נאָך יעדע צוויי — דרײַ ווערטער מוז ער אַרײַנוואַרפן איין וואָרט אַ לאָשנקוידעשדיקס, וואָסער־ניט־איז, צי עס פּאַסט זיך צי ניין, אַבי לאָשנקוידעש"...

אין קאַמף פאַר דער ריינקײַט, שיינקײַט און קולטורעלקײַט פון יִדיש דאַרף מען ווײַכן פון העפקיירעס.

אונדזערע מיטיילונגען

לייב ווילסקער

א הימן דער כאָכמע

א קאַפּיטל פונעם אומבאַקאַנטן כאָכמע־בוך פון סעיד (סאיד) בען באבשאד •

ס׳איז שוין געקומען די צײַט, ווען מע קאָן, גלײַך ווי פּערל אַף א שנור, ארופציִען איין סטראָפע נאָך דער אנדערער, איין קאַפּיטל נאָכן צווייטן, און דערזען, אז עס באקומט זיך א גאָר אינטערעסאנטער, ביז אהער ניט באוווּסטער בוך פון געגראַמטע מעשאָלים פון סעיד בען באבשאד. נאָך צוריק מיט העכער נײַן הונדערט יאָר זײַנען געווען קרײַזן, וואָס האָבן געלעקט די פינגער פון דעם ווערק. פּראָפעסיאָנעלע סאָפרים (קאָן זײַן, לויט באשטעלונגען פון מעצענאטן), ווי אויך געוויינלעכע באָסערוועדאָמס, ליבהאָבער פונעם טיפזיניקן וואָרט, פלעגן איבערשרײַבן די מעשאָלים אזוי, אז ניט נאָר זיי אליין זאָלן האָבן האנאָע, נאָר אויך גוטעפרײַנט, קינדער און קינדסקינדער, די קומענדיקע דורעס. אדאנק אָט די מענטשן, ניט געקוקט אַף דעם גרויסן מעהאלעך פון צײַט, זײַנען צו אונדז דערגאנגען באזונדערע פראגמענטן פונעם ווערק — קאָפּיעס אין די ביבליאָטעקן פון קעמברידזש, אָקספאָרד, לאָנדאָן, פראנקפורט. געפינענדיק זיי, האָבן די געלערנטע זיך באוואָפנט מיט פארגרעסער־גלאָזן און מיט גרויס אָנשטרענגונג ארויסגעריסן א סטראָפע נאָך א סטראָפע, א שורע נאָך א שורע, א וואָרט נאָך א וואָרט, אפילע אן אָס נאָך אן אָס. אזויארום האָבן זיי ווידער אופגעלעבט א געוויסן טייל פונעם ווערק. דער גרעסטער פראגמענט, וואָס אנטהאלט מערער טעקסט, איידער די קאָפּיעס אין די אלע אָנגערופענע ביבליאָטעקן צוזאמען, געפינט זיך אין „גפן מצרים", אין דער פירקאָוויטש־זאמלונג.

ליידער, איז צו אונדז ניט דערגאנגען דער נאָמען פונעם בוך. דאָס האָט אונדז געצוווּנגען פאָרלייגן, אַף אייגענער אכרײַעס, א באדינגלעכן טיטל אין יידיש: „דאָס כאָכמע־בוך פון סעיד (סאיד) בען באבשאד", ווי אויך דאָס קאַפּיטל, וואָס מיר פּובליקירן איצט, אָנרופן „א הימן דער כאָכמע".

די ערשטע דרײַ סטראָפן פון די געגראַמטע מעשאָלים, וואָס מיר ברענגען דאָ, האָט נאָך אין 1949 פארעפנטלעכט איינער פון די באַרימטע קענער פון דער מיטלאלטערלעכער פּאָעזיע מ. זולאי (1899—1955) לויט די לעצטע פיר שורעס פון א קסאוויאד, וואָס געפינט זיך צווישן די אזויגערופענע „פראגמענטן, באדעקטע מיט גלאָז", אין דער קעמברידזשער ביבליאָטעק. ער האָט דערבײַ ארויסגעזאָגט א סוואָרע, אז די אויסיעס „ס", „ע", „י", מיט וועלכע עס הייבן זיך אָן די דרײַ סטראָפן, בילדן אן אָנהייב פון אן אקראָסטיך, וואָס אנטהאלט דעם נאָמען פונעם מעכאבער: סעי[ד]. פון דעם איז געדרונגען, אז דער אווטאָר פונעם ווערק איז סעדיה גאון (882—942)[1], וועלכער איז באוווּסט מיט זײַן אראבישן נאָמען — סעיד אלפיומי (סאיד

---

[1] סעדיה בן יוסף (סאאדיאָ בען יויסעף), געבוירן אין דער שטאָט פאיום (מיצראַיִם). דערפאר רופט ער זיך אלפאיומי. געשטאָרבן אין סוראָ — א שטאָט אין באָוול, ווו ער איז נאָמינירט געוואָרן אין 928 יאָר אלס גאָען. ער איז איינער פון די גרעסטע יידישע געלערנטע פון מיטלאלטער: א גראמאטיקער, לעקסיקאָגראף, דיכטער, פילאָסאָף. באוווּסט מיט זײַנע שארפע ארויסטרעטונגען קעגן די קאראימער. אָנגעשריבן א העברעיִשן ווערטערבוך, וואָס באשטייט פון וואָרצלען, אויסגעלייגטע אין סיידער פון אלעפבייס. א טייל פונעם קסאוויאד געפינט זיך אין דער פירקאָוויטש־זאמלונג, וועלכע ס׳האָט פארעפנטלעכט א.־א. הארקאווי (1839 — 1919). סעדיה גאון האָט אָנגעשריבן אין אראביש אויך „די גראמאטיק פון דער [העברעיִשער] שפּראך", איבערגעזעצט די טוירע אין אראביש, וועלכע ס׳האָבן אויסגענוצט די סאמאריטאנער אין זייער איבערזעצונג. זײַנע העברעיִשע לידער זײַנען געשריבן אין א פּרעכטיקן סטיל, וועלכער אונטערשיידט אים צום גוטן פון זײַנע פאָרגייער די פּאיטאָנים יוסי (יויסי) בן יוסי און אלעזר הקליר (עלאָזאָר האקאליר), וואָס האָבן געלעבט, ווי מע מיינט, ארום VII יה. זײַנע פילאָסאָפישע ווערק, וועלכע ער האָט אויך געשריבן אין אראביש, האָבן געהאט א גרויסע האשפּאָע אַף דער אנטוויקלונג פון דער פילאָסאָפיע בא יידן, ווי אויך אַף דער פילאָסאָפישער לערע פונעם ראמבאם. אין דער שוימרוינישער פירקאָוויטש־זאמלונג איז פאראן אן אומבא־

אַלפֿאַיומי). ווען די סוואָרע זאָל זיך באַשטע־
טיקן, וואָלט עס געווען אַן עמעסע אַנטדעקונג.
קעגן מ. זולאַיס באַהויפּטונג האָט זיך אַרויס־
געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר י. שירמאַן (געב.
1904), וואָס איז געווען דער גרעסטער הײַנט־
צײַטיקער אויטאָריטעט אויף דאָזיקן געביט. ער
האָט געטײַנעט, אַז ס'איז ניט אָנגענומען געווען
בײַ דיכטער אַרויסברענגען דעם אַקראָסטיך אין
די מיטלסדיקע סטראָפֿן פֿון א ליד, לאָזנדיק די
פֿריִערדיקע און שפּעטערדיקע אָן אַן אַקראָסטיך
(שירמן, ח. „שירים חדשים מן הגניזה" — נײַע
לידער פֿון דער גניזע, ירושאַלאַיִם, 1965).
די געלערנטע האָבן לאַנג געזוכט די פֿאָרזע־
צונג פֿון די דרײַ סטראָפֿן. מע האָט געבלעטערט
קסאָוויאַדן, באַאַרבעט טויזנטער פּריִער אומבאַ־
וווּסטע מאַטעריאַלן פֿון דער קאַיִרער גניזע אין
קעמברידזש, לאָנדאָן און אָקספֿאָרד. ס'האָט
אָבער גאָרניט געהאָלפֿן.

אין 1960 איז ח. שירמאַן אָנגעקומען אויף א
קורצן באַזוך קיין לענינגראַד. און ווי גרויס
איז געווען זײַן איבעראַשונג, ווען צווישן די
מאַטעריאַלן, וואָס מע האָט אים באַוויזן אין
דער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין־ביבליאָטעק, האָבן
זיך געפֿונען ניט נאָר די דרײַ סטראָפֿן, נאָר די
ליד ביזן סאָף, ווי אויך אַנדערע לידער מיט גע־
גראַמטע מעשאָלים. שירמאַן איז געקומען צו
דער איבערצײַגונג, אַז דער לענינגראַדער
קסאָוויאַד פֿאַרמאָגט מער מאַטעריאַלן, איידער
די אַלע, וואָס זײַנען באַוווּסט דער וויסנשאַפֿט.
דעם נאָמען פֿונעם אויטאָר האָט דער פּראָפֿע־
סאָר שירמאַן לײַכט איבערגעלייענט פֿון די
אַקראָסטיכן, און אַלע ספּייקעס זײַנען מיטאַמאָל
אַנטרונען געוואָרן.

דער אַקראָסטיך אין דער העברעיִשער דיכטונג

שרײַבן אַלעפֿבייס־אַקראָסטיכן איז בײַ ייִדן אָנגענו־
מען פֿון דער אוראַלטער טקופֿע. דער מינהעג איז
באַוווּסט העכער דרײַטהאַלבן טויזנט יאָר. דער אַק־
ראָסטיך איז שוין פֿאַראַן אין די דיכטערישע ווערק
פֿונעם טאַנאַך: אין איוב (איִוו), תהלים (טעהילים)
און איכה (אייכאָ). די מיטלאַלטערלעכע דיכטער
האָבן אויך גאַנץ אָפֿט זייערע לידער געבויט אַלס
אַלעפֿבייס־אַקראָסטיכן, נאָר ניט שטענדיק לויטן גע־
וויינלעכן סיידער (פֿון אַלעף ביז טאָף). ס'טרעפֿן
זיך דאָרט אַקראָסטיכן לויט א פֿאַרקערטן סיידער
(פֿון טאָף ביז אַלעף). און אַפֿילע אויף גאָר א גע־
קינצלטן אופֿן — לעמאָשל, צוערשט אַלעף, דערנאָך
לאַמעד, בייס, מעם אאַזוו. אָנהייבנדיק פֿונעם 11־טן
(און עפּשער 10־טן) יה., ברייטערן אויס די דיכטער
דעם אינהאַלט פֿונעם אַקראָסטיך. אויסער דעם אַלעפֿ־
בייס קען מען אין אים געפֿינען אויך אָנגאַבן וועגן
דעם אויטאָר — זײַן נאָמען, פֿאָטערנאָמען און אַמאָל
אויך דעם נאָמען פֿונעם פֿאָטערס פֿאָטער אאַזוו. עס
טרעפֿט, אַז ס'ווערט אָנגעוויזן די פּראָפֿעסיע (א
כאַזן, א פּונקטאַטאָר אדג.), די אָפּשטאַמונג (א „קוי־
העץ", א „לייווי", א „ייִסראָעל"), דאָס היימלאַנד
(האַספֿאַרדי — פֿון שפּאַניע, האַאַשקענאַזי — פֿון
דײַטשלאַנד, האַצעפֿאַסי — פֿון דער שטאָט צעפֿאַס)
און פֿיל אַנדערע אײַנצלהײַטן. מע דאַרף אַמאָל זײַן
גאָר א גרויסע בקיע צו געפֿינען דעם אַקראָסטיך
און אים ווי געהעריק פֿאַרשטיין. קעדיי איבערלייי־
נען דעם אַקראָסטיך ביזן סאָף, דאַרף מען אַמאָל זיך
רעכענען ניט נאָר מיט די ערשטע אויסיִעס פֿון די
שורעס. ס'קומט אויס צו לייענען די ערשטע אויסיִעס
פֿון ווערטער, וואָס זײַנען געשריבן נאָכאַנאַנד אין
איין שורע. וויכטיק איז צו געדענקען, אַז די אָדער
יענע אָנגאַבן אין אַקראָסטיך קענען זײַן איבערגע־
געבן אין דער פֿאָרם פֿון אַברעוויִאַטור, דה. פֿון א
וואָרט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון ראָשעטייי־
וועס.

אין דעם קסאָוויאַד, וועגן וועלכן מיר שרײַבן דאָ,
זײַנען פֿאַראַן דרײַ אַקראָסטיכן, וואָס קיין איינער
פֿון זיי כאַזערט זיך ניט איבער: אַן אַלעפֿבייס־
אַקראָסטיך, די אַקראָסטיכן „סעיד בן באבשאד" און
„סעיד בן באבשאד סנאהה הכהן". אָפּן לעצטן אַקראָ־
סטיך וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. ער איז פֿאַרגעשטעלט
אין „הימן דער כאָכמע", וואָס מיר פּובליקירן. לאָ־
מיר אָט דעם אַקראָסטיך אַנאַליזירן.

ביידע נעמען — סעיד (סאַיד) און באבשאד זײַנען
ניט קיין העברעיִשע. פֿונוואַנען נעמען זיי זיך? ייִדן
און קאַראַיִמער, וואָס האָבן געלעבט צווישן אַראַ־
בער, פּערסן און אַנדערע פֿעלקער, פֿלעגן האָבן,
אויסער דעם העברעיִשן אייגננאָמען, אויך אַן אַראַ־
בישן, פּערסישן. צווישן די אַראַבישע נעמען, וועל־
כע זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט בײַ ייִדן און קאַראַיִ־
מער אין מיטלאַלטער, האָט דער נאָמען סעיד פֿאַר־
נומען א בעקאַוועדיק אָרט. סעיד באַטײַט אין אַראַ־
ביש „א גליקלעכער". דער נאָמען באבשאד איז פֿון
פּערסישער אָפּשטאַמונג און באַשטייט פֿון צוויי ווער־
טער: באב — „א פּאַסיקער", „א געהעריקער", „א
ווערטפֿולער", „א כאָשעווער", און שאד — „א פֿריי־
לעכער".

דער פּראָפֿעסאָר שירמאַן ברענגט אין עטלעכע פֿון
זײַנע אַרבעטן די נעמען אַבולפֿאַראַדזש יוסף אבן
באבשאד, אבו סלימאן דוד אבן באבשאד — א
גוטערפֿרײַנט פֿונעם באַוווּסטן העברעיִשן דיכטער
יצחק אבן־כלפֿון, וואָס האָט געלעבט אַרום יאָר 1000,
און פּאַשעט: דויד (דאָוויד) בן באבשאד. שירמאַן
דערמאָנט אויך וועגן א דאָקומענט, אין וועלכן עס
ווערט געבראַכט דער נאָמען פֿון דער טאָכטער (בת—
באַס) פֿון באבשאד. די אַלע פּערזאָנען האָבן געזאָלט
לעבן אין די יאָרן טויזנט — טויזנט עטלעכע און
דרײַסיק.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שווימען אויף אייניקע
פֿראַגן. ערשטנס, צי האָבן מיר דאָ ניט צו טאָן מיט
קינדער פֿון איין פֿאָטער? און, צווייטנס, נאָך א דריי־
סטערע פֿראַגע. צי איז ניט דער מענטש מיטן נאָמען
דוד אבן באבשאד מיטן צוגאָב אבו סולימאן דער
זעלבער דיכטער, וואָס הייסט אין אונדזער קסאָוויאַד
מיטן אַראַבישן נאָמען סעיד בן באבשאד?

וווּסטע אין דער וויסנשאַפֿט שומרוניִשע קאָפּיע פֿון
דער אַזויגערופֿענער „צווייטער באַקאָשע" פֿון סע־
דיה גאון מיט אַן אַראַבישער איבערזעצונג. דאָס
אַלץ איז געשריבן מיט שומרוניִשע אויסיִעס.

ניט לאַנג צוריק איז אונדז געלונגען אין א קסאוויאַד פון פירקאָוויטשעס זאַמלונג צו געפינען אַן אַקראָסטיך: „דויד הכהן בן באבשד חזק" (כאַזאַק באַטײַט „שטאַרק זיך", „ווער שטאַרק"). די ערשטע שורע פון דער ליד איז אַזאַ: „דרור תקרא ולא תחשה לעם המה ביד נושה" (דרויר טיקראָ וועלוי סעכשע לעאַם היימאָ בעיאַד נוישע — רוף צו פרײַהײַט און זײַ ניט גלײַכגילטיק צום פאָלק, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון דעם, וואָס פאָדערט, עס זאָל סי־לעקן זײַנע כויוועס). דער סויפער אָדער דער אייגנ־טימער פונעם קסאוויאַד האָט געלייענט דעם אַקראָ־סטיך אַלפי־טאָעס: „דויד בן בבש". ווער ווייסט, עס קאָן אויך זײַן, אַז דאָס ליד „אני מודה, ידידי בעוני" (אַני מוידע, יעדידי באַאוויני — איך בין זיך מוי־דע, פרײַנט מײַנער, אין מײַן זינד), וואָס ביאַליק און ראַווניצקי האָבן צוגעשריבן שלוימע איבן גאַבירואָלן, געהערט אויך דעם דיכטער דויד בן באבשאַד. אַז דאָס ליד געהערט ניט איבן גאַבירואָלן, האָט שוין דער־וויזן י. דאַווידזאָן, באַמערקנדיק דערבײַ, אַז אין קסאוויאַד, וועלכער ליגט אין יעסאָד פון דער אויס־גאַבע, איז אָנגערופן דער אווטאָר: דוד בן בבש[1].

שווערער פון אַלץ איז צו פאַרשטיין, וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט „סנאהה". צוזאַמענבינדן עס מיטן אייגננאָמען „סנאה", וועלכער איז פיקסירט אין טאַ־נאַך, איז אומעגלעך, ווײַל „סנאה" גיט ניט קיין פאָרם „סנאהה", אין קיין שום פאַל. דאָס איינציקע, וואָס מע קען פאַרלייגן ווי א האַשאָרע, איז: מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַברעוויִאַטורן פון די ווער־טער „סגי נהור אבי החכם הגדול" (סאַגי נעהויר אַווי העכאָכאָם האַגאָדויל — דער מענטש, וואָס זעט גוט, דער גוטהעדיקער — אַן עוופימיזם, וואָס איז ברייט באַנוצט אין דער אַראַמעיִשער און העברעיִשער ליטע־ראַטור פאַר א בלינדן — „מײַן פאָטער, דער גרוי־סער געלערנטער").

אויב מיר זײַנען גערעכט, באַטײַט דער אַקראָסטיך אין אַלגעמיין: „סעיד, דער זון פון באַבשאַד, דער סאַגינאַהער, דער פאָטער מײַנער, דער גרויסער גע־לערנטער, דער קויהען".

וועגן דער געשיכטע פונעם קסאוויאַד לויט פירקאָוויטשן

א. פירקאָוויטש האָט ניט דורכגעלאָזט אומבאַמערקט דעם קסאוויאַד, וועלכן ער האָט פונעם ערשטן אויגנ־בליק אָפּגעשאַצט ווי א גרויס געפינס. צוערשט האָט ער געפונען בלויז 6 בלעטער און גלײַך אָנגעשריבן וועגן זיי אַן אַרטיקל אונטערן טיטל „לעקאָוועד די־, וואָס שטרעבן צו פּראָגרעס און האָבן ליב אַלטער־טימלעכקײַטן" (לכבוד שוחרי התושיה אוהבי קדמו־ניות)[1]. ווען דאָס אַרטיקל איז שוין געווען גרייט, האָט ער געפונען נאָך צוויי בלעטער פונעם קסאוו־יאַד. אין דער ענדגילטיקער פאָרם האָט דאָס אַר־טיקל געזאָלט הייסן (אין דער איבערזעצונג אויף יידיש) „אַכט בלעטער, געשריבענע מיט קוואַדראַטע אויסיעס, וואָס איך האָב פונעם ווײַנשטאָק פון מיצ־ראַים (גפן מיצרים) געבראַכט אויף דעם האַלב־אינדזל קרים". און כאָטש אונדזער דערפאַרונג באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז אין דער פירקאָוויטש־זאַמלונג טרעפן זיך טענדענציִעזע „אויסבעסערונגען" און זייער אָפט א סוביעקטיווע באַלויכטונג, האַלטן מיר פאַרט פאַר נייטיק מיטיילן, וואָס א. פירקאָוויטש שרײַבט וועגן דעם קסאוויאַד.

פירקאָוויטש האָט געשריבן אין זײַן אַרטיקל: „אָט די זעקס בלעטער האָב איך אַרויסגענומען פון דער פינצטערניש פון א הייל, וואָס געפינט זיך אָפּן בע־סאַלמען פון אונדזערע ברידער די ראַבאַניטן (לאחינו הרבנים — לעאַכיינו האָראַבאָנים)[2] אין נאָי־מצרים (קאַיר), ניט ווײַט פון צוען מצרים (פוסטאַט)". דער־נאָך ברענגט ער א קאָפּיע פון א צושריפט, וואָס געפינט זיך אויף א בלאַט אין ספר ישעיה, וועלכער איז געשריבן אויף פאַרמעט. די קאָפּיע, — שרײַבט פירקאָוויטש, — מאַכט ער „אות באות מלה במלה" (אויס בעויס, מילאָ בעמילאָ — אַן אָס צו אַן אָס, א וואָרט צו א וואָרט). און געמאַכט האָט ער טאַקע די קאָפּיע אַזוי, ווי נאָר פירקאָוויטש האָט געקאָנט. טאַ־קע „געוני", אָבער נאָך דעם, ווי דער אָריגינאַל איז „אויסגעבעסערט" געוואָרן. אין טעקסט פונעם קסאוו־יאַד זײַנען דערלאָזט געוואָרן פעלשונגען. אין קסאוו־יאַד איז פריִער געווען אָנגעשריבן, אַז באַבשאַד און זײַן זון דויד האָבן געשענקט די דאָזיקע ביכער פונעם טאַנאַך אין אַנוועזנהײַט פון דעם נשיא (נאָסי) צמח בן אסא בן צמח (צעמאַך בען אַסאָ בען צע־מאַך). טרעפט זיך א „נעס", און „עמעצנס" א האַנט מעקט אויס דעם צווייטן „צמח" און אַרבעט אים איבער אויף „שאול" (שאָול). און דאָ קומט גלײַך „א באַמערקונג" פון פירקאָוויטשן, אַז „דאָס איז טאַקע דער זעלבער שאול, וואָס איז געווען דער זון פון ענן (דעם גרינדער פון דער קאַראַיִמישער באַוועג־גונג. — ל. וו.)". מיר האָבן גענוי אויסגעפאָרשט ביידע קסאוויאַדן, ווו עס ווערט געבראַכט די צו־שריפט, אין וועלכער ס'איז דערמאָנט דער נאָמען פון דעם זעלבן נשיא, און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין ביידע פאַלן איז דער צווייטער צמח „איבערגע־אַרבעט" געוואָרן אויף שאול. אין דער פאַלסיפיקאַציע האָב איך זיך אַליין איבערצײַגט, באַנוצנדיק זיך מיט א ספּעציִעלן אָפּטישן אַפּאַראַט, אַדאַנק וועלכן איך האָב איבערגעלייענט די רעשטלעך פון „צמח".

דער קסאוויאַד באַשטייט פון דרײַ פראַגמענטן, וואָס לאָזן זיך לייענען אין אַלגעמיין זייער גוט. זיי זײַנען געשריבן אין צוויי שפּאַלטן אויף גראָב, טונקל פּאַפּיר פון „מיזרעכדיקער" אָפּשטאַמונג. יעדע סטראָ־

[1] י. דאַווידזאָן (1870—1939) — איינער פון די גרעסטע פאָרשער פון דער העברעיִשער פּאָעזיע ביכ־לאַל און פון איבן גאַבירואָל ביפּראַט. זע ביאַליקס און ראַווניצקיס אויסגאַבע פון איבן גאַבירואָלס לידער, ב. 6, תל־אביב, 1929, ז. 12, ליד נומ. 9, און י. דאַוויד־זאָנס „אוצר השירה והפיוט" (אויצאַר האַשירע ווע־האַפּיוט — דער אוצער פון דיכטונג און פּיוט) ב. 1—4, ניו־יאָרק, 1924—1933.

[1] דאָס אַרטיקל איז אין גאַנצן ניט אָפּגעדרוקט. עס ווערט אָפּגעהיט אין פירקאָוויטשעס קסאוויאַדן־זאַמלונג, אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָ־טעק.

[2] אַזוי רופן די קאַראַיִמער די יידן.

פּע פאַרנעמט צוויי שורעס, און יעדע שורע איז אויך צעטײלט אָפּצוויִען: רעכטס — דער אָנהייב פון דער האַלב־סטראָפע, וואָס ווערט אָנגערופן אין דער העברעיִשער פּאָעטיק „דלת״ (דעלעס — א טיר), און לינקס — דער סאָף פון דער האַלב־סטראָפע „סוגר״ (סויגייר — א פאַרמאַכער). אין יעדער סטראָפע גראַמען זיך די לעצטע זילבן פון די „פאַרמאַכערס״.

א זײַטל פונעם מאַנוסקריפּט

דער ערשטער פראַגמענט איז, ווי׳זיט אויס, עטוואָס עלטער פון די אַנדערע צוויי. מיר זײַנען געניגט אים דאַטירן מיטן עלפטן יאָרהונדערט. די ראַנדן זײַנע זײַנען דערגאַנגען צו אונדז אין א שווערן צושטאַנד, ערטערווײַז פעלט דער טעקסט. דער שרײַבער איז א געניטער סויפער. ער באַמיט זיך, און אים גיט זיך עס אײַן, אַז די ברייט פון אַלע „פאַרמאַכערס״ זאָל זײַן א גלײַכע און עס זאָל ניט זײַן קיין פוסטער כאָלל צווישן די ווערטער. דערצו נעמט ער אָן פאָלגנדע מיטלען, וואָס זײַנען געווען פאַרשפּרייט צווישן די סאָפרים. ערשטנס, באַנוצט ער זיך מיט אויסגעברייטערטע אויתיעס. אַלס אַזעלכע זײַנען דאָ פאַראַן: א, ב, ד, ה, ח, ל, ם, ר און ת. צווייטנס, שטעלט ער אַרײַן צווישן די ווערטער „פייגעלעך״ מיט פינטעלעך אָדער פינטעלעך אַליין.

דער צווייטער און דריטער פראַגמענט זײַנען אָבגעשריבן אָן דעם סאָפרישן פּעדאַנטיזם. אויסער דעם, טרעפן זיך דאָ דורכגעלאָזענע האַלבע סטראָפן, וואָס זײַנען צוגעשריבן אויף די ראַנדן פונעם קסאַוויאַד אָדער צווישן די שפּאַלטן. מיר דאַטירן די פראַגמענטן מיט דעם 12־טן יה. עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז אַלע דרײַ פראַגמענטן שטאַמען פון איינער און דער זעלבער סאָפרישער שול. וועגן דעם זאָגט איידעס די מאַניר פון אויספירן די אויתיעס און די בעשוט־פּעסדיקע גראַמאַטישע אָפּווײַכונגען.

האַגאָם וועגן „כאָכמע־בוך פון סעיד בן באַבשאַד״ האָט ביז דער לעצטער צײַט קיינער געניי ניט געוווּסט. פונדעסטוועגן הייבט זיך אָן זײַן טיילווײַזע פאַרעפנטלעכונג נאָך פון 1900 יאָר, ווען ש.־ז. שעכטער האָט אָפּגעדרוקט 12 סטראָפן פון זײַנע געגראַמטע מעשאָלים אין ענגלישן זשורנאַל „דזשוויש קוואָרטערלי רעוויו״. אין דעם זעלבן זשורנאַל האָט אין 1931 י. מאַרקוס פאַרעפנטלעכט דעם טעקסט פון א בלאַט, וואָס ער האָט געפונען צווישן די גניזע־פראַגמענטן אין דער אַדלער־זאַמלונג. ביידע געלערנטע האָבן דערבײַ אָנגעוויזן אויף דער האַשפּאָע, וואָס ס׳האָט געהאַט דער ספר בן סירא אויפן דיכטער פון די געגראַמטע מעשאָלים. מ. זולאַי האָט אין 1943—1953 אָנגעדרוקט אין דער טעל־אַוויוועור צײַטונג „האַאַרעץ״ 52 סטראָפן, צווישן זיי איינציקע, וועלכע ס׳האָט שוין פאַרעפנטלעכט ש.־ז. שעכטער. פּראָפ. יו. שירמאַן האָט איבערגעדרוקט אַלע באַוווּסטע געגראַמטע מעשאָלים פון זײַנע פאָרגייער און צוגעגעבן נײַע, וואָס אים איז געלונגען צו געפינען. לויט אונדזער אָפּשאַצונג, געהערן בלויז 127 סטראָפן, וואָס פּראָפ. שירמאַן האָט פאַרעפנטלעכט, צום „כאָכמע־בוך פון סעיד בן באַבשאַד״. אין אונדזער קסאַוויאַד זײַנען פאַראַן 335 שורעס, וועלכע שאַפן 167 סטראָפן, צווישן זיי 139 ניט־באַוווּסטע און 28, וואָס כאַזערן זיך איבער בא שירמאַנען.

אויב מיר וועלן צוגעבן די צאָל געגראַמטע מעשאָלים פון אונדזער קסאַוויאַד צו די שוין פאַרעפנטלעכטע, באַקומען מיר א סאַכאַקל פון 266 סטראָפן פונעם „כאָכמע־בוך פון סעיד בן באַבשאַד״.

נאָר ניט די צאָל שורעס אָדער זײַנען שפּילט א ראָליע באַם אָפּשאַצן א ווערק. דער אינהאַלט פונעם קסאַוויאַד, וועגן וועלכן עס גייט דאָ א רייד, איז זייער א באַלערעוודיקער פאַר דער געשיכטע פון דער קאַראַימישער ליטעראַטור און אומדירעקט אויך פאַר דער ליטעראַטור בא ייִדן.

עס ווײַזט זיך אַרויס פון אונדזערע טעקסטן, אַז אין רעשוס פון סעיד בן באַבשאַד איז געווען דאָס אָזויגערופענע „כאָכמע־בוך פון שלוימע האַמעלעך״ — אַן אַפּאָקריף, וואָס זײַן העברעיִשער אָריגינאַל איז פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט אָבער געמוזט זײַן באַקאַנט סעיד בן באַבשאַדן אין העברעיִשן אָריגינאַל. וועגן דעם זאָגן איידעס שוין די ערשטע סטראָפן פונעם „הימן דער כאָכמע״, ווו כאָכמע ווערט פאַרגלײַכט צו זון און לעוואָנע, און ווײַטער, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז כאָכמע איז בעקויעך שענקען אומשטערבלעכקייט, און ווי טײַער די כאָכמע איז (פאַרגלײַך מיטן 7־טן קאַפּיטל פון דעם „כאָכמע־בוך פון שלוימע האַמעלעך״).

פּירקאָוויטש האָט וועגן דעם אַלעמען ניט געוווּסט, אָבער זײַן אינטויִציע האָט אים ניט אָפּגענאַרט, ווען ער האָט אַרײַנגעלייגט דעם קסאַוויאַד אין א טאָוול און אויף אים אָנגעשריבן: „מציאה גדולה ויקרה מזהב״ (מעציִאָ געדוילאָ וויקאָראָ מיזאָהאָוו — א גרויסע מעציִע, טײַערער פון גאָלד).

מיר ברענגען דאָ דאָס קאַפּיטל פונעם „כאָכמע־בוך פון סעיד בן באַבשאַד״ „א הימן דער כאָכמע״ אין דער ייִדישער איבערזעצונג.

די לעוואָנע גיסט איר ליכט־שטראָם רײַכן,
מעכטיק שטראַלט די זון פון הימל־הייך,
נאָר מיט שײַן פון כאַכמע אויב פאַרגלײַכן,
זעען אויס זיי ביידע בלאַס און בלייך.

אויב דו קענסט — די העכסטע קרוין דעראָבער,
פּעסט זי איז און גלאַנצט גרויסאַרטיק־שיין,
קעגן קרוין פון כאַכמע זײַנען אָבער
אַלע קרוינען נישטיק און געמיין.

גאָלד איז שיין און טײַער, און געווײנלעך
איז די פּרײַז פון פּערל־שטיינער גרויס,
נאָר אַנטקעגן כיין פון כאַכמע — קלײנלעך,
פאַרבלאַסן און פאַרוועלקט זיי זעען אויס.

מעכטיקע גיבוירים גאַלאָפּירן,
קעגן פײַנט זיי גייען ריי נאָך ריי,
נאָר די כאַכמע קומט מיט קויעך אירן
און צעשמעטערט יעטווידע אַרמיי.

קאַוואַלריי געווער איז באַטל קעגן
דעם געווער פון כאַכמע, און אין שלאַכט
ריטערס מיט די שווערדן פּאַכן מעגן —
האָט ניט זייער העלדנמוט קיין מאַכט.

וויפל שוין געפאַלן זײַנען טראָנען,
מאַלקעס און מעלאָכים מע פאַרגעסט,
נאָר דער טראָן פון כאַכמע פון לאַנגאָנען
אומגעוואַקלט וועלטיקט שטאָלץ און פעסט.

ס'האָט די וועלט גיבוירים פיל געגעבן,
נאָר פאַרשווונדן זײַנען זיי אין ווײַט,
בלויז די נעמען פון כאַכאָמים לעבן,
און פאַרמעקט עס האָט זיי ניט די צײַט.

אויצרעס פלעגן די מעלאָכים מערן,
נאָר פאַרהיט אָף אייביק האָט זיי ווער?
בלויז די אויצרעס פון דער כאַכמע ווערן
ניט געמינערט — רײַכער אַלץ נאָך מער.

רײַכטימער געיאַרשנטע אַנטרינען,
אומקערן מע קאָן זיי ניט צוריק,
גליקלעך זײַנען יענע, וואָס געפינען
כאַכמע, — ווײַל זי איז דאָס בעסטע גליק.

ס'היט די כאַכמע אָפּ אירע געביטן,
ווי ס'שווארצאַפּל פונעם אויג זיי היט,
סוידעס ווייסט זי, ווי זיך צו פאַרהיטן
פון אַן אומגליק, וואָס נאָך דיך זיך ציט.

קאָן מען אָף דער וועלט א זאַך דען קריגן,
וואָס אַן כאַכמע טויג און עפּעס קאָסט?
ווער געפינען קאָן זײַן פאַרגעניגן,
ווען די כאַכמע פלוצעם אים פאַרלאָזט?

כאַכמע הייבט זיך אָן פון גאָט, און ווערן
ווערט דײַן וויסן זי, מיט וועלכן לעבסט,
יוישער און גערעכטיקײַט — דער קערן
און דער ענדציל, וואָס צו אים דו שטרעבסט.

געלט קיין קאָוועד קיינמאָל וועט ניט געבן,
נעם אַרײַן אָף שטענדיק זיך אין קאָפּ:
וויכטיקער פון אַלץ — מיט כאַכמע לעבן,
גאָלד איז גאַרנישט, זאָג פון דעם זיך אָפּ.

ווײַנגערטנער קאָנסט פלאַנצן און ניט פלאַנצן,
פון די סעדער איז דער בעסטער סאָד
דער, ווו ס'רײַפט די כאַכמע, און אינגאַנצן
גיבן מיר זיך אָפּ אָף איר באַראָט.

בעסער זאָל מיט איר זײַן פול דײַן שײַער,
איידער מיט דער פּרוכט פון סאָד און פעלד,
קיין שום טווועו איז אַזוי ניט טײַער,
ווי די כאַכמע, וואָס באַזיגט די וועלט.

שמעקן שמעקט זי בעסער פון פאַרפומען,
און איר דופט דעם טאַם־גאַניידן האָט,
אונטער אירע צווײַגן ווערסט באַקומען
רו — און ניט אין שאָטן פון דײַן סאָד.

שטילן אויב דו ווערסט דײַן דאָרשט פאַרלאַנגען,
דיר איר דופט דעם זיסטן ווײַן פאַרבײַט,
ווײַל ער איז דער בעסטער פון געטראַנקען,
ווען מיט פרײַנט פאַרברענגען ווילסט די צײַט.

ווײַל צו יענע, וואָס איר פרײַנטשאַפט זוכן,
וואָס באַם טיש בא אירן קאָנען זײַן
געסט געבעטענע — איר ברויט און זאַלץ
פאַרזוכן,
טרינקען איר מיט זון געבענטשטן ווײַן.

די, וואָס וועלן זוכעו זײַן דערנעבן
זיצן צווישן געסט באַם טיש מיט איר,
אײַנגעלאַדן זײַנען לאַנג צו לעבן
און פון פרייד געניסן אָן א שיר.

גוט איז פון איר ברויט דעם טאַם צו וויסן,
א מאַטאָנע — אייביק גליק זי ברענגט.
די, וואָס טרינקען פון איר ווײַן דעם זיסן,
זײַנען מיט דעם גרעסטן לוין באַשענקט.

זײַן זי וועט פאַר אײַך דאָס בעסטע וואָפן
און די קראַפט, וואָס לאָזט ניט ווערן מיד,
קעגן פײַנט אַרויסגיין מעגט איר אָפן —
פון געפאַר אײַך שטענדיק זי פאַרהיט.

„מאַמע" — רופט זי אָן פונקט ווי די מוטער,
וואָס געבוירן האָט אײַך און גענערט,
זײַן זי וועט א שוועסטער אײַך א גוטע,
וויפל עס איז לעבן אײַך באַשערט.

כאווערט זיך מיט איר, און ניט מיט יענעם,
וואָס מיט כּניפּע קושט אײַך אין דער ליפּ.
ווען זי וועט אײַך אין די אָרעמס נעמען,
פילן וועט איר, ווי זי האָט אײַך ליב.

גיבן וועט דער בונד מיט איר אײַך קרעפטן,
אזא פרײַנטשאפט קיינמאָל ניט דערעסט.
וועט איר זיך מיט איר אין פרייד באהעפטן —
זײַן די פרייד וועט דויערהאפטיק, פעסט.

אָט דער בונד אַף אייביק ווערט געשלאָסן,
ס׳איז אזוי שוין אײַנגעפירט פון לאנג:
האָט איר זיך מיט איר צונויפגעגאָסן —
איז עס ווי דאָס טײַערסטע געשאנק.

אײַך באגלייטן וועט זי שטענדיק גערן,
וווּ איר וועט ניט גיין און וועט ניט שטיין,
און פארגאפט באטאָג איר וועט זי הערן,
און באנאכט איר קאָל וועט ניט פארגיין.

זאָל צו איר געווענדט זײַן אײַער ווילן,
וווּ איר וועט נאָר זײַן, און איבעראַל.
שטרענגט זיך אָן, וואָס מער דעם דאָרשט צו שטילן
פון איר אייביק שפּרודלדיקן קוואַל.

האָט קיין רו אַפילע ניט אין זינען,
ניט צעשיידט אין אָפּרו זיך מיט איר,
פון די אויגן זאָל דער שלאָף אנטרינען,
אָפן שטענדיק האַלט פאר איר די טיר.

גייט און זוכט זי אומעטום, — כאַטש קריגן
איז ניט לײַכט, מע קריגט זי ניט פאר געלט, —
גלײַך ווי אויצרעס, וואָס פארבאָרגן ליגן,
זוכן וואָלט איר אין דער גרויסער וועלט.

פלאַסטערט אירע וועגן — ניט פאַרהאַלטן
זאָלן אײַך ניט שטרויכלונגען, ניט פּײַן,
און דערגרייכט זי — ווי געהיים באהאַלטן
זאָלן אירע רײַכטימער ניט זײַן.

אימפּעטפול צו הייכן אירע טראָגט זיך,
ווי אַן אָדלער נאָך זײַן קאָרבן פליט,
אָדער ווי א לייב, וואָס האסטיק יאָגט זיך
צו זײַן פאנג און ווערט ניט קיינמאָל מיד.

ווײַל זי רופט זיך אָפּ צו די, וואָס גערן
זוכן אירע אויצרעס טאָג און נאכט,
און זי גלאנצט צו די, וואָס זי באגערן,
מיט איר פולער שטראַלנדיקער פּראכט.

די, וואָס קאָנען זיך מיט איר ניט שיידן,
פילן אָן מיט רום און מוט די זעל, —
זיי פאַרמאָגן וועלן גליק און פריידן,
זי אליין וועט שטיין אַף זייער שוועל.

וואַסערן פון אירע קוואלן זײַנען
ווי רעפואָס פון די ערגסטע קרענק,
איר געטראנק אנשטילט די שווערסטע פּײַנען
און א העמשעך פאר דעם לעבן ברענגט.

ניט קיין פּערל, ראָזשינקעס מיט מאנדלען,
וואָס פאר זיי א העכסטע פּרײַז מע צאָלט, —
בעסער מיט דער כאָכמעס פּרוכט צו האנדלען,
איידער מיט בריליאנטן און מיט גאָלד.

צו איר באַרג־שפּיץ קאָן מען בלויז דערגרייכן,
ווען מע קלײַבט איר גאָב פון יאָר צו יאָר.
שלײַפט דעם מויעך — און עס וועט דער סייכל
מאכן אײַך דערפינדעריש ביז גאָר.

אלע וועגן גייען הײַנט דורך וויסן,
דורכגיין באדאַרפט איר זיי אליין,
ווען א בונד מיט כאָכמע איר וועט שליסן —
דאַן וועט איר די קראַפט אירע פארשטיין.

ייִדיש — כאַים ביידער

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

דער וועג צו דער טעמע

איטקינד איז געווען דער ערשטער ייִדישער קינסטלער, מיט וועלכן ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט זיך צו באַקאַנען.

איך בין דאַן געווען א סטודענט פונעם דריטן קורס פון דער קראַסנאָיאַרסקער מאָלערײַ־שול אויפן נאָמען פון וו. אי. סוריקאָוו, און אָנהייבנדיק פונעם צווייטן קורס האָב איך פּעריאָדיש אָנטיילגענומען אין די שטאָטישע און געגנטלעכע אויסשטעלונגען.

איסאַק איטקינד האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק ניט נאָר מיט זײַנע אַרבעטן, נאָר מיט זײַן ניט געוויינלעכן פאַר אונדזער צײַט אויסזען. א 100־יאָריקער זאָקן, האָט ער פאַרמאָגט לאַנגע גראָווע האָר און א קורץ געשוירענע באָרד. ער האָט קימאַט קיינמאָל זיך ניט צעשיידט מיט זײַן שוואַרץ היטעלע, און דאָס האָט אים געמאַכט ענלעך אויף א פילאָסאָף פונעם אַמאָליקן טכום. ליידער, האָט אונדזער באַקאַנטשאַפט לאַנג ניט געדויערט. דער סקולפּטאָר איז אינגיכן געשטאָרבן.

מיט דעם שטעטלדיקן שטייגער־לעבן בין איך באַקאַנט בלויז דורך דער ליטעראַטור, אָבער דאָס געשטאַלט פון איטקינדן איז פאַר מיר געווען א מין שטיק לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון שאָלעם־אַליי־כעמס וועלט.

די אַלע זקיינים, טיף־דענקענדיקע, אָפט טרויעריקע, וועלכע איך האָב געשילדערט אין מײַנע ווערק, — זיי אַלע זײַנען זיכרוינעס וועגן איטקינדן.

א סך פריִער, נאָך ביז דער באַגעגעניש מיט אים, האָט מיך אָנגעהויבן רעגן די ייִדישע טעמאַטיק. אַרן קושניראָוו איז געווען דער ערשטער ייִדישער דיכטער, וועלכן ס׳איז מיר אויסגעקומען צו לייענען — נאַטירלעך, אין אַן איבערזעצונג. פון זײַנע לידער „אָשער שוואַרצמאַנען״ און „שמועל ראָסינען״ האָב איך זיך דערוווּסט וועגן נאָך צוויי ייִדישע דיכטער.

צוערשט האָב איך זיי אויפגענומען בלויז ווי ליטעראַרישע העלדן, דיכטער־קעמפער, מענטשן מיט אַן ענלעכן גורל. ניט באַנוצנדיק זיך מיט זייערע פּאַטאָס, ניט זײַענדיק באַקאַנט מיט זייערע ווערק, האָב איך אָנגעשריבן א סימבאָליש בילד „צום אָנדענק פון די דיכטער אָשער שוואַרצמאַן און שמועל ראָסין״. איך האָב זיך באַזירט נאָר אויף די געשטאַלטן, וואָס איך האָב געטראָפן אין קושניראָווס דערמאָנטע לידער. דאָס בילד האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, דאָס איז אָבער געווען מײַן ערשטער פּרוּוו אין געביט פון ייִדישער טעמאַטיק.

שפּעטער, ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער שאַפונג פון די דאָזיקע דיכטער, האָב איך געשאַפן א גראַפישן פּאָרטרעט פון אָשער שוואַרצמאַנען, וועלכער איז אַרײַן אין דער סעריִע „מעסוירעס״. בא הײַנטיקן טאָג זעץ איך פאָר די אַרבעט איבער די דאָזיקע געשטאַלטן.

איך האָב שטודירט געשיכטע פון טעאַטער. נאַטירלעך, אַז כ׳האָב ניט געקענט פאַרבײַגיין מיכאָעלסן. לייענענדיק וועגן אים, בין איך געווען גוואַלדיק פאַרכאַפּט. צײַטנווײַז האָב איך פאַרגעסן, אַז איך האָב אים ניט געזען באַם לעבן, ניט אים און ניט זײַן קיניג ליר. מײַן דיפּלאָם־אַרבעט וועגן טעאַטער איז געווען שעקספּירס „קיניג ליר״ — עסקיזן פון די קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. אין דער זעלבער צײַט האָב איך אויסגעשניטן פון האָלץ צוויי סקולפּטורן: מיכאָעלס אין דער ראָל פון קיניג ליר.

איך אַרבעט אין פאַרשיידענע קונסט־זשאַנרען: סקולפּטור, מאָלערײַ, טעאַטראַלע עסקיזן, וואַרשטאַט־ און בוך־גראַפיק, דעריקער — מאָנאָטיפּיע.

אין פּראַט פון דעראָבערן טעכנישע געוווינהײַטן האָב איך פיל צו פאַרדאַנקען דער פרײַנטשאַפט מיטן אויסגעצייכנטן מאָלער און מענטש ראָסטיסלאַוו ניקאָלײַעוויטש באַרטאָ. ביז דער באַקאַנטשאַפט מיט אים האָב איך זיך מיט גראַפיק ניט אינטערעסירט, ווער רעדט נאָך מיט מאָנאָטיפּיע. ווי פיל אַנדערע מאָלער, האָב איך די דאָזיקע טעכניק אויפגעפאַסט ווי א מין עקספּערימענט, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז גאַנץ צופעליק. ראָסטיסלאַוו ניקאָלײַעוויטש האָט אויפן סמאַך פון זײַנע אַרבעטן איבערצײַגט אונדז אַלעמען, אַז, פאַרקערט, מאָנאָטיפּיע איז געזעצמעסיק און נאַטירלעך, ווען מע באַהערשט ווי געהעריק איר טעכנאָלאָגיע. פון דעמלט אָן האָב איך דעראָבערט יענץ אויסדריק־מיטל, וואָס אַנטשפּרעכט אַמיינסטן מײַן נאַטור.

עס האָבן זיך בא מיר באַוויזן פיל נײַע שעפערישע פאַרטראַכטן, וועלכע האָבן זיך טרעפלעך אויסגעפורעמט טאַקע אין די ראַמען פון דער דאָזיקער טעכניק. ביז דעם האָב איך געפּרוּווט זיי פאַרקערפּערן אין דער מאָלערײַ (די סעריִע בילדער הויפּטזאַכלעך אויף שאָלעם־אַלייכעמישער טעמאַטיק), עס האָט זיך אָבער ניט באַקומען די נייטיקע אײנהײַט פון פאָרם און אינהאַלט.

די מערהײַט מײַנע אַרבעטן האָב איך באַטיטלט: „איליוסטראַציעס״, ס׳וואָלט אָבער ריכטיקער געווען זיי אָנצורופן: „גראַפיק אויף ליטעראַרישע טעמעס״, ווײַל אין טאָך איליוסטריר איך ניט די ווערק פונעם שרײַבער, נאָר זאָג אַרויס מײַנע געדאַנקען וועגן זיי. עס טרעפט אויך גאַנץ אָפט, אַז דער אָדער יענער סוזשעט דינט בלויז אַלס מיטל אויסצודריקן מײַנע אייגענע באַאָבאַכטונגען.

פּאַראַלעל מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימען, האָפּשטיינען, קולבאַקן, אַרבעט איך איבער די ווערק פון א ריי קלאַסיקער פון דער רוסישער און וועלט־ליטעראַטור: פּושקין, גאָגאָל, נעקראַסאָוו, שאָלאָכאָוו, עראַזם דער ראָטערדאַמער, געטע אאַ.

לויט מײַן פאַמיליען־מעסוירע, האָבן זיך די אורעלטערן מײַנע באַזעצט אין סיביר אין 1812 יאָר. פון דעמלט אָן לעבט אונדזער מישפּאָכע אויף יענער זײַט אוראַל, אַזוי אַז איך בין, קאָן מען זאָגן, א „קאָרענאָי״ סיביריאַק. מײַנע אַלע קרויווים נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם לעבן פונעם קאַנט. זיי זײַנען אויך אַרײַן אַלס פּערסאָנאַזשן אין מײַן שאַפונג: „דער רימער אַראָן און דער אָוונט״, „נײַנטער מײַ — דער טאָג פונעם זיידן זאַכאַרי אַבראַמאָוויטש״ אאַ. איך האָב ליב צו מאָלן פּאָרטרעטן פון מענטשן, וועלכע איך קען זייער גוט. גאַנץ אָפט ניץ איך אויס באַזונדערע שטריכן פון מײַנע באַקאַנטע באַם אויספורעמען געשטאַלטן פון ליטעראַרישע העלדן.

דעם אָוואַר און דעם הײַנטיקן טאָג פון סיביר האָב איך געווידמעט אַזעלכע אַרבעטן, ווי „דער כאַוועראַנדריי״, „דער קאָנדוקטאָר גאַליאַ״. איך אַרבעט איבער א סעריִע געמעלן וועגן דער יוגנט פון דער געגנט.

וועגן מײַנע שעפערישע פּלענער אין דער צוקונפט ווילט זיך מיר דערווײַל גאָרנישט ניט זאָגן. מעגלעך, איך וועל זיך ערנסט אָפּגעבן דער סקולפּטור. אויב איר וועט מיך פרעגן: „פאַרוואָס דאַפקע סקולפּטור און ניט מאָלערײַ?״, וועל איך ענטפערן, איבערפראַזירנדיק שאָלעם־אַלייכעמען: „אויב מיט מאָלערײַ, טאָ פאַרוואָס ניט מיט סקולפּטור?״

אָלעג פירער

די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1973

די לייענער שרײַבן אונדז

לאָמיר אף א רעגע זיך פאָרשטעלן די מאפּע פונעם סאָוועטנפארבאנד און אָפּזוכן אף איר די שטעט און יישווים, פונוואנען עס גייען בריוו אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. אויב, ווי עס פּירט זיך, ארײַנשטעכן אין די געפונענע ערטער פענדעלעך, וועלן מיר זיי דערזען איבערן גאנצן לאַנד. מיר לייגן אוועק אפן טיש בריוו בלויז פון דער לעצטער פּאָטשט, און זיי פירן אונדז אוועק — אף מײַרעוו, אין לעטלענדישן דאָרף לובע, ווו עס וווינט אונדזער לייענערן אי. לעגזדינא; אפן ווײַטן מיזרעך, פונוואנען עס שיקט זײַנע נאָטיצן פארן זשורנאל ז. ווייצמאן; אף דאָרעם — אין דער אלטער בוכארא, ווו עס לעבט מ. פעלדמאן; אין אלמא־אטא, פונוואנען עס הערט זיך וועלוול קעסעלס קאָל; אין אָדעס (א. שנײַדערמאן), אין ראָסטאָוו (מ. קאנטער), אין דער צאָפנדיקער שטאָט קיראָוו (אי. לענטשיצקי), אין ווישני וואָלאָטשאָק, קאלינינער געגנט (מ. קארפּמאן). די לייענער, וועלכע האָבן צוגעשיקט בריוו אין רעדאקציע, לעבן אין פינסק, ברעסטער געגנט פון ווײַסרוסלאנד (ד. סאמורין), אין ארטיאמאָווסקי, סווערדלאָווער געגנט (ר. שערעל), אין ריגע (ש. שענקמאן), אין טשעליאבינסק (ה. קלעבאנאָוו), אין לענינגראד (מ. פריייניקעל), אין קורגאן (מוישע און בליומע געכטמאן), אין כארקאָוו (דאָס פאָרפאָלק שאטכאן), אין קיִעוו (שאול אָסטראָווסקי), אין דימיטראָווגראד, אוליאנאָווער געגנט (י. יאנקעלזאָן). האקלאל, בריוו באקומט די רעדאקציע פון פארשיידענע ערטער — דער זשורנאל „סאָוועטיש־היימלאנד“ האָט א געטרײַען לייענער.

„ווען מיר באקומען דעם אָרדנטלעכן נומער, איז בא אונדז יאָמטעוו“, — שרײַבן מוישע און בליומע געכטמאן. דער וועטעראן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע א. שנײַדערמאן טיילט מיט, אז זײַן מישפּאָכע האָט ליב צו הערן, ווי ער לייענט אף א קאָל „סאָוועטיש היימלאנד“, און זײַן מוטער קומט צו גיין זונטיק, ער זאָל ספּעציעל פאר איר לייענען. „אויב זאָגן דעם עמעס, האָב איך פריִער געמיינט, אז בלויז איך האָב אזוי ליב דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, — שרײַבט ש. שענקמאן, — נאָר איך בין געווען ניט גערעכט. איצט זע איך עס. מײַנע כאווײרים נעמען אים בא מיר, גיבן אים איבער פון הענט אין הענט, אזוי אז אייניקע נומערן קערן זיך אפילע ניט אום צוריק“. „איך לייען און שטרײַך אונטער דאָס, וואָס עס געפעלט מיר באזונדערס, — דערציילט אין זײַן בריוו שאול אָסטראָווסקי. — אויסהערן די מאַטעריאלן פונעם זשורנאל האָבן ליב ביידע מײַנע זין, אינזשעניערן, און מײַן פרוי מאניע“. „ס'איז מײַן זשורנאל, וועלכער איז מיר ליב און טײַער“, — מעלדעט קלארע קאץ פון איזיאסלאוו, כמעלניצקער געגנט, איבערכאזערנדיק די ווערטער פונעם פּראָזאיקער יעכיעל שרײַבמאן (פון זײַן ארטיקל אינעם נום. 8 פארן פאָריקן יאָר).

און דערפאר טאקע אינטערעסירן זיך די לייענער מיט אלץ, וואָס איז שײַך „סאָוועטיש היימלאנד“. קימאט אין יעדן בריוו ווערן באהאנדלט די פארעפנטלעכטע פּראָזע־ווערק, לידער, פובליציסטישע מאטעריאלן, עס ווערן באריִרט פראגן פון שפּראך און קונסט. די מיינונגען, פאָרשלאָגן, ווונטשן טראָגן ארײַן א צושטײַער אין דער ארבעט פון דער רעדאקציע.

אין נומער 7 „סאָוועטיש היימלאנד“ פארן 1976 איז געווען געדרוקט אן אונטערקלײַב פון פּראָזע־ווערק, לידער, אינפאָרמאטיווע ארטיקלען וועגן דער בולגארישער פאָלקס־רעפּובליק, וועגן דעם לעבן פון די יידן אין אָט דעם לאנד, וועגן זייער קולטור און ליטעראטור. און אָט וואָס עס שרײַבט, לעמאָשל, נ. זשיטאָמירסקי פון רעטשיצע, האָמעלער געגנט: „די מאַטעריאלן וועגן דעם לעבן פון די יידן אין דער סאָציאליסטישער בולגאריע זײַנען באלערעוודיק. ס'וואָלט געווען אינטערעסאנט צו לייענען אין אונדזער זשורנאל ענלעכע קינסטלערישע און פובליציסטישע ווערק וועגן די יידן אין אנדערע סאָציאליסטישע רעפּובליקן. מיר זײַנען בארײַכערט געוואָרן מיט וויכטיקע נײַס, וועלכע זײַנען א קלאָפּ פאר דער ציוניסטישער פּראָפּאגאנדע“. וועגן דעם שרײַבן אונדז אויך הירש זאלעסקי פון וולאדימיר־וואָלינסק, אי. לענטשיצקי (קיראָוו) און אנדערע.

דער קיִעווער לייענער מיכל איזראַילעוויטש ווינטשט דעם זשורנאל, „ער זאָל דרוקן מער ווערק וועגן דעם לעבן פון די ארבעטער, וועגן זייער אָנטייל אין דער סאָציאליסטישער בויונג“.

קריטישע באמערקונגען טרעפן זיך ניט זעלטן אין די בריוו. דער אויבנדערמאָנטער לייענער וועלוול קעסעל שטרײַכט אונטער, אז האגאם די הײַנטצײַטיקע יידישע ליטעראטור האָט מיט וואָס זיך צו גרויסן, פונדעסטוועגן „זאָלן אָבער די, ווער עס האלט הײַנט די „גאָלדענע פעדער“, ניט פארגעסן,

אַז ניט אַלץ, וואָס איז אַרײַן אין דרוק, איז געווען פון ריינעם „גאָלד און זילבער". טײַנעס צו די אורטאָרן, וועלכע דרוקן זיך אין זשורנאַל, האָט אי. לענטשיצקי. ער פאַרופט זיך אַף די קלאַסיקער און אַף די בעסטע ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. ער דערמאָנט, אַז אונדזערע גרויסע פאָרגייער פלעגן „שטענדיק קאָנען אין מויל פון זייערע העלדן אַרײַנלייגן מאַמעלאָשן פון פאַרשיידענעם סטיל און אויסדרוק, אָבער דערבײַ בלײַבן געטרײַ דעם ליטעראַרישן ייִדיש". מע דאַרף, שרײַבט ער, שטענדיק געדענקען דעם דאָזיקן געבאָט.

אין דעם בריוו פונעם געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער ב. שאַטכאַן זײַנען פאַראַן אַזעלכע שורעס: „לייענענדיק „סאָוועטיש היימלאַנד", דערהויבן מיר זיך צו אַ טרוים, אַז אויך אונדזערע קינדער און אייניקלעך זאָלן אין די קומענדיקע צײַטן ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דער ליטעראַטור, פון וועלכער מיר געניסן איצט מיט אַזאַ פאַרגעניגן".

דער דאָזיקער טרוים לאָזט זיך הערן אויך אין אַנדערע בריוו. פון טולע שרײַבט אונדז דער אינזשעניער יו. זאַקאָן: „איך לייען „סאָוועטיש היימלאַנד" פונעם 1970. פון יענער צײַט איז ער מײַן ליבסטער זשורנאַל. אויב איר ווילט וויסן, האָט טאַקע „סאָוועטיש היימלאַנד" מיך אויסגעלערנט לייענען ייִדיש. איך האָב אַנטדעקט פאַר זיך אַן אָריגינעלע וועלט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. באַזונדערס געפעלן מיר די פובליציסטישע אַרטיקלען, געווידמעט דעם קאַמף מיטן ציִוניזם אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען. די דאָזיקע מאַטעריאַלן זײַנען שטענדיק טיף אַרגומענטירט, זיי באַזירן זיך אַף פרישע, עמעסדיקע יעדיִעס און גייען ניט פאַרבײַ דעם פײַנט, ווי עס זאָגט זיך — זיי טרעפן גלײַך אין פינטל". יו. זאַקאָן איז נאָך אַ יונגער מענטש — ער איז אַלט 29 יאָר, און אויסגעלערנט האָט ער זיך לייענען ייִדיש, ווען ער איז אַלט געווען 22.

און אָט וואָס עס שרײַבט אין זײַן בריוו א. קאָנאָנענקאָ פון זשדאַנאָווקע (כאַרציזסקער ראַיאָן, דאָנעצקער געגנט): „איך בין אַלט 19 יאָר און דין אין דער אַרמיי, כ'בין אַ ייִנגערער סערזשאַנט, אַ סאַניטאַר־אינסטרוקטאָר. כ'האָב ליב ביכער. מיט פאַרגעניגן לייען איך דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". דערווײַל בין איך נאָך ניט קיין גרויסער קענער פון דער מוטער־שפּראַך, נאָר מיט דער צײַט, האָף איך, וועל איך זי וויסן בעסער"...

אַ וואָרט — דעם אוראַלער לייענער רוווּן שערעל, זײַן בריוו גיבן מיר אָן קירצונגען: „כאַשעווע כאַוויירים פון רעדאַקציע! אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, וועלכן איך האָב די טעג באַקומען, האָב איך מיט גרויס אינטערעס עטלעכע מאָל איבערגעלייענט זלאַטע נעמיקס נײַע בלעטלעך וועגן איר דורכגעמאַכטן לעבן פאַר צען יאָר, זינט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ' 1 פאַרן 1965 איז געווען אָפּגעדרוקט איר נאָטיץ „אַ ביסעלע פון מײַן לעבן". איך פאַרמאָג אַלע נומערן פונעם זשורנאַל, האָב איך אָפּגעזוכט דעם נומער 1 פאַרן 1965 און אַפּסנײַ און נאָכאַמאָל, ניט דורכלאָזנדיק קיין איין וואָרט, איבערגעלייענט זלאַטע נעמיקס לעבנס־באַשרײַבונג און אײנײנעם מיט איר דורכגעמאַכט איר לעבנסוועג. ווײַל אַלץ: די ייִדישע איבערוואַנדערער, קאָלעקטיוויזאַציע, מילכאָמע, עוואַקואַציע איז מיר זייער גוט באַקאַנט. טײַערע, אומבאַקאַנטע זלאַטע נעמיק! איך ווינטש אײַך און אײַער מאַן געזונט, נאַכעס פון אײַערע זין און אייניקלעך. איך ווינטש אײַך, איר זאָלט פרווון נאָך עפּעס אָנשרײַבן און דערלעבן, ווי מע זאָגט בא אונדז, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. איך בין איבערצײַגט, אַז איר וועט קיינמאָל זיך ניט פילן עלנט, אײַערע זין און אייניקלעך וועלן אײַך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, און אײַך וועלן אויך ווײַטער אַרומרינגלען גוטע מענטשן. כאַשעווע כאַווײרים פון רעדאַקציע! איך בעט אײַך, אָט די עטלעכע ווערטער, וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן, אָפּדרוקן. ווען זלאַטע נעמיק וועט זיי איבערלייענען, וועלן זיי זײַן פאַר איר אַ רעפוע פון אירע קרענק".

אַפן טיש פון דער רעדאַקציע — קאָנווערטן מיט שטעמפּלעך פון פּאָסט־אָפּטיילונגען בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד.

אָט באַטראַכטן מיר אַ פאַרביקן שטאַמפּ. דער אַדרעס: סאָפיע, טאָלבוכין־בולוואַר, 45. דאָ וווינט די באַוווּסטע בולגאַרישע דיכטערן דאָראַ גאַבע. זי שרײַבט: „נעכטן האָב איך באַקומען דעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", אין וועלכן ס'איז אָפּגעדרוקט מײַן ליד, איבערגעזעצט אַף ייִדיש. אַ דאַנק אײַך, וואָס איר האָט באַמערקט מײַן באַשיידענע שאַפונג. מײַן מוטער־שפּראַך איז בולגאַריש, די ווערק מײַנע שרײַב איך אַף אָט דער וווּנדערלעכער שפּראַך, און אויב איר ווילט, טרעט מיט דעם ניט אַרײַן אין קיין ווידערשפּרוך דאָס, וואָס מײַן האַרץ האָט אַ צאַפּל געמאַן, ווען איך האָב גענומען אין האַנט דעם זשורנאַל מיט אויסיִעס, געשריבענע פון רעכטס אַף לינקס. אַ גרויסן דאַנק אײַך, טײַערע כאַווײרים פון „סאָוועטיש היימלאַנד"!"

אַ שטאַמפּ פונעם קאָפּענהאַגענער פּאָסט־אַמט, דענעמאַרק. יאַנקעוו כוליו, וועלכער וווינט אין קאָפּענהאַגען אַף דער בלעגדאַם־גאַס, איז, ווײַזט אויס, אַ וויסנגיריקער מענטש און עס זײַנען שוין דערעסן אים די מאַכערײַקעס, וועלכע סע שטופּן אונטער די ציִיניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, זייערע שרײַבעכצן שטעקן שוין בא אים אין גאָרגל, ער וויל אַרײַנעטעמען אַ ביסל פרישע לופט. ווענדט ער זיך מיט אַ באַקאָשע: „מיך אינטערעסירט זייער דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". איך בעט אײַך, שיקט אים מיר אַרויס — אַלע האַיאָריקע נומערן. כ'בין אײַך פאָרויס דאַנקבאַר".

אָפּט באַווײַזן זיך אַף אונדזער בריוו־טיש קאָנווערטן מיט שטאַמפּן פון אַמעריקאַנער פּאָסט־אַמטן. מיריאַם פײַערמאַן־לעווין (לאָס־אַנזשעלעס) איז אַ דיכטערן. מיר האָבן באַקומען איר ליד וועגן טשילי. אָט איז אַן אויסצוג פון דער ליד:

באַהאַלטן הינטער פלויטן,
מאַסקירט אין כוישעך פון נאַכט,
האָט געלויערט די כונטע —
געגרייט אַ בלוטיקע שלאַכט...

עס זידט דאָס פאַרגאָסענע בלוט
פון טשילים פאָלק
אַף די גאַסן פון סאַנטיאַגאָ!
עס ברומען די פאַרשטומטע העלדזער
פון מאַרטירער אין סאַנטיאַגאָ!

הימל און ערד האָבן געשוואָרן —
קיין טראָפּן בלוט גייט ניט פאַרלאָרן...

אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער בירגער, „אָפּגע־נאַרטע און פאַרפירטע, אָפּגעשפּעטע און געדריקטע", מעלדעט מיריאַם פּײַערמאַן־לעווין:

מיר שטרעקן אויס א ברידערלעכע האַנט
צום פאָלק פון טשילי.

זײַן ליד „ערד און לעבן" האָט אונדז צוגעשיקט דער ניו־יאָרקער טוישעוו האַרי ווילקעס. ער שטעלט אַף א דיכטערישן אופן די פראַגע וועגן דעם, וואָס עס גיבן די דערגרייכונגען אין קאָסמאָס דעם מענטשן.

צווישן די קאָרעספּאָנדענטן־אַמעריקאַנער זעען מיר דעם פּאַרלעזער נאָום טשערנאַי. „איך האָב זייער ווייניק צײַט צו לייענען אַרטיקלען, דערציילונגען, אָדער פּובליציסטיק, — דערקלערט ער אין זײַן בריוו. — לידער לייען איך אָמאָל איבער צענדליקער מאָל, קעדיי גוט צעקײַען זיי און קענען פּאַרלייענען מיט געפיל. נאָר אין נומער 7 „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1976 יאָר איז אומגעלעך פאַרבײַגיין יוזעף ערליכס מעמוארן. פאַרוואָס האָט מען דערלויבט דעם נידערטרעכטיקן שיפּרינגען אַרויספאָרן? ווען א מענטש הייבט זיך אָן צו קײַקלען אַראָפּ־צו, קאָן ער שוין זיך ניט אָפּשטעלן. מיר, אין אַמעריקע, האָבן ניט ווייניק געפאַלענע נעשאָמעס. האָוואַרד פאַסט האָט אמאָל געענטפערט יודזשין לייאָנסן: „איך וועל ניט שפּײַען, ווי אַנדערע טוען עס, אַף די, מיט וועמען כ'בין לאַנגע יאָרן געגאַנגען צוזאַמען". נו? ווייניקער ווי מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער פּונקט דאָס געטאָן. סאָוועטישע מענטשן פרעגן מיך, צי עס זײַנען פאַראַן אין אַמעריקע אַרעמעלײַט, צי איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם? מע קאָן ברענגען פּילצאָליקע אויסצוגן פון די אַמעריקאַנער צײַטונגען, אַפּילע פונעם „פאָרווערטס", וועגן אַרעמקײַט, וועגן גזיילע קעגן סינאַגאָגעס, פּאָגראָמירטע בייסאָלמענס..." נאָום טשערנאַי וואָלט וועלן זיך פּערזענלעך באַקאַנען מיט אייניקע יידישע סאָוועטישע שרײַבער. ער דערמאָנט זיך: „מיט בערגעלסאָנען, ווען ער איז געווען אין דעטרויט, זײַנען מיר געוואָרן זייער נאָענט".

בייס דער מילכאָמע מיט די פאַשיסטן, אין 1942, האָט דער אַמעריקאַנער ייִד מאַקס גיטלין און זײַן פרוי מיני צונויפגעזאַמלט טויזנט דאָלער לעטוּוועס דער קעמפנדיקער רויטער אַרמיי. זייער זון, דער קאַפּראַל הערבערט, איז דעמאָלט געווען אָן אומיטלבאַרער אַנטיילנעמער פונעם געראַנגל מיטן סוינע אין אייראָפּע. די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער יידישע פּרעסע פון יענער צײַט האָט געשריבן, אַז אַף דער אומפּאַרמײַדלעכער פראַגע, וואָס יעדער דענקענדיקער סאָלדאַט מוז זיך שטעלן: „פאַרוואָס קעמף איך?", האָט דער קאַפּראַל הערבערט גיטלין געענטפערט: „איך באַטייליק זיך אין דער דאָזיקער מילכאָמע, ווײַל נאָך דעם ווי די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וויל איך האָבן דאָס געפיל, אַז איך האָב עפּעס בײַגעטראָגן צו פאַרשנעלערן איר סאָף. איך וויל אימשטאַנד זײַן צו זאָגן מײַן טעכטערל עלענסיו, אַז איר טאַטע האָט געהאָלפן מאַכן די דאָזיקע וועלט פאַר א בעסערער וועלט, געהאָלפן ריין מאַכן זי פון מענטשן־האַס".

העכער דרײַסיק יאָר זײַנען אַדורך נאָך אונדזער ניצאָכן. לעצטנס האָט הערבערט גיטלין באַזוכט אונדזער לאַנד ווי א טוריסט און פאַרשריבן זײַנע אײַנדרוקן פון דער רײַזע. צווישן אַנדערס געפינען מיר אין די נאָטיצן אַזעלכע פעסטשטעלונגען: „קעדיי בוילעט באַנעמען, וואָס איז עס — סאָוועטנפאַרבאַנד, מוז מען געדענקען, אַז אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט רוסלאַנד פאַרלאָרן צוואַנציק מיליאָן מענטשן, זיבן הונדערט שטעט און זיבן טויזנט דערפער זײַנען רויִנירט געוואָרן. איצט איז קיין אַרבעטסלאָזיקײַט ניטאָ, יעדערער אַרבעט, עסט זייער גוט און איז שיין געקליידט. די געברויכסגעגנשטאַנדן זײַנען ביליק, מע פּראָדוצירט זיי מער און מער".

הערבערט גיטלין, א מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און האָט זיך אַרופגעאַרבעט, ווי מיר פאַרשטייען, ביזן מיטלשטאַנד, זײַענדיק טרײַ דעם פּרינציפּ „אַלץ — פאַר זיך", באַמערקט מיט אַנציקונג, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד הערשן „כאַווערישע באַציִונגען צווישן מענטשן", „מע איז גרייט איינער דעם אַנדערן טאָמיד אַרויסהעלפן", „קיינער איז קיינעם ניט קיין קאָנקורענט" אאַז"וו. דער אַמאָליקער קאַפּראַל פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איצט — א בורזשואַ, א טוריסט, וואַרפט א ניכטערן בליק אַפן סאָוועטישן לעבן: „די גאַסן אין די שטעט פון רוסלאַנד זײַנען ציכטיקע. קיין פאַרברעכנס, ווי עס פאַרשטייען עס די אַמעריקאַנער, עקזיסטירן קימאַט ניט. עס איז שווער זיך פאָרשטעלן, אַז 90 מיליאָן דירעס האָט די סאָוועטישע רעגירונג אויסגעבויט פאַר אירע בירגער, ביזוואַנען דו זעסט אליין ניט גאַנצע ראַיאָנען, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן מאַמעש פאַר דײַנע אויגן. דו פאַרגעסט ניט דערבײַ, אַז מיליאָנען מענטשן זײַנען אין דער מילכאָמע פאַרבליבן אָן א דאַך איבערן קאָפּ, זייער ערד מיט פיל שטעט און דערפער איז געלעגן אין כורבן. אויב דאָס געדענקען, און אויך דעם פאַקט, וואָס יעדער פערטער פון זיי אין די מײַרעוודיקע געגנטן איז געהאַרגעט געוואָרן, זײַנען זייערע דערפאָלגן פאַר 35 יאָר בעעמעס ווונדערבאַרע".

בעיִרושע פון זײַנע עלטערן, און קוידעמקאָל פונעם פאָטער מאַקס גיטלין, וועלכן מיר באַגריסן איצט מיט זײַן 85־יאָריקן יויוול, האָט הערבערט גיטלין באַקומען א געפיל פון פרײַנטשאַפט צום סאָוועטנפאַרבאַנד. נאָך דער רײַזע צו אונדז אין לאַנד איז דער דאָזיקער געפיל, ווי עס ווײַזט אויס, פאַרשטאַרקט געוואָרן. הערבערט גיטלין שרײַבט, אַז די סאָוועטישע מענטשן זײַנען „אָפּריכטיקע, אומיטלבאַרע און אָפענע, זיי זײַנען אַנטשיידענע, קלוגע און אָרגאַניזירטע. איך זע זיי — ברייטביינערדיקע, שטאַלטנע, צוריקגעהאַלטענע, וועלכע ענטפערן שטענדיק מיט א שמייכל אַף א שמייכל". אים, דעם וועטעראַן פונעם אַנטיהיטלערישן קריג, טוט האַנאָע, וואָס מיר געדענקען די קאָרבאָנעס פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. „קיין איין דאָר וועט מען אין רוסלאַנד ניט לאָזן פאַרגעסן וועגן זיי, — איז צופרידן גיטלין. — אַף די גראַמע, ברייטע שטאָטפּלעצער, אומעטום, ווו מיר זײַנען געווען, שטייען

דענקמאָלן די מילכאָמע־העלדן. הונדערטער, טויזנ־ טער מענטשן קומען צו זיי מיט בלומען — צו די העלדן, וועלכע זײַנען מאקריוו געווען דאָס לעבן פארן גליק פונעם פאָלק. די סטאַטויע פון דער מו־ טער־היימלאנד אין וואָלגאָגראַד מיט די מירמלשטיי־ טרעפּ צו איר א מײַל די לענג אפן מאמאיעוו־קור־ גאן פארבלענדט אלע ביז אהער געזעענע מאָנומענטן. הונדערטער מאָל אין מעשעך פון דער וואָך פראוועט מען אין קיִעוו, באם דענקמאָל דעם אומבאוווסטן סאָלדאט, א ריטואל: יונגע כאָסן־קאלע קומען אהין און לייגן צו זײַן צופוסנס פרישע בלומען"...

הערבערט גיטלין איז געקומען פון אַן אנדער וועלט, און געהאט האָט ער פארשיידענע פאָרורטיילן. פארשטייט זיך, אז פיל פון זיי האָבן געפלאצט, ווי זייפן־בלאָזנס. די מײַרעוודיקע אנטיסאָוועטשיקעס האָבן אים געהאלטן אין איין אײַנרעדן, אז אין סאָ־ וועטנפארבאנד שפירט מען נאָך יעדן טראָט פון זײַנע בירגער, אז אין די וווינונגען פון די סאָווע־ טישע מענטשן זײַנען געהיים אײַנגעמויערט ספּע־ ציִעלע אפּאראַטן, וועלכע פיקסירן יעדעס וואָרט. לאָזט זיך אויס, אז דאָס אַלץ איז א בילבל. ער, הערבערט גיטלין, האָט זיך אין דעם פערזענלעך איבערצײַגט. א צווייטער ליגן פון די אנטיסאָוועטשי־ קעס איז שײַעך דער עמונע. אויך אין דער דאָזיקער פראגע האָט זיך הערבערט גיטלין פאנאנדערגעקליבן. „עס עקזיסטירט ניט אינעם סאָוועטנפארבאנד קיין סינע בענעגייע דער רעליגיע, — שרײַבט ער, — איר עקזיסטענץ איז אנערקענט. אין די ייִדישע באָטע־ מעדראָשים דאוונט מען וויפל מע וויל. די ייִדן קאָ־ נען אין דער קעהילע קריגן קאָשער פליישׂ. דער סאָוועטנפארבאנד איז, פארשטייט זיך, אן אטעיִסטי־ שע מעלוכע, אָבער קיינעם איז ניט פארבאָטן האָבן זײַן עמונע".

פונדעסטוועגן איז הערבערט גיטלין א מענטש פון אַן אנדער וועלט, און צומאָל קוקט ער אף אונדז מיט אויגן „פון דאָרטן". נאָר לאָמיר אים מויכל זײַן און באשולדיקן בעסער די ברילן, וועלכע ער טוט אמאָל אָן. אזעלכע ברילן האָבן א כיסאָרן — זיי פארקריפּלען דיווירקלעכקײַט. לאָמיר א שמייכל טאָן, ווען ער שרײַבט, אשטייגער, אז מיר „האָבן זייער שטארק ליב" צו שטיין אין פארשיידענע רייען — נאָך עסנווארג, קליידער, צײַטונגען; לאָמיר א שמייכל טאָן, ווען ער שרײַבט, אז מיר זאָרגן ניט וועגן דעם אזויגערופענעם „סעקס", אונדזערע צײַטונג־קיִאָסקן האנדלען ניט מיט זשורנאלן פון יענעם מין...

און האגאם הערבערט גיטלין איז א מענטש פון אַן אנדער וועלט, דאָך פארשטייט ער, אז בלויז דער סאָציִאליזם האָט אונדז, סאָוועטישע מענטשן, געקאָנט געבן דאָס, וואָס מיר פארמאָגן איצט. הער־ בערט גיטלין איז איבערצײַגט, אז קאָעקזיסטענץ איז ניט נאָר מעגלעך, נאָר לעבנס־נייטיק, ביכדיי פאר־ היטן דעם שאָלעם אף דער ערד.

יעדער טאָג ברענגט אפן רעדאקציע־טיש א נײַ פּעקל קאָנווערטן. מיר לייענען די בריוו אופמערק־ זאם, מיט דאנקבארקײַט צו זייערע אווטאָרן.

• • •

לעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

אַף די ראַנדן פון דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אַרום יידיש

כאַשטווע רעדאַקציע!

בעשאַס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געגרייט זייער קאָנפערענץ אַרום יידיש, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" גענוי אינפאָרמירט די לייענער וועגן דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג, געגעבן איר אַן אַרגומענטירטע אָפּשאַצונג. ווען די קאָנפערענץ איז שוין פאָרגעקומען, איז איבערגעדרוקט געוואָרן אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ וועגן איר פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער צײַטונג „דער וועג".

עפשער קען מען, ווי עס טוט אָפט „סאָוועטיש היימלאַנד" באַם באַהאַנדלען פּאָלעמישע פראַגן, ברענגען אויך אַרויסזאָגונגען און אײַנדרוקן פון אַזעלכע אווטאָרן, וואָס דריקן ניט אויס די מיינונג פון די קאָמוניסטישע קרײַזן, אָבער וואַרפן ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אַ שײַן אַף רעאַלע פאַקטן?

בערל פישביין

טשיקאַגאָ, פשאַ

אין דער ייִדישער פּרעסע פון אויסלאַנד טרעפן זיך אייניקע אָפּרופן וועגן דער קאָנפערענץ אַרום ייִדיש און ייִדישער קולטור, וועלכע די ציוניסטן האָבן צונויפגערופן אין די לעצטע טעג אווגוסט פון פאַריקן יאָר.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין ייִסראָעל י. ליפּסקי שרײַבט:

...„אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען ערעוו די זיצונגען, האָט מען פאַרטיילט צווישן די זשורנאַליסטן מאַטעריאַלן, און וועלכע ס'איז געווען אַן אונטערשייד צווישן דעם העברעיִשן טעקסט און דעם ייִדישן. אין ייִדישן טעקסט האָט זיך גערעדט וועגן „אַ וועלט־קאָנפערענץ אין ייִסראָעל פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור", אין העברעיִשן טעקסט זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן די ווערטער „פאַר ייִדיש". פאַרוואָס?

דער פאָרזיצער פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ און דער פאַקטישער אָנפירער פון דער „וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדיש" י. קאָרן האָט אין אַ געוויסער פאַרלעגנהײַט דערקלערט, אַז ס'איז, ווײַזט אויס, אַ „טעכנישער פאַרזען". איך בין אָבער זייער ניט־אָנגענעם איבעראַשט געוואָרן, ווען כ'האָב פעסטגעשטעלט, אַז דער „טעכנישער פאַרזען" האָט זיך ווי־דערהאָלט אין דער גרויסער אויפשריפט איבער דעם פּרעזידיום בעשאַס דער פײַערלעכער דערעפענונג... ס'איז אומפאַרמײַדלעך די פראַגע: פאַרוואָס האָט מען אין העברעיִשן טעקסט אויסגעמיטן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ קאָנפערענץ פ א ר י י ִ ד י ש?

...עס האָט אַרויסגערופן שטוינונג און בעפּיירעש פאַרביטערונג די האַלטונג פון דער העברעיִשער פּרעסע, וועלכע האָט קימאַט פאַרשוויגן די קאָנפערענץ. וועגן ווייניקער וויכטיקע געשעענישן ווערט דאָך געווידמעט אַ סאַך פּלאַץ. אין אַ ריי צײַטונגען זײַנען, עמעס, דערשינען אַרטיקלען וועגן דער קאָנפערענץ, אָבער מיט אַ טאָן פון זאָגן קאַדיש נאָך ייִדיש. פאַרוואָס?".

דער זעלבער קאָרעספּאָנדענט פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" י. ליפּסקי גיט צו וויסן אַ צווייט מאָל:

„ניט געקוקט אַף די דערהויבענע ווערטער, האָט מען ניט געפילט אין די שמועסן פון פיל דעלעגאַטן קיין אָפּטימיזם, קיין גלויבן. באַ אַלעמען קימאַט האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ צווייפל, אַ קרעכץ, אַ פראַגע: צי איז דאָס טאַקע אַ ווענדונג (צום גוטן)? צי וועט די קאָנפערענץ ברענגען עפּעס מאַמאָשעסדיקס?

די ערשטע אַנטוישונג איז געקומען, ווען מע האָט

אין דער העברעיִשער פרעסע און טעלעוויזיע קימאט פולשטענדיק פארשוויגן די קאָנפערענץ. נאָך מער: ס'איז געווען ווייטעקלעך, אז דאפקע אין דער צײַט, ווען זי איז פאָרגעקומען, האָט די גאנצע העברעיִשע פרעסע, ווי לויט אַן אָנווײַזונג, אופגעהויבן א קאמפאניע פון באליידיקן, דערנידעריקן די ייִדישע שפראך, די ייִדישע שאפונגען. עס האָט געמאכט דעם אײַנדרוק, אז מע פרוווט זיך איבערשטײַגן איינער דעם אנדערן אין זאָגן קאדיש נאָך דער ייִדישער שפראך.

די בײַלאגע צו דער צײַטונג „הארעץ" פארן 3 סענטיאבער 1976 האָט פארעפנטלעכט אַן ארטיקל „ייִדיש אָן קאדיש". דער מעכאבער וויל באווײַזן, אז „מיר זײַנען איידעס פון גסיסע־קראמפן" און אז „איצט ווערן געמאכט פארצווייפלטע אָנשטרענגונגען אין ייִסראָעל אופצולעבן די ייִדישע שפראך". דער „מאאריוו" דרוקט „א רעקוויִעם צו ייִדיש" און דער „אל האמישמאר" שרײַבט מיט גרינגשעצונג וועגן „דער אלטער באָבע פון שניפּישאָק און פון בויבעריק". אין „דאוואר" פארן 3 סענטיאבער שרײַבט מייער בראלי: „לאָמיר זינגען וועגן ייִדיש פאר ייִדישיסטן", און ער קומט צום אויספיר, אז: „אף דער קאָנפערענץ אין ירושאָלאיִם האָט מען געהערט פיל רעדעס, די מערהײַט פון זיי אין א ניט געהעריקער ריכטונג; בּיכדיי אָבער אָפּצוהיטן די ייִדישע קולטור, דארף מען גיוווער זײַן די... ייִדישיסטן".

וואָס הייסט „מע דארף גיוווער זײַן די ייִדישיסטן"? דער מעכאבער מיינט ניט די ייִדישיסטן אין אמאָליקן באגריף, נאָר די ליבהאָבער פון ייִדיש, וועלכע זײַנען באומרויִקט וועגן דעם מאצעוו פון ייִדיש, און זיי ווייטעקן"...

ווײַטער ברענגען מיר אייניקע אָפּרופן אין דער פרעסע פון די רעאקציאָנערע קרײַזן. דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" איז, ווי באוווּסט, געווען צווישן די איניציאטאָרן פון דער קאָנפערענץ און צווישן אירע דייעזאָגער. ווען דער טאראראם האָט זיך אײַנגעשטילט, לייענען מיר אין „פאָרווערטס" מאָרדכע שטריגלערס א קאָרעספּאָנדענץ:

...„כ'האָב פאר זיך, לעמאָשל, א שטיקל זאמלונג פון פרעסע־ארטיקלען בעמעשעך פון דער ייִדישקאָנפערענץ אין ירושאָלאיִם, ווי אויך פון די לעצטע צוגרייטונגס־טעג. פון זיי קאָנט איר זען בעפיירעש: שוין בלויז אין אָט דעם קורצן צײַט־אָפּשניט אליין האָט מען סײַ ייִדיש, סײַ ייִדישע קולטור געשיקט עטלעכע צענדליק מאָל אין קייווער, און דאָס איז טאקע געטאָן געוואָרן מיט טויטלעכן ערנסט.

טייל פון די שיקער (לויט א געוווּסטער וואָרטשפּיל — פון די שיקורים) האָט לעכאָלהאָפּאָכעס געהאלטן פאר נייטיק צו פארגיסן א העספּעד־טרער און באגלייטן ייִדיש צו דער אייביקער רו מיט א קרעכץ. דאגעגן, אנדערע האָבן אויך דאָס ניט פארגינען און געלאָזט וויסן (ווי דאָס האָט געטאָן א פובליציסט אין „הארעץ"), אז ייִדיש איז אוועקגעשטאָרבן אָן א קאדיש... ס'איז געווען א מין הייליקע שכיטע אף דער גאנצער ליניע.

צי האלט איך, אז די העברעיִשע פרעסע און פובליציסטיק האָבן געדארפט אָנשטעלן קלעזמער מיט אָנגעסטרויעטע פידלען, וועלכע זאָלן קעסיידער שפּילן א פריילעכס לעקאָוועד דער ייִדישער קולטור־קאָנפערענץ? כאסוועכאָלילע! ווער ס'וויל ניט זען די ווירקלעכקײַט, ווייסט ניט, ווער ס'האָט אים געשליירט. אָבער דאָ האנדלט זיך ניט בלויז אין סקעפּטישע אָפּשאצונגען, נאָר אין ציניִשע גראָבקײַטן, אין אַן אומוויסן, וואָס ווערט ארויסגעבראכט מיט שטרענג־וויסנשאפטלעכע מינעס. נאָך מער: טיילמאָל זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן אונטערגראָבערישע רייד פון געפערלעכן כאראקטער..."

אין א ווײַטערדיקן נומער פונעם „פאָרווערטס" שרײַבט מאָרדכע שטריגלער:

„זיי האָבן זיך אזוי ווי אויסגעשטעלט אין א לאנגער אווילעס־ריי, ווי עס פירט זיך אף א בעסוילעס, באַ א פרישן קייווער, — און אויסגעשאָסן, מיט העספּעד־מינעס אין פארשיידענע וואריִאציעס, זייער אָריגינעלע כאָר־באגריסונג: שאָלעם־אלייכעם, מייסים! וואָס טוט איר דאָ צווישן די לעבעדיקע? וועלכן טומל ווילט איר דאָ אָנמאכן? איז אײַך גאָרנישט באקאנט, אז איר זײַנט שוין פאקטיש אײַנגעהילט אין טאכריכים?

דאָס איז בעפיירעש געטאָן געוואָרן ניט בלויז דורך צופעליקע לאָבוזעס, וועלכע האָבן סטאם ליב צו שטעכן און באליידיקן. אין אָט דעם כאָר האָבן זיך אויך באטייליקט ייִדן מיט זײַדענע בעקעשעס און צארטע נעשאָמעס. בעדערעך־קלאל זײַנען זיי ניט מעסוגל צו פארטרײַבן מיט שארפער האסטיקײַט אפילע א פליג פון זייער נאָז. נאָר וואָס דען? ווען ס'קומט צו ייִדיש, איז שוין גאָר אַן אנדער מײַסע. דאַן איז שוין א מיצווע אויסצושרײַען דעם גאנצן עמעס, בּיכדיי די טויטע זאָלן אופהערן צו דאבערן און זיך אומקערן אין זייער פארגליווערטער רו"...

די טעל־אוויווער „לעצטע נײַעס" דערציילט אין איינעם פון אירע נומערן וועגן דעם באזוך אין רעדאקציע מיצאד אייניקע דעלעגאטן פון דער קאָנפערענץ:

„ש. אפּטער, דער סעקרעטאר פון דער ייִדישער פּען־קלוב־סעקציע אין ניו־יאָרק, האָט, איבערגעבנדיק זײַנע מיינונגען וועגן דער קאָנפערענץ, אונטערגעשטראָכן, אז דער ייִדישער שרײַבער, וואָס ער איז הײַנט דער איינציקער שעפערישער זײַל פון דער ייִדישער קולטור, איז ניט געקומען צום אויסדרוק. ניט ער האָט געזאָגט זײַן וואָרט ווי א שרײַבערישער קאָלעקטיוו און ניט עס איז געקומען צום אויסדרוק זײַן שאפן. אפילע ווען דער דיכטער מייער שטיקער האָט געוואָלט לייענען זײַנס א ליד אף דער שלוס־סעסיע פון דער קאָנפערענץ, איז צו דעם ניט געקומען"...

צוגאסט אין דער רעדאקציע פון „לעצטע נײַעס" איז געקומען טאקע דער דיכטער מייער שטיקער, און ער האָט געזאָגט, אז ער איז „געקומען צו דער ירושאָלאיִמער קאָנפערענץ פאר ייִדיש מיט פיל גלויבן און האָפענונג", און ער פארלאָזט ייִסראָעל מיט דעם, וואָס די ליד, וועלכע ער האָט ניט געלייענט אף דער קאָנפערענץ, איז אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג...

אינעם זעלבן נומער „לעצטע נײַס" איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער קאָנפערענץ פונעם רעדאַקטאָר מאָרדכע צאַנין. דאָס אַרטיקל הייסט „שעווא בראָכעס" און איז פול מיט ביטערע אַנטוישונגען. וועגן דעם סאָף פון דער אונטערנעמונג ווערט אינעם אַרטיקל געזאָגט, אַז זי האָט „זיך פאַרענדיקט מיט אַזאַ שנעלקײַט, ווי מע וואָלט געדאַרפט דעם טיש פאַר אַן אַנדער קאָנפערענץ, און דער אוילעם איז זיך צעלאָפן אַף אַלע זיבן ווינטן"...

די טעל־אוויווער „ייִדישע צײַטונג" דערציילט באַזונדערס וועגן דעם, וויאַזוי עס האָבן זיך צעזעגנט מיט דער קאָנפערענץ די יוגנטלעכע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן, זײַענדיק אין דער צאָל ביז גאָר וויניק, ניט געהאַט, נאַטירלעך, קיין מעגלעכקײַט צו פאַרטיידיקן זייערע שטעלונגען אַף די זיצונגען:

„זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן מיטן געפיל, אַז די קאָנפערענץ־פירער האָבן זיי איגנאָרירט, אונטערגעשעצט זייער פּאָטענציִאַלקײַט, ניט געלאָזט זיי קומען צום וואָרט..."

א. פאַריזער שרײַבט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט":

„דער גרעסטער פעלער פון דער קאָנפערענץ — אַכוץ אַנדערע — איז געווען, וואָס אין צענטער פון די באַהאַנדלונגען איז ניט געשטאַנען דער ייִדישער פאָלקס־ און אַרבעטס־מענטש, וועלכער איז און דאַרף זײַן דער הויפּט־אָפּנעמער פון דער ייִדישער קולטור. זיי, די ברייטע פאָלקס־מאַסן, זײַנען ניט געווען פאַרטראָטן אַף דער קאָנפערענץ".

די אונטערשטע שורע קאָן מען אויסלייענען אין דעם ביולעטען פון דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטישער גרופּע „אקי" „אונדזער שטימע":

„פרעגן ייִדן: צי האָט מען טאַקע באַדאַרפט צונויפנעמען הונדערטער ייִדן פון אַלע וועלט־טיילן, אַז זיי זאָלן גאַנצע פיר טעג און אָוונטן הערן רעפעראַטן וועגן דער גרויסער ראָליע פון אונדזער מאַמע־לאָשן ייִדיש און וועגן קולטור־ווערטן פון ייִדיש פאַר דעם קיִעם און העמשעך פון אונדזער פאָלק, און צום סאָף בעטן באַ ייִדישע מיניסטאָרן און באַ ייִדישע אינסטיטוציעס אין דער ייִדישער מעדינע, זיי זאָלן באַוויליקן אַ ביסעלע ייִדישקײַט אַף אַ טיילעפעלע?.."

ערע זייער אָנדענק

כאַיִם ספּיוואַק

אַפן 62־טן יאָר פון זײַן לעבן איז פלוצעם געשטאָרבן דער טאַלאַנטפולער שוישפּילער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל כאַיִם ספּיוואַק.

העכער פערציק יאָר האָט ספּיוואַק אָפּגעגעבן דער ייִדישער בינע. נאָך גאָר אַ יונגער, אין 1932, ווערט ער אָנגענומען אינעם קיִעווער טעאַטער פאַר דער ייִדישער אַרבעטער־יוגנט. אין 1936 טרעט ער אַרײַן אין דער טעאַטראַלער שול באַם מאָסקווער „גאָסעט" און ווערט שפּעטער אײַנגעשלאָסן אין באַשטאַנד פונעם טעאַטער.

דער יונגער שוישפּילער געווינט די סימפּאַטיע פון די צושויער אין די ספּעקטאַקלען „שולאַמיס", „באַר־קאָכבאַ", „בלאָנדזשנדע שטערן", „טעוויע דער מילכיקער". באַזונדערס האָט אויסגענומען זײַן אינטערפּרעטאַציע פון דער ראָל פונעם קאָמיסאַר אין דער שטעלונג „וועלדער רוישן".

אין 1964 קומט כאַיִם ספּיוואַק אָן אינעם קאָלעקטיוו פון דעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. דאָרט איז ניט פאַראַן קיין איין שטעלונג, אין וועלכער ער זאָל ניט נעמען קיין אָנטייל. מײַסטערהאַפט פּילט ער אויס פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע ראָלן: עליאָקומס אין „קאָלדוניע", סאָריינִיס אין „די שפּאַניער", פּערטשיקס אין „טעוויע דער מילכיקער", דעם רעבבנס אין „פּאַרקישעפּטן שנײַדער". אין אַלע געשטאַלטן ווײַזט ער אַרויס זעלטענע באַגאַבטקײַט.

כאַיִם ספּיוואַק איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש. אַזאַ וועט ער אַף אייביק בלײַבן אין אונדזער זיקאָרן.

זאַלמען מײַמאַן

נאָך אַ שווערער קראַנקײַט איז אין עלטער פון 62 יאָר געשטאָרבן דער ייִדישער שוישפּילער זאַלמען מײַמאַן.

געבוירן אין שטעטל מאַלין אין אַ מישפּאָכע פון דורעסדיקע האָרעפּאַשניקעס, האָט ז. מײַמאַן זיך דערצויגן אין אַ זשיטאָמירער קינדערהיים און פון די פריִע יאָרן אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַטער, צוערשט אין דער זעלבסטעטיקײַט, שפּעטער אינעם זשיטאָמירער „געזקולט". נאָכן פאַרענדיקן די טעאַטראַלע סטודיִע באַם מאָסקווער „גאָסעט" קומט ער אָן אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

אין 1940 ווערט ז. מײַמאַן מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, נעמט אָן אָנטייל אין דער מילכאָמע מיט די ווײַס־פינער און אין דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, מאַכט דורך צוזאַמען מיט דער 23־טער גוואַרדייִשער טאַנקען־דיוויזיע דעם וועג פון מאָסקווע ביז בערלין סײַ אַלס טאַנקיסט, סײַ אַלס אַרטיסט.

אינעם מאָסקווער „גאָסעט" שאַפט זאַלמען מײַמאַן אַ גאַנצע גאַלעריי געלונגענע געשטאַלטן. די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר איז זײַן שאַפונג פאַרבונדן מיטן מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. צווישן זײַנע ראָלן דאַרפן דערמאָנט ווערן אַזעלכע, ווי דאַניִעל דער מעשאָרעס אין שאָלעם־אַליכעמס אײַנאַקטער „מענטשן", לייזער־וואָלף דער קאַצעוו און דער גאָראָדאָוואָי אין „טעוויע דער מילכיקער", רעפאָעל פרידלענדער — די הויפּט־ראָל אין יאַקאָוו גאָרדינס „פון יענער זײַט אָקעאַן". ז. מײַמאַנס לעצטע ראָל איז געווען דאָדיע דער אַרענדער אינעם ספּעקטאַקל „דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער".

דער טויט פון זאַלמען מײַמאַנען איז אַ שווערער פאַרלוסט פאַר דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט.

■ ■ ■

ארן ווערגעליס

נאָטיצן אָן א סיודער

וועג־נאָטיצן, וועלכע זײַנען ניט ארײַן אין מײַן בוך „רײַזעס״

געוויינלעך, ווען איך קער זיך אום אהיים פון א רײַזע אין א צווייט לאנד, געדויערן וואָכן, ביזוואנען איך קלײַב פאנאנדער די נאָטיצן, אײַנדרוק־פארצייכענונגען, פארשריבענע געשפרעכן, וועלכע זײַנען צעוואָרפן איבער קאָלערליי בלאָקנאָטן, וויזיט־קארטלעך, רעקלאמע־בלעטלעך, פאפירענע סאלפעטקעס.

איך פארעפנטלעך שפּעטער א טייל פון די מאטעריאלן, האָבנדיק אין זינען דעם גאָלדענעם קלאל, אז ניט וועגן אלץ, וואָס א מענטש זעט און הערט, דארף ער דערציילן אנדערע מענטשן.

דערנאָך נעמט זיך מיר אויסווײַזן, אז געוויסע געשעעניש פונעם וועג האָב איך אומזיסט ניט באשריבן אין דער פובליקירטער פארצייכענונג, און איך האָב כאראָטע. דערווײַל רוקט זיך אָן א נײַע רײַזע, נאָך וועלכער די צאָל ניט אויסגענוצטע פארנאָטירונגען ווערט גרעסער...

אייניקע פון זיי איז קעדײַ צו פארהיטן פארן לייענער.

1. לויט עלזע טריִאָלעס אייצע

ווען עס האָט זיך פארענדיקט דער אופנאם אין דער סאָוועטישער געזאנדשאפט (מע האָט אָפּגעזעגנט א גרופּע מאָסקווער ארטיסטן און אָפּעראטאָרן נאָכן פּראָדוצירן א פילם אין פּאריזש), האָט עלזע טריִאָלע געבעטן, איך זאָל זי באגלייטן אף פּלאס דע טערן, ווו זי וועט אף א פּאָר מינוט ארופקומען אין איינעם א הויז צוליב אן איניען, און דערנאָך וועט זי מיך אָפּפירן אין האָטעל.

— האָטעל, האָטעל... — האָט זי גענומען, אף איר אויפן, ארויספירן זיך אליין אף עפּעס א געדאנק, טוענדיק עס מיט דער הילף פון ווערטער, וועלכע זי האָט גיך־גיך ארויסגערעדט און צוויי־דרײַ מאָל איבערגעכאזערט, — האָטעל, האָטעל... פּלאס דע טערן, פּלאס דע טערן... אך, יאָ! איך וויל אײַך דערציילן, אז אין פיר־און־צוואנציקסטן האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּאריזש פון בערלין, ווו כ׳האָב געוווינט א יאָר צײַט און זיך דאָרט געטראָפן מיט מײַן שוועסטער לילי בריק... יאָ, האָב איך די ערשטע צײַט געוווינט לעם פּלאס דע טערן, אין א האָטעל...

דאָס איז געווען שוין נאָך דעם, ווי זי איז זיך צעגאנגען מיט איר ערשטן מאן — אנדרע טריִאָלע, מיט וועלכן זי האָט כאסענע געהאט אין 1917 אין מאָסקווע.

— מאָסקווע, מאָסקווע... מאָסקווע! גלייבט מיר, דאָס גאנצע לעבן פאָר איך ניט ארויס פון מאָסקווע, כאָטש איך בין אוועקגעפאָרן פון דאָרט אין אכצנטן יאָר. דעם טײַערן אנדרע האָב איך געזאָגט, אז עס לוינט ניט פאנאנדערפּאקעווען די טשעמאָדאנעס, ווײַל אינגיכן דארף מען פאָרן צוריק קיין מאָסקווע, נאָר באקומען האָט זיך אזוי, אז אין נײַנצנטן יאָר האָבן מיר זיך באזעצט אפן אינדזל טאַיטי... עפּשער איז אײַך אמאָל ארײַנגעפאלן אין די הענט מײַן ערשטער בוך אף רוסיש — „וועגן טאַיטי״... ניין? אָבער שטעלט אײַך פאָר, פאראן אזא בוך...

דערנאָך האָט זי מיך געפרעגט, צי איך האָב געלייענט אירע א גרעסערע דערציילונג וועגן ייִדן, און כ׳האָב געמוזט זיך מודיע זײַן, אז די דערציילונג איז מיר ניט געפעלן, ווײַל אין איר איז ניט פאראן קיין נאציִאָנאלער שטייגער און אייגנארטיקײַט, קיין ייִדישע כאראקטערן — דאָס לעבן פון די ייִדן ווערט ניט באוויזן, נאָר באהאנדלט. זי האָט אויסגעשריגן ניט מיט איר קאָל, ווי עס וואָלט זי א ביס געטאָן א שלאנג:

זע „סאָוועטיש היימלאנד״, נום. 11, 1971, נום. 11, 1972, נום. 6, 1973, נום. 1, 1974, נום. 2, 1975, נום. 1, 7, 1976.

— באהאנדלען! באוויַיזן! עס דרייט זיך ארום א פֿאָלק צווישן פֿעלקער, און אויב עמעצער וויל וויסן, וואָס דאָס איז אזוינס, קאָן ער באקומען אן ענטפֿער בלויז בא שאָלעם־אַלייכעמען, דאָס הייסט בא א שרייַבער פונעם אָנהייב יאָרהונדערט. נו, און איצט? איצט! איך וויל האָבן א צענדליק ביכער, לויט וועלכע כ'זאָל זיך שאפן א פֿאָרשטעלונג, וואָס עס איז אזוינס דער יידישער מענטש אין די לעצטע פופציק יאָר פון דער נייַער ערע. ניט איך וויל, נאָר עס איז אומבאדינגט נייטיק! די פראנצויזן און די רוסן האָבן זיך ניט געאמפערט, צי זייערע ליטעראטורן דארפן באוויַיזן, צי באהאנדלען די פראָבלעמען פונעם פֿאָלק. זאָליא און טאָלסטאָי האָבן באוויזן, געמאָלט, געשילדערט; גערצען און וואָלטער האָבן מערסטנס באהאנדלט. טוט וואָס איר ווילט, כאָשעווע יידישע שרייַבער, אָבער דערציילט מיר ניט קיין געשיכטע, וויאַזוי כאַנע האָט אנומלטן זיך באגעגנט מיט אווראָמען און זיי האָבן זיך ליב באקומען. דאָס איז בא אנדערע פעלקער אויך פאראן. זאָגט מיר, אָדער באוויַיזט מיר, וויאַזוי זעט אויס דאָס געשטאלט פונעם יידישן פאָלק אין דעם לאנד, ווו איר זעט עס, וויאַזוי זעט עס אויס, וואָס טוט עס, מיט וועלכע אידייען איז עס פארכאפט, וואָס עסט עס, וויאַזוי גייט עס אָנגעטאָן, וועלכע לידער זינגט עס. און דאָס, וואָס עס פעלט מיר אין דעם פראט, זייַנען די לעצטע פופציק יאָר נאָך שאָלעם־אַלייכעמען, די שילדערונג פונעם יידישן לעבן, מיין איך, אין אונדזער צייַט. איך רייד דאָ ניט וועגן קוואליטעט, וועגן דעם קויעך פון קינסטלערישער שילדערונג. זאָל זייַן פּאָשעט דערציילט, אָדער, באוויזן, אָדער באהאנדלט, נאָר — מיט מאסשטאב!

זי האָט זיך דערפילט מיד און איז אָף לאנג אנשוויגן געוואָרן. ערגעץ באם בולוואר באָנמארשע איז די מאשין אריַין אין צוגעטונקלטע געסלעך און פארקערעוועט אָף רי פערדינאנד דיוואל. עלוז האָט געזאָגט:

— איך האָב געדארפט פאָרן אָף רעכטס, דורך רי דע ראָזיע, נאָר דער רועך ווייסט, פארוואָס ס'האָט מיך א טראָג געטאָן אהער, קאָן זייַן דערפאר, ווייַל אמאָל איז דאָ געווען די יידן־גאס, און מיר ריידן וועגן יידן...

— וואָס קאָן זייַן נאָך מער יידישער אין פאריזש, ווי רי דע ראָזיע, דאָס געסל אפן „פלעצל"?

— נו, יאָ! האָב איך טאקע מיט מייַן אריַנפאָרן אין דער יידן־גאס פונעם פערצנטן יאָרהונדערט געוואָלט אייַך מאכן אן אָנדייַט, אז די ליטעראטור וועגן יידן דארף שוין פון דאָרט ארויספאָרן. און זאָל זייַן אייַער אָביעקט דאָס הייַנטיקע פאריזשער „פלעצל", צי דער הייַנטיקער בירָאָבידזשאַן, זאָל דאָס זייַן דער וועג פון יידן אין רוסלאנד נאָכן אָקטיאבער, צי די לעצטע אופטרייסלונגען, וועלכע זייַנען פארבונדן מיט יִשׂראל, זאָל דאָס זייַן, סאַפּקאַלסאָף, אלע די זאכן אינײנעם, אָבער אײנס איז קלאָר: מע דארף שרייַבן וועגן אייגענעם פאָלק! אלע שרייַבער דארפן שרייַבן! זאָל יעדערער אָנשרייַבן א ראָמאן פונעם יידישן לעבן מיטן ציל צו דערציילן דער וועלט, וואָס אזוינס איז יידן. איך האָב אָנגעשריבן אזוי, ווי כ'האָב געקאָנט. איצט — שרייַבט איר אָן!

זי האָט גוט געקאָנט פאריזש! אָף רי דע ראָזיע האָט זי אָפּגעשטעלט די מאשין לעם א יאטקע, וואָס איז שוין געווען צוגעמאכט, נאָך דורכן פענצטער האָט זי מיר באוויזן די סכוירע און מיט אן אויסערגעוויינלעכער פרייד־באגייסטערונג אויסגעשריגן:

— איר זעט? אָף רעכטס, אָט אין יענעם ווינקל, הענגט שעפסן־פלייש. מע פארקויפט עס די ספארדישע יידן. זיי וויסן א טאָלק אין שאָף. און פאר די אשקענאזים, זעט איר, האלט מען דאָ רינדער־פלייש. דאכט זיך, א דעטאל. נאָר אין סאָוועטנפארבאנד, לעמאָשל, וואָלט עס אויסגעזען ווילד. ביכלאל איז עס א שטריך פונעם יידישן לעבן ספעציעל בא אונדז אין פראנקרייַך. דעריבער דארף עס פארצייכענען א יידישער שרייַבער פון פאריזש. און איר דארפט פארצייכענען די פראַטים פונעם לעבן אין אייַער לאנד. שאָלעם־אַלייכעם האָט עס געטאָן. פארוואָס טוט איר דאָס ניט?

מיר זייַנען דורכגעפאָרן א יידיש רעסטאָראנדל, א בעקערייַ, נאָך איין יאטקע, א געשעפט פון טאלייסים און סידורים. איך האָב געזאָגט עלוזן, אז די יידישע שרייַבער פון פאריזש מייַדן אויס צו שרייַבן וועגן אָט דעם וועלטל, און זי האָט טריַומפירט: „זעט איר! און וואָס זאָג איך? זאָלן זיי שרייַבן! און איר זאָלט שרייַבן וועגן אייַערס!"

אָף צוריקוועגס פון פלאס דע טערן האָט זי ווידער זיך צערעדט וועגן איר „יידישער דערציילונג":

— ס'איז א פראגע פון לאָשן... גופע דאָס, וואָס איך שרייַב אָף פראנצויזיש וועגן יידישן לעבן, איז די סיבע פון דעם, וואָס איך באַוויַיז ניט, נאָר באהאנדל. אָף צו מאָלן דארף מען האָבן פארבן, און פארב אין ליטעראטור — איז דאָס וואָרט.

זי האָט אריַנגענומען דעם קאָפּ אין די אקסל און זיך שטארק אָנגעשטרענגט, ווי זי וואָלט געשלעפט פון די טיפעניש פון איר וועזן די זעלטענע דערמאָנונג, וועלכע זי האָט מיר דאָ גלייַך ארויסגעזאָגט:

— אין אכט־און־דרייַסיקסטן איז ארויס מייַן ערשטער פראנצויזישער ראָמאן „א גוטנאָוונט, טערעזע". אָנגעהויבן שרייַבן האָב איך אים אין רוסיש און אליין איבערגעזעצט אָף פראנצויזיש. אראָגאָן האָט מיך ניט געלאָזט עס טאָן: לעב זיך אריַין אין דער שפראך, אָף וועלכער עס ריידן דייַנע העלדן! מייַן גאנצע שפעטערישע איבערגעשטאלטונג איז פאָרגעקומען טאקע אין אָט דער צייַט, צוזאמען מיטן איבערגיין אין אן אנדער שפראך־סטיכיע. און איר ווייסט, ווען איך האָב פארשטאנען, אז מייַן כיווו איז שרייַבן וועגן דעם פראנצויזישן לעבן? ווען

ס׳איז צו מיר דערגאנגען, אז מײַן וואָרט איז —
פראנצויזיש. איך האָב געבראכט דעם מאנוס־
קריפּט פון „טערעזען“ צום פארלעגער ראָבערט
דאנ׳על, פאָרגעלייענט אים עטלעכע זײַט־
לעך, און ער האָט מיך אָפּגעשטעלט: „מאסקים.
איך שיק גלײַך אָפּ די זאך אין דרוקערײַ“...
וואָס איז שײַעך דער דערציילונג וועגן דעם
יִדישן לעבן, האָב איך זי געקאָנט אָנשרײַבן
אַף וועלכער שפּראך איר ווילט. ס׳איז געווען
מײַנער אַן אָפּרוף אַף דער טעמע, די טעמע
גופא דארף רעאליזירן א ייִדישער שרײַבער.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַם ארײַנ־
גאנג אין האָטעל. עלזע האָט, אויסשליסנדיק
דעם מאָטאָר, מיך א פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, ניט לאנג געטראכט: וואָס
שיידט אונטער א שרײַבער פון זײַן פאָרגייער?

— די צײַט, — האָב איך געענטפערט.

— צײַט, צײַט, צײַט... שרײַבט אָן א ראָ־
מאן „די צײַט“. האָט ניט מוירע, אז עס וועט
זיך בא אײַך ניט באקומען ווי בא די פראָזאי־
קער. איר זײַנט א פּאָעט, און דאָס איז שוין
גענוג, איר זאָלט אָנשרײַבן א ראָמאן. בא־
ווײַזט (אָדער באהאנדלט, — ווי איר ווילט!)
דעם וועג פון אײַער דאָר ייִדן אין סאָוועטנפאר־
באנד (אין פארבינדונג, פארשטייט זיך, מיט
דעם פר׳ערדיקן דאָר און מיט דעם שפּעטער־
דיקן) פאר די פופציק יאָר, וואָס איר זײַנט
אלט. איך גיב אײַך צוליב דעם צוועלף־פופצן
דרוקבויגן, ניט מער. אין א ראָמאן מיטן נאָ־
מען „די צײַט“ דארפן די געשעענישן אינעם
סוזשעט ניט פארנעמען צופיל צײַט...

ארײַנקומענדיק אין מײַן האָטעל־צימער,
האָב איך זיך צוגעזעצט צום שרײַב־טיש,
אוועקגעלייגט פאר זיך א ריין בייגעלע פאפּיר
און אָנגעשריבן:

די צײַט

ראָמאן אין פיר נאָוועלן מיט אַן עפּילאָג.

...לאָמיר אָנהייבן פון דאָרט, ווו עס האָבן
געענדיקט אונדזערע פאָרגייער.

2. א ליד פון די ערשטע לאָנדאָנער אימיגראנטן

אין לאָנדאָן האָב איך אנומלטן געטראָפן
אין וויקטאָר׳א־פארק אַן אלטן ייִדן, שוין א
זאָקן, וועלכער איז געזעסן, דרעמלענדיק, אַף
א באנק און אונטערגעמורמלט זיך אונטער דער
נאָז א לידעלע. איך האָב אויך זיך צוגעזעצט,
דערנאָך פארפירט א שמועס מיטן ייִדן, און
ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האָט, אזוי
זיצנדיק אין וויקטאָר׳א־פארק, זיך דערמאָנט
א ליד פון די ווײַטע יונגע יאָרן, א ליד, וועלכע
ס׳האָט אמאָל געזונגען קינד־און־קייט (שפּע־
טער האָב איך געזען איר טעקסט אינעם לאָנ־
דאָנער זשורנאל „לאָשן און לעבן“).

די ליד הייסט טאקע „וויקטאָר׳א־פארק“.
איך מיין, אז דאָס איז ניט בלויז א דערשי־
טערנדיקער דאָקומענט פון די עמיגראציע־
צײַטן בא ייִדן (די געשיכטע כאזערט זיך
איבער, באזונדערס מיט איר טראגישער זײַט!),
נאָר אויך א מוסטער פון הויכער פּאָעטישער
קונסט בא די ייִדישע פאָלקס־מאסן. אָט איז איר
טעקסט:

לאָנדאָן ווערט איצט שטארק געלויבט — וויקטאָר׳א
פארק, וויקטאָר׳א־פארק.
ווער וואָלט דאָס געגלויבט אין וויקטאָריא־פארק?
א פראָסטער גאָרטן, אָבער שטארק — וויקטאָר׳א־
פארק, וויקטאָר׳א־פארק,

א פארטער מיט א גראָבן קארק אין וויקטאָר׳א־
פארק, וויקטאָר׳א־פארק.
און יעדער איינער רוט אויס די ביינער...
מע פאלט אַף שטיינער, פארלירט מען די ציינער,
מע ליגט און מע כראָפּעט, פון די נעזער קאפּעט.
מע לויפט פארסאפּעט אין וויקטאָר׳א־פארק.

יודקע גייט מיט רייטשל טשאק — וויקטאָר׳א־
פארק, וויקטאָר׳א־פארק,
זי איין שיך און ער איין זאָק אין וויקטאָר׳א־פארק.
נאכמען־בער גייט מיט זײַן ווײַב — וויקטאָר׳א־
פארק, וויקטאָר׳א־פארק,
לאנדסלײַט זוכן דאָרט א דזשאב, אין וויקטאָר׳א־
פארק, וויקטאָר׳א־פארק.

דאָרט גייט כײַע־איטע, א מויד פון ליטע,
זי איז די דריטע, זי וווינט אין סיטי,
דער רויטער בעני, די גראָבע דזשעני,
די געשטופּלטע פעני — אין וויקטאָר׳א־פארק!

3. אין א רעגן

עס רעגנט אין ווין. א גאנצן טאָג גיסט ווי
פון אַן עמער. די שטאָט איז אַף דורך־און־דורך
דורכגענומען מיט וואָלקנדיקער טונקלקײַט.
איך וועל הײַנט אלציינס פארבלײַבן דעם גאנצן
אָוונט אין האָטעל, לאָז איך זיך אראָפּ אין
רעסטאָראן, קעדיי א קוק טאָן אַף מענטשן...

— העלאָ! גוטען אבענד! — אזוי באגריסט
זיך מיט מיר, כאָצי ענגליש, כאָצי דײַטש, מײַן
אלטער באקאנטער (שוין דאָס דריטע מאָל זיץ
איך מיט אים בא איין טישל) הער קארל. ער
איז א גראָבטשינקער, א גלאטינקער, שטארק
א גוטמוטיקער. א דײַטש. א זינגער. געקומען
קיין ווין פון באָן צוליב מישפּאָכע־אָנגעלעגנ־
הײַטן. אלעמאָל, ווען ער רעדט מיט מיר,
שלאָגט ער זיך אליין איבער די רייד מיט א
לידעלע, וואָס ער האָט צוגעטראכט, און עס
באשטייט פון איין קורצער שורע: „ווין —
באָן... באָן — ווין“... ער זאָגט, אז צוגעטראכט
האָט ער דאָס לידעלע ספּעצ׳על צוליב מיר,
ווי זײַן וויזיט־קארטל, איך זאָל וויסן, אז איך
האָב צו טאָן מיט א מענטשן פון באָן, וועלכער
געפינט זיך אין ווין.

הער קארל שטאמט פונעם אינדזל העלהאָ־
לאנד, — ער רופט עס אָן — אמאָל „דער רוי־

טער פעלדז", ווײַל ס'איז „געמאַכט" פון רויטן זאַמד־גראַניט, אַמאָל „דער לעקעך אַף אַ קײַ־לעכיקן טעלער", לויטן אויסזען.

העלהאַלאַנד, זאָגט הער קאַרל, איז באַרימט מיט פינף אויסטערלישקײַטן: דאָרט איז אין יעדן קובאָמעטער לופט פאַראַן צען מאָל מער אָזאָן און יאָד, איידער אַף די שפּיצן פון די שווייצאַרישע אַלפּן; דער קײַזער האָט אין סאָף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט געמאַכט אַ בײַט מיט דער ענגלישער קיניגן: זי אים — העלהאַ־לאַנד, ער איר — זאַנזיבאַר; די אײַנוווינער פו־נעם פעלדז מיט אַ שטעטך פון איין קוואַדראַטן קילאָמעטער פלעגן אין די אַמאָליקע צײַטן פאַרנאַרן מיט שײַטערס די דורכשווימענדיקע סאַכרישע שיפן און זיי באַראַבעווען; בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט היטלער אַרויסגעמעשאַלייעכט פון העלהאַלאַנד אַלע אײַנוווינער און אויסגעבויט דאָרט אונטערער־דישע אַעראָדראָמען, קאַזאַרמעס, סקלאַדן. די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן אָן אופהער באָמבאַרדירט דאָס אינדזל, מע זאָגט, אַז דאָרט זײַנען פאַראַן מער וואָראָנקעס (גריבער פון די אופרײַסן), איידער ביימער; און די פינפטע אויסטערלישקײַט, לויט ווי עס מיינט הער קאַרל, איז דאָס, וואָס אין העלהאַלאַנד האָט דער דיכטער פאָן פאַלערסלעבן פאַרפאַסט די „ליד פון די דײַטשן", וועלכע איז שפּעטער געוואָרן דער פאַשיסטישער הימן „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס". די מוזיק האָט מען גענומען בא הײַדנען...

הערנדיק די רייד פונעם העלהאַלאַנדער באַן־וווינער דײַטש, באַשטים איך אַ שטאָך טאָן אים מיט מײַנער אַן אויסטערלישקײַט:

— צי האָט איר, הער קאַרל, געהערט וועגן דער ליד פון די געטאָ־ייִדן „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"?

— אָ, יאָ, יאָ...

— זי איז געוואָרן דער הימן פון ווידער־שטאַנד מיצאַד די ייִדן קעגן די ווילדקײַטן פונעם פאַשיזם. און איר ווייסט וועמענס מוזיק מע האָט גענומען צו דער ליד?

ער ווייסט ניט. איך דערצייל אים וועגן דעם סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר, דעם ייִד דמיטרי פּאָקראַס...

א פאַרשלאָג

איך האָב אַ פאַרשלאָג.

אָפט רעדט מען וועגן דעם, אַז ס'איז שוין צײַט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די כלוקעדייעס צווישן די שריפטשטעלער פון „בײַדע זײַטן באַריקאַדע", וואָס שרײַבן אַף ייִדיש. מע שיידט זיך טאַקע אונטער מיט דער אידעאָלאָגיע, אָבער ניטאָ אַזאַ איינער, וואָס זאָל זיך אָפן מודיע זײַן, אַז ער איז קעגן פּראָגרעס, אַלנ־פאַלס קעגן וועלטלעכקײַט. אָן שום ספק, זײַנען אַלע — פאַר העמשעך, דה. פאַר דעם, אַז די מאַמע־ליטעראַטור זאָל לעבן ווײַטער...

אָבער ווער זאָל אַנטײלנעמען אין דעם שמועס? וועגן דעם — מײַן פאַרשלאָג.

דער, וואָס קומט „צום טיש", דאַרף אַרופ־לייגן אַף אים זײַנע דערשײַנענע ליטעראַרישע ווערק, א מין אַרײַנגאַנג־קאַרטע צו האָבן דאָס רעכט אַף זאָגן אַ דייע אין דער ליטעראַטור.

באַזונדערס איצט איז נייטיק אַזאַ דיסציפּ־לינאַר מיטל, ווײַל דאָרט, אַף יענער זײַט, איז אין דעם פּראַט געוואָרן אַ מישמאַש. ניטאָ מאַ־מעש מיט וועמען צו ריידן. עס פעלן שוין — פאַר די לעצטע יאָרן — מאַנגער, גלאַטשטיין, לעיעלעס, אויערבאַך, מאַלאַדאָווסקי, וואָגלער, פוקס, אַליצקי, ראַוויטש. די „טירן" זײַנען גע־בליבן אָפן אַף העפקער. עס האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן די כעוורע דרײַ פייען. זיי גוואַל־דעווען, זידלען זיך, שטופּן זיך, מאַכן סקאַנ־דאַלן, פירן זיך אוף ניט אַנשטענדיק. עס פעלט זיי איין קלייניקײַט: אייגענע ליטעראַרישע ווערק. מיט אַזאַ קאָמפּאַניע קאָן די מאַמע גיין צו גרונט.

צי האָט איר, איבערגעבליבענע, אָפּגעוויגן און באַטראַכט די ערנסטקײַט פון אָט דעם מאַצעוו?

דער אָנהייב פון מײַן ביִאָגראַפיִע

דאָס סאַמע ערשטע, וואָס איך געדענק פון מײַן לעבן, איז — אַ שטאַרקער שטויס, וועלכן כ'האָב באַקומען, פאַלנדיק פון דער מאַמעס הענט.

אין זיקאָרן איז פאַרבליבן: אַ גאָרטן. אַ פּלויט. ס'איז טאַמוזדיק הייס. די מאַמע לויפט, סאַפּענדיק מיט אַ כריפּ. איר פּאָנעם איז דער־שראָקן, די האָר צעלאָזט. איך האַלט זיך אָן פאַר איר האַלדז, נאָר מיטאַמאָל פאַרטשעפּעט זי זיך באַם ווינקל פונעם צוניפגעפּלאָכטענעם פון ווייכע צווײַגלעך פּלויט, און איך פאַל אַרויס פון אירע הענט אַף צוניפגעלייגטע קלעצער.

ווען איך בין שוין געווען אַ גרויס קינד, האָט זי מיר דערציילט, אַז פאַרלאָפן איז די פּאַסירונג אין 1920. כ'בין אַלט געווען דאָס דריטע יאָר. אין שטעטל איז אַרײַן אינמיטן העלן טאָג אַ באַנדע. מײַן מאַמע האָט זיך פונקט געפונען בא באַקאַנטע אין דער סאָף־שטעטלדיקער גאַס, ווו ס'האָבן זיך שוין אָנגע־הויבן די פעלדער. דערזען זי, איז איינער פון די באַנדיטן אַרויסגעריטן פון דער ריי און מיט אַ שיקער געשריי גענומען זיך נאָכיאָגן. זי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אַף די הענט און אַזוי דערלאָפן ביז די קלעצער. און ווי עס טרעפט, האָט אונדז אָפּגעגליקט: דער אַטאַמאַן האָט, ווײַזט אויס, געדאַרפט אָפּגעבן אַ פאַראָרדענונג באַם אַרײַנקומען אין שטעטל, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם באַנדיט. די מאַמע האָט מיך אופ־געהויבן פון דער ערד און זיך באַהאַלטן מיט מיר אין גאָרטן...

ניט־מאַטעריעלקײַט

באַגײַסטערונג — вдохновение — איז ניט קיין מאַטעריעלע זאַך, נאָר עפּעס א מין „וואָלקנדל", פון וועלכן עס „טוט א גאָס" די שעפערישע פּאַטענץ, אָדער, אויב זאָגן אַנדערש, פון וועלכן עס „שפּינט זיך אויס" דאָס געטלעכע מענטשלעכע פונעם ווערק, וואָס ווערט אויסגעדאַכט און — פאַרשריבן, אָנגעמאָלט, פאָרגעלייענט, איבערגעדיכטעט אין געשטאַלטן, אויסגעשפּילט, געמאַכט פון עפּעס אדג.

אַזאַ „וואָלקן" איז אָן שום ספק פאַראַן, האגאם, איך כאַזער איבער, דאָס איז ניט קיין מאַטעריעלקײַט, מע קאָן עס ניט אָנטאַפּן מיט די הענט, ניט דערזען מיט די אויגן, און מע ווייסט אויך ניט, ווו, אין וועלכן אָרט עס געפינט זיך.

ווערט עמעצער זאָגן: די דאָזיקע רייד זײַנען אויסגעשפּראָכענער אידעאַליזם! נאַרישקײַטן. צו ניט־מאַטעריאַליזם, און אַפילו צו אַנטי־מאַטעריאַליזם, צו אידעאַליזם דערגייט יענער, ווער עס האָט זיך אַליין פאַרגראָבן אין מאַטעריעלן, און ער האָט מוירע אָפּפירן די אויגן אין א זײַט אַף צו קאָנען דאָס מאַטעריעלע דערזען אינגאַנצן און עס באַזיניקן. אַזאַ מענטשן שרעקט, לעמאָשל, אויך דאָס, וואָס די הײַנטצײַטיקע פיזיק באַקומט צומאָל א „ניט־מאַטעריעלן" כאַראַקטער: אין איר האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע „מאָדנע" באַגריפן, ווי פאַרויספאָלגנדיקער — опережающий — פּאָטענציאַל (עלעקטראָן־כוואַליעס, וועלכע ווערן אופגענומען איידער עס קומט פאָר די אויסשטראַלונג), טונעל־עפעקט (דאָס דורכגיין פון עלעקטראָנען דורך באַריערן, וועלכע ס'איז, לויט די געזעצן פון מעגלעכע פאַלן — по законам вероятностей — ניט מעגלעך בײַצוקומען), טאַכיאָנען (טיילעכלעך, וואָס באַוועגן זיך גיכער פון ליכט, און דאָס עפנט אויף פאַר אונדז דעם צוריקגאַנג פון דער צײַט)...

צוריקגאַנג פון דער צײַט באַטײַט דאָך אויך: לאָזן דעם „וואָלקן" שטיין, ווען ס'איז שוין רעאַליזירט דאָס ווערק, און דאַן ווערט מעגלעך זײַן „א פּרווו טאָן אַפּן צאָן" דעם ניט־מאַטעריעלן „וואָלקן", באַטראַכטן אים אָן דעם „גיפּטעלע", ווי מע באַטראַכט א שלאַנג, וואָס האָט שוין אָפּגעגעבן דעם סאַם (זאָל קיינעם ניט שרעקן דאָס וואָרט סאַם אין קאָנטעקסט פון פּאָעזיע. סאַם איז ניט טאָמיד שלעכט, און פּאָעזיע איז ניט טאָמיד מילד...).

פונוואַנען נעמען זיך געטאָס

לויט ווי עס דערציילט די טוירע, האָט דער ריבוינעשעלוילעם געמאַכט דרײַ האוודאָלעס (אָפּשיידן).

דאָס אָפּטיילן ליכט פון פינצטערניש (ערשטע האוודאָלע) איז געווען אַן אומבאַדינגטער אַקט פונעם וועלט־באַשאַף, דאָס אָפּטיילן ריינס פון אומריינס, שאַבעס פון אינדערוואָכן (צווייטע האוודאָלע) האָט געהאָלפן אײַנשטעלן דעם ראַציאָנעלן מענטשן־שטייגער. דער ריבוינעשעלוילעם האָט אָבער אַזוי זיך אַרײַנגעטאָן אינעם צעשיידן, אָפּצאַמען, צעטיילן, פאַנאַנדערגרענעצן, אָפּזונדערן, אָפּטיילן, פאַנאַנדערשיידן, אַז ער האָט מיט דער דריטער האוודאָלע אָנגעטאָן גרויסע צאָרעס, געבנדיק אַן אימפּולס די פינצטערע קויכעס אין אַלע צײַטן צו פאַרריידיקן דאָס אָפּטיילן די ייִדן פון די אַנדערע פעלקער: ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי[1].

אין גאַנג פון דורעס איז דער אומזין דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז א וואָרט ווי אַלע ווערטער — „גוי", וואָס ווערט אין די ערשטע ספאָרים (אין טאַנאַך) באַנוצט ווי די באַצייכענונג פון פאָלק ביכלאַל, איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו צעטיילן מענטשן אַף ייִדן און ניט־ייִדן. עס מוז באַוווסט ווערן אַלעמען, אַז אין באַזונדערע טיילן פונעם טאַנאַך („שמוים", סייפער יעהוישוא אאַ.) ווערט אויך אַליין דאָס ייִדישע פאָלק באַצייכנט מיטן נאָמען „גוי": וראה כי עמך הגוי הזה[2].

פון דער דריטער האוודאָלע, קאָן מען זאָגן, נעמען זיך געטאָס, דער טכום־האמוישעוו.

פאַרגעסענע לידער

עס טרעפט, אַז אַן אייגענע ליד ווערט אָן שום סיבע פאַרגעסן פון מיר אַליין, איך באַגעגן זיך מיט פאַרעפנטלעכן זי אין א צײַטונג אָדער זשורנאַל און שליס זי ניט אײַן אין מײַנע זאַמלונגען, כאָטש אַף אַנדערע, פיל שוואַכערע פון איר לידער פאַלט אויס אָט דער גורל. ווען עמעצער זאָל מיך פרעגן, פאַר וועלכע זינד זי איז בא מיר א שטיפקינד, וואָלט איך ניט געקאָנט ענטפערן.

מע קאָן עס זען לויט אַזאַ בײַשפּיל.

דער ערשטער נומער פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד" איז דערשינען, ווי באַוווסט, צו דער דאַטע — 30 יאָר סאָוועטנמאַכט. די רעדקאָלעגיע האָט אויסגערעכנט, אַז די ערשטע ליד פאַר דער ערשטער זײַט אינעם ערשטן נומער וועט געבן פּערעץ מאַרקיש. ער האָט אָבער פאָרגעלייגט זײַן נאָכמילכאָמע־ציקל „קאַווקאַז", און אָפּגעבנדיק אים בא א פולן צימער מיט שרײַבער אַרן קושניראָוו, האָט ער אָפּגעזוכט מיט די אויגן מיך מיט מוישע בראָדערזאָנען (מיר זײַנען געזעסן אין א זײַט, פאַרטאָן אין א שמועס) און, ווי זײַן טעווע

---

[1] איך וועל אײַך אָפּטיילן פון אַנדערע פעלקער, כדי איר זאָלט געהערן נאָר צו מיר.

[2] און זע, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק איז דאָך דײַן פאָלק.

איז געווען, טעאַטראַליש, מיט אַן אָנדײַט אָף
א רעווערענס, א זאָג געטאָן צו אונדז:
— אָט טאַקע פאַר אײַך ביידן, מײַנע ליבע
הערן, טרעט איך אָף די בעסטע טעמע און דעם
גרעסטן כויוו. נו, וופעריאָד!
בראָדערזאָן האָט אין עטלעכע טעג אַרום גע־
בראַכט זײַן ליד „דרײַסיקיעריקײַט". זי איז
אָפּגעדרוקט אינעם ערשטן נומער „היימלאַנד"
און הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפע:

איך האָב אין דײַנע שײַנענדיקע אויגן טיף
אַרײַנגעקוקט, אָקטיאַבער,
און כ'האָב די גרויסע מענטשלעכקייט אין זיי
דערזען;
פון אַלעם גליקלעכסטן און שענסטן — דו ביסט
דער מעכאַבער,
און רומפול איז געווען דײַן אַנטשטיין און דײַן
געשען.

די לעצטע שורעס פון בראָדערזאָנס אָקטיאַ־
בער־ליד לייענען זיך אַזוי:

און איצט, אַזאַ — נאָך דעם זיג איבער די זיגן
אַלע —
אָקטיאַבער פרײלינגדיקער שטייט אין נײַ געבוי,
מיר שײַנט דײַן דרײַסיקיעריקײַט, וואָס ווערט
ניסגאַלע,
ווי הימל וואָלקנלאָזער, פּאַשעט, ליכטיק, בלוי!

קושניראָוו האָט מיך ניט געלאָזט צורה: איך
מוז אָנשרײַבן מײַן ליד. איך בין דעמלט אַלט
געווען ערעוו־דרײַסיק. עס האָט געדאַרפט זײַן
א ליד וועגן אָקטיאַבער און וועגן דעם אָק־
טיאַבער־דאָר. סאַפּקאָלסאָף האָב איך די ליד
אָנגעשריבן. זי עפנט אוף דעם ערשטן נומער
„היימלאַנד". אָט איז זי:

דרײַסיק יאָר

עס ווערט אונדז אַלעמען הײַנט דרײַסיק יאָר —
דעם בכאָר, דעם אָנהייבער פון אונדזער דאָר,
וואָס האָט שוין דעמבן־האַרבקײַט אין די הויטן,
און אויך דעם ייִנגסטן, וואָס איז צאַרט, ווי בעז,
און אויך דעם איפּעלע אין וויכער נעסט —
דעם אייניקל פון יענעם גוואַר פאַרגרויטן...
און אויך אָט דעם, וואָס איז אין זיבעצנטן יאָר
געפאַלן אָף דער שוועל פונעם אָקטיאַבער —
אויך אים איז דרײַסיק יאָר הײַנט, ווי דעם דאָר,
פאַר וועלכן ער די פרײַהײַט האָט דעראָבערט.
און אויך אָט דעם, וואָס האָט זײַן הייליק לאַנד
אין איין־און־פערציקסטן באַשיצט מיט טרײַהײַט
און, פאַלנדיק, די ביקס פאַרפּרעסט אין האַנט —
אויך אים ווערט דרײַסיק יאָר הײַנט, ווי דער
פרײַהײַט.

ס'איז אונדזער דאָר מיט גרויסן כיין באַהעלט,
ס'איז אונדזער כיין — די ווירדע פון דער וועלט,
און אונדזער פאָן איז פון דער וועלט די צוקונפט.
מיר זײַנען יונג. מיר האָבן קראַפט און דראַנג:
צו איבערקערן בערג, צו אויסכאָוועון א זאַנג,
באַלוינען פרײַנט, און פײַנט אין שלאַכט פאַרצוקן.
דאָס קלייד פון בויער פּאַסט אונדז און געפעלט,
דעם זייערס קלייד אָף אונדז — ווי אָנגעמאָסטן,
נאָר ס'פּאַסט אונדז אויך א כאַקינע שינעל,
וואָס מאַכט אונדז שטרענגער, אָנגעצילטער,
פּראָסטער,

אין איר מיר זײַנען דורכגעגאַן געוואָגט
א שווערן וועג דורך ווייען און דורך שנייען —
פון ערשטן שטורעם בא דעם טײַך נעוואַ
ביז די פּאָנטאָנען אָף דער שוואַרצער שפּרייע...

געקומען זײַנען מיר צו דעם באַזונטן ברעג!
א קינד שטעל אָף אַציינד אינמיטן וועג, —
דאָס קינד אַפילע ווייסט, ווי אָט דעם ברעג צו
שעצן.
ער ענדיקט זיך, דער ברעג, באַם זוים פון פרײַען
פעלד,
דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן אַנדער וועלט,
א וועלט מיט וועלף און וועלפישע געזעצן.
מיר ווייסן עס. מיר זײַנען יונג און שטאַרק.
ס'האָט לענין אונדז געלערנט ווי צו שטרײַטן —
ווי אויסכאָוועון א זאַנג, ווי אופהייבן א באַרג
און וויאַזוי באַשיצן ס'היימלאַנד דאָס באַפרײַטע.
מיט דרײַסיק יאָר מיר זײַנען אָנגעגורט,
און לענינס כאָכמע איז אין אונדזער שטרעבן.
פאַר אונדזער מי — נאָר אונדז געהער די פּרוכט,
און ברייט צעעפנט איז פאַר אונדז דאָס לעבן!

עס זײַנען אַוועק טעג און יאָרן. איך האָב
פאַרגעסן אין דער ליד „דרײַסיק יאָר", און אָן
שום סיבעס דערצו איז זי ניט אײַנגעשלאָסן
געוואָרן אין קיין איין ווײַטערדיקן בוך מײַנעם.
דאָס זעלבע איז געשען מיט ניט ווינציק
אַנדערע מײַנע לידער. איך ברענג דאָ דרײַ
פון זיי:

א סרייפע אין טײַגע

באַנאַכט האָט אין טײַגע זיך פּלוצעם צעפלאַקערט
א סרייפע,
און שיקערער פלאַם האָט געריסן דעם טײַגישן
פּענט,
א געגנט א גאַנצע האָט מאָדנע און בלאַס זיך
צעשמייכלט,
מיט מוירע צענומען די שוואַרצע, די טײַגישע הענט.

באַנאַכט זײַנען ווײַסער געוואָרן די קליינינקע שטערן.
און איינער א שטערן האָט העל זיך צעברענט
אינעם וואַלד.
באַנאַכט זײַנען ווילד און דערשראָקן געלאָפן די
בערן.
געוואָרפן די טײַגישע היים, וואָס צעברענט און
צעפאַלט.

באַנאַכט האָט דאָס פײַער געשלונגען די טײַגישע
לענגען,
אַוועק אין דער הייך, ווי א בייזער אַן ערדישער רוף,
א זאַקן א בוים איז אין לופטן געבליבן שווער
הענגען
און שפּעטער געלאָזן אָף העפקער זײַן וואָגיקן גוף.
באַנאַכט האָט א שטאָלענער צוג זיך אין פײַער
געטראָגן
און אויכעט געשפּיגן אָף דעם, וואָס צעברענט.
א געגנט האָט פלינק נאָכן צוג זיך גענומען צו יאָגן
און גלייביק געשטרעקט צו דעם צוג אירע באַקעטע
הענט.

זשורנאַל „פאַרמעסט", נומ. 9, 1936.

די לערערן

דער יונגער גענעראַל האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר,
די אַלטע לערערן האָט אים באַקוקט פאַרכידעשט.
און ס'האָט דער גענעראַל געזאָגט צו איר
אָף מענדעלעס און ייִצכאָק־לייבושס ייִדיש:

„גוט מאָרגן אײַך, מײַן צאַרטע, ווײַסע טויב,
גוט מאָרגן, ערשטע שײַן אין מײַנע אויגן!
די גאָלד־באַצירטע שלאַכט־היטל דערלויבט
אַראָפּנעמען פאַר אײַך — און זיך פאַרנויגן...
דעם פרײַען סייכל און דעם וויסן־לוסט

האָט איר פארפלאנצט אין הארץ מײַנעם, ווי בלומען,
און איצט וואָלט איך באשאַנקען אײַער ברוסט
מיט אלע אָרדענס, וואָס איך האָב באקומען...״

די לערערן האָט אויסגעווישט די בריל,
וואָס מיט א טרער פון אויג האָט זיך פארצויגן...

...צוריק מיט דרײַסיק יאָר. אין קלאס איז שטיל,
א זיבניאָריקער עס שטייט איר פאר די אויגן
דאָס ייִנגל, וואָס איז איצט א גענעראל,
דער היטער פון איר זויבערן געוויסן,
איר שילער, וואָס האָט אויסגעהיט דעם שטראל
פון כאָכמע און פון דרייסטקײַט און פון וויסן...

צײַטונג „אײניקײַט״, 11 אָקטיאבער 1947

ד ע ר פ ל י ִ ע ר

ווי גוט, ווי ווויל איז אין א פלי א שווערן
איבערן מילכוועג מיט לעוואָנע גיין באנאנד,
א פלאטער טאָן מיט פליגל צווישן שטערן
און אָנטאפּן א וואָלקן מיט דער האנט,
דערפילן, ווי די שטערן ווערן גרעסער
און ווי דער וואָלקן נידעריקער ווערט,
און וויסן, אז צו אלע הימלס שלעסער
האָסט צוגעקליבן שליסל אַף דער ערד...

דער פליִער שטײַגט אין הימלשן געקלעטער,
און די געהיימע הייך פאר אים איצט שוועבט,
און באם אעראָפּלאן זײַנען די רעדער
מיט ערד פון זײַן מעדינע נאָך באקלעפּט.
דער פליִער — שוין אין העכסטער הייך פארוויקלט —
די ווארעמקײַט פון רויערד איצט באגערט;
דעם רום פון היימלאנד טראָגט ער אַף די פליגל,
ווײַל אַף די רעדער אָטעמט נאָך די ערד...

ער וועט אַף אָט די אומרויִקע שרויפן
א מעסט טאָן אלע ווינטן אין דער הייך,
און פון דער ערד מיט אימפּעט זיך צעלויפן
צו הייכן, וועלכע רופן אים — דערגרייך!
ניט אָפּרײַסן די פינגער פון דעם רודער,
א גליקלעכער, וואָס אים איז דאָ באשערט
ארויסרופן אין הימל א גערודער
און אָפּהיטן די שטילקײַט אַף דער ערד!

צײַטונג „אײניקײַט״, 2 אווגוסט 1947

צונויפגעפירט א וואנט מיט א וואנט

וועגן דעם דאלעס פונעם ציִעניסטישן טעאָרעטישן געדאנק זאָגט אײדעס, צווישן אנדערס, די שטרעבונג ארײַנצופירן אין ציִעניזם, צופּאסן צו אים אזעלכע דערשײַנונגען אינעם פאָלקס־לעבן און אין דער ייִדישער און העברעיִשער קולטור, וועלכע פאָרן זיך לאכלוטן ניט מיט אים און זײַנען אפילע צו אים פײַנטלעך. אין ליטערארישן פּלאן זײַנען באוווּסט די פּראָפּאַגאנדיסטישע קאָמפּאניעס פון קלוימערשטער באערונג פונעם אָנדענק פון די גרויסע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער — בערגעלסאָן, מארקיש, קוויטקאָ, כאריק, פעפער און אנד., וועלכע זײַנען באם לעבן פארוואָרפן געוואָרן מיט שמוץ און מיט קלאָלעס.

און אָט איז נאָך א בײַשפּיל פון דעם מין. אפילע קינדער אין די וויגן ווייסן, אז די טשערנאָוויצער שפּראך־קאָנפערענץ, אַף וויפל זי איז צונויפגערופן געוואָרן אַף צו פּראָקלאמירן ייִדיש אלס א פאָלקס־שפּראך, האָט געהאט אן אנטיציִעניסטישן מיין. ס'איז אויך א געשיכטלעכער פאקט, אז דער „בונד״ איז אין זײַנע בלי־צײַטן געווען א פּאָליטישער קעגנער פונעם ציִעניזם (עס גייט דאָ ניט קיין רייד וועגן דער פאלשער בונדישער פּראָגראם פון קולטור־אווטאָנאָמיע, ווי אויך וועגן דעם, אז אין די לעצטע יאָרן האָבן די רעשטן פונעם „בונד״ פאקטיש זיך פארוואנדלט אין „אונטערגעזעצטע הינדעלעך״ אונטער דער ציִעניסטישער „קאטשקע״). איצט לאָמיר א קוק טאָן, וויִאזוי אָט די היסטאָרישע דערשײַנונגען ווערן געשילדערט אין דער ציִעניסטישער פּובליציסטיק. מיר לייענען אין אן ארטיקל, וואָס דער פּובליציסט כאִים בעז האָט פארעפנטלעכט אין דער טעל־אוויווער צײַטונג „לעצטע נײַס״ (6 יול 1976):

„אין באזעל איז דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער ציִעניסטישער קאָנגרעס. אין ווילנע איז געגרינדעט געוואָרן דער ארבעטער־„בונד״. די טשערנאָוויצער שפּראך־קאָנפערענץ איז געווען דער דריטער אקט פון ייִדישער אווטאָעמאנסיפּאציע... באזעל, ווילנע, טשערנאָוויץ — די געשעענישן, וואָס זײַנען פארבונדן מיט די דרײַ שטעט, שפּילן זיך אָפּ אן ערעך אין איין יאָרצענדליק (1897 — 1908). זיי זײַנען אויסגעבונדן אײנע מיט די אנדערע. איין היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיי געבוירן״...

קעדיי אזוינס שרײַבן, דארף מען האָבן א באזונדערן טאלאנט אַף צונויפירן א וואנט מיט א וואנט!

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

מײַנע=רייד פון די געוועזענע

די אָפּגעגאַנגענע פון דער פּרינציפּיעלער פּלאַטפאָרם אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אַף דער ייִדישער גאַס — די געוועזענע — האַלטן געוויינלעך אונטער דאָס אומרויִקע געמיט באַ זיך מיט קעגנזײַטיקע לויב־געזאַנגען, מיט שאַפן אין די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס א ווילקירלעכע אַטמאָספער פון קליינשטעטלדיקער מישפּאָכעדיקייט. עס טרעפט אָבער, אַז איינער טרעט אָן א צווייטן אַפן פוס, און דעמלט...

„האַגאַם עס איז אָנגענומען (אין פיל פאַלן, אָבער ניט אַלעמאָל) צו שרײַבן קעסיידער „מיר", אייצע איך ביז גאָר כאַוועריש מײַן פרײַנט כאַיִם סולער, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט, ווען ער היט זיך אויס פון דעם קעסיידערדיקן „מיר"... כאַיִם סולער האָט, נאַטירלעך, רעכט צו אַרויסזאָגן זײַן מיינונג. ער וויל זיך אָננעמען פאַר די הערשלס (פאַר די סמאָליאַרס) און פאַר די קאַרמאַנס, זאָל ער עס טאָן, אָבער מיר (און טאַקע אין דעם פאַל טאַקע מיר! — אונדזער גאַנצע באַוועגונג אין קאַנאַדע) — וואַרפן דאָס אָפּ! דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיטן פאַקט, אַז אין טאָך זײַנען מיר קימאַט אין אַלע קריטישע פּראָבלעמען מאַסקים מיט דער „מאָרגן־פרײַהײַט".

אין דעם דאָזיקן אויסצוג פון אישיקעס (י. גערשמאַנס) קאָמענטאַר אונטערן נאָמען „אידייִיש אויסגעליידיקט" אין דער קאַנאַדער „וואָכנבלאַט" פאַרן 6 אָקטיאַבער פאַריקס יאָר איז ניטאָ קיין נײַס. אַלע ווייסן שוין אַזוי אויך, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער „וואָכנבלאַט" י. גערשמאַן איז מאַסקים מיט די רעדאַקטאָרן פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט", וועלכע פירן אַרײַן אַלץ מער און מער פּראָ־ציִעניסטישע און אַנטיסאָוועטישע אַקצענטן אין דער צײַטונג. ס'רופט אויך ניט אַרויס קיין כידעש, וואָס די באַדנלאָזע געוועזענע זײַנען קאָמי־טראַגיש בייס זיי דינגען אָפּ איינער באַם אַנדערן דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון די מאַסן, וואָס קיינער פון זיי, פאַרשטענדלעך, האָט ניט אַזאַ רעכט און וועט ניט האָבן.

נאָר אויב ס'איז שוין יאָ געקומען צו רייד, איז קעדײַ אָפּצומערקן, אַז די סיבע, פאַרוואָס י. גערשמאַן האָט געפונען אין זיך קויעך און געמאַכט, אַזוי צו זאָגן, א פּעטשאַטעק זײַן פרײַנט סולערן, איז דאָס, וואָס יענער האָט אים ניט אונטערגעהאַלטן אין זײַן פּאָלעמיק מיטן אַמאָליקן רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער „פאָלקסשטימע" הערש סמאָליאַר.

דער סאַמע פרישער עפּיזאָד פון דער פּאָלעמיק האָט זיך אָפּגעשפּילט נאָך דעם, ווי סמאָליאַר איז אין קאַנאַדע, לויט ווי עס שרײַבט י. גערשמאַן, געווען צוגאַסט באַ „א גרופּע מענטשן", ווען „הויפּט־מאַכער יויסעף־באָרעך זאַלצמאַן איז דער סאַמע ווילד־פאַרביסענער אָנפירער פון די אַנטיסאָוועטיקער, און ניט בלויז צווישן ייִדן".

עס ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט דער אויסטויש מיט איידעלע ווערטער צווישן סמאָליאַרן און גערשמאַנען.

אין טעל־אַוויווער „פרײַ יִשׂראָעל", וואָס איז איצט די לעצטע צעטרייסלטע „פּאָזיציע" פון א קנופּיע רענעגאַטן, איז געווען פאַרעפנטלעכט א נאָטיץ מיט דער אונטערשריפט „א. קאַנאַדער". אין שײַכעס מיט סמאָליאַרס רײַזע צו זאַלצמאַנען איז דאָרט געווען געשריבן:

„אומעטום איז דער גאַסט פון יִשׂראָעל אויפגענומען געוואָרן מיט א סאַך וואַרעמקײַט. אָן אויסנאַם האָט פאָרגעשטעלט דער אָרגאַן פון דער אײַנגעשרומפּענער ראַקאַך־גרופּע מיט זײַן רעדאַקטאָר י. גערשמאַן. דער דאָזיקער „שראַבער", וועלכער איז באַקאַנט מיט זײַן גראָביונגערישן נוסעך, איז אין זײַנס א שרײַבעכץ אָנגעפאַלן מיט ליגנס און רעכילעס אַף הערש סמאָליאַרן, אָפּרעכענענדיק זיך דערבײַ מיט יודל קאַרמאַנען, ד״ר דאָוויד ספּאַרדן און מוישע סנע ז״ל. דער אָנפאַל פון דעם דאָזיקן פאַרשוין, וועלכער איז פאַרמיִעסט אין זײַן אייגענער סוויווע..." אַדגאַל אַאוו.

אַף אָט דעם פײַנעם לאָשן האָט געענטפערט אישיקע (י. גערשמאַן):

„די, וואָס קאָנען הערשל סמאָליאַרס סטיל פון שרײַבן, דערקענען אַפן אָרט, אַז דאָס האָט ער גופע, און ניט קיין קאַנאַדער, אָנגעשריבן דעם פּאַסקווילבאַריכט... איז דאָס א מיִעס שטיקל אַרבעט ניט נאָר פון אַן אידייִיש־אויסגעלאָדענעם פאַרשוין, נאָר פון איינעם, וואָס אַנטפּלעקט זיך אַלץ מער אַלס פּלוידערזאַק, פון איינעם, וואָס פּלוטעט גלאַט אין דער וועלט... די אַלגעמיינע פּרעסע האָט אים בײַכלאַל איגנאָרירט, האַגאַם ער האָט זיך געלאָזט רעקלאַמירן אין א ענגליש־ייִדישן זשורנאַל „דזשויִש סטאַנדאַרד" אַלס „פּראָפעסאָר הערשל סמאָליאַר" (זינט ווען איז סמאָליאַר געוואָרן א פּראָפעסאָר?!)."

זײַנען מיר, הייסט עס, איידעס, ווי די געוועזענע גיבן זיך איינער דעם אַנדערן אַף שיסל און אַף טעלער. איבעריק צו זאָגן, אַז אַזעלכע סצענעס רופן אַרויס א ביז גאָר שווערן געפיל. ווען דער פאַקט, וועלכן מיר קאָמענטירן דאָ, וואָלט געהאַט א שײַכעס בלויז צו די מײַנע־רייד פון סמאָליאַרן — א פּרימיטיוון פאַרעטער פון דער זאַך פון סאָציִאַליזם, — וואָלטן מיר אויסגעמיטן צו דערמאָנען וועגן דעם. וואָס שײַעך אָבער די אַנדערע געוועזענע, וועלכע מיינען, אַז שאַנד איז ניט קיין רויך, זי עסט ניט די אויגן, קאָן מען זיי געבן אַן אייצע, אַז אין אַזעלכע פאַלן זאָל איינער דעם אַנדערן אין זייער קאָמפּאַניע זאָגן, ווי עס שטייט אין א פאָלקסווערטל: שענד ניט מעך, איך שענד ניט דעך, מיר זײַנען ביידע פון איין צעך...

ביראָבידזשאַן היינט

1. אַף דער באַרימטער ביראָבידזשאַנער סאָפּקע
2. די בירע
3. דאָרט, ווו ס'איז געווען דער פּאָלוסטאַנעק טיכאָנקאַיאַ.



1



2

3

עסטראַדע־קונסט אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

פאַרן װוילזײַן פון די אײַזנבאַן־אַרבעטער

װען מע קומט אַרײַן אין קאַבינעט פונעם שעף פון דעם ביראָבידזשאַנער האַנדלס־אָפּטייל פון דער װײַטמיזרעכדיקער אײַזנבאַן, װאַרפט זיך גלײַך אין די אויגן די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פונעם ביראָבידזשאַנער שטאָטקאָם קאָמפּאַרטיי און שטאָט־אויספירקאָם, װעלכע איז סאָף 1976 צוגעמישפּעט געוואָרן דעם דאָזיקן קאָלעקטיװ אַלס זיגער אין דער פאַרמעסטונג צװישן די האַנדלס־אָרגאַניזאַציעס פון דעם געגנטלעכן צענטער.

דער שעף פון דער אָפּטיילונג לעװ שערמאַן דערציילט:

— מיר באַדינען העכער 70 ייִשובֿים, װעלכע געפינען זיך לענגאויס דער אײַזנבאַן אויף דער טעריטאָריע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. די האַנדלס־אָרגאַניזאַציע פון די אײַזנבאַנער פאַרמאָגט אַ ברייטע נעץ אונטערנעמונגען פון געזעלשאַפטלעכער דערנערונג, דערונטער זעקס גאָרקיכן, װעלכע אַרבעטן אַ קײַלעכיקן מעת־לעת. העכער 900 האַנדלס־טוער ציילט אָן אונדזער קאָלעקטיװ.

עס רעדט די ביראָבידזשאַנער געגנטלעכע ראַדיאָ

אויף דער טעריטאָריע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט הערן זיך יעדן טאָג אין עפֿיר, אויסער די טראַנסליאַציעס פון דער צענטראַלער ראַדיאָ, די אָרטיקע פּראָגראַמעס. מיר ברענגען דאָ צוליב אָנשױלעכקײַט רעשימעס פון די געגנטלעכע ראַדיאָ־טראַנסליאַציעס פאַר דרײַ געװײנלעכע טעג אין נאָיאַבער 1976.

13 נאָיאַבער

7־55 — איבערזיכט פון די געגנטלעכע צײַטונגען. 14־00 — מיטן מיקראָפאָן איבער דער געגנט. 14־20 — אַ קאָנצערט. 15־00 — לעצטע נײַעס. טראַנסלירונג פון מאָסקװע. 15־15 — אַ קאָנצערט פון ייִדישע לידער. 15־35 — אַ שמועס „דער שעפערישער בײַטראָג פונעם XXV צוזאַמענפאָר פון קפּסס אין דער טעאָריע פון װיסנשאַפטלעכן קאָמוניזם".

14 נאָיאַבער

7־55 — איבערזיכט פון די געגנטלעכע צײַטונגען. 12־15 — ראַדיאָ־זשורנאַל פאַר שילער פון די עלטערע קלאַסן. 12־35 — אַ קאָנצערט. 13־00 — לעצטע נײַעס. טראַנסלירונג פון מאָסקװע. 13־15 — רעפּאָרטאַזש: שלאָגלערישע װאַכטע פון די יונגע. 13־25 — איבער די זײַטלעך פונעם זשורנאַל „סאָװעטיש היימלאַנד".

15 נאָיאַבער

7־40 — עס טרעט אַרויס דער לעקטאָר מ. ל. נעמיראָװסקי. 16־45 — פּראָגראַם פון דער װאָך. 19־00 — געגנטלעכע נײַעס.

די טראַנסליאַציעס װערן געפירט אויף ייִדיש און רוסיש.

אַ פידלער־אַנסאַמבל מיטן טיטל „פאָלקס־קאָלעקטיװ"

דער קולטור־מיניסטעריום פון רספסר האָט פאַר די דערגרייכטע דערפאָלגן אין דער מוזיקאַלישער זעלבסטטעטיקער קונסט צוגעייגנט דעם פידלער־אַנסאַמבל פונעם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ דעם ערן־טיטל „מוזיקאַלער פאָלקס־קאָלעקטיװ".

פאַר די צען יאָר פון זײַן עקזיסטענץ איז דער שעפערישער קאָלעקטיװ געװאָרן פּאָפּולער װײַט אויסער די גרענעצן פון דער געגנט, דערװאָרבנדיק זיך די טיטלען לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן דורכקוק פון פאָלקס־טאַלאַנטן, דיפּלאָמאַנט פון די קאָנטישע און געגנטלעכע פעסטיװאַלן פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט.

אין באַשטאַנד פונעם אַנסאַמבל, מיט װעלכן עס פירט אָן דער דערציִער פון דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול ס. גראָסמאַן, גייען אַרײַן אַרבעטער, לערער, דאָקטוירים, אינזשעניערן, שילער. לעצטנס האָט דער אַנסאַמבל צוגעגרייט אַ נײַע פּראָגראַם, מיט װעלכער ער טרעט איצט אַרויס פאַר די ליבהאָבער פון מוזיק אין געגנטלעכן צענטער און אין די אַרומיקע שטעט און ייִשובֿים.

די גרינדונג פון אַ יוגנטלעכן אָװנט־קלוב

אין געגנטלעכן צענטער איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פונעם יוגנטלעכן קאַפע־קלוב מיטן נאָמען „פרײַטיק".

די איניציאַטיװ צו שאַפן אין ביראָבידזשאַן אַזאַ יוגנטלעכן אָװנט־קלוב געהערט די טוער פונעם שטאָטישן קאָמיוג. דערפאַר טאַקע האָבן די יוגנטלעכע אויף זייער ערשטער באַגעגעניש אײנמוטיק באַשלאָסן אויסצוװײלן אַלס פּרעזידענט פון זייער קלוב דאָװיד װײַסערמאַנען — דעם צװייטן סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון קאָמיוג.

בא די טישלעך אינעם גאַסטפרײַנטלעכן זאַל — יונגע אַקטיװיסטן פונעם געגנטלעכן צענטער, אַװאַנגאַרדיסטן פון די אונטערנעמונגען.

— אין אונדזער קלוב, — האָט דערקלערט דאָװיד װײַסערמאַן, — האָבן מיר בעדייע דורכפירן באַגעגענישן מיט װעטעראַנען פון דער מי און פון די שלאַכטן קעגן פאַשיזם, באַקאַנען זיך מיט נײַע װערק פון די ביראָבידזשאַנער ליטעראַטן, מיט דער שאַפונג פון קינסטלער און קאָמפּאָזיטאָרס.

דער װעטעראַן פון קאָמיוג בערטע אַבראַמאָװנע שפּילקאָ האָט צוגעװוּנטשן דער יוגנט, אַז אַלע באַגעגענישן אין קאַפע־קלוב זאָלן שטענדיק דורכגיין פריילעך און לוסטיק, און זיי זאָלן באַשײַנען און באַציינען דעם אָפּרו פון דער אַרבעטנדיקער יוגנט.

נאָך די אַרויסטרעטונגען האָבן דעם גאַנצן אָװנט געקלונגען מונטערע יוגנט־לידער, װעלכע ס'האָט צוערשט אָנגעהויבן זינגען דער װאָקאַל־אינסטרומענטאַלער אַנסאַמבל „װיקטאָריע" און דערנאָך האָט זיי אונטערגעהאַלטן דער גאַנצער זאַל.

■ ■ ■

פּאָליטאָנען אין דער אויסלענדישער פּרעסע

די רעאַליסטן

גוואַלד! גוואַלד! מע וויל, מיר זאָלן זיך צוריקציִען אַף דרײַ קילאָמעטער אין גאָלאַן! דרײַ קילאָמעטער, ראַבויסײַ, דרײַ קילאָמעטער — דאָס איז דרײַ טויזנט מעטער! 300 טויזנט סאַנטימעטער! קיסינדזשער איז פֿון זינען אַראָפּ! וואָס קלערט ער זיך, דער מאַניאַק? אונדז פֿאַרקלענערן דעם גאָלאַן מיט 300 טויזנט סאַנטימעטער!

צי איז ער מעשוגע געוואָרן?! דאָס איז דאָך אַ טאָטאַלער צוריקצוג! דאָס איז אַן אַבסאָליוטע אײַנשרומפּונג! דאָס איז אַן אונטערגעבן זיך אָן באַדינגען! די דאָזיקע אַמעריקאַנער האָבן פֿאַרלאָרן דעם קאָפּ! זיי לעבן ניט אין דער ווירקלעכקײַט! אויב מיר וועלן צוריקגעבן דרײַ גאַנצע קילאָמעטערס, איז וואָס וועט אונדז בלײַבן אין דער האַנט?

מיר זאָגן ניט, נאַטירלעך, אַז מע דאַרף גאָרנישט צוריקגעבן. מיר פֿאַרשטייען זייער גוט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו פֿאַרפֿרירן די לאַגע און פֿאַרצוזעצן דעם סטאַטוס־קוואָ. ס'איז אונדז קלאָר, אַז מע וועט ניט קאָנען דערגרייכן אַ רעגולירונג מיט עגיפּטן און האַפּן דערבײַ, אַז דער איניען גאָלאַן וועט ווײַניט־איז געלייזט ווערן אָן קיין שום צוריקטריט פֿון אונדזער זײַט. מיר זײַנען דאָך ניכטערע מענטשן, וואָס שטייען פֿעסט מיט די פֿיס אַפֿן באָדן פֿון דער ווירקלעכקײַט!

ס'איז קלאָר פֿאַר אונדז, אַז מע דאַרף נאָכגעבן! מיר זײַנען ניט קיין שטרויספֿויגל, וואָס באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד! מיר זײַנען ניט קיין היסטערישע פּאַנאַטיקער! מיר זײַנען די ייִסראָעל־רעגירונג! מיר זײַנען ניט קיין שעטאָכים־פּרעסער און אַנעקסיע־גלוסטער! מיר ווייסן, אַז סימבאָלישע קאָסמעטישע ענדערונגען וועלן ניט פֿאַרויסשטויסן דעם שאָלעם! מע דאַרף מאַכן אַ געוואַגטן שריט — אַ שריט, וואָס זאָל ענדערן די פּאָליטישע רעאַליטעט אין גאָלאַן!

דעריבער האָבן מיר אַ גרויסמוטיקן און רעאַליסטישן פּשאָרע־פֿאָרשלאָג: אַן אַלגעמיינער צוריקטריט פֿון פֿופֿצן סאַנטימעטער אין גאָלאַן!



דער דאָזיקער פּאַס פֿון פֿופֿצן סאַנטימעטער וועט געמאָסטן ווערן מיט אַ ווירע און וועט דעמיליטאַריזירט ווערן. עס וועלן דאָרט אײַנגעשטעלט ווערן צען טויזנט אַמעריקאַנער טעכניקער און סאָלדאַטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס, וועמענס אויפֿגאַבע ס'וועט זײַן צו היטן, אַז אין אָט דעם דעמיליטאַריזירטן פּאַס זאָלן ניט אַרײַנגעפֿירט ווערן קיין סירישע טאַנקען און עס זאָלן דאָרט ניט אויפֿגעשטעלט ווערן קיין ראַקעטע־באַזעס.

דער דאָזיקער גרויסמוטיקער און רעאַליסטישער פֿאָרשלאָג וועט זײַן אַ געוואַגטער שריט אַפֿן וועג צום שאָלעם, און ער וועט אונדז ברענגען רו אַף מינדסטנס צוואַנציק יאָר.

זיוואַ יאַריוו („ידיעות אחרונות”)

✧ ✧ ✧

פאַרשיידנס

פאַרהיט אַף שטענדיק

שוין צוויי יאָרצענדליקער פילט אויס די לעגינגראַדער לאַבאָראַטאָריע פאַר קאָנסערוואַציע און רעסטאַווראַציע פון דאָקומענטן בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר א בעקאָוועדיקע אויפגאַבע — זי שטעלט אויף די אויטאָגראַפן פון מ. גאָרקיס ווערק און בריוו, ווי אויך דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן פון דעם אַרכיוו־פאָנד פונעם אינסטיטוט אַף זײַן נאָמען. דאָ ניט לאַנג צוריק איז פאַרענדיקט געוואָרן די רעסטאַווראַציע פון איינער פון די ווערטפולסטע זאַמלונגען פון דעם דאָזיקן אַרכיוו, וועלכע האָט א שײַכעס צו גאָרקיס רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט.

בא 700 געשריבענע פון האַנט און געדרוקטע זײַטן אַנטהאַלט, אַשטייגער, די פּאַפּקע אונטערן נאָמען „פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. איניען נומ. 1096 וועגן דעם מעשטשאַנין אַלעקסיי פּעשקאָוו“, ראַפּאָרטן אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַפן שרײַבער, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער א געהיימער אויפזיכט אין פאַרשיידענע ערטער — ניזשני נאָוואָראָד, מאָסקווע, פּעטערבורג, אין דער טאַווּרישער און פּאָלטאַווער גובערניעס.

(„איזוועסטיאַ“)

פאָרזיכטיק, ליאַרעמדיקע מוזיק!

די צײַטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט“, פאַררופנדיק זיך אַף פאָרשונגען, וואָס א גרופּע ספּעציאַליסטן האָט ניט לאַנג צוריק דורכגעפירט, האָט געמאָלדן, אַז דאָס אָפטע באַזוכן קאָנצערטן פון הײַנטצײַטיקע אַנסאַמבלען קאָן אין א געוויסער צײַט אַרום ברענגען צו א טיילווײַזן אָדער אַפילע פולן פאַרלוסט פונעם געהער. די יונגע מעלאָמאַנען, שרײַבט די צײַטונג, וועלן צו דער עלטער שאַפן א גאַנצן דאָר טויבע, ווײַל די אָרקעסטראַנטן דערפירן מיט דער הילף פון א רײַכן אַרסענאַל מעכטיקע קלאַנגען־פאַרשטאַרקער דעם רויש־ניוואָ בייס די קאָנצערטן ביז 120 דעציבעלן און אַפילע העכער, וואָס שטײַגט אַף א סאַך איבער די דערלאָזטע נאָרמעס.

די אַדמיניסטראַציע פון איינעם פון די באַרימטסטע ניו־יאָרקער קאָנצערט־זאַלן „קאַרנעגי־האָל“ האָט אָפיציעל פאַרבאָטן אַרויסצוטרעטן אין איר געבײַדע אָרקעסטרען, וואָס דער רויש פון זייער שפּילן שטײַגט איבער דעם ניוואָ פון 90 דעציבעלן.

לעוו טאָלסטאָי אין ענגלאַנד

וואָס פאַר א גרויסן שעם עס האָט ל. נ. טאָלסטאָי אין ענגלאַנד, קאָן מען אורטיילן לויט דער אויסשטעלונג, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק אָרגאַניזירט געוואָרן אין איינעם פון די זאַלן פונעם בריטאַנישן מוזיי אין לאָנדאָן. די אויסשטעלונג האָט צוגעגרייט דער מעלוכישער טאָלסטאָי־מוזיי אין מאָסקווע לויט די מאַטעריאַלן פון די פאָנדן, פונעם אַרכיוו און פון דער עקספּאָזיציע פונעם מוזיי, אויסנוצנדיק דערבײַ אויך מעמאָריאַל־כפייצים פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און פונעם שרײַבערס הויז אין מאָסקווע. קיין ענגלאַנד האָט מען געבראַכט העכער 300 ווערטפולסטע עקספּאָנאַטן: טאָלסטאָיס מאַנוסקריפּטן, דעם שרײַבערס פּאָרטרעטן און סקולפּטורן, פּערזענלעכע כפייצים, די בעסטע אילוסטראַציעס צו זײַנע ווערק אאַוו.

אין ענגלאַנד גופע האָט מען צונויפגעזאַמלט קימאַט אַלע נייטיקע ביכער: די ערשטע פּובליקאַציעס, די 90־בענדיקע סאָוועטישע אויסגאַבע פון טאָלסטאָיס ווערק, זעלטענע אילוסטראַציעס פון רוסישע און אויסלענדישע מאָלערס, אַרויסזאָגונגען פון מאַקסים גאָרקי, בערנאַרד שאָו און אַנדערע באַרימטע שריפטשטעלער און ל. טאָלסטאָיס ווערטער אונטער זײַן פאָטאָגראַפיע: „מיר איז פריידיק זיך דערוויסן, אַז איך פאַרמאָג אַזויפיל פרײַנט אין ענגלאַנד“.

א באַזונדערער אָפּטייל פון דער אויסשטעלונג איז געווען געווידמעט דער טעמע „טאָלסטאָי אין ענגלאַנד“. דאָ זײַנען באַוויזן געוואָרן מאַטעריאַלן, וועלכע דערציילן וועגן דעם שרײַבערס באַזוך אין לאָנדאָן אין 1861. טאָלסטאָי איז געקומען אַהער, קעדיי זיך צו באַקאַנען מיט די לערן־מעטאָדן אין די ענגלישע שולן. ער האָט באַזוכט די שול באַם קאָלעדזש פונעם הייליקן מאַרק, איז בײַגעווען אַף די לימודים, און לויט זײַן פאָרגעלייגטער טעמע „מיט וואָס האָב איך זיך פאַרנומען הײַנט אינדערפרי“ האָבן די שילער געשריבן א כיבער. אַלע זעקס און צוואַנציק כיבורים האָט ער אַוועקגעפירט מיט זיך קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און איצט זײַנען זיי געבראַכט געוואָרן ווידער קיין לאָנדאָן.

די באַזוכער האָבן זיך באַקאַנט מיט דער ערשטער פאַרצייכענונג, וואָס איז געדרוקט געווען אין ענגלאַנד וועגן טאָלסטאָיען, מיט די בריוו צו אים פון בערנאַרד שאָו און הערבערט אועלס, פונעם ביאָגראַף און איבערזעצער פון טאָלסטאָיס ווערק אין ענגליש ע. מאָאָד.

א גרויסן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער אָפּטייל פון דער אויסשטעלונג, געווידמעט דער טעטיקײַט פון טאָלסטאָיס פרײַנט וו. ג. טשערטקאָוו. אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, האָט ער אָרגאַניזירט אין ענגלאַנד אין 1897 א פאַרלאַג „דאָס פרײַע וואָרט“ און אַרויסגעגעבן די ווערק פונעם גרויסן שרײַבער, וועלכע זײַנען געווען פאַרווערט אין רוסלאַנד. וו. ג. טשערטקאָוו האָט אַרויסגעגעבן העכער 60 טאָלסטאָיס ווערק אין רוסיש און אין ענגליש, ער האָט אויסגעבויט א ספּעציעלע באַהעלטעניש פאַר טאָלסטאָיס מאַנוסקריפּטן און בריוו. אין 1923 זײַנען אָט די מאַטעריאַלן אַריבערגעפירט געוואָרן קיין רוסלאַנד.

(„ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ“)

אײדעס פון דער געשיכטע

העכער 60 קילאָמעטער איז די לענג פון אַלע סטעלאַזשן פונעם צענטראַלן מעלוכע־אַרכיװ פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דאָ זײַנען צונױפגעזאַמלט מאַטעריאַלן, אָנגעשריבענע און אָפּגעדרוקטע פאַר די לעצטע זיבן הונדערט יאָר.

דער צענטראַלער מעלוכע־אַרכיװ װײַזט אַרױס אַ גרױסע פּראַקטישע הילף די מעלוכישע, װיסנשאַפטלעכע און װירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פונעם לאַנד. די מאַטעריאַלן, װאָס זײַנען דאָ פאַראַן, גיבן אַ פּינקטלעכע אינפאָרמאַציע װעגן די פריִער אַנטדעקטע אױצרעס פון נאַטירלעכע אױסגראָבונגען, פאַרגרינגערנדיק דערמיט די געאָלאָגישע אױספאָרשונגען.

לױט אַנדערע אַרכיװ־דאָקומענטן, װאָס זײער עלטער איז העכער צװײ הונדערט יאָר, האָט זיך אײַנגעגעבן גיכער אופצושטעלן די צעשעדיקטע בײס דער מילכאָמע געבײַדע פונעם מעלוכישן אָפּערע־טעאַטער אין בערלין.

װאָס לײענט די װעלט

די יונעסקאָ האָט פאַרעפנטלעכט יעדיעס װעגן דער צאָל איבערגעזעצטע אױסגאַבעס אין 61 לענדער פאַרן 1973. לױט די דאָזיקע יעדיעס, פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט לױט דער צאָל איבערזעצונגען אַף אױסלענדישע שפּראַכן װ. אי. לעני־נס װערק: 336 אױסגאַבעס. 156 איבערזעצונגען זײַנען געמאַכט פון ק. מאַרקס׳ װערק.

אינעם אָפּטײל פון קינסטלערישער קלאַסישער ליטעראַטור פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט לױט די איבערזעצונגען ל. טאָלסטאָי, פ. דאָסטאָיעװסקי, מ. גאָרקי, װ. שעקספּיר, מ. טװען, טש. דיקענס, א. דיומאַ, מאָליער.

אַ דאָרף פון שאָך־שפּילער

אינעם דאָרף שטרעבעק, מאַגדעבורגער קרײַז (דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק), שפּילן אין שאָך קימאַט אַלע אײַנװױנער — באַ 1.300 מענטשן. די דאָזיקע שפּיל, אַזױ אַלנפאַלס זאָגן די דאָרפס־לײַט גופא, פאַרמאָגט באַ זײ אַ 400־יאָריקע טראַדיציע. לױט דער מעסירע, האָט די דאָזיקע „קיניגלעכע שפּיל" געבראַכט אין יענע קאַנטן אײנער אַן אױסלענדער, װעלכער האָט זיך דאָרט אַ לאַנגע צײַט געפונען אַלס געפאַנגענער. און פון יענע צײַטן אָן האָבן די טוישווים פונעם דאָרף ליב באַקומען די שאָך־שפּיל, מיט װעלכער זײ באַקאַנען זיך שױן אין די שול־יאָרן: זי איז אײַנגעשלאָסן אינעם לערן־פּלאַן פון דער אָרטיקער שול. די פּעדאַגאָגן האַלטן זײער פון די שאָך־לימודים, װעלכע אַנטװיקלען באַ די שילער די פײִקײַט צו דענקען.

אַ ביכער־מוזײ

דער פאָנד פונעם אָפּטײל פון זעלטענעם בוך באַ דער מעלוכע־ביבליאָטעק פון פּססר אַף װ. אי. לענינס נאָמען פאַרמאָגט 400 טױזנט געדרוקטע אױסגאַבעס. די ביכער װערן דאָ זאָרגזאַם אָפּגעהיט, און די סאַמע װערטפולע פון זײ געפינען זיך אין סײפן.

באַנאַנד מיט פּרעכטיקע לױט דער אױספורעמונג ביכער געפינען מיר דאָ באַשײדענע פּאַפּקעס, אין װעלכע עס װערן פאַרהיט די אױסגאַבעס פון די ערשטע רעװאָליוציע־יאָרן, געדרוקט אַף פּאַק־פּאַפּיר.

דער אָפּטײל גרױסט זיך מיט צװײ בראָשורן אין פראַנצױזיש און דײַטש, אַרױסגעגעבן אין דער שװײץ, — פון װ. אי. לענינס אַרבעט „די אַרדנטלעכע אופגאַבן פון דער סאָװעטנמאַכט", װעלכע ער האָט געשענקט דער ביבליאָטעק.

דאָ זײַנען פאַראַן ביכער־ליליפּוטן, װאָס זײער פאָרמאַט איז קלענער פון אַ קאָפּעקענער מאַטבײע. אײניקע פון זײ קאָן מען אָן אַ פאַרגרעסער־גלאָז ניט לײענען. אין ספּעציעלע שאַפעס געפינען זיך ביכער־גיגאַנטן, װאָס אופהײבן זײ איז אײן מענטש ניט בעקױעך.

דער פאַרװאַלטער פונעם אָפּטײל פון זעלטענע ביכער, דאָקטאָר פון היסטאָרישע װיסנשאַפטן יעװגעני לװאָװיטש נעמיראָװסקי דערצײלט, אַז דאָ װערט געפירט אַ גרױסע װיסנשאַפטלעכע אַרבעט איבער דער געשיכטע פון בוך, ס'איז טעטיק אַ באַשטענדיקע עקספּאָזיציע „ביכער־אױצרעס" מיט סיסטעמאַטישע אױסשטעלונגען.

אָפּן יעסאָד פונעם אָפּטײל װערט אָרגאַניזירט לױט דער באַשטימונג פונעם קולטור־מיניסטעריום פון פּססר און פונעם קאָמיטעט פאַר ביכער־װעזן אַן אַלפאַרבאַנדישער מוזײ פון בוך. ער װעט באַקאַנען די באַזוכער מיט די ביכער־אױצרעס פון אַלע עפּאָכעס, אָנהײבנדיק פון אינקונאַבולן (ביכער, װעלכע זײַנען דערשינען ביזן 1501). דאָ װעט זײַן פאָרגעשטעלט די טעטיקײַט פונעם באַװוסטן רוסישן פאַרלעגער אי. ד. סיטין, פונעם געלערנטן און פּאָפּוליאַריזאַטאָר פון װיסנשאַפטלעכע קענטעניש נ. א. רובאַקין און אַנד. אין דער עקספּאָזיציע װערט פאָרױסגעזען אַן אָריגינעלע דרוקערײַ מיט אַ מאָדעל פונעם װערקשטעל פון איװאַן פיאָדאָראָװ ערשטער דרוק־מאַשין.

(„װעטשערניאַיאַ מאָסקװאַ")

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

גאַרשמאַן, שירע (1906)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין שטעטל קראָק (ליטע) אין אַן אָרעמער פאַמיליע. בייס דער ערשטער וועלט-מילכאָמע עוואַקויִרט געוואָרן מיט דער מישפּאָכע קיין ווילנע. אין יאָר 1924 אוועקגעפאָרן קיין ערעץ-יִיסראָעל, פונוואַנען אויסגעוואָנדערט קיין ראַטנפאַרבאַנד אין 1928 און געאַרבעט אין א לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע אין קרים. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיטן מאָלער מענדל גאַרשמאַן און אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו זי לעבט ביז איצט.

שירע גאַרשמאַן האָט אָנגעהויבן איר ליטעראַרישע טעטיקייט אין די דרייסיקער יאָרן מיט נאָוועלן אין די צייטונגען „דער שטערן", „דער עמעס". אין די פערציקער יאָרן דרוקט זי זיך אין דער „אייניקייט" און אין זאַמלביכער, וועלכע זיינען דערשינען אין די מילכאָמע-יאָרן און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע. אין מעשעך פון די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר דרוקט זי אירע ווערק אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אייניקע אירע דערציילונגען האָט שירע גאַרשמאַן אונטערגעשריבן — „שירקע גאַרמאַן" און „שירע גאַמאַן".

ש. גאַרשמאַן איז א שעפער פון דער קורצער נאָוועלע, אין וועלכער זי שילדערט טיפּע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, כאַראַקטערפולע שטריכן פון מענטשן, שאַרפע סיטואַציעס און קאָליזיעס פונעם סאָוועטישן לעבן אין קריג און אין פרידן. אין צענטער פון איר שאַפונג איז דאָס לעבן פונעם פאָלק.

שירע גאַרשמאַן איז א באַדייטנדיקער מייסטער פון קינסטלערישער שפּראַך אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּראָזע. אירע ווערק זיינען דערשינען אין דער איבערזעצונג אָף רוסיש.

ווערק: „דער קויעך פון לעבן", נאָוועלן און דערציילונגען, מאָסקווע, 1948. „33 נאָוועלן", וואַרשע, 1961. „לעבן און ליכט", מאָסקווע, 1974.

ביבליאָגראַפיע: נויעך לוריע, אַלמאַנאַך „היימלאַנד", נום. 6, 1948; ב. מאַרק, „פאָלקסשטימע", נום. 40, וואַרשע, 1949; נ. מייזיל, זשורנאַל „ייִדישע קולטור", נום. 11, ניו־יאָרק, 1949; מוישע קאַץ, צייטונג „מאָרגן-פרייהייט", ניו־יאָרק, 26 מיי, 1957; הערש רעמעניק, „קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע" (קלע), ב. 2, 1964; דער זעלבער, „שעפערישע פּראָבלעמען פון דער פּראָזע", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 9, 10, 1968; שלוימע בעליס, „שטריכן צו א ליטעראַרישן פּאָרטרעט", נאָכוואָרט צו דער זאַמלונג „33 נאָוועלן", וואַרשע, 1961.

גובניצקי, אַלעקסאַנדער (1912—1974)

— געבוירן אין שטעטל מאָנאַסטערישטשע (קיִעווער גוב.) אין א פאַמיליע פון א באַנדער. סאָף צוואַנציקער יאָרן איז ער מיט זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין בירּאָבידזשאַן, ווו ער האָט געאַרבעט אלס שאָפער. אין דער מיט פון די דרייסיקער יאָרן קומט ער קיין מאָסקווע און אַרבעט אָף דער בויונג פונעם מעטראָפּאָליטען.

גובניצקי האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע פאַרצייכענונגען און נאָוועלן אין די ייִדישע אויסגאַבעס פון די דרייסיקער יאָרן. ער איז געווען אַן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דער ערשטער בוך זיינער „שאָפערן" איז דערשינען אין רוסיש. דעם גרעסטן טייל פון זיינע ווערק האָט ער געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין זיינע פאַרצייכענונגען און דערציילונגען גיט ער א קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם סאָוועטישן לעבן, באַזונדערס אין דער שטאָטישער אַרבעטער-סוויווע. פאַר זיין סטיל איז כאַראַקטעריסטיש פאָלקס-שפּראַך און פאָלקס-הומאָר.

ווערק: פאַרצייכענונגען און נאָוועלן אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — „דער וועג אָף סטאַלינגראַד", נום. 2, 1961; „א טאָג אין בראַטסק", נום. 3; „שאַכטיאָרן", נום. 1, 1963; „דער באַלעבאָס פונעם יאַם", נום. 6; „סטעפּעס בליִען", נום. 12, 1965; „דער לעצטער קייסער", נום. 8, 1966; „צו די קאַרפּאַטן", נום. 8, 1967; דערציילונגען — „די ייִדישע שטוב", נום. 7, 1975 און נום. 5, 1968; „מיין יִיכעס", נום. 4, 1962; נום. 3, 1964 און נום. 7, 1969. „מיין יִיכעס", דערציילונגען, מאָסקווע, 1973.

ביבליאָגראַפיע: הערש רעמעניק, „קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע", ב. 2, 1964; דער זעלבער, „שעפערישע פּראָבלעמען פון דער פּראָזע", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 10, 1968.

גוטיאַנסקי, בינימין
(1903—1956)

— דיכטער, דראַמאַטורג, מעשאָלים־שרײַבער. געבוירן אין דאָרף גלובאַטשאָק, בערשאַדער ראַיאָן (פּאָדאָליע) אין א פאַמיליע פון א סטאָליער. געענדיקט די בערשאַדער פּריוואַטע גימנאַזיע, שפּעטער דעם ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום אין קיִעוו און דעם פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. געווען א לערער פון מאַטעמאַטיק, ליטעראַטור און שפּראַך. צו יענער צײַט הייבט ער אָן זײַנע פּרוּוון אין קינדער־דיכטונג. אין יאָר 1936 איז דערשינען זײַן ערשט ביכל לידער „פּאָר קליינע קינדער". ער שאַפט אויך פּיעסן פאַרן קינדערשן ליאַלקע־טעאַטער (די קאָמעדיע „לייזער דער בײַזער" האָט אין 1936 פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט אַפן אַלפאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון ליאַלקע־טעאַטערן). גוטיאַנסקי האָט איבערזעצט אַף ייִדיש קרילאָווס „מעשאָלים". בײַס דער מילכאָמע האָט ער געאַרבעט אין אוקראַיִנישן פאַרלאַג „פּראַנט אי טיל" אין אופאַ. געשטאָרבן איז גוטיאַנסקי דעם 18 אווגוסט 1956 פון א האַרץ־אַטאַקע. זײַנע ווערק זײַנען איבערזעצט אַף רוסיש און אוקראַיִניש.

ווערק: „פּאָר קליינע קינדער", לידער, מינסק, 1936. „אַלערליי זאַכן", מינסק 1937. „מעשאָלים", קיִעוו, 1940. „פּאָר קינדער", לידער, 1940. „זאַלץ אין די אויגן", סאַטירישע לידער, מאָסקווע, 1944. „אַרטיקל צוויי", קאָמעדיע אין איין אַקט (צוזאַמען מיט פ. סיטאָ), קיִעוו, 1937.

ביבליאָגראַפיע: כ. לויצקער, צײַטונג „אייניקײַט", 31 אווגוסט, 1943; מ. נאָטאָוויטש, „אייניקײַט", 11 יאַנואַר, 1945; א. קושניראָוו, „נײַע פּרעסע", פּאַריז, 27 יול, 1945.

גוראַלניק, אוראַן (1921)

— קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. געבוירן אין וויניצע (אוקראַיִנע), געענדיקט א ייִדישע מיטלשול, נאָכדעם דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף וו. אי. לענינס נאָמען אין מאָסקווע. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1934 אין דער צײַטונג „זײַ גרייט". אין יאָר 1937 גענומען אָן אָנטייל אין אַלוקראַיִנישן קאָנקורס פון יונגע ליטעראַטן, געווידמעט פּושקינען. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פון 1946 יאָר ביז איצט — וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אַף גאָרקיס נאָמען בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר. או. גוראַלניק איז דער אווטאָר פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען איבער דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור און קריטיק (הויפּטזאַכלעך וועגן דאָסטאָיעווסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון און אַנד.), ווי אויך וועגן די קעגנזײַטיקע פאַרבינדונגען און אָפּווירקונגען פון ליטעראַטור מיט אַנדערע קונסט־געביטן, וועגן טעאָריע פון סאַטירע. גוראַלניקס אַרבעטן זײַנען פּובליקירט אין די זשורנאַלן „נאָווי מיר", „אָקטיאַבער", „וואָפּראָסי ליטעראַטורי", „איסקוסטוואָ קינאָ", אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ" און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אויך אין דער אויסלענדישער פּרעסע.

אין דער צײַטונג „אייניקײַט" האָט גוראַלניק געדרוקט אַרטיקלען וועגן בעלינסקין, פּיסאַרעוון. אין מעשעך פון די 70־ער יאָרן איז ער א מיטאַרבעטער אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", פּובליקירנדיק דאָ ליטעראַרישע איבערזיכטן, מעמוארן.

לאמיר זינגען נײַע לידער

שענק מיר!

ווערטער — כ. בײַדער

מוזיק — מ. פאליאנסקי

Tempo di valse.





שענק מיר פון דײַן שמייכל
נאָר איין טראָפּן כיין —
נאָכן רוף דײַן ווייכן
אייביק וועל איך גיין.

שענק מיר פון די ליפּן
נאָר איין טראָפּן ווײַן —
קיינמאָל כ׳וועל ניט וויסן,
וואָס הייסט ניכטער זײַן.

פון דײַן בליק דײַן קלאָרן
שענק איין טראָפּן שײַן —
וועט מיר אַלע יאָרן
העל און ליכטיק זײַן.

פון דײַן פײַער צאַרטן
שענק א ברעקל פלאַם —
וועט בא מיר אין האַרצן
בושעווען א יאַם!

בראָניק

א ליטעראַרישע סטודיע אַפן באַם

אלע שאַבעס פאַרזאַמלען זיך אינעם קלוב פון „אוקרסטראַיבאַם" אף דער סטאַנציע אורגאַל די מיטגלידער פון דער ליטעראַרי־שער סטודיע וועלכע טראָגט דעם נאָמען „באַגולניק". דאָס זײַנען מערסטנטייל אַרבעטער און אָנ־געשטעלטע פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל — מענטשן פאַרשיידענע לויט זייער עלטער און לויט זייערע פּראָפעסיעס. עס פאַרייניקט זיי אָבער איינס — די ליבע צו ליטעראַרישער שאַפונג. דער מײַסטער ראַיִסע סיסיוק, וועלכע האָט פאַריקס יאָר זיך אָנ־געהויבן לערנען הינטער־אויגיק אינעם כאַבאַראָווסקער פּאָליטעכ־נישן אינסטיטוט, און דער קאָטשע־גאַר וולאַדימיר זאַמוליַיעוו שרײַבן לידער. דער פאַרדינסטפולער בויער פון דער אוקראַיִנישער ססר אַלעקסיי קאַרונסקי שרײַבט דער־ציילונגען. אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער יונגער ליי־טעראַרישער סטודיע נעמט דער ייִדישער דיכטער זיסי ווייצמאַן, וועלכער דינט איצט אין א טייל פון דעם אײַזנבאַן־מיליטער.

אף איינעם פון די לעצטע סע־מינאַרן אין דער סטודיע האָבן געקלונגען לידער פון די באַם־בויער אף דער רוסישער, אוקראַיִ־נישער און ייִדישער שפּראַכן. דער אָפּיצער זיסי ווייצמאַן האָט פאַר־געלייענט זײַנע לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג, וועלכע ס׳האָט געמאַכט דער ביראָבידזשאַ־נער דיכטער לעאָניד שקאָלניק, ווי אויך נײַע לידער וועגן באַם אף דער ייִדישער שפּראַך.

פערל פון פאָלקס־שאַפונג

עכטע פּערל פון דער פאָלקס־שאַפונג בא די אַבאָריגענען פון דער קאַריאַקישער טונדרע האָט צונויפגעזאַמלט די פאָלקלאָר־עקספּעדיציע אין באַשטאַנד פונעם קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־פאָרשער אי. בראָדסקי און דעם דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן יע. מעלטינסקי, וועלכע האָבן א לענ־גערע צײַט זיך באַקאַנט מיט דער פאָלקס־שאַפונג פון די הירשנ־ציכטלער, יעגער, פישפאַנגער פון דעם קאַנט.

בלויז אינעם דאָרף רעקיניקי, אַפן ברעג פון אָכאָטסקער יאַם, זײַנען פאַרשריבן געוואָרן אף מאַגניטאָפאָן־לענטעס העכער 130 לידער, מײַסעלעך און מעלאָדיעס, באַגלייטע מיט דער מוזיק פון פאָלקס־אינסטרומענטן.

■ ■ ■

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ЖАН МЕЛЬЕ

Отрывок из «Завещания»

...Волхвы фараона, о которых говорится в книгах Мойсея, творили перед фараоном те же самые чудеса, что Мойсей. Если Мойсей превратил свой жезл в змея, то и волхвы проделали то же самое со своими жезлами *. Если Мойсей превращал воду в кровь, то волхвы делали то же самое **. Если Мойсей навел на страну множество жаб, то и маги делали то же самое. Если Мойсей навел гадов и вредных мух, то волхвы делали то же самое...

Если в конце концов нам рассказывают, что маги фараона были превзойдены Мойсеем в чудесах этого рода, то будь это так, не следует этому удивляться и утверждать, на этом основании, что Мойсей действовал какой-то сверхъестественной и божественной силой. Ведь мы на каждом шагу видим, что во всех науках и искусствах одни работники и ученые более искусны, более осведомлены и проворны, чем другие. Когда дело идет только о пляске, о хождении по канату и всякого рода фокусах, одни люди оказываются искуснее и изворотливее других. Так и тут: если предположить, что Мойсей действительно проделал то, чего не умели сделать другие маги, то отсюда вовсе не следует, что он действовал по наитию какой-то сверхъестественной силы, а следует лишь, что он просто был более искусным, более ловким и лучше знающим свое искусство, более опытным в нем, чем другие.

---

* Здесь у Мелье ошибка. По библии, жезл бросил не Мойсей, а его брат Аарон, и жезл «сделался змеем» (Исход, 7, 10).

** Опять неточность — уже в самой библии. Там сказано: «И сделали Мойсей и Аарон, как повелел Яхве (Господь), и поднял он жезл и ударил по воде речной..., и вся вода в реке превратилась в кровь» (Исход, 7, 20). Кто «поднял»? Мойсей или Аарон? В библейских книгах, особенно в Пятикнижии, неясностей и противоречий довольно много. Переводчики порой старались убрать неясности и противоречия. Здесь, например, слова «и поднял он» они перевели: И поднял *Аарон.*

זשאן מעליע

א פראגמענט פון זײַן „צוואָע"

...פארעס מעכאשפים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין כומעש, האָבן פאר פארען געוויזן די זעלבע וווּנדער, וואָס מוישע. אויב מוישע האָט זײַן שטעקן פארוואנדלט אין א שלאנג, האָבן די מעכאשפים דאָס זעלבע געטאָן מיט זייערע שטעקנס.* אויב מוישע האָט וואסער פארוואנדלט אין בלוט, האָבן די מעכאשפים געטאָן דאָס זעלבע**. אויב מוישע האָט אפן לאנד אָנגעבראכט א מענגע זשאבעס, האָבן דאָס געטאָן אויך די קישעפמאכער. אויב מוישע האָט אָנגעבראכט רעפטילן (שראָצים) און שעדלעכע פליגן, האָבן די מעכאשפים געטאָן דאָס זעלבע...

אויב סאָפקאָלסאָף דערציילט מען אונדז, אז מוישע האָט איבערגעשטיגן פארעס קישעפמאכער אין אָט דעם מין וווּנדיירים, איז אויב אפילע ס'איז אזוי, דארף מען זיך ניט כידעשן און אף דעם סמאך ניט באהויפטן, אז מוישע האָט געווירקט מיט עפעס אן איבערנאטירלעכער און געטלעכער קראפט. מיר זעען דאָך אף יעדן טראָט און שריט, אז אין אלע וויסנשאפטן און קונסטן זײַנען אייניקע טוער און וויסנשאפטלער מער בעריע, מער באהאוונט און פלינקער, איידער אנדערע. ווען עס האנדלט זיך נאָר וועגן טענץ, וועגן גיין אף א קאנאט און אלערליי אנדערע קונצן, ווײַזן זיך אייניקע מענטשן ארויס מײַסטערישער און געשיקטער, איידער אנדערע. אזוי איז אויך דאָ: אויב מעשאער זײַן, אז מוישע האָט ווירקלעך געטאָן אזוינס, וואָס אנדערע קישעפמאכער האָבן ניט געקאָנט, איז דערפון אָבער גאָר ניט גע־דרונגען, אז ער האָט געהאנדלט ווי א באגײַסטערטער פון עפעס אן איבערנאטירלעכער קראפט, ער איז פּאָשעט געווען בערײַשער, פלינקער, מער באהאוונט און דערפארענער אין זײַן קונסט, איידער אנדערע.

---

* דאָ איז בא מעליען א טאָעס. לויט דער ביבל (טאנאך), האָט דעם שטעקן געוואָרפן ניט מוישע, נאָר זײַן ברודער ארן, און פון דעם שטעקן „איז געוואָרן א שלאנג" („שמויס", 7, 10).

** ווידער אן אומפינקטלעכקײַט — שוין אין דער ביבל גופע. דאָרט שטייט: „און מוישע און ארן האָבן געטאָן, ווי יאהווע (גאָט) האָט געהייסן, און ער האָט אופגעהויבן דעם שטעקן און א קלאפ געטאָן איבערן וואסער אין טײַך..., און דאָס גאנצע וואסער איז פארוואנדלט געוואָרן אין בלוט" („שמויס", 7, 20). ווער „האָט אופגעהויבן"? מוישע צי ארן? אין די ביבלשע ספאָרים, ביפראט אין די כומאָשים, זײַנען אומקלאָרקײַטן און סטירעס פאראן גאנץ היפש. די איבערזעצער האָבן זיך טיילמאָל געמיט צו באזײַטיקן אומקלאָרקײַטן און סטירעס. דאָ, לעמאָשל, האָבן זיי די ווערטער „און ער האָט אופגעהויבן" איבערגעזעצט: און ארן האָט אופגעהויבן.

* * *

זשאַן מעליע (1664 — 1729) — איינער פון די אָנגעזעענסטע[1] וויסנשאַפטלעכע אַטעיִסטן — איז געווען א פראַנצויזישער דאָרפישער גאַלעך[2]. פאַר זײַנע פינף און זעכציק יאָר האָט ער געהאַט גענוג צײַט און מעגלעכקײַטן[3] צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך[4] אין אַלע אַרומיקע געשעענישן[5] און אין דעם אייגענעם לעבן. סאָף־קאָלסאָף איז ער געקומען צום אויספיר[6], אַז די גאַלאָכישע מײַסים, דראָשעס און אייצעס[7] זײַנען נאַריש, פאַלש און שעדלעך[8] פאַרן פאָלק. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוט[9] צו זאָגן דאָס אָפן[10]. ער וואָלט דערפון האָבן גענוג צאָרעס[11]. דעריבער[12] האָט ער זײַנע מאַכשאָוועס[13] פאַרשריבן אין א „צאַוואָע" (זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן[14] ערשט אין דרײַסיק יאָר אַרום נאָך זײַן טויט[15]).

מעליעס „צאַוואָע" („טעסטאַמענט") איז א גרויס ווערק[16] (זי איז אין רוסיש פאַראַן אין איין באַנד[17] און אין דרײַ), וואָס באַהאַנדלט גענוי און אַלזײַטיק[18] דעם איניען[19] רעליגיע און די „הייליקע" ביכער[20]. ער לאַכט שטאַרק אויס[21] די, וואָס מיינען[22], אַז עפּעס א גאָט האָט באַשאַפן[23] די וועלט. די נאַטור, זאָגט מעליע, נייטיקט זיך ניט[24] אין קיינע באַשעפער — זי שאַפט זיך אַליין[25]. מיט א גרויסער צאָל רײַעס[26] פון געשיכטע און ליטעראַטור באַווײַזט[27] מעליע, אַז אין פריידיקן רעליגיִעזע אָנשוויונגען[28] זײַנען דערייקער[29] פאַרינטערעסירט די הערשנדיקע שיכטן[30] — זיי שטיצן די קירכע[31], און די קירך־לײַט האַלטן זיי אונטער[32].

אין דער „צאַוואָע" דעקט מעליע אויך אויף[33] די סאָציִאַל־עקאָנאָמישע אומרעכטן[34], וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט[35], און דערווײַזט די נייטיקײַט און וויכטיקײַט[36] פון א קאָמוניסטישער אָרדענונג[37], וואָס וועט די מענטשהײַט באַפרײַען פון אַלע אוולעס און פּלאָגן[38]. ניט אומזיסט[39] פיגורירט מעליעס נאָמען אין דער רעשימע וועלט־באַרימטע[40] סאָציִאַליסטן און קאָמוניסטן, וואָס איז אויסגעקריצט[41] אַפן אָבעליסק אינעם מאָסקווער אַלעקסאַנדער־פּאַרק לעבן דעם קרעמל[42].

Перевод: 1) один из виднейших; 2) священник; 3) достаточно времени и возможностей; 4) разобраться; 5) во всех окружающих событиях; 6) пришел к выводу; 7) дела, проповеди и советы; 8) вредны; 9) не имел мужества (отваги); 10) открыто; 11) достаточно невзгод (бед); 12) поэтому; 13) мысли (думы); 14) было опубликовано; 15) лишь через тридцать лет после его смерти; 16) произведение; 17) том; 18) обсуждает подробно и всесторонне; 19) дело (вопрос); 20) «священные» книги; 21) высмеивает; 22) думают; 23) сотворил; 24) природа не нуждается; 25) она сама себя творит; 26) доводы (доказательства); 27) показывает; 28) проповедовать религиозные взгляды; 29) главным образом; 30) господствующие слои; 31) поддерживают церковь; 32) церковники их поддерживают; 33) вскрывает; 34) несправедливости; 35) господствуют (царят) в обществе; 36) нужность и важность; 37) порядок (строй); 38) освободит от всех несправедливостей и бедствий; 39) не зря; 40) в списке всемирно-известных; 41) выгравирован; 42) около Кремля.

פון וואָלטערס נאָטיצן

אין קירכע האָט מען געמאָלדן:

— מאָרגן וועט דער גאַלעך אין זײַן דראָשע דערציילן וועגן א וווּנדער, ווי אַזוי מע האָט פינף מענטשן אָנגעהאָדעוועט מיט דרײַ טויזנט ברויטן און פינף טויזנט פיש.

איז געוואָרן א געלעכטער.

— וואָס פּלאַפּלסטו? — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער גאַלעך. — פאַרקערט, ווי פינף טויזנט מענטשן האָט מען אָנגעהאָדעוועט מיט דרײַ ברויטן און פינף פיש!

— ווען איך וואָלט אָבער אַזוי געזאָגט, וואָלט מען נאָך מער געלאַכט.

(דער גאַלעך פאָדערט, אַז דער באַדינער זאָל זאָגן אַזוי, ווי עס שטייט געשריבן אין דער עוואַנגעליע — אינעם נײַעם טעסטאַמענט).

* * *

בא דער מויד מאַריִע איז געווען נאָר איין זון, און וויפל איז איבער אים פאַרגאָסן געוואָרן בלוט! וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נאָך געהאַט א פּאָר? די גאַנצע ערד וואָלט אָן מענטשן געבליבן.

ИЗ ЗАМЕТОК ВОЛЬТЕРА

Служка объявил прихожанам:

— Завтра кюре в своей проповеди расскажет о чуде, как пять человек были накормлены тремя тысячами хлебов и пятью тысячами рыб.

Раздался смех.

— Что ты мелешь? — вмешался кюре. — Наоборот, как пять тысяч человек были накормлены тремя хлебами и пятью рыбами!

— Но если бы я сказал так, то смеялись бы еще больше.

(Кюре требует, чтобы служка сказал так, как написано в евангелии — в Новом завете).

* * *

У девы Марии был только один сын, а сколько из-за него пролилось крови! Что, если бы она родила двоих? Вся земля обезлюдела бы.

רעבע, די קו איז אײַערע[1]

צו א ראָוו איז מען שאַבעס געקומען צו לויפן מיט א שײַלע[2]:
— וואָס טוט מען, רעבע? א קו איז אַרײַנגעפאַלן אין א גרוב[3].
— מע דאַרף וואַרטן ביז מאָרגן[4], — האָט דער ראָוו געזאָגט, — הײַנט טאָר מען זי ניט אַרויסציִען[5]: עס איז דאָך שאַבעס!
— רעבע, די קו איז אָבער אײַערע!
— נעמט זי גיכער אַרויס, — האָט דער ראָוו געפּאַסקנט, — וואָס פרעגט איר?[6]

פונעם יידישן פאָלקלאָר

Перевод: 1) Рэбэ (раввин), это ваша корова; 2) с вопросом (религиозного характера); 3) упала в яму; 4) надо ждать до завтра; 5) сегодня нельзя вытаскивать; 6) выньте ее поскорей, — рассудил раввин, — что вы спрашиваете?

באַשרײַביקע (פּעריפראַסטישע) ווערבן

א באַשרײַביקער ווערב באַשטייט פון א גרופּע ווערטער, וואָס בילדן איין באַגריף[1]. לעמאָשל:

1) קומען+צו+אינפיניטיוו: קומען צו גיין[2], קומען צו לויפן[3], קומען צו פליִען[5];

2) ברענגען+צו+אינפיניטיוו: ברענגען צו טראָגן[5], ברענגען צו פירן[6], ברענגען צו שלעפּן[7].

3) געבן+צו+אינפיניטיוו: געבן צו וויסן[8], געבן צו דערקלערן[9], געבן צו פאַרשטיין[10].

קעגנוואַרט	פאַרגאַנגענהייט	צוקונפט
איך קום צו גיין (פאָרן)	בין געקומען צו גיין (פאָרן)	וועל קומען צו גיין (פאָרן)
״ ברענג צו טראָגן	האָב געבראַכט צו טראָגן	״ ברענגען צו טראָגן
״ גיב צו וויסן	״ געגעבן צו וויסן	״ געבן צו וויסן

4) א סאַך באַשרײַביקע ווערבן באַשטייען פונעם הילפוווערב „ווערן"+פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: אַנשוויגן ווערן[11], אַנשלאָפן ווערן[12], פאַראָרעמט ווערן[13], פאַרגליווערט ווערן[14], פאַרפאַלן ווערן[15], פאַרפרעמדט ווערן[16], פאַרצאַפּלט ווערן[17], פאַרציטערט ווערן[18], פאַרשוואַרצט ווערן[19], פאַרשימלט ווערן[20] (איך ווער אַנשוויגן — איך בין אַנשוויגן געוואָרן — איך וועל אַנשוויגן ווערן);

5) אָפט באַשטייען באַשרײַביקע ווערבן פונעם הילפוווערב „האָבן"+ סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: האַנאָע האָבן[21], כאַסענע האָבן[22], כאַראָטע האָבן[23], כיישעק האָבן[24], מוירע האָבן[25], פײַנט האָבן[26], ראַכמאָנעס האָבן[27]. און אמאָל פון „האָבן"+ניט קיין סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: האָלט האָבן[28], ליב האָבן[28], פאַריבל האָבן[29];

6) פונעם הילפוווערב „מאַכן"+סובסטאַנטיוו אָדער אַנדערע. לעמאָשל: כאַסענע מאַכן[30], פּלייטע מאַכן[31], פּיס מאַכן[32], כאָרעוו מאַכן[33], באָטל מאַכן[34];

7) פונעם הילפוווערב „טאָן"+סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: א שידעך טאָן[35], א פּולע טאָן[36], טפילע טאָן[37], טשוווע טאָן[38], וויי טאָן[39] (עס טוט מיר וויי — עס האָט מיר וויי געטאָן...);

8) פונעם הילפוווערב „טאָן"+אינפיניטיוו. לעמאָשל: לײַט טוען זיך פרייען מיט אים. די גאַנצע וועלט טוט זיך דאָ וויגן. זינגען לידער פּיאָנערן, און דער גאַנצער סטעפּ טוט הערן.

Перевод: 1) описательный глагол состоит из группы слов, образующих одно понятие; 2) приходить; 3) прибежать; 4) прилетать; 5) приносить; 6) привозить; 7) притащить, притаскать; 8) да(ва)ть знать; 9) разъяснить, разъяснять; 10) да(ва)ть понять; 11) замолчать; 12) заснуть; 13) обеднеть, обнищать; 14) застыть, окоченеть; 15) пропа́сть; 16) стать чуждым; 17 и 18) ужаснуться, содрогнуться; 19) томиться, мучиться; 20) заплесне(ве)ть; 21) иметь удовольствие; 22) жениться, выйти замуж; 23) раскаяться, передумать; 24) иметь желание, охоту; 25) бояться (иметь страх); 26) ненавидеть; 27) сжалиться, пожалеть; 28) любить; 29) обидеться, обижаться; 30) женить, выдать замуж; 31 и 32) удирать; 33) разрушить, опустошить; 34) отменить, уничтожить; 35) вступить в брак; 36) доби(ва)ться пользы; 37) молиться; 38) покаяться; 39) болеть, причинять боль.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

ט י ק ן־ט אָ ע ס

דער אווטאָר פון די ווערטער צו דער זינג־ליד „פון וואָס הייבט זיך אָן דאָס היימלאַנד" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11, 1976) איז מיכאַיִל מאַטוסאָווסקי.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17
Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк
Корректор М. Ландман

Сдано в набор 7.XII.1976 г. Подписано к печати 18.XII.1976 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 880.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1977 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 1

1977

В НОМЕРЕ:

К 60-летию Великого Октября. А. Фадеев. Разгром (отрывки из романа).

Стихи А. Гонтаря, М. Лифшица, Х. Гуревича.

Б. Амоц (Израиль). Несмотря ни на что (повесть).

Х. Меламуд. Дни и ночи (роман).

Памятные литературные даты. К 100-летию со дня рождения З. Вендрова и 90-летию со дня рождения И. Опатошу.

Литературная критика

Г. Ременик. Великий реалист.

А. Раскин. Некоторые проблемы развития современной израильской литературы.

Наши сообщения. Л. Вильскер. Гимн мудрости.

По следам событий. Листая журналы и газеты. Письма читателей. Хроника. Разное. Материалы для лексикона еврейской советской литературы.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.